STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00590

YIDN IN RATN-FARBAND

B. Z. Goldberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Elaine Silverberg
in memory of
my mother, Anna Plafker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. צ. גאָלדבערג

*

יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד

ב. צ. גאָלדבערג

יידן אין ראַטן-פאַרבאַנד

זייער לאַגע, זייערע פּראָבלעמען, זייער צוקונפט

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

1965

B. Z. GOLDBERG

THE JEWS IN THE SOWIET UNION

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv, Israel

*

ב. צ. גאָלדבערג

יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel 1965

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

צווישן „רעכטס און „לינקס" 9

אַ בליק אויף צוריק 11
פראָ־סאָוויעטיזם אין אַמעריקע 19
די שטעלונג פון יידישן ליבעראַל 25
צווישן „רעכטס" און „לינקס" 38
דער „אומפּאַרטייאישער פּראָנט" 42

יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד 47

צי איז פאַראַן אַ יידיש פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד ? . . 49
די רעוואָלוציע — דערוואַרטונג און אַנטוישונג . . . 64
47 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 87
דיסקרימינאַציעס ביים שטודירן 98
די רדיפות אויף דער יידישער רעליגיע 120
די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס און יידן 204
די שטים פון רוסישן געוויסן 242
די אויסגעוויינטע יידישע קולטור 275

ראַטן־פאַרבאַנד און מדינת ישראל 323

דער טעאָרעטישער הינטערגרונט 327
טעאָריע און פּראַקטיק 331
דער גורל פון העברעיִש 345
ראַטן־פאַרבאַנד, ציוניזם און אַראַבער 356
ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל 382
די אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע 400
די דערקלערונג 412

אין לעצטן סך־הכל 429

אונדזערע ברידער, דאָס גאַנצע בית־ישראל, וואָס שטעקן אין צרות און אין געפענגעניש, וואָס געפינען זיך אויפן ים צי אויף דער טריקעניש — דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיי און זיי אַרויספירן פון ענגשאַפט צו פרייקייט, פון פינצ־טערניש צו ליכטיקייט און פון פאַרשקלאַפטקייט צו דער־לייזונג, אַצינד, תיכף, און וואָס גיכער, און לאָמיר זאָגן אָמן.

(פון אַן אַלטער יידישער תפילה).

צווישן „רעכטס" און „לינקס"

אַ בליק אויף צוריק

עס איז געוואָרן דרייסיק יאָר ווי איך האָב אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ גרויסן אינטערעס צום ראַטן־פֿאַרבאַנד בכלל און צום סאָוועטישן יידנטום בפרט.

דאָס האָט באַטייט: נאָכפֿאָלגן די נייעס, באַריכטן און רייזע־איינדרוקן פֿון דאָרטן; לייענען די ביכער וואָס זיינען וועגן דעם געשריבן געוואָרן; אָפּהאַלטן פּריוואַטע געשפּרעכן מיט פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט, צי באַדאַרפֿט האָבן, גענויע ידיעות וועגן יענער טייל וועלט. און צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען אייגענע לענגערע באַזוכן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין דריי היסטאָרישע מאָמענטן: זומער און האַרבסט 1934, קורץ פֿאַרן קיראָוו־מאָרד, וואָס האָט געעפֿנט אַ נייע עפּאָכע אין סאָוועטישן רעזשים; ווינטער און פֿרילינג 1946, ווען דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט נאָכן מלחמה־חורבן גענומען שטעלן די ערשטע שריט צו אַ נייעם אויפֿבוי; און זומער 1959, ווען נאָכן צען־יאָריקן חרם האָט זיך ווידער באַוויזן אַ געדרוקט יידיש וואָרט — אויב אַפֿילו דאָס איז געווען בלויז אַ באַנד פֿון שלום עליכמס ווערק צו דער געלעגנהייט פֿון זיין 100־יאָריקן יובֿילײ, וואָס איז, אַגבֿ, צונויפֿגעפֿאַלן מיט אַ פֿאַרשטאַרקטן ספּעציעלן דרוק אויף דער יידישער רעליגיע.

מיין שטייגנדיקע פֿאַראינטערעסירונג מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַן אַלגעמיינער ליבעראַלער סאָציאַלער איינשטעלונג, האָט געפֿירט צו דעם, אַז איך זאָל זיך באַטייליקן אין אַ ריי פּראָגרעסיווע געזעלשאַפֿטן, יידישע און ניט־יידישע, וואָס זיינען געווען, צי געוואָרן, אַ טייל פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם לינקן פֿראָנט. צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן געדינט, דירעקט צו אומדירעקט, אויף צו שאַפֿן פֿריינדלעכע באַציונגען צווישן אַמעריקע און ראַטן־פֿאַרבאַנד.

מיין באַזוך אין ביראָבידזשאַן אין 1934 האָט געפֿירט צו מיין אַקטיווער באַטייליקונג אין אַמעריקאַנער קאָמיטעט פֿאַר ביראָבידזשאַן (אַמבידזשאַן), ווו איך בין אין משך פֿון אַ היפּשער צייט געווען אַ וויצע־פּרעזידענט. מיין אַנטיפֿאַשיסטישע שטעלונג האָט מיך באַוועגט צו העלפֿן צוגרייטן דעם באָדן

פאַרן פּאַראייניקטן פראָנט אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אָוונט לכבוד פּרץ הירשביין, אויף וועלכן עס זיינען — אונטער מיין פאָרזיץ — גלייכצייטיק אויפגעטראָטן אי ש. ניגער אי מ. אָלגין און שפּעטער אַ ריי געמיינזאַמע אויפטריטן אין אַ דעבאַטע צווישן די ביידע, ניגער און אָלגין. ווי אַן אַרויסוווּקס פון דעם פאַראייניקטן פראָנט איז געקומען דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד (איקוף), וואָס איך בין געווען איינער פון זיינע אַרכיטעקטן און אין אַ באַשטימטער צייט — זיין פּרעזידענט.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מיין טעטיקייט אויפן לינקן פראָנט אויסגעברייטערט געוואָרן. איך בין געווען אַ וויצע־פּרעזידענט פון יידישן ראַט פאַר מלחמה־הילף צו רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער אַקציע פאַר העלפן רוסלאַנד אין דער מלחמה און צווישן זיינע חשובע מיטגלידער האָבן זיך געפונען באַדייטנדיקע מענטשן פון פאַרשיידענע קרייזן, ווי קאָנגרעסמאַן עמנואל סעלער, ריכטער יונה גאָלדשטיין, ראַבאַי ישראל גאָלדשטיין, פּנחס חורגין (גרינדער פון בר־אילן־אוניווערסיטעט אין ישראל), און אַפילו די פּרוי פון באַרימטן אַרבעטער־פירער, דוד דו־בינסקי. נאָך דער גרינדונג פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, און זיין וועגדונג צום וועלט־יידנטום, בין איך געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס רעכטע האַנט ביים גרינדן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, פון וועלכן אַלבערט איינשטיין איז געווען ערן־פּרעזידענט און ד״ר זשיטלאָווסקי — פּרעזידענט. נאָך ד״ר זשיטלאָווסקיס טויט האָב איך געהאַט דעם גרויסן כבוד צו פאַרנעמען זיין אַמט. צווישן די מיטגלידער פון יענעם קאָמיטעט האָבן זיך געפונען אַזעלכע באַרימטע פּער־זענלעכקייטן ווי: שלום אַש, פּרץ הירשביין, ליאָן פויכטוואַנגער, וואַלדאָ פריינק, אַרטור מילער, מאַרק שאַגאַל, אַרטור שיק, רפאל סאיער, ליליען העלמאַן, מאָריס שוואַרץ, יעקב בן עמי.

און עס איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל צו זיין דער אָנפירער פון קאָמיטעט, וואָס האָט אויפגענומען אין אַמעריקע די ערשטע, און דערוויל די איינציקע, יידישע שליחים פון ראַטן־פאַרבאַנד צום יידנטום פון דער וועלט, די פירער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער — און זיי פאָרשטעלן פאַר דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט.

דער שטראָם פון ראַדיקאַליזם און פריינדשאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך אויך געטראָגן אויף דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער גאַס, און איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אין דעם. איך בין געווען אַ מיטגליד פון עקזע־



באַזוך ביי אַלבערט איינשטיין, 1943

פון רעכטס צו לינקס:
ב. צ. גאָלדבערג, שלמה מיכאָעלס, יוסף ברייניַן, אַלבערט איינשטיין, איציק פעפער

קוטיוו־קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלן ראַט פאַר אַמעריקאַניש־סאָוויעטישער פריינד־שאַפט. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין דער מלחמה־צייט פאַרמאָגט אַ הויכן פּרעסטיזש אַפילו אין די מלוכהשע קרייזן. ווען אָט דער ראַט האָט אין נאָוועמבער 1944 דורכגעפירט אַ מאַסן־מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן צו פייערן דעם 11טן יאָרטאָג פון אַמעריקעס אָנערקענען דעם ראַטן־פאַרבאַנד און דעם 27סטן יאָר פון זיין אַנטשטייען, זיינען געקומען מער ווי צוואַנציק טויזנט מענטשן און עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט די וויכטיקסטע מענטשן פון לאַנד. פּרעזידענט רוזוועלט האָט צוגעשיקט אַ וואַרעמע באַגריסונג. צווישן די רעדנער האָבן זיך געפונען דער שטאַט־סעקרעטאַר סטעטיניוס, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר מאָרגענטוי, דער אינדוסטריעלער הענרי קייזער, דער בי־שאָף אקסנאַם, און די ערשטע ליידי פון לאַנד, עלינאָר רוזוועלט. (פון רוסישן צד האָבן זיך באַטייליקט אַנדריי גראָמיקאָ און צוויי גענעראַלן — בעלאָוו און קוטער).

אין דער מעקאַרטי־צייט, איז דער זעלבער ראַט, אָנגעפירט פון די זעלבע מענטשן, פאַרפאָלגט געוואָרן ווי אַ רויטע אינסטיטוציע, און פּרעזידענט אייזענהאַוערס יוסטיץ־סעקרעטאַר הערבערט בראַונעל האָט זיך ניט געשעמט צו באַרימען זיך אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע מיט דעם, וואָס ער אונטערדריקט אָט דעם ראַט (און אַנדערע לינקע אינסטיטוציעס), ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט ניט פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן אים און ער האָט אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן.

מיין נאָמען האָט אויך פיגורירט אויפן בריוו־בלאַנק פון אַנדערע קאָ־קאָמיטעטן, אין וועלכע מען האָט מיך פאַרבעטן. איך האָב אָפּגעזאָגט, מחמת איך וואָלט ניט געהאַט קיין צייט צו קומען צו די זיצונגען. האָבן יענע קאָ־מיטעטן געבעטן „בלויז דעם נאָמען”, און איך האָב זיי דאָס ניט געזשאַלעוועט. אין דער רויטיעגערישער מעקאַרטי־צייט האָב איך אַליין געפּרוווט מאַכן אַ ליסטע פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס מיט וועלכע מיין נאָמען איז געווען אויף אַזאָ אָדער אַן אַנדער אופן פאַרבונדן, האָב איך אָנגעציילט אַ פּאָר טוץ!

דער קוריאָז פון מיין קאַריערע אויפן לינקן פראָנט — און אפשר ליגט גאָר דאָ די דערקלערונג — איז דאָס, וואָס איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין מיטגליד ניט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און ניט פון דער סאָ־ציאַליסטישער, און אידעאיש בין איך געווען ווייט פון קאָמוניזם און ניט שווה בשווה מיטן סאָציאַליזם. איך בין אָבער אַלע מאָל געווען, ווי איך בין פאַרבליבן ביז היינט, סאָציאַליסטיש געשטימט. און דאָס איז ניט אַזוי

וואָלקנדיק, ווי מען וואָלט געמעגט מיינען. אין אַמעריקע האָט זיך דאָס אַנט־וויקלט אין אַ מין סאָציאַלער פילאָסאָפיע פון ליבעראַליזם. אָט די פילאָסאָפיע איז אָריענטירט אויפן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, נעמט אָן דעם סאָציאַלן דאַרוויניזם און זאָגט זיך אָפּ פון עקאָנאָמישן דעטערמיניזם. זי אָנערקענט דעם אומרעכט פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע, זעט דערין דעם קוואַל פון סאָ־ציאַלע איבלען, און האַלט, אַז עקאָנאָמישער קאָנטראָל פירט צום פּאָליטישן און סאָציאַלן קאָנטראָל. די רפואה צו דעם זוכט אָט די פילאָסאָפיע אין דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס, דורך וועלכן עס קאָן דערגרייכט ווערן אַ יושרדיקע צעטיילונג פון די מאַטעריעלע גיטער, אַ מעגלעכקייט צו געבן אַלעמען די זעלבע גלייכע געלעגנהייטן, און אויסנוצן דעם מלוכהשן אַפּאַראַט פון שטאַט פאַרן ווילזיין פון גאַנצן פאָלק. זייענדיק פריי פון די שיבולתן פון מאַרקסיזם, און ניט דערוואַרטנדיק קיין גן־עדן פון סאָציאַליזם, האָט אָט די סאָציאַלע אָריענ־טאַציע געקאָנט זיין טאָלעראַנטער צו די חסרונות פון סאָוויעטישן רעזשים ווי די סאָציאַליסטן און מער סימפּאַטיש צו די אויפטוען פון סאָוויעטישן רעזשים ווי די מענטשן פון קאָנסערוואַטיוון לאַגער.

מיין פאַראינטערעסירונג מיטן ראַטן־פאַרבאַנד איז ניט געקומען דורך אידעאָלאָגיע אָדער איזמען, און אויך ניט פון איינגעוואָרצלטקייט אין רוסלאַנד, אָדער אין דער רוסישער וועלט. איך בין אַלט געווען ניין יאָר ווען מיין פאָטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און אונדזער פאַמיליע האָט אָנגעהויבן אויס־צוקוקן אויף שיפסקאַרטן צו פאָרן צו אים, צוערשט די עלטערע קינדער, און דערנאָך די מאַמע מיט די קלענערע קינדער — ווי עס האָט זיך געפירט אין דער יידישער עמיגראַציעביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט. אין מיין ליטווישן געבוירן־שטעטל איז קיין רוסישע אַטמאָספערע ניט געווען. די יידן האָבן גערעדט נאָר יידיש. יידישע קינדער זיינען געגאַנגען אין חדר און דערנאָך געפאָרן אין אַ ישיבה — ניט געגאַנגען אין קיין קלאַסן. בלויז איין לערער האָט זיך געפונען אין שטעטל, וואָס האָט געלערנט מיט קינדער, מייסטענס מיידלעך, רוסיש, חשבונען און „לאַטיין". דער „לאַטיין" איז באַ־שטאַנען אין אָנשרייבן אַן אַדרעס קיין אַמעריקע, ווו דער אַלף־בית איז געווען אַ לאַטיינישער. אויך די אָרטיקע גוים האָבן ניט גערעדט קיין רוסיש, און זיי האָבן זיך גאָרניט געהאַלטן פאַר קיין רוסן, אָדער פון אַ באַשטימט אַנדער פאָלק; זיי האָבן זיך גערופן „טוטיסי", דאָס הייסט דאָאיקע, היגע; און ווי זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם, איז זייער לשון אויך געווען אַ געמיש פון רוסיש מיט פּויליש און ליטוויש. איז ווייבאַלד פון ניין יאָר אָן איז דער אינטערעס שוין

געלעגן אין אַמעריקע, האָט שוין ניט געהאַט קיין זין זיך צו לערנען רוסיש. האָב איך, במילא, קיין רוסישן איינפלוס מיט זיך קיין אַמעריקע ניט געבראַכט.

ווי אַנדערע אימיגראַנטישע קינדער פון יענעם דור, האָב איך תיכף נאָכן אָנקומען קיין אַמעריקע זיך באַמיט צו פאַרגעסן, אויסשליסן פון זכרון, אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט אויף יענער זייט ים. אין מיין פאַל האָט דאָס קיין גרויסע אָנשטרענגונג ניט געפאָדערט, מחמת אונדזער פאַמיליע האָט געלעבט אויף דער פּראָווינץ, אין קליינע שטעטלעך פון מיטשיגען און איאָוואַ, ווו איך בין אַריין אין דער עלעמענטאַר־שול צוזאַמען מיט די אָרטיקע ניט־יידישע קינדער — אין הײַ־סקול בין איך געווען דאָס איינציקע יידישע יינגל. דערצו האָבן מיר קיין קרובים אין רוסלאַנד ניט איבערגעלאָזט, אַלנפאַלס ניט אַזעלכע, מיט וועמען מען זאָל זיך דורכשרייבן. איז קיין קאָנטאַקט מיט יענער זייט ים ביי אונדז אין שטוב ניט געווען. מיט יאָרן שפּעטער בין איך אַליין געווען איבערראַשט ווי ווייניק איך האָב געדענקט פון מיין קינדהייט אין רוסלאַנד.

דער ערשטער שפּראָץ פון אַן אינטערעס צו רוסלאַנד איז פאַר מיר געקומען גאָר פון אַן אַנדערן, נישט פּאָליטישן ווינקל, אין יאָר 1921. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אויף מיין ערשטער רייזע קיין אייראָפּע, און ספּעציאַליזירנדיק זיך דעמאָלט אין פּסיכאָלאָגיע אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט, האָב איך דאָרט געקליבן מאַטעריאַל פאַר אַ געשיכטע פון דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט באַדאַרפט זיין מיין דיסערטאַציע פאַרן דאָקטאָראַט. איך האָב באַזוכט די פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס אין דייטשלאַנד, און געוואָלט אַריינפאָרן קיין רוסלאַנד צו זען וואָס עס ווערט דאָרטן געטאָן אין אָט דעם געביט. אַזוי ווי אַמעריקע האָט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט רוסלאַנד דעמאָלט ניט געהאַט, האָב איך זיך געווענדט דירעקט צום קאָמיסאַר פאַר קולטור, אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי, נאָך אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין רוסלאַנד פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אין זיין ענטפער צו מיר קיין בערלין האָט ער געשריבן, אַז היות ווי רוסישע בירגער קענען ניט קומען קיין אַמעריקע שטודירן די אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגיע, קאָן ער ניט דערלויבן אַן אַמעריקאַנער בירגער צו קומען קיין רוסלאַנד שטודירן די רוסישע פּסיכאָלאָגיע. אַפּנים, אַז שוין דעמאָלט האָט עקזיסטירט דער באַגריף פון „קולטור־אויסטויש"...

מיט דעם איז פאַרשוווּנדן מיין אינטערעס צו רוסלאַנד אויף אַ וואָסערע צענדליק יאָר.

קורץ נאָך מיין צוריקקער פון יענער רייזע, בין איך אַריבער צום יידישן זשורנאַליזם, און באַלד אָנגעהויבן שרייבן אַן אינדיווידועלע טעגלעכע רובריק, באַקאַנט אין אַמעריקע אונטערן נאָמען „קאָלום" (ווערטערלעך — עמוד פון ציטונג) ווו דער שרייבער שרייבט מיט אַ פרייער האַנט אין אַ פערזענלעכן טאָן וועגן אַלערליי ענינים וואָס אינטערעסירן אים. אָט דער קאָלום, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אין גאַנג פון טאָג", דרוקט זיך טעגלעך אין „טאָג", לעצטנס „טאָג־מאָרגנזשורנאַל", שוין העכער פערציק יאָר. ווען איך האָב אַצינד, ביים שרייבן אָט דעם קאַפּיטל פון בוך, אַ בלעטער געטאָן די ציטונג פון די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן, האָב איך דאָרט געפונען גאָר ווייניק קאָלומס וועגן ראַטן־פאַרבאַנד. און דאָס ביסל וואָס איז יאָ געווען, האָט זיך געלייענט ווי געשריבן פון אַ וויטן מענטשן וועגן אַ וועלט, וואָס גייט אים ווייניק אָן.

אין די יאָרן 1933—1932 האָב איך גלייכצייטיק געשריבן אַ טעגלעכן קאָלום אויף ענגליש אין דער ציטונג „ברוקלין דעילי איגל", וואָס איז געווען דער ערשטער קאָלום אויסשליסלעך וועגן אויסלענדישער פּאָליטיק אין דער אַמעריקאַנער פרעסע. האָב איך אַצינד נאָכגעקוקט און געזען, אַז אויך דאָרט האָב איך זעלטן ווען געשריבן וועגן ראַטן־פאַרבאַנד.

מיין פאַראינטערעסירונג מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דער אינטערעס פון אַ סך אַנדערע ליבעראַלן אין אַמעריקע, איז געקומען מיטן אויפשוונג פון ליבעראַליזם אין אַמעריקע אין דער צייט פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. די פּראָדוקציע פון לאַנד איז געפאַלן ביז פערציק פּראָצענט, זעכצן מיליאָן מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און אָן דער מינדסטער סאָציאַלער פאַרזיכערונג — אין פּראָפּאָרץ צו דער דעמאָלטדיקער באַפעלקערונג איז דאָס געווען ווי פיר און צוואַנציק מיליאָן היינט. פאַרמערס האָבן געהונגערט; יונגעלייט האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען; מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין דער געזעלשאַפט, זיינען געשטאַנען אין גאַס מיט אַ קיישל עפּל צו פאַרקויפן — אַ ניקל אַן עפּל! פאַמיליעס, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן צונויפגעשלאָגן כאַלופקעס פון ברעטער און בלעך פון אַלטע קאַנען — גאַנצע גאַסן אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען נאָכן דעמאָלטדיקן פּרעזידענט, הוווערוויל. דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין אַמעריקע איז געווען דיסקרעדיטירט. אַפילו דער יחוס פון באַנקיר האָט זיך אָפּגעטאָן. און ווען פּרעזידענט רוזוועלט וואָלט, נאָכן שליסן אַלע באַנקן פון לאַנד אויף

דריי טעג, זיי אַלע נאַציאָנאַליזירט, וואָלט זיך ניט געהערט קיין איין שטים פון פּראָטעסט. קיין אויסוועג פון קריזיס האָט זיך ניט געזען.

גראָד אין יענער צייט, איז דער עקאָנאָמישער מצב פון ראַטן־פאַרבאַנד געגאַנגען אַרויף און אַרויף. איין פינפיאָר־פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן אין פיר יאָר, אַ צווייטער פינפיאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט נאָך אַ גרעסערער אַמביציע. קיין אַרבעטסלאָזיקייט איז ניטאָ, עס פעלן גאָר אַרבעט־הענט. די מלוכה פאַרזאָרגט מיט אַלעם אין אַלע נויטפאַלן. אַלץ וואָס זי פאַרלאַנגט פון מענטשן איז — צו אַרבעטן, אַרבעטן וואָס מער און וואָס טיכטיקער, מחמת ער אַרבעט דאָך ניט פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך. וואָס דערפאָלגרייכער דער פינפיאָר־פּלאַן, וואָס מער פינפיאָר־פּלענער, אַלץ בעסער, לייכטער און העכער וועט ווערן דער סטאַנדאַרד פון לעבן. אמת, זיי האָבן נאָך דאָרט דערווייל גאָר ווייניק, אָבער אַלע זיינען דערין גלייך, און עס מוז דאָך ווערן בעסער — ווינציקסטנס, האָט עס דעמאָלט אַזוי אויסגעזען פון דער ווייטנס.

אין די ערשטע הונדערט טעג פון זיין רעזשים האָט פּרעזידענט רוזוועלט דורכגעפירט אַ גרויסע צאָל סאָציאַלע רעפאָרמען, פון וועלכע די ליבעראַלן האָבן פריער אַפילו ניט געחלומט. מיט איין שפּרונג איז אַמעריקע אַריבער פון הווערס „רויען אינדיווידואַליזם" צום רוזוועלטישן „וווילזייך־שטאַט". און צוזאַמען מיט דעם איז געקומען פּרעזידענט רוזוועלטס אָנערקענען דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פיר פּרעזידענטן דורך פופצן יאָר האָבן ניט געוואָלט טאָן. די צוויי זאַכן זיינען ווי געגאַנגען צוזאַמען; און ווען ליטווינאָוו איז געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווי דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער דאָ געפונען אַ זייער וואַרעמע אַטמאָספער. רוזוועלטס „נייער דיל" איז געוואָרן אַ באַזע פאַרן סאָציאַלן ראַדיקאַליזם בכלל, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם צונאָמען „לינקיזם". מיטן אויסנאָם פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן סעקטאָר, איז דער וואָקסנדיקער קרייז פון ראַדיקאַליזם געווען געשטימט סימפּאַטיש צום ראַטן־פאַרבאַנד. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט פאַרשטאַנען ווי דאָס אויסצונוצן, ביז מאָסקווע גופא האָט דאָס מיט די אייגענע הענט אונטערגעגראָבן, צו איר אייגענעם גרויסן שאָדן.

פראָ־סאָוויעטיזם אין אַמעריקע

אָט דער פּראָסאָוויעטישער סענטימענט האָט אויך געהאַט אַ היסטאָ־
רישן הינטערגרונט.

אין אַמעריקע האָט אַלע מאָל עקזיסטירט אַ ראַדיקאַלע טראַדיציע, וואָס
איר צענטער איז געלעגן דווקא אין הינטערלאַנד — און זי האָט געפונען איר
אויסדרוק אין דער פּאָליטיק ווי אין קולטור־לעבן. אין יאָר 1912, ווען פּרעז־
זידענט טאַפט האָט קעגן זיך געהאַט צוויי ליבעראַלע קאָנקורענטן אין זיין
קאַמפּאַניע פאַר אַ צווייטן טערמין — ווודראו ווילסאָן מיט זיין „נייער פריי־
הייט" און טעאָדאָר רוזוועלט מיט זיין „פּראָגרעסיווער" פּאַרטיי, וואָס איז
געווען לינקער פון ווילסאָנס פּאַרטיי־פּראָגראַם — האָט דער לינק־סאָציאַליס־
טישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, יודזשין דעבס, געצויגן זעקס פּראָצענט
פון אַלע שטימען אין די וואַלן — אַזאַ פּראָצענט וואָלט היינט באַטראָפן העכער
פיר מיליאָן שטימען. און דעבס האָט פּראָפּאָרציאָנעל געצויגן מער שטימען
אין אָקלאַהאָמאַ, וואָס איז ערשט פינף יאָר פריער געוואָרן אַ שטאַט, ווי אין
שטאַט ניו־יאָרק מיט איר גרויסער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג.

אין דער צייט פון ערשטן וועלטקריג האָט די נייע אַמעריקאַנער אינ־
טעליגענץ זיך געוואָרעמט ביי אָט דעם ראַדיקאַלן פייערל. מאַקס איסטמאַן, דער
אָנגעזעענער דיכטער און קריטיקער פון יענער צייט, וואָס האָט רעדאַקטירט
דעם סאָציאַליסטישן ליטעראַרישן זשורנאַל „מעסעס" (מאַסן), האָט יאָרן
שפּעטער אויסגערעכנט אַ צעטל פון די שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן
זיך באַטייליקט אין יענער שריפט, און דאָס אַליין באַצייכנט ווי „אַ ווער איז
ווער?" פון אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַליזם. צווישן די נעמען געפינען זיך
אויך אַזעלכע נאָך היינט פּאָפּולערע, ווי קאַרל סאַנדבורג, שערווּוד אַנדערסאָן,
דזשאָן דאָס פּאַסאָס, וויליאַם דאָוז בענעט, עימי לאָועל, עדמונד ווילסאָן, און
צווישן די קינסטלער — דזשאָן סלאָון און דזשאָ דייווידסאָן. אַלע פון דעם
צעטל האָבן אָנגעהויבן מיט סימפּאַטיע צו דער רוסישער רעוואָלוציע; אַ טייל
פון זיי זיינען דערנאָך אַריבער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָך מער
האָבן זיך געפונען אין דער פּעריפעריע פון דער פּאַרטיי, ביז זיי האָבן זיך

אָפּגעבערעקלט. מאַקס איסטמאַן גופא איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, דערנאָך אַ טראָצקיסט, און דערנאָך אַן אולטראַ־אַנטי־קאָמוניסט.

אָבער אויך דער ליבעראַלער „צענטער", די בורזשואַזע אינטעליגענץ און די ליבעראַלע פּאָליטיקער האָבן געהאַט אַ וואַרעם געפיל פאַר דער רוסי־שער רעוואָלוציע. דאָס איז געגאַנגען פון פּרעזידענט ווילסאָן אַליין, דורך דעם קרייז אַרום דעם ליבעראַל־אינטעליגענטישן „ניו ריפּאַבליק" ביז דער געלער הוירסט־פּרעסע. און די הוירסט־פּרעסע האָט אַריבערגעשריגן אַלעמען מיט איר לויבגעזאַנג און פאַרענטפערונג פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד ביז אָנהייב 1934, ווען הוירסט האָט געהאַט זיין פּערזענלעכע באַגעגעניש מיט היטלערן אין בערכטעסגאַדן.

היינט איז די הוירסט־פּרעסע עקסטרעם אַנטי־סאָוויעטיש, אָבער אין משך פון זיבעצן יאָר איז אַט דער טייל פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע געווען אַזוי פּראָ־סאָוויעטיש ווי זי איז דערנאָך געוואָרן, און פאַרבליבן, אַנטי־סאָוויע־טיש. אין אַ לייטאַרטיקל פון 1טן מאַרץ 1918 האָט הוירסטס „ניו־יאָרק אַמע־ריקן" דערקלערט דעם באָלשעוויסטישן רעזשים פאַר דער „העכסט דעמאָקראַ־טישער רעגירונג אין איראָפּע... די סאַמע אמתע דעמאָקראַטיע היינט אין דער וועלט". דעם 9טן יולי פון זעלבן יאָר שטעלט יענע צייטונג דעם באָלשע־וויסטישן רעזשים אַרויס פאַר מער דעמאָקראַטיש ווי אַמעריקע. „... אַ רעגי־רונג פון אמתע פאַרטרעטער פון פאָלק, ניט קיין פּיראַמידע פון פאַרשטעלטע כוחות, פון געציילטע פּריוואַטע אינטערעסן, צו לאַנג כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אומגעקערטער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע". דעם 17טן אויגוסט 1921 האָט אַט די וויכטיקע הוירסט־צייטונג געשריבן, אַז אין נאָך עטלעכע יאָר אַרום וועט רוסלאַנד, „ווידערגעבוירן און באַפרייט דורך דער פּירערשאַפט פון וולאַדימיר לענין, זיין די גרעסטע איינציקע מאַכט אין איראָפּע, און דער פריינדלעכער קאָנקורענט פון אונדזער אייגענער גרויסקייט אין דער וועלט". דעם 16טן מאַרץ 1931 האָט יענע צייטונג געראָטן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין זייערע אייגענע אינטערעסן, „אָנצונעמען די דינאַמיק פון קאָאָרדינירטער אונטערנעמונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין רוסישן פינפיאָר־פּלאַן". די הוירסט־פּרעסע האָט אפילו פאַרענטפערט די קאָנפיסקאַציע פון פּריוואַט־אייגנטום און דעם באָלשעוויסטישן טעראָר. „עס איז ניט פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, אַליין געבוירן אין רעוואָלוציע, אַרויסצוזעבן אַ פיינטלעכן משפט אויף אַן אַנדער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג... האָבן מיר פאַרגעסן ווי מיר האָבן קאָנ־פיסקירט פּריוואַט־אייגנטום, (פון די לאָיאַליסטן בעתן רעוואָלוציאָנערן קריג)?

און אויב זיי (די באָלשעוויקעס) האָבן געברויכט אַ ביסל צו פיל גוואַלד אין זייער טאַקטיק, האָבן זיי נאָר אָנגעווענדט די ברוטאַליטעט, צו וועלכער דער צאַרישער רעזשים האָט זיי צוגעוויינט". און ווען פּרעזידענט רוזוועלט האָט אָנערקענט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט אים די הוירסט־פּרעסע ענטוזיאַסטיש באַגריסט.

די בורזשואַזע ליבעראַלן זיינען אין אַט דעם פּרט קיין מאָל ניט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי די הוירסט־פּרעסע. זיי זיינען דאָ קיין צד ניט געוואָרן. בכלל, איז זייער אינטערעס געלעגן מער אין דער אינערלעכער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, און אין אַמעריקעס שטעלונג צו אייראָפּע, איידער אין די פּרטים פון די געשעענישן אין אַנדערע לענדער, אפילו אַזעלכע ווי רעוואָלוציע. דער „ניו ריפּאַבליק" (16טן פעב. 1918) האָט דערקלערט, אַז די רוסישע דעמאָקראַטיע איז דער שליסל צום שלום פון אייראָפּע, און דעריבער — פון דער וועלט. „דאָס נייע רוסלאַנד וועט ווערן דער גרויסער סטאַביליזירנדיקער כוח פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַלן סיסטעם, אָדער איר גרעסטער דעזערטירער". דעריבער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק מיט רוסלאַנד און איר רעוואָלוציע. ביי גינסטיקע אומשטענדן קאָן די רעוואָלוציע ווערן „געמילדערט דורך געזעץ און היילונג", ביי אומגינסטיקע אומשטענדן — „שטורעמדיק און געפערלעך". דער מוסר השכל איז געווען צו העלפן שאַפן די גינסטיקע אומשטענדן פאַר אַ דעמאָקראַטישער ווענדונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

בלויז איין קריטישע שטים איז געהערט געוואָרן אין ליבעראַלן קרייז פון אַמעריקע לגבי דער רוסישער רעוואָלוציע, און זי איז געקומען פון בריטישן ליבעראַלן זשורנאַליסט, העברי נעיל בריילספאָרד. ער האָט נאָך אין 1918 געוואָרנט די ליבעראַלן אין „ניו ריפּאַבליק", אַז „מיר האָבן נאָך אַלץ צו לערנען איין זאַך וועגן די באָלשעוויקעס: זיי מיינען וואָס זיי זאָגן. זיי זיינען ניט קיין פּאַציפיסטן, און אויך ניט קיין נאַציאָנאַליסטן, און אויך ניט קיין דעמאָקראַטן. זיי אַרבעטן מיט אַן אייזערנעם גלויבן און גוואַלדיקער געוואַגטקייט פאַר איין אַלץ אַרומנעמענדיקן ציל. דאָס איז ניט שלום, סעפּעראַטער צי אַלגעמיינער, נאָר סאָציאַלע רעוואָלוציע... זיי זיינען איבערצייגט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז זיין אינטערנאַציאָנאַל... זיי וועלן מוזן זיך אָנשטויסן אין דער פיינטשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע... זיי טראַכטן היינט וואָס זיי וועלן מוזן טאָן ווען די איבעריקע פון אונדז וועלן מאַכן שלום". אָבער אַט די שטים האָט קיין עכאָ ניט געפונען. דער אַמעריקאַנער ליבעראַל האָט דאָס גענומען אין גרויסן סך הכל: אַ חורבה, צוריקגעשטאַנענע, אומווי־

סענדיקע מדינה, 300 יאָר אונטערן קנאָפּל פון אַן אַבסקוראַנטן, מיטלאַלטער־לעכן קאָרופּטירטן אויטאָקראַטישן רעזשים, האָט זיך ענדלעך באַפרייט און וויל אויפשטעלן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אויף סאָציאַליסטישע יסודות. ווי קאָן אַ ליבעראַל זיין פיינטלעך צו דעם? דער ציל איז דאָך צו שאַפן אַ בעסער לעבן פאַר די מאַסן און זיי דערהויבן צו אַ העכערער קולטורעלער מדרגה!

יאָרן שפּעטער, האָט דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט און ספּעציאַליסט אין רוסישע ענינים, דזשאָרדזש פ. קענאַן, געזוכט אַ דערקלערונג פאַר אָט דער גוואַלדיקער סימפּאַטיע צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין אַמעריקע. ער האָט די סיבה געזען אין דעם, וואָס אַמעריקע האָט איר פאָרשטעלונג פון רוסלאַנד באַקומען „מייסטנס פון די אויסגעצייכנט געבילדעטע און אין אויס־דרוק געשיקטע רוסישע יידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע... מיט אַ שטעלונג (צום צאַרישן רעזשים) פון סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. די אַמעריקאַנער זיינען געבליבן ניט באַקאַנט מיט די באַדייטענדיקע פאָרשריט, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אינדוסטריע, בילדונג, קולטור, ווי אויך אין די געביטן פון ציווילער רעכט, גראַד אין די לעצטע יאָרן פון צאַרישן רעזשים... די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן באַזוכט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, האָבן אויך גערעדט מייסטנס מיט רעוואָלוציאָנערן און האָבן איבער־טריבן די צוריקגעשטאַנענקייט און די אונטערדריקונג פון רעזשים". אַפּנים, אַז פאַר דזשאָרדזש קענאַן אין אַמעריקע איז די אונטערדריקונג אונטערן צאַ־רישן רעזשים געווען ניט צו שווער.

אין דער אמתן זיינען געווען אויך אַנדערע מענטשן, אויסער די רוסישע יידן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אַנטוויקלט אין אַמעריקע די סימפּאַטיע צו דער רוסישער רעוואָלוציע. דזשאָרדזש קענאַנס אייגענער פעטער, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, האָט דעם צאַרישן רעזשים געגומען ערנסטער ווי זיין ליבעראַלער פּלימעניק, און זיינע באַשרייבונגען פון דער סיבירער קאַטאָרגע, וווּ ער איז נאָכגעפאָרן די פאַרשיקטע, האָבן געהאָלפן שאַפן דאָס „אומרעאַליסטישע" בילד פון צאַרישן רעזשים. און די אַמערי־קאַנער, וואָס האָבן מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן ניט גערעדט, ווי די באַנקירן פון דער נעשאַנעל סיטי באַנק, למשל, און האָבן דעריבער געהאַט, לויט דזשאָרדזש קענאַן, אַ מער באַלאַנסירטן בליק איבערן צאַרישן רעזשים, האָבן זיך היסטאָריש אַרויסגעוויזן צו זיין ווייט אויסערן באַלאַנס. אין יאַנואַר 1917, האָט די נעשאַנעל סיטי באַנק פאַרזיכערט אירע קליענטן, אַז „קיין

רעוואָלוציע איז אין רוסלאַנד ניט מעגלעך, סיידן זי זאָל טראָגן אַ קאָנסער־וואַטיוון כאַראַקטער און זייך רעליגיעז מאָטיווירט, מחמת דאָס רוסישע פאָלק בלייבט געטריי דעם געקרוינטן קיניג און איז אייגנאַרטיק טיף רעליגיעז". צען וואָכן שפּעטער איז געקומען אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט זייער לייכט אַראָפּגע־וואָרפן דעם געקרוינטן קיניג, און ניט פאַרמאָגט אין זיך קיין טראָפּן רעליגיע...

ניט ווילנדיק, און מיינענדיק, נאַטירלעך, צו דערגרייכן פונקט דעם היפּוך, האָט די אַנטיבאָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע גע־האָלפן שאַפן אַ גינסטיקע שטימונג פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. זי האָט יעדן טאָג אָנגעבראַכט אַזוי פיל לעכערלעכע ליגנס, וואָס זיינען שנעל אויפגעדעקט גע־וואָרן, אַז מען האָט זיך גענומען באַציִען מיט פאַרדאַכט צו יעדער נעגאַטיווער ידיעה וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און במילא אויך צו די ריכטיקע. גראָד די „ניו־יאָרק טיימס" האָט דעמאָלט זיך ספּעציאַליזירט אין דעם. צוויי מאָל אין מאַרץ 1918 האָט זי מודיע געווען אַז טראָצקי איז אַראָפּגעזעצט — איין מאָל, אַז ער אַליין האָט רעזיגנירט, אַ וואָך שפּעטער, אַז לענין האָט אים אַרויס־געוואָרפן. אין אַפּריל 1919 האָט די „טיימס" געשריבן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען אַוועק און אַלעקסיי איז געוואָרן צאַר. אין יוני פון זעלבן יאָר איז לויט דער „טיימס" מאָסקווע אָפּגערייניקט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס און אַ נייער צאַר איז אַרויף אויפן טראָן. אין אויגוסט זיינען די באָלשעוויקעס ווידער „אַנטלאָפן פון מאָסקווע". אין דעצעמבער איז פאָן לודענדאָרף געוואָרן דער הויפּט פון נייעם מיליטערישן רעזשים, וואָס הערשט אויפן אָרט פון די באָלשעוויקעס. אין יאַנואַר 1919 איז לענין ווידעראַמאָל אַנטלאָפן. אין פעברואַר האָבן די באָלשעוויקעס „נאַציאָנאַליזירט" די פרויען דורך אַ ספּע־ציעלן דעקרעט. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די באָלשעוויקעס „אויסגעטאָן פרויען נאַקעט אין מיטן גאַס". נאָך עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די באָל־שעוויקעס אָפּגעטאָן גרוילקייטן אויף יונגע מיידלעך — אַלץ אין דער „ניו־יאָרק טיימס". אין זומער 1920 האָט די „טיימס" געמאָלדן, אַז לענינגראַד איז געפאַלן און די באַפעלקערונג צעלויפט זיך פון שטאָט. אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אַנדער צייטונג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, אייזיק דאָן לעווין, האָט טעלעגראַפירט, אַז ער איז אָט ערשט געווען אין לענינגראַד — און ניט די מאַכט איז געפאַלן, ניט די באַ־פעלקערונג צעלויפט זיך, אַלץ גייט נאָרמאַל. ביי אַזאַ וואָקכאַנאַליע פון שקרים האָט מען שוין דעם נעגאַטיוון אמת אויך ניט געגלויבט.

צוויי יונגע ליבעראַלן פון יענער צייט, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן

מיטן נייעם, דעמאָלט איינפלוסרייכן ליבעראַלן זשורנאַל „ניו ריפּאַבליק", האָבן געמאַכט אַ סוף צו אָט דער ליגן־פאַבריקאַציע פון „טיימס". זיי האָבן געמאַכט אַ גענויע שטודיע פון די אמתע געשעענישן אין רוסלאַנד און דאָס פאַרגליכן מיט דעם ווי עס איז דעמאָלט געשריבן געוואָרן אין „טיימס". ווען דאָס איז פאַרעפענטלעכט געוואָרן, האָט דאָס דעם דעמאָלטדיקן אַרויס־געבער פון דער צייטונג, אַדאָלף אָקס, אַזוי שאָקירט און פאַרשעמט, אַז ער האָט געשיקט אַן אייגענעם ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט קיין מאָסקווע מיטן פאַרזאָג צו שרייבן בלויז דעם אמת. יענע צוויי ליבעראַלן זיינען געווען וואָלטער ליפּמאַן, דער איצטיקער באַרימטער פּאָליטישער קאָלומניסט, און טשאַרלז מערץ (מוירז), וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער „טיימס".

די באַוועגונג אין לאַנד צו באַווירקן וואַשינגטאָן פאַר אַנערקענען די עקזיסטירנדיקע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט געהאַט פאַרשיידענע מאָטיוון. זי איז געקומען אויך פון ריין קאָמערציעלע קרייזן; אויך זיי האָבן געמוזט העלפן שאַפן אַ מער פריינדלעכע באַציונג צום נייעם רעזשים אין רוסלאַנד. אָבער יעדע ראַדיקאַלע טענדענץ, פון וואַנען זי האָט ניט געשטאַמט, האָט בייגעטראָגן מער־ווייניקער צו אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צום ראַטן־פאַרבאַנד.

די שטעלונג פון יידישן ליבעראַל

פאַרן יידישן ליבעראַל איז דער סך הכל פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געווען נאָך גרעסער. און ווי ביים ניט־יידישן ליבעראַל, איז ער דאָ אויך ניט אַריין אין דער בוכהאַלטעריע. וואָלט ער אַריינגעקוקט גענויער אין חשבון, וואָלט ער געפונען אַ היפּשן דעביט:

די ליקווידאַציע פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; דער אונטערגאַנג פון די נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען; דער פאַרבאָט פון ציוניזם; דער אויסראָט פון דער העברעישער קולטור; די אונטערדריקונג פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך; די אָפּגעשניטנקייט פון וועלט־יידנטום, וואָרעם אַפילו אין די בעסטע צייטן פאַר יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָך דאָס סאָוויעטישע יידנטום געווען בלויז אַ שאָטן פון דעם וואָס עס איז געווען פריער; און מאָגער, אויסגעקוואָרט אין פאַרגלייך מיטן יידנטום אין אַנדערע לענדער. און דאָס אַלץ ערשט נאָר אַ צוגאָב צו דעם אַלגעמיינעם דעביט פון נייעם רעזשים. אָבער אויך אָט דער צוגאָב איז פאַרדעקט געוואָרן, אויב ניט אָפּגעווישט דורך די ספּעציפישע לאָקאַלע אומשטענדן, און דורכן פאַרגלייך מיט דעם וואָס ס׳איז געווען פריער פאַר דער רעוואָלוציע און וואָס עס עקזיסטירט אַצינד אין אַנדערע לענדער.

די אַפּאָלאָגיע פאַרן סאָוויעטישן רעזשים האָט שטענדיק אַנגעוויזן אויפן גרויסן חורבן, אויפן פייער און רויך פון מלחמה, רעוואָלוציע, קאָנטער־רעוואָלוציע, בירגער־קריג, אינטערווענץ, אומקום, קריזיס. ניט נאָר פּריוואַט־אייגנטום איז אַוועק מיטן רויך, נאָר אויך גאָר אַ סך פון דער סאָציאַלער סטרוקטור. מען דאַרף אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, מוז מען אָנהייבן לויט די מעגלעכקייטן, און דאָס סאַמע נייטיקסטע מוז קומען צוערשט. און שטענדיק דער מיש מיטן קאַלענדאַר: ווי האָט דער צאַרישער רעזשים באַהאַנדלט יידן, און ווי ווערן יידן באַהאַנדלט אַצינד? געדענק, וואָס עמלק האָט דיר אַ מאָל געטאָן — ביים מאַכן דעם חשבון וואָס עס ווערט אַצינד געטאָן! היינט די איצטיקע לאַגע פון יידן אויף דער וועלט: דער נאַציזם אין דייטשלאַנד וויל אין גאַנצן אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק; דער פאַשיזם אין איטאַליע — אַנטיסעמיטיזם אַפילו

דאָרט; און ווו דער האַלב־פּאַשיזם האָט עקזיסטירט — אין אונגאַרן, רומעניע, די באַלטישע לענדער, און באַזונדערס פּוילן מיט די דריי מיליאָן יידן, אַזוי פיל ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד — איז דאָך דער מצב פון די יידן געווען גאָר ניט צו פאַרטראָגן: פאַרפאָלגונג און דערנידערונג, פיזישע געפאַר און עקאָנאָמישע באַדנלאָזיקייט, און קיין שום שטראַל פון האָפענונג.

ובכן, אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ וועלט, קומט אַ גרויסע מדינה, וואָס פאַרמאָגט דריי מיליאָן יידן און דערקלערט אַנטיסעמיטיזם פאַר אַ פאַרברעך קעגן שטאָט! אין פוילן שניידט מען ביי יידן די בערד און מען וואַרפט די יידן פון די באַנען, און דאָ אַרעסטירט מען פאַרן רופן אַ יידן „זשיד"! און אָט די מדינה עפנט אַלע טירן צו דער ווירטשאַפט, דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, דעם באַאַמטנטום פון דער פאַרטיי, פאַר יידן גלייך מיט אַלעמען. און ניט נאָר דערלויבט די מדינה די יידן צו פירן אַן אייגן קולטור־לעבן אין דער אייגענער שפּראַך, נאָר זי שטעלט נאָך צו די נייטיקע מיטלען פאַר דעם. און צו דעם אַלעם איז צוגעקומען דער גרויסער נדן פון געבן די יידן, און העלפן זיי בויען, אַן אייגענע אויטאָנאָמע טעריטאָריע. אין פּאַלעסטינע האָט ענגלאַנד ניט אַרייַנגעלאָזט קיין יידן, און דאָ גיט מען זיי אַלע מיטלען צו פאָרן און זיך אויפצובויען אַן אייגן לאַנד!

אַז אַ יידישער ליבעראַל איז געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער געהאַט ניט נאָר אַ סך צו פאַרקוקן, נאָר אויך אַ היפּש ביסל צו זען. און וואָס אים האָט מער פון אַלץ אימפּאָנירט, איז דאָס אויסגלייכן יידן מיט די אַנדערע פעלקער אין לאַנד. די הויפּט־צרה פון יידישן גלות איז דאָך געווען וואָס מען האָט געשטעלט יידן אין אַ באַזונדערער לאַגע, וואָס מען האָט געמאַכט אויסנאַמען מיט יידן, ווו מער און ווו ווייניקער, אָבער אין ערגעץ זיינען זיי געווען ניט פולשטענדיק גלייך אין דער פּראַקטיק ווי אין דער טעאָריע. און דאָ האָט דער ליבעראַל געפונען אַ מדינה ווו די פולשטענדיקע גלייכקייט איז געווען אין דער פּראַקטיק.

זומער 1934 האָב איך געמאַכט מיין ערשטע און לענגערע רייזע אין ראַטן־פאַרבאַנד, און שפּעטער אין האַרבסט — אַ רייזע קיין בוראָבידזשאַן, ווו איך האָב פאַרבראַכט דריי וואָכן. איך האָב מיינע איינדרוקן געשיקט דירעקט פון מאָסקווע, און אויך פון בוראָבידזשאַן — אויף דעם האָב איך געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון פּאָסט־מיניסטער טאָמסקי, וואָס איז שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן בעת די „רייניקונגען". נאָכן אַרויספאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד האָב איך געשיקט אַ סעריע אַרטיקלען מיט אַ סך־הכל פון מיינע רייזע־

איינדרוקן. ווען איך בין אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער צוריקגעקומען אַהיים, האָב איך זיך דערוווּסט אַז אין דיביידע עקסטרעמען פון לינקס און רעכטס, סיי אין „פאָרווערטס״, סיי אין „פרייהייט״, איז מען געווען שטאַרק אומצופרידן מיט מיינע באַריכטן.

אין „פרייהייט״ איז דער רעדאַקטאָר מ. אָלגין אַרויס אין צוויי אַרטיקלען מיט טענות, און לויטן קאָמוניסטישן נוסח — אויך מיט זלזולים, הלמאי איך האָב געזוכט חסרונות און זיך אינטערעסירט מיטן רעליגיעזן יידנטום. אָלגין האָט וועגן מיר געשריבן: „ער זוכט חסרונות... זיין הויפּט־אינטערעס איז יידיש־קייט, ניט אַזוי די לעבעדיקע יידן פון היינט, ווי די פרומע יידישקייט פון נעכטן. נאָך אין זיינע ערשטע קאָרעספּאָנדענצן לאָזט ער אונדז וויסן — „איך בין נאָך ניט גרייט צו פאַרוואַרפן דאָס תפילין־זעקל אַפילו פאַר די יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד״, און ער האַלט וואָרט. ער פאָרט אַרום און זוכט דעם רב״. אָבער באַלד גייט אָלגין אַריבער צו אַנדערע, ניט רבנישע זאַכן. אַפּנים, אַז איך האָב געשריבן וועגן אַנדערע זאַכן אויך.

אים איז ניט געפעלן וואָס איך האָב סטאַלינען אָנגערופן „כאַזאַין״, דאָס איז, האָט אָלגין געשריבן, אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט און דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז ער איז דער באַלעבאָס. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אָט די ציטאַטן פון מיינע קאָרעספּאָנדענצן.

„דאָ, ווו איך געפין זיך, זיינען אויך דאָ אַרבעטער און באַלעבאַטים. דער באַלעבאָס איז דאָ די גאָסודאַרסטווע, די רעגירונג. אָבער איר זעט ניט קיין רעגירונג. איר זעט אַ טראַסט, טרעסט אויפן היגן לשון. און דער פירער פון טראַסט זוכט אויך צו פּראָדוצירן זיינע סחורות, וואָס ביליקער און צאָלן וואָס ווייניקער שכירות״. די צווייטע שטעלע האָט זיך באַצויגן צו אַ שמועס מיט אַ טאַקסי־שאָפער, וואָס האָט מיר אָנדערציילט די ווונדוירים פון די נייע מלוכהשע אויפטוען: נייע זאַוואָדן, נייע געביידעס, אַפילו אַ באַד אַ נייע, היינט עלעקטריע אומעטום! אַז איך האָב דערויף זיך אָנגערופן, „איז דאָך גוט״, האָט דער טאַקסי־שאָפער געענטפערט: „עס איז גוט, אָבער דעם ראַבאָטשי איז שלעכט; אים איז ערגער פון אַלעמען״. אַז איך האָב זיך געוווּנדערט: „וואָס הייסט אים איז ערגער? ווען איז דען בעסער?״ איז זיין ענטפער געווען: „ווען, פרעגט איר? וואָלינסקין! וואָלאָדאַרסקין!״ און אויף מיין פראַגע „ווער זיינען זיי? איז זיין ענטפער געווען: „ווער זיי זענען! זיי קריגן 500 קאָרבן אַ חודש, און דער ראַבאָטשי קריגט קוים 250!״ פון אָט די ציטאַטן קומט אָלגין צום אויספיר, אַז „צוליב דעם, וואָס גאָלדבערג זעט ניט דעם בוי

פון סאָציאַליזם... פאַלט אים ניט איין צו דערקלערן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד שאַפט אַפּ אָרעמקייט אויף אייביק".

פאַר די סאָציאַליסטן פון „פאָרווערטס", ווי פאַר די אַנטי־סאָוויעטישע קרייזן בכלל, זיינען מיינע באַשרייבונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד געווען צו פּראָ־סאָוויעטיש. זייערע טענות, האָבן זיך באַצויגן ניט אַזוי צו דער לאַגע פון די יידן דאָרט, ווי צו דער לאַגע בכלל. לויט זיי האָב איך זיך געלאָזט נעמען אויפן זיכער, געגלייבט די ציפערן, וואָס מען האָט מיר אָנגעגעבן, אָנגענומען די „פּאָטיאָמקין־דערפלעך" פאַר אמתע דערפער, צו פיל געשריבן וועגן די פּאַנ־טאַסטישע פּלענער, וואָס וועלן קיין מאָל ניט דורכגעפירט ווערן, און ניט גענוג אונטערגעשטראָכן דעם טאָטאַלן דורכפאַל, דעם אַבסאָלוטן באַנקראָט, דעם חורבן, דעם באַרבאַריזם. ווען איך האָב זיך אין יענער צייט געטראָפן מיטן געהילף־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", ה. ראָגאָף און אים געפרעגט, וואָס מען האָט צו מיר — איך האָב דאָך אָנגעגעבןביידע זייטן פון דער מטבע, האָט ער מיר געזאָגט: „די צרה מיט אייך, גאָלדבערג, איז, וואָס איר זייט קיין מאָל קיין סאָציאַליסט ניט געווען".

אַפילו מיין גרוס פון ביראָבידזשאַן האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט. דאָ האָט, אין פּלוג, ניט געדאַרפט זיין קיין אָפּאָזיציע. אפילו חיים וויצמאַן האָט געפונען אַ גוט וואָרט פאַרן ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט. דאָס וועט זיין אַ סטאַנציע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, האָט ער געזאָגט. וועמען האָט געקאָנט אַרן, אַז די סאָוויעטישע יידן וועלן לעבן אויף אַן אייגענער טעריטאָריע אַנשטאָט אין די פריערדיקע שטעט און שטעטלעך? אָבער דאָס וואָלט דאָך געקאָנט אַרויסרופן סימפּאַטיע צום ראַטן־פאַרבאַנד, האָט דאָס ניט געטויגט. איך האָב ניט גענוג באַשריבן די קאָמאַרעס, די גיפטיקע אינסעקטן, די מורא־דיקע זומפּן, די פּרעסט!

און אויב מיין באַריכט פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט צופרידנגעשטעלט ניט „רעכטס" און ניט „לינקס", בין איך אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „אומ־פּאַרטייאישע", דאָס הייסט די, וואָס שטייען צווישן די צוויי אַנטאַגאָניסטישע כוחות. אָבער מיין אַלגעמיינע שטעלונג צום ראַטן־פאַרבאַנד איז מסתמא געווען מער ניחא פאַר „לינקס" ווי פאַר „רעכטס", מחמת דער סך־הכל איז געווען מער פּאָזיטיוו ווי נעגאַטיוו. וואָס שייך דעם עקאָנאָמישן פּראָגראַם פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָב איך געהאַלטן, אַז מיט דער צייט מוז דאָס געלינגען. פעלט דאָך נאָר דער טעכנישער אַפּאַראַט צו פאַרוואַנדלען די רוי־מאַטעריאַלן אין פּראָדוקטן. איז דערויף ווערט דאָך אַוועקגעלייגט דער גאַנצער כוח, און דאָס

ווערט דאָך אָרגאַניזירט סיסטעמאַטיש און מיט אַ פּלאַן. מוז מיט דער צייט קומען די אינדוסטריאַליזאַציע און מיט דעם וועט אויך שטייגן דער לעבן־סטאַנדאַרט פון די מאַסן. וואָס שייך דעם פּאָליטישן רעזשים, האָט ער מיר נאָטירלעך, ניט געקענט זיין צום האַרצן, און פאַר אונדז אין אַמעריקע וואָלט איך געוויס ניט געוואָלט זען אַזאַ סיסטעם, אָבער פאַר זיי דאָרט האָב איך געקאָנט האָבן צוויי באַרעכטיקונגען. איינע, וואָס זיי אַליין שטעלן פעסט, אַז עס דאַרף אַזוי ניט זיין, אַז די דיקטאַטור איז נאָר אַ צייטווייליקער בייז, וואָס וועט פאַרשווינדן ווען אַלץ וועט זיך נאָרמאַליזירן; און די צווייטע — אַז דאָס איז דאָך אין דער אמתן נאָר אַן אָנהייב, פּאַקטיש די ערשטע זעקס יאָר. פריער איז דאָך געגאַנגען אַ סדרה רעוואָלוציע, בירגערקריג, אינטערווענץ, „נעפּ". ערשט אין 1928 האָט מען דאָך אָנגעיאָגט אין דער ווירטשאַפט ווו מען האָט געהאַלטן אין 1914, און מיטן ערשטן פינפיאָר־פּלאַן האָט מען זיך ערשט גע־שטעלט בויען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. מוז מען דאָך אַלץ האַלטן פעסט אין דער האַנט, אַניט קאָן זיך עס צעפאַרן. און וואָס שייך יידן, ווערט דאָך זייער עקאָנאָמישער פּראָבלעם געלייזט, און זייער קולטור־פּראָבלעם ווערט געלייזט אין דער העלפט, און מיט דער צייט וועט די אַנדערע העלפט אויך זיין געלייזט. ווי האָט מיר אַ סאָוויעטישער רב געזאָגט ווען איך האָב אים געפרעגט ווי ס'האַלט מיט יידישקייט: „וואָס זאָרגט איר זיך וועגן יידישקייט? וועגן יידישקייט זאָל זיך גאָט זאָרגן. איר זאָרגט זיך וועגן יידן — אַז ס'וועלן זיין יידן, וועט זיין יידישקייט.

אין קאַמף צווישן „רעכטס" און „לינקס" אויף דער יידישער גאַס פון אַמעריקע איז אָט די מעסיקע שטעלונג פון די „אומפּאַרטייאישע" געווען פאַר „רעכטס" ערגער ווי די עקסטרעמע רייד פון „לינקס". וואָרעם דער דאָזיקער קאַמף איז אין תוך געווען ניט בלויז איבער דעם צי זיי דאָרט, אין ראַטן־פאַרבאַנד, טוען גוט אָדער שלעכט. עס איז אויך געגאַנגען אין דער העגעמאָניע איבער די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס — פון די טרייד־יוניאָנס ביז די וועלטלעכע שולן. ביידע קעמפנדיקע עלעמענטן, דער באַוווסטזיניקער „רעכטס" און דער באַוווסטזיניקער „לינקס", האָבן באַטראָפן אַ גאַנץ קליינעם טייל פון די יידישע פאָלקסמאַסן. איז זייער קאַמף געפירט געוואָרן פאַר דער אָריענטאַציע פון ברייטן עולם, וואָס איז ניט ניט געווען געבונדן מיט קיין שום צד. אָט דער עלעמענט איז געווען מער גענייגט צו גלייבן די „אומפּאַרטייאישע" איידער די „רעכטע" אָדער די „לינקע". מיט דעם דערקלערט זיך די ביטערע, אָפט רכילותדיקע אָנפאַלן פון „רעכטס"

אויף אַלע „אומפּאַרטייאישע", וואָס האָבן געגומען אַזאַ שטעלונג צום ראַטן־פאַרבאַנד, ווי איך האָב דאָ געשילדערט. זיי זיינען באַפאַלן די אומפּאַרטייאישע נאָך ערגער ווי די „לינקע" גופא.

די „לינקע" פון זייער זייט האָבן אויך ניט געשאַנעוועט דעם „אומ־פּאַרטייאישן", ווען ער האָט קריטיקירט אַ ווענדונג פון ראַטן־פאַרבאַנד אָדער אַ שריט פון די אָרטיקע קאָמוניסטן. צווישן זיינע אָנפאַלן איז אָבער געווען אַן אונטערשייד. קודם, האָבן די „רעכטע" געהאַט מער און אָפטער סיבות צו אַטאַקירן די „אומפּאַרטייאישע", און חוץ דעם האָבן די „רעכטע" ניט אָנער־קענט קיין נייטראַלקייט אין קאַמף, און זיי זיינען דעריבער אויסן געווען צו שטעמפּלען די „אומפּאַרטייאישע" פאַר „לינק", כדי די באַציונג צו זיי זאָל ווערן ווי צו די „לינקע". די „לינקע" האָבן געהאַט ווייניקער געלעגנהייט צו אַטאַקירן די „אומפּאַרטייאישע", און זייער ציל איז געווען ניט צו טרייבן די „אומפּאַרטייאישע" צו די „רעכטע", נאָר פאַרקערט — אויפצוהאַלטן זייער פּאָזיציע ווי „אומפּאַרטייאישע", און ביי אַנדערע געלעגנהייטן דאָס אויסנוצן.

צוליב דעם, וואָס איך האָב געשריבן טאָג־טעגלעך אין אַ נאַציאָנאַלער בורזשואַזער צייטונג מיט אַ גרויסן קרייז לייענער, ווו איך האָב געהאַט אַ גרויסע מאָס פרייהייט אויסצודריקן מיין אייגענע מיינונג ווען זי איז אַפילו געווען קעגן דער שטעלונג פון דער צייטונג גופא; צוליב דעם, וואָס מיין ווינקל, אין צייטונג, מיין קאָלום, איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביים עולם און איז גע־לייענט געוואָרן פון מענטשן פון פאַרשיידענע קרייזן, אַפילו פון מענטשן מיט קעגנערישע מיינונגען און אויך לייענער פון אַנדערע צייטונגען; און צוליב דעם, וואָס איך בין קיין מאָל ניט געווען פאַרבונדן מיט אַ וועלכער עס איז פּאַרטיי אָדער באַוועגונג און האָב זיך באַמיט צו זיין אָביעקטיוו אין מיין שרייבן, און דעריבער געהאַט צוטרוי ביים לייענער — צוליב דעם אַלעם בין איך געוואָרן דאָס צילברעט פאַר די אָנגרייפער פון „רעכטס", און ווי איינער האָט דאָס מילד אָנגערופן, אַ „קאָנטראָווערסאַלע פיגור". דאָס הייסט, אַן אָביעקט פון פּאָלעמיק, קריגערײַ און פּערזענלעכן אָנפאַל. געווען שרייבער, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין העצעריי און רכילות מיט מיאוסע זלזולים קעגן מיר — טייל פון זיי האָבן פּשוט געזוכט פּאָפּולאַריטעט דורך דעם. פאַר די אַלע יאָרן וואָס דאָס האָט געדויערט, האָב איך נאָר אין געציילטע פאַלן רעאַגירט דע־רויף — און דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך פון דעם דאָס האַרץ ניט אָפּ־געגעסן. געענטפערט האָב איך נאָר די, וואָס זיינען געווען, ווי מען זאָגט

פאַלעמיק־ווערטיק, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן דיסקוטירט אויפן סמך פון פאַקטן און מיינונגען, ניט זיך סתם געזידלט.

אָבער אויך „לינקס" האָט מיך, חלילה, ניט געשווינט ווען איך האָב גענומען אַ שטעלונג, וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן. אויך פאַר „לינקס" איז אַ וואָרט פון קריטיק פון אַזאַ „אומפּאַרטייאישן" ווי איך געווען מער שעד־לעך איידער אַן אָנפאַל פון „רעכטס", וואָרעם דאָס האָט געקאָנט באַאיינפלוסן זייערע אייגענע רייען. דאָס נעגאַטיווע וואָרט קען זיי ניט וויניקער שאָדן ווי דאָס פּאָזיטיווע וואָרט קאָן זיי העלפן. בין איך אויך ביי „לינקס" געוואָרן אַ „קאָנטראָווערסאַלע פיגור". אין פאַרשיידענע צייטן האָבן אין דער קאָמוניס־טישער פרעסע זיך באַוויזן ניט נאָר פאָלעמישע אַרטיקלען, נאָר אויך אָנ־פאַלן קעגן מיר, און זיי האָבן ווינציק אַכט געלייגט דערויף, וואָס אין אַנדערע פּרטים האָט מיין „אומפּאַרטייאישקייט" זיי אַריינגעשפּילט אין די הענט. דאָס האָט פּאַסירט אַפילו אין די צייטן פון פאַראייניקטן פראָנט, ווען איך האָב גע־אַרבעט צוזאַמען מיט קאָמוניסטן אין די „אומפּאַרטייאישע" טעטיקייטן.

אין שייכות מיט די וויטערדיקע טיילן פון דעם דאָזיקן בוך, איז כדאי אָנצוגעבן עטלעכע קורצע ציטאַטן פון מיין שטעלונג אין די קריטישע מאָ־מענטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן קעגן מיר די אָנגריפן אין דער יידישער קאָ־מוניסטישער פרעסע.

אין יאָר 1929 זיינען פאָרגעקומען אַראַבישע פּאָגראָמען אויף יידן אין ארץ־ישראל. צווישן די קרבנות האָבן זיך אויך געפונען די יונגעלייט פון דער חברון־ישיבה. מיט ניין יאָר פריער, ביי ענלעכע אַראַבישע אָנפאַלן אין ירו־שלים (אַפּריל 1920), האָט דאָס מאָסקווע ריכטיק אָנגערופן אַראַבישע פּאָג־ראָמען אויף יידן און געלויבט ענגלאַנד פאַרן ניט אָננעמען דעם אַראַבישן אול־טימאַטום אַרויסצושיקן די ציוניסטישע פירער פון ארץ־ישראל. אין יאָר 1929 האָט שוין מאָסקווע געהאַט אַנדערע אויסרעכנונגען בנוגע ארץ־ישראל, האָט זי שוין די געשעענישן אין ארץ־ישראל געזען ניט ווי אַראַבישע פּאָגראָמען, נאָר ווי אַן אַנטיבריטישן אַראַבישן אויפשטאַנד, וואָס דאַרף באַגריסט ווערן.

די יידישע קאָמוניסטן אין אַמעריקע, ווי אַנדערשוואו, האָבן נאָכגעפאָלגט די נייע ליניע פון קאָמינטערן און זיך אויך געשטעלט אויפן אַראַבישן צד. האָב איך דעמאָלט געשריבן אין אַ קאָלום, צווישן אַנדערן:

„די זעלבע קאָמוניסטן שרייען געוואַלד פאַר דער באַפרייונג פון אינדיע, און זיי אַרט גאָרניט וואָס די רעוואָלוציע אין אינדיע איז דורכויס אַ קלייב־

בירגערלעכע. נאָר אין פּאַלעסטינע מוז עס זיין דער אַבסאָלוטער פּראָלעטאַריאַט — ווען דאָרט איז נאָך ניטאָ אַפּילו קיין אָנהייב פון אַן אינדוסטריעלן לעבן. נאָר אויפן יידישן קליינבירגער גייט אויס אַלגינס כעס. און אים אַרט ניט ווען עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן נאַציאָנאַלן (יידישן) פּאַרראַט נאָר אויך וועגן פּאַרראַט פון אומשולדיקע הילפלאָזע מענטשן... אין פּאַלעסטינע איז עס היינט אָדער די אַראַבער אָדער די יידן, די אַראַבער זיינען די אָנגרייפער, די יידן זיינען די קרבנות. און אַלגין און מלך עפשטיין האַלטן מיט די אַראַבער!״

אין יאָר 1936, זיינען פאָרגעקומען די מאָסקווער פּראָצעסן און דאָס אומברענגען די פירער פון דער אָפּאָזיציע. האָב איך דעמאָלט צווישן אַנדערן געשריבן („טאָג״, 30סטער אויגוסט 1936):

„דער שאָק פון היגריכטונגען אין מאָסקווע איז אַריבער. די נערוון זיינען פון דעם שוין ניט אַזוי דערשיטערט. אָבער דער שלעכטער איינדרוק בלייבט. עפּעס איז ניט גוט אין מויל. און נאָך ערגער איז אויפן געמיט. איך קאָן דעם געפיל ניט אָנרופן רחמנות — עס איז ניט דער רחמנות אויף די זעכצן מענטשן, וואָס ליגן דערשאָסענע. די דאָזיקע מענטשן זיינען אַליין אויך קיין בעלי־רחמים ניט געווען. ווען זיי האָבן געריטן אויפן פערד, האָבן זיי אויך גענוג מענטשן צעטראָטן. און אויך אַציגנד זיינען זיי געשטאַנען און געגראָבן אַ גרוב פאַר יענעם.

„ניט רחמנות און ניט כעס, נאָר אַנטוישונג אין דער פּראָלעטאַרישער מאָראַל און אין דעם עצם ענין פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ווי וואָלטן מיר, מענטשן פון אַ בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל? ווען מען דעקט אויף אַזאַ פאַרשווערונג אין אַמעריקע, וואָלט מען די זעכצן מענטשן ניט דערשאָסן. פאַרן וועלן וועמען דערשיסן האָט מען נאָך אין אַמעריקע קיינעם ניט געשאָסן. און וואָס שייך זייערע קרובים, זייערע נאָענטסטע מענטשן, וואָלט די רעגירונג געוואַגט זיי צו אַרעסטירן אָן אַ גענוגנדיקער סיבה? אונדזער האַבעאַס קאָרפּוס וואָלט זיי באַפרייט אַפילו ווען די פּאָליציי וואָלט זיי פאַר־נומען. די לעצטע פיר יאָר האָט די וועלט זיך גענומען צוגעווינען, אַז די פּראָ־לעטאַרישע דיקטאַטור איז אַנדערש... נו, קומט איצט די פּראָלעטאַרישע דיק־טאַטור און ווייזט, אַז דיקטאַטור איז דיקטאַטור — וואָס אירע צילן זאָלן ניט זיין.

עס איז געווען אַ לעגענדע, אַלטע באָלשעוויקעס, לענינס תלמידים, שיר־שיר די לעגענדע פון יעזוס מיט זיינע אַפּאָסטאָלן. אָט די לעגענדע איז צע־שאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זינאָוויעוון. און אָן דער לעגענדע איז די ווירק־לעכקייט נאָר אַ באַיאָנעט״.

דריי יאָר שפּעטער, איז געקומען דער סטאַלין־היטלער פּאַקט. האָב איך דעמאָלט געשריבן („טאָג", 24סטער אויגוסט 1939):

„...איך אַליין האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין אילוזיע וועגן דער סאָוויעטישער וועלט־פּאָליטיק. פון ערשטן טאָג אָן, פון לענין און טראָצקי אין קרעמל, האָט זי געהאַט נאָר איין ציל: וואָס מער און וואָס בעסער פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. זי איז געווען ציניש אָפּאָרטוניסטיש מיטן אויסריידי, אַז אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער מעגן גיין גלייך אויף איין פייער, און אַז אַזוי ווי סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַ שטיק סאָציאַליסטישע הייליקייט, איז יעדער מיטל כשר, אַבי אויפצוהאַלטן אָט די הייליקייט.

„אָבער אַז זי זאָל דערגיין צו אַזאַ פּונקט, ווו זי זאָל שפּילן מיט היטלערן אין דעם מאָמענט ווען די גאַנצע ציוויליזאַציע הענגט אויף אַ וואָגשאָל — אַזוינס האָב אַפילו איך זיך ניט געריכט.

„עס קומט דער יום הרת עולם. די וועלט שטייט אויף דער שוועל פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין איר געשיכטע. אין דער קריטישער לאַגע איז דאָ איין שוואַרצער כוח, איין פינצטערע מאַכט, וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן, מיט אַ מלחמה צי אָן אַ מלחמה. און די גאַנצע וועלט שטייט און קוקט מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג אויף אָט דעם שטיק פינצטערניש און פאַרדאָרבנקייט — היטלער. ס'איז פּאַקטיש געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצער וועלט־פראָנט קעגן היטלערן. קומט די סאָציאַליסטישע מדינה און כאַפּט זיך אַרום מיט היטלערן. פאַן ריבענטראָפּ אין באָלשעוויסטישן קרעמל — קאָן זיין מיאוסער?"

אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר (1939) האָבן סאָוויעטישע קריג־עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט פינלענדישע שטעט און מאָסקווע האָט געשאַפן און אָנערקענט אַן אייגענע רעגירונג מצד פינלאַנד. בין איך דעמאָלט אַרויסגעטראָטן און געשריבן קעגן דעם ברוך פון אַלע סאָוויעטישע אָפּמאַכן מיט איר קליינעם שוואַכן שכן פון צפון. בעת די מלחמה־יאָרן און אין די יאָרן באַלד נאָך דער מלחמה האָב איך ניט געהאַט קיין סיבה צו נעמען אַ שטעלונג קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, בפרט, ווען אין יאָר 1948 איז געקומען די פּאָזיטיווע סאָוויעטישע שטעלונג צו אַ יידיש היימלאַנד אין ארץ־ישראל — די היסטאָרישע גראָמיקאָ־רעדע. שפּעטער, ווען דער אייזערנער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און עס זיינען געקומען פאַרשיידענע טרויעריקע קלאַנגען וועגן אַרעסטן און נאָך ערגערס — דעמאָלט האָב איך געהאַלטן, אַז וואָס ס'איז נייטיק צו טאָן, איז ניט דאָס לייכטסטע און פּאָפּולערסטע, ניט אַרויסקומען און פאַראורטיילן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר פאַרקערט,

פרוווּן שתדלנות און פּראָטעקציע פון פריינד, פּרוּוון באַווירקן און ראַטעווען.

אָפיציעל, דורכן אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, און פּריוואַט, האָב איך, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלעגן פון קאָמיטעט און עטלעכע אַנדערע שריפטשטעלער, געמאַכט פאַרשיידענע פּרוּוון צו דערגיין וואָס עס איז געשען מיט די סאָוויעטישע יידישע שרייבער, און צו לאָזן וויסן, אַז די פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד אין אַמעריקע זיינען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם.

עס זיינען אַוועק בריוו צום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אויס־צופרעגן, אפשר איז נאָך געבליבן דאָרט זוער, צי נעמט ווער איבער די בריוו פאַרן קאָמיטעט; צום פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע שרייבער; צום „וואָקס“, די סאָוויעטישע קערפערשאַפט פאַר קולטור־באַציונגען מיט אויס־לאַנד; און אויך פּריוואַטע בריוו פון יחידים צו יחידים יידישע שרייבער, למשל, אַ בריוו פון יוסף אָפּאַטאָשו, וואָס האָט צום שרייבער־קאָמיטעט ניט געהערט, צו פּרץ מאַרקישן אין מאָסקווע — אָפּאַטאָשו פלעגט זיך דרוכשרייבן מיט מאַרקישן פון צייט צו צייט. יענער בריוו איז געגאַנגען רעגיסטרירט. דער איינציקער רעזולטאַט פון די אַלע באַמיונגען איז געווען, אַז אָפּאַטאָשוס רע־גיסטרירטער בריוו איז צוריקגעקומען מיט אַ שטעמפּל, אַז דער „אַדרעסאַט איז אומבאַוווּסט“. דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז מאַרקיש איז אָדער פאַרשוווּנדן, אָדער אַרעסטירט, וואָרעם אויב ער וואָלט זיך גלאַט אַריבערגעקליבן אַנדערש־ווו, וואָלט ער איבערגעלאָזט זיין נייעם אַדרעס אויף דער פּאָסט, אָדער אויף זיין אַלטער דירה.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי שתדלנות ביי די סאָוויעטישע פאַר־טרעטער דאָ אין אַמעריקע. קודם, ביי דער פאַרטרעטונג אין די „פאַראייניקטע נאַציעס“. יענע זיינען געווען זייער פריינדלעך און סימפּאַטיש, געזאָגט, אַז זיי גופא ווייסן גאָרניט, ווייזט אויס, אַז דאָס איז ניט מער ווי נייע אַנטי־סאָוויע־טישע פּראָפּאַגאַנדע, אָבער זיי וועלן אָנפרעגן אין מאָסקווע און וועלן מודיע זיין דעם ענטפער. זיי האָבן גאָרניט מודיע געווען, און ביי יעדן נייעם אָנפרעג האָבן זיי געהאַט איין ענטפער: „ניטאָ קיין וואָרט פון מאָסקווע“.

כאַראַקטעריסטיש זיינען געווען די באַזוכן, וואָס איך, ווי דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, און יוסף ברייניז (דער זון פון ראובן ברייניז), דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, האָבן געמאַכט ביי די צוויי העכסטע סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. איין באַזוך איז פאָרגעקומעןביים סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר,

פּאַניושקין, אין וואַשינגטאָן. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל ווי מיר וואָלטן מיט דעם עצם שטעלן די פֿראַגע באַליידיקט זיין מלוכה. צי קענען מיר זיך דען פֿאָרשטעלן אַזאַ מין זאַך, אַז מען זאָל אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַרעסטירן אומ־שולדיקע מענטשן? אויב ווער פֿון די יידישע שרייבער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער געמוזט זיין שולדיק, און אויב מיר האַלטן, אַז די יידישע שרייבער האָבן ניט געקענט באַגיין אַזוינס, פֿאַר וואָס עס זאָל זיי קומען צו אַרעסטירן, דאַרפֿן מיר זיין זיכער, אַז די קלאַנגען וועגן זייער אַרעסט זיינען ניט מער ווי אַנטיסאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע.

דעם צווייטן באַזוך האָבן מיר געמאַכט ביים סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער, אַנדריי גראָמיקאָ, וואָס איז געקומען באַגריסן די אַסעמבליי פֿון די „פֿאַראייניקטע נאַציעס". אים האָב איך געקענט נאָך פֿון די מלחמה־יאָרן, ווען ער איז דאָ געווען אַמבאַסאַדאָר און ער פֿלעגט אָפֿט אַרויסטרעטן אויף די פֿאַר־זאַמלונגען פֿון אַמעריקאַנער יידישער מלחמה־הילף פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט שוין גערעדט אַ ביסל אַנדערש. ערשטנס, קען ער פֿערזענלעך מיכאָעלסן און פֿעפֿערן, נאָר ער האָט זיי שוין ניט געזען יאָרן, מחמת ער, גראָמיקאָ, איז געווען פֿאַרטאָן מיט אַנדערע ענינים; צי די „אייניקייט" האָט זיך צוגעמאַכט צי ניט, ווייס ער אויך ניט, נאָר דאָס וואָלט ניט געווען קיין באַווייז אויף גאָר־ניט, מחמת זשורנאַלן און צייטשריפֿטן מאַכן זיך צו און עפֿענען זיך אָן אַ געוויסן באַטייט. צי ווער פֿון די יידישע שרייבער איז געוואָרן אַרעסטירט, ווייס ער אויך ניט. וואָלט דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע געוווסט צי איינער איז אַרעסטירט געוואָרן אין שיקאַגאָ? דערויף האָב איך אים געענטפֿערט, אַז בנוגע אַמעריקע וואָלט דאָס געווען זייער פּשוט: דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַ־דאָר, אָדער אַפֿילו אַ פּריוואַטער בירגער אין מאָסקווע, וואָלט געקענט שרייבן צו דער פּאָליציי פֿון שיקאַגאָ און באַקומען אַן ענטפֿער: יאָ צי ניין. דערויף האָט מיר גראָמיקאָ געקוקט גלייך אין די אויגן און געזאָגט: ביי אונדז איז אויך אַזוי; שרייבט צו דער פּאָליציי אין מאָסקווע און פֿרעגט אָן...

מיר האָבן זיך אויך געווענדט צו אַלערליי אַנדערע פּערזאָנען, פֿון איליאַ ערענבורג ביז סאָוויעטישע פּרעסע־פֿאָרשטייער, און די ענטפֿערס האָבן מער צעמישט ווי אויפֿגעקלערט. איליאַ ערענבורג האָט זיך גאָר געמאַכט ווי גע־פּגרט — ער האָט ניט געקענט קיין יידישע שרייבער, ניט פֿעפֿערן ניט בער־געלסאָנען, בלויז מיכאָעלסן — אים האָט מען געמעגט האָבן געקענט, מחמת ער איז דאָך שוין געווען טויט. אַ באַאַמטער פֿון סאָוויעטישן שרייבער־פֿאַראיין האָט פּראָסט געלייגט — ער' אַליין האָט נאָר וואָס געזען די און די יידישע

שרייבער אין גאַס. אַנדערע סאָוויעטישע שליחים האָבן געגעבן אָנצוהערענישן — עס גייט אָן אַ סאָרט איבעראָרגאַניזירונג, קיין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָ־מיטעט דאַרף מען מער ניט, דעם אַלסלאַווישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען דאָך אויך צוגעמאַכט. מסתמא וועט באַלד געשאַפן ווערן אַן אַנדערע אינ־סטיטוציע פאַר סאָוויעטישער יידישער קולטור, מיט אַ נייער צייטשריפט. מען דאַרף נאָר האָבן געדולד און וואַרטן.

אָבער אין יאַנואַר 1953, ווען עס איז אָנגעקומען די נייס וועגן דאָק־טוירים־בלבול, אָפיציעל פאַרעפנטלעכט אין דער „פּראַוודאַ", האָב איך דע־מאָלט געשריבן (7טן יאַנואַר, 1953) אין מיין קאָלום צווישן אַנדערן אָט די שורות:

„מיר וועט מען ניט איינריידן, אַז שלמה מיכאָעלס איז געווען אַ געקויפטער שפּיאָן. איך וואָלט דאָס ניט געגלייבט אַפילו ווען ער לעבט און וואָלט, ווי דער שטייגער איז, זיך מודה געווען.

„און די מעשה, אַז ער זאָל האָבן איבערגעגעבן דעם אוקאַז פון „דזשאָינט" צו די מאָסקווער דאָקטוירים אומצוברענגען די סאָוויעטישע פירער — דאָס איז שוין גאָר באַרבאַריש. און איך וועל דאָס אויפן ד״ר שימעליאָוויטש אויך ניט גליבן. איך האָב די צווי מענטשן געקענט פערזענלעך — זיי געזען אין זייער גרויסקייט, די אינערלעכע ווי די אויסערלעכע.

און אויך די איבעריקע דאָקטוירים, די גויאישע ווי די יידישע, קאָן מען דען אַזאַ זאַך יאָ גלייבן ?

„און די פּרימיטיווקייט דערפון ! דער „דזשאָינט" גיט אַרויס אַן אוקאַז אומצוברענגען זשדאַנאָוון ; גיט דער איבער דעם אוקאַז מיכאָעלסן, מיכאָעלס זאָגט עס זיין קוזין ד״ר וואָפסי, ד״ר וואָפסי זאָגט דאָס יעגאָראָוון, און ד״ר יעגאָראָוו נעמט און ברענגט אום זשדאַנאָוון. און קיינער זאָגט זיך, חלילה, ניט אָפּ, מחמת מען צאָלט מיט דאָלאַרן ! ווי קאָן מען גאָר אַזאַ מיאוסן קאָשמאַר אויסטראַכטן ?

איך וואָלט געקאָנט ברענגען ענלעכע ציטאַטן פון מיינע קאָלומס, וואָס זיינען געווען קריטיש צו אַנדערע שריט פון ראַטן־פאַרבאַנד אין די פאַר־שיידנסטע געביטן, אָבער אָט די אַרויסטריטן מיינע האָבן ניט געבראַכט קיין ענדערונג אין מיין פּאָזיציע אויף דער יידישער גאַס. וואָרעם גלייכצייטיק האָב איך זיך געהאַלטן אין די צווי גרונט־פּרינציפּן : אַז מען דאַרף אויך אָנער־קענען און אונטערשטרייכן די פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַז מען דאַרף ניט האַלטן די יידישע קאָמוניסטן אין חרם, נאָר מיטאַרבעטן

מיט זיי דאָרט ווו מען קאָן יאָ גיין צוזאַמען. די „קאָמוניסטן" זיינען אין מיינע אויגן געווען ניט די פירער פון די קאָמוניסטן, נאָר די יידישע מאַסן, וואָס געהערן צו זייער באַוועגונג, און כדי צו דערגרייכן זיי קאָן מען די גאַנצע באַוועגונג ניט לייגן אין חרם. זיינען די קאָמוניסטן געווען מער ווי צופרידן, וואָס ניט געקוקט אויף די אָנפאַלן פון זייער צייטונג, בלייב איך נאָך אַלץ מיט זיי אין פאַראייניקטן פראָנט. און דער „רעכטס"? — וואָס מער איך האָב פאַרנומען אַן אומפאַרטייאישע שטעלונג צו דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, אַלץ מער שאָדן האָב איך לויט דעם, געבראַכט אין מיין בלייבן מיטן פאַראייניקטן פראָנט. זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייערע אָנפאַלן אויף מיר און אויסגענוצט מיינע אַרויסטריטן צו ווייזן ווי פאַרדאָרבן דער ראַטן־פאַרבאַנד איז, אַז אַפילו איך קאָן שוין אַזוי פיל ניט אַראָפּשלינגען.

און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט, און זי אויסגענוצט, צו קריטיקירן די שריט פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען מיר געווען דערווידער, און זיך אָפּצושיידן פון די קאָמוניסטן אין יענע פּרטים — איז פאַר מיר מעגלעך געווען צו בלייבן לענגער ווי אַנדערע מיטן פאַראייניקטן פראָנט. פאַקטיש בין איך אַוועק פון „לינקס" ניט צוליב אַ נייעם סקאַנדאַל פון מאָסקווע, נאָר ווייל דער „לינקס" האָט מער ניט געהאַט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. ניט ער האָט געהאַט אַן עולם אומפאַרטייאישע נאָכפאָלגער און ניט אַ פּאָזיטיוון פּראָגראַם. ער האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיטן פאַרלוימדן ישראל און זוכן נאָר חסרונות אויף אַמעריקע, כדי מיט דעם צו פאַרדעקן די פעלערן פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע ער האָט ניט געוואַגט צו פאַרטיידיקן.

צווישן „רעכטס" און „לינקס"

אין ביטערן קאַמף צווישן „רעכטס" און „לינקס" אויף דער יידישער גאַס פון אַמעריקע, וואָס איז אָפט דערגאַנגען צו פיזישע געשלעגן און צו פערזענלעכע טראַגעדיעס, האָט יעדער צד פאַרמאָגט געוויסע יתרונות.

„רעכטס" האָט קודם געהאַט די הערשנדיקע מאַכט. אין אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָט די פירער־שאַפט און די קאָנטראָל זיך געפונען אין די הענט פון מענטשן, וואָס זיינען געווען אָריענטירט אויף „רעכטס". „רעכטס" האָט אויך פאַרמאָגט דעם געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש, און דעם אויטאָריטעט. די סאָציאַליסטן און די טרייד־יוניאָנס האָבן דאָס געוווּנען טיילווייז מיט זייער קאַמף קעגן קאָמוניזם און דער עיקר מיטן שטעלן זיך אויף דער זייט פון פּרעזידענט פרענקלין רוזוועלט און זיין „נייעם דיל". די ציוניסטיש־אַרבעטאָרישע עלעמענטן האָבן באַקומען מער אַנזען און וויכטיקייט מיטן אויפשוווּנג פון סענטימענט פאַרן ציוניזם, ווי אַן אַנטרינונג פאַר יידן פון די האַלב־פאַשיסטישע און נאַצישע לענדער. אין רשות פון „רעכטס" איז געווען כמעט די גאַנצע יידישע פּרעסע. און איבער אַלץ, האָבן די „רעכטע" געהאַט הינטער זיך די גרויסע מערהייט. די סטאַלינישע דיק־טאַטור, ווי דער באָלשעוויזם פריער, האָט ניט געקענט אַפּעלירן צום יידישן פאָלקס־מענטש אין אַמעריקע, בפרט ווען ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך מער וועגן סאָוויעטישן טעראָר, הונגער, נויט, רעליגיע־פאַרפאָלגונגען, ווי פון פּאָ־זיטיווע דערגרייכונגען.

אָבער „לינקס" האָט אויך געהאַט זיינע יתרונות. קודם, איז ער געוואָרן דער אויסדרוק פון אָפּאָזיציע. אומעטום און אַלע מאָל זיינען דאָ אומצופרידענע. אומעטום און אַלע מאָל ווו עס איז דאָ מאַכט, איז אויך פאַראַן מיסברויך מיט דער מאַכט. און ביוראָקראַטיע ווערט מיט דער צייט מער פאַרטאַן מיט דער „ביוראָ" ווי מיט דער באַדינונג וואָס איר „קראַט" דאַרף געבן. אָט די אומ־צופרידענע און געקריוודעטע האָבן ניט געהאַט קיין עפנטלעכן אָרגאַן פריי אויסצודריקן זייערע טענות, אָפּגערעדט פון אַן אָרגאַניזירטן כוח, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר זיי. איך געדענק אַ צייט, ווען גענגסטערס זיינען באַנוצט

געוואָרן אין די קאָנפליקטן אויף דער אַרבעטער־גאַס. איז איין מאָל געקומען צו מיר אין דער רעדאַקציע אַן אַרבעטער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ און געזאָגט: „איך בין געקומען אייך ווייזן איר זאָלט זען מיט די אייגענע אויגן — מען גלייבט דאָך ניט!" „לינקס" איז געוואָרן דער אַדרעס פאַר אַלע אומצופרידענע, געקריוודעטע, פּראָטעסטירנדיקע אויף דער יידישער גאַס — אויסער, נאַטירלעך, די וואָס האָבן געהאַט זייערע טענות צו „לינקס" גופא.

אויסער דעם, האָט „לינקס" צוגעצויגן דעם ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישן עלעמענט, פאַר וועמען „רעכטס" איז געווען ניט ראַדיקאַל גענוג, בפרט ווען ער איז פּאַקטיש אַריין אין אַ קאָאַליציע מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די פּראָפּאַגאַנדע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, דער שטרייט מיט די קאָמוניסטן, האָט אַזוי פיל פאַרנומען די עפנטלעכע טעטיקייט פון „רעכטס", אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָט זיך ווייניק אָנגעזען. דער „לינקס" דאַ־קעגן האָט געברויזט מיט רעוואָלוציע, און געקאָנט געבן אַ רעוואָלוציאָנערן לבוש אַפילו זיין קאַמף פאַר מאַכט און פּאָזיציע. חוץ דעם מאָנאָפּאָל אויף רע־וואָלוציע, האָט „לינקס" געמאַכט אַ קולט פון יידיש, זיך אָפּגעגעבן מיט יידישער קולטור־באַוועגונג, און געשאַפן אַן אָרט, אַן אַטמאָספער, פאַרן יידישן שרייבער — געביטן אין וועלכע „רעכטס" איז דעמאָלט געווען הינטערשטעליק. און איבער אַלעם האָט „לינקס" געשפּילט אויף די דריי גרויסע טייז פון דער דעמאָלטדיקער סאָוויעטישער פּאָליטיק לגבי אירע יידן: פאַרבאָט פון אַנטיסעמיטיזם, אויס־האַלטונג פון יידישע קולטור־לעבן, און אַן אייגענע טעריטאָריע פאַר יידן. דאָס האָט געקאָנט אַפּעלירן צו אַלע יידן, און אַ סך יידן זיינען צוליב דעם געווען גרייט צו פאַרקוקן, אויב ניט פאַרגעבן, די סאָוויעטישע זינד אויף אַנדערע געביטן.

מיט דעם דערקלערט זיך פאַר וואָס „לינקס", וואָס איז געווען אַזאַ מינדערהייט אויף דער יידישער גאַס, האָט באַוויזן אין אַ באַשטימטער צייט צו באַקומען אַזאַ גרויסן איינפלוס. אונטערגעשטראָכן די פּאָזיציע פון „לינקס" האָט ניט זיין לינקיזם, נאָר זיין אַבסאָלוט נאָכגיין אין די פוסטריט פון דער מאָסקווער ליניע, אַפילו דאָס זאָל זיין קעגן די יידישע אינטערעסן אָדער דערווידער דעם געוויסן פון יעדן אָנשטענדיקן מענטשן. למשל, בעת די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אין 1929, אין דער פראַגע פון סטאַלין־היטלער פּאַקט, און אַפילו ביים באַקעמפן דעם „לענד־ליז" — אַמעריקעס שטיצע פאַר ענגלאַנד און פראַנקרייך אין זייער מלחמה קעגן היטלערן, איידער אַמעריקע גופא איז אַריין אין קריג, און איידער היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. ווען איך האָב

דעמאָלט געשריבן, אַז ניט געקוקט אויף אונדזער פאָרמעלער נייטראַליטעט, געפינט זיך היינט אונדזער גרענעץ אויפן ריין, און מיר מוזן העלפן ענגלאַנד און פראַנקרייך וויפל מיר קענען, איז די קאָמוניסטישע צייטונג מיד באַפאַלן ווי אַ „מלחמה־צינדער".

פון דער היסטאָרישער פערספעקטיוו מוז געזאָגט ווערן, אַז בעת „לינקס" האָט ניט געקאָנט אויסמיידן זיינע טאַקטישע פעלערן, סיידן ער וואָלט געווען גרייט איבערצורייסן מיט מאָסקווע, האָט „רעכטס" יאָ געקאָנט אויסמיידן זיינע טאַקטישע פעלערן, און דעמאָלט וואָלט די גאַנצע געשיכטע אויף דער יידישער גאַס צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געהאַט אַן אַנדער פנים.

„לינקס" אין אַמעריקע, פונקט ווי אַנדערשוו, האָט ניט געהאַט קיין פרייען ווילן און ניט קיין פרייען אויסוואַל. ער איז געווען געצוווּנגען אויסצופאָלגן דירעקטיוון פון דער פרעמד, געגעבן פון מענטשן, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע צילן און זיך ניט גערעכנט מיט די לאָקאַלע אומשטענדן פון אַנדערע לענדער און ניט מיט דער לאַגע פון זייערע אייגענע מענטשן דאָרטן. עס האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, אַז ביי אַ חילוקי־דעות אין אַ וויכטיקן פּראָבלעם, איז די מערהייט, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע קיין מאָסקווע, צוריקגעקומען ווי די „מינדערהייט", און די אמתע מינדערהייט האָט מיטן כוח פון מאָסקווע דיקטירט די שטעלונג. גרעסערע, וויכטיקערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער, איידער די אַמעריקאַנער, האָבן זיך גענייגט צום מינדסטן ווינטל פון קרעמל, שוין אָפּגערעדט פון יידישן פליגל פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. מען וואָלט געקאָנט שטעלן די פראַגע הלמאי די אַמעריקאַנער יידישע קאָמוניסטן האָבן ניט איבערגעריסן מיט מאָסקווע, אָבער ניט פּאַר וואָס זיי האָבן ניט געפאָלגט מאָסקווע, בלייבנדיק אין קאָמינטערן.

„רעכטס" איז אָבער געווען פריי, און ער האָט זיינע טאַקטישע פעלערן געקאָנט ניט באַגיין.

דער הויפּטפעלער, וואָס „רעכטס" איז באַגאַנגען, איז געווען דער זעלבער, וואָס דער אַמעריקאַנער שטאַטס־סעקרעטאַר דזשאָן פאָסטער דאַלעס איז מיט יאָרן שפּעטער באַגאַנגען אין וועלט־פּאָרנעם. דאָס איז געווען דאָס ניט אָנערקענען קיין נייטראַליטעט צווישן „לינקס" און „רעכטס". דער וואָס האָט ניט מסכים געווען מיט „רעכטס" אויף די פולע הונדערט פּראָצענט, איז פון „רעכטס" געשטעמפּלט געוואָרן פאַר „לינק" און פאַקטיש געטריבן געוואָרן אין דער פעריפעריע פון „לינקס". מיט דעם האָט „רעכטס" זיך אַליין איזאָלירט פון אַ היפּשן טייל פון דער יידישער גאַס און אָפּגעטראָטן דאָס צווישן־לאַנד

צווישן „רעכטס" און „לינקס" — צו „לינקס". עס קאָן זיין, אַז דער פּאַרטייאישער קאַמף פון די רעכטע סאָציאַליסטן קעגן די קאָמוניסטן האָט דיקטירט צו זוכן נאָר דאָס שלעכטס אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַפּילו דאָס גוטס אויסטייטשן פאַר שלעכטס. אָבער אומפּאַרטייאישע מענטשן האָבן געוואָלט זען, און אָנערקענען, די ביידע זייטן פון דער מטבע. וואָלט „רעכטס" דערלאָזט אַזאַ צווישן־מדרגה פון אומפּאַרטייאישע, און ווי ווייט מעגלעך מיטגעאַרבעט מיט אים, אַנשטאָט אים צו פאַרשטויסן, וואָלט דער „אומפּאַרטייאישער פראָנט" געווען באמת אומפּאַר־טייאישער פראָנט, ניט אַ לינקער פראָנט. די יידישע וועלט וואָלט ניט געוואָרן אַזוי צעריסן, די מוחות — צעטומלט, די אויגן — פאַרבלענדט.

דער גרויסער יידישער דיכטער, אַברהם רייזען, האָט איבערגעריסן זיין מיטאַרבעט אין דער „פרייהייט" צוליב איר שטעלונג צו די אַראַבישע פּאָגראָמען אין 1929. אָבער ווען קאַלינין האָט פאַרעפנטלעכט זיין היסטאָרישע דעקלאַראַציע וועגן בירא־בידזשאַן, האָט דער זעלבער אַברהם רייזען געשיקט אַ באַגריסונג צו קאַלינינען אין נאָמען פון יידישן פּען־קלוב, פון וועלכן ער איז געווען דער פּרעזידענט. ווי אַ יידישער דיכטער, האָט ער ניט געקאָנט פאַרבייגיין אָט דעם היסטאָרישן מאָמענט, — וואָס ער זאָל ניט טראַכטן וועגן קאָמוניזם.

דער אומפּאַרטייאישער פראָנט

יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער, נישט־קאָמוניסטן, האָבן ניט געקאָנט שטיין אין אַ זייט ווען דער חלום פון אַ יידיש לאַנד מיט יידיש לשון האָט אויפגעשיינט אין חושך פון פאַשיזם און נאַציזם. האָבן זיי געוואָלט האָבן עפּעס אַ שייכות מיט דעם און געהאַלטן ביים שאַפן אַן אייגענעם צווייג פון „איקאָר" — די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געגרינדעט גלייך ביים אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד. איז דער באַוווסטער יידי־שער קריטיקער, אַליין אַן אַמאָליקער טעריטאָריאַליסט, ש. ניגער, אַרויסגע־קומען מיט אַן אַרטיקל אין „טאָג" (11 אָקטאָבער 1934) און זיי אָפּגערעדט פון דעם. זיין טענה איז געווען: „די אינטערעסן פון דער ביראָבידזשאַן־אידעע פאַרלאַנגען, אַז אַנשטאָט זיך צו אידענטיפיצירן מיט אַ באַוועגונג, וואָס סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע ליגט איר אין זינען מער ווי יידישע קאָלאָניזאַציע, זאָל מען, פאַרקערט, זיך אָפּגרענעצן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, זיך אָפּגרע־נעצן פון איר און זוכן צו וועקן ביי דעם ברייטן עולם אַן אינטערעס צו יידישע טעריטאָריאַלע צענטרען אין ביראָבידזשאַן און אומעטום ווו דאָס איז מעגלעך".

און ניגער איז געווען גערעכט. דער „איקאָר" האָט אויסגענוצט די פּאָפּולאַריטעט פון יידישער קאָלאָניזאַציע אויף פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ראַטן־פאַר־באַנד בכלל. אָבער ווי האָט אַן אָביעקטיווער מענטש אין דעם פּרט, ווי ניגער האָט פּרעטענדירט צו זיין, געקאָנט שטעלן ביראָבידזשאַן דעמאָלט אויף איין גראַד מיט „אומעטום ווו דאָס איז מעגלעך"? ווו איז געווען דער „אומעטום"? ווו נאָך האָט אַ מלוכה אָנגעבאָטן אַזאַ געלעגנהייט מיט אַזוי פיל הילף? און האָט דען ניגער, צי די אַנדערע הינטער אים, געמאַכט אַ פּאַרזוך טאַקע צו שאַפן אַזאַ „אָפּגעגרענעצטע" אָרגאַניזאַציע פאַר אָט דעם צוועק אַפילו פאַר ביראָבידזשאַן מיטן „אומעטום"? איז וואָס איז געווען די ברירה פאַר יענע יידישע שרייבער און קולטור־טוער? אָדער גיין אין „איקאָר", אָדער בלייבן אין אַ זייט און זידלען סטאַלינען!

דאָס גלייכן איז געווען מיט די אַנדערע אויסדריקן פון אומרו־גייסט

אין יענער צייט, וואָס האָט מענטשן געדופעט, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַן אָנונג פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן האָריזאָנט.

אַוודאי איז „רעכטס" געווען אַנטיפּאַשיסטיש, אָבער דער רוף צו אַן אַנטיפּאַשיסטישן פראָנט איז געקומען פון „לינקס", און די באַוועגונג איז פון דאָרט געפירט געוואָרן. געוויס האָט „רעכטס" געהאַלטן מיט די רעפּובליקאַנער אין שפּאַנישן בירגער־קריג, ניט מיט די לאָיאַליסטן. אָבער די קאַמפּאַניע פאַר שפּאַניע האָט געפירט „לינקס". דער לאָזונג פון אַ פאַראייניקטן פראָנט איז געקומען פון „לינקס". און אַזוי איז געווען מיטן רוף צו אַ וועלט־פאַרבאַנד פאַר יידישער קולטור. צום פינף און צוואַנציקסטן יאָר פון דער גרינדונג פון „איקוף" האָט מען געהערט פון די, וואָס האָבן דעמאָלט דערקלערט, אַז זיי ווילן אין אַזאַ פאַראייניקונג ניט גיין, אַז די צייט האָט באַוויזן זייער גערעכטיקייט: דער „איקוף" איז דאָך פאַרבליבן אין דער לינקער פּעריפעריע! זיי האָבן אָבער פאַרזען די מעגלעכקייט, אַז ווען זיי אַלע וואָלטן דעמאָלט מיטגעגאַנגען מיט אָפּאַטאָשו, לייוויק, ד״ר מוקדוני, הירשביין און אַנדערע אומפּאַרטייאישע, וואָלט דער „איקוף" קיין מאָל ניט געוואָרן אַ טייל פון דער לינקער פּעריפעריע און טאַקע געווען אומפּאַרטייאיש, און אויב די קאָמוניסטן וואָלטן דאָס ניט דערלאָזט, וואָלט דער „איקוף" זיך געשפּאָלטן און די אומפּאַרטייאישע וואָלטן אַוועק מיטן אומ־פּאַרטייאישן קולטור־פאַרבאַנד. (די „ציקאָ" איז געקומען ערשט שפּעטער, און געוואָרן אַ באַדייטנדיקער כוח נאָך פיל שפּעטער).

דאָס זעלבע איז געווען דערנאָך אין פייער פון קריג מיט דער באַוועגונג פאַר מלחמה־הילף דעם ראַטן־פאַרבאַנד. איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּעס, וואָס האָבן געקליבן בגדים און אַנדערע נייטיקע זאַכן, ווי אויך געלט, לטובת דער ציווילער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. קריסטלעכע דאַמעס אין די קירכעס פון דרום האָבן זיך געעוסקט מיט דעם. אין געלט און ווערט־זאַכן האָט די אַמעריקאַנער הילף־אַקציע פאַר רוסלאַנד' געשאַפן אַרום זעכציק מיליאָן דאָלאַר. האָבן די יידן פון אַמעריקע געדאַרפט שטיין אין אַ זייט פון דעם? זייער אייגן בלוט איז דאָך דאָרטן געווען! איז דען ניט געווען וויכטיק, אַז די יידן אין רוסלאַנד, און ניט ווייניקער וויכ־טיק, אַז די ניט־יידן דאָרט, זאָלן וויסן, אַז די אַמעריקאַנער יידן קומען זיי צו הילף?

„רעכטס" האָט דאָ ניט נאָר איבערגעלאָזט די איניציאַטיוו צו „לינקס", נאָר זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט אין אַ זייט און אומפּריינדלעך. וואָס האָט דער אומפּאַרטייאישער יידישער מענטש געזאָלט טאָן דעמאָלט: מיטגיין מיט

די קאָמוניסטן אין דער הילף־אַקציע, ווו עס זיינען אויך געווען באַטייליקט ציוניסטן און רבנים, אָדער שטיין אין אַ זייט מיט „רעכטס״?

ווען ס'איז געקומען צום ערשטן מאָל אַ ווענדונג פון די סאָוויעטישע יידן צו די יידן פון דער וועלט מיטן רוף „ברידער יידן איבער דער וועלט!״ איז דער אַלטער, קראַנקער ציוניסטישער פירער, מ. מ. אוסישקין אין ארץ־ישראל אַראָפּ פון טויטנבעט כדי צו געבן זיין ענטפער צו די „ברידער יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד״, און צוזאַמען מיט אים — אַנדערע פירער פון ישוב, צווישן זיי דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, יצחק בן־צבי. דער רוף „ברי־דער יידן״ האָט אָנגערירט אַ דעליקאַטע סטרונע אין יעדן יידישן האַרצן. אָבער פון אַמעריקע איז קיין ענטפער ניט געקומען, און עס איז ניט געווען אַפילו ווער עס זאָל ענטפערן ביז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט ניט געמאַכט דעם פּרווו, און פון דעם איז אַרויסגעקומען דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער. און צו וועמען וואָלטן געקומען די יידישע שליחים פון ראַטן־פאַרבאַנד, שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, ווען עס וואָלט ניט געווען אָט דער קאָמיטעט?

אַוודאי זיינען געווען קאָמוניסטן אין יידישן ראַט פאַר רוסישער מלחמה־הילף און געוויס זיינען געווען קאָמוניסטן אין אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער. און אמת איז אויך, אַז די קאָמוניסטן האָבן דאָרטן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, און אויף ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי געפּרוווט אויסנוצן אָט די קאָמיטעטן, ווי די אַנדערע אומפּאַרטייאישע געזעלשאַפטן פון לינקן פראָנט, צו העלפן שאַפן אַ גינסטיקע שטימונג פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער וואָסער ברירה האָבן די אומפּאַרטייאישע געהאַט? „רעכטס״ האָט זיך איזאָלירט פון אָט דעם גרויסן אויפבּרויז, און בלויז געהאָפט, ווי איינער פון יענעם קרייז האָט זיך עפנטלעך אויסגעדריקט, אַז די „לעצטע באָמבע פון קריג זאָל פאַלן אין קרעמל״. די, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן אין אָט די היסטאָרישע געשעענישן, האָבן ניט געהאַט וווהין אַנדערש צו גיין, אָדער מיט וועמען אַנדערש צו גיין, ווי מיט „לינקס״.

עס איז ניט געווען מיין כוונה, און ניט דאָ איז דאָס אָרט, צו מאַכן דעם קולטור־היסטאָרישן חשבון צווישן יידישן „רעכטס״ און „לינקס״ אין אַמעריקע. אָבער איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק אַ ביסל אויפצוקלערן דעם שטאַנדפּונקט פון די אומפּאַרטייאישע און די אומשטענדן פון זייער טעטיקייט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אָט דאָס איז געשריבן פון אַן אומפּאַרטייאישן, און אין גייסט פון אומפּאַרטייאישקייט. ווי איך האָב געשריבן אין דער הקדמה

צו מיין ענגלישן בוך וועגן אַט דעם ענין „פּראָבלעם פון יידן אין ראַטן־פאַר־באַנד", איז אָט דאָס בוך דאָ אויך ניט אַנטי־סאָוויעטיש און ניט פּראָ־סאָוויע־טיש, און עס האָט ניט צו טאָן מיטן קאַלטן קריג. דאָס אַלץ איז אַן ענין פאַר זיך, ווו יעדער קאָן נעמען זיין שטעלונג. מיין אויפגאַבע דאָ איז בלויז פעסט־צושטעלן די לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן אין די ראַמען פון סאָוויעטישן סיס־טעם און פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, אַנאַליזירן זייערע פּראָבלעמען און זוכן אַ לייזונג פאַר זיי — אַלץ אין די ראַמען פון סאָוויעטישן סיסטעם. קיינער קאָן ניט פאַרלאַנגען פון ראַטן־פאַרבאַנד צו ענדערן זיין סיסטעם צוליב די יידן, אָדער צו באַהאַנדלען די יידן בעסער ווי די ניט־יידן. אָבער אַלע מענטשן אומעטום האָבן אַ רעכט צו פאָדערן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד זאָל ניט באַהאַנדלען די יידן ערגער, אָדער אַנדערש, פון די אַנדערע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער חשבון איז דאָ נאָר דער יידישער, אָבער עס איז אַ גרויסער חשבון — פון איבער אַ פערטל פון גאַנצן יידישן פאָלק אין דער וועלט.

יידן אין ראטן־פארבאנד

צי איז פאַראַן אַ יידיש פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד?

די סאָוויעטישע פירער לייקענען, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש פּראָבלעם אין זייער מדינה און זיי טענהן, אַז עס ווערט ניט געמאַכט קיין שום אונטערשייד צווישן זייערע יידישע און ניט־יידישע בירגער. אָבער גלייכצייטיק לייקענען זיי אויך, אַז זיי האָבן בכלל אַ יידיש פאָלק אין זייער לאַנד. דאָס הייסט, זיי זאָגן אַז די סאָוויעטישע יידן שטעלן מיט זיך ניט פאָר אַ נאַציאָנאַליטעט. וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן אין אַנדערע לענדער, אָדער ווייזט אַרויס אַ ספּעציעלן אינטערעס צו אַנדערע יידישע ישובים און צו דער מדינה ישראל; זיי פאַרמאָגן ניט קיין ווילן אויפצוהאַלטן זייער יידישקייט, זייער נאַציאָנאַלן המשך אין ראַטן־פאַרבאַנד. די ערשטע אָפּלייקענונג זייערע האָט ניט קיין מער ממשות ווי די אַנדערע.

יעדער איינער, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ באַגריף וועגן דער יידישער געשיכטע, ווייס, אַז עס איז נאָך ניט געווען אַ יידישער ישוב אין דער וועלט, וואָס האָט ניט געפילט קיין אָנגעהעריקייט מיט די יידן אין אַנדערע לענדער. אַלע יידן אומעטום האָבן שטענדיק געזען זייערע וואָרצלען אין דער געמיינזאַמער יידישער פאַרגאַנגענהייט, זייער גייסטיק לעבן — אין דער היסטאָרישער יידישער קולטור, און זייער נאַציאָנאַלע צוקונפט — אין דעם אייביקן חלום פון ציון — ווי פאַרשיידן זיי זאָלן אָט דעם חלום ניט האָבן אויפגענומען. אין אַלע לענדער זיינען יידן געווען גוטע, געטרייע בירגער פון זייער פאָטער־לאַנד, און אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אַריינגעפּעדעמט זיך אין דער ציווי־ליזאַציע און קולטור פון זייער היימלאַנד. אָבער זיי זיינען אויך אומעטום און אַלע מאָל געווען, ווי זיי זיינען פאַרבליבן ביז היינט, יידן — יידן אין זייער מהות, נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און אינערלעכן גייסטיקן לעבן.

צו זאָגן, ווי די סאָוויעטישע פירער ווילן דאָס איינריידן דער וועלט, אַז אין די אַכט און פערציק יאָר פון סאָוויעטישן רעזשים האָבן דריי מיליאָן יידן פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם, פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַל געפיל, זיך אָפּגע־פרעמדט פון זייערע ברידער, אויפגעגעבן זייער חלק אין דער יידישער צוקונפט,

און ווילן אַליין מער ניט זיין קיין יידן — איז ווי ברענגען אויף די ליפּן דעם גרעסטן אַבסורד. דער אומזין דערפון ווערט נאָך גרעסער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט וואָס די סאָוויעטישע יידן, ווי יידן, האָבן דורכגעמאַכט זינט דער רעוואָלוציע.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די יידן אויפן באָדן פון היינטיקן ראַטן־פאַרבאַנד איבערגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען זינט די צייטן פון כמיעלניצקי — אַ צוויי טויזנט פּאָגראָמען פון ווייס־גוואַרדייער, אוקראַינער און פון פּוילישע אַרמייען, וואָס האָבן אומגעבראַכט נאָענט צו צוויי הונדערט טויזנט יידן און איבערגעלאָזט 300 טויזנט יתומים. צוואַנציק יאָר שפּעטער האָבן די נאַציס אָקופּירט דעם גרעסטן טייל פון מערב־און דרום־אייראָפּעיִשן ראַטן־פאַרבאַנד און אומגעבראַכט אַרום צוויי מיליאָן יידן. צווישן די צוויי יידישע קאַטאַסטראָפעס, (יידישע, מחמת דאָ האָבן דאָך די יידן געליטן באַזונדער ווי יידן), איז די סאָוויעטישע יידן, ווי יידן, אויך גאָר ניט אַזוי גוט געגאַנגען, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן זייער יידישקייט. מען האָט זיי אין דעם געגנוג דערמאָנט. ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג האָט די סאָוויעטישע מלוכה שטרענג אונטערדריקט אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען; אָבער עס איז געווען וואָס צו אונטערדריקן. די אַנטיסעמיטישע ירושה פון די צאַרישע צייטן, וואָס איז אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן בעת די יאָרן פון בירגער־קריג, איז צווישן די מאַסן ניט אויסגערונען. בעתן צווייטן וועלטקריג האָט דער אַנטיסעמיטיזם זיך צעשפּילט עפנטלעך, אָבער אַצינד האָט שוין די רעגירונג ווייניק געטאָן דאָס אונטערצודריקן. פיר יאָר נאָכן צווייטן וועלטקריג איז געקומען דער אָפיציעלער סטאַלינישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געוואָרן אַלץ הארבער און שאַרפער און אָנגעהאַלטן ביז סטאַלינס טויט אין 1953 — דער פּעריאָד וואָס די סאָוויעטישע יידן האָבן באַצייכנט ווי די שוואַרצע יאָרן.

ווי אַזוי האָבן די סאָוויעטישע יידן, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, געקענט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען יידן? פאַר וואָס זאָלן זיי האָבן פאַר אַט דער צייט פאַרלוירן זייער איינגעוואָרצלטן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין? וואָס האָט דאָ געקענט אויפלייזן זייער גורלדיקן בונד מיטן וועלט־יידנטום? פאַר וואָס זאָלן זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער אינטערעס צו יידן פון אַנדערע לענדער? גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק, אין די שווערע יאָרן פון צווייטן וועלטקריג, האָבן דאָך די סאָוויעטישע יידן זיך געווענדט איבער די לופט־כוואַליעס פון ראַדיאָ מיטן האַרציקן רוף פון „ברידער יידן איבער דער וועלט״! און ווי האָט געקענט קומען צו די סאָוויעטישע יידן אַן אַפּאַטיע צו דער נייער יידישער מדינת ישראל, ווען זיי

האָבן געמאַכט אַזאַ גוואַלדיקע דעמאָנסטראַציע פאַר גאָלדע מאיר, דער ערשטער אַמבאַסאַדאָרין פון ישראל אין מאָסקווע, אַז די וועלט האָט פון דעם געערדט? און ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט, ווי ביים באַזוך פון דער ישראל־דעלע־גאַציע בעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל, און אַפילו ביי סתם אַ באַגעגעניש מיט וועמען פון ישראל, ווייזן די סאָוויעטישע יידן אַרויס ניט נאָר אינטערעס, נאָר אויך אַ האַרציקע באַציִונג צו דער יידישער מדינה!

פון דער געשיכטע ווייסן מיר, אַז ערשט אין דער צייט פון פאַרפאַל־גונגען אַנטפּלעקט זיך צום שטאַרקסטן דער יידישער ווילן צו נאַציאָנאַלן המשך, דער אינסטינקטיווער דראַנג אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. אַ קאַ־טאַסטראָפע ביי יידן, ווי אַן אומגליק אין אַ פאַמיליע, שמידט צונויף די פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידישן פאָלק. דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אין דעם פּרט ניט קיין אויסנאַם. און דער פאַקט איז, אַז דער נאַציאָנאַלער יידישער באַוווסטזיין איז ביי די סאָוויעטישע יידן נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק ווי היינט. דאָס איז דער איינדרוק פון אַלע, וואָס האָבן באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, און געהאַט קאָנטאַקטן מיט די דאָרטיקע יידן אַ מאָל און היינט. דאָס באַשטעטיקן אויך די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ לענגערע צייט. דאָס זעט מען אויך אין אַ ריי אַנדערע דערשיינונגען.

בעת דער פאָלקסציילונג פון 1959 האָבן קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן סאָ־וויעטישע יידן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך. לויט דעם סאָוויעטישן אָנגעב, האָט דאָס באַטראָפן 20.8 פּראָצענט. דער דאָזיקער פּראָצענט ווערט גערעכנט אויפן גאַנצן סאָוויעטישן יידנטום, און מיר ווייסן דאָך, אַז אַ היפּשער צאָל יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן מיט יידיש קיין מאָל קיין שייכות ניט געהאַט, ווי, למשל, די גרוזינער, בוכאַרער, דאַגעסטאַנער און אַנדערע אַזיאַ־טישע יידן. חוץ דעם האָבן אין 1926 זיך שוין געפונען אַכט און צוואַנציק פּראָצענט יידן אין אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, וואָס האָבן אָנגעגעבן רוסיש פאַר זייער מוטערשפּראַך. איז דער פּראָצענט 20.8 פיל גרעסער אין באַטייט, ווי עס זעט לכאורה אויס; אין געוויסע טיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד איז דער דאָזיקער פּראָצענט גאָר אַ גרויסער: ביי די יידן אין לעטלאַנד — 48, ביי די יידן פון ליטע — אַזש 69! אָט די ציפערן פון סאָוויעטישע קוואַלן ווייזן ניט בלויז אַז אַ גאָר גרויסער טייל פון סאָוויעטישן יידנטום קען די יידישע שפּראַך ווי זייער מוטערשפּראַך. עס ווייזט אויך זייער באַציִונג צו דער שפּראַך און צו זייער פאָלק.

אָט די יידן קענען געוויס אויך גוט רוסיש. קאָן זיין, אַז פיל פון זיי ריידן

גאָר רוסיש. די ענטפערס ביי דער אַנקעטע זיינען געווען ניט נאָר פריי, נאָר מען האָט דאָס מאָל ניט געדאַרפט באַווייזן, אַז זיי זיינען ריכטיק, און זיי האָבן געדאַרפט בלייבן געהיים. און קיין דרוק מצד דער מאַכט אויף יידן אָנצוגעבן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך איז דאָך געוויס ניט געווען. פאַרקערט, עס וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו רומל פון דער נייער סאָוויעטישער פּאָליטיק לגבי יידן ווען וואָס וויניקער יידן גיבן אָן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך. דאָס וואָלט געגעבן מער וואָג זייער פעסטשטעלונג, אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען אַסימילירט. איז פאַר וואָס זשע האָבן אַזוי פיל יידן אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך? דער ענטפער מוז זיין, אַז דאָס האָבן זיי געטאָן ווי אַ דעמאָנסטראַציע פון זייער יידישקייט, ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער אָפיציעלער פאַרלייקענונג פון זייער נאַציאָנאַליטעט און קעגן דער אונטערדריקונג פון זייער קולטור.

ענלעכע יידישע דעמאָנסטראַציעס קומען פאָר ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווי, למשל, ביי די קאָנצערטן פון יידישן פאָלקסליד. יידן פילן אָן דעם זאַל יעדעס מאָל ווען עס קומט פאָר אַזאַ קאָנצערט. דער קולטור־מיניסטער אַליין האָט אין 1961 געזאָגט, אַז אין 1960 האָבן דריי מיליאָן פערזאָן באַזוכט אָט די קאָנצערטן. און מיט וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם די יידן האָבן עס אויפגענומען! דער רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער יידישער צייטונג אין פּאַריז, ג. קעניג, האָט בייגעוווינט איינע פון אַזעלכע קאָנצערטן, און ער האָט אַזוי באַשריבן די שטימונג אין זאַל:

„...אָבער וואָס טוט זיך אין זאַל? ניין, דאָס זיינען ניט קיין געוויינלעכע אַפּלאָדיסמענטן פאַר אַ טאַלאַנטפולן אַרטיסט. דאָס איז נישט קיין פּשוטער צופרידנקייט־אויסדרוק פון אַ דערוואַרעמטן טעאַטער־פּובליקום. דער זאַל איז עלעקטריזירט. די אָוואַציעס... וואַקסן הונדערטפאַך איבער דעם עצם ווערט פון געזאָגטן און געזונגענעם... די טרערן, וואָס פליסן פון די אויגן פון מיינע שכנים, זיינען זיכער נישט בלויז אַן אויסדרוק פונעם מיטפרייען זיך מיטן פריילעך־טרויעריקן באַזעצן די כלה אויף אַ יידישער חתונה. עס איז אין אָט דעם זאַל, אין אָט דעם עולם פאַראַן אַזעלכעס, וואָס שטייגט ווייט אַריבער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. עס איז אַ מאַניפעסטאַציע — אַ גרויסע, אַ רירנדיקע און ניט פאַרגעסלעכע מאַניפעסטאַציע פאַרן יידישן וואָרט!“.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט געקענט צוגעבן וועגן יענעם יידישן פּובליקום, אַז עס האָט נעבעך ניט געוווּסט, אַז עס איז שוין לאַנג אינטעגרירט אין רוסישן פאָלק און האָט מער ניט קיין אינטערעס צו דער יידישער קולטור!

אַט די סצענע האָט ג. קעניג געזען אין 1956. זעקס יאָר שפּעטער, אין אויגוסט 1962, האָט ד״ר טרודע ראָזמאַרין, די געלערנטע, שריפטשטעלערין און רעדאַקטאָרשע פון חשובן זשורנאַל „דזשואיש ספּעקטייטאָר״, בייגעווינט אַן ענלעכע סצענע אין סאָטשי, און זי האָט דאָס באַשריבן אין איר זשורנאַל. דער קאָנצערט איז באַשטאַנען פון „וואַריעטע״־כאַראַקטער, דאָס הייסט גע־זאַנגען פון פאַרשיידענע פעלקער, געגעבן פון זשאַק דוואַליאַן. ד״ר ראָזמאַרין שטאַמט פון דייטשלאַנד, האָט זי זיך ניט געקאָנט אָריענטירן אין רוסישן פּראָגראַם. דאָס האָט באַמערקט איר שכנה אין פּובליקום, און האָט איר געפרעגט צי זי רעדט פראַנצויזיש? די צוויי דאַמעס און אויך דער מאַן פון דער רוסי־שער דאַמע האָבן גערעדט פראַנצויזיש; און הגם זיי האָבן זיך גוט דערקענט, אַז זיי זיינען יידן, האָבן זיי וועגן דעם מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

ד״ר ראָזמאַרין באַמערקט, אַז דאָס פּובליקום איז דאָ געווען אַנגעטאָן פיל בעסער ווי די געוויינטלעכע פּובליקומס אין ראַטן־פאַרבאַנד. און דאָס יידישע פּאָרל, וואָס האָט מיט איר גערעדט פראַנצויזיש, איז איינגעשטאַנען אין האָטעל פּרימאָרסקאַיאַ, אַ לוקסוס־פּלאַץ פאַר דער העכערער געזעלשאַפט, ווי אַנפירנדיקע אינזשענירן, וויסנשאַפטסלייט, אינטעלעקטואַלן. ווען דער זינגער האָט געמאָלדן, אַז ער וועט אַצינד געבן אַ „יידנטאַנץ״ וועגן רבי אלימלך און זיינע פריינד, האָט די דאַמע דורכגעלאָזט אין איר פראַנצויזישער איבערזעצונג דאָס וואָרט „יידנטאַנץ״ אָבער אַרויסגעזאָגט די ווערטער „רבי אלימלך״, אַזוי גוט יידישלעך, אַז דאָס האָט איבערראַשט ד״ר ראָזמאַרין. זי האָט אָנגענומען, אַז אירע שכנים זיינען טאַקי יידן, אָבער שטאַרק אַסימילירט. ווען דער זינגער האָט געגעבן יידישע נומערן, איז דער עולם אַריין אין התפעלות, דער זאַל האָט געשטורעמט און מענטשן האָבן זיך געשטעלט אויף די שטולן ביים אַפּלאָדירן. אויך דער מאַן פון דער פרוי איז אַרויף אויף זיין שטול און אַפּלאָדירט מיטן גאַנצן כוח. ווען ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָפּגעווישט דעם שוויס פון פנים, האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי אויף יידיש: „אוי, איז דאָס גוט געווען״. און דערנאָך צו ד״ר ראָזמאַרין — מיט אַ שמייכל, אויף פראַנצויזיש: „ס׳ע זשאָלי, טרעי, טרעי זשאָלי!״

ביי די אַנדערע נומערן, די ניט־יידישע, איז אַזאַ ענטוזיאַזם ביים פּוב־ליקום ניט געווען.

דעם 5טן מאַי 1963 האָט די „ניו־יאָרק־טיימס״ געבראַכט אַ ספּעציעלע ידיעה פון מאָסקווע וועגן דעם אַרויסטריט פון אַמעריקאַנישן יידישן טענאָר יאַן פּירס. די צייטונג האָט געשריבן, אַז „זיינע העברעיִשע און יידישע לידער

זיינען געווען דער העכסטער עמאָציאָנעלער אויסדרוק פאַר זיינע צוהערער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אויסגעזען צו זיין יידן". יאַן פירס האָט געזונגען אין אַכט שפּראַכן, באַמערקט דער באַריכט און ער גיט צו, אַז „די יידן אין מאָסקווע, אורטיילנדיק לויט זייער אינטערעס צו עטנישע, מוזיקאַלישע און וואַריעטע־אונטערהאַלטן, זיינען אויסגעהונגערט נאָך אַזעלכע פאָרוויילונגען. אַן אויטאָריטעטע פּערזאָן האָט נעכטן געזאָגט, אַז אַלס בולטער אָפּרוף אויף דער פאָדערונג, האָט די מלוכהשע פאַרוויל־אַגענטור געבעטן פירסן צו פאַרלענגערן זיין באַזוך אויף נאָך אַ קאָנצערט פון אָפּערע־אַריעס און יידישע פאָלקסלידער".

דעם 18טן סעפּטעמבער 1963 האָט די „מאָרגן־פרייהייט" געדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ג. טיראָספּאָלסקי „ווי אַזוי יידן לעבן אין נאָוואָסיבירסק", צווישן אַנדערן לייענען מיר דאָרט:

„ווי נאָר עס באַווייזן זיך אין שטאָט די אַפישן מיט די מעלדונגען וועגן יידישע קאָנצערטן, אַזוי ווערט גלייך ביים יידישן עולם דערהויבן די שטימונג. מ'צעכאַפּט די בילעטן און אין אָוונט פון קאָנצערט פּוצט מען זיך אויס אין די יום־טובדיקע מלבושים, און מ'לאָזט זיך מיט פייערלעכקייט צום קאָנצערט אין אָפּערע־טעאַטער. מ'קומט מיט די הויזגעזינדן: מיט זין און שנורן, טעכטער און איידעמס, און מ'שעפּט הנאה פון די יידישע פאָלקסלידער, פון די פאַרשיידענע רעציטאַציעס און טעאַטראַלישע אינסצענירונגען. פאַרשטייט זיך, אַז די געסט־קינסטלער זיינען העכסט צופרידן פון זייער דערפאָלג ביים יידישן עולם, וועלכער באַשענקט זיי מיט ענטוזיאַסטישע, הייסע, לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, באַגלייט מיט בלומענקרענץ".

דעם 25סטן מאַי 1964 האָט דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" געשילדערט אַ קאָנצערט פון יידישן כאָר אין ווילנע, און געשריבן:

„די ווענט פון צושויער־זאַל האָבן ממש זיך געטרייסלט פון אַפּלאָדיסמענטן בעת דער כאָר און דער אָרקעסטער האָבן מיט גרויס טעמפּעראַמענט געזונגען די העראָישע לידער וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן די ווילנער פּאַרטיזאַנער און דאָס ברייט־באַקאַנטע ליד פון מרדכי געבירטיק: „עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט".

אַן ענלעכע דערשיינונג איז געווען בעת עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער פאַרבאָט אויפן יידישן וואָרט אין שריפט, און עס זיינען ענדלעך דערשינען די ערשטע יידישע ביכער אויף יידיש — ביז אַהער נאָר פון פאַרשטאָרבענע, פיר פון די פינף דערשינענע ביכער — פון גאָר לאַנג פאַרשטאָרבענע

(שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע, אשר שוואַרצמאַן, דוד בערגעלסאָן) און וועןעס האָט האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1962 די ערשטע זינט 1949 ליטעראַרישע שריפט „סאָוועטיש היימלאַנד״.

אָט די אויסגאַבן זיינען טאַקי דערשינען אין רעזולטאַט פון אַ דרוק פון אויסלאַנד, און דער עיקר פאַר אויסלאַנד, ווי יעקאַטערינאַ פורצעוואַ, די קולטור־מיניסטאָרין, האָט דאָס אָפן געזאָגט מיט אַ צייט פריער דעם סאָוויעטיש־פריינדלעכן פראַנצויזיש־יידישן כלל־טוער, אַנדעי בלומעל: „אויב מיר וועלן עפּעס טאָן פאַר דעם ((פאַר אויפלעבן די יידישע קולטור), וועט דאָס זיין מער צו געפעלן אונדזערע פריינד אין אויסלאַנד ווי צוליב אַ באַדערפעניש דאָ״. געדרוקט האָט מען די ביכער אין 30,000 עקזעמפּלאַרן, און די ליטעראַרישע שריפט („סאָוועטיש היימלאַנד״) — אין 25,000. לאָמיר אָננעמען, אַז גאַר אַ גרויסער טייל פון דעם איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, בלייבט אָבער אַלץ אַ פאַקט, אַז דער טיראַזש פון די ביכער און פון דער צייטשריפט איז געווען אַ סך אַ גרעסערער ווי פאַרן פאַרבאָט. וויפל עס איז ניט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פאַרן היימישן מאַרק, איז דאָס גלייך צעכאַפּט געוואָרן. דער רעדאַקטאָר פון דער שריפט, אַרן ווערגעליס, האָט דערקלערט, אַז פאַר די ערשטע דריי חדשים, וואָס די שריפט האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָט די רעדאַקציע באַקומען 1500 בריוו פון לייענער.

דעם 26סטן מאַי 1963 האָט די „ניו־יאָרק־טיימס״ געבראַכט אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע מיט אַ באַריכט וועגן אַ באַגעגעניש פון די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיט די לייענער פון דער צייטשריפט — אַזוי ווי עס איז דער מנהג אין ראַטן־פאַרבאַנד. איינלאַדונגען צו דער באַגעגעניש זיינען, לויטן באַריכט, צעשיקט געוואָרן צו די 800 אַבאָנענטן פון דער שריפט אין מאָסקווע, און געקומען זיינען העכער 700. דער עולם איז באַשטאַנען בעיקר פון מיטליאָריקע מענטשן, אין די פערציקער און פופציקער, מיט אַ ביסל יונגעלייט. טייל פון דעם עולם, זאָגט דער באַריכט, האָבן געהאַט שוועריקייטן ביים פאַרשטיין די פאַרהאַנדלונגען אויף יידיש, און איין יונגערמאַן האָט געבעטן, אַז מען זאָל ריידן אין רוסיש. אַגב, האָבן מענטשן פון עולם געשטעלט פראַגעס, וואָס האָבן דירעקט מיטן זשורנאַל ניט צו טאָן, ווי, למשל, וויפל יידן עס געפינען זיך אין מאָסקווע?

האָבן מיר אין דער איינער שטאָט מאָסקווע אַליין העכער 800 אַבאָנענטן אויף אַ יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס כמעט אַלע פון זיי האָבן אַן אינטערעס צו קומען אין אַ שטיקנדיקער נאַכט צו אַ באַגעגעניש מיט די

שרייבער און אַ שמועס וועגן זשורנאַל! און עס זיינען דאָך געקומען אַפילו אַזעלכע יידן, וואָס באַהערשן ניט גוט דאָס יידישע לשון, דאָס הייסט, אַז אַפילו די אַסימילירטע יידן האָבן ניט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור. קען מען זיך פאָרשטעלן ווי גרעסער עס וואָלט געווען דער באַ־זוך און טיפער דער אינטערעס ביי אַזעלכע באַגעגענישן אין די אַנדערע שטעט, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז ווייניקער אַסימילירט!

אַן אויסצוג פון אַ בריוו פון אַ יידישער סאָוויעטישער פרוי צו אירער אַ קרובה אין ישראל (דער בריוו איז געווען אָפּגעדרוקט אין „דבר"), לייענט זיך אַזוי:

„נעכטן איז אויסגעפאַלן אַ גרויסע היסטאָרישע דאַטע: מיט 16 יאָר צו־ריק האָבן די „פאַראייניקטע נאַציעס" באַשלאָסן אויפצושטעלן די מדינת ישראל. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע משפחות אין דער דירה פון י. כדי צו פייערן צוזאַמען דעם גרויסן יום־טוב פון יידישן פאָלק. עס האָבן זיך צווישן אונדז אויך געפונען יוגנטלעכע און סטודענטן. צווישן אונדז האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז באַהאַוונט אין דער יידישער געשיכטע, האָט ער אונדז דער־ציילט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און וועגן קאַמף פאַר דער יידישער מדינה פאַר איר אויפקום. אָט דער מענטש האָט אַלצדינג געוווּסט, און מיר זיינען אים געווען זייער דאַנקבאַר. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם העלדישן קריג פון דער הגנה־אַרמיי, און מיר האָבן געטרונקען מיט דורשט זיין יעדן וואָרט, וואָרעם אָט דאָס אַלץ איז פאַר אונדז געווען כמעט אומבאַוווּסט. איך בין זיכער, אַז אונדזערע יונגעלייט זיינען אַוועק פון אָט דעם אָוונט מיט אַ גרויסער גייסטיקער באַרייכערונג. און הלוואי זאָלן מיר זיך נאָך זען און זיין צוזאַמען. מיר האָבן געטרונקען לחיים און אויפגעהויבן אַ כוס פאַר ישראל".

איז ווי קאָן מען נאָך אַלץ ריידן, אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען אַסי־מילירט, ווילן ניט אויפהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע קולטור, און האָבן ניט קיין אינטערעס צו ישראל און צום יידישן פאָלק בכלל?

וואָס שייך דער אַפּלייקענונג פון דעם, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז דאָרט ווערט ניט געמאַכט קיין אונטער־שייד צווישן ייד און ניט־ייד — וועט דאָס גענויער באַהאַנדלט ווערן אין די פאַרשיידענע קאַפּיטלעך פון דעם דאָזיקן בוך. דאַ דאַרף נאָר אָנגעמערקט ווערן דער גרונט־פאַקט:

די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוי פיל ניט געעוסקט מיט דער ספּעציפישער יידישער לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד

ווי היינט. יעדער, וואָס קומט צוריק פון אַ באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, פון יידישן געלערנטן און דערפאַרענעם אינפאָרמירטן קאָרעספּאָנדענט ביזן צו־פעליקן טוריסט, אויב ער האָט זיך נאָר געטראָפן מיט יידן, ברענגט דעם גרוס, אַז דער סאָוויעטישער ייד „פילט זיין יידישקייט", מען גיט דאָס אים צו פילן, הייסט עס, הן אין דער אַלגעמיינער באַציִונג און הן אין די אויסנאַמען לגבי אים אויף אַ ריי געביטן פון סאָוויעטישן לעבן. עס קומען אָן ידיעות וועגן סאָציאַלער דיסקרימינאַציע און וועגן אַ ספּעציעלער רעליגיעזער פאַר־פאָלגונג, שוין אָפּגערעדט פון קולטורעלע אונטערדריקונג. קאָן דען זיין אַזוי פיל רויך אין גאַנצן אָן פייער ?

אויסער דעם, גיבן די סאָוויעטישע פירער גופא אָפּט מאָל צו, אַז עס ווערט יאָ געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן ייד און ניט־ייד, און אַז זיי האָבן יאָ אַ פּראָבלעם מיט יידן אין זייער לאַנד. און ערשט דאָ קומט אַרויס די סתירה אין זייער שטעלונג לגבי די יידן.

קודם, זאָגן זיי, אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען שוין פון לאַנג לחלוטין אַסימילירט צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און דעריבער, דאַרף דאָס הייסן, האָבן זיי ניט קיין אייגן קולטור־לעבן. אַזוי האָט דער פירנדיקער אידעאָלאָג פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיכאַאיל סוסלאָוו דערקלערט אין 1957 דעם פּראָפעסאָר העראָמאַן לעווי פון לאָנדאָן, דעמאָלט אַ פיגור אין דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „די ריזיקע מערהייט (פון די סאָוויעטישע יידן) איז פולשטענדיק אינטעגרירט אין רוסישן לעבן... זי האָט ניט קיין שום אינטערעס אין אויפהאַלטן אַ באַזונדערער קולטור... עס וואָלט אַזוי געהאַט אַ זין אַרויסצוגעבן אַ יידישע שריפט פאַר די 500,000 יידן פון מאָסקווע ווי אַרויסצוגעבן אין פאַריז אַ שריפט אין דער שפּראַך פון די באַסקן". (די באַסקן זיינען אַן אַלט פאָלק אין צפון־שפּאַניע, וואָס זיין לשון אונטערשיידט זיך לחלוטין פון וועלכער עס איז אַנדערער אייראָפּעיִשער שפּראַך).

דאָס אייגענע האָט אין יאָר 1958 דערקלערט אַנאַסטאַס מיקאָיאַן, דער במקום־פּרעמיער פון ראַטן־פאַרבאַנד, פאַר די קאָרעספּאָנדענטן ביי „די פאַר־אייניקטע נאַציעס" אין ניו־יאָרק. „ניטאָ קיין יידישער פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד; און אויב עס' איז ניטאָ קיין יידישע קולטור, איז דאָס די שולד פון יידן אַליין... אַלע פעלקער זיינען ביי אונדז אַבסאָלוט פריי צו אַנטוויקלען זייער קולטור־טעטיקייט, די יידן צוגלייך מיט די אַנדערע. אָבער די יידן האָבן זיך אינטעגרירט מיט די רוסן, און דאָס איז ניט אונדזער עסק".

און דאָס זעלבע האָט געזאָגט ניקיטאָ כרושטשאָוו אין יאָר 1959 אויף

זיין אַרויסטריט פאַרן נאַציאָנאַלן פּרעסע־קלוב אין וואַשינגטאָן: „עס עקזיסטירט בכלל ביי אונדז ניט קיין נאַציאָנאַלער פּראָבלעם... מיר באַטראַכטן יעדן מענטשן דורכויס לויט זיין אייגענעם פאַרדינסט“.

דעם 1טן מאַרץ 1963 האָט כרושטשאָוו ווידער געזאָגט דאָס אייגענע אין זיין ענטפער צום ענגלישן פילאָסאָף בערטראַנד ראַסעל (געניויער וועגן דעם אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל):

„אין די לעצטע עטלעכע חדשים האָט די מערבדיקע בורזשואַזע פּרעסע ווידער גענומען פויקן וועגן אַזוי־געררופענעם אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַר־באַנד. איך דערקלער מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז דאָס איז אַ גראָבע פאַבריקאַציע, אַ בייזוויליקער בילבול אויפן סאָוויעטישן פאָלק און אויף אונדזער לאַנד... אונדזער קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט די גלייכע רעכט פון די בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, און שטעלט פעסט, אַז יעדער אַרויסטריט פאַר ראַסן אָדער נאַ־ציאָנאַלע אויסשליסלעכקייט, האָס אָדער פאַראַכטונג ווערט באַשטראָפט דורכן געזעץ“.

אָבער וואָס זאָגן די סאָוויעטישע פירער ווען עס קומט צו דער פּראַקטיק, צו די אַקטועלע באַדינגונגען פון סאָוויעטישן לעבן?

יעקאַטערינאַ פורצעוואַ איז ביז דאָ ניט לאַנג געווען די איינציקע פרוי אין פּרעזידיום פון העכסטן ראַט אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זי אין אַן אינטערוויו מיט אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, ריידנדיק וועגן יידן, געזאָגט, „אַז אין געוויסע געביטן איז געוואָרן נייטיק צו באַגרענעצן יידן, מחמת זיי האָבן דאָרט באַטראָפן אַ צו גרויסן פּראָצענט פון פּערסאָנאַל“. דאָס איז, נאַטיר־לעך, אָנגענומען געוואָרן אין מערב ווי אַ באַשטעטיקונג פון די ידיעות וועגן דיסקרימינאַציע קעגן יידן. די מאַדאַם פורצעוואַ האָט דאָס אויפגעקלערט פאַר אַ לינקער אַמעריקאַנער צייטשריפט מיט אָט די ווערטער: „די רעגירונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין געוויסע סעקטאָרן געפינט זיך אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון יידישע מענטשן, העכער פון פופציק פּראָצענט פון די באַשעפטיקטע. זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען אַריבערצופירן זיי אין אַנדערע אונטער־נעמונגען, ווו מען האָט זיי געגעבן פונקט אַזעלכע גוטע שטעלעס און אַן שאָדן פאַר זייערע רעכט“.

איז אויב עס איז טאַקי אַזוי ווי סוסלאָוו האָט געזאָגט, אַז די סאָוויע־טישע יידן זיינען „פולשטענדיק אינטעגרירט אין רוסישן לעבן“, און אויב מיקאָיאַן האָט געזאָגט דעם אמת, אַז „די יידן האָבן זיך אינטעגרירט מיט די

רוסן״, איז פאַר וואָס זאָל דער רעגירונג אַרן צי עס געפינען זיך צען פּראָצענט יידן אין אַן אָפּטייל, צי זעכציק פּראָצענט? ווי קומט מען גאָר צו באַמערקן וויפל יידן עס געפינען זיך אין אַן אָרט? און נאָך חשבונען אויף פּראָצענטער? און אויב עס איז אמת ווי כרושטשאָוו האָט געזאָגט, אַז מען באַטראַכט „איטלעכן מענטש דורכויס לויט זיין אייגענעם פאַרדינסט״, איז פאַר וואָס זאָל מען אַריבער־פירן אַ מענטש פון איין אָפּטייל צו אַ צווייטן — אַפילו אויב טאַקי אויף פּונקט אַזאַ גוטער שטעלע — נאָר דערפאַר, וואָס דאָרט געפינען זיך שוין צופיל יידן און ער איז אַ ייד? וואָס איז בכלל דער אונטערשייד צי איינער איז אַ ייד, צי ניט, אויב מען מאַכט ניט קיין אויסנאַם צווישן ייד און ניט־ייד?

כרושטשאָוו גופא האָט גערעדט וועגן ענין סאָוויעטישע יידן מיט אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביי די אַנגעגעבענע געלעגנהייטן. עס איז פאַראַן אַ טראַנסקריפּט פון אַ געשפּרעך צווישן כרושטשאָוון און די פראַנצויזן, דאַטירט פון שבת, 12 מאַי 1956. כרוש־טשאָוו דערציילט דאָרט וועגן די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און האָבן זייערע אייגענע רעפּובליקן, וועלכע ער אַליין קען ניט געדענקען זייער צאָל. און קומט ער צו יידן, זאָגט ער אַזוי:

„אַנטיסעמיטישע געפילן עקזיסטירן נאָך ביי אונדז. זיי זיינען איבער־בלייבן פון אַ רעאַקציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז אַ קאָמפּליצירט פּראָב־לעם צוליב דעם אָרט, וואָס יידן פאַרנעמען און צוליב זייערע באַציִונגען מיט אַנדערע פעלקער. ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָבן מיר געהאַט אַ סך יידן אין דער פירערשאַפט פון דער פאַרטיי און פון דער מלוכה. זיי זיינען געווען מער געבילדעט, אפשר מער רעוואָלוציאָנער, ווי דער דורכשניטלעכער רוס. מיט דער צייט האָבן מיר געשאַפן נייע קאַדרען...״ דאַ האָט כרושטשאָוון איבערגעשלאָגן אַן אַנדערער וויכטיקער פירער פון דער פאַרטיי, פּערוווכין, כדי צו דערקלערן וואָס כרושטשאָוו האָט געמיינט מיטן אויסדרוק „נייע קאַדרען״. פּערוווכין האָט דאָס אַזוי אויסגעטייטשט: „אונדזער אייגענע אינטעליגענץ״. און כרושטשאָוו האָט פאַרגעזעצט:

„זאָלן די יידן היינט וועלן פאַרנעמען די וויכטיקסטע שטעלעס אין אונדזערע רעפּובליקן, וואָלט דאָס, נאַטירלעך, שלעכט אויפגענומען געוואָרן פון דער אָרט־געבוירטיקער באַפעלקערונג. יענע וואָלטן קרום געקוקט אויף אָט די פּרעטענזיעס, איבערהויפּט ווען זיי באַטראַכטן זיך פאַר ניט ווייניקער אינטעליגענט און ניט ווייניקער פעִיק ווי די יידן. אָדער, למשל, ווען אַ ייד אין אוקראַיִנע ווערט באַשטימט אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן און ער רינגלט זיך

אַרום מיט יידישע מיטהעלפער, איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס זאָל אַרויסרופן קנאה און פיינטשאַפט צו יידן".

זאָגט שוין כרושטשאָוו אַליין, אַז עס עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז דאָס איז „אַ קאָמפּליצירט פּראָבלעם". און דאָס וואָס כרושטשאָוו האָט דערקלערט אין אַמעריקע, אַז מען „באַטראַכט איטלעכן מענטשן לויט זיין אייגענעם פאַרדינסט", איז שוין, ווינציקסטנס לגבי יידן, ניט ריכטיק, וואָרעם דעמאָלט וואָלט דאָך ניט געקאָנט זיין קיין „קנאה" און קיין „שלעכט אויפנעמען" ווען אַ ייד פאַרנעמט אַ ריכטיקן פּאָסטן, צי קיין אינטערעס ווער זיינע „מיטהעלפער" זיינען. הייסט עס, אַז די יידישקייט פון דעם ייד קומט יאָ אין באַטראַכט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן פּאָסטן. ווו זשע איז די גרענעץ צווישן דעם וויכטיקן פּאָסטן און דעם ניט וויכטיקן, ווען עס קומט צום געבן אַ ייד אַ שטעלע? און פאַר וואָס זאָל דער טשינאָווניק וואָס טיילט אויס שטעלעס פון דער צווייטער קאַטעגאָריע וויכטיקייט ניט נעמען אין באַטראַכט די יידישקייט פון דעם ייד, אויב דאָס ווערט יאָ געטאָן פון העכערן טשינאָווניק בנוגע דער ערשטער קאַטעגאָריע שטעלעס? פאַר וואָס זאָל ער זיין פּויפּסטלעכער פון פּויפּסט?

די לאַגע ווערט ערנסטער, און פאַר יידן טראַגישער, ווען איר קוקט אַריין טיפער אין כרושטשאָווס רייד.

אין די פאַרשיידענע רעפּובליקן פון ראַטן־פאַרבאַנד, זאָגט כרושטשאָוו, באַטראַכטן די אָרטגעבירטיקע דאָס פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּאָסטן דורך אַ ייד, ווי אַ „פּרעטענזיע", און זיי קוקן קרום דערויף. הייסט דאָך דאָס, אַז זיי באַטראַכטן ניט דעם ייד ווי איינעם פון זיך, ווי איינעם פון די אייגענע אָרט־געבירטיקע, נאָר ווי איינעם וואָס איז אַ פרעמדער, צי אַ זייטיקער, צי אויף אַן אַנדער אופן אַנדערש, און דעריבער פאַר ניט באַרעכטיקט צו זיין אַבסאָלוט גלייך מיט די „אייגענע". אין אוקראַינע ווידער, ווו דער ייד לעבט שוין אַ טויזנט יאָר, באַטראַכטן די אוקראַינער דעם ייד אויך ניט פאַר איינעם פון זיך, ווי אַן אוקראַינער, נאָר ווי אַזאַ, וואָס איז אַנדערש פון זיי, אַ פרעמדער צי אַ זייטיקער, וואָס איז ניט באַרעכטיקט צו די זעלבע הויכע פּאָסטנס ווי דער אוקראַינער, און דעריבער שאַפט זיך „קנאה" ווען אַ ייד פאַרנעמט דעם הויכן פּאָסטן און דאָס רופט אַרויס „פיינטשאַפט צו יידן". ווו זשע אין ראַטן־פאַרבאַנד איז דער ייד טאַקע אין דער אמתן אַן אייגענער, אַן אָרטגעבירטיקער, ווו אַלע זאָלן דאָס באַטראַכטן פאַר נאַטירלעך, ווען ער פאַרנעמט אַפילו דעם סאַמע וויכטיקסטן פּאָסטן? פאַר וואָס איז דאָס געפיל פון „קנאה" און „פיינט־

שאַפט" „פאַרשטענדלעך" און מוז געמומען ווערן אין באַטראַכט נאָר לגבי יידן.

מוז געמאַכט ווערן דער אויספיר, אַז די אַלע רייד וועגן דעם, אַז די יידן זיינען „פולשטענדיק אינטעגרירט אין רוסישן לעבן" און אַז די יידן „האָבן זיך אינטעגרירט מיט די רוסן", גילטן נאָר דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידן, צו וואָס זיי זיינען באַרעכטיקט צוגלייך מיט די אַנדערע פעלקער, אָבער זיי האָבן דאָס ניט. דאָ רוקט מען אַרויס די אויסגעטראַכטע אינטעגראַציע, ווי אַן אויסרייד אויף צו באַרויבן די יידן פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט. אָבער ווען עס קומט צו דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישערווירקלעכקייט, צו דער פּראַקטיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פאַרגעסן די סאָוויעטישע פירער אין דער יידישער אינטעגרירונג און באַטראַכטן די יידן ווי יידן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, וואָס לעבט ווי אַ מינדערהייט אין אַ מערהייט און זי קאָן דעריבער ניט געניסן די אַבסאָלוטע פולע רעכט וואָס די מערהייט. אַ קאָנקרעטער ביישפּיל וועט דאָס מאַכן קלאָרער:

אין אוקראַינע לעבן נאָך היינט קרוב צו אַ מיליאָן יידן. אַ מאָל, אין די דרייסיקער יאָרן, האָבן זיי דאָרטן געהאַט אייגענע יידישע שולן, יידישע ציטונגען, יידישע ביכער־פאַרלאַגן, אַ יידישע אַקאַדעמיע, יידישע טעאַטערס, סינאַגאָגעס און אַפילו לאָקאַלע יידישע אַדמיניסטראַציעס, וווּ יידן זיינען געווען אַ מערהייט. היינט איז דאָרטן פון דעם גאַנצן יידישן קולטור־לעבן גאָרניט פאַרבליבן — אויסער די סינאַגאָגעס. דאָס ווערט דערקלערט מיטן אויסרייד, אַז די יידן אין אוקראַינע האָבן זיך אַסימילירט, געוואָרן אוקראַיניש, און זיי דאַרפן ניט, און ווילן ניט, קיין נאַציאָנאַל קולטור־לעבן, מחמת זיי האָבן זיך אינטעגרירט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מיט אַנדערע ווערטער: די יידן זיינען געוואָרן אוקראַינער.

אָבער אַז אַ ייד דאַרף פאַרנעמען אַ הויכן פּאָסטן אין אוקראַינע, ווערט שוין דער ייד אויס אוקראַינער און צוריק אַ ייד, און זיין פאַרנעמען דעם וויכטיקן פּאָסטן רופט „פאַרשטענדלעך" אַרויס, לויט כרושטשאָווס ווערטער, „קנאה און פיינטשאַפט צו יידן". ווי האָבן זיך געמומען יידן אין אוקראַינע? זיי זיינען דאָך שוין געוואָרן אינטעגרירט אין דער אוקראַינישער באַפעלקערונג!

אַ יידישער פּראָפעסאָר פון קיעווער אוניווערסיטעט האָט מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע: ער איז געווען דער אַנגעזעענסטער פּראָפעסאָר אין זיין פאַקולטעט, און מיטן לענגסטן סטאַזש. ס'איז געווען ווי אַנגענומען, און ווען דער הויפּט פון פאַקולטעט וועט שטאַרבן, אָדער אַריבער אין פּענסיע, וועט אָט דער יידישער פּראָפעסאָר פאַרנעמען זיין אָרט. איז געשען, אַז דער הויפּט פון

פאַקולטעט איז טאַקע אַריבער אויף פענסיע, אָבער זיין אַמט האָט מען איבער־
געגעבן ניט דעם יידישן פראָפעסאָר, נאָר אַן אוקראַיִנער, וואָס האָט געהאַט
אַ קלענערע רעפּוטאַציע אויף דעם געביט און ווייניקער סטאַזש אויפן פאַ־
קולטעט. דער יידישער פראָפעסאָר איז געקומען מיט אַ טענה צום רעקטאָר
פון אוניווערסיטעט: וואָס הייסט, מען האָט די שטעלע אָפּגעגעבן יענעם,
ניט אים? ווו איז יושר? האָט דער רעקטאָר דען ניט געוווסט, אַז לויט יעדן
אַקאַדעמישן מאָטיוו האָט דער אַמט געדאַרפט געהערן צו אים? דער רעקטאָר
האָט אים דערויף געגעבן אַן אָפנהאַרציקן ענטפער: „איר פאַרגעסט, מיין
פריינד, אַז אַט דעם אוניווערסיטעט האָט מען ניט אַ נאָמען געגעבן נאָך שלום
עליכם; ער טראָגט דעם נאָמען פון שעווטשענקאָ".

דער פשט פון דעם איז געווען, אַז אויב דאָס איז אַן אוקראַיִנישער אוני־
ווערסיטעט, האָט דער אוקראַיִנישער קאַנדידאַט דאָ די בכורה.

אָבער אויב דער ייד אין אוקראַיִנע איז טאַקי אַן אוקראַיִנער, אַסימילירט
און אינטעגרירט אין אוקראַיִנער פאָלק, האָט ער דאָך באַדאַרפט האָבן די זעלבע
רעכט אין אוקראַיִנע — אַפילו אין אוניווערסיטעט וואָס טראָגט דעם נאָמען
פון שעווטשענקאָ — ווי די אַנדערע אוקראַיִנער. און אויב דער ייד אין אוקראַיִנע
איז ניט קיין אוקראַיִנער, נאָר אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק, ווען עס קומט
צו אַן אויסוואַל, דאַרף ער דאָך אויך זיין אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק אין פרט
פון נאַציאָנאַלע רעכט.

בכלל עקזיסטירט אַ סאָרט בכורה אין אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, פאַר
די מענטשן וואָס געהערן צו דער רעפּובליקאַנישער נאַציאָנאַליטעט. אין אוקאַ־
יִנע, למשל, ווען עס קומט צום באַזעצן אַן אַמט, אויף וועלכן עס זיינען דאָ
עטלעכע בעלנים, וועט דאָס געגעבן ווערן אַן אוקראַיִנער, אויב ער איז אַזוי
קוואַליפיצירט ווי די אַנדערע. ער האָט דאָ די בכורה, מחמת ער איז דאָ ביי
זיך אין אייגענעם לאַנד, אין דער אייגענער רעפּובליק, און עס איז דער ערש־
טער חוב פון דער מאַכט צו דערהייבן דאָס פאָלק פון דער רעפּובליק. די איינ־
וווינער, וואָס געהערן עטניש צו אַן אַנדער פאָלק, ווערן דעריבער געשטעלט
אויף דער צווייטער מדרגה. דערפאַר זיינען יענע מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק
אויף דער ערשטער מדרגה אין זייער אייגענער נאַציאָנאַלער רעפּובליק, ווו
דער אוקראַיִנער קען זיך געפינען אין דער צווייטער מדרגה. עס איז ניטאָ
אַזאַ געזעץ, אַזאַ פרינציפ, און אָפיציעל קען דאָס אַפילו אָפּגעלייקנט ווערן.
אָבער אין דער פראַקטיק פירט זיך אַזוי, סיידן עס זיינען דאָ ספּעציעלע סיבות
פאַרן מאַכן אַן אויסנאַם, ווי ספּעציעלע פעיִקייט אָדער אַ סך פּראָטעקציע.

באַקומט זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ לאַגע, אַז יעדער מענטש האָט דאָרט זיין אָרט, ווו ער באַקומט די בכורה, ווו ער איז בילכער, מחמת דאָרט איז זיין אייגענע נאַציאָנאַלע רעפּובליק, אויסער דעם יידישן מענטש — דער ייד איז אַן אויסנאַם. אומעטום געפינט ער זיך אויף דער צווייטער מדרגה, מחמת ער האָט ניט אַזאַ אייגענע רעפּובליק. לאָגיש גענומען, וואָלט דער ייד געדאַרפט האָבן זיין בכורה אין ביראָבידזשאַן, וואָס איז נאָך אַלץ אָפיציעל די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. דאָס וואָלט אָפילו געווען אַ קנאַפּע טרייסט פאַר די סאָוועטישע יידן, וואָרעם דאָרט קאָן זיך געפינען אפשר ניט מער ווי איין פּראָצענט פון סאָוועטישן יידנטום. איז אָבער די מעשה וואָס דווקא אין ביראָבידזשאַן עקזיסטירט ניט קיין בכורה בכלל. דאָרט שטאָלצירן די יידן, ווי די ניט־יידן, מיט דעם וואָס ביי זיי פרעגט מען גאָרניט אויפן עטנישן אָפּשטאַם, עס גייט קיינעם ניט אָן צו וואָסער פאָלק איינער געהערט.

עס איז ניט קיין כבוד פאַר די סאָוויעטישע פירער, וואָס דאַרפן זיין מאַרקסיסטן, צו פאַרמאַכן די אויגן אויפן שרייענדיקן פאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק אין זייער לאַנד, און אויפן יידישן פּראָבלעם, וואָס זייער געמאַכטע בלינדקייט העלפט שאַפן. און עס פאַרשאַפט זיי נאָך וויניקער כבוד, ווען זיי באַנוצן די אָפּלייקענונג פון דעם פאַקט פאַר אַן אויסרייד צו באַרויבן די סאָוויעטישע יידן פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זיי קומט לויט דער קאָנסטיטוציע און לויט די פּרינציפּן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די רעוואָלוציע — דערוואַרטונג און אַנטוישונג

מער ווי אַנדערע פעלקער אונטערן צאַרישן יאָך, האָבן די רוסישע יידן אויסגעקוקט אויפן סוף פון הערשנדיקן רעזשים. זייערע אַלע צרות האָבן זיי געזען אין עקזיסטירנדיקן פּאָליטישן סיסטעם. ווען זיי וואָלטן געקאָנט ווינען ווו זיי ווילן, זיך באַשעפטיקן מיט וואָס זיי ווילן, האָבן אַ צוטריט צו העכערער בילדונג, פאַרנעמען אַמטן אין ציווילן דינסט — קורץ, ווען אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן וואָלטן אָפּגעשאַפט געוואָרן און יידן וואָלטן געהאַט די זעלבע רעכט ווי רוסן, וואָלט דאָס רוסישע יידנטום ניט געהאַט קיין ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען, דאָס הייסט ניט מער ווי יידן אין די מערב־לענדער. און ס'איז געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן, אַז אַ נייער ליבעראַלער רעזשים, וואָס וואָלט אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענעצונגען אויף יידן, וואָלט זיי געוויס אויך געגעבן מער פרייהייט און מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין דער אייגענער קולטור.

אין דער יידישער מענטאַליטעט איז דעריבער דער גורל פון רוסישן יידנטום פאַרבונדן געוואָרן מיט דער פרייהייט־באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָס האָט ניט דווקא געמוזט פירן צו אַ סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע, אָדער אַפילו צו אַן אַקטיווער באַטייליקונג אין פרייהייט־קאַמף. עס זיינען געווען אַלט־מאָדישע יידן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אין קאַמף קעגן צאַריזם דאַרפן זיך יידן ניט מישן, מחמת עס קען זיך אויסלאָזן צו זייערע קעפּ. זאָלן די גויים אויספעכטן די זאַך צווישן זיך. די מער אויפגעקלערטע עלעמענטן, די רייכע יידן ווי דאָס יידישע קליינבירגערטום, וואָלטן זיך צופרידנגעשטעלט מיט אַזאַ קאָנסטיטוציאָנעלן סיסטעם ווי אין ענגלאַנד. זיי האָבן געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן זיך יאָ באַטייליקן אין פּאָליטישן קאַמף, אָבער אין די זעלבע ראַמען פון לעגאַליטעט ווי די ניט־יידישע ליבעראַלן. ביי די יידישע אַרבעטער און ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט צונויפגעגאָסן מיט דער שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס האָט געהייסן: אָרגאַניזירן די אַרבעטער, שטרייקן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און סאָציאַליזם.

טאָקע דעריבער איז די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד אויפגעקומען כמעט אין איין צייט מיט דער רוסישער און אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון איר. די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, דער „בונד“, איז געגרינדעט געוואָרן אַ יאָר פריער איידער וולאַדימיר לענין האָט אָרגאַניזירט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, און זעקס יאָר פריער פאַרן אויפֿקום פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. די ציוניסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן עטלעכע יאָר נאָכן „בונד“, און בלויז איין יאָר שפּעטער איז אַנטשטאַנען די ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דער סאָציאַלער באַוווסטזיין אויף דער ייִדישער גאַס איז געקומען מיטן וועלטלעכן נאַציאָנאַלן דערוואַכן. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר ווען דער „בונד“ האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט. יעדע ייִדישע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־ריכטונג האָט געזוכט איר סינטעז מיטן סאָציאַליזם, אָבער ווי פאַרשיידן די ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן געקוקט אויף דער ענדגילטיקער לייזונג פון ייִדישן פּראָבלעם, זיינען זיי אַלע געווען אייניק בנוגע דעם קאַמף קעגן צאַרישן רעזשים און בנוגע די פונדאַמענטאַלע סאָציאַלע רעפאָרמען אין רוסלאַנד, וואָס וואָלטן במילא געמאַכט אַ סוף צו דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע פון רוסישן ייִדנטום און אַוועקגעשטעלט דעם ייִדן אין רוסלאַנד אויף דער זעלבער מדרגה פון ייִדן אין מערב־אייראָפּע — און נאָך העכער. וואָרעם די רעוואָלוציע וואָלט ערשט געעפנט די שעפערישע קוואַלן פון פינף־מיליאָניקן רוסישן ייִדנטום, וואָס איז אַפילו אונטער דער צאַרישער הערשאַפט געווען טיפער איינגעוואָרצלט אין דער אַלטער ייִדישער קולטור און אין ייִדישן אַרט לעבן, איידער די ייִדן פון מערב־אייראָפּע.

די אַסימילירטע ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. היות ווי כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן צוליב זייער אונטערערדישער טעטיקייט פיגורירט אונטער פּסעוודאָנימען, האָבן אויך די ייִדישע טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיך גענומען אַנדערע, און צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, רוסישע נעמען. אָט די ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך אַנגעזען אין דער פירערשאַפט פון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אַפילו אַזאַ כאַראַקטעריסטיש רוסישע פּאַרטיי, ווי די אַגראַר־טעראָריסטישע „עס־ער“, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, האָט צווישן אירע פינף גרינדער געהאַט דריי ייִדן. (אַגב, זיינען אָט די דריי שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער און קולטור־באַוועגונג — ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. אַנ־סקי און מענדל ראָזענ־

בוים). דאָס דערקלערט זיך קודם מיט דעם, וואָס די צאָל פירער פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג איז בכלל געווען אַ קליינע און יעדער האָט זיך אָנגעזען; און דערצו זיינען די יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון בור־זשואַזע היימען מיט אַן אַלטער קולטור־טראַדיציע, און מייסטנס שטודירט אין אויסלאַנד — געווען טיפער באַהאַווענט מיט דער סאָציאַליסטישער אידעאָ־לאָגיע און ברייטער אָריענטירט אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציע בכלל. אַט דאָס האָט ניקיטאַ כרושטשאָוו געקאָנט האָבן אין זין בעת ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ווען די רעוואָלוציע איז געקומען, זיינען די יידן אפשר געווען בעסערע רעוואָלוציאָנערן".

עס דאַרף דעריבער ניט זיין קיין חידוש, וואָס בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך געפונען אַ היפּשע צאָל יידן סיי צווישן די פירער פון די מענשעוויקעס און סיי צווישן די פירער פון די באָלשעוויקעס.

די יידישע אָריענטאַציע אויף אַ רעוואָלוציע קעגן צאַריזם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין באַרעכטיקט. ווי נאָר די צאַרישע הערשאַפט האָט זיך גענומען וואַקלען, האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן אין שענדלעכן בנין פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט. און ווען דער צאַריזם איז אין גאַנצן אומגעוואָרפן געוואָרן, האָט לאַנג ניט געדויערט, און אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן.

באַלד ביים אויסברוך פון ערשטן וועלטקריג, האָט די צאַרישע רע־גירונג עוואַקויִרט הונדערטער טויזנטער יידן פון די מערב־פּראָווינצן טיפער אין רוסלאַנד. זי האָט געוויס מיט דעם ניט געמיינט די טובה פון די יידן, אָדער אָפּשאַפן די וווינרעכט־באַגרענעצונג. פאַרקערט, דאָס האָט געהייסן, אַז מען קען יידן ניט געטרויען צו געפינען זיך נאָענט פון מלחמה־פראָנט. מיט דעם האָט מען זיי צוגעגרייט צו ווערן דער קרבן, צו וואַרפן אויף זיי די שולד, אויב עס זאָל ניט גיין גוט אויפן שלאַכטפעלד. אָבער דערווייל זיינען אַ סך יידן אַרויס פון זייער ענגן תחום און זיך צעשפּרייט איבער טיילן פון לאַנד, וווּ זייער פוס האָט ביז איצט ניט געטאָרט אַריינטרעטן (פּאַקטיש זיינען נאָר מאָסקווע, פּעטראָגראַד און קיִעוו געבליבן פאַרשלאָסן פאַר זיי), און רוסלאַנד האָט זיך פון דעם ניט איבערגעקערט. אַנשטאָט דאָס זאָל אַרויסרופן דעם צאָרן פון פאָלק קעגן די עוואַקויִרטע יידן, איז גאָר, צוליב זייער שרעקלעכער לאַגע, אַנטשטאַנען אַ סימפּאַטיע צו זיי. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען רעזאָלוציעס פון סוחרים־פאַרבאַנד, פון אַדוואָקאַטן־קאַמער, און אַפילו פון פויערשן עלע־מענט, ווי די זעמסטוואָס — וואָס האָבן געפאָדערט אָפּצושאַפן די באַגרענע־

צונגען אויף יידן אין זייערע געביטן. אין די לעצטע טעג פון דער דומאַ האָט אַ רעדע, וואָס האָט אַפּעלירט צו געבן גלייכע רעכט פאַר יידן, אַרויסגערופן אַ שטורעם אין זאַל.

צוויי וואָכן נאָך דעם ווי דער צאַר האָט אָפּגעדאַנקט (15טער מאַרץ 1917), האָט דאָס מיניסטעריום פון אַרמיי און פלאָט אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענעצונגען אויף יידן אין דעם מיליטער. דעם 5טן אַפּריל 1917 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט פון דער לוואָוו־רעגירונג, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענע־צונגען אויף יידן, און אויסגערעכנט אַלע געביטן געגנוי, ווי אין פרט פון וווינ־אָרט, פון אַרומפאָרן, באַזיצן אַלע סאָרטן אייגנטום, איינגעשלאָסן באָדן, פון גלייכן צוטריט צו אַלע בילדונג־אינסטיטוציעס, צו אַלע באַשעפטיקונגען, אַלע סאָרטן טעטיקייטן, באַטייליקן זיך אין ציווילן און מיליטערישן דינסט — צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד.

דער היסטאָרישער אמת איז, אַז ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבער־גענומען די מאַכט דעם 7טן נאָוועמבער 1917, האָבן שוין די יידן אין רוסלאַנד געהאַט אַלע רעכט אין משך פון זעקס חדשים. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן דאָס אויך פּראָקלאַמירט פון דאָס ניי. אַ וואָך נאָכן נעמען די מאַכט, האָט דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פּראָקלאַמירט, אַז אַלע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּריווילעגיעס און באַגרענעצונגען ווערן אָפּגעשאַפט און אַז אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און עטנישע גרופּעס אין רוסלאַנד זיינען פריי צו אַנטוויקלען זייער אייגן קולטור־לעבן.

אויסגעלייזט פון צאַרישן גלות, פריי צו פירן זייער יידיש אָרט לעבן — וואָס האָבן די רוסישע יידן געקאָנט דערוואַרטן מער פון דער רוסישער רעוואָלוציע?

ווי ביי דער גרויסער מערהייט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז אויך ביי די רוסישע יידן געווען מער סימפּאַטיע פאַר די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען ווי פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. (צווישן די 707 דעפּוטאַטן אין די איינציקע פרייע וואַלן נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען בלויז 175). אָבער ווען דער בירגערקריג איז אויס־געבראָכן, האָבן די רוסישע יידן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון באָלשעוויס־טישן רעזשים. וואָרעם ווו נאָר די ווייסגוואַרדייער זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן און דורכגעפירט שרעקלעכע שחיטות. אַפילו אויף דער טעריטאָריע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער באָלשעוויסטישער מאַכט, האָבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן געהעצט קעגן יידן און

גערופן צו פּאָגראָמען, נאָר די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט באַשיצט די יידן. לענין האָט ריכטיק באַגריפן, אַז מיט דער העצע און מיט די פּאָגראָמען אויף יידן האָבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן געמיינט אונטערצוגראָבן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. לענין האָט אָפן געזאָגט אין דער דערקלערונג פון ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן פון 27סטן יולי 1918: „דער אַנטיסעמיטיזם און די פּאָגראָמען זיינען אַ סכנה פאַר דער רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פויערים", און ער האָט באַפוילן אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן דעם.

אין יענער דערקלערונג איז געווען געזאָגט:

„די בורזשואַזע קאָנטער־רעוואָלוציע נעמט איבער אין אירע הענט דאָס וואָפן, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די צאַרישע הענט. ווי נאָר די אויטאָקראַטישע רעגירונג האָט געפונען פאַר נייטיק אָפּצווענדן פון זיך דעם צאָרן פון פאָלק, האָט זי אים אָנגעצילט קעגן יידן. די רייכע יידן האָבן שטענדיק באַוויזן זיך צו באַשיצן. די קרבנות, די געהרגעטע אין די העצערייען, גוואַלדטאַטן, זיינען געווען די אָרעמע יידן. איצט הייבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווידער אָן אויפצוהעצן די מאַסן קעגן יידן, אויסנוצנדיק דעם הונגער, די אויסגעשעפּטקייט און אויך די ניטאויפגעקלערטקייט פון די שטאַרק צוריקגעשטאַנענע מאַסן, און דעם איבערבלייב פון שנאה צו יידן, וואָס די אויטאָקראַטיע האָט איינגעפלאַנצט אין פאָלק.

„אין דער רוסישער רעפּובליק, ווו עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פּרינציפּן פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער, קאָן ניט זיין קיין אָרט פאַר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. דער יידישער בורזשוי איז אונדזער שונא ניט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ בורזשוי. דער יידישער אַרבעטער איז אונדזער ברודער. יעדע העצעריי קעגן יעדן פאָלק איז ניט דערלאָזבאַר, קרימינעל און עקלדיק.

„דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן דערקלערט, אַז די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג און די פּאָגראָמען אויף יידן צעשטערט דעם ציל פון דער רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פויערים, און רופט דעם אַרבעטנדיקן פאָלק פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן דער דאָזיקער פּלאָג. נאַציאָנאַלער האַס שוואַכט אָפּ אונדזערע רייען און די איינִיקייט פון אַרבעטער־פראָנט, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, און איז ניט מער ווי אַ שטיצע פאַר אונדזערע שונאים.

„דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן באַפעלט אַלע סאָוועטישע אינ־

סטאַנצן אָנצונעמען אַנטשיידענע מיטלען אויסצוראָטן מיטן וואָרצל די אַנטי־סעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און די פּאָגראָם־העצער מוזן געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ".

צווישן די פּאָגראָמען און שחיטות מצד די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן פון איין זייט, און דעם ענערגישן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם מצד דעם באָלשעוויסטישן רעזשים — פון דער צווייטער זייט, האָבן די רוסישע יידן נאַטירלעך קיין ברירה ניט געהאַט. אַפילו אויסגעשפּראָכענע יידישע פּרינציפּיעלע קעגנער פון באָלשעוויזם האָבן שלום געמאַכט מיטן לעניִנשן רעזשים, האָפנדיק, אַז מיט דער צייט, ווען דער בירגערקריג וועט זיך ענדיקן און דער קריטישער פּעריאָד וועט אַוועק, וועט דער באָלשעוויסטישער רעזשים אָננעמען אַ מער דעמאָקראַטישן און פריהייטלעכן כאַראַקטער. די רוסישע יידן האָבן ניט נאָר געהאָלפן מאַכן די רעוואָלוציע, זיי האָבן אויך אַוועקגעגעבן דאָס לעבן כדי זי צו פאַרטיידיקן.

אין משך פון אַ צייט האָט עס אויסגעזען, אַז לעניִנס צוזאָג פון זעלבסט־באַשטימונג פאַר אַלע פעלקער וועט אויך גילטן לגבי יידן. אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט דער באָלשעוויסטישער רעזשים כמעט גאָרנישט געטאָן אויף צו שטערן דעם נאַציאָנאַלן אויפלעב פון רוסישן יידנטום. די נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונג און די נאַציאָנאַלע קולטור־טעטיקייטן האָבן זיך צעבליט ביים רוסישן יידנטום גרעסער און ברייטער ווי ווען עס איז פריער.

אין יאָר 1918 האָבן אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד זיך געפונען 171 יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, 81 אויף יידיש, 80 אויף רוסיש, און 10 אויף העברעיִש. דאָס העברעיִשע שול־סיסטעם „תרבות" האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן און אויסהאַלטן 25,000 קינדערגאָרטנס, עלעמענטאַר־שולן, קלאַסן פאַר דער־וואַקסענע און אַנדערע העברעיִשע קולטור־אינסטיטוציעס. אויסער דעם זיינען אַנטשטאַנען שולן אויף יידיש און אויך די רעליגיעזע שולן האָבן אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אָרטיקע דעמאָקראַטישע קהילות מיט אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון אַלע קהילות אין לאַנד: עס איז אויפ־געקומען אַ ברייט פאַרצווייגטע זייער ענערגישע ציוניסטישע באַוועגונג פון אַלע ריכטונגען אין ציוניזם, און עס איז אויפגעגאַנגען אַ נייער דור יידישע שרייבער פון גרויס טאַלאַנט און ברייטן פאַרנעם, וואָס איז געווען געווענדט מיטן פּנים צו דער נייער וועלט און מיטן האַרץ צו זייער אייגן פאָלק, און געגעבן אַן אויסדרוק דער ספּעציפישער יידישער טראַגיק אין בלוטיקן געראַנגל פון

בירגערקריג, דעם שטאַרקן דראַנג צום נאַציאָנאַלן אויפלעב און דער גרויסער האָפענונג אויף דער צוקונפט.

עס האָט אָנגעהויבן אויסצוזען, אַז די גרויסע האָפענונגען, וואָס די רוסישע יידן האָבן געלייגט אויף דער רעוואָלוציע, האָבן אָנגעהויבן מקויים צו ווערן. אָבער דאָ זיינען געקומען דריי היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דעם גאַנצן פונדאַמענט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער עקזיס־טענץ און געטריבן דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן אויף אַ זיג־זאַגישן אָבער פאַטאַלן וועג באַרג־אַראָפּ צום אָפּגרונט.

דער ערשטער פאַקטאָר איז געווען דער חורבן פון דער יידישער עקאָ־נאָמיק. אויפן גרויסן שטח פון בירגערקריג־פראָנט האָבן די שלאַכטן, די פּאָגראָמען און די אַלגעמיינע צעשטערונג געבראַכט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. צענדליקער טויזנטער ברויט־פאַרדינער זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן אָדער אומגעקומען, זייערע פאַמיליעס זיינען געבליבן אָן מיטלען. דאָס יידישע אייגנטום איז צערויבט אָדער פאַרניכטעט געוואָרן אין פייער פון קאַמף. אין די קליינע שטעטלעך פון אוקראַינע איז אָפט מאָל ניט געבליבן קיין פערט־חלק פון די הייזער ווו יידן האָבן געוווינט. אַ האַלבער מיליאָן יידן זיינען אַנטלאָפן אין די גרויסע שטעט, ווו זיי וואָלט אַפילו ביי נאָרמאַלע אומשטענדן שווער געווען זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס אַ מעמד. אין די געגנטן וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט, האָט דער מיליטאַנטישער קאָמוניזם מיט איין קלאַפּ אויסגעראָטן די מייסטע פּרנסות, פון וועלכע יידן האָבן געצויגן חיונה אין משך פון דורות. פּלוצעם איז געוואָרן אויס האַנדל, אויס קראָמען, אויס מעקלעריי, אויס טיפּישע יידישע באַדינונגען, ווי דער בעלי־עגלה־טראַנספּאָרט, אַפילו אויס קליין־האַנטווער־קעריי, אָפּגערעדט פון די קהילישע יידישע פּרנסות, וואָס דער פאַראָרעמטער יידישער קהל האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. געווען אַ צייט נאָך דער רעוואָלוציע, ווען אַכציק פּראָצענט פון רוסישן יידנטום האָבן געמוזט אָנקומען נאָך הילף.

דער קאָמיסאַר פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, פון וועלכן סטאַלין איז געווען דער הויפּט — ס. מ. דימאַנשטיין — האָט די עקאָנאָמישע יידישע לאַגע דעמאָלט אַזוי כאַראַקטע־ריזירט: „אויסער דער גרופּע יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָט געמאַכט גוטע געשעפטן אַרום דער בלוטיקער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, האָבן די איבע־ריקע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג פון איר אומגעהויער געליטן.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער מיטל־בורזשואַזיע איז פאַראַרעמט געוואָרן. באַזונדעס פּאַופּעריזירט געוואָרן איז די יידישע קליין־בורזשואַזיע. דער יידישער קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין פּעטראָגראַד, האָט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע מאַסע יידישע היימלאָזע, פולשטענדיק דע־קלאַסירטע און רויִנירטע... אַחוץ די היימלאָזע, אַחוץ דער אָרעמשאַפט, האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט די צאָל פון די, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין פּראָ־דוקטיווער אַרבעט״.

אין אַט דער שווערער שעה זיינען די סאָוויעטישע יידן געבליבן כמעט ווי אַליין. די באַדייטנדיקע הילף פון אויסלענדישן יידנטום האָט זיך צעוויקלט ערשט אין די מיטעלע צוואַנציקער יאָרן. אין די ערשטע טראַגישע דריי־פיר יאָר פון דער רעוואָלוציע איז די שטיצע פון אויסלאַנד — פאַרן רוסישן ״אָרט״ אָדער דורכן ״דזשאָינט״ געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. און דאָס האָט געשטעלט דאָס סאָוויעטישע יידנטום אונטער דער אַפּוטרופּסות פון די יידישע באָלשע־וויקעס, וואָס האָבן געהאַט ווייניק סימפּאַטיע פאַר דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. נאָר דורך די יידישע קאָמיסאַריאַטן, ווו די קאָמוניסטן האָבן דאָמינירט, און די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, האָט דער רוסישער ייד געקאָנט זוכן סאָציאַלע הילף. און אַפילו ווען דער ״אַגראָ־דזשאָינט״ האָט פונקציאָנירט און אַליין אָנגעפירט מיט זיין טעטיקייט, האָבן דאָרטן אויך געהאַט די אויבער־השגחה די יידישע קאָמוניסטן, ווען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט באַ־טראַכט פאַר איר אַפּאַראַט אויף דער יידישער גאַס.

אַט דער אַפּאַראַט, וואָס איז געוואָרן אַ מין רויטע אָליגאַרכיע איבערן רוסישן יידנטום, האָט אויפגעטאָן אַ סך פּאָזיטיווס פאַר דער פיזישער עקזיס־טענץ פון די יידן אין נייעם רוסלאַנד. זיי האָבן מיטן כוח פון דער מדינה באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם; זיי האָבן אויסגענוצט די נייע באַדינגונגען און אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו באַזעצן יידן אויף ערד; זיי האָבן געהאָלפן גרינדן יידישע קוואַלן פון פּרנסה, קאָאָפּעראַטיוון און יידישע אַרטעלן. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ היסטאָרישע אויפגאַבע. אָבער גלייכצייטיק האָט אַט די רויטע אָליגאַרכיע זיך פאַרמאָסטן אויסצוררייניקן די יידישע גאַס פון ״גיפטיקן נאַציאָנאַליזם און קליינבירגערלעכקייט״, און אין דער ערשטער ריי — דעם ״רעליגיעזן אָבערגלויבן״. אין דער פּראַקטיק האָט דאָס באַטייט אַ פאַר־ניכטונג־קאַמף קעגן וואָסערע נייניק פּראָצענט פון נאַציאָנאַלן יידישן קולטור־לעבן אין רוסלאַנד.

דער הויפּט־קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, דימאַנשטיין, האָט אַליין

אָנערקענט, אַז די אָנפירער פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן האָבן קיין איבערלעבטע שייכות מיטן יידישן לעבן ניט געהאַט. ער האָט געשריבן: „מיר מוזן זאָגן דעם אמת: די, וואָס האָבן זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט, זיינען ניט געווען באַקאַנט מיטן לעבן פון יידישע אַרבעטער, אַנדערע האָבן אַפילו קיין יידיש ניט געקענט". זיי זיינען געווען קאָמוניסטן פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס האָבן געטאָן קאָמוניסטישע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, און די אַרבעט איז באַשטאַנען אין העלפן אויפבויען די לאָקאַלע ווירטשאַפט און קאָמוניזירן די אַרטיקע באַפעלקערונג.

די נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די יידישע באָלשעוויקעס, ווי פון „לינקן בונד" און „פועלי ציון", האָבן געהערט צו צוויי קאַטעגאָריעס: אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט זיין פרימער פון פויפּסט ביים קאָמוניזירן די יידישע באַפעלקערונג, און אַנדערע, וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט זייער באַטייליקן זיך אין דער קאָמוניסטישער אַרבעט וועט זיי געלינגען אַריינצוטראָגן אין דעם זייער נאַציאָנאַלן גייסט.

איינער פון די פירנדיקע יידישע באָלשעוויקעס, ש. אַגורסקי, האָט דערציילט, אַז ווען די יידישע קאָמיסאַריאַטן האָבן פאַרהאַנדלט וועגן לינדערן די לאַגע פון די יידישע קליינבירגער, האָבן „לינקע בונדיסטן", וואָס זיינען „שוין דעמאָלט געווען באָלשעוויסטיש געשטימט", זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיטן מאָטיוו, אַז „אויב די יידישע קאָמיסאַריאַטן וועלן זיך פאַרנעמען מיטן העלפן די יידישע פאַראַרעמטע קליינבירגער, וועלן זיי אַריינפאַלן אין נעץ פון נאַציאָ־נאַליסטישן סם און קליינבירגערלעכקייט". פון דער אַנדערער זייט, האָט דער פועלי־ציון־פירער, יוסף לעשטשינסקי, געשריבן, אַז „די אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם האָט זיך ערשט אין אויסבילדן, און האָט נאָך ניט קיין פעסטגע־שטעלטע אינטערנאַציאָנאַלע דאָגמעס", און אַנגעוויזן דערויף, וואָס דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס קעגן לעבינס אַ פאַרשלאַג. און דעריבער, האָט ער אויסגעפירט, אָננעמענדיק די גרונט־פּרינציפּן פון קאָמוניזם, זיינען מיר כלל וכלל ניט נוטה צו ענטפערן אָמן אויף אַלץ וואָס די אוקראַינישע קאָמוניסטישע פאַרטיי זאָגט און טוט. נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אויסבויונג פון דער ראַטן־מאַכט, מיטאַרבעטנדיק אויף אַלע געביטן, וועלן מיר זיך ניט אָפּשטעלן פון קריטיקירן די דאָזיקע מאַכט אַלע מאָל ווען דאָס וועלן פאָדערן לויט אונדזערע איבער־צייגונגען די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, ווי מיר פאַרשטייען". לעש־טשינסקיס קריטיק איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דעם „וואָס דאָס וואָרט

‚נאַציאָנאַלע׳ איז דערקלערט געוואָרן פאַר טריף אין אַלע קאָמבינאַציעס, נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם זיינען (געמאַכט געוואָרן) היינו הך...״

אין דער היסטאָרישער פערספּעקטיוו, איז אַזאַ שטעלונג ווי לעשטשינס־קיס דעמאָלט געווען לאָגיש, אָבער אויך דאָן קיכאָטיש. זי איז גערולדעט געוואָרן נאָר אַ קורצע צייט, מחמת עס האָט געגעבן מער „צודעק״ פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס די יידישע באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט דורכפירן, און דורכגעפירט, אויף דער יידישער גאַס. די רעוואָלוציע איז באַשטאַנען צו ערשט אין איינפירן אַן „אַרבעטער־דיקטאַטור איבער די יידישע קהילות״, און דער־נאָך זיי אין גאַנצן אויפלייזן; אין דער „פּלאַנמעסיקער ליקווידאַציע פון די בורזשואַזע אַנשטאַלטן״; אין „קעמפן מיט די בורזשואַז־קלעריקאַלע און קליינ־בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע קולטורעלע ריכטונגען״; אָפּשאַפן דעם לימוד פון העברעיִש, תנ״ך און חומש אין די שולן; איינפירן דעם לימוד פון יידיש, אָבער זיך דאָ אויך „היטן ניט איינצופלאַנצן קיין שאָוויניסטישן גייסט״.

וואָלט די יידישע עקאָנאָמיק אין רוסלאַנד ניט געוואָרן אַזוי מוראדיק רויִנירט און איבערגעלאָזט די יידישע מאַסן אויפן חסד פון די יידישע באָל־שעוויקעס, וואָלט ניט געקומען צו אַזאַ טאָטאַלער אַנטנאַציאָנאַליזירונג פון יידישן קולטור־לעבן; וואָלט די יידישע באַפעלקערונג געבליבן אין אַזאַ מצב ווי די ניט־יידישע באַפעלקערונג — וואָלט די שליטה פון די יידישע באָלשע־וויקעס אויף דער יידישער גאַס ניט געגאַנגען אַ סך ווייטער, ווי די שליטה פון די רוסישע באָלשעוויקעס אויף זייער באַפעלקערונג. זיי וואָלטן אַריינגע־טראָגן נייע טענדענצן, איינגעפירט ענדערונגען, אָבער זיי וואָלטן ניט געוואָגט אויסצוראָטן דעם גאַנצן היסטאָרישן עבר. און דער ווידערשטאַנד, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט געגעבן צום געצוווּנגענעם, אָפּט מאָל אַפילו אומ־לעגאַלן, אויפלייז פון זייער נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן, ווי העראָיִש דאָס איז ניט געווען, וואָלט זיך ניט פאַרענדיקט אַזוי טראַגיש.

עס קאָן זיין, אַז אַפילו די ערשטע יידישע באָלשעוויקעס, ווי אַסימילאַ־טאָריש זיי זיינען ניט געווען, וואָלטן ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווען עס וואָלט ניט אַריינגעטראָטן אַ נייע ווענדונג אין דער באָלשעוויסטישער ליניע אין באַצוג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז געווען דער צווייטער גורם פאַרן אומקום פון נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. פאַר דער ניט־יידישער באַפעלקערונג האָט דאָס געהאַט בעיקר אַ פּאָליטישן באַטייט, איז דאָס געווען אַ פּראַגמאַטישער שריט, וואָס די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן

דיקטירט; פאַרן סאָוויעטישן יידנטום האָט דאָס געהייסן אַ טויט־אורטייל אויף זייער היסטאָרישער יידישער קולטור.

די באָלשעוויסטישע נאַציאָנאַלע טעאָריע האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשן זיג־־זאַגישן און פּראַגמאַטישן אַנטוויקלונג־קרייז. אָנגעהויבן מיט אַן אומ־פריינדלעכן, ענלעך צו פּלעכאַנאָווס צוגאַנג, צו די נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַ־וועגונגען צווישן די אונטערדריקטע פעלקער פון צאַרישן רוסלאַנד, האָלט עס היינט ביי אַ מין אַלסאָוויעטישן אינטערנאַציאָנאַליזם אויף רוסיש. ביים פאָטער פון רוסישן סאָציאַליזם פּלעכאַנאָוו איז דאָס אַרויסגעדרונגען דער עיקר פון פּאַטריאָטיזם — ער האָט זיך געשטעלט ביי דער זייט פון צאַרישן רעזשים בעתן ערשטן וועלטקריג; ביי לענינען איז דאָס געגאַנגען אין רעוואָלוציאָנערן אַפּאַראַט: ער האָט מורא געהאַט, אַז דער סעפּאַראַטיזם פון די אונטערדריקטע פעלקער וועט צעברעקלען דעם רעוואָלוציאָנערן כוח קעגן געמיינזאַמען שונא. ער האָט אין יענער צייט אַזוי געשריבן:

„מאַרקסיזם קאָן ניט גיין צוזאַמען מיט נאַציאָנאַליזם אַפילו דאָרט, ווו דער לעצטער איז גערעכט, ציוויליזירט, און אַן גרונט צו טאַדלען. מאַרקסיזם גייט פאָרויס פון יעדן נאַציאָנאַליזם, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע אידעע פון צוזאַמענשמעלצן אַלע פעלקער אין אַ העכערן איינס... נאַציאָנאַלע קולטור איז בכלל די קולטור פון די פּריצים, קלער און בורזשואַזיע... די אידעע פון נאַ־ציאָנאַלער קולטור איז בורזשואַז און אָפט אַ קלעריקאַלער פּאָרטל. אונדזער מאַטאָ בלייבט: די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון דעמאָקראַטיע און פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט. נאָר דורכן אָװעקוואַרפן אַלע ווילדע און נאַרישע נאַציאָנאַלע אָבערגלויבנס און מיטן צוזאַמענשמעלצן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין איין פאַראייניקונג, וועט דער אַר־בעטער־קלאַס קאָנען זיך שטעלן קעגן די קאַפּיטאַליסטן און זיך דורכשטופּן אַ וועג צו אַ באמת בעסערער עקזיסטענץ".

דער לעצטער זאַץ דעקט אויף דעם מאָטיוו פאַר דער טעאָריע. און דעריבער האָט דאָס לענין אַזוי באַקעמפט דעם „בונד" אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר, וואָרעם דער „בונד" איז דעמאָלט געווען דער אַוואַנגאַרד פון די נאַ־ציאָנאַל־אויטאָנאָמישע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען (צוליב דעם, וואָס דער „בונד" האָט צוריקגעצויגן זיינע צוויי דעלעגאַטן פון יענער קאָנפערענץ (1903), איז לענינס גרופּע געוואָרן די מערהייט אַנשטאָט אַ מינדערהייט, ווי זי איז פריער געווען — געוואָרן „באָלשעוויקעס"). אָבער צען יאָר שפּעטער האָט לענין איינגעזען צוויי זאַכן: אַז אין איראָפּע איז די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער באַ־

פרייונג געוואָרן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוח, און אַז אין רוסלאַנד האָט זיין רוף צו אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע ניט געפונען קיין עכאָ. האָט ער געביטן זיין נאַציאָנאַלע טעאָריע.

אין 1913 פיערט נאָך אַלץ לענין קעגן די „נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען", אָבער די קעגנערשאַפט זיינע איז שוין ניט אַזוי קעגן דעם עצם פון די לאָזונגען, ווי קעגן זייער מיסברויך — זיי ווערן פראָפּאַגאַנדירט פון פעלשער און עקספּלאָאַטאָרן, וואָס ווילן מיט דעם האַלטן פאַרשקלאַפט די מאַסן און זיי שטערן צו גיין אין דער רעוואָלוציע. דער פריערדיקער אַלגעמיינער אינ־טערנאַציאָנאַליזם ווערט מער אַן אינטערנאַציאָנאַל פון אַרבעטער־קלאַס, אַ סאָלידאַריטעט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן קעגן אויטאָקראַטיע און עקספּלו־אַטאַציע. די אַרבעטער פון איין פאָלק, האָט ער געזאָגט וועלן האָבן די זעלבע פרייהייט און גלייכהייט ווי די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער — און דאָ װעלן זיי געפינען דעם אמתן באָדן פאַר דער אייגענער קולטור. ער איז גע־גאַנגען אַפילו ווייטער און פּראָקלאַמירט אַזאַ גרויסער מאָס זעלבסטבאַשטימונג פון די אונטערדריקטע פעלקער אין רוסלאַנד, אַז זיי זאָלן קאָנען יעדער פאַר זיך אַליין באַשטימען צי זיי ווילן בלייבן פאַראייניקט מיט די אַנדערע פעלקער אין איין מדינה, צי זיך אָפּטיילן אין אַ מדינה פאַר זיך. אָט דער פּרינציפּ ווערט פון אים אַזוי פאָרמולירט:

„צי פאַרשיידענע פעלקער זאָלן זיך לעבן אין פרייהייט און פרידן צוזאַמען, אָדער זיי זאָלן זיך צעשיידן (אויב דאָס זאָל פאַר זיי זיין באַקוועמער) און אויפשטעלן פאַרשיידענע אייגענע רעגירונגען — פאַר דעם איז דורכויס נייטיק אַ פולע דעמאָקראַטיע, באַשיצט פון אַרבעטער־קלאַס. קיין איין פּריווי־לעגיע פאַר אַ פאָלק און פאַר אַ שפּראַך! ניט די קלענסטע אונטערדריקונג, ניט די מינדסטע אומגערעכטיקייט פאַר אַ נאַציאָנאַלער מינאָריטעט! — אָט דאָס זיינען די פּרינציפּן פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע".

אָט דער אויסטייטש פון דער נאַציאָנאַלער טעאָריע האָט זיך בעסער געפּאַסט פאַרן ערב פון דער רוסישער רעוואָלוציע ווי פאַר דער צייט נאָך איר. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע פרעמדע היסטאָריש סע־פּאַראַטע טיילן פון דער צאַרישער אימפּעריע ווי פינלאַנד און פּוילן זאָלן „זעלבסטבאַשטימען" זיך צו צעשיידן, און שאַפן אַן אייגענע מלוכה. אָבער ווען אַלע אַנדערע פעלקער פון דער אימפּעריע זאָלן דאָס טאָן, וואָלט דאָס געמוזט ברענגען צו ערנסטע פּראָבלעמען, ניט נאָר פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, נאָר

אויך מיליטעריש־סטראַטעגישע, בפרט אין דער צייט פון בירגער־קריג און אינטערווענץ פון די גרויסמאַכטן.

אין יוני 1919, אויפן אַכטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, האָט ניקאָליי בוכאַרין געגעבן אַ נייעם אויסטייטש פון דער נאַציאָנאַלער טעאָריע. די זעלבסטבאַ־שטימונג, האָט בוכאַרין דערקלערט, דאַרף געמאַכט ווערן ניט פון גאַנצן פאָלק, אַ ניט וואָלט דאָס געהייסן, אַז מען אַנערקענט דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פון פאָלק. פּאָליטיש האָט דאָס באַטייט, למשל, אַז ניט די גאַנצע באַפעלקערונג פון אוקראַינע קאָן באַשטימען יאָ אָדער ניט צו זיין פאַרבונדן מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר דער אוקראַינישער פּראָלעטאַריאַט. אין זיין נאָמען רעדט, נאַ־טירלעך, די אוקראַינישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און אָט די פּאַרטיי, וואָס איז קאָנטראָלירט פון מאָסקווע, וועט דאָך געוויס ניט טראַכטן וועגן אָפּטיילן זיך פון ראַטן־פאַרבאַנד. ווי באַלד דער אוקראַינישער פּראָלעטאַריאַט ווערט דאָס אוקראַינישע פאָלק, מוז ער אַליין באַטראַכטן יעדן נאַציאָנאַלן אויסדרוק פון דער באַפעלקערונג ווי שאָוויניזם און אַנטי־קאָמוניזם. אַזוי ווי די אוקראַי־נישע קולטור פאַרמאָגט שטאַרקע נאַציאָנאַלע, און לגבי רוסלאַנד סעפּאַראַ־טיסטישע, אונטערטענער, ווערן יענע טיילן קולטור פּסול צוגלייך מיט די בורזשואַזע עלעמענטן, און זייער אָרט דאַרף פאַרנעמען אַ פּראָלעטאַרישע אוקראַינישע קולטור.

אָבער היות ווי דאָס גאַנצע אוקראַינישע פאָלק איז געבליבן ביי זיך אין דער היים, האָבן די אוקראַינישע קאָמוניסטן געמוזט זיך רעכענען מיטן ווילן פון אַלע טיילן פאָלק און ניט איבערציען דאָס שטריקל אין דענאַציאָנאַ־ליזירן די אוקראַינישע קולטור אונטערן אויסרייד פון פּראָלעטאַריזירן זי. די אוקראַינישע באָלשעוויקעס האָבן געהאַט זייערע שוועריקייטן ביים קאָ־מוניזירן אוקראַינע. אַ סך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי אין דער קאָלעקטיוויזאַציע פון פּויערטום. אָבער מיטן קול־טורעל־נאַציאָנאַלן לעבן האָט דאָס קיין שייכות ניט געהאַט. אוקראַינע איז נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן אַזוי אוקראַיניש ווי גרויסרוסלאַנד רוסיש — מער אוקראַיניש ווי ווען עס איז פריער אין איר געשיכטע.

בנוגע די יידן האָט דער בוכאַרינישער אויסטייטש פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג געקאָנט האָבן נאָר אַ קולטורעלן זין. אפשר טאַקע דער־פאַר האָט זיך די גאַנצע רעוואָלוציאָנערישקייט פון די יידישע באָלשעוויקעס אויסגעגאָסן אויף דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. די יידישע קאָמוניסטן זיינען דאָ, ווי אין אַנדערע געביטן, פאַרלאָפן דעם וועג און געגאַנגען ווייטער

ווי די סאָוויעטישע מאַכט האָט געמיינט. די יידישע מאַסן האָבן זיך געראַנגלט קעגן דעם, אָבער צוליב זייער עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקייט, האָבן זיי אָט דעם גורלדיקן קאַמף געמוזט פאַרלירן.

ווען די יידישע קאָמיסאַריאַטן און פאַרטיי־סעקציעס האָבן, אויף דער אייגענער אַחריות, גענומען שליסן די יידישע שולן און אונטערדריקן די ציוניסטישע באַוועגונג, זיינען יידישע פירער געגאַנגען איבער די קעפּ פון זייערע קאָמוניסטישע סאַטראַפּן צו דער אַלהעכסטער מאַכט, צום „וציק“. און דער „וציק“ האָט אַרויסגעגעבן (21 יולי 1919) אַ דעקרעט, וואָס האָט געזאָגט, אַז „היות ווי עס איז נאָך קיין מאָל ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט, וואָס דערקלערט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, און היות ווי די קולטור־אויפקלערערישע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גייט ניט קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט, מאַכט דער „וציק“ אויפמערקזאַם אַלע סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס ניט צו מאַכן קיין שטערונגען פאַר אָט דער אָרגאַניזאַציע און אירע אָנגעגעבענע טעטיקייטן“. דאָס איז אָבער געווען נאָר איין געווינענע שלאַכט. די לאָקאַלע מאַכטן האָבן זיך געטאָן זייערס, ווי, למשל, אין אוקראַינע, וווּ די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַרבאָטן געוואָרן און אירע אינסטיטוציעס זיינען געשלאָסן געוואָרן, מיט דריי טעג פריער פאַר דער דערקלערונג פון „וציק“, און אַלץ איז שוין דאָרט געבליבן פאַרבאָטן און פאַרשלאָסן.

די פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור האָט פאַרנומען דעם אָרט פון נאַציאָנאַלער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין אַ באַשטימטער צייט האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ גליק. צו אַזאַ גדולה איז נאָך די יידישע שפּראַך אין ערגעץ ניט דערגאַנגען. אין 1930 האָבן זיך געפונען 160 יידישע ראַטן אין דערפער און שטעט, וווּ אַלץ איז געפירט געוואָרן אויף יידיש. אין 1934 זיינען געווען 224 יידישע ראַטן, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרטראָטן 300,000 יידן, מער ווי צען פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אין 1930 האָבן זיך געפונען 46 יידישע געריכטן אין אוקראַינע, צען אין ווייסרוסלאַנד און נאָך עלף — אין אַנדערע טיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד. כמעט אַ העלפט פון אַלע יידישע קינדער, 160,000, זיינען געגאַנגען אין יידישע שולן. הייַנט די קולטור־טעטיקייט בכלל: דריי טעגלעכע צייטונגען, נאָך דריי, וואָס זיינען דערשינען דריי מאָל אין וואָך, עלף וואָכנבלעטער און חודש־זשורנאַלן, אַ טוץ טעאַטערס, איינס פון זיי ספּעציעל פאַר קינדער; יידישע מיטלשולן, פאַכשולן, דריי וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, צו איינע אין יעדער פון די דריי גרעסטע

סאָוויעטישע רעפּובליקן; מיט דער יידישער אַקאַדעמיע אין קיעוו זענען געווען פאַרבונדן הונדערט פאָרשער, געהילפן, מיטאַרבעטער, איר בודזשעט האָט באַטראָפן 650,000 רובל אַ יאָר; זי האָט פאַרמאָגט אָפּטיילן פאַר געשיכטע, עטנאָגראַפיע, סאָציאַלער עקאָנאָמיע, דערציונג, ליטעראַטור, לינגוויסטיק, ביבליאָגראַפיע — און אַלץ אויף יידיש און וועגן יידן! דריי יידישע פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעגעבן יידישע ביכער — בעלעטריסטיק און פאַרשיידענע אַנדערע מינים, שולביכער און ליטעראַטור פאַר קינדער. אין 1932 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין קרים אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע יידישע קאָלעקטיוון אין דער דאָזיקער געגנט מוזן פירן זייערע בוכהאַלטעריעס אויף יידיש. און אין ביראָבידזשאַן האָט זיך געפּיקט אַ יידישע רעפּובליק, וואָס איר גאַנצע מדינהשאַפט דאַרף אָנגעפירט ווערן אויף יידיש.

די זון פון דער יידישער שפּראַך איז אויפגעגאַנגען אין ראַטן־פאַרבאַנד — און געוואַרעמט יידישע הערצער איבער דער גאַנצער וועלט. זאָל זיין פּראָלעטאַריש, אַבי צו רפואה. עס פעלט יידישער אינהאַלט, מען איז אָפּגעריסן פון יידישן עבר, איזאָלירט פון דער יידישער וועלט? איז דאָס געוויס צום באַדויערן, אָבער זאָל נאָר זיין די כלי, וועט מען זי שוין אָנפילן; זאָלן נאָר יידן לעבן צווישן זיך אויף יידיש, זאָלן יידישע קינדערריידן יידיש און גיין אין יידישע שולן — דער יידישער אינהאַלט וועט שוין קומען. זאָל זיך דאָס נאָר איינפונדעווען, איינוואָרצלען, וועט עס שוין אויך גראָבן טיפער. אַט אַזוי האָבן געטראַכט און זיך געטרייסט יידן איבער דער וועלט, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין סימפּאַטיעס ניט פאַרן קאָמוניזם און ניט פאַרן סאָוויעטישן רעזשים.

אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אַצינד, ווען עס איז שוין נאָך אַלעמען, איז די פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור שוין גאָר קיין גליק ניט געווען. עס איז געווען אַ מיראַזש, וואָס האָט דעם וואָגלער אַראָפּגעפירט פון זיין וועג; עס איז געווען דאָס זיסע טייגל, וואָס האָט אַרומגעוויקלט די ביטערע פּיל פון אומקום. צוליבן טאָפּ לינדזן פון פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור, האָבן דריי מיליאָן יידן געלאָזט ביי זיך אויסנאַרן די בכורה פון זייער היסטאָרישער יידישער קולטור — געלאָזט אויסליידיקן זייער שפּייכלער פון נאַציאָנאַלן יידישן לעבן. אפשר האָבן זיי שוין דעמאָלט קיין ברירה ניט געהאַט. אָבער אָן דער נייער רושטאָוואַניע פון לשון, וואָלט דעמאָלט שווערער געווען צו דערשטיקן די גאַנצע גרויסע שפּרודלדיקע נאַציאָנאַלע יידישע קולטור, ווי דאָס איז געווען שפּעטער מיט דער פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור.

מען האָט דעמאָלט ניט גענומען ערנסט, און ניט געקאָנט באַנעמען דעם בוכשטעבלעכן באַטייט, די אָפנהאַרציקע און שאַרפע ווערטער, וואָס דער קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, דימאַנשטיין, האָט געזאָגט וועגן די צילן פון דער באַלשעוויסטישער אַפּוטרופּסות איבער די יידן: „זייענדיק אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן מיר ניט פאַר זיך קיין ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר ריין קלאַסן־פּראָלעטאַרישע אויפגאַבן. אויף וויפל מיר רײדן אויף אַ באַזונדערער שפּראַך, זיינען מיר מחויב, אַז די יידישע מאַסן זאָלן קענען אויף זייער שפּראַך באַפרידיקן די גאַנצע גייסטיקע באַדערפנישן זייערע. מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין פאַנאַטיקער פון דער יידישער שפּראַך. זי ווערט פאַר אונדז ניט קיין „יידיש־קודש", ווי פאַר יידישע נאַציאָנאַליסטן. די שפּראַך איז אַן און פאַר זיך ניט וויכטיק. אונדזער אויפגאַבע איז דערנענטערן די אַרבעט פון אַלע פעלקער און פאַרבינדן זיי אין איין נאַציאָנאַלער משפּחה". אין גינסטיקע מאָמענטן האָבן אַנדערע מענטשן, בעסערע, מער פאַרשטענדיקע און מיט מער יושר, געפּרוּווט אַריינלייענען אין דער פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור פיל מער ווי דאָס. און אפשר מער פון אַלעמען האָט דאָס געטאָן דער פּרעזידענט פון ראַטן־פאַרבאַנד, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין. ער האָט אָפן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור וועט זיין אַזאַ נאַציאָנאַלע יידישע קולטור ווי די אוקראַיִנישע פּראָלעטאַרישע קולטור איז אַ נאַציאָנאַלע אוקראַיִנישע ליטעראַטור. אָבער דימאַנשטיין האָט געזאָגט דעם ביטערן, דעם פאַטאַלן אמת, און נאָך צוגעגעבן: „עס קאָן זיין, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די רייכע שפּראַכן פון די גרויסע פעלקער מער און מער אַרויסשטופּן די יידישע שפּראַך פון זייערע לענדער. מיר, קאָמוניסטן, וועלן דערויף קיין טרערן ניט פאַרגיסן, און ניט טאָן גאָרנישט צו פאַרהאַלטן אָט די דערשיינונג".

די ווירקלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נאָך ערגער ווי דימאַנשטיין האָט זי פאָרויסגעזאָגט. מען האָט ניט געוואַרט ביז די „רייכע שפּראַכן פון די גרויסע פעלקער" וועלן אַרויסשטופּן די יידישע שפּראַך. מען האָט זי גענומען שטופּן נאָך דעמאָלט ווען זי איז געווען געננוג שטאַרק בייצושטיין דעם דרוק פון די רייכע שפּראַכן — און גאָר אַליין געהאָט די אַמביציע צו ווערן אַ רייכע שפּראַך. און ווען מען האָט געדאַרפט, האָט מען דעם גאַנצן טאָפּ לינדזן פון פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור אויסגעגאָסן, און איבערגעלאָזט אַ גרויסן יידישן ישוב אין אַן אַבסאָלוטן נאַציאָנאַלן הונגער.

אַ דריטער פאַקטאָר אין אומקום פון יידישן נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען דער קאָמוניסטישער קאַמף קעגן רעליגיע. אויך דאָ האָט דאָס געהאַט אַן אַנדער זין און צוועק אויף דער יידישער גאַס ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

לענין האָט נאָכגעזאָגט מאַרקסן, אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק. דער זין פון דעם איז געווען, אַז רעליגיע האַלט אָפּ די געקריוודעטע און עקס־פּלואַטירטע פון קעמפן פאַר זייער רעכט דורך פריידיקן געהאָרכזאַמקייט, צו באַנוגענען זיך מיט ווייניק, אָננעמען דעם גורל פאַר גוט און באַקומען פאַר דעם שכר אויף יענער וועלט. במילא, איז רעליגיע אַן אַנטירעוואָלוציאָנערער כוח. אָבער ניט דאָס איז געווען די סיבה פאַר וואָס לענין און סטאַלין האָבן געפירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן רעליגיע. זיי האָבן געהאַט אַ מער דירעקטן, קאָנקרעטן און פּראַגמאַטישן מאָטיוו. די פּראַוואָסלאַוונע קירך איז געווען די אָפיציעלע קירך פון דער מלוכה. זי איז געווען דירעקט געבונדן מיטן צאַרישן רעזשים און פאַקטיש אַ טייל פון דער אָכראַנע (געהיים־פּאָליציי). מיטן אייגענעם גרויסן באָדן־באַזיץ איז די קירך אַליין געווען אַן עקספּלואַ־טאַטאָר פון פּויערטום. אין קאַמף קעגן צאַריזם איז די קירך געווען אַ טייל פונעם שונא, און בעתן בירגערקריג האָט די קירך אָפּן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די „ווייסע" און פון די אינטערווענטן. איז געווען נאַטירלעך, אַז גלייך ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די מאַכט, זאָלן זיי אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה, אָוועקנעמען אירע פּריווילעגיעס און אייגנטום, און מיט אַלע מיטלען אונטערגראָבן איר איינפלוס אויף די מאַסן דורך אַנטירעלי־גיעזער פּראָפּאַגאַנדע פון איין זייט און אַדמיניסטראַטיווע רעפּרעסיעס פון דער צווייטער זייט.

אַז דער אַנטירעליגיעזער קאַמף האָט געהאַט פּאָליטישע מאָטיוון, קען מען זען פון דעם, וואָס אין דער צייט ווען די פּראַוואָסלאַוונע קירך איז גע־וואָרן פאַרפאָלגט איז די באַפּטיסטישע קירך ניט בלויז ניט באַלעסטיקט געוואָרן, נאָר גאָר פאַרקערט — געוואָרן פּאָוואָריזירט. מען קאָן דאָס אויך זען פון דעם, וואָס די פאַרפאָלגונגען קעגן רעליגיע זיינען תמיד געקומען אין אַ צייט פון קריזיס, ווען ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז די רעליגיע זאָל דערמוטיקן די שונאים פון רעזשים.

די ליגע פון מיליטאַנטישע גאָטלאָזע (בעזבאָזשניקעס), אונטער דער פירונג פון יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי, איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1925, נאָך לענינס טויט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער קריטישער שטרייט צווישן סטאַלין און טראָצקי, זינאָוויעוו און די אַנדערע, און ס'האָט אָנגעהויבן ווערן

קלאָר, אַז די „נעפּ" מוז געענדערט ווערן. די גרויסע גזירות אויף רעליגיע, די ענדערונג פון דעם פונקט וועגן רעליגיעזער פרייהייט אין דער קאָנסטי־טוציע — צו פאַרבאָטן רעליגיעזע „פּראָפּאַגאַנדע", דער פאַרבאָט פון יעדער רעליגיעזער טעטיקייט אויסער גאָטדינסט, דאָס שליסן אַ סך קירכעס אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, דאָס פּלוצעמדיקע פאַרשווינדן פון די מער אַקטיווע גייסטלעכע (פאַרשיקטע אין אַרבעט־לאַגערן), דאָס פאַרביטערן ס'לעבן פון די פאַרבליבענע גייסטלעכע, דאָס עפענען אַנטירעליגיעזע מוזייען, די כוואַליע פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע מיט אַלע עפנטלעכע מיטלען — דאָס אַלץ איז געקומען אין יאָר 1929, ביים אָנהייב פון ערשטן פינפיאָר־פּלאַן און בעתן צוטריט צו דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף. אין יאָר 1932 האָט יאַראָסלאַווסקי אָנגעגעבן די צאָל מיטגלידער פון זיין ליגע אויף צען מיליאָן. אָבער ווען די קריטישע צייט איז אַוועק, האָט מען אַ ביסל אָפּגעלאָזט דעם דרוק אויף דער רעליגיע. אין 1940 איז שוין די מיטגלידערשאַפט פון דער ליגע געפאַלן אויף דריי מיליאָן. און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז געקומען, און די קירך האָט אַרויסגעוויזן איר סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם, איז די ליגע פון די מילי־טאַנטישע גאָטלאָזע אין גאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן.

וואָס שייך דער יידישער רעליגיע, איז געוויס ניט געווען קיין פּאָלי־טישער גרונט זי צו פאַרפאָלגן. זי איז געוויס ניט געשטאַנען אין דינסט פון צאַרישן רעזשים, און אַוודאי ניט געמאַכט יד־אחת מיט די וויס־גוואַרדייצעס, וואָס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. די יידישע שול האָט אויך ניט געקאָנט אויסקוקן אויף אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן רעזשים אין רוסלאַנד, וואָרעם דאָס וואָלט דאָך געווען אַ פיזישע קאַטאַסטראָפע פאַר יידן. ווי די אַנטירעליגיעזע און אַנדערע שטריכן פון נייעם רעזשים האָבן געדאַרפט ניט געפעלן די רוסישע רעליגיעזע יידן, האָט דאָס ביי זיי אָבער ניט געקאָנט אַרויסרופן קיין סובּ־ווערסיע אָדער אומטרייהייט. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז די יידישע רעליגיע האָט שטענדיק אָנערקענט די אויטאָריטעט פון הערשנדיקן רעזשים, לויטן תלמודישן זאָג: „דינא דמלכותא דינא", (דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז דאָס געזעץ פאַר יידן), און אויך אַז אין גייסט פון דער יידישער אמונה איז זיך איינצושטעלן פאַרן אָרעמען און אונטערדריקטן.

ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן די יידישע קאָמוניסטן זיך אָנגע־זעצט אויף דער יידישער רעליגיע מער ווי די ניט־יידישע אויף זייער רעליגיע. אויך דאָ האָבן זיי געדאַרפט באַווייזן זייער געטריישאַפט צו דער פּאַרטיי־ליניע. די יידישע קאָמוניסטן האָבן מיט אַ באַזונדערער רשעות פאַרפאָלגט

די כלי־קודש, צוגעמאַכט שולן און צוגעטראַכט מיטלען ווי צו שטערן יידן צו היטן יידישקייט. די רכילות קעגן יידישן דת איז דערגאַנגען צו אַן אַבסורד. אויב מען האָט אויפגעדעקט אַז פּראַוואָסלאַוונע גלחים האָבן ביים צאַרישן רעזשים געדינט אין דער אָכראַנע, האָבן די יידישע קאָמוניסטן געמוזט געפינען אויך עפּעס אַ רב, וואָס זאָל אַמאָל האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער צאַרישער פּאָליציי. אויך דאָ האָט דער ספּעציפישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון סאָוויעטישן יידנטום זיי מער אויסגעשטעלט אויף ווילקיר. מיט יידן האָט מען זיך ניט געדאַרפט צערעמאָניען, מיט זיי האָט מען געמעגט טאָן אַלץ.

פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד זענען די באַגרעניצונגען לגבי רעליגיע געווען אַ ריין טעאָלאָגישער ענין. דאָס האָט אָנגערירט נאָר זייער גלויבן, זייער פאַרבינדונג מיט גאָט. דאַקעגן זייער אַלגעמיין גייסטיק לעבן, זייער נאַציאָנאַלע קולטור, האָט דאָס ניט אָנגערירט. אויסער דעם זונטאָגדיקן און יום־טובדיקן באַזוך אין קירך און די ריטואַלן אין געוויסע מאָמענטן פון לעבן, איז זייער לעבן געגאַנגען ווי פריער. ביי יידן אָבער איז רעליגיע אַלע מאָל געווען מער ווי טעאָלאָגיע. די יידישע אמונה איז אויך געווען יידישע געשיכטע, יידישער גורל, יידישע האָפענונג און יידישער שטייגער לעבן. און איבער אַלעם איז יידישע אמונה געווען תורה, לערנען — דער גייסטיקער אינהאַלט פון זייער עקזיסטענץ אַלס יידן. ווען דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן איז רעדוצירט געוואָרן צו גאָטדינסט, צו דאַוונען און אַ מינימום ריטואַל, איז געוואָרן אויסגעליידיקט דער יידישער אינהאַלט פון יידישן לעבן, האָט מען אַוועקגערויבט די גייסטיקע שפּייז פון יידן און אים איבערגעלאָזט מיט פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור, וואָס איז אייגנטלעך בלויז געווען פּראָלעטאַרישע קולטור אויף יידיש.

בערנאַרד שאָו זאָל אַ מאָל האָבן געזאָגט, אַז יידן זיינען אַזוי ווי אַנדערע פעלקער, נאָר אַ ביסעל מער. דאָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַרן יידישן גורל בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מיטן צוגאָב, אַז דאָרטן האָט דער מער אויך באַטייט ערגער. ביי אַלע פעלקער איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף קעגן רעליגיע, אָבער לגבי יידן איז דאָס געווען מער, און פאַר יידן ערגער, אַ סך ערגער, מיט דעם, וואָס דאָ איז די פאַרפאָלגונג געווען אַ ברוטאַלערע מיט ווינציקער איינזען און רעספּעקט פאַר די גלויביקע, און אויך מיט דעם, וואָס דאָ האָט די רעליגיע געהאַט אַ פיל גרעסערן גייסטיקן באַטייט אין לעבן פון די גלויביקע. בלויז די יידן האָבן ניט באַקומען די מינימאַלע מיטלען, די סאַמע גייטיקסטע אַרטיקלען פאַרן רעליגיעזן לעבן אין שול און אין דער היים.

ביי אַלע פֿעלקער האָט מען פֿאַרביטן די נאַציאָנאַלע קולטור מיט פּראָלעטאַרישער קולטור, אָבער לגבי יידן איז דאָס געווען מער — און ערגער. ביי די אַנדערע פֿעלקער איז די דאָזיקע גזירה חל געווען דער עיקר אויפֿן היינט און אויפֿן וויטערדיקן קולטורעלן שאַפֿן; קיין רייניקונג פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון נעכטן איז ניט געמאַכט געוואָרן, און די קולטור פֿון אייערנעכטן איז אין גאַנצן ניט אָנגערירט געוואָרן. ביי די יידן אָבער איז כמעט אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿריער פֿאַרן היינט, געוואָרן טריף, פּסול, ניט אָנצורירן. בלויז די יידן זיינען מיט אַ מאָל אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון זייער היסטאָרישער קולטור.

די אוקראַינער האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון זייער נאַציאָנאַלן דיכטער איוואַן פֿראַנקאָ, הגם ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער „שלאַכטע", געווען אַ מוראַדיקער שאָוויניסט, און אויך אַן אַנטיסעמיט. די יידן אָבער האָבן ניט געקאָנט האָבן זייער נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט פֿראַנקאָ — ניט געווען קיין שאָוויניסט, געשטאַנען פֿיל העכער אין הומאַניזם, שוין אָפּגערעדט פֿון זיין גרעסערן פּאָעטישן טאַלאַנט. די אוזבעקן האָבן געקאָנט פֿייערן, און דער גאַנצער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט מיטגעפֿייערט מיט זיי, דעם יובילײַ פֿון אוויסענע (איבן סינאַ) — אַ מעדיצינער, פֿילאָסאָף און טעאָלאָג פֿון עלפֿטן יאָרהונדערט, וואָס האָט געשאַפֿן אין אַראַביש. די יידן דאַקעגן האָבן ניט געקאָנט אַפֿילו טראַכטן וועגן פֿייערן דעם יובילײַ פֿון רמב"ם, אויך אַ מעדיצינער, פֿילאָסאָף און טעאָלאָג, וואָס האָט געשריבן אין אַראַביש און העברעיש אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט.

אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו איז ניט אַזוי לייכט צו וואַרפֿן די גאַנצע שולד אויף די יידישע קאָמיסאַרן און „יעווסעקעס", ווי דאָס איז געווען לייכט צו טאָן אין זייער צייט. זייער שולד פֿאַר דער צעשטערונג פֿון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור אין די ערשטע יאָרן, אָנהייבנדיק מיטן יאָר 1919, קאָנען די יעווסעקעס פֿון זיך ניט אָפּשאָקלען. דעמאָלט האָבן זיי אַדמיניסטראַטיוו געהאַט פֿרייע הענט; די צענטראַלע באָלשעוויסטישע מאַכט איז געווען צו פֿיל פֿאַרנומען מיט מער דרינגענדיקע ענינים, און חוץ דעם האָט זי נאָך ניט געהאַט אויסגעאַרבעט קיין פּראַקטישן פּראָגראַם פֿאַרן נאַציאָנאַלן לעבן פֿון רוסישן יידנטום. אָבער פֿאַר דעם וואָס איז געקומען שפּעטער, איז שוין דער סאָוויעטישער רעזשים גופֿא שולדיק.

וואָרעם די צייט האָט געטאָן דאָס אירע. די אַסימילירטע יידישע קאָמוניסטן האָבן באַוויזן זיך אָפּצוברעקלען פֿון דער „יידישער אַרבעט", און

זיי זיינען אַוועק צוריק צום ניט־יידישן געביט. פון די ערשטע „באַקערטע״ זיינען אַ טייל אַליין אַוועק אַהין פון וואַנען מען קומט ניט צוריק, און אַנדערע זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אַהין. נייע אַקטיוויסטן זיינען אונטערגעקומען, אָן דעם יאָך פון אַן אַפּיקורסישער פאַרגאַנגענהייט, און אָן אַנטינאַציאָנאַליס־טישע און אַנטי־רעליגיעזע קאָמפּלעקסן. זיי האָבן געמיינט ערנסט מיט דער פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור, געצערטלט זי, — און אַפילו געקעמפט פאַר איר. זיי האָבן געהערט ווי די גלאָקן פון קרעמל קלינגען, אָבער זיי האָבן ניט באַגריפן, אַז דאָס קלינגען זיי צו זייער לוויה.

עפּעס האָט זיך דאָרט אין קרעמל ניט געקלעפּט מיט יידן. אָט ווערט זיי געגעבן מיט דער פּולער האַנט די מיטלען אויפצוטאָן גרויסע זאַכן און אָט קומט אַ ביט זעעוודיקע שטריק, וואָס ציט איין דעם פאַרמעסט; אָט וויזט מען אַרויס די גרעסטע דערמוטיקונגביים בויען אַ יידיש בירָאָבידזשאַן, און אָט, גליכצייטיק, ווערן יידן באַזעצט אין אַנדערע ערטער; אָט ווערן באַשטעטיקט די פּלענער פאַר נייע יידישע שולן און די פינאַנסן פאַרן צוגרייטן נייע שול־ביכער, אָבער אַז עס קומט צו עפענען די שולן, זיינען ניט פאַרטיק די ביכער. עפּעס ווי איין האַנט וואָלט דאָ געשטערט די אַנדערע. אָבער דאָ איז געגאַנגען אין עפּעס מער ווי אַ האַנט.

אָנהייב 1946 האָט מיר איציק פעפער דערציילט אין מאָסקווע, אַז מיט אַ קורצער צייט פריער איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, אויף וועלכער עס איז אויך אַנוועזנדיק געווען איליאַ ערענבורג. מען האָט דאָרטן פאַרגעלייגט פּלענער ווי אַזוי אויסצוברייטערן די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און אויפשטעלן נייע. איז איליאַ ערענבורג אַרויסגעטראָטן מיט אַזאַ סאָרט מענה־לשון: „צו וואָס דרייט איר זיך אַ מוח מיט יידיש? צו וואָס דאַרף מען דאָס? איר קענט ניט קיין רוסיש? וואַרפט אַוועק אָט די אַלע נאַרישקייטן״! האָט איציק פעפער שאַרף אָפּגעענטפערט ערענבורגן: „וואָס הייסט מען דאַרף ניט? די מלוכה גיט אויס מיליאָנען רובל אַ יאָר, די מלוכה באַשטעטיקט פּראָיעקטן, אַסיגנירט ביודזשעטן — און ערענ־בורג רופט דאָס נאַרישקייטן״! איליאַ ערענבורג האָט געטאָן אַ קוועטש מיט די פּלייצעס און געשוויגן. און איציק פעפער האָט דערויף געזאָגט צו מיר: אָט אַן אַסימילאַטאָר!

אָבער עס קאָן זיין אַז דערין איז געלעגן מער ווי ערענבורגס אַסימי־לאַטאָרישקייט. קיינער, אויסער די קרעמל־לייט גופא, האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ שאַרפן חוש פאַרן ריח פון קרעמל ווי ערענבורג. איציק פעפער האָט גע־

לייענט אין דער „פּראַוודאַ״ פון 21 סעפּטעמבער 1948 דעם אַרטיקל פון איליאַ ערענבורג „וועגן איינעם אַ בריוו״, און צוויי טעג שפּעטער איז דער זעלבער אַרטיקל געווען איבערגעדרוקט אין „איינִיקייט״ אין אַ יידישער איבערזעצונג. אין דעם אַרטיקל דערקלערט ערענבורג, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידיש פאָלק, און אַז יידן פון איין לאַנד האָבן ניט מער שייכות מיט יידן פון אַנדערע לענדער, ווי עס וואָלטן געהאַט צווישן זיך רויטהאָריקע צי קורצנעזיקע ווען עס וואָלט זיך געפונען איינער אַ משוגענער, וואָס וואָלט דערקלערט, אַז אַלע רויטהאָריקע אָדער קורצנעזיקע דאַרפן גערודפט און פאַרניכטעט ווערן. און צען טעג שפּעטער האָט איציק פעפער נאָך אַלץ געשריבן אין דער „איינִי־קייט״ וועגן אַ יידישן פאָלק, און נאָך אין שייכות מיט דער מדינה ישראל! „די מלוכה ישראל״, האָט ער געשריבן, „איז אַן ענין וואָס אינטערעסירט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און ניט נאָר דאָס יידישע פאָלק... די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט האָט מיט סימפּאַטיע נאָכגעשפּירט דעם געבורט פון דער יונגער מלוכה...״. פעפער וואָלט אַזוי ניט געשריבן, ווען ער וואָלט דעמאָלט געגלייבט, אַז די ווערטער פון ערענבורג זיינען ניט די רייד פון אַן אַסימילאַטאָר, נאָר דער טויט־אורטייל אויף דער יידישער קולטור — און אויף אים גופא.

עס וואָלט דעריבער געווען צו אויבערפלעכלעך צו מיינען, אַז די יעווּ־סעקעס האָבן דערהרגעט די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, און דערנאָך איז סטאַלין משוגע געוואָרן און דערמאָרדעט די יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור. דער טראַגישער פּראָצעס פון נאַציאָנאַל־קולטורעלן אומקום פון סאָוויעטישן יידנטום איז געווען פיל קאָמפּליצירטער. עס באַקומט זיך עפּעס ווי אַן אַמבי־וואַלענץ, אַ ווידערשפּרעכלעכע טאָפּלקייט, אין דער סאָוויעטישער באַציונג צו די סאָוויעטישע יידן. דער קאָנפליקט איז פאַראַן צווישן טעאָריע אָדער ווונטש — און דער ווירקלעכקייט. עס דאַרף ניט זיין קיין יידיש פאָלק, עס וואָלט בעסער געווען ווען עס איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק, אָבער עס איז פאָרט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ יידיש פאָלק. איז אַי מען האָט זיך געהאַלטן אין דער טעאָריע, אַי מען האָט זיך גערעכנט מיט דער ווירקלעכקייט. און אויב די טעאָריע איז אַ סך באַקוועמער ווי די ווירקלעכקייט, איז די טענדענץ אָפּצושאַפן די ווירקלעכקייט. סטאַלין האָט דאָס געפּרוווט טאָן אויף זיין אופן, ווי ער פלעגט עס טאָן — מיט רויער גוואַלד; כרושטשאָוו וויל דאָס זעלבע דער־גרייכן אויף זיין אופן, אָבער די אַמביוואַלענץ גייט אָן. פאַרבינדן די וווּנד פון טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דעם נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן האָט געדאַרפט די פּראָלעטאַרישע קולטור. ווען די פּראָלעטאַרישע קולטור איז טאָטאַל פאַרניכ־

טעט געוואָרן, האָט מען געפּרוווט אָט די ווונד פאַרבינדן מיט אַ ביסל מער רעליגיעזער קולטור — אַ סידור, אַ ישיבה. און ווען מ׳האָט זיך גענומען אונטערצוגראָבן די רעליגיעזע קולטור, האָט מען אַ בליאַסק געטאָן מיט אַ ניי קליין ליכטעלע פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

אָבער דיווירקלעכקייט לאָזט זיך ניט אומברענגען. די דריי מיליאָן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד ווילן בלייבן יידן.

47 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

אַט די שורות ווערן געשריבן זיבן און פערציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען שווערע און בלוטיקע יאָרן, אָבער אויך יאָרן פון גרויסן דערגרייך אין פאַרשיידענע געביטן. דער גרונדפאַקט איז דאָך דער, אַז פון אַמאָליקן הינטערשטעליקסטן לאַנד אין אייראָפּע, איז רוסלאַנד געוואָרן די היינטיקע צווייטע גרויסמאַכט אין דער וועלט. מער פון אַלעמען זיינען דאָרט אויפגעריכט געוואָרן די קליינע אונטערדריקטע פעלקער, ווענען די צאַרישע רעגירונג האָט ניט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. זיי האָבן ווייט פּראָגרעסירט ניט נאָר אויפן עקאָנאָמישן געביט, נאָר נאָך מער ביים אויפלעבן און אַנטוויקלען זייער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור.

לויט די אָפיציעלע ציפערן פון יאָר 1959 עקזיסטירן אין ראַטן־פאַרבאַנד זעקס זעלבשטענדיקע רעפּובליקן, וואָס יעדע פון אַט די רעפּובליקן פאַרמאָגט ווינציקער באַפעלקערונג ווי עס געפינען זיך יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און יעדע פון זיי פירט אין גאַנצן אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן אין איר אייגענעם לשון. און חוץ דעם זיינען פאַראַן אַזוי פיל אויטאָנאָמע רעפּובליקן, באַשטאַנדטיילן פון אַנדערע זעלבשטענדיקע רעפּובליקן. דאָרט לעבט זיך דאָס פאָלק אויס אין זיין אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און אין זיין אייגענעם לשון. פאַר אַ טייל פון די פעלקער האָט מען גאָר געדאַרפט אויסאַרבעטן אַן אַלף־בית, מחמת זייער לשון האָט ניט געהאַט קיין אייגענע שריפט. — און ניט איינס פון אַט די פעלקער פאַרמאָגט ניט אַפילו אַ העלפט אַזוי פיל מענטשן וויפל יידן עס זיינען פאַראַן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַט די אַלע פעלקער האָבן פאַרשיידענע פּראָבלעמען, אָבער קיין נאַציאָנאַל פּראָבלעם האָבן זיי ניט. ניט עס ווערט זיי געשטערט זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל, ניט עס ווערן קעגן זיי געמאַכט אויסנאַמען אין אַנדערע טיילן פון לאַנד.

אָבער ווי האַלט דאָס היינט מיטן יידישן פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד?

דעם 30 נאָוועמבער 1959 האָט דער סאָוועטישער יידישער דיכטער אַרן ווערגעליס אָפּגעדרוקט „אַן אָפענעם בריוו צו ב. צ. גאָלדבערגן" אין דער קאָמוניסטישער יידישער פּרעסע. ווערגעליס, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן,

איז אַרומגעגאַנגען פריי, בעת כמעט אַלע יידישע שרייבער זיינען געוואָרן אַרעסטירט אין די „פינצטערע יאָרן" פאַרן סוף פון סטאַלין־רעזשים. לעצטנס איז ער געוואָרן דער אומאָפיציעלער וואָרטזאָגער פון ביסל יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן מיט דער ערשטער יידישער שריפט זינט 1948, „סאָוועטיש היימלאַנד". אין זיין „אָפענעם בריוו" האָט ער רעאַגירט אויף מיינע איינדרוקן פון מיין רייזע אין יאָר 1959 איבערן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך געהאָט געדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגענזשורנאַל", אין „על המשמר" פון תל־אביב, און אין אַנדערע יידישע צייטונגען איבער דער וועלט. זיין טענה איז געווען, אַז איך האָב זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט „צופעליקע פאַרשוינען", ניט מיט דער גרויסער יידישערווירקלעכקייט. ער האָט געשריבן:

„נאָך אַן איבעררייס פון דרייצן יאָר זענט איר נאָכאַמאָל געקומען אין אונדזער לאַנד. האָבנדיק אין זינען אייער ספּעציעלן אינטערעס — דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד — האָט איר געקענט אויסקלייבן אַ מאַרשרוט פון הויכע פאַבריק־געביידעס, וויסנשאַפט־לאַבאָראַטאָריעס, קאָלווירטישע פעלדער — און געקאָנט זען צווישן רוסן, קירגיזן, אוקראַינער, אויך סאָוויעטישע יידן מיט אַלע נייע שטריכן אין זייער כאַראַקטער, זייער נייעם ליכטיקן גורל. איר האָט געקענט באַזוכן די בויונגען פון גיגאַנטישע עלעקטראָסטאַנציעס, באַטרעטן די צעאַקערטע רויערד אין קאַזאַכסטאַן און סיביר — אויך דאָרט זיינען פאַראַן יידן. מען קאָן זיי זען אויף מאָסקווער זאַוואָדן, לעבן שמעלצאָוויעס, אין קאָנסערוואַטאָריע און צווישן די געלערנטע פון לאַנד. אויב אַן אויסלענדישער באַאָבאַכטער וויל ניט זיצן אין קיין קאַלוזשע, קומט ער באַשרייבן דעם מערקווירדיקן וועג, וואָס דער סאָוויעטישער ייד האָט דורכגעמאַכט — פון דעם „לופט־מענטש" ביז אַ פולבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דער משפחה באַהערשער פון צווישנפּלאַנעטןרוים — פון שיינע שיינדלען ביז פאַלינאַ געלמאַן.

„און נאָך דאַרפט איר וויסן, אַז יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען ניט אָפּגעזונדערט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. זייענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָלט איר געדאַרפט אַ קוק טאָן דאָס לאַנד, די נייע סאָוויעטישע ווירקלעכקייט, די פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבן און מיען זיך די יידן".

דערויף איז מיין ענטפער געווען, אין קורצן, אַז טאָקע דערפאַר, וואָס איך האָב זיך יאָ צוגעקוקט צו דער נייער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט פון די אַנדערע פעלקער, האָט דער נייער מצב פון די יידן געמאַכט אויף מיר אַ שווערן

איינדרוק. ווען איך וואָלט געפונען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע מערכה פון יידן כאָטש האַלב, אָדער אַפילו אַ דריטל, אַזוי גוט ווי פון די קאַזאַכן, איך רייד שוין ניט פון די רוסן און אוקראַינער, וואָלט איך זיך אָסור באַקלאָגט. און וואָס שייך די אינדיווידועלע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די יידן, מוז איך זאָגן, אַז טרעפן אַ ייד לעבן שמעלצאויוונס אין אַ זאַוואָד, צי ביי דער בויונג פון גיגאַנטישע עלעקטראָסטאַנציעס, אָדער אין דער פיאָנערישער אַגריקול־טור, איז ביי מיר געווען אַ חידוש, אַ וואַרעמע אַנגענעמע איבערראַשונג, אויף מיין ערשטן באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין יאָר 1934. און איך האָב דאָס דעמאָלט אָפן געבראַכט צום אויסדרוק אין מיינע איינדרוקן פון יענעם באַזוך; צו געפינען יידן אין די קאָנסערוואַטאָריעס, צווישן די געלערנטע, איז אין מיינע אויגן געווען אַ חידוש, אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר די רוסישע יידן אין 1946, ביי מיין צווייטן באַזוך — און איך האָב דאָס דעמאָלט אויך אויסגעדריקט מיט דער פולער האַנט און מיטן גאַנצן האַרצן.

אָבער היינט האַלטן מיר דאָך ביי 1963. עס איז דאָך שוין העכער פינף און פערציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. שיינע־שיינדל איז שוין לאַנג געשטאָרבן. איר טאָכטער איז שוין אַן אשה אַ זקנה. איר אייניקל איז פאַלינאַ געלמאַן. און די אייניקלעך פון די מנחם־מענדלס זיינען געשטיגן אין די הויכע ספערן אומעטום, אין אַלע לענדער. יידן האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין די ספוטניקעס און לוניקס פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי כרושטשאָוו האָט דאָס געזאָגט בעת זיין וויזיט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער יידן האָבן דאָך אויך געהאָלפן שאַפן די אַטאָמישע וויסנשאַפט אין אַמעריקע און געהאַט אַ גרויסן חלק אין דזשאָן גלענס פלי אַרום דער ערד, ווי בכלל אין אַמעריקעס אַריינדרינגען אין צווישנפּלאַנעטאַרן רוים. און יידן אין קאָנסערוואַטאָריעס און צווישן די געלערנטע האָבן מיר דאָך אין אַמעריקע גאָר אַ סך. איז ווער זיינען דאָס אָט די יידן, וואָס האָבן אַזוי פיל דערגרייכט אין אַמעריקע? מייסטנס, די אייניקלעך פון די מנחם מענדלס פון אַמאָליקן רוסלאַנד. זייערע זיידעס זיינען געקומען אַהער ווי די לופטמענטשן, ווי די זיידעס פון די סאָוויעטישע פאַלינאַ געלמאַנס — אָן בילדונג, אָן אַ מלאכה אין האַנט, אָן מיטלען — און זעט וואָס זייערע אייניקלעך האָבן דאָ דערגרייכט!

אָרן ווערגעליס דאַרף ניט דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן היינט אַרויס פון די כלים צוליב דעם, וואָס עס געפינען זיך יידן אין די זאַוואָדן, לעבן שמעלצ־אויוונס און ביי צעאַקערטער רויערד אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז מער ניט קיין חידוש אין דער היינטיקער יידישער וועלט. ווען ווערגעליס באַזוכט די

מדינת ישראל, וואָלט ער דאָרט געזען יידן ניט נאָר ביים צעאַקערן רויערד, נאָר ביי עפּעס שווערערס — ביים פאַרוואַנדלען גרויסע שטחים פון זאַמד און שטיינער אין גרינע פעלדער און בליענדיקע גערטנער. און דאָס האָבן דאָרט די יידן אַליין, מיט די אייגענע הענט, אויפגעטאָן — פון גאָלן זאַמד ביז דער זיסער ווייגטרויב. ער וואָלט דאָרט אויך געזען יידן ביי שמעלצאויוונס, און זיי גופא האָבן אָט די שמעלצאויוונס אויפגעשטעלט. ער וואָלט געזען יידן אין זאַוואָדן, אין אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, שווערע ווי לייכטע, אַלץ אַליין אויפגעבויט און פון זיי אַליין באַאַרבעט, און ער וואָלט אויך געזען יידן ביי בוי־אַרבעט, אין עלעקטראָסטאַנציעס און אַפילו ביי אַטאָמישע רעאַקטאָרס — אַלץ דורכויס יידישע אַרבעט. און ער וואָלט זיך דערוווּסט, ווי יידן פון ישראל פלאַסטערן וועגן, בויען אויס ערָאפּלאַן־האַפנס, שטעלן אויף פאַבריקן, לערנען מיט אַנדערע די מאָדערנסטע אַגריקולטור־טעכניק אין אַ ריי נייע לענדער פון אַפריקע און אַזיע.

איז ווער זיינען דאָס אָט די יידן אין דער מדינת ישראל? ווידער, מייסטנס די אייניקלעך פון די לופטמענטשן, די מנחם־מענדלס פון אַמאָליקן רוסלאַנד, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן צו זיין די פּיאָנערן פון דער נייער געזעלשאַפט פון דער נייער יידישער וועלט, אין ארץ־ישראל.

לאָמיר זיך ניט אָפּפרעמדן: די „וווּנדער־יידן" פון אָרן ווערגעליס האָבן שוועסטערקינדער, אויך אַזעלכע „וווּנדער־יידן" אין ישראל, אין אַמעריקע און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

אין לעצטן דריטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קען מען זיך ניט באַגנוגענען מיט דעם, וואָס עס איז בעסער, ווי עס איז געווען אין ערשטן צענדליק פון יאָרהונדערט. אַלץ און אומעטום איז געוואָרן בעסער אין משך פון אָט דעם דינאַמישן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. די לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן ניט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס איז געווען ביים צאַרישן רעזשים, נאָר לויט די הייַנטיקע באַדינגונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון די אַנדערע פעלקער דאָרט. מיר דאַרפן ניט דערוואַרטן, אַז די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד זאָלן זיך געפינען אין אַ פּריווילעגירטע לאַגע; מיר קאָנען אָבער אויך ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן זיך דאָרט געפינען אין אַן ערגערער פּאָזיציע. עס דאַרף דאָרט די יידן ניט זיין בעסער, אָבער עס טאָר זיי אויך ניט זיין ערגער, ווי די אַנדערע פעלקער.

אין יאָר 1935 איז דער באַרימטער יידישער שרייבער דוד פּינסקי, אַליין אַ פירער ביי די אַמעריקאַנער „פּועלי־ציון", געווען אויף אַ באַזוך אין

ראַטן־פאַרבאַנד. איז זיין ערשט וואָרט פון דאָרט, אין אַ טעלעגראַמע צו אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, געווען, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער ניט געפילט, אַז ער איז אַ ייד. דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד, גיט מען דעם ייד ניט צו פילן זיין יידישקייט, אין נעגאַטיוון זין. עס איז ניט קיין אונטערשייד צווישן ייד און ניט־ייד. מיט עטלעכע יאָר פריער האָט סטאַלין געגעבן דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור אַן אינטערוויו, אין וועלכן ער האָט שאַרף פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמיטיזם און אונטערגעשטראָכן די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. היינט וואָלט דוד פינסקי אַזעלכעס ניט געקאָנט טעלעגראַפירן; היינט וועט קיינער ניט זאָגן, אַז דער סאָוועטישער ייד פילט ניט זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, אָדער זיין יידישן אָפּשטאַם. פאַרקערט, היינט מוז מען צוגעבן, אַז דער סאָוועטישער ייד פילט זיין יידישקייט ניט ווייניקער ווי דער ייד אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און דער „ניט ווייניקער״ דאָרט מוז באַטרעפן מער. וואָרעם אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קאָן דער ייד באַקעמפן דעם אויס־נאַם, וואָס ווערט געמאַכט לגבי אים — ער קאָן זיך אָפּטיילן פון דער ניט־יידישער סביבה און זיך שאַפן אַן אייגענע סביבה. דאָרט, אין דער אויטאָריטאַ־טיווער געשלאָסענער געזעלשאַפט, איז דאָס ניט מעגלעך.

נאַטירלעך, איז דאָס אויך דעמאָלט, ביי דוד פינסקיס גוטן גרוס, געווען ניט אַבסאָלוט ריכטיק. אויך דעמאָלט איז געווען גענוג אַנטיסעמיטיזם אין פאָלק, און טיילווייז אויך אין אַ געוויסן טייל פון מלוכה־אַפּאַראַט. און היינט ווידער זיינען די ניט גוטע גרוסן אויך ניט אַבסאָלוט ריכטיק. איר וועט טרעפן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס וועלן אייך זאָגן, אַז זיי האָט זייער יידישקייט ניט געשטערט. עס זיינען היינט פאַראַן אויסנאַמען, ווי עס זיינען דעמאָלט געווען אויסנאַמען. אָבער ערשט דער אויסנאַם באַשטעטיקט דעם כלל. אין גרויסן סך־הכל איז דעמאָלט דוד פינסקי געווען גערעכט, פונקט ווי היינט איז גע־רעכט דאָס פאַרקערטע.

מיר געדענקען די צייט ווען יידן האָבן פיגורירט אין דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע. ליטווינאָוו איז אַ צייט געווען אויסערן־מיניסטער, און דערנאָך דער פירנדיקער דיפּלאָמאַט אין אויסלאַנד. מאַיסקי איז געווען סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד אין אַ קריטישער צייט. אַפילו דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין נאַצי־דייטשלאַנד אין די ערשטע יאָרן פון יענעם רעזשים איז געווען אַ ייד, סוריץ. און לאָזאָווסקי איז געווען וויצע־אויסערן־מיניסטער פאַרן אָריענט. און גאָר אַ היפּשע צאָל יידן האָבן זיך געפונען אין

די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדעס פון קלענערע מדינות, ווי אויך אין די קאָנסולאַטן פון אַ גרויסן צאָל לענדער. היינט געפינט זיך ניט קיין איין ייד אויף אַ הויכן סאָוויעטישן דיפּלאָמאַטישן אַמט, און ווי ווייט מען קאָן וויסן, געפינען זיך גאָר ווייניק, אויב עס געפינען זיך בכלל, יידן אין די סאָוויעטישע קאָנסולאַטן אין אויסלאַנד. אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין מאָסקווע האָבן זיך שוין לאַנג ניט געטראָפן מיט יידישע באַאַמטע אין סאָוויעטישן אויסערן-מיניסטעריום. אין מערב האַלט מען, אַז שוין אַ לאַנגע צייט ווערן יידן ניט אָנגענומען אין דער שול, ווו עס ווערן אויסגעבילדעט דיפּלאָמאַטן. און כל זמן אַט דער „נומערוס קלאַוזוס" פאַר יידן בלייבט אין קראַפט, קאָן מען ניט דערוואַרטן, אַז יידן זאָלן זיך ווידער באַווייזן אין סאָוויעטישן דיפּלאָמאַטישן אַפּאַראַט.

קיין אָפיציעלע אָפּלייקענונג וועגן דעם איז ניט געקומען. די קלענערע סאָוויעטישע באַאַמטע, וועמען עס קומט אויס צו ענטפערן אויף דער פראַגע געסט פון אויסלאַנד, גיבן אומגעפער אַזאַ דערקלערונג: ס'איז ניטאָ קיין „נומערוס קלאַוזוס", יידן געפינען זיך סיי אין דיפּלאָמאַטישן פּערסאָנאַל, סיי אין דער שול פאַר דיפּלאָמאַטן. קיין ציפערן קאָנען ניט אָנגעגעבן ווערן צוליב זיכערקייט-מאָטיוון. זיי גיבן צו, אַז היינט זיינען פאַראַן ווייניקער יידן אויף אַט דעם געביט ווי אַ מאָל, און די סיבה איז ניט, וואָס מען מאַכט אַן אויסנאַם לגבי יידן, נאָר וואָס אין די לעצטע יאָרן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע סאָוויע-טישע אינטעליגענץ, און אַ טייל פון איר קוואַליפיצירט זיך צו גיין אין דיפּלאָמאַטישן דינסט. במילא ווערט דער פּראָצענט יידן קלענער. אויסער דעם קאָן מען אין אויסלאַנד ניט אַלע מאָל וויסן צי אַ סאָוויעטישער פאַר-טרעטער איז אַ ייד צי ניט. ער קאָן אויסזען ווי אַ ניט-ייד און טראָגן אַ ניט-יידישן נאָמען.

דער תמצית פון דער דערקלערונג איז, אַז יידן האָבן צוליב געוויסע סיבות, מייסטנס צוליב דעם, וואָס די רוסישע אינטעליגענץ איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט צו דעם, אין אַ געוויסער צייט זיך געפונען אין אַ גאָר גרויסער צאָל אין דער דיפּלאָמאַטיע, אין אַ צו גרויסער צאָל. היינט ווערן זיי „באַלאַנסירט", דאָס הייסט, רעדוצירט צו דער פּראָפּאָרץ וואָס זייער פאָלק פאַרנעמט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דער אמת איז, אַז עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט-מאָטיוו אין דעם ניט אָנגעבן וויפל יידן, אָדער ווינציקסטנס אָנצווייזן אויף אַ צאָל יידן, וואָס גע-פינען זיך אין סאָוויעטישן דיפּלאָמאַטישן דינסט. דער „סטייטסמענט יירבוק" פון לאָנדאָן גיט אָן אַלע נעמען פון סאָוויעטישן דיפּלאָמאַטישן שטאַב אין

ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. אַנדערע האַנטביכער גיבן אָן די נעמען פון די סאָוויעטישע פאַרטרעטער אין אַנדערע לענדער. דאָס איז ניט קיין סוד, ביי קיין מדינה ניט, און אין אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטאַמענט וואָלט געווען זייער לייכט צו באַקומען אַ ליסטע פון יידן, וואָס דינען אין דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע. נאַטירלעך איז דער ראַטן־פאַרבאַנד ניט מחויב עמעצן צו געבן ליסטעס פון יידן, צי פון אַן אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, אין אַ וועלכן עס איז אַפּטייל פון דער מלוכה. דאָס איז דורכויס אַן אינערלעכע אָנגעלעגנהייט. אָבער ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד גיט ניט אַזאַ ליסטע, אָדער כאָטש אַ טייל פון אַזאַ ליסטע, קאָן ער ניט האָבן קיין טענות וואָס אויסלענדער מאַכן אַן אויספיר, אַז אויב מען זעט ניט קיין איינציקן ייד אין דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטיע און מען הערט ניט פון יידן אין דיפּלאָמאַטישער שול, איז דערפון געדרונגען, אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען אויסגעשלאָסן פון אָט דעם געביט פון סאָוויעטישן לעבן.

מיליטער איז שוין יאָ אַ געביט, וואָס האָט צו טאָן מיט זיכערקייט, און מען קאָן דאָ ניט דערוואַרטן קיין ליסטעס פון יידישן אָנטייל, אָבער דווקא דאָ רופן די סאָוויעטישע באַאַמטע יאָ אָן יידישע נעמען. זיי דערמאָנען דעם יידישן גענעראַל קרייזער, דער הויפּט פון דער רויטער אַרמיי אויפן ווייטן מזרח, דעם גענעראַל דראַגונסקי, וועמען מען שיקט אָפט מאָל צו יידישע „חתונות” אין אויסלאַנד, וווּ ער יחוסט זיך מיט דעם, וואָס זיינע קינדער זיינען שוין אויסגעמישט מיט ניט־יידן, און אַז אָט אַזוי דאַרף זיין, און אַ פּאָלקאָווניק קונעווסקי מיט אַ סערזשאַנט שוסטער, וואָס האָבן אַרונטערגעשאָסן, צוזאַמען מיט אַנדערע, דעם אַמעריקאַנער פּליער פּאַוערס, און אַנדערע. עס איז מיר גופא אויסגעקומען זיך צו טרעפן אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט יידישע פאַמיליעס ווו אַ מיליטערמאַן האָט זיך געפונען אין דער משפחה — וואָס איז ניט געווען דער פאַל איז פּרט פון דיפּלאָמאַטיע. איז אויף ווי ווייט מען קאָן וויסן, קומט דער אויספיר, אַז וואָס שייך די גענעראַלן, זיינען זיי פון פריערדיקן דור, פון צווייטן וועלטקריג, הייסט דאָס. פּאָלקאָווניקס, און נאָך מער פון נידעריקן גראַד מי־ליטער, געפינען זיך שוין יינגערע, אָבער ווייניק. וויפל יידישע יונגעלייט גע־פינען זיך אין דער מיליטערישער שול איז ניט באַוווּסט, אָבער עס וואָלט ניט געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די שטימונג ביי די היינטיקע סאָוויעטישע יידן איז „ניט צו שטופּן זיך אין אַזעלכע ערטער”. איין ייד האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן דעם: „מיט קיין ברויט און זאַלץ וועט מען דאָרט ביי דער טיר ניט באַגעגענען, און צום לייטער וועט מען דאָך ניט דערלאָזן”.

איינער פון די שווערסטע איינדריקן, וואָס איך האָב באַקומען אויף מיין לעצטן באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געווען אָט דאָס געפיל פון דעפעטיזם ביי יידן, פון פאַטאַליזם, פון אומשולדיקן קרבן, וואָס קען ניט שלאָגן צוריק און קען ניט פאָדערן זיין רעכט. ווען איך האָב געפרעגט אַן אַלטן רב אין אַ שול וואָס עס הערט זיך, איז זיין ענטפער געווען: „דאַנקען גאָט, מען טשעפּעט ניט!” פאַר וואָס זאָל מען טשעפּען? ער האָט דאָך די פולע, קאָנסטי־טוציאָנעל־גאַראַנטירטע רעכט צו זיין וואָס ער איז און צו טאָן וואָס ער טוט! אָבער אָט דאָס איז געווען זיין ווירקלעכקייט. און פון יידן פון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע, ווייט פון דער שול, האָב איך געהערט, רעדנדיק וועגן אַ תכלית פאַר די קינדער, אַזעלכע אויסדריקן: „מען דאַרף זיך ניט שטופּן, ס'איז ניט פאַר אונדז”, אָדער גאָר פּראָסט: „צו דעם וועט מען אַ ייד ניט צולאָזן”. איך האָב געפרווווט זיך אויסטענהן: וואָס הייסט „ניט פאַר אונדז, מען וועט ניט צולאָזן?” אָט לאָזט מען דאָך צו. עס געפינען זיך דאָך יידן אויף הויכע שטע־לעס! איז דער ענטפער געווען אַ קוועטש מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט, ניט פאַר אַ פרעמדן צו פאַרשטיין, און אַ שאָקל מיטן קאָפּ: „געווען, אי'דאַ, אָבער ניט זיין”.

דער אמת איז, אַז עס ווערט אַלץ ווייניקער די צאָל יידן אויף די פירנדיקע, פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס ניט נאָר אין דער דיפּלאָמאַטיע און אין מיליטער, נאָר אויך אויף אַלע געביטן פון מלוכישן, פאַרטייאישן, אַקאַדעמישן און ווירטשאַפטלעכן לעבן. די דערשיינונג דאַרף מען נעמען ניט רעלאַטיוו, לויטן פּראָצענט יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג, וואָס דאָס איז בכלל אַ פאַלשע מאָס, מחמת די יידן זיינען דאָך ניט צעשפּרייט אין גלייכע צאָלן איבערן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. פאַראַן ערטער ווו יידן באַטרעפן ניט איינס מיט אַ פערטל פּראָצענט, נאָר צען פּראָצענט. די דער־שיינונג דאַרף מען נעמען אין גאַנצן פאַרנעם פון לעבן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, ווי ער האָט אויסגעזען אַ מאָל אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָפּשניט — און דער אַמאָל דאַרף גיין צוריק ניט צום צאַרישן רעזשים, נאָר צו דער צייט ווען דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט זיך שוין איינגעשטעלט — ווי זי האַלט היינט אין אָט דעם פּרט, און וועלכע זענען די טענדענצן פאַר דער צוקונפט.

און וואָס זאָגן דערויף די סאָוועטישע פירער?

ניט אַלע פון זיי לייקענען שטיין און ביין. עפנטלעך, וועט דאָס קיינער פון זיי ניט מודה זיין, מחמת דאָס וואָלט דאָך באַטייט מודה זיין אין אַ קאָלאָ־

סאָלן דורכפאַל אויף אַ גאַר וויכטיקן געביט פון זייער סיסטעם. אָבער אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך מיט אַ מענטשן, וועמען זיי געטרויען, אַז ער וועט זייער נאָמען ניט אַרויסגעבן, אָנערקענט אַ מאָל אַ סאָוויעטישער באַאַמטער, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציפישע סיטואַציע מיט יידן אין געוויסע געביטן, ניט אין אַלע. עס איז ניט צו ערנסט, דאַרף דאָס הייסן, אָבער אַ פּראָבלעם איז דאָס. און דאָס וועט ביים סאָוויעטישן באַאַמטן זיין ניט דווקא אַ סאָרט אַרויסכאַפּן זיך, צי אַן אַראָפּריידן זיך פון הארצן. אָפט מאָל טוט ער דאָס גאַנץ באַוווסטזיניק, מיט אַ מיין דערביי. ער ווייסט, אַז די מער באַהאַוונטע עלעמענטן אין מערב נעמען מער ניט ערנסט די כסדרדיקע אָפּלייקענונגען, וויל ער, אַז אָט די עלע־מענטן זאָלן אויך האָבן דערויף אַ סאָוויעטישע דערקלערונג.

וואָס שייך דעם אויסנאַם קעגן יידן אין דער דיפּלאָמאַטיע און מילי־טער, זאָגן אַזעלכע סאָוויעטישע באַאַמטע, אַז דאָס איז אַן אומאָנגענעמע טעכנישע נויטיקייט. יידן האָבן צו פיל קרובים אין אויסלאַנד. יידן באַזיצן אַ סאָלידאַריש געפיל, אַ פּסיכאָלאָגישן צובונד צו אַנדערע יידן אין דער וועלט. און באַזונדערס צו די יידן אין ישראל. אָט דער פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד סטימולירט זייער בליק איבער די וועלט־געשעענישן. דאָס איז ניט געווונטשן אין נאָרמאַלע צייטן, און קען ווערן שעדלעך, אויב ניט געפערלעך, אין אַ צייט פון קריזיס. זיי זאָגן ניט, אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען ניט לאָיאַל צו זייער פאָטערלאַנד; זיי מיינען נאָר, אַז אין געוויסע סיטואַציעס קאָן מען דעם ייד ניט געטרויען. אין היינטיקן לשון הייסט עס: יידן זיינען אַ זיכערקייט־ריזיקע.

מיר ווייסן, נאַטירלעך, אַז דאָס איז פאַלש. יידן זיינען אַלע מאָל געווען יידן, אָבער אַלע מאָל און אומעטום זיינען יידן געווען געטריי צו זייער פאָטער־לאַנד, און געוויס ניט ווייניקער — צום ראַטן־פאַרבאַנד, ווו די רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט פון אַזאַ ביטערן צאַרישן גלות. בעת די אַלע יאָרן, ווען יידן האָבן פאַרנומען הויכע אַמטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַזונדערס אין די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, איז נאָך ניט געשען, אַז עמעצער זאָל האָבן געוואָרפן דעם מינדסטן שאָטן אויף זייער געטרייישאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד, אָדער זאָל באַמערקן זייער קלענסטן אָפּנויג אין פּאָליטישער שטעלונג, צוליב דעם, וואָס זיי זיינען יידן. פאַרקערט, די יידישע סאָוויעטישע מלוכה־לייט און דיפּלאָמאַטן האָבן קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו יידן בכלל, ניט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין ניט אין אויסלאַנד, בעת אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט יאָ געטראָפן, אַז אַ יידישער שטאַטסמאַן זאָל אַרויסווייזן אַן אינ־

טערעס צו יידן פון אַנדערע לענדער, ווי, למשל, איסאַק קרעמיע פון פראַנקרייך, בענדזשאַמין דיזראַעלי פון ענגלאַנד און פעיסטאַטא און מאָרגענטוי פון אַמעריקע. דאָס באַטראַכטן יידן פאַר אַ זיכערקייט־ריזיקע איז אַ בילבול אויף יידן, איינער פון די בילבולים, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט געשאַפן אין משך פון זיין געשיכטע. אָבער פאַראַן סאָוויעטישע פירער, וואָס גלייבן אין דעם, און דאָס איז טראַגיש סיי פאַרן סאָוויעטישן יידנטום, סיי פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פּרעטענדירט פאַר דער וועלט און פאַר זיך גופא צו זיין דער מוסטער פון פעלקער־גלייכהייט.

אין אַ געשפּרעך וועגן „קרימער פּראָיעקט" * האָט כרושטשאָוו דערציילט, אַז ווען דער קרימער פּראָיעקט איז באַטראַכט געוואָרן אין קרעמל — דער פּראָיעקט איז אויף מאָלאָטאָווס עצה צוגעשיקט געוואָרן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט — האָט ער, כרושטשאָוו, מסכים געווען מיט סטאַלינען, אַז מען דאַרף אים אָפּוואַרפן. ער איז געווען קעגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט צוליב זיכערקייט־מאָטיוון. איז פאַר וואָס זאָל קרים זיין ווייניקער „זיכער" מיט אַ יידישער באַפעלקערונג ווי מיט אַ ניט־יידישער?

אויב עס גייט אין מיליטערישער פעיקייט צו באַשיצן די געגנט, האָבן דאָך יידן ערשט נאָר וואָס, אין צווייטן וועלטקריג, אַרויסגעוויזן גרויסע מיליטערישע פעיקייטן און העלדנמוט. זיי האָבן פאַרנומען דאָס דריטע אָרט אויף דער ליסטע פון אויסגעצייכנטע שלאַכט־העלדן — באַלד נאָך די רוסן און אוקראַינער. יידן האָבן אַרויסגעגעבן כמעט אַזוי פיל מלחמה־העלדן ווי די אוקראַינער, וואָס זיינען לויט דער צאָל צען מאָל אַזוי פיל ווי די יידן. אויסער דעם וואָלטן דאָך די יידן אין קרים ניט געווען אַליין אין פאַל פון אַ קריג. עס וואָלטן דאָך דאָרט אויך געשטאַנען אַנדערע אַרמייען, פון אַנדערע פעלקער אויפן האַלב־אינדזל, און פון דער מדינה בכלל. מוז דאָך דאָ דאָס וואָרט „זיכערקייט" האָבן דעם באַטייט פון „צוטרוי". פּראָסט גערעדט: מען קאָן אַזאַ פילבאַרן פונקט ניט אָנפאַרטרויען די יידן — אָט ווי דער צאַר האָט ניט געטרויט די יידן אין די מערב־פּראָווינצן פון לאַנד בעתן ערשטן וועלטקריג.

אָט דער איינדרוק ווערט באַשטעטיקט פון נאָך אַ שמועס צווישן כרושטשאָוון מיט איינעם, מיט וועמען ער האָט געקאָנט ריידן אָפן — מיט אַ יידישן פּאַרטיי־מיטגליד פון אַן אַנדער לאַנד. כרושטשאָוו האָט יענעם פאַר־

* אַ פּראָיעקט, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָכן צווייטן וועלטקריג, צו באַזעצן יידן אין קרים, פון וואַנען דאָס גאַנצע טאַטאַרן־פאָלק איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. דער פּראָיעקט האָט געדינט אַלס באַזע פאַרן שקר־בילבול קעגן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

זיכערט, אַז נאַטירלעך האָט ער ניט קיין שום פאָראורטייל קעגן יידן, אָבער פון אַלע טוריסטן, וואָס זיינען געפאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין אויסלאַנד, האָבן נאָר צוויי זיך ניט צוריקגעקערט, און אָט די צוויי זיינען געווען יידן. דאָס, וואָס רוסן און אוקראַינער אויף דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס, און אַפילו מיליטערישע, האָבן זיך ניט צוריקגעקערט, האָט מיט זייער זיין רוסן אָדער אוקראַינער קיין שייכות ניט געהאַט, און עס איז גאָרניט איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז פון די אַלע דיפּלאָמאַטן און מיליטערלייט, וואָס זיינען געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָבן זיך געפונען נאָר רוסן און אוקראַינער, וואָס זיינען ניט געקומען צוריק. איינער פון די גרונט־שטריכן פון דער פּסיכאָלאָגיע פון אַנטיסעמיטיזם איז דאָס צושרייבן דעם גאַנצן יידישן פאָלק אַ פאַרברעך, צי אַ פעלער, וואָס ווערט באַגעגנט ביי אַ צופעליקן מיטגליד פון יידישן פאָלק.

איז אויב מען קאָן יידן ניט געטרויען — ניט אין דער דיפּלאָמאַטיע, ניט אין מיליטער, ניט ביי דער גרענעץ, און אַפילו ניט ווען זיי פאָרן זוי טוריסטן — פאַר וואָס זאָל מען זיי טרויען ערגעץ אַנדערש, ווו עס פאָדערט זיך צוטרוי, אַפילו אין אַ וויכטיקער אונטערנעמונג אָדער אין אָנפירונג פון אַן אינסטיטוציע? איז דען ניט די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון אַזאַ שטעלונג צו יידן געווען סטאַלינס פּלאַן אַרויסצופירן די יידן פון פאַרשידענע טיילן אין ראַטן־פאַרבאַנד און זיי פאַרשיקן ווייט אין טיפן סיביר? דאָרט וואָלטן זיי קיין זיכערקייט־ריזיקע ניט געווען.

דיסקרימינאַציעס ביים שטודירן

בעת די סאָוויעטישע פירער מיידן אויס צו דיסקוטירן די באַשולדיקונג אין דיסקרימינאַציע קעגן יידן אויף די געביטן פון דיפּלאָמאַטיע און מיליטער, מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען באַזונדערס פאַראינטערעסירט צו איבערצייגן דעם מערב, אין דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן ביים אָנגענומען ווערן אין די העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן און אין אוניווערסיטעט. אין דעם פּרט זיינען זיי זייער סענסיטיוו און מאַכן פאַרשיידענע פּרוון זיך ריינצוּוואַשן פון דער באַשולדיקונג אין דיסקרימינאַציע לגבי יידן. אומאָפיציעלע דער־קלערונגען קומען ביי יעדער געלעגנהייט, און פון צייט צו צייט ווערן אַפילו אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד האַלב־אָפיציעלע דערקלערונגען, פון פּריוואַטע פּערזאָנען, אָבער וואָס קאָנען האָבן אַ שייכות מיט דעם געביט. זייערע דער־קלערונגען ווערן אַרויסגעשיקט פון אַן אָפיציעלן מלוכה־אָרגאַן, ווי פון אַ נייעס־אַגענטור, למשל.

פאַר וואָס איז גראָד אָט דער פּונקט אַזוי סענסיטיוו — איז ניט קלאָר. אפשר דערפאַר וויל דער „נומערוס קלאַוזוס" איז ביים צאַרישן רעזשים געווען פאַרהאַסט פון אַלע אָנשטענדיקע מענטשן, איז דערפאַר שווער פאַרן סאָוויעטישן פירער צו טראָגן אויף זיך אַזאַ מאָראַלישע לאַסט. אפשר מיינען די סאָוויעטישע פירער, אַז דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין דער דיפּלאָמאַטיע און אין מיליטער וועט ניט אַזוי שאָקירן דעם מערב, מחמת אין אָט די קרייזן הערשט דאָרט אויך אַ פאַראורטייל קעגן יידן, דאַקעגן דיסקרימינאַציע ביים אָנגעמען אין אוניווערסיטעט איז אַ דעליקאַטער פּונקט אין אַמעריקע צוליב דעם, וואָס דאָרט האָט אויך אַזוינס עקזיסטירט און די יידן האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם — און געזיגט. מעגלעך אַז די סאָוויעטישע פירער זיינען סענסיטיוו צו אָט דער באַשולדיקונג צוליב דעם, וואָס אין אַזאַ מדינה, ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד, איז דער העכערער בילדונג־אַנשטאַלט דער איינציקער לייטער צו אַ בעסערן עקאָנאָמישן מצב און צו אַ העכערן סאָציאַלן שטאַנד.

אין אַמעריקע איז אַלע מאָל געווען אַן אויסוועג פון דער דיסקרימינאַציע ביים אַריינגיין אין אַן אוניווערסיטעט. דער אָפּגעוואָרפענער קאַנדידאַט האָט

געקאָנט פאַרן שטודירן קיין אויסלאַנד, ווי אַ סך יידישע יונגעלייט האָבן טאַקע אין אַ געוויסער צייט געטאָן; קומענדיק צוריק, האָט ער געקאָנט פריי פּראַקטיצירן אין זיין אויסגעשטודירטער פּראָפעסיע. אין אַמעריקע האָט מען אויך געקאָנט זיך דערשלאָגן צו אַ העכער מדרגה אָן אַקאַדעמישער בילדונג — ביי אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג, ווו מען קאָן אויסנוצן די איינגעבוירענע אָדער דערוואָרבענע פעיקייט. אָבער אין דער געשלאָסענער געזעלשאַפט מיט דער פּלאַנירטער, קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, ווען איינער ווערט דאָרט אויס־געשלאָסן פון דער העכער בילדונג, ווערט ער דורך דעם פאַרמשפט צו בלייבן דאָס גאַנצע לעבן אויף אַ נידעריקער מדרגה.

אַלע סאָוויעטישע דערקלערונגען שטעלן פעסט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום דיסקרימינאַציע קעגן יידן; אַז ביים אַריינגעמען אין אַ העכערן בילדונג־אַנשטאַלט קוקט מען לחלוטין ניט אויף דער נאַציאָנאַליטעט פון קאַנדידאַט; אַז די ציפערן פון דער צאָל יידישע סטודענטן לגבי דער צאָל יידן אין דער מדינה ווייזן גאָר דעם היפּוך, דאָס הייסט, אַז עס שטודירן אַ סך מער יידן ווי ס'איז זייער פּראָפּאָרץ אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג; און אַז אָט דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט דורך דעם, וואָס פּראָפּאָרציאָנעל געפינען זיך פיל יידן אין די געשטודירטע פּראָפעסיעס און זיי פאַרנעמען אַ צאָלרייך אָרט אויף די קולטור־געביטן. דאָס איז אָבער, לויטן באַקאַנטן ווערטל, אַ „שניידערי־שער חשבון".

אין אָקטאָבער 1960 איז געשען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל, אַז פיר יידישע פּראָפעסאָרן פון מינסקער אוניווערסיטעט האָבן געענטפערט אויף אַן אַרטיקל אין פּאָפּולערן בילדער־זשורנאַל „לאַיף". אין דעם אַרטיקל איז געווען געשריבן, אַז אויפן מינסקער אוניווערסיטעט ווערט אָנגעווענדט דיסקרימי־נאַציע לגבי יידן. דער זשורנאַל „לאַיף" האָט דעם ענטפער פון די מינסקער פּראָפעסאָרן ניט געדרוקט, און ער איז דערשינען אין דער ניו־יאָרקער יידישער צייטונג „מאָרגן פרייהייט". די פיר יידישע פּראָפעסאָרן האָבן געטענהט, אַז מען פירט ניט אויפן מינסקער אוניווערסיטעט קיין חשבונות וועגן דער נאַ־ציאָנאַליטעט פון די סטודענטן, מחמת מען מאַכט ניט קיין שום אונטערשיד אויף אָט דעם געביט, אָבער כדי בעסער צו קענען ענטפערן אויפן בילבול, האָבן זיי געמאַכט אַן אַנקעטע, און אָט וואָס זיי זיינען דערגאַנגען.

פון די 3000 סטודענטן אויפן מינסקער אוניווערסיטעט זיינען זעקס און ניינציק יידן. דאָס באַטרעפט דריי מיט אַכט־צענטל פּראָצענט. אַזוי ווי דער מינסקער אוניווערסיטעט באַדינט גאַנץ ווייסרוסלאַנד, און אין ווייסרוסלאַנד

געפינען זיך 150,000 יידן, הייסט דאָס, אַז קאַרגע צוויי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד זיינען פאַרטראָטן מיט פיר פּראָצענט אין דער צאָל פון די סטודענטן. היינט זשע, קאָן מען דאָס אָנרופן דיסקרימינאַציע? ווייטער וויזן אָן די פיר יידישע פּראָפעסאָרן, אַז פון די 300 פּראָפעסאָרן אין אוניווערסיטעט זיינען 68 יידן, דאָס הייסט, אַז אין דער פּראָפעסור זיינען שוין יידן פאַרטראָטן מיט צוויי און צוואַנציק פּראָצענט.

איז קודם כל די באַזע פון חשבון אַ פאַלשע. די יידן אין ווייסרוסלאַנד זיינען ניט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רעפּובליק; זיי זיינען קאָנצענטרירט אין מינסק און אין נאָך עטלעכע שטעטלעך. אין מינסק גופא באַטרעפן יידן צוואַנציק פּראָצענט. ווייסרוסלאַנד איז נאָך אַלץ בעיקר אַן אַגריקולטורעלע געגנט, און דער פויערשער עלעמענט שיקט גאָר ווייניק יוגנט שטודירן. אַ פאַרגלייך אין פּראָצענט באַפעלקערונג צווישן יידן און ניט־יידן דאַרף דעריבער געמאַכט ווערן ניט מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ווייסרוסלאַנד, נאָר מיט דער גרויסשטאָטישער באַפעלקערונג פון דער רעפּובליק, דאָס הייסט פון די שטעט, און פון דעם שיכט באַפעלקערונג, צווישן וועלכער די יידן וווינען. ביי אַזאַ פאַרגלייך וואָלטן שוין יידן באַטראָפן ניט צוויי פּראָצענט, נאָר מער ווי צען פּראָצענט. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט ביי אַ פאָלק די טענדענץ און די טראַדיציע צום שטודירן. יידן האָבן אַלע מאָל און אומעטום אַרויסגעגעבן אַ גרעסערן פּראָצענט סטודענטן. הייסט דאָס, אַז ווען עס וואָלט באמת ניט געמאַכט געוואָרן קיין שום אונטערשייד, ווי די סאָוויעטישע אויטאָריטעטן שטעלן פעסט, וואָלט נאַטירלעכערווייז געדאַרפט זיין אַ סך מער סטודענטן יידן ווי דער יידישער פּראָצענט צווישן דער באַפעלקערונג. און איבער אַלעם מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט דער גאַנצער פּראָצעס — וויפל יידישע סטודענטן עס האָבן זיך געלערנט פריער, איידער מען האָט גענומען הערן די קלאַנגען וועגן דיסקרימינאַציע און וויפל עס לערנען דאָרט היינט. מיר ווייסן, למשל, אַז מיטן וווּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געוואַקסן די שטרעבונג צום שטודירן אין לאַנד בכלל. איז אויב ביי אַט דער לאַגע, בעת דער פּראָצענט פון ניט־יידישע סטודענטן וואַקסט, פאַלט גאָר דער פּראָצענט פון יידישע סטודענטן, מוז דאָך דאָ עפּעס זיין אַזוינס, וואָס האַלט אָפּ יידישע יוגנטלעכע פון אָנקומען אין אוניווערסיטעט.

יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ קאָנטאַקט מיטן סאָוויעטישן בילדונג־סיסטעם אַ מאָל, האָט באַמערקט די גרויסע צאָל יידן אין אוניווער־

סיטעט. אַט האָבן די פיר יידישע פּראָפעסאָרן פון מינסקער אוניווערסיטעט זיך איבערגענומען וואָס יידישע פּראָפעסאָרן באַטרעפן דאָרט צוויי און צוואַנציק פּראָצענט. מעג מען דאָך פרעגן: ווי אַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז קאַרגע פיר פּראָצענט פון סטודענטן זאָלן אַרויסגעבן צוויי און צוואַנציק פּראָצענט פּראָ־פעסאָרן? איז דאָס ניט קיין אומנאַטירלעכע דערשיינונג? דער ענטפער דערויף איז, אַז עס זיינען געווען צייטן, און ביז דאָ ניט לאַנג, ווען די יידישע סטודענטן אין מינסקער אוניווערסיטעט האָבן באַטראָפן ניט קאַרגע פיר פּראָצענט, נאָר עטלעכע און צוואַנציק פּראָצענט, האָבן זיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרויס־געגעבן אַ פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל פּראָפעסאָרן. די פיר יידישע פּראָפעסאָרן גופא גיבן אַן אָנדייט דערויף. זיי האָבן געשריבן, אַז זיי געדענקען נאָך די אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן ביים צאַרישן רעזשים. הייסט דאָס, אַז זיי האָבן שטודירט מיט יאָרן צוריק, ניט אין דער לעצטער צייט. עס וואָלט כדאי געווען צו וויסן דעם עלטער פון די איצטיקע 68 יידישע פּראָפעסאָרן אין מינסקער אוניווערסיטעט און צי די צאָל יידישע פּראָפעסאָרן איז געשטיגן, אָדער געפאַלן אין משך פון די לעצטע צען יאָר.

עס איז ניט ריכטיק, וואָס די פיר יידישע פּראָפעסאָרן האָבן געשריבן אַז מען לייגט ניט קיין אַכט אויף דער נאַציאָנאַליטעט פון די סטודענטן אין זייער אוניווערסיטעט. מיר האָבן, למשל, גענויע ציפערן פון די, וואָס האָבן געענדיקט צוויי פאַקולטעטן פון מינסקער אוניווערסיטעט אין יאָר 1958. דעם פאַקולטעט פאַר געשיכטע האָבן געענדיקט 213 ווייסרוסן, 70 רוסן, 40 אוקראַ־יִנער, 7 יידן; דעם כעמישן פאַקולטעט האָבן אין זעלבן יאָר געענדיקט 224 ווייסרוסן, 76 רוסן, 41 אוקראַיִנער, 7 יידן. איז דאָס ניט מאָדנע, וואָס די צאָלן פון די אָנגעגעבענע נאַציאָנאַליטעטן זיינע אַזוי ענלעך אין דיביידע פאַקולטעטן?

קוקן מיר אַריין אין צענזוס, לויטן „סטייטסמענס יירבוק" באַטרעפן אין ווייסרוסלאַנד די רוסן אַכט פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, די אוקראַ־יִנער צוויי פּראָצענט, און די יידן צוויי פּראָצענט. איז אויב פון די רוסן האָבן געענדיקט 70 סטודענטן אויפן געשיכטע־פאַקולטעט, האָבן די אוקראַיִנער געדאַרפט האָבן אַ פערטל פון דעם, דאָס הייסט זיבעצן־אַכצן, און די יידן אויך אַזוי פיל. אָבער די אוקראַיִנער האָבן מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט האָבן לויט זייער פּראָפּאָרץ, און די יידן מער ווי צוויי מאָל ווייניקער ווי זיי קומט לויט דער פּראָפּאָרץ. די זעלבע דערשיינונג האָבן מיר אין כעמישן פאַקולטעט: ווי באַלד אים האָבן געענדיקט 76 רוסן, האָבן אים

געדאַרפט ענדיקן 19 אוקראַינער און 19 יידן. האָבן אוקראַינער געענדיקט מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל, 41 אין צאָל, און יידן — אַלץ די זעלבע זיבן!

איז ווי מען זאָל דעם חשבון ניט דרייען, באַקומט זיך, אַז אין מינסקער אוניווערסיטעט האָט אין די צוויי פאַקולטעטן עקזיסטירט אַ געוויסע צאָל סטודענטשאַפט, און אַז זי איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן פיר פעלקער, און די יידן זיינען דאָ מוראדיק געקריוודעט געוואָרן.

אין מאַי 1962 האָט די סאָוויעטישע פרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" אָפּ־געדרוקט אַן אָפענעם בריוו פון פינף סאָוויעטישע יידישע פערזענלעכקייטן: ז. וועגדראָף, דער באַוווסטער אַלטער יידישער שריפטשטעלער; באָריס איידל־מאַן, פּראָפעסאָר, קאַנדידאַט פון יורידישע וויסנשאַפטן; לייב פּולווער, פאָלקס־אַרטיסט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, קאָמפּאָזיטאָר; יוסף בראַגינסקי, פּראָפעסאָר, הויפּט־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „די פעלקער פון אַזיע און אַפּ־ריקע"; איליא סטראַשון, פּראָפעסאָר, מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון מעדי־ציניש וויסנשאַפטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַן ענטפער אויף די אינפאָרמאַציעס אין דער אַמעריקאַנער פרעסע וועגן דער לאַגע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

די אונטערגעשריבענע זאָגן וועגן זיך: „די מחברים פון דעם דאָזיקן בריוו זיינען סאָוויעטישע יידן. צווישן אונדז זיינען פאַראַן סיי קאָמוניסטן, סיי אומפּאַרטייאישע. יעדער פון אונדז האָט זיך אויסגעקליבן זיין וועג אין לעבן. אָבער מיר האָבן אין איינעם באַשטימט אָנצושרייבן אייך אַ בריוו אין צוזאַמענהאַנג מיט די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אַמעריקאַנער סענאַטאָר דזשעיקאָב דזשאַוויץ מכוח דער לאַגע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד". נאָכן דערקלערן, אַז זיי „קלייבן זיך ניט צו פּאָלעמיזירן מיט הער דזשאַוויץ, ניט מיט אַנדערע פערזאָנען, וועלכע פאַרקריפּלען דעם אמת וועגן אונדזער לעבן", אַז עס איז ניטאָ וועגן „וואָס צו דיסקוטירן", מחמת דאָס „לעבן פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד נייטיקט זיך ניט אין קיין באַווייזן", שרייבן זיי:

„מיר זיינען ביז־גאָר אויפגערעגט ווען מיר לייענען אין דער מערב־פרעסע וועגן דעם, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט כלומרשט געפירט אַ קאַמפּאַניע פון אַנטיסעמיטיזם. מיר דערקלערן דאָ פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די סאָוויעט־טישע יידן נייטיקן זיך ניט אין קיין שום „מליצים", אין קיין שום באַזאָרגער. יעדער אָביעקטיווער באַאָבאַכטער קאָן ניט פאַרפעלן צו אָנערקענען, אַז אינעם ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט בכלל ניט קיין יידישע פראַגע. מיר, סאָוויעטישע בירגער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון גאַנצן

סאָוויעטישן פאָלק. אונדזערע פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פון אַלע סאָוויעטישע פעלקער. די סאָוויע־טישע מלוכה זאָרגט זיך וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פונקט אַזוי ווי זי זאָרגט זיך וועגן די סאָוויעטישע בירגער פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט".

און די פינף אונטערגעשריבענע גיבן צו:

„עטלעכע ווערטער וועגן רעליגיע. די יידישע רעליגיע אין ראַטן־פאַר־באַנד ווערט ניט פאַרפאָלגט. זי איז אַוועקגעשטעלט אין די זעלבע באַדינגונ־גען ווי די קריסטלעכע, מוסולמענישע, קאַטוילישע און אַנדערע. די פרייהייט פון געוויסן איז דורכן געזעץ געזיכערט פאַר אַלע בירגער. אויב עס פאַר־קלענערט זיך די צאָל גלויביקע, דערקלערט זיך עס ניט מיט קיין שום אַד־מיניסטראַטיווע מיטלען. די זאַך באַשטייט דאָ אין גאָר עפּעס אַנדערש: די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויונג נעמט די אויבערהאַנט איבער דער אידע־אַליסטישער".

אין אַ ריי פּרטים פון דעם בריוו רייסן זיך די אונטערגעשריבענע אין אַן אָפענער טיר. ניט עמעצער לייקנט דאָס, און ניט דאָס האָט אַ שייכות מיטן היינט. למשל: „ווי ביטער האָט זיך געלעבט דעם ייד אונטערן צאַריזם", אָדער אַז „היטלער האָט געוואָלט אומברענגען אונדזער גאַנץ פאָלק", צי אַז „ביים אָנהייב פון דער מלחמה האָבן די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען געמאַכט הע־ראָישע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען די סאָוויעטישע בירגער, איינגעשלאָסן הונדערטער טויזנטער יידישע משפחות, וועמען ס'האָט געדראָט די האַק פון פאַשיסטישן תליון". אין אַ געשיכטע־בוך וועגן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, צי פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן די ענינים אַן אָרט, אָבער דאָס קאָן ניט פאַרדעקן אָדער פאַרגיטיקן דעם מצב פון די סאָוויעטישע יידן היינט.

דער שטרייטפּונקט באַשטייט אין די דריי אויבן־אָנגעגעבענע פעסט־שטעלונגען פון אָפענעם בריוו: אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט בכלל ניט קיין יידישע פראַגע, אַז די סאָוויעטישע מלוכה זאָרגט זיך וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פונקט ווי זי זאָרגט זיך וועגן די סאָוויעטישע בירגער פון יעדער אַנדער נאַציאָנאַליטעט און אַז די יידישע רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד געפינט זיך אין די זעלבע באַדינגונגען ווי די קריסטלעכע, מוסולמענישע, קאַטוילישע, און אַנדערע. אָט אין דעם גייט עס. אָט דאָס וויל טאָקע וויסן, אין דעם ווילן זיך איבערצייגן די „מענטשן וועלכע אינטערעסירן זיך ווירק־לעך" מיטן לעבן פון די סאָוויעטישע יידן, צו וועמען די פינף סאָוויעטישע יידישע אינטעלעקטואַלן האָבן געווענדט זייער אָפענעם בריוו.

די אונטערגעשריבענע פאַרענדיקן זייער אָפֿענעם בריוו מיט אָט די שורות: „מיר זיינען טיף אויפגערעגט פון דעם, וואָס אין דער מערב־פרעסע פאַרקריפלט מען כסדר דעם אמת וועגן לעבן פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד״. און זיי פרעגן: „צוליב וואָס פאַר אַ ציל ווערט עס געטאָן? צוליב וואָס טרייבט מען רכילות אויף אונדז און אויף אונדזער לאַנד? און זייער אייגענער ענטפער דערויף איז, אַז מיט דעם וויל מען „פאַרערגערן די באַציונגען צווישן לענדער, אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער פונעם קאַמף פאַר אַפּשוואַכן די אינטערנאַציאָנאַלע שפּאַנונג, שווערער מאַכן דאָס איינשטעלן פריינדלעכע קאָנטאַקטן און פאַרשטענדעניש צווישן די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד און אַנדערע פעלקער״.

דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז די שלעכטע בשורות, וואָס מען הערט אין מערב וועגן מצב פון סאָוויעטישן יידנטום מאַכן ניט לייכטער דאָס איינשטעלן פריינדלעכע קאָנטאַקטן און פאַרשטענדעניש צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און אַנדערע לענדער. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז די בשורות זיינען פאַרט שלעכטע? דער מצב פון די סאָוויעטישע יידן ווערט דאָך באַשטימט ניט פון מערב, נאָר פון דער אינערלעכער סאָוויעטישער פּאָליטיק. איז עס דאָך אַ סאָוויעטישע ווירקלעכקייט. טענהן די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן פון ראַטן־פאַרבאַנד, אַז די שלעכטע בשורות אַנטשפּרעכן ניט דער ווירקלעכקייט, נאָר דאָס זיינען רכילותן. האָבן זיי דאָס באַוויזן?

צו באַווייזן, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין יידישער פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד, ברענגען די פינף אונטערגעשריבענע אַ ריי ציפערן. זיי דאַרפן איבערצייגן, אַז עס הערשט ניט קיין שום דיסקרימינאַציע קעגן יידן. דער מעטאָד איז אַן אַלטער: יידן באַטרעפן סך הכל נאָר איין פּראָצענט מיט איין צענטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און טוט נאָר אַ קוק ווי שטאַרק זיי זיינען פאַרטראָטן אין די פאַרשיידענע העכערע געביטן פון סאָוויעטישן לעבן! די ציפערן זייערע גייען אַזוי:

„לויט דער פאָלקסציילונג פון 1959, באַטרעפט די באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד 208 מיליאָן מיט 827 טויזנט פערזאָן. פון זיי רוסן — 114,114,000; אוקראַינער — 37,253,000; ווייסרוסן — 7,913,000; אוזבעקן — 6,015,000; גרוזינער — 2,692,000; און יידן — 2,268,000.

„אין 1960 — 1961 זיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד געווען 2,395,545 סטו־דענטן אין די הויכשולן. פון זיי רוסן — 1,479,520; אוקראַינער — 343,618;

יידן — 77,1777; ווייסרוסן — 63,720; אוזבעקן — 53,530; גרוזינער — 48,461, און אַזוי ווייטער.

„קאָן מען דען ביי אַזאַ לאַגע ריידן וועגן דיסקרימינאַציע קעגן יידן?"

דאָס דאַרף באַווייזן, אַז הגם יידן זיינען אויפן זעקסטן אָרט לויט דער באַפעלקערונג, פאַרנעמען זיי דעם דריטן אָרט אין דער צאָל סטודענטן. ווייטער גיבן אָן די פינף יידישע סאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן ציפערן, וואָס דאַרפן ווייזן דאָס אָרט, וואָס יידן פאַרנעמען אין די ספּעציאַליזירטע געביטן פון בילדונג און קולטור.

„ווייטער, צווישן די ספּעציאַליסטן מיט הויכבילדונג און מיטלבילדונג, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער פאָלקסווירטשאַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן: רוסן — 5 מיליאָן מיט 509 טויזנט; אוקראַינער — אַ מיליאָן מיט 338 טויזנט; יידן — 427 טויזנט; ווייסרוסן — 257,700 טויזנט; גרוזינער — 155 טויזנט.

„צווישן די סאָוועטישע וויסנשאַפט־טוער: רוסן — 229,547; אוקראַינער — 35,426; יידן — 33,529; גרוזינער — 8,306; ווייסרוסן — 6,358. מיר קאָנען נאָך צוגעבן, אַז יידן מאַכן אויס 14.7 (פערצן מיט 7 צענטל) פּראָצענט פון אַלע סאָוועטישע דאָקטוירים; 8.5 פּראָצענט פון די טוער פון ליטעראַטור און פּרעסע (שרייבער און זשורנאַליסטן); 10.4 פּראָצענט יוריסטן (פּראָקוראָרן, ריכטער, אַדוואָקאַטן); 7 פּראָצענט טוער פון קונסט (אַקטיאָרן, מוזיקאַנטן, מאָלער, סקולפּטאָרן)".

ווי אַ באַווייז, אַז יידן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די מלוכה־אָרגאַנען, ווייזן אָן די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן, אַז „אין 1961 זיינען 7,623 פּערזאָן פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַטן פון די אָרטיקע סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען. פאַראַן אויך יידן צווישן די דעפּוטאַטן פון די אויבער־סאָוועטן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אַנדערע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, ווי אויך פון העכסטן ראַט פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי למשל מיניסטער בנימין דימשיץ, גענעראַל־פּאָלקאָווניק פון ראַטן־פאַרבאַנד יעקב קרייזער, די קאָלווירטניצע רבקה וויסטשיניקין, דער שרייבער איליאַ ערענבורג, דער פאָרזיצער פון קאָלווירט עליע יעהודין, דער זשורנאַליסט הענריך זימאַניס, מיניסטער עליע בעליאַוויטשוס".

און נאָכן זאָג, אַז „טויזנטער יידן פאַרנעמען אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין צענטער און אויף די ערטער", דערקלערן די אונטערגעשריבענע, אַז „דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, מחמת אין די סאָוועטישע באַדינגונגען ווערט דער מענטש

געשאַצט ניט לויט דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, ניט לויט דער שפּראַך, נאָר לויט זיינע פעיקייטן, לויט דעם ווי ער באַציט זיך צו דער אַרבעט, צו די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט".

כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן בריוו איז דער פראַגמענט וועגן דעם זייער אָנגעוויטיקטן פונקט פון דער יידישער קולטור. דער דאָזיקער פראַג־מענט לייענט זיך אַזוי:

„אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט ניט דערלאָזט קיין אומגלייכהייט אין פּרט פון באַנוצן זיך מיט דער אָדער אַנדערער שפּראַך. פאַר יענער טייל סאָוועט־טישע יידן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך, ווערט אַרויסגעגעבן אַ יידישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", מיט אַ טיראַזש פון 25 טויזנט עק־זעמפּלאַרן. אין גרויסע צאָלן ווערן אַרויסגעגעבן ביכער פון יידישע שרייבער. דער טיראַזש פון די ביכער וואָס זיינען אַרויסגעלאָזט דורך פאַרשיידענע פאַר־לאַגן אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר, האָט באַטראָפן ביי 12 מיליאָן עק־זעמפּלאַרן. אויף די מלוכהשע קאָנצערטן און טעאַטער־בינעס טרעטן אַרויס פאַרשיידענע יידישע אַנסאַמבלען און באַזונדערע אויספילער, זייערע קאָנ־צערטן באַזוכן קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן צושויער אַ יאָר".

יעדער וואָס האָט עפּעס אַן אַנונג וועגן יידישן קולטור־לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד מוז ביים איבערלייענען אָט דעם אָפּזאַץ זיך פרעגן: ווען האָבן דאָ די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן געוואָלט נעמען אויפן זיכער? און אפשר האָט זיי גופא גענומען אויפן זיכער דער, וואָס האָט צוגעפּאַסט דעם אָפענעם בריוו, אַז זיי זאָלן אים אונטערשרייבן?

דאָ רעדט זיך וועגן ניט דערלאָזן „קיין אומגלייכהייט אין פּרט פון באַנוצן זיך מיט דער אָדער אַנדער שפּראַך", און וועגן „יענעם טייל סאָוועטישע יידן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך", און מען גיט אָן אפילו דעם טיראַזש פון „סאָוועטיש היימלאַנד", הייסט עס דאָך אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן יידישן לשון. וואָס זשע איז דער טייטש פונעם זאָג, אַז „אין גרויסע צאָלן ווערן אַרויסגעגעבן ביכער פון יידישע שרייבער"? עס איז שוין באַלד עלף יאָר זינט סטאַלין איז געשטאָרבן, זענען פאַר אָט די קאַרגע עלף יאָר דערשינען געצעלט פינף ביכער אויף יידיש. און פון די פינף, זיינען דריי געווען פון די קלאַסיקער — מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ — און די איבעריקע צוויי — אויך פון פאַרשטאָרבענע שרייבער. ביז אַהער איז נאָך ניט דערשינען קיין איין און איינציק בוך פון אַ לעבעדיקן יידישן שרייבער, איינער פון די פינף אונטערשרייבער, דער פיינער, קלוגער שריפטשטעלער, ז. ווענדראָף, האָט

אַנגעשריבן אַ גאַר אינטערעסאַנטן באַנד דעראינערונגען פון העכער זעכציק יאָר לעבן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. איז דאָס דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד? ניין, דאָס מוז זיך דרוקן אין המשכים אין דער קאָמוניס־טישער פרעסע אין אויסלאַנד. „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעגעבן אַ ליסטע פון עטלעכע הונדערט יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי זיינען מייסטנס ניט אַלט, אָבער אויך ניט גאַר יונג — אין די מיטעלע יאָרן. האָבן זיי דאָך אַוודאי ווערק פאַרטיקע צום דרוק. ניט שוין זשע איז ניטאָ קיין איינער פון זיי, וואָס האָט אַ בוך אַרויסגעגעבן אויף יידיש? פאַר וואָס גיט מען יאָ אַרויס ביכער פון לעבעדיקע יידישע שרייבער אין רוסישער איבערזעצונג, און קיין איינעם נאָך אויף יידיש — בעת די אונטערגעשריבענע אַליין זאָגן, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַ טיראַזש פון 25 טויזנט, און אַ האַלב מיליאָן צושויער אַ יאָר קומען צו די אַרויסטריטן פון „פאַרשיידענע יידישע אַנ־סאַמבלען און באַזונדערע אויספילער"? איז צווישן אָט די אַלע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און צושויער פון די יידישע אַנסאַמבלען ניטאָ קיין עטלעכע טויזנט קויפער פון אַ יידיש בוך?

לאָמיר כאַפּן אַ קוק ווי די זאַך זעט אויס ביי אַנדערע פיל קלענערע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר וועלן נעמען די גענויע ציפערן פון אַ סאָוויעטישן קוואַל — אַן אָפיציעלער באַריכט וועגן דרוק־וועזן פאַרן יאָר 1962. („פעטשאַט וו׳ס. ס. ר. וו׳ 1962 גאָדו", ז. 81). האָבן מיר אַ פאָלק באַשקירן, מיט אַ באַפעלקערונג ניט מער ווי איין מיליאָן. איז ביי די באַש־קירן דערשינען בלויז אין דעם איינעם יאָר אין זייער אייגענעם באַשקירישן לשון 116 אָריגינעלע ווערק און 48 איבערזעצונגען; פאַראַן אַ פאָלק טשע־טשענצעס, וואָס זיין גאַנצע באַפעלקערונג באַטרעפט ווינציקער וויפיל יידן עס האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטערשפראַך, האָבן די טשעטשענצעס אַרויסגעגעבן אין דעם איינעם יאָר אין זייער אייגענעם לשון 24 אָריגינעלע ווערק און 33 איבערזעצונגען; די מאַריס, אַ פאָלק וואָס איז מיט זיין גאַנצער באַפעלקערונג ווייניקער ווי די צאָל יידן וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטערשפראַך, האָט יענעם יאָר אַרויסגעגעבן אין זיין אייגענעם לשון 49 אָריגינעלע ווערק און 28 איבערזעצונגען; די יאַקוטן, אַ פאָלק, וואָס זיין גאַנצע באַפעלקערונג באַטרעפט אַ העלפט פון דער צאָל יידן, וואָס האָבן אָנ־געגעבן יידיש ווי זייער מוטערשפראַך, האָבן אויך פאַר יענעם יאָר אַרויסגע־געבן אין אייגענעם לשון 109 אָריגינעלע ווערק און 37 איבערזעצונגען. און ענלעכע ציפערן וואָלט איך געקאָנט אָנגעבן פאַר אַזעלכע פעלקער, ווי די

אומדורן, קאַמי און קאַמי־פּערמיאַק, אַסעפּיאַנער, און אַנדערע — אַלץ קליינע פעלקער, וואָס האָבן ניט אַזוי פיל באַפעלקערונג ווי די צאָל יידן וואָס האָבן דערקלערט אַז יידיש איז זייער לשון. אָבער איר וועט אין אָט דער אָפיציע־לער פּובליקאַציע וועגן סאָוויעטישן דרוקוועזן פאַרן יאָר 1962 ניט געפינען קיין איין און איינציק בוך אין דער יידישער שפּראַך!

די סאָוויעטישע אַפּאָלאָגעטן פאַרשווייגן אָט דעם הימלשרייענדיקן פאַקט און זיי פּרוּוון שיטן זאַמד אין די אויגן וועגן יידישע ביכער, וואָס זיינען דער־שינען אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן אין אַ טיראַזש פון צוועלף מיליאָן עקזעמפּ־לאַרן אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר. וועגן וועלכע ביכער ריידן זיי דאָ? וועגן יידישע ביכער אויף יידיש, צי ביכער איבערזעצטע פון יידיש, אָדער געשריבענע פון יידן אויף רוסיש? עס זיינען טאַקע דערשינען אויף רוסיש אין די לעצטע זיבן יאָר 187 ביכער פון יידישע שרייבער מיטן פאַנטאַסטישן טיראַזש פון קאַרגע צוועלף מיליאָן. אָבער זיבן און אַ האַלב מיליאָן פון דעם געהער צו דער קינדער־ליטעראַטור, מיינט די לידער־ביכלעך פאַר קינדער פון קוויטקאָ, וועמענס קינדער־לידער פלעגן נאָך ביי זיין לעבן זיך צעגיין — אין אַנדערע שפּראַכן — אין מיליאָנען. פון דער פאַרבליבענער צאָל דאַרף מען אַראָפּנעמען אַ גאַר גרויסן חלק פאַר די ווערק פון שלום־עליכם, וואָס דרוקן זיך אין אויסגאַבן פון 300 טויזנט און מער. אָבער עס וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ היפּשע צאָל פאַר די ווערק פון די היינטיקע סאָוויעטישע יידישע שרייבער.

שטעלט זיך דאָ די פראַגע: אויב עס זיינען היינט דאָ יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס שרייבן אַזוי גוט, אַז זיי האָבן אַ היפּשן אָפּגאַנג אין דער רוסישער איבערזעצונג, פאַר וואָס זשע זאָל מען זיי ניט דרוקן אין אָריגינאַל? אויב יידן וואָס קענען ניט קיין יידיש, אָדער ניט־יידן, האָבן אַן אינטערעס צו לייענען אָט די ווערק, פאַר וואָס זאָלן די יידן וואָס קענען יאָ יידיש — און זייער אָפיציעלער ציפער איז דאָך נאָענט צו אַ האַלבן מיליאָן — פאַר וואָס זאָלן זיי דאָס ניט וועלן לייענען? אויב ס'איז פאַראַן אַ לייענער־עולם, וואָס קאָן אָפּנעמען 25,000 עקזעמפּלאַרן פון אַ ליטעראַרישן יידישן זשורנאַל, פאַר וואָס זאָל דער יידישער שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט קאָנען אַרויס־געבן זיין ווערק אין אָריגינאַל אויף יידיש, פאַר יידן?

און דאָס אייגענע איז מיט צייטונגען: ווידער, לויטן זעלבן אָפיציעלן קוואַל, האָבן דערמאָנטע קליינע פעלקער אַ פּרעסע אין זייער אייגענעם לשון, די יאַקוטן — צען צייטונגען, די אומדורן — ניין צייטונגען, די טשעטשענצעס —

מאָסקווע, 1946

פון רעכטס צו לינקס:
פרץ מאַרקיש, גענעראַל קאַץ, לענאַ שטערן, ב. צ. גאָלדבערג, שלמה מיכאָעלס,
ד"ר שימעליאָוויטש, איציק פעפער, שמואל האַלקין

פיר צייטונגען. אַפילו אַ פּאָלק טשוקשעס, וואָס באַשטייט פון 12 טויזנט נפשות, האָט אַ צייטונג אין אייגענעם לשון. פאַר וואָס איז ניטאָ קיין פּרעסע אויף יידיש, אויסער „ביראָבידזשאַנער שטערן", וואָס גייט אַרויס אין איין טויזנט עקזעמפּ־ליאַרן — און וואָס קיינער זעט עס ניט אויסער ביראָבידזשאַן — נאָר כדי אויפצוהאַלטן די פּיקציע פון אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט?

אינטערעסאַנט איז אין דעם פּרט אַ פאַרגלייך פון דער „גלייכהייט" פון יידישן לשון מיט דער „גלייכהייט" פון דייטשן לשון, און דער גורל פון אָט די צוויי שפּראַכן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָט יעקאַטערינאַ די צווייטע באַזעצט דייטשן אין דער ניט־באַפעלקערטער וואָלגע־געגנט ביי סאַראַטאָוו. לעבנדיק באַזונדער, און מיט אַן אייגענער רעליגיע, האָבן יענע דייטשן אויפגעהיט זייער לשון און קולטור. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן יענע דייטשן באַקומען פולע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין זייער געגנט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויטאָנאָמער דייטשער רעפּובליק. די דייטשן, וואָס האָבן געלעבט אויסער דער רעפּובליק, האָבן אויך באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט אויפצוהאַלטן זייער לשון, צו האָבן אייגענע דייטשע שולן, אַ דייטשע פּרעסע, און דאָס גלייכן. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך געפונען אַרום אַ האַלבער מיליאָן דייטשן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין *1938*, אין שאָטן פון צווייטן וועלטקריג, איז די דייטשע אויטאָ־נאָמיע, אויסער דער דייטשער אויטאָנאָמער רעפּובליק, אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָבער די דייטשע אויטאָנאָמע רעפּובליק איז געבליבן ניט גערירט. סוף אויגוסט, 1941, צוויי חדשים נאָך דעם ווי היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, זיינען די דייטשן אַרויסגעפירט געוואָרן פון זייער אויטאָנאָמער רעפּובליק און פאַרשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט די דייטשן פון אַנדערע געגנטן, אין טיף סיביר און אַרום אוראַל. אַלע קולטור־אינסטיטוציעס אויף דייטש זיינען גע־שלאָסן געוואָרן, דערין אויך די דייטשע פּרעסע. די דייטשע קולטור איז אומ־געבראַכט געוואָרן אין יאָר 1941 ווי די יידישע — אַכט יאָר שפּעטער.

אָבער וואָס איז געשען מיט דער דייטשער קולטור נאָך דער דעסטאַ־ליניזאַציע?

אין סעפּטעמבער 1955 איז קאָנראַד אַדענאַוער געווען פאַרבעטן קיין מאָסקווע, און באַלד נאָך זיין אָוועקפאָרן זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַגרענצונגען אויף דער דייטשער מינדערהייט. אין 1956 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ צייטונג אויף דייטש, „אַרבעטער", און

אין 1957, אַ צווייטע, „נויעס לעבן". אין זעלבן יאָר האָבן זיך געעפנט שולן אויף דייטש פאַר דייטשע קינדער — נאָך אַן איבעררייס פון צוואַנציק יאָר. אַפילו אין רוסישע שולן, אויב דאָרט געפינען זיך דייטשע קינדער, וואָס ווילן אַ קלאַס אין דייטש, קאָנען זיי דאָס באַקומען.

איז עפּעס אַזוינס געשען מיט די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, כאָטש מיט „די סאָוויעטישע יידן, וואָס באַנוצן די מוטערשפּראַך", וועלכע זיינען ניט קלענער אין צאָל פון די דייטשן, וואָס באַנוצן זייער מוטערשפּראַך? קאָן דאָס זיין אַ באַווייז, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט „ניט דערלאָזט קיין אומגלייכהייט אין פּרט פון באַנוצן זיך מיט דער אָדער אַנדערער שפּראַך"?

פונקט אַזעלכע ניט דערזאָגטקייטן, האַלבע אמתן, צונויפגעוואָרפענע פאַרשיידענע זאַכן אין איין טאָפּ, און אָן דעם מינדסטן אַנאַליז — זיינען די אַנדערע סטאַטיסטישע אָנגעבן פון די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן בנוגע דער צאָל יידישע סטודענטן אין די הויכע בילדונג־אַנשטאַלטן און דעם אָרט פון יידן אין די העכערע געביטן פון סאָוויעטישן לעבן. און דאָ ווידער פאָדערט זיך אַ טיפער אַריינקוק אין די פאַקטן און ציפערן. וואָרעם ביים סאָוויעטישן סיסטעם, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, איז אַקאַדעמישע בילדונג דער איינציקער שליסל צו אַ העכערן גראַד אַרבעט, און במילא צו אַ בעסערן עקאָנאָמישן מצב, סאָציאַלן פּרעסטיזש און פּאָליטישן מעמד.

קודם, נעמען די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן די זעלבע פאַלשע באַזע פאַרן חשבון, ווי די דריי יידישע פּראָפעסאָרן פון מינסקער אוניווערסיטעט. דאָס הייסט, אַז ווי באַלד יידן באַטרעפן איינס מיט אַ צענטל פּראָצענט פון דער טאָטאַלער באַפעלקערונג, דאַרפן זיי זיין פאַרטראָטן פונקט אַזוי פיל אין די אוניווערסיטעטן, פּראָפעסיעס און הויכע אַמטן, און אויב עס געפינען זיך יידן אין יענע געביטן מער פון דעם, איז דאָס אַ באַווייז, אַז עס ווערן ניט גע־מאַכט קיין דיסקרימינאַציעס קעגן זיי. ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, זיינען יידן ניט צעשפּרייט גלייך איבערן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. זיי זיינען קאָנצענטרירט אין אַ ריי פונקטן, וווּ זיי בילדן אַזאַ הויכן פּראָצענט ווי צען, פופצן און אַפילו צוואַנציק. אויב די יידן אין מאָסקווע באַטרעפן העכער צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט, קען מען דאָך ניט זאָגן, אַז יידן דאַרפן זיין פאַרטראָטן אין מאָסקווער לעבן נאָר איינס מיט אַ צענטל פּראָצענט צוליב דעם וואָס זיי בילדן אַזאַ פּראָצענט פון דער גאַנצער סאָוויעטישער באַפעלקערונג. מוז מען צו ערשט אָננעמען פאַרן באַזיס דעם פּראָצענט וואָס יידן באַטרעפן אין די ערטער וווּ זיי וווינען.

צווייטנס, דאַרף מען ביי אָט דער ריכטיקער באַזע פאַרן חשבון נעמען אין באַטראַכט די טענדענץ, די סאָציאַלע טראַדיציע פון פאָלק צו בילדונג, פּראָפעסיע און העכערן אָמט. ביי די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי ביי פעלקער אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, גייט ניט אויטאָמאַטיש דער פּראָצענט סטודענטן לויט דער צאָל באַפעלקערונג. טייל פעלקער האָבן אַ גרעסערן דראַנג צו בילדונג, און גיבן אַרויס אַ גרעסערן פּראָצענט סטודענטן, אַנדערע האָבן אַ קלענערן דראַנג און גיבן אַרויס אַ קלענערן פּראָצענט סטודענטן. נעמט די ציפערן, וואָס דער אָפענער בריוו פון די פינף יידישע אינטעלעקטואַלן האָט אָנגעגעבן, וועט אַ פּשוטער חשבון ווייזן, אַז די רוסן, וואָס באַטרעפן 54 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער באַפעלקערונג, גיבן אַרויס 62 פּראָצענט פון די סטודענטן, דאָס הייסט מיט אַכט פּראָצענט מער ווי זייער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג. אַנטקעגן זשע די אוקראַינער, וואָס באַטרעפן 18 פּראָצענט פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג, גיבן אַרויס נאָר 13 פּראָצענט פון די סטודענטן, דאָס הייסט מיט פינף פּראָצענט ווייניקער ווי זייער פּראָצענט פון דער גאַנצער סאָוויעטישער באַפעלקערונג. די אוקראַינער לעבן דאָך ביי זיך אין דער אייגענער היים, קאָן דאָך ניט זיין קיין רייד וועגן דיסקרימינאַציע קעגן אוקראַינער ביים שטודירן. איז פאַר וואָס גיבן זיי אַרויס ווייניקער סטודענטן ווי די רוסן? דער ענטפער איז, אַז די רוסן זיינען אַ מער שטאָטישער עלעמענט, מער אינדוסטריאַליזירט, מיט אַ טראַדיציע פאַר בילדונג. פאַרגלייכט ווידער די צאָל געענדיקטע פון 7 יאָר און מער בילדונג פער טויזנט באַפעלקערונג פון אוקראַינער מיט ליטווינער, וועט איר געפינען 319 אוקראַינער לגבי 188 ליטווינער. אין סך הכל, פאַרמאָגן די שטאָטישע ישובים צוויי מאָל אַזוי פיל געענדיקטע זיבן יאָר און מער בילדונג ווי די דאָרפישע ישובים, און במילא גיבן די שטאָטישע ישובים אַרויס צוויי מאָל אַזוי פיל קאַנדידאַטן פאַר העכערער בילדונג ווי די דאָרפישע ישובים.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז יידן האָבן אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ דראַנג צו בילדונג, און האָבן אַ בילדונג־טראַדיציע, וואָס ציט זיך צוויי טויזנט יאָר. יידן האָבן אין אַלע לענדער אַרויסגעגעבן אַ גרויסן פּראָצענט סטודענטן. אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט מיטן גרעסטן פּרעסטיזש, וווהין אַלע שפּאַרן זיך צו שטודירן, אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, זיינען אַ פערטל פון די סטודענטן יידן, בעת אין דער צאָל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג באַטרעפן יידן נאָר אַ דריי פּראָצענט. אין יאָר 1935, ווען יידן האָבן זיך נאָך אין היפּשע צאָלן געפונען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין קאָלווירטן, איז דאָרט געווען

דרייצן מיט אַ דריטל פּראָצענט יידן אין דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן. זינט יענער צייט, איז דאָס יידישע פּויערטום כּמעט ווי פאַרשוווּנדן. העכער 95 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבט היינט אין די שטאָטישע געגנטן לגבי די קאַרגע 48 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג געפינט זיך אין אַ בעסערער מאַטעריעלער לאַגע און אויף אַ העכערער קולטורעלער מדרגה. איז בעת די טענדענץ צו שטודירן איז אַזוי שטאַרק געשטיגן ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — דריי מאָל אַזוי די גרויס ווי פאַרן צווייטן וועלטקריג, פאַר וואָס זאָל מען דערוואַרטן, אַז גראָד אַצינד זאָל יידישע יוגנט זיך אָפּקערן פון שטודירן און זיך באַגנוגענען מיט פּראָסטער מלאכה אָדער נידעריקער ביוראָ־באַשעפטיקונג?

ווען פאַרן יונגן יידישן מענטש וואָלט טאַקע געווען פריי דער וועג צו שטודירן, וואָלט געוויס אַ העכערער פּראָצענט יידן היינט שטודירט. אָבער ווי זענען פאַקטיש אויס די ציפערן היינט צו טאָג?

ניקאָלאַס דעוויט, אַן אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג, וואָס שטודירט יאָרן לאַנג דאָס בילדונג־סיסטעם און דעם מצב פון די פּראָפעסיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט דאָ ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט אַ שטודיע וועגן דעם „סטאַטוס פון יידן אין דער סאָוויעטישער בילדונג". די פאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אויפן סמך פון סאָוויעטישע אָריגינעלע קוואַלן, ווי די ציפערן פון דער „צענטראַלנאַיע סטאַטיסטישעסקאַיע אופּראַוולעניע פּרי סאָוויעט מיניסטראָוו", און די יערלעכע באַריכטן פון „נאַראָדנאַיע כאָזיאַיסטוואָ". (נאָך אין 1955, האָט דעוויט פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן די סאָוויעטישע פּראָפעסיאָנאַלן, זייער דערציונג און פאַכבילדונג, און אין 1961 — אַ שטודיע וועגן בילדונג און פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, ביידע — אונטער דער אויפזיכט און אַרויסגעגעבן פון דער נעשאָנעל סייענס פאַונדיישן).

אויפן סמך פון דער סאָוויעטישער סטאַטיסטיק, און גענוי אילוסטרירט מיט טאַבעלן, ברענגט פּראָפעסאָר דעוויט עטלעכע גרונטפאַקטן וועגן היינטיקן מצב פון יידן אין סאָוויעטישן בילדונג־סיסטעם און פּראָפעסיאָנאַליזם.

קודם, עקזיסטירט אַ קוואָטע־סיסטעם, אַ פאָרעם פון אַ „נומערוס קלאַוזוס" אין די סאָוויעטישע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן. (ווי איך האָב דאָס אויבן באַוויזן אויפן סמך פון די אָנגעגעבענע ציפערן אין מינסקער אוניווערסיטעט). אַ רעצענזיע וועגן דעוויטס בוך אין „וויעסטניק ווישי שקאָלי" פון דעצעמבער 1963 האָט שטאַרק באַקעמפט אָט דעם אויספיר פון דעוויט. אָבער פאַקטיש האָבן דאָס די רעצענזענטן אַליין אָנערקענט, נאָר אָנגערופן מיט אַן

אַנדערן נאָמען. דעווויט ציטירט אָט די ווערטער פון דער רעצענזיע: „...נאָך מער: די סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע רעפובליקן האָבן אַ ספּעציעלע רעכט צו באַשטימען אַ געוויסע צאָל פון זייער נאַציאָנאַליטעט אריינגענומען צו ווערן אין די הויכע בילדונג־אַנשטאַלטן אָן דער געוויינטלעכער פאָדערונג פון קאָנקורס־עקזאַמענס... אָט די פּאָרצוג־קוואָטעס... ברייטערן אויס די בילדונג־געלעגנהייטן... אָט די יערלעכע פּאָרצוג־קוואָטעס זיינען ניט אַ ,שטערונג׳ און אַ דיסקרימינאַציע (ווי דעווויט האָט געהאַלטן) נאָר מיטלען פון דירעקטן אַוואַנס פאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג...״

איז טאַקע ריכטיק, אַז אָט די פּאָרצוג־קוואָטעס פאַר דער געוויסער נאַציאָנאַליטעט איז אַ דירעקטער אַוואַנס פאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון דער באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט. אָבער ווו עס איז פאַראַן אַ פּאָרצוג פאַר איינעם, דאָרט מוז אויך זיין אַ ריקצוג פאַר אַן אַנדערן. אַ ניט, ווען עס וואָלט געווען פּלאַץ פאַר אַלעמען אין אוניווערסיטעט, וואָלט דאָך ניט געדאַרפט זיין קיין רייד וועגן געבן וועמען אַ פּאָרצוג. בעת מיינעם אַ באַזוך אין אוניווער־סיטעט אין אַלמאַ־אַטאַ (די הויפּטשטאָט פון דער קאַזאַכישער רעפובליק), האָב איך געהערט, אַז אַ העלפט פון די פּלעצער פאַר נייע סטודענטן ווערן רעזער־ווירט פאַר קאַזאַכן, און ערשט די צווייטע העלפט טיילט מען פונאַנדער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. איז דאָס טאַקע אַ גוטע זאַך פאַר די קאַזאַכן, אָבער פאַר די דאָרטיקע רוסן, אוקראַינער און יידן איז דאָס שוין ניט אַזוי גוט, מחמת אַ צאָל פון זיי, און גאָר פעיקע, ווערן ניט אַנגענומען אין אוניווערסיטעט נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זיינען ניט פון דער קאַזאַכישער נאַציאָנאַליטעט.

ווי מען זאָל ניט קוקן אויף די „פּאָרצוג־קוואָטעס״, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז ביים אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט רעכנט מען זיך ניט בלויז מיט דער פעיקייט פון קאַנדידאַט. מען דאַרף דאָך אַריינקוקן אין דאָקומענט צו וואָסער נאַציאָנאַליטעט ער געהערט, כדי צו וויסן צי ער איז באַרעכטיקט צו דער „פּאָרצוג־קוואָטע״, צי ניט. דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטן אינדיווידואַליזם איז דאָ געבראָכן.

דעווויט קומט צום אויספיר, אַז דאָס „פּאָרצוג־קוואָטע״־סיסטעם ווערט אויסגענוצט אויף צו באַגרענעצן די צאָל יידישע סטודענטן. עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך ווי נאַציאָנאַלע פּלאַנירונג פון סטודענטן, וואָס אין דער פּראַקטיק באַטייט עס: דיסקרימינאַציע קעגן יידן. איינע פון די באַווייזן, וואָס דעווויט גיט אָן פאַר דעם, איז דאָס וואָס אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן ווו עס געפינען זיך גאָר ווייניק יידן, איז דער פּראָצענט פון די יידישע סטודענטן אַ גרעסערער

ווי פֿון דער אַלגעמיינער באַפּעלקערונג, בעת אין רעפּובליקן מיט אַ גרויסער יידישער באַפּעלקערונג איז דער פּראָצענט יידישע סטודענטן קלענער פֿון אַלגעמיינעם פּראָצענט. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, אַז אין די רעפּובליקן מיט ווייניק יידן עוסקט מען זיך ניט מיט אַ קוואָטע פֿאַר יידן, קומען דאָרט אָן יידישע סטודענטן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, בעת אין די רעפּובליקן מיט אַ סך יידן ווערט דער אויפֿנעם פֿון יידן אין אוניווערסיטעט שוין „קאָנטראָלירט".

דיווירקלעכקייט פֿון דעם יידישן אָנטייל אין הויכשול־שטודיום אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, לויט דער סאָוויעטישער סטאַטיסטיק, מוז באַזירט ווערן אויף אַ פֿאַרגלייך צווישן די יאָרן 1935 און 1960. אין משך פֿון צוואַנציק יאָר, צווישן די לעצטע דרייסיקער און מיטעלע פֿופֿציקער, ווערן יידן בכלל ניט דערמאָנט אין דער סאָוויעטישער סטאַטיסטיק, און פֿולע ציפֿערן האָבן מיר ערשט פֿאַרן יאָר 1960. אין יאָר 1935 האָבן אין די טאָג־און אָוונט־שולן זיך געפֿונען 74,200 יידישע סטודענטן, בעת אין 1960 איז זייער צאָל געווען 45,800. די צאָל פֿון 77,177 יידישע סטודענטן, וואָס ווערט כסדר אָנגעגעבן איז כולל אין זיך 31,300 ניט קיין רעגולערע סטודענטן, נאָר אַזעלכע וואָס באַטייליקן זיך אין קאָרעספּאָנדענץ־און צוגאָב־קורסן, אויף וועלכע קיין באַגרענעצונג איז ניט שייך. די אַלגעמיינע צאָל פֿולע סטודענטן פֿון טאָג־ אָדער נאַכט־קורסן איז אין 1935 געווען 563,500 און אין 1960 — 1,400,900. דאָס הייסט, אַז די צאָל אַלגעמיינע פֿולע סטודענטן איז פֿאַר די 25 יאָר געשטיגן 248 פּראָצענט, בעת די צאָל יידישע סטודענטן אַזעלכע איז אין אָט דער צייט געפֿאַלן אויף 39 פּראָצענט.

מיר האָבן ניט קיין גענויע ציפֿערן אין אָט דעם געביט זינט 1960. נאָר ווען מיר זאָלן אַפֿילו אָננעמען, אַז ביי יידן איז פֿאַרגעקומען פֿאַר די לעצטע פֿיר יאָר אַזאַ וווּקס אין דער צאָל סטודענטן ווי ביי די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָלט דאָס ערשט געווען אַ צוגאָב פֿון אַרום 10,000, העכסטנס 15,000, אַזוי אַרום וואָלט די צאָל יידישע סטודענטן היינט נאָך אַלץ געווען מיט אַ פֿופֿצן טויזנט ווייניקער ווי אין 1935!

אָן אַנדער ליכט אויף אָט דעם שוואַכן פּונקט וואַרפֿט די ציפֿער פֿון די, וואָס ענדיקן די אַקאַדעמישע שולן. אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערן היינט אַרויס־געלאָזט פֿון אָט די שולן אַרום 330,000 סטודענטן, דאָס הייסט מער ווי דריי מאָל אַזוי פֿיל פֿון דעם יערלעכן אַרויסלאָז אין די דרייסיקער יאָרן (דעמאָלט 100,000). די צאָל פֿון יידישע סטודענטן צווישן די, וואָס ענדיקן היינט, באַ־טרעפֿט 10,000, וואָס איז אומגעפֿער די זעלבע צאָל, וואָס אין יאָר 1935. צוליב

דעם איז דער פּראָצענט יידן צווישן די סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געענדיקט העכערע בילדונג, געפאַלן פון 19 פּראָצענט אין 1935 צו אַכט מיט אַ פינפטל פּראָצענט אין 1960.

אָט דאָס אַלץ וואָלט ניט פאָרגעקומען ווען ס׳וואָלט ניט עקזיסטירט אַ האַנט, וואָס רעגולירט דאָס אָננעמען יידן אין די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן. ווי זשע קאָן זיך געפינען אָט די האַנט?

אַ טיילווייזן רמז אויף דעם האָט געגעבן לואיס ס. פויער, אַ פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע און סאָציאַלער וויסנשאַפט אין קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט, וואָס איז געווען אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד אין אַ פּראָפעסור־אויסטויש צווישן אַמעריקאַנער ראַט פון געלערנטע און דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. פּראָפעסאָר פויער גיט אָן, אַז אַרום אַכציק פּראָצענט פון די היינטיקע סטודענטן אין די סאָוויעטישע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן האָבן לויטן נייעם איינשטעל געדאַרפט צו ערשט אַרבעטן עטלעכע יאָר אין פאַבריק אָדער אין אַ קאָלכאָז אָדער סאָווכאָז. ביים אָנקומען אין אוניווערסיטעט האָבן זיי געדאַרפט ברענגען אַ רעקאָמענדאַציע פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין אָרט, ווו זיי האָבן געאַרבעט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ רעקאָמענדאַציע האָט אַ וויכטיקן באַטייט ביים אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט.

אָט די לאָקאַלע סעקרעטאַרן קאָנען צום גרויסן טייל זיין אָנגעשטעקט מיטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז נאָך היפּש פאַרשפּרייט ביים פאָלק. דאָס וואָלט איך אָנגערופן די אונטערשטע האַנט. עס מוז אָבער אויך עקזיסטירן אַן אויבערשטע האַנט, וואָרעם דער יידישער פּראָצענט אין די אוניווערסיטעטן איז עפּעס צו סטאַביל, און ווי ד״ר פויער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָרטן ווו די מלוכה נייטיקט זיך שטאַרק אין ספּעציעלער פעיִקייט, איז זי גרייט צו געבן יידן פּרייזן, ווען אין דער זעלבער צייט באַגרענעצט זי יידן צו שטודירן אויף אַנדערע געביטן.

פאַקטיש קאָן מען זאָגן איז די לאַגע „סטאַביליזירט״ אויף אַזאַ אופן: פון יענע געביטן, ווו דער שטודיום פירט צו גאָר הויכע פּאָזיציעס, איבער־הויפּט פון פירערשאַפט, קאָנטראָל און אַנטשייד, ווערן יידן כמעט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן, אָדער ווי די סאָוויעטישע יידן זאָגן — „דאָס איז ניט פאַר אונדז״. דאַקעגן דאָרט ווו דער שטודיום איז פון אַ הויכער טעכניק, וואָס פאָדערט אויסערגעוויינטלעכער פעיִקייט, און איז זייער נייטיק פאַרן לאַנד, קוקט מען ניט דערויף צי איינער איז אַ ייד צי ניט, אַבי ער פאַרמאָגט די גרויסע פעיִקייט. (פאַר אַזעלכע יידן, אַגב, איז אין קיין שום לאַנד ניטאָ קיין דיס־

קרימינאַציע). ווו עס גייט אין געוויינטלעכן שטודיום און געוויינטלעכער פעיִקייט, דאָרט ווו דער שטודירן פירט צום העכערן מיטלשטאַנד, אָדער צו דער פאַרוואַלטונג־ביוראָקראַטיע, דאָרט ווערט געמאַכט דער אויסנאַם און דער „באַלאַנס״.

און ווי זעט אויס די ווירקלעכקייט וועגן יידן צווישן די אַזוי־גערופענע „וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער״ — לערער אין די הויכע בילדונג־אַנשטאַלטן, פאָרשער אין די לאַבאָראַטאָריעס פון פאַרשיידענע אַקאַדעמישע און אינדוס־טריעלע אינסטיטוציעס ?

שטיצנדיק זיך ווידער אויף סאָוויעטישע ציפערן, זעט דאָס אויס אַזוי : אין 1939 האָבן זיך געפונען אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד אַזעלכע קאַרגע 96 טויזנט, און יידן צווישן זיי — 20 טויזנט. דאָס הייסט, אַז יידן האָבן באַטראָפן עפּעס מער ווי אַ פינפטל, 21.5 פּראָצענט. אין 1961 אז די צאָל „וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטער״ געשטיגן מער ווי פיר מאָל אַזוי פיל — אויף העכער 404 טויזנט. אָבער די צאָל יידן צווישן זיי איז געשטיגן ניט פיר מאָל אַזוי פיל, און אַפילו ניט דאָפּלט, נאָר פון 20 טויזנט אויף 36 טויזנט. דער פּראָצענט יידן אויף אָט דעם געביט פון סאָוויעטישן לעבן איז אַלזאָ געפאַלן פון 21.2 פּראָצענט אויף 8.9 פּראָצענט.

און אָט די טענדענץ צום ערגערן ווערט פאַרגעזעצט, ווי מיר זען דאָס פון אַן אַנדער טאַבעלע, וואָס ניקאָלאַס דעוויט ברענגט. ער ווייזט אָן, אַז בעת דער פּראָצענט יידן צווישן די, וואָס האָבן געענדיקט העכערע בילדונג, האָט אין 1960 באַטראָפן 8.20 פּראָצענט, איז דער פּראָצענט יידן צווישן די איצט שטודירנדיקע סטודענטן נאָר 3.22 פּראָצענט. דער אַנטייל פון יידן אין די פּראָפעסיעס, לויטן פּראָצענט, מוז דעריבער פאַלן, און דערגרייכן צו ניט קיין סך מער ווי אַ דריטל פון היינט, פונקט ווי די איצטיקע צאָל איז עפּעס מער פון אַ פערטל פון דער צאָל אין 1935. עס קאָן דעריבער זיין נאָר איין אויספיר : אַז די סאָוויעטישע יידן ווי אַ כלל גייען ניט מיטן אַלגעמיינעם פּראָגרעס פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און אַז זייער רעלאַטיווער סאָציאַלער סטאַטוס פאַלט, אַנשטאָט צו שטייגן. דאָס קאָן געשען נאָר מיט דער הילף פון באַגרענעצונגען אָדער שטערונגען פאַר יידן צו גיין מיט זייער נאַטירלעכן וועג אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט.

אויך באַזונדער אין ראַטן־פאַרבאַנד קומען אָפט צוריק מיטן איינדרוק, אַז ביי די סאָוויעטישע יידן קומט פאָר עפּעס אַ סאָרט „דעקלאַסירונג״, און וועגן אַזאַ איינדרוק האָב איך אַליין געהערט פון אַ וויכטיקן אַמעריקאַנער

ביזנעסמאַן, וואָס קומט אָפט אין ראַטן־פאַרבאַנד צוליב געשעפט. מיט דריי יאָר צוריק איז אים אין אַ געוויסער אונטערנעמונג אויסגעקומען צו פאַר־האַנדלען מיט יידן, אָבער דאָס לעצטע מאָל — שוין מיט ניט־יידן. וואָס עס איז געשען מיט יענע יידן, ווייסט ער ניט. עס איז ניט געווען זיין עסק צו פרעגן. אַזעלכער, אומגעפער, איז אויך געווען דער איינדרוק פון אַ סאָוויעטישן דיפּלאָמאַט אין אויסלאַנד, ביי אַן אָפנהאַרציקן שמועס מיט אַן אַלטן באַקאַנטן אויסלענדער.

דער אויסלענדער האָט געפרעגט דעם סאָוויעטישן דיפּלאָמאַט, צי ער האָט זיך ווען געטראָפן מיט יידן אין זיין אייגן לאַנד. דער ענטפער איז געווען אַז יאָ. אין הויף, אין מאָסקווע, ווו דער דיפּלאָמאַט וווינט, זיינען אַכט און ניינציק פּראָצענט פון די שכנים יידן, און זיי זיינען אַלע אינטעלעקטואַלן: פּראָפעסאָרן, אינזשעניערן, דאָקטוירים, עטלעכע הויכע באַאַמטע. אויף דער פראַגע, צי אָט דער סאָציאַלער שטאַנד איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר זיין הויף אין מאָסקווע, האָט דער דיפּלאָמאַט געענטפערט, אַז דאָס איז כמעט טיפּיש פאַר אַלע יידן אין שטאָט. „איר דאַרפט וויסן, האָט דער סאָוויעטישער דיפּלאָ־מאַט געזאָגט, אַז עס זיינען כמעט ווי ניטאָ קיין יידישע אַרבעטער. איך גלייב ניט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע ערגעץ ווו אין ראַטן־פאַרבאַנד. און איך זאָג דאָס אָן אַ פאַרדראָס. מיר באַגרייפן, אַז די יידן, זייענדיק אונטערדריקט ביים צאַריזם, האָבן געמוזט זיך אויסצייכענען אין בילדונג, און זיי האָבן דאָס געטאָן. ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָבן זיי אונדז אַ סך געהאָלפן און דורכגעפירט אַ וויכטיקע אויפגאַבע. אָט אויף דעם אופן זיינען די יידן אַריין אין אינטעלעקטועלן שיכט. אין אַלגעמיין קאָן איך זאָגן, אַז ביי אונדז געפינען זיך די יידן אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע. אין דורכשניט גייט דעם יידן בעסער ווי דעם ניט־יידן — אין דורכשניט, הייסט עס".

אויף דער פראַגע, צי ער מיינט, אַז אַזאַ צושטאַנד קאָן אָנהאַלטן, האָט דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט געגעבן אָט דעם ענטפער:

„ווי קאָן אַזאַ צושטאַנד אָנהאַלטן? איר מוזט נעמען אין אַכט, אַז איטלעכס יאָר ענדיקן הונדערטער טויזנטער סטודענטן אונדזערע אוניווער־סיטעטן און אַקאַדעמיעס. נאַטירלעך, וועלן די יידן זיך דאַרפן צוגויפּקוועטשן". אויף דער פראַגע וואָס הייסט זיך „צונויפקוועטשן"? האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט, אַז ער מיינט דאָס „פּשוט, זיך איינשרומפּן, כדי צו מאַכן אָרט פאַר די יונגע, וואָס ענדיקן היינט. דאָס איז נאַטירלעך".

אויף דער פראַגע: אויב מאַכן אָרט פאַר די ניי־געענדיקטע, געפינען

זיך דאָך אויך יידן צווישן די ניי־געענדיקטע ? איז דער ענטפער פון דיפּלאָ־מאַט געווען: „געוויס זיינען אויך יידן דאָ צווישן די ניי־געענדיקטע, אָבער נאָר אין דער נאַטירלעכער צאָל, ניט אַזוי פיל ווי פריער. און איר דאַרפט וויסן, אַז די וואָס ענדיקן היינט זיינען בעסער געלערנט, ווי די וואָס האָבן געענדיקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. דאָס איז אויך נאַטירלעך. דאָס איז געווענדט ניט ספּעציעל קעגן יידן, אָבער די מייסטע געבילדעטע געהערן צו די, וואָס האָבן געענדיקט מיט מער ווי צוואַנציק יאָר צוריק. זיי וועלן מוזן ווי עס איז זיך צונויפקוועטשן".

און ווי האָט יענער דיפּלאָמאַט געזען די צוקונפט פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד ?

„איך גלייב אין דער לעבנסקראַפט פון די יידן — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט — יידן זיינען אַ קלוג, פּראַקטיש פאָלק, מיט אַ חוש פאַר דער ווירק־לעכקייט. זיי וועלן איינזען, אַז זיי מוזן אַראָפּגיין מיט עטלעכע שטאַפּלען און ווערן אַרבעטער".

די באַמערקונגען פון סאָוועטישן דיפּלאָמאַט וועגן דעם מצב פון די סאָוויעטישע יידן זיינען וויכטיק מיט דעם, וואָס זייריידן סיי וועגן סאָוויעטישן דיפּלאָמאַט סיי וועגן די סאָוועטישע יידן. עס איז ניט ריכטיק, אַז עס זיינען שוין מער ניטאָ קיין יידישע אַרבעטער, אָדער אַז אַלע יידן אין מאָסקווע זיינען פון דעם סאָרט, וואָס געפינען זיך אין דיפּלאָמאַטס הויף. מען מעג אַפילו זיין מסופק צי די יידן פון זיין הויף זיינען טאַקע אַזעלכע, ווי ער האָט זיי אויסגעמאָלן. אָבער דאָס קער צו זיין דער שאַבלאָן פון דעם, וואָס אַזאַ איינער טראַכט וועגן יידן. און אין דעם פּרט איז ער מסתמא ניט דער איינ־ציקער. עס איז אַן ערנסטער עניך פאַר די סאָוויעטישע יידן, אויב אַזאַ בילד וועגן יידן עקזיסטירט ביי געוויסע עלעמענטן פון הערשענדיקן קלאַס אין לאַנד.

דער שאַבלאָן איז קודם פון אַ „מיר" און „זיי". „מיר" זיינען ביי זיך ; „זיי" זיינען ביי אונדז. „זיי" האָבן „אונדז" געהאָלפן ; „זיי" לעבט זיך בעסער ווי „אונדז", אַצינד דאַרפן „מיר" „זיי" ניט האָבן אַזוי נויטיק, דאַרפן „זיי" מאַכן אָרט פאַר „אונדז", „זיי" מוזן זיך צונויפרוקן, „זיי" מוזן אַראָפּגיין מיט שטאַפּלען ; „זיי" וועלן דאָס שוין אַליין איינזען...

די רדיפות אויף דער יידישער רעליגיע

די לאַגע, אין וועלכע די יידישע רעליגיע ווערט געשטעלט אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז אַן אָנגעווייטיקטער פּונקט ניט נאָר אין דער יידישער וועלט. אויך אין די ניט־יידישע קרייזן איז מען באַזאָרגט וועגן דעם. אויף זייערע עפנטלעכע פּרעסע־אָרויסטריטן אין אויסלאַנד, אין זייערע פּריוואַטע באַגעגענישן מיט פירנדיקע פּערזאָנען פון מערב, אַפילו ביי זייערע פּאַראַדנע אויפנאַמעס אין פרעמדע לענדער, קומט די סאָוויעטישע פירער כסדר אויס צו הערן די פראַגע, דעם באַדויער, דעם פּראָטעסט, פאַר וואָס די יידישע רעליגיע ווערט אויסנאַמלעך פאַרפאָלגט אין זייער מדינה. אויף עפנטלעכע קאָנפערענצן, — געווידמעט די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז אין 1960, אין רוים אין 1961, אין ניו־יאָרק אין 1962, אין בוענאָס־איירעס אין 1963, אין וואַשינגטאָן אין 1964, און אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט יידן און ניט־יידן פון וועלט־רום, איז די דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער רעליגיע געווען דער צענטראַלער פּונקט. אַפילו בעת כרושטשאָווס באַזוך אין אָסלאָ, נאָרוועגיע, אין יוני 1964, האָבן נאָרוועגישע יונגעלייט, דווקא פון פּאַציפיסטישן קרייז, פון דער באַוועגונג צו פאַרבאָטן אַטאָם־געווער, דעמאָנסטרירט און געטראָגן פּלאַקאַטן קעגן דעם אונטערדריקן די יידישע רעליגיע און קעגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. אומעטום איז די טענה געווען ניט פאַר וואָס רעליגיע בכלל ווערט אונטערדריקט אין ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר וואָס דער יידישער רעליגיע ווערן ניט געגעבן די רעכט, פון וועלכע אַנדערע רעליגיעס געניסן דאָרט יאָ.

די סאָוויעטישע פירער האָבן דערויף רעאַגירט מיט דער זעלבער טאַקטיק, ווי בנוגע דער יידן־פראַגע ביי זיי בכלל. צו ערשט האָבן זיי דאָס לחלוטין איגנאָרירט, זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק און ניט הערנדיק וואָס מען זאָגט וועגן דעם אין אויסלאַנד. דערנאָך האָבן זיי געלייקנט שטיין און ביין: ניטאָ אַזאַ זאַך און עס קאָן גאָר ניט זיין! זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער סאָוויעטישער (סטאַלינישער) קאָנסטיטוציע, וואָס גאַראַנטירט פרייהייט פון געוויסן און פון רעליגיעזער פּראַקטיק. נאָך שפּעטער האָבן זיי געבראַכט עדות, דווקא יידישע,

וואָס האָבן דערקלערט פאַר אויסלאַנד, אַז עס איז ניטאָ קיין שום באַגרענעצונג בנוגע דער יידישער רעליגיע. אַזוי האָבן, למשל, די אויבנדערמאָנטע פינף יידישע אינטעלעקטואַלן געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן „עטלעכע ווערטער" וועגן מצב פון דער יידישער רעליגיע, אַז „די פרייהייט פון געוויסן איז דורכן געזעץ געזיכערט פאַר אַלע בירגער", און אַז „אויב עס ווערן קלענער די צאָל גלויביקע, דערקלערט זיך דאָס ניט מיט קיין שום אַדמיניסטראַטיווע מיטלען; דער ענין באַשטייט דאָ אין עפּעס אַנדערש: די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויונג נעמט די אויבערהאַנט איבער דער אידעאַליסטישער". אויך הרב יהודה לייב לעווין פון מאָסקווע האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן פאַר דער עפנט־לעכער מיינונג פון אויסלאַנד ווי אַן עדות, אַז די רעליגיעזע יידן פעלט, חלילה, גאָרנישט, זיי האָבן אַלע נייטיקע זאַכן פאַרן רעליגיעזן לעבן.

לעצטנס האָבן אָנגעהויבן קומען אָפּלייקענונגען אויך פון אָפיציעלע סאָ־וויעטישע קוואַלן, און ניט נאָר מיטן סתם ווערטער, נאָר אויך מיט פאַקטן און ציפערן. אַפּנים, די סאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן, געלערנטע, שרייבער, הויכע באַאַמטע, וואָס פאָרן אַרום אין אויסלאַנד, איבערצייגן זיך, אַז די פוסטע תירוצים מאַכן קיין איינדרוק ניט, און אַז דער פּאַרדרוס אין מערב האַלט אין איין שטייגן. האָט מען געמוזט פאַרבייגן דעם כבוד און אָפיציעל אַרויסקומען מיט קאָנקרעטע דאָקומענטן, מיט תכלית. וואָס זשע איז דער תכלית?

אין היי־יאָריקן מאַרץ־נומער פון „יו־עס־אַר", אַן אילוסטרירטע חודש שריפט, וואָס די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע גיט אַרויס אין וואַשינגטאָן, האָט די רעדאַקציע געגעבן אַן ענטפער אויף אַ ריי אָנפראַגעס פון לייענער בנוגע דער לאַגע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אויך וועגן מצב פון דער יידישער רעליגיע. אין ענטפער ווערט געזאָגט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד גע־פינען זיך אַצינד 97 שולן, און דאָס, האַלט די רעדאַקציע, איז גענוג. בלויז די יידן, וואָס ריידן יידיש, גייען אין שול, און די צאָל יידן, וואָס ריידן יידיש, איז דאָך בלויז 20 פּראָצענט, און ניט אַלע יידן, וואָס ריידן יידיש גייען דאָך אין שול. אין מאָסקווע זיינען אין 1924 געווען זיבן שולן, און היינט זיינען פאַראַן פיר. קירכעס געפינען זיך אין מאָסקווע היינט 44, און פאַר דער רעוואָ־לוציע איז זייער צאָל געווען, ווי דאָס ווערטל איז געגאַנגען — „פערציק מאָל פערציק", דאָס הייסט 1,600! די שולן, וואָס זיינען צוגעמאַכט געוואָרן, האָט זיי ניט די מלוכה, חלילה, געשלאָסן; די יידן גופא, פון דער שול הייסט עס, האָבן געבעטן צוצומאַכן די שול.

און כדי צו באַווייזן ווי ריכטיק דאָס איז, ברענגט דער דאָזיקער

זשורנאַל אַ בילד פון הרב לייב לעווין אין טלית און תפילין אויף דער גרויס פון אַ גאַנצער זייט.

דער פאַרבאָט אויף באַקן מצות, זאָגט די רעדאַקציע, איז אַ ריינער בילבול. ניטאָ אַזאַ געזעץ. אָבער רעליגיע איז דאָך אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, דאַרף יעדע קהילה אַליין זיך באַזאָרגן מיט מצה ווי זי פאַרשטייט. די מאָסקווער יידן האָבן געבאַקן מצה יעדער פאַר זיך; די יידן פון מאַרינאַ ראָשטשאַ (אַ פאַרשטאָט פון מאָסקווע) האָבן פאַר זיך געבאַקן מצה קאָלעקטיוו; און די יידן פון טביליסי האָבן געבאַקן מצה ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער רעפּובליק פון גרוזיע. אָט אַזוי איינפאַך און לייכט איז דער ענין מצה פאַר די סאָוויעטישע יידן!

פונקט אַזוי פאַלש, זאָגט די רעדאַקציע, איז דער קלאַנג, אַז מען האָט צוגעשלאָסן די יידישע בית־עלמינס אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק. אָט נעמט דעם וואָסטריאַקאָווא־בית־עולם אין מאָסקווע. דאָרט באַערדיקט מען יידן מיט רוסן... דאָרט געפינען זיך דריי צימערלעך, וווּ די רעליגיעזע צערעמאָניעס ווערן דורכגעפירט. פון דאָרט פירט מען דעם טויטן צום קבר, און מען זאָגט ביים קבר די יידישע תפילות — קיינער שטערט, חלילה, ניט. דאָס הייסט, מען שטערט ניט זאָגן קדיש בעת מען באַערדיקט דעם יידן אויפן „אַלגעמיינעם" בית־עולם.

וואָס שייך אַ ישיבה, זאָגט די רעדאַקציע, אַז ביי דער צענטראַלער יידישער שול אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ ישיבה, וואָס בילדעט אויס רבנים, שוחטים און חזנים. אמת, די צאָל תלמידים לעצטנס איז געוואָרן אַ סך קלענער. דערויף האָט די רעדאַקציע באַקומען ביים רב הרב יהודה לייב לעווין, אַזאַ ענטפער, ווי ער איז ציטירט פון דער רעדאַקציע: „וואָס זאָל מען טאָן? יונגע יידישע בחורים ציט צו וועלטלעכער בילדונג, זיי ווערן צוגעצויגן צו וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע, ווערט די צאָל יידישע בחורים, וואָס ווילן לערנען אין אַ יידישער רעליגיעזער שול קלענער און קלענער". נאַטירלעך, איז אויב מער ווי זעכצן פון עטלעכע צענדליק קאַנדידאַטן זיינען ניט געוואָרן „רע־קאָמענדירט" דורך דער מלוכה האָט דאָס מיט דער צאָל תלמידים אין דער ישיבה ניט צו טאָן; און אַוודאי ניט אַזאַ קלייניקייט, אַז ווען ניין פון די דרייצן תלמידים אין דער ישיבה זיינען אין 1962 געפאָרן אויף אָפּרו, אָדער כדי צו שטימען אין די וואַלן אין זייערע היימען, האָט די מאָסקווער שטאָט־פאַרוואַל־טונג זיי ניט געגעבן מער קיין וווינרעכט אין מאָסקווע, בעת קיין נייע תלמידים פון דער גרויסער צאָל קאַנדידאַטן האָט די מלוכה ניט רעקאָמענדירט.

וועגן סידורים איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס צו ריידן. די רעדאַקציע רעקאָמענדירט די לייענער, בעת זיי זיינען אין מאָסקווע, אַריינצוגיין אין שול און זען די אַלמערס פול מיט ספרים, פון סידורים ביז זעלטענע אויסגאַבעס פון תלמוד.

אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז די סאָוויעטישע פירער האָבן איינ־געזען, אַז מען מוז ענטפערן אויף די טענות אין אויסלאַנד. ווי לאַנג וועט נאָך דאַרפן דויערן ביז די סאָוויעטישע פירער וועלן איינזען, אַז מען קאָן אַ וועלט ניט נעמען אויף זיכער, אַז די אויסערלעכע וועלט וויס צו פיל זי זאָל גלייבן אַזעלכע באָבע־מעשיות ווי פון „יו־עס־עס־אר" זשורנאַל?

איז ווי זשע האַלט עס באמת מיטן מצב פון דער יידישער רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד? געפינט זיך די יידישע רעליגיע טאַקע אין די זעלבע באַ־דינגונגען וואָס אַנדערע רעליגיעס — ווי אַלע סאָוויעטישע דערקלערונגען שטעלן פעסט — אָדער עס ווערט דיסקרימינירט קעגן זיי?

דעם 30סטן יאַנואַר 1959 האָט די סאָוויעטישע דעלעגאַציע ביי די „פאַראייניקטע נאַציעס" אין ניו־יאָרק צוגעשטעלט אַ דערקלערונג צו דער קאָמיסיע וועגן מענטשלעכע רעכט. ביי די „פאַראייניקטע נאַציעס" וועגן דעם מצב פון דער רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער דאָזיקער דאָקומענט פיגורירט ווי „קאָנפערענץ צימער פּאַפּיר נומער 35, 30 יאַנואַר 1959". דאָרט ווערט ציטירט דער פּונקט פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, אין וועלכן עס ווערט גאַראַנטירט די פרייהייט פון געוויסן. עס ווערט אויך ציטירט פון קרימינאַל־קאָדעקס פון דער רוסישער סאָוויעטישער פעדעראַטיווער רעפּובליק דאָס קאַפּיטל פיר, וואָס עקזיסטירט אויך אין די קרימינעלע קאָדעקסן פון די אַנדערע רעפּובליקן. דאָרט רעדט זיך וועגן די התחייבותן פון דער מלוכה לגבי די גלויביקע צו דערמעגלעכן זיי דאָס פּראַקטיצירן זייער רעליגיע, ווי אויך וועגן באַשטראָפן פאַרן שטערן די גלויביקע ביים אויספירן זייער רע־ליגיעזע קולטן. חוץ דעם, ווערט דאָרט פאַרעפנטלעכט אַ רעזאָלוציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס וואָרנט אירע מיטגלידער, אַז אין זייער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע זאָלן זיי ניט באַלעסטיקן די גלויביקע, ניט באַליידיקן זיי אָדער זייער גלויבן, נאָר זיך באַציען מיט רעספּעקט און אַגיטירן מיט אינטעליגענץ, ניט מיט רכילות און מיט אויסערלעכן דרוק.

טעאָרעטיש, דאַרף עס הייסן, האָבן די גלויביקע ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, און אָט די באַציונג איז צו אַלע רעליגיעס גלייך. איז ווי זשע זעט דאָס אויס לגבי דער יידישער רעליגיע?

דער סאָוויעטישער דאָקומענט דערקלערט, אַז „ביי די עקזיסטירנדיקע געזעצן מעגן רעליגיעזע געמיינשאַפטן, צי זיי זיינען יאָ אָדער ניט געאָגראַפיש לאָקאַליזירט לויט די אַדמיניסטראַטיווע איינטיילונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד (געגנטן, טעריטאָריעס, רעפובליקן), אויפשטעלן רעליגיעזע צענטערס, וואָס דאַרפן רעגיסטרירט ווערן ביי דער אַרטיקער מאַכט. אָט די רעליגיעזע צענטערס, וואָס פירן זיך לויט זייערע אייגענע געזעצן און סטאַטוטן, מעגן אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען (פון זייערע אָפּטיילן) פון אַ גאַנצער רעפובליק, צי פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד, אָדער קירך־באַראַטונגען, אָדער אַנדערע קאָנפערענצן וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַדמיניסטראַציע פון זייערע קירכלעכע אַנגעלעגנהייטן, און צו פירן דאָס אינערלעכע לעבן פון זייער ספּעציפישער געמיינדע אָן וועלכן ס'איז אַריינמישן זיך פון דרויסן".

אין וואָס שייך אַנדערע רעליגיעס, אויסער דער יידישער, האָבן זיי טאַקע זייערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן. די פּראַוואָסלאַווע קירך — איר סינאָד מיט זיין הויפּט, דעם פּאַטריאַרך; די קאַטאָליקן — זייער קירך מיטן מעטראָפּאָליט בראש; די מוסולמענער — זייער געמיינדע מיטן שעיך אַל־איסלאַם אין דער שפּיץ; אַזוי אויך די בודיסטן מיט זייער באַנדידאַ כאַמבאַ־לאַמאַ; אַפילו די סובאָטניקעס, וואָס זיינען צעשפּרייט אין קליינע גרופּן איבערן גרויסן לאַנד, האָבן אויך זייער רעליגיעזע צענטראַלע, בלויז די יידן האָבן ניט אַזעלכעס.

די יידן האָבן געהאַט אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון קהילות בעת דער רעוואָלוציע, אָבער די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט דאָס אויפגעלייזט. דעמאָלט איז געבליבן אַן אַנדערע פאָרעם פון אַ רעליגיעזע צענטראַלע — אַ קאָנפערענץ פון רבנים אין ראַטן־פאַרבאַנד. אויך דאָס איז ליקווידירט געוואָרן אין 1926, מער איז שוין קיין שום פאָרעם פון אַ צענטראַלע, קיין שום רעליגיעזע קאָנפערענץ אָדער באַראַטונג אין שייכות מיט דער יידישער רעליגיע ניט דערלויבט געוואָרן. אין 1960 האָט דע גרונוואַלד פון פראַנקרייך געמאַכט אַ שטודיע וועגן דער לאַגע פון אַלע רעליגיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד. דערציילט ער (אין זיין בוך „גאָט און די סאָוויעטן") אין נאָמען פון מאָסקווער רב, הרב לעווין, אַז רבנים האָבן זיך געווענדט צום ראַט פאַר ענינים פון רעליגיעזע קולטן (ביים ראַט פון די סאָוויעטישע מיניסטאָרן) מיט אַ בקשה צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פאַר דער יידישער רעליגיע. ביז איצט, ציטירט דאָ גרונוואַלד דעם הרב לעווין, איז נאָך קיין תשובה ניט געקומען. עס איז שוין באַלד אַדורך פינף יאָר, און עס איז נאָך

אַלץ ניטאָ קיין יידישער רעליגיעזער צענטער. און דערביי איז ניטאָ דער תירוץ, אַז יידן האָבן דאָס ניט פאַרלאַנגט. די יידישע אמונה פאַרבלייבט די איינציקע אָן אַ צענטראַלע.

די סאָוויעטישע דערקלערונג פאַר דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס מאַכט אויך אָט די באַהויפּטונגען:

אַ גרופּע פון איין גלויבן, וואָס באַשטייט ווינציקסטנס פון צוואַנציק פערזאָן, קאָן זיך אָרגאַניזירן אין אַ רעליגיעזער געמיינדע, און באַקומען אַ ספּעציעלן סטאַטוט דורך רעגיסטרירן זיך אין אָפּטייל פאַר רעליגיעזע קולטן. גלויביקע פון איין אמונה אין אַ קלענערער צאָל קאָנען זיך אָרגאַניזירן אין אַ רעליגיעזער גרופּע צו פּראַקטיצירן זייער רעליגיע — אָן אַן אָפיציעלן סטאַטוט. די רעליגיעזע געמיינדע דאַרף באַקומען פון דער מלוכה אַן אָרט וווּ צו דינען זייער גאָט; אויב זיי האָבן ניט אַזאַ הויז, האָבן זיי אַ רעכט צו דינגען, קויפן, אָדער בויען אַ בנין פאַר זייערע רעליגיעזע צוועקן, זיך צו שאַפן טראַנספּאָרט־מיטלען דערויף און אויפצושטעלן אונטערנעמונגען, ווי ליכט־פאַבריקן און איקאָנע־וואַרשטאַטן כדי צו פאַבריצירן די נייטיקע אַרטיקלען פאַר זייער גאָטדינסט. עס ווערט נאָך צוגעגעבן, אַז די מלוכה וועט געבן דער רעליגיעזער געמיינדע די נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר דעם — ווי פאַר די ליכט, די קירך־טעלער, איינגעשלאָסן דעם טייערן מעטאַל, פון די מלוכהשע מאַגאַזינען צו נאָמינעלע מלוכהשע פרייזן.

דער טערמין „רעליגיעזע גרופּע", וואָס באַשטייט פון ווייניקער פון מנינים, פון צוואַנציק פאַר אַ רעליגיעזער געמיינדע, דאַרף זיך דעקן מיט אַ מנין אין אַ פּריוואַט הויז. אַזעלכע רעליגיעזע גרופּעס געפינען זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד, בעיקר פון יענע רעליגיעס, וואָס זייערע אָנהענגער זיינען צעזייט איבערן לאַנד, אָדער לעבן ווייט פון זייער רעליגיעזן געבעט־הויז. בעת מיין רייזע איבער צענטראַל־אַזיע האָב איך געהערט וועגן אַזעלכע גרופּעס פון איסלאַמישן גלויבן. יידן האָבן אויך געהאַט אַזעלכע גרופּן, מנינים, הייסט דאָס, פון עלטערע יידן, וואָס וווינען ווייט פון דער איינציקער שול אין שטאָט, און זיי ווילן דאָך אום שבת ניט פאָרן אין שול אַריין. אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אָט די מנינים אונטערן כלומרשטן אויסרייד, אַז דאָס זיינען אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. איך האָב געהערט וועגן איין מנין אין אַ גרויסער שטאָט, ווו די יידן, וואָס וווינען ווייט פון דער שול, דאַוונען אין געהיים, ווי די מאַראַנען אין אַמאָליקן שפּאַניע. די ספר־תורה האַלטן

זיי די גאַנצע וואָך באַהאַלטן אונטער אַ בעט, און שבת דאַוונען זיי אין דער שטיל ביי פאַרהאַנגענע פענצטער.

ביי די גלויביקע פון אַנדערע רעליגיעס האָט מען ביז אַהער ניט גע־הערט וועגן אַזעלכע פאַרפאָלגונגען אויף „רעליגיעזע גרופּעס".

וואָס שייך די רעכט פון די אָפיציעלע רעליגיעזע געמיינדעס, איז אמת, אַז אונטערן סאָוויעטישן רעזשים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן געבעט־הייזער פון אַלע אמונות, און אויף אַזאַ צי אַנדערן אופן איז געוואָרן רעדוצירט די צאָל פון די גייסטלעכע ביי אַלע רעליגיעס. אָבער די לאַגע פון דער יידישער רעליגיע איז אויך אין דעם פּרט אַ סך ערגער.

לויט דער סאָוויעטישער סטאַטיסטיק געפינען זיך 22,000 פּראַוואָ־סלאַוונע קירכעס אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט 32,000 גלחים, 100 בישאָפן, צוויי טעאָלאָגישע אַקאַדעמיעס, אַכט טעאָלאָגישע סעמינאַרן און 69 מאָנאַסטירן. יידישע שולן געפינען זיך ווייניקער ווי אַ הונדערט, מיט נאָך ווייניקער רבנים. גענוי די צאָל איז אוממעגלעך צו דערגייין, מחמת די סאָוויעטישע קוואַלן האָבן אָנגעגעבן פאַרשיידענע ציפערן פאַר דעם, און אַפנים, אַז פאַר אויסלאַנד איילט מען זיך ניט אַרויסצונעמען פון צעטל די צוגעמאַכטע שולן. די סאָ־וויעטישע יידן האַלטן, אַז עס דאַרפן זיין צווישן 60 און 70 שולן. דער לעצטער ציפער פון אַ סאָוויעטישן קוואַל („יו־עס־עס־אַר" פון מאַרץ 1964) איז 97 שולן. רבנים געפינען זיך געוויס ניט מער ווי צו איין רב אין אַ שול, און עס זיינען דאָ אַ היפּשע צאָל שולן, איבערהויפּט אין די קלענערע ערטער, אָן רבנים.

אויב מען זאָל רעכענען לויט דער פּולער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון יעדער רעליגיע, וואָלט די פּראַוואָסלאַוונע קירך געדאַרפט האָבן 55 מאָל אַזוי פיל קירכעס און גלחים ווי יידן האָבן שולן און רבנים. דאָס וואָלט אויס־געמאַכט ווייניקער ווי פיר טויזנט קירכן אַנשטאָט די 22 טויזנט, און ווייניקער ווי פיר טויזנט גלחים אַנשטאָט די 32 טויזנט.

די סאָוויעטישע אויטאָריטעטן רעכענען זיך אָבער ניט מיט דער אַלגע־מיינער צאָל באַפעלקערונג, נאָר מיט דער צאָל אָנהענגער פון דער קירך, דאָס הייסט מיט די, וואָס האָבן נאָך אַ פאַרבינדונג מיטן רעליגיעזן לעבן. לויט דעם חשבון, קומט ביי זיי אויס איין קירך פאַר יעדע 1600 גלויביקע, און אַרום איין גלח פאַר וואָסערע 1200 גלויביקע. די סאָוויעטישע יידן גופא האַלטן, אַז מער פון אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז ביי זיי רעליגיעז, אָדער נאַציאָנאַל־רעליגיעז, און וואָלט געגאַנגען אין שול, ווען

דער „סאָציאַלער קלימאַט״ וואָלט געווען אַן אַנדערער. די סאָוויעטישע אויטאָ־ריטעטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט רעליגיע, האַלטן, אַז אַרום 600 טויזנט יידן האָבן נאָך אַלץ אַ שייכות מיטן רעליגיעזן יידישן לעבן. איז ווען די רעליגיעזן יידן וואָלטן געהאַט אַזוי פּיל שולן ווי די רעליגיעזע רוסן האָבן קירכן, וואָלטן יידן באַדאַרפט האָבן ניט אונטער אַ מאה שולן, נאָר וואָסערע 400 שולן!

וויפל שולן געפינען זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד?

מיר וועלן דאָ נעמען אויסשליסלעך סאָוויעטישע ציפערן, און די סאָ־וויעטישע אויטאָריטעטן דאַרפן דאָך דאָס קענען וויסן גענוי, מחמת די שולן זיינען דאָך רעגיסטרירט. האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד איין מאָל מיטגעטיילט די „פאַראייניקטע נאַציעס״, אַז „דעם 11טן יולי 1956, זיינען אַרום 450 שולן געשטאַנען צום דינסט פון די גאָטבעטער פון דער יידישער רעליגיע״. אין דער דערמאָנטער דערקלערונג פון 1959 צו די „פאַראייניקטע נאַציעס״, איז אָנגעגעבן 150 שולן. אַצינד הערן מיר, אַז עס עקזיסטירן 97 שולן. יידן רעכענען, אַז די גענויע צאָל איז מיט עטלעכע צענדליק שולן ווייניקער. אָבער אַפילו לויט די סאָוויעטישע אָפיציעלע ציפערן האָבן זיך צוגעמאַכט ביי 300 שולן אין די לעצטע זיבן יאָר!

עס קאָן ניט זיין קיין רייד פון דעם, אַז די סאָוויעטישע יידן ווילן ניט, צי קאָנען ניט, אויסהאַלטן מער שולן. אויף מיין לעצטער רייזע אין ראַטן־פאַרבאַנד אין 1959 איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַ גרויסע צאָל שולן, און איך האָב אין קיין איין שול ניט געהערט מען זאָל זיך זאָרגן וועגן געלט פאַר דער שול — ווי מען הערט עס אַזוי אָפט אין דער רייכער אַמעריקע. פאַרקערט, געלט איז ביי די יידן געווען די לעצטע דאגה; אומעטום האָבן זיך די פירער פון דער שול איבערגענומען מיטן רעמאָנט און אַנדערע אויס־בעסערונגען, וואָס זיינען לעצטנס געמאַכט געוואָרן אין דער שול. און יעדעס מאָל ווען די לאָקאַלע אויטאָריטעטן האָבן צוליב עפּעס אַן אויסרייד צוגעמאַכט אַ שול, האָבן די שול־יידן זיך געווערט קעגן דעם ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט. קיין שול האָט זיך געוויס ניט צוגעמאַכט צוליב דער גלייכגילטיקייט פון די שול־יידן.

איינער פון די פילצאָליקע אַרטיקלען קעגן דער יידישער רעליגיע (עס דערשיינען אויך אַרטיקלען קעגן אַנדערע רעליגיעס) וואַרפט אַ ליכט אויף דעם שול־בנין־פּראָבלעם ביי יידן. דער דאָזיקער אַרטיקל דערציילט וועגן די יידן אין סמאָלענסק, וואָס האָבן צונויפגעזאַמלט 17 טויזנט רובל אויפן נאָמען פון אַ געוויסן גיטלין, כדי צו קויפן אַ הויז אויף אַ שול. יענער האָט

טאָקע געקויפט אַ הויז, אָבער פאַרקויפט עס מיט ריווח פאַר דער אייגענער קעשענע. דאַן האָבן די יידן אָנגעקליבן אויפן נאָמען פון אַ געוויסן חיים וואָל־קאָוויטש רויטבערג אַ גרעסערע סומע פון 37 טויזנט רובל אויף אַ שול. מיט דעם האָבן די אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדיסטן געוואָלט באַווייזן וואָס פאַר אַ שאַכער־מאַכער עס גייט אָן אין דער יידישער שול.

אָבער צו וואָס האָבן די יידן געדאַרפט קויפן אַ הויז אויף אַ שול אויפן נאָמען פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן? האָבן זיי ניט געקאָנט קריגן קיין דער־לויבעניש צו קויפן דירעקט אַ הויז אויף אַ שול? דער סאָוויעטישער דאָקומענט צו די „פאַראייניקטע נאַציעס״ זאָגט דאָך בפירוש, אַז אַ רעליגיעזע געמיינדע האָט אַ רעכט, און די מלוכה דאַרף איר העלפן, צו דינגען, קויפן אָדער בויען אַ הויז פאַר גאָטדינסט! געוויס האָבן זיי קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט, ווען זיי האָבן דאָס געקויפט אויפן נאָמען פון אַזאַ ייד, וואָס האָט דאָס געלט אַריינגעלייגט אין דער אייגענער קעשענע. און אַז זיי האָבן זיך שוין איין מאָל אַזוי אָפּגעבריט, פאַר וואָס האָבן זיי אַ צווייט מאָל געטאָן דאָס אייגענע, און נאָך מיט אַזאַ גרעסערער סומע?

יעדנפאַלס זעט מען פון דעם ווי ווייט די גלויביקע יידן זיינען גרייט זיך אָנצושטרענגען פאַר אַ שול. פאַר וואָס זשע האָבן זיי אַזוי ווייניק שולן פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל, ווען עס גייט דאָך די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן צו טאָן מיט רעליגיע?

דער קורס קעגן די יידישע שולן האָלט אָן אין דער צייט פון אַזוי־גערופענעם ליבעראַליזם, און אַפילו אין פּעריאָד פון ספּעציעלער עמפּינד־לעכקייט צו אויסלענדישער קריטיק — אַפילו ווען די סאָוויעטישע מאַכט פילט אַז זי מוז דאָס „אויפקלערן״ פאַר די קריטיקער אין אויסלאַנד. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די חדשים מאַי און יוני 1963, אין פאַל פון שליסן די שולן אין די צוויי שטעט מיט אַ היפּשער יידישער באַפעלקערונג, לוואָוו (לעמ־בערג) און מינסק.

ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען האָט צוגעמאַכט די שול אין לוואָוו, האָט די איינפלוסרייכע וואַשינגטאָנער צייטונג, „פּאָסט״, זיך גע־ווענדט צו דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע מיט אַן אָנפראַגע ווי אַזוי די סאָוויעטישע פּרעסע האָט רעאַגירט דערויף. די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן האָט באַגריפן, אַז די דאָזיקע וויכטיקע צייטונג וועט אויס־טייטשן דאָס פאַרמאַכן די לוואָווער שול ווי אַן אַקט פון אַנטיסעמיטיזם, האָט זי זיך גענומען די מי צוצושטעלן דעם געבעטענעם ענטפער. דאָס איז גע־

קומען אין דער פאָרעם פון אַ באַריכט פון אַ יידישן שרייבער ש. ראַזין, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין לוואָוו פון דער סאָוויעטישער נייעס־אַגענטור „נאָוואָסטי״.

דער אַרטיקל רופט זיך „פאַר וואָס האָט מען פאַרמאַכט די לוואָווער שול״? און ער הייבט זיך אָן אַזוי:

„ווען איר לייענט די צייטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַקומט איר דעם איינדרוק, אַז זייער איינציקע זאָרג איז דער מצב פון די יידישע שולן, יידישע בית עלמינס און אַנדערע אַזעלכע אינטערעסאַנטע ערטער אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין איצטיקן מאָמענט איז זייער אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף דער שטאָט לוואָוו אין אוקראַינע, ווו לעצטנס איז פאַרמאַכט געוואָרן אַ שול. און דאָס מיינט, אַז זיי האָבן אַ גוטע טעמע וועגן וואָס צו שרייבן און מאַכן פון דעם אַ פּראָבלעם נומער איינס.

„אַ דאַנק גאָט — זיי האָבן נאָך אָן אויסרייד צו דערציילן נייע ליגנס, וואָס דאַרפן ווייזן, אַז מען דיסקרימינירט קעגן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד״.

דאָס איז, אַגב, געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ סאָוויעטישער מקור האָט מודה געווען, אַז די שול אין לוואָוו איז פאַרמאַכט געוואָרן (פאַקטיש האָט מען זי פאַרמאַכט אין דעצעמבער 1962) און בכלל צום ערשטן מאָל אַז אַ שול איז געשלאָסן געוואָרן.

און וואָס אַזוינס האָט ש. ראַזין צו דערציילן?

קיין אָריגינעלע מעשה האָט ער ניט צוגעטראַכט. ער האָט נאָר געגעבן אַ שאַבלאָן, דעם פרימיטיוון אויסרייד פאַר צומאַכן אַלע שולן פריער. דער שאַבלאָן איז, אַז די שול איז געוואָרן אין דער אמתן אויס שול צום דאַוונען, נאָר אַ נעסט פון שווינדלער און ספעקולאַנטן, און די יידן גופא האָבן דאָס געבעטן ביי דער לאָקאַלער מאַכט, די גבאים אַליין האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צומאַכן די שול, און די לאָקאַלע מאַכט איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק. די פּראָצעדור איז דאָס רוב אַזאַ: די לאָקאַלע צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ באַשרייבונג וועגן די מיאוסע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין שול. נאָך דעם באַווייזן זיך אין צייטונג בריוו פון מיטגלידער פון דער שול, אָפט מאָל פון די גבאים, וואָס באַשטעטיקן די אויפדעקונגען און פאַרלאַנגען מען זאָל צומאַכן די שול. דאַן קומט די לאָקאַלע מאַכט און טוט צוליב. די פרייהייט פון גלויבן ווערט דאָ, חלילה וחס, ניט אָנגערירט.

אין לוואָוו האָט אויך אַזוינס פּאַסירט. ראַזין שרייבט, אַז גבאים פון דער שול האָבן געשריבן צו דער „לוואָווסקאַיאַ פּראַוודאַ״ וועגן די פאַר־

ברעכנס וואָס קומען פאַר אין דער שול, און געבעטן, אַז מען זאָל זיי באַ־פרייען פון זייער גבאישאַפט. איז וואָס האָט די לאָקאַלע מאַכט געזאָלט טאָן? שלאָגן בלאָט מיט פאַרדעכטיקע מענטשן און קרימינאַליסטן, אָדער אַנט־קעגנקומען דער פאָדערונג פון פאָלק? ראַזין אַליין האָט קודם געפונען אַ ייד, אַבראַם קאַדאַן, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז פרומע יידן מיידן אויס צו גיין אין שול, מחמת „אין אונדזער סינאַגאָגע גיט מען זיך אָפּ ניט נאָר מיט וועלט־לעכע זאַכן, נאָר אַפילו אויך מיט שווינדלערישע זאַכן, ספּעקולאַציע". דער־נאָך ברענגט ער דאָס עדות־זאָגן פון פּראָפעסאָר וולאַדימיר ראַבינאָוויטש, אינזשעניער אַלעקסאַנדער שטערן, טעכניקער שמואל קאַץ, קראָם־באַאַמטער יעפים סקאָקויעווסקי און פּענסיאָנירטער בנימין באַראַכאָוו, אַז די לאַגע אין דער שול איז טאַקע אַזוי. און צום סוף גיט ראַזין אָן ווי אַזוי די שול האָט זיך צוגעמאַכט: דער הויפּט פון דער יידישער געמיינדע, בראָדסקי, איז אַליין געקומען צו דער מאַכט און געבעטן, מען זאָל צומאַכן די שול, מחמת זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ געבעט־הויז אין אַ שוואַרצן מאַרק.

די „לוואָווסקאַיאַ פּראַוודאַ" גופא האָט אָנגערופן נעמען פון איינצלנע יידן, וועמען זי האָט באַצייכנט ווי „קרימינאַליסטן, מאַראַלישע מאָנסטערס", און אָפּט צוגעגעבן, אַז „די איבערוועגענדיקע מערהייט פון די יידישע אַרבעטער האָט שוין לאַנג זיך באַפרייט פון זייערע רעליגיעזע פאַראורטיילן", פון זייער גלויבן, הייסט עס. אַ ספּעציפישער פאַרברעכן ווערט אָנגעגעבן וועגן איינעם, פ. בעלעניצקי, וואָס „האָט זיך ספּעציאַליזירט הויפּטזעכלעך אין פאַרקויפן געבעט־ביכער... אויף הויכע פּרייזן. די גלויביקע פאָדערן מען זאָל צומאַכן די שול, ווייל זי איז געוואָרן אַן אָרט פאַר קרימינעלע געשעפטן..."

די אַלע מעשיות דערמאָנען די תירוצים פון דער צאַרישער פּאָליציי אַז די יידן אַליין האָבן געמאַכט אויף זיך די פּאָגראָמען. וואָרעם אויב עס איז טאַקי אמת, אַז מען האָט אין שול געהאַנדלט ווי אויף אַ שוואַרצן מאַרק, ווי דער פּרעזידענט פון דער קהילה זאָגט, און ער אַליין איז דאָך ניט געווען קיין ספּעקולאַנט, און עס ווערט דאָך אָנגעגעבן, אַז עס זיינען דאָ אין שטאָט אויך פרומע יידן, וואָס ווילן דאַווענען, ניט ספּעקולירן (און זיי מיידן אויס די שול) — האָט דאָך דער פּרעזידענט פון שול, בראָדסקי, געקאָנט לייכט אויס־רייניקן די שול פון די ספּעקולאַנטן, און בלייבן מיט די אמת פרומע יידן? איין וואָרט פון אים אויף דער בימה, אַז דער פוס פון אַ ספּעקולאַנט זאָל זיך ניט ווייזן אין שול, אַניט וועט ער אים איבערגעבן דער פּאָליציי, וואָלט תיכף געמאַכט אַ סוף צו די ספּעקולאַנטן. וואָס איז דאָ די שול שולדיק? פאַר וואָס

האָט מען ניט אַרעסטירט די ספּעקולאַנטן און געלאָזט די שול אָפן אַנשטאָט מען זאָל פאַרשליסן די שול און לאָזן פריי די ספּעקולאַנטן? און אפשר זיינען גאָר די ספּעקולאַנטן קיין ספּעקולאַנטן ניט געווען חוץ דער „ספּעקולאַציע" מיטן פאַרקויפן אַ סידור?

ראַזין האָט אָפּנים געמיינט, אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ גלאַט שטיקל אַרבעט. ער שטעלט אַרויס עדות פון אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, פון פּראָפעסאָר ביזן פּענסיאָנירטן אַרבעטער. דאָס איז שוין אַ ביסל צו גלאַט. איז ער זיכער אַז דער פּראָפעסאָר ראַבינאָוויטש צי דער אינזשעניער שטערן גייט טאַקע אין דער לוואָווער שול דאַווענען? מעגלעך, אַז אַזעלכע יידן דאַווענען טאַקע, אָבער גיין אין שול דאַווענען — דאָס מעג מען ניט גלויבן. און בכלל, וואָלט מען דאָ געקאָנט זאָגן ראַזינען, אַז מען האָט שוין זיין מעשה געהערט צענדליקער מאָל אין משך פון די לעצטע יאָרן, און אויך דאָס עדות־זאָגן. עס איז שוין געווען אַ באַריכט, ווי אַזוי אַלטע יידן אין די זיבעציקער זיינען געקומען צו דער לאָקאַלער מאַכט און געוויינט מיט טרערן, אַז זיי האָבן זיך באַנאַרישט דאָס גאַנצע לעבן מיטן זיין פרום, אַצינד האָבן זיי איינגעזען ווי אַלץ איז פאַלש, און זיי האָבן חרטה אויפן זיין גבאים, און זיי בעטן רחמים מען זאָל שליסן די שול... עס קאָן טאַקי זיין, אַז יענע אַלטע יידן האָבן נעבעך געוויינט, אָבער ניט צוליב חרטה וואָס זיי האָבן געגלויבט אין גאָט און געדאַוונט אין שול...

און אָט אַזוי זיינען דרייסיק טויזנט יידן, וועמען דער אַרטיקל אין דער „וואַשינגטאָן־פּאָסט" שילדערט ווי „שטאַרק רעליגיעזע, ביז 1945 געווען אין פּוילן, געראַטעוועטע פון די נאַציס..." געבליבן אָן אַ שול צום דאַווענען.

מיט דער שול אין מינסק האָבן זיי דאָס געמאַכט איינפאַכער און ער־לעכער, הגם אויך ניט חלילה אין גאַנצן ערלעך.

דעם 2טן יוני 1963 האָט דער ניו־יאָרקער „העראַלד־טריביון" געבראַכט אַ באַריכט פון איר סאָוועטישן קאָרעספּאָנדענט פון מינסק, דייוויד מילער. אַז אין מינסק געפינען זיך אַצינד 56,000 יידן, וואָס באַטרעפן אַרום צען פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג. פון מינסקער שולהויף איז איין בנין, ווי ס'איז אַ מאָל געווען די תלמוד־תורה, אַוועקגענומען געוואָרן פאַר אַ וווינונג־הויז, אַ צווייטער גרויסער בנין, ווו ס'איז אַ מאָל געווען אַ שול, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַנדלס־הויז. געבליבן איז די אַלטע שול, אַ קליין שטיבל, אַלט שוין הונדערטער יאָרן. האַלט מען דאָס אַצינד ביים צעוואַרפן, מחמת מען בויט איבער די געגנט. מען הערט שוין אין שול דאָס רוישן פון די בוי־

מאַשינען. דייוויד מילער איז געווען אין שול און דאָרט געטראָפן אַ 250 מאַנסביילן און 60 פרויען אין דער ווייבערשער שול ביים דאַוונען.

אין אַ שמועס מיטן פאָרזיצער פון שטאָטראַט, וואַסילי איוואַנאָוויטש שאַראַפּאָוו, האָט דייוויד מילער געהערט, אַז די יידן אין שטאָט האָבן זיך זייער רב און זיי לעבן ווי זיי ווילן. וואָס שייך דער שול, האָט דער שטאָטראַט־פאָר־זיצער געזאָגט, איז פאַראַן אַ פּלאַן זי אַראָפּצונעמען כדי צו מאַכן אָרט פאַר אַ נייעם הויז און אַן אינסטיטוט. די יידן האָבן ניט געבעטן מען זאָל זיי געבן אַן אַנדער הויז אויף אַ שול.

דייוויד מילער איז צוריקגעגאַנגען צו די יידן, כדי צו הערן וואָס זיי זאָגן. האָט ער זיך דערוווּסט, אַז קיין רב איז שוין אין מינסק ניטאָ זעקס יאָר. און וואָס שייך אַן אַנדער אָרט אויף אַ שול, האָט מען געבעטן, נאָר עס איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען פון דעם. וואָס וועלן די יידן פאַרט טאָן? דער ענטפער דערויף איז געווען: וואָס קאָנען זיי טאָן? מען וועט אַוועקנעמען די ספר־תורהס, ספרים און לייכטער אין פּריוואַטע הייזער... און דייוויד מילער האָט אפשר אַליין ניט באַגריפן די טיפקייט פון זיין איינפאַכן זאָג, אַז „פאַר די רעליגיעזע יידן וועט דאָס צעוואַרפן די סינאַגאָגע אָפּשניידן די נאָענטע פאַרבינדונג מיט אַ ירושה, וואָס איז לאַנג געווען אַ טייל פון מינסק, און מיטן יידנטום איבער דער וועלט...״

פאַר וואָס די יידן אין מינסק האָבן ניט געבעטן אַן אַנדער שול, און פאַר וואָס יידן אַנדערשוואו מאַכן אַ שווייג, צי עטלעכע יידן בעטן גאָר אַליין, צוצומאַכן אַ שול, קאָן מען פאַרשטיין ווען מען באַקענט זיך מיט דער סאָוויעט־טישער פּראָצעדור בנוגע שולן. כדי צו עפענען אַ שול, דאַרפן זיך ווענדן צוואַנציק יידן, די „דוואַטצאַטאָוקאַ״, ווי עס רופט זיך דאָרט. אָט די צוואַנציק יידן דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורך דער מאַכט. דאָס רוב זיינען דאָס יידן, אויף וועלכע די מאַכט קאָן זיך פאַרלאָזן אָדער קאָן האָבן אַ בייטש, ווי למשל, ווען זייערע קינדער פאַרנעמען וויכטיקע פאָסטנס. די יידן פון דער „דוואַטצאַ־טאָוקאַ״ איז ניט שווער צו טעראָריזירן. עס איז געווען, אַז מען רופט זיי אין דער פּאָליציי; פאַר אַנדערע איז אַ גוטער אָנלער ווען מען אַרעסטירט ראשי קהל פון עטלעכע שטעט, ווי למשל ג. קאַב פון ווילנע, חיים פריד פון מינסק און שמואל באַרדאַך פון קיעוו. און ווען מען אַרעסטירט אַזאַ יידן ווי גדליה פּעטשערסקי, דער פירער פון די לענינגראַדער יידן, אַ ייד וואָס האָט געהאַט מוט צו פאָרן דירעקט קיין מאָסקווע זיך צו באַקלאָגן אויף דעם לענינגראַדער באַאַמטן, וואָס האָט ניט דערלויבט קיין בעקעריי פאַר מצה — און דאָס אין

יענעם יאָר טאַקי אויסגעפירט — און מען גיט אים צען יאָר תפיסה, איז דאָס אַ וואָרענונג פאַר אַלע „דוואָטצאַטאָוקעס" אומעטום. ווען מען האָט שוין גאָרניט קיין גרונד צו טעראָריזירן איינעם פון די פירנדיקע יידן אין שול, נעמט מען זיך צו זיי אין דער פרעסע, און מען רופט אָן די נעמען פון זייערע קינדער, וועמען עס אַרט גאָרניט וואָס דער טאַטע זייערער טוט אָפּ — ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַ יידן זלמן אַראַנאָוו אין סמאָלענסק, ווו די לאָקאַלע צייטונג האָט אָנגערופן ביים נאָמען ניט נאָר אים, נאָר זיינע צוויי טעכטער, איינע אַ לערערקע און די צווייטע די פרוי פון אַ וויכטיקן באַאַמטן. ווי לאַנג קאָן אַזאַ ייד אָנהאַלטן זיין טעטיקייט אין דער שול?

נאָך אַ שאַרפער אויסנאַם קעגן דער יידישער רעליגיע עקזיסטירט בנוגע דעם אָפיציעלן רעכט צו „פאַבריצירן די נייטיקע אַרטיקלען פאַר גאָט־דינסט".

די פּראַוואָסלאַוונע קירך באַזיצט טאַקע וואַרשטאַטן, ווו עס ווערן פאַב־ריצירט איקאָנעס, דעקאָרירטע צלמים און אַנדערע נייטיקע אַרטיקלען פאַרן רעליגיעזן געברויך. און עס עקזיסטירט ניט קיין דוחק אין די דאָזיקע זאַכן ניט פאַר דער קירך און ניט פאַר דער רעליגיעזער היים. עס סטייעט נאָך פון דעם צו פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק. וואָלט די יידישע רעליגיע „זיך געפונען אין די זעלבע באַדינגונגען" ווי די פּראַוואָסלאַוונע קירך, וואָלט די יידישע שול געדאַרפט מעגן אויסהאַלטן סופרים, וואָס זאָלן שרייבן תפילין און ספרי־תורהס. אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך. אין קיין ספרי־תורהס איז טאַקי קיין דוחק ניטאָ, מחמת שולן ווערן דאָך ווינציקער, ניט מערער; אָבער אַ פּאָר תפילין איז אַזאַ יקר־המציאות, אַז דער פרומער ייד חלומט אַפילו ניט וועגן דעם, און עס איז ניטאָ דער פרייז, וואָס אַ פרומער ייד וואָלט פאַר דעם ניט באַצאָלט. נאָר גרעסער איז דער חשק צו האָבן אַ טלית — אפשר דערפאַר, וואָס דער פרומער ייד וואָלט וועלן נקבר ווערן אין אַ טלית. ניט געווען קיין שול, וואָס איך האָב באַזוכט, ווו ניט אייך ייד, נאָר עטלעכע, זאָלן מיך ניט פרעגן, צי איך האָב ניט קיין טלית — זיי וואָלטן גערן באַצאָלט יעדן פרייז און איך וואָלט דאָך געקאָנט קויפן אַן אַנדערן אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד. און אַ טלית איז דאָך געוויס אַ רעליגיעז אַרטיקל, וואָס די יידן דאַרפן האָבן אַ רעכט צו פּראָדוצירן, און די מלוכה איז פאַרפליכטעט זיי צו געבן דעם רויען מאַטעריאַל צום נאָמינעלן מלוכה־פרייז!

אין 1961 האָט דער פאָרזיצער פון דער מאָסקווער קהילה געזאָגט, אַז ער האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו פּראָדוצירן טליתים און אַפילו שוין

צוגעגרייט אַ בעל־מלאכה, אַ וועבער, ניט קיין ייד, וואָס „וועט האָפענטלעך אין גיכן אָנהייבן די דאָזיקע אַרבעט". אָבער עס איז שוין אַוועק פיר יאָר, און די דערלויבעניש איז נאָך אַלץ ניטאָ.

די סאָוועטישע דערקלערונג פאַר די „פּאַראייניקטע נאַציעס" זאָגט אויך צווישן אַנדערן, אַז „די קראָמען פון די מלוכהשע האַנדל־אָרגאַניזאַציעס פאַרקויפן ספּעציעלע סאָרטן געבעקס, ווי „קוליטשי" פאַר קריסטן, מצה פאַר אָרטאָדאָקסישע יידן אאז"וו. כדי די גלויביקע זאָלן קאָנען דורכפירן דעם געהעריקן ריטואַל". געווען צייטן, ווען מען האָט טאַקי געקאָנט באַקומען אין די הויפּט־קראָמען פון מאָסקווע און לענינגראַד פּעקלעך מצה אויף פּסח, ווי קוליטשי אויף פּאַסכאַ. אָבער שוין עטלעכע יאָר, ווי מצה ווערט ניט פאַרקויפט אין די דאָזיקע קראָמען. לעצטנס זיינען אָנגעקומען ידיעות פון סאָוועטישע קוואַלן, אַז „קוליטשי" ווערן שוין אויך מער ניט פאַרקויפט, אָבער קיין געפאַר, אַז די קריסטן זאָלן בלייבן אָן „קוליטשי" איז ניטאָ. די קריסטן גופא באַקן דאָס אָן און ווער עס וויל קאָן עס ביי זיי קויפן. קיינער שטערט ניט אין דעם. אָבער צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן זייער שטאַרק געוואָלט האָבן מצה אויף פּסח, זיינען געבליבן אָן מצה דערפאַר, ווייל מען האָט זיי יאָ געשטערט אין דעם.

ביזן יאָר 1957 האָט ניט עקזיסטירט קיין מצה־פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד. פון אַזעלכעס האָט מען ניט געהערט אַפילו אין די „פינצטערע יאָרן" ביים סוף פון סטאַלינישן רעזשים. עס איז געווען איינגעפירט, אַז אַ חודש פאַר פּסח פלעגט די שול באַקומען צו איר רשות איינע פון די שטאַט־בעקערייען. די בעקעריי איז געכשרט געוואָרן, און זי האָט פּראָדוצירט מצה וויפיל די קהילה האָט געפונען פאַר נייטיק. וואָרעם אַ סך יידן, וואָס זיינען קיין מאָל ניט געגאַנגען אין שול, אַפילו פּאַרטיי־מיטגלידער, פלעגן, אויף אַ דירעקטן צי אומדירעקטן אופן, באַקומען מצה אויף פּסח. מיט אַ סדר, צי אָן אַ סדר, מיט חמץ ביי דער זייט, צי אָן דעם, האָט דער סאָוויעטישער ייד געגאַרט נאָכן ביסל מצה, ווי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט זיין פאָלק, מיט זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט.

אין מאָסקווע, למשל, פלעגן יידן באַקומען מצה אויף צוויי אופנים. איינער דורך דער בעקעריי נומער 9, וואָס פלעגט געכשרט ווערן צוויי חדשים פאַר פּסח, כדי צו באַקן מצה. אָט די בעקעריי פלעגט פּראָדוצירן דריי טאָן מצה אַ טאָג, און די שול פלעגט דאָס פאַרקויפן צו ניין רובל מיט דרייסיק קאָפּיקעס אַ קילאָגראַם. (אַמאָליקע רובלס, וואָס פלעגט האָבן די ווערט פון

צען סענט אַ רובל פֿאַר טוריסטן) דער ריווח דערפֿון איז געגאַנגען פֿאַר דער שול. אַנדערע יידן, גאַר פֿרומע, פֿלעגן זיך אַליין באַקן מצה, אַ סאָרט מצה שמורה — זיי פֿלעגן קויפֿן דעם ווייץ דירעקט פֿון פֿעלד אין קאָלכאָז, אַליין דאָס ברענגען אין שטאָט, צעמאָלן אויף אייגענע קליינע מילכלעך, און באַקן. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אומגעפֿער אין אַלע שטעט און אין אַלע צייטן, ביז עס איז געקומען דער ליבעראַלער רעזשים פֿון 1956, וואָס איז באַלד באַגלייט געוואָרן פֿון אַ באַנייטער קאַמפּאַניע קעגן רעליגיע. בנוגע יידן האָט צו ערשט אַ בליאַסק געטאָן דער ליבעראַליזם מיטן דערלויבן איבערצודרוקן אַ סידור און צו עפֿענען די ישיבה, און באַלד האָט זיך עס געביטן אין ברוטאַלע ספּעציעלע רדיפֿות קעגן רעליגיעזן יידישן לעבן.

אין רעטראָספּעקט פֿון זיבן יאָר יאָר זעט די סאָוועטישע מצה־גזירה צו זיין ניט אַ צופֿעליקע זאַך, נאָר אַ פּראָצעס פּלאַנירט פֿון פֿאָרויס און סיס־טעמאַטיש דורכגעפֿירט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין 1957, ווען די 70 טויזנט יידן פֿון כאַרקאָוו זיינען געבליבן אָן מצה אויף פּסח. מען וואָלט דאָס געקאָנט באַטראַכטן ווי אַ לאָקאַלן צופֿאַל: דער דירעקטאָר פֿון די כאַרקאָווער בעקערייען האָט צוליב עפּעס אַ סיבה ניט געוואָלט באַשטימען קיין בעקעריי אויף צו באַקן מצה. אָבער אַדמיניסטראַטיווע צופֿאַלן געשעען ניט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אין 1958 איז כאַרקאָוו ווידער געבליבן אָן מצה, און צו אָט דער שטאָט זיינען צוגעקומען נאָך שטעט און שטעטלעך, וווּ מען פֿלעגט אַמאָל יאָ באַקן מצה. צווישן אָט די שטעט האָבן זיך געפֿונען סטאַלינאָ, ברעסט, שאַוול, קאָלאָמעאַ, לוצק, יאַקוטסק. בנוגע אָט די שטעט איז געווען אָן אויסרייד, אַז זייערע יידישע שולן זיינען ניט געווען געהעריק רעגיסטרירט, הגם ביז אַהער האָט מען צו די שולן אַזאַ טענה ניט געהאַט, און מען האָט די שולן צוליב דעם ניט צוגעמאַכט.

אין 1959 זיינען אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע שטעט ווידער געבליבן אָן מצה, און צו זיי איז צוגעקומען אַ נייע ריי שטעט, וואָס צו זיי האָט מען קיין טענה פֿון רעגיסטראַציע ניט געהאַט. מען האָט ניט געגעבן קיין בעקערייען אָן אָן אויסרייד. צווישן אָט די שטעט האָבן זיך געפֿונען סטאַלינגראַד, ראָסטאָוו, סאַראַטאָוו, ראָוונאָ, באָברויסק, האָמעל, קעשענעוו, און אויך אָדעס מיט איר גרויסן יידישן ישוב פֿון וואָסערע 200 טויזנט יידן!

אין 1960 זיינען יענע אַלע שטעט ווידער געבליבן אָן מצה און עס זיינען צוגעקומען אַלע אַנדערע שטעט אין אוקראַינע. אין אָט דער אוקראַאי־נישער רעפּובליק מיט אירע קאַרגע 900 טויזנט יידן האָט זיך ניט געפֿונען

קיין איין בעקעריי, וואָס זאָל באַקן מצה. אין 1961 איז צוגעקומען אַ נייע רייִ שטעט, ווו מען האָט קיין מצה ניט געקאָנט באַקן, אויסער די הויפּטשטעט מאָסקווע און לענינגראַד, מיט געוויסע שטעט אין קאַווקאַז און צענטראַל־אַזיע, ווי טביליסי, סוכומי, טאַשקענט. אין 1963 האָט מען שוין אויך אין די אויסנאַם־ערטער ניט געבאַקן קיין מצה. די וועלט איז געווען דערשטוינט צו הערן, אַז אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנדישן יידנטום ניט געווען קיין בעקעריי אויף מצה.

ווען אַ ראַבינער פון אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט געטראָפן אין מאָסקווע מיטן יידישן סאָוויעטישן שריפטשטעלער איליאַ ערענבורג אין מאָסקווע און אים געפרעגט ווי אַזאַ זאַך האָט געקאָנט געשען, האָט דאָס איליאַ ערענבורג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי אַן „אידיאָטיזם פון לאָקאַלן בעקעריי־טרעסט”. אָבער איליאַ ערענבורג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שאַרפן חוש פאַר פּאָליטישע ווינטן במשך פון זיין גאַנצער קאַריערע, האָט דאָך ניט געקאָנט זיין אַזוי נאַיוו באמת צו מיינען, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן „אידיאָטיזם פון בעקעריי־טרעסט”. צופיל בעקעריי־טרעסטן אין אַלע טיילן פון לאַנד זיינען פלוצעם באַפאַלן געוואָרן פון אָט דעם „אידיאָטיזם”.

אַז דאָ איז ניט געגאַנגען אין בעקערייען, נאָר אין אויסראָטן דעם יידישן מנהג פון מצה אין פּסח, זעט מען אין אַנדערע גזרות אין שייכות מיט מצה, וואָס האָבן קיין שייכות ניט געהאַט מיט די בעקערייען. גלייכצייטיק מיטן נישט באַשטימען בעקערייען אויף באַקן מצה, האָט מען אָנגעהויבן פאַר־פאָלגן יענע יידן, וואָס האָבן פאַר זיך אַליין פּריוואַט געבאַקן מצה. ניט אַלע יידן האָבן דאָך אַזוינס געקאָנט באַוויזן, איז געווען נאַטירלעך, אַז דער ייד, וואָס האָט דאָס יאָ באַוויזן, זאָל באַקן די מצה ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די קינדער, קרובים, אָדער פאַר אַ גוטע פריינד. דאָס האָט ניט געקאָנט האָבן קיין גרויסן פאַרנעם, מחמת אי דאָס מילכל אי דאָס אייוועלע זענען דאָך געווען קליינע. האָט זיך די פּאָליציי פלוצעם געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, פאַר וועלכער מען דאַרף באַקומען אַ דערלויב און צאָלן שטייער. האָט מען גענומען מאָנען שטייערן פאַרן פריערדיקן יאָר, אָדער יאָרן, פון באַקן מצה. פריער האָט מען אָט די יידן געלאָזט צו רו. אַצינד האָט מען זיי ניט נאָר פאַרפאָלגט פון דער מיליץ, נאָר אויך פאַרעפנטלעכט זייערע נעמען אין דער לאָקאַלער פּרעסע ווי מצה־ספּעקולאַנטן — אַ שריט, וואָס האָט געקאָנט ברענגען שאָדן זייערע קינדער.

אַז דער ציל איז געווען ניט צו דערלאָזן, יידן זאָלן האָבן מצה אויף

פסח — ווערט אויך קלאָר פון אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָנגענומען אויף דעם געביט. בעת עס איז ניט געווען קיין פּראָבלעם פון באַקן מצה, איז אויך ניט געווען קיין פּראָבלעם פון שיקן מצה דורך דער פּאָסט. מצה האָט מען געקאָנט שיקן פון שטאָט צו שטאָט פונקט ווי אַנדערע שפּייזפּראָדוקטן. ווען די בעקערייען האָבן אָנגעהויבן אָפּזאָגן באַקן מצה, האָט די פּאָסט אָנגעהויבן באַגרענעצן דאָס איבערשיקן מצה. און אין 1963, ווען מצה איז בכלל ניט געבאַקן געוואָרן אין די בעקערייען, איז שוין אוממעגלעך געווען צו שיקן אַ פּעקל מצה פון מאָסקווע אין אַן אַנדער שטאָט. אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז גראָד יענעם פּאָר פּסח געפאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מיטגענומען מיט זיך עטלעכע פּעקלעך מצה און געוואָלט איינס פון זיי שיקן צו אַ פריינד אין אַן אַנדער שטאָט, אָבער די פּאָסט האָט עס ניט אָנגענומען. אין איין פּאָסט־פּונקט האָט עס אַ פּאָסט־באַאַמטער יאָ אָנגענומען, אָבער גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ העכערער באַאַמטער און איר אַריינגעזאָגט אַ וואָרט אין אויער, זי האָט זיך דאַן שטאַרק אַנטשולדיקט וואָס זי האָט געמאַכט אַ טעות; זי קאָן דאָס ניט אָננעמען. קיין פאַראָרדענונג וועגן דעם איז ניט געווען; עס איז ריכטיק וואָס די סאָוויעטישע אַפּאָלאָגעטן זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין געזעץ, וואָס פאַרבאָט אַ בעקעריי צו באַקן מצה. אָבער מען דאַרף ניט קיין געזעצן אין ראַטן־פאַרבאַנד. מען קאָן אַלץ גוט דורכפירן מיט איין וואָרט צום אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט.

ביז 1963 האָט מען אין סאָוויעטישע אָפיציעלע קרייזן ניט אָנערקענט, אַז וועלכע עס איז בעקעריי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַקן מצה. קיין ענטפערס אויף אָנפראַגעס וועגן דעם זיינען ניט געקומען. אין מאָסקווע האָט מען, אַ פּנים געמיינט, אַז מיטן שווייגן וועט מען אָפּקומען: אָדער מען וועט עס בכלל ניט גלייבן אין אויסלאַנד אָדער מען וועט דאָס אָננעמען פאַר עפּעס אַ לאָקאַלע דערשיינונג, אָן אַן ערנסטן באַטייט. אין 1963 איז דער פּראָטעסט אין אויסלאַנד קעגן דער ניט־געשריבענער גזירה אויף מצה געוואָרן צו גרויס, אַז ער זאָל אין גאַנצן איגנאָרירט ווערן, איז געקומען אַ דערקלערונג, אַז די מלוכה איז ניט מחויב צו באַזאָרגן יידן מיט מצות, מחמת רעליגיע איז דאָך אָפּגעטיילט פון דער מלוכה. דאָס איז בפירוש אין ווידערשפּרוך מיט דער סאָוויעטישער דערקלערונג צו דער קאָמיסיע וועגן מענטשלעכע רעכט ביי די „פאַראייניקטע נאַציעס". דער אויסלענדישער פּראָטעסט האָט אָבער ניט אויפגעהערט. פאַר־קערט, די דערקלערונג האָט דאָך באַשטעטיקט, אַז דאָס וואָס מען האָט כסדר געלייקנט איז געווען אַ פאַקט. אויסער דעם איז מען אין דער פירערשאַפט

פון ראַטן־פאַרבאַנד געוואָרן מער סענסיטיוו לגבי דער שטימונג אין אויסלאַנד ווי ווען עס איז פריער — ווי די „ניו־יאָרק טיימס" (5 יוני 1963), האָט דאָס באַשריבן אין אַ ספּעציעלער דעפּעשע פון מאָסקווע. האָט מען געמאַכט אַ צוריקטריט בנוגע מצה. אַזוי יעדנפאַלס האָט עס אויסגעזען צו זיין.

מען האָט געלאָזט אויסרינען אַ סוד, אַז אין 1964 וועלן יידן שוין יאָ האָבן מצה אויף פסח. ד"ר חיים שאַשקעס ז"ל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מאָסקווע, האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט אין רעליגיע־מיניסטעריום און באַקומען אַ באַשטעטיקונג, הגם עס איז געווען נישט קלאָר, צי דאָס איז שייך בלויז מאָסקווע, צי אַנדערע שטעט אויך. עס האָבן זיך אויך דערטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט דערלויבן צו שיקן מצה פון אויסלאַנד פאַר די סאָוועטישע יידן. ווען אַ קאָרעספּאָדענט האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט ביי הרב יהודה לייב לעווין פון מאָסקווע, האָט דער מאָסקווער רב אים געענטפערט דיפּלאָמאַטיש: דאָס איז אַן ענין פון אינטערנאַציאָנאַלן באַטייט. אויב די סאָוועטישע מלוכה וועט האַלטן, אַז דאָס איז גוט פאַרן לאַנד, וועט דאָס זיין גוט, און אויב די מלוכה וועט האַלטן, אַז עס איז ניט גוט, וועט עס זיין ניט גוט. אַ קורצע צייט פאַר פסח האָט אַ ניו־יאָרקער רייזע־ביוראָ וואָס האָט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט מאָסקווע, „קאָסמאָס־רייזע־ביוראָ", איבערגעגעבן דער פּרעסע אַ ידיעה, אַז איר אָנפירער, גבריאל ריינער, האָט באַקומען אַן אָנווייז פון מאָסקווע, אַז מצות וועלן דאָס יאָר אָנגענומען ווערן צוגלייך מיט וועלכע עס איז אַנדערע פּראָדוקטן — אָן שוועריקייטן אָדער ספּעציעלער רעגולאַציע. ביי אַזאַ אָפענער טיר איז ניט קיין חידוש, אַז יידן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט האָבן זיך גענומען גרייטן צו שיקן מצה צו די סאָוועטישע יידן. אַלע אַגענטורן וואָס שיקן אין אויסלאַנד פּעקלעך פון פּריוואַטע פּערזאָנען צו פּריוואַטע פּערזאָנען אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן אויך אָנגענומען צו שיקן מצה־פּעקלעך קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

זעכצן טעג פאַרן ערשטן סדר, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 27סטן מאַרץ 1964, איז אָנגעקומען אַ ידיעה דורך דער יונייטעד־פּרעס־אינטערנעשאַנעל־אַגענטור, אַז די מאָסקווער יידישע קהילה האָט געעפנט אַ פּריוואַטע מצה־בעקעריי און מען האָט גלייך אָנגעהויבן צו באַקן די ערשטע מצות אויף פסח. הרב לעווין און דער בעקער, שמעון ציוויק, האָבן געמאַכט שהחיינו. מען האָפט, אַז מען וועט קאָנען באַקן פון 661 ביז 880 פונט מצות טעגלעך, כדי צו באַזאָרגן די פערציק טויזנט יידישע פאַמיליעס, וואָס ווילן פּראַווען פסח כדת וכדין. הרב לעווין האָט פאַראַכטאָגן שבת געמאָלדן, אַז מען האָט

געמאַכט די איינאָרדנונגען אויף צו באַקן מצות אין דער קהילה־בעקעריי, אויב די מתפללים וועלן ברענגען זייער אייגן מעל, אָבער אין די מאָסקווער געשעפטן איז זייער שווער צו קויפן מעל... זינט דער רב האָט דעם לעצטן שבת געמאָכט די מעלדונג, זיינען אריינגעקומען 5000 פונט מעל אין נדרים... די סאָוויעטישע רעגירונג האָט באַוויליקט צו אימפּאָרטירן 10,000 פונט מצה פון דענעמאַרק און 15,000 פונט פון ענגלאַנד. יחידים וועט אויך דאָס יאָר דערלויבט זיין צו באַקומען מצה־פּעקלעך פון אויסלאַנד, ווי אַ מתנה. די נייעס־אַגענטור „נאָוואָסטי" האָט צעשיקט איבער דער וועלט פאָטאָגראַפיעס ווי אַזוי מען באַקט מצה אין דער קהילה־בעקעריי פון מאָסקווע.

ווי ווייט אַז די מצה־בעקעריי וואָלט געקאָנט צופרידנשטעלן דעם באַדאַרף פון מצה אין מאָסקווע קאָן מען זען פון דעם חשבון, אַז ווען אַז די בעקעריי וואָלט געווען אין פולן גאַנג אַלע זעכצן טעג פאַר פּסח, וואָלט זי פּראָדוצירט אומגעפער 12,500 פונט מצה (גענומען אין דורכשניט פון די צוויי אַנגעגעבענע ציפערן פון פּראָדוקציע פער טאָג) און דאָס וואָלט באַטראָפן ניט מער וויפל די פריערדיקע מאָסקווער בעקעריי פלעגט פּראָדוצירן אין צוויי טעג, און יענע בעקעריי איז געווען טעטיק אַ גאַנצן חודש! אָבער עס איז ניט אַוועק קיין פּאָר טעג, ווי עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די מאָסקווער קהילה־בעקעריי איז פאַרמאַכט געוואָרן צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט צופרידנגעשטעלט די סאַניטאַרע פאָדערונגען. די מבוכה אין די יידישע קרייזן איז געוואַקסן; „נאָוואָסטי" איז געבליבן אין אַ נאַרישער לאַגע; ענדלעך איז געקומען אַ ידיעה, אַז די בעקעריי האָט זיך ווידער געעפנט. מער האָט מען פון דעם ניט געהערט. זי האָט זיך באַלד ווידער פאַרמאַכט. אַרום און אַרום האָט די בעקעריי פונקציאָנירט פיר טעג. הרב לעווין האָט געמוזט דערקלערן פאַרן עולם, אַז צוליב דעם וואָס מען איז געבליבן אָן מצה, איז ער מתיר די פרומע יידן צו עסן אַרבעס און פאַסאָליעס...

מיט די אינדיווידועלע מתנה־פּעקלעך איז אויך געווען אַ היפּשע קאָנפוזיע. אין געוויסע ערטער האָט מען די פּעקלעך מצה אריינגעלאָזט אין איבערגעגעבן די אַדרעסאַטן. אין די מייסטע ערטער און אין די מייסטע פאַלן זיינען טייל פון די פּעקלעך צוריקגעשיקט געוואָרן אָדער געבליבן ליגן ביז נאָך פּסח.

ווי אַזוי קאָן מען פאַרשטיין אַז די ברוטאַלע טראַגישע שפּיל מיט די הייליקסטע געפילן פון אַ פאָלק? דאָס ווייזט אויף אַן אַלגעמיינער ליניע פון צוואַנג־אַסימילאַציע פון יידישן פאָלק אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווי

דער געברויך פון מצה ווערט באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּאָזיציע אין נאַציאָנאַל־רעליגיעזן קיום פון סאָוויעטישן יידנטום. צוויי טענדענצן זענען פאַראַן אין דער טאַקטיק פון אַט דער ליניע: איינע, וואָס וויל זיך מיט קיין זאַך ניט רעכענען און אַדורכפירן דעם ענין מיט צוואַנגס־מיטלען, און אַ צווייטע, וואָס רעכנט זיך מער מיט דעם איינדרוק אין אויסלאַנד, ווי מיט דער ליניע אין דער היים.

די סאָוויעטישע דערקלערונג צו דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס זאָגט, אַז סיי אַ רעליגיעזער צענטער, סיי אַ רעליגיעזע גרופּע, וואָס האָט ניט קיין צענטער, האָט אַ רעכט „צו דרוקן צייטשריפטן און די נויטיקע רעליגיעזע ליטעראַטור". און ווייטער — אַז די מלוכה באַזאָרגט זיי מיטן „נויטיקן פּאַפּיר און שטעלט זיי צו אַ דרוקעריי". די דערקלערונג ווייזט אָן אויף פאַרשידענע אויסגאַבן פון די רעליגיעזע קרייזן אין ראַטן־פאַרבאַנד. וועגן דער פּראַוואָסלאַוונער קירך איז אָפּגערעדט. דער מאָסקווער פּאַטריאַרכאַט האָט אַ ספּעציעלן אָפּטייל פאַר דורקזאַכן, וואָס גיט אַרויס אַ רעליגיעזן חודש־זשורנאַל, „דער זשורנאַל פון מאָסקווער פּאַטריאַרכאַט" און אַלע סאָרטן נייטיקע ביכער, אפילו רעליגיעזע שולביכער פאַר קינדער, מחמת דער גלח אין קירך, און אַ פאָטער זיין אייגן קינד אין דער היים, האָט אַ רעכט צו לערנען רעליגיע. די דערקלערונג שטרייכט אָבער באַזונדערס אונטער די רעליגיעזע אויסגאַבעס פון די אַנדערע אַזוי גערופענע מינדערהייט־רעליגיעס.

„באַזונדערס ווערן אַצינד אַרויסגעגעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד ביכער פאַר גייסטלעכע און געבעט־ביכער פון דער „סעקטע פון עוואַנגעלישע קריסטלעכע באַפּטיסטן", געבעט־ביכער פאַר קאַטאָליקן און לוטעראַנער, דער סידור (געבעט־בוך) פאַרן יידישן גלויבן, דער קאָראַן פאַר די גייסטלעכע און מתפללים פון איסלאַמישן גלויבן, יערלעכע קירך־קאַלענדאַרן פאַר קריסטלעכע גאָטבעטער און יערלעכע לבנה־קאַלענדאַרן פאַר די מתפללים פון איסלאַמישן גלויבן. אויסער דעם גיבן פיל רעליגיעזע צענטערס אַרויס ספּעציעלע קירך־צייטשריפטן פאַר די גייסטלעכע און זייערע נאָכפאָלגער. צווישן זיי קאָן דערמאָנט ווערן די צייטשריפט „עכמיאַדזין", אַרויסגעגעבן פון וואַזגן דער ערשטער, דער קאַטאָליקאָס פון די אַרמענער; די צייטשריפט „פּראַטערנאַלער קוריער", אַרויסגעגעבן פון אַלסאָוויעטישן ראַט פון די עוואַנגעלישע קריסטלעכע באַפּטיסטן; די אָפּיציעלע שריפט פון רעליגיעזן ראַט פון מוסולמענער פון צענטראַל־אַזיע און קאַזאַכסטאַן און די צייטשריפט „אַלמאַנאַך פון דער לוטע־ראַנישער קירך", אַרויסגעגעבן פון קאָנסיסטאָריום פון דער לוטעראַנישער קירך

פון עסטאָניע". און מען קאָן דאָ דאָך מוסיף זיין, אַז אַ מאָסקווער ראַדיאָ־אוידיציע אין אַראַביש האָט דעם 12טן אַפּריל 1960 געמאָלדן, אַז „דער קאָראַן איז אין יענעם יאָר בלויז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס, די ערשטע אויפלאַגע איז אויספאַרקויפט געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון יאָר". אין 1962 איז דערשינען נאָך אַן אויסגאַבע פון קאָראַן.

ווי גלייך איז מיט די אַנדערע רעליגיעס די יידישע אמונה אין אָט דעם פּרט?

דער חומש איז נאָך עד היום ניט איבערגעדרוקט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד — זינט דעם אויפקום פון סאָוויעטישן רעזשים. און מען קען דאָך געוויס ניט זאָגן, אַז גלויביקע מוסולמענער נויטיקן זיך מער אין קאָראַן ווי גלויביקע יידן אין חומש. די מייסטע גלויביקע מוסולמענער קענען דאָך ניט לייענען אַראַביש, אָדער אפילו זייער אייגענעם לשון געגנוג, כדי צו לייענען אין דעם אַ בוך. אָבער ווער ביי יידן האָט דאָס ניט געלערנט חומש מיט רש"י? אפילו אַן אויסגאַבע פון אַלטן טעסטאַמענט אויף רוסיש פאַר יידן, איז ניט דערלויבט געוואָרן. פון אַ רעליגיעזער יידישער צייטשריפט איז שוין אָפּגערעדט. דאָס איז אויך ניט דערשינען זינט דעם אַנטשטיין פון סאָוויעטישן רעזשים. אַז די יידישע גלויביקע וואָלטן דערויף געוווען אַ בעלן, קען מען זען פון דעם, אַז ווו די מלוכה דערלויבט דאָס יאָ, ווי אין רומעניע למשל, עקזיסטירט אַ רעליגיעזער אָרגאַן. קיין יידישער לוח אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ביז דאָ ניט לאַנג ניט געוואָרן געדרוקט. אין די שולן פלעגט הענגען אַ האַנט־געשריבענער לוח, אויסגעשטעלט פון רב צי פון אַנדערע — און אַזוי איז עס נאָך היינט. אַלטע יידן פלעגן מיט דער האַנט אויסשרייבן קליינע לוחות און דאָס פאַרקויפן די יידן, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַ לוח, בעיקר אין די קליינע שטעטלעך, ווו זיי האָבן דאָס ניט געהאַט. קעגן דעם איז געפירט געוואָרן אַ העץ־קאַמפּאַניע אין אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען, וואָס האָבן דעם ענין פאַרגעשטעלט ווי אַ מוראדיקן פאַרברעך און שווינדל, בעת אין דער אמתן איז דער פאַרברעך דאָך געווען גאָר פון די באַאַמטע אין אָפּטייל פאַר רעליגיע אין דער רעגירונג, וואָס האָבן ניט מעגלעך געמאַכט פאַר די יידן צו האָבן אַ געדרוקטן לוח — און לויטן קרימינעלן קאָדעקס האָבן זיי געדאַרפט באַשטראָפט ווערן. ענדלעך איז אין 1960 דערשינען אין אויפלאַגע פון לוח — פאָטאָ־געדרוקט פון אַ האַנט־געשריבענעם לוח.

בלויז איין אויפלאַגע פון סידור איז דערשינען אין משך פון די 45 יאָר זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אין יאָר 1956, אויך

דורך פאָטאָ־דרוק, און אין 3000 עקזעמפּליאַרן. זיי זיינען שנעל פאַרקויפט געוואָרן צו 100 רובל אַ שטיק — לויטן דעמאָלטדיקן אָפיציעלן קורס, 25 דאָלאַר, און לויטן טוריסטן קורס, 10 דאָלאַר — די הכנסה פון דעם איז געגאַנגען פאַר דער ישיבה, וואָס איז גלייכצייטיק, און אויך צום ערשטן מאָל, געעפנט געוואָרן. דער דוחק אין סידורים איז בלויז אַ ביסל געוואָרן פאַרלינדערט. בעת מיין רייזע אין 1959 האָבן יידן אין די שולן שטיל געפרעגט צי איך האָב ניט אַ סידור מיט זיך — זיי זיינען גרייט צו באַצאָלן וויפל איך וועל בעטן. אין 1960 האָבן עטלעכע שולן זיך אָנגעשלאָסן אין דער מאָסקווער שול אויף אַ בקשה מען זאָל זיי צושטעלן אַ נייע אויפלאַגע פון סידור, אָבער קיין ענטפער איז דערויף ניט געקומען ביזן היינטיקן טאָג.

די סאָוויעטישע אָפיציעלע פאַרשטייער זאָגן, און הרב לעווין האָט עס געדאַרפט אָפט איבערחזרן, אַז עס זיינען דאָ גענוג סידורים פאַר די וואָס דאַרפן דאָס, דאָס הייסט פאַר די יידן וואָס דאַוונען. אָבער גלייך נאָך דעם, זאָגן זיי אַליין, אַז עס קומט פאַר אַ ספּעקולאַציע מיט סידורים, און מען הערט שוין, אַז מער קאָן פאַר אַ סידור באַקומען צוואַנציק רובל, וואָס באַטרעפט כמעט אַ וואָך שכירות אין ראַטן־פאַרבאַנד. שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס זאָל אַ ייד וואָס דאַוונט ניט און דאַרף ניט קיין סידור, זיין גרייט צו געבן אַזאַ הויכן פּרייז פאַר אַ סידור?

פאַר וואָס איז ניטאָ קיין ספּעקולאַציע מיט קריסטלעכע און איסלאַמישע געבעט־ביכער? פאַר וואָס איז דאָרטן גאָר אַזאַ פראַגע ניטאָ?

די סאָוויעטישע דערקלערונג צו דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס מאַכט אויך די באַמערקונג, אַז „גייסטלעכע און רעליגיעזער פּערסאָנאַל ווערן אויסגעבילדעט אין ספּעציעלע גייסטלעכע בילדונג־אינסטיטוציעס, וועלכע שיקן זייערע סטודענטן קיין אויסלאַנד זיך צו ספּעציאַליזירן אין די טעאָלאָגישע לערעס. אַזוי, למשל, שטודירט אַ גרופּע מוסולמענישע יונגעלייט אין דעם איסלאַמישן אוניווערסיטעט אל־אזהאר אין קאַיר, אַ גרופּע באַפּטיסטישע יוגנט — אין די ענגלישע טעאָלאָגישע שולעס". קיין מאָל איז קיין רייד ניט געווען, אַז אַ יידישער בחור פון ראַטן־פאַרבאַנד זאָל קומען קיין אַמעריקע אָדער קיין ישראל, כדי זיך צו ספּעציאַליזירן אין תורה. ביז 1957 האָט קיין ישיבה בכלל ניט עקזיסטירט, בעת טעאָלאָגישע סעמינאַרן פאַר די אַנדערע רעליגיעס האָבן אַלע מאָל זיך געפונען. לויט די לעצטע ציפערן פאַרמאָגט די פּראַוואָסלאַווגע קירך צוויי טעאָלאָגישע אַקאַדעמיעס, אַכט סעמינאַרן און 69 מאָנאַסטירן — מיט 1500 סטודענטן. די מוסולמענער האָבן פיר מאַדראַסאַס, איסלאַמישע

טעאָלאָגישע סעמינאַרן; ענלעכע סעמינאַרן האָבן די אַנדערע רעליגיעס. און דאָס האָבן זיי אַלע מאָל געהאַט. דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, די ישיבה, וואָס איז ענדלעך דערלויבט געוואָרן אין 1956, איז נאָר איינע, די איינציקע, און זי גופא איז כמעט ווי ניטאָ. דער כמעט איז דאָ אַ שליסל־וואָרט. פונקט ווי ביי די מצה איז ניט געווען קיין פאַרבאָט אויפן עסן, אָדער אויפן באַקן מצה. מען האָט נאָר ניט דערלאָזט צו דעם; אַזוי אויך מיט דער ישיבה: מען האָט זי ניט געשלאָסן. מען האָט נאָר אוממעגלעך געמאַכט פאַר ישיבה־בחורים צו לערנען דאָרט. דער ישיבה־בחור דאַרף קודם באַשטעטיקט ווערן פון קולט־מיניסטעריום, און דערצו באַקומען, צוליבן לערנען דאָרט, וווינרעכט אין מאָסקווע. איז ווען דליק הרב לעווין אַליין האָט געזאָגט, איז צו ערשט געווען דרייסיק ישיבה־לייט, אָבער באַלד איז די צאָל געפאַלן אויף אַכצן, און צולעצט זענען געבליבן נאָר פופצן — ניט ווייל עס זיינען מער ניט געווען קיין בעלנים, ווי „יו־עס־עס־אר" האָט איבערגעגעבן אין הרב לעווינס נאָמען, פאַרקערט, עס זיינען אַלע מאָל געווען אַ סך מער בעלנים, נאָר מער האָט מען ניט געקאָנט דורכפירן די נייטיקע פּראָצעדור. אין יאָר 1961 האָבן זיך שוין געפונען נאָר 13 ישיבה־לייט, האָבן זיי ניט באַקומען די דערלויבעניש צו קומען צוריק קיין מאָסקווע... זיינען געבליבן לויט הרב לעווינס דערקלערונג אין יאָר 1962 פינף — פיר מאָסקווער און איינער פון ריגע. היינט געפינען זיך דריי „בחורים" (אין דער אמתן מיטליאָריקע יידן) אין דער ישיבה.

די ישיבה איז אָפן, הייסט עס, אָבער קיין ישיבה־לייט זיינען ניטאָ.

די יידישע רעליגיע ווערט אויך געשטעלט ניט אין „די זעלבע" נאָר אין אַנדערע „באַדינגונגען", ווען עס קומט צום קאָנטאַקט מיטן אויסלאַנד. די גלויביקע פון די אַנדערע רעליגיעס ווערט יאָ דערלויבט צו האָבן באַציונגען מיט די גלויביקע פון דער זעלבער רעליגיע אין אַנדערע לענדער. די פּראַוואָס־לאַווע קירך, וואָס איר פּאַטריאַרך האַלט זיך פאַרן פויפּסט פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער רעליגיע, האַלט אָן איר אויטאָריטעט איבער די גלויביקע פון דער דאָזיקער רעליגיע אין אַנדערע לענדער, ווי אין טעהעראַן, ירושלים, מזרח־דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, צפון־ און דרום־אַמעריקע. אויך די אַרמענישע קירך האַלט, אַז איר הויפּט, דער קאַטאָליקאָס פון דער גרעגאָריער סעקטע אין קריסטנטום, האָט די אויטאָריטעט איבער אַלע אַזעלכע קירכן איבער דער וועלט, און זי האַלט אָן פאַרבינדונגען מיט אַלע אַרמענישע קירכעס איבער דער וועלט. אָבער אויך די אַנדערע רעליגיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן ניט אַזעלכע פּרעטענזיעס, ווי די באַפּטיסטן, לוטעראַנער, מאַכמעדאַנער, און אפילו

קאַטאָליקן, האָבן באַציונגען מיט ענלעכע קירכעס אין אַנדערע לענדער, שטייען אין בריוולעכן קאָנטאַקט, לאַדן איין באַזוכער, און באַגעגענען זיך אויף וועלט־צוזאַמענפאָרן. זינט 1956 קומט פאַר אַן אָפטער אויסטויש פון דעלעגאַציעס פון סאָוויעטישע גריכיש־אָרטאָדאָקסן, באַפּטיסטן און איסלאַמער קיין מערב־אייראָפּע, אַמעריקע, און נאָענטן מזרח, און פון דעלעגאַציעס פון די גלויביקע פון יענע געגנטן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. אין 1958 איז אַ דעלעגאַציע פון רוימישע קאַטאָליקן פון לעטלאַנד געפאָרן צום פּויפּסט אין רוים — ניט געקוקט דערויף וואָס דער פּויפּסט איז באַטראַכט געוואָרן אין מאָסקווע פאַר אַ שונא. אין 1962, איז די סאָוויעטישע אָרטאָדאָקסישע קירך, מיט פינף אַנדערע קריסטלעכע סעקטעס (די קריסטן פון גרוזיע, אַרמעניע, באַפּטיסטן און לוטעראַנער פון לעטלאַנד און עסטלאַנד) געוואָרן פולשטענדיקע מיטגלידער פון וועלטראַט פון קירכעס, צו וועלכע עס געהערן די פּראָטעסטאַנטישע קירכעס פון מערב. די איסלאַמער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד געהערן שוין יאָרן־לאַנג צום איסלאַמישן וועלט־קאָנגרעס, און אין אָקטאָבער 1962 איז אויף אַן אַל־סאָוויעטישן קאָנגרעס פון די איסלאַם־פירער אין טאַשקענט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָפּטייל פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען מיט זייערע גלויבן־ברידער אין אויסלאַנד.

די יידישע רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט קיין דערלויבעניש צו האָבן קאָנטאַקטן מיט רעליגיעזע יידישע קערפּערשאַפטן אין אויסלאַנד, אויסער אַ לשנה־טובה־באַגריסונג צום הויפּט־ראַבינאַט אין ישראל, וואָס איז אַ מדינה, מיט וועלכער דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט דיפּלאָמאַטישע באַציונגען. בלויז צוויי מאָל האָבן רבנים פון ראַטן־פאַרבאַנד זיך געלאָזט הערן אין אויסלאַנד, אוןביידע מאָל האָט דאָס מיטן רעליגיעזן יידנטום קיין שייכות ניט געהאַט. איין מאָל, אין מאַרץ 1955, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דערקלערונג פון די רבנים פון מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, ריגע, מינסק, ווילנע, קאָוונע, קוטאַאיס, וואָס האָט אָפּעלירט פאַרן וועלט־שלום; דאָס צווייטע מאָל, אין נאָוועמבער 1956, פון אַכצן רבנים — אויסער די אויבן אויסגערעכנטע אויך פון לוואָוו, טאַשקענט, באַקו, טאַלין, סווערדלאָווסק, דניעפּראָפּעטראָווסק, קורסק, פּענזאַ, קישינעוו, אָמסק — אַ דערקלערונג, וואָס פאַראורטיילט ישראל, ענגלאַנד און פראַנקרייך פאַרן אָנגריף אין סועץ. (אָן אַ וואָרט, נאַטירלעך, וועגן נאַסערס פאַרלעצן דעם סועץ־געזעץ לגבי ישראל, אָדער זיינע אַנדערע פּראָוואָקאַציעס).

דאָס איינציקע מאָל וואָס אַ סאָוויעטישער רב איז געפאָרן קיין אויסלאַנד ווי אַ פאָרטרעטער פון יידנטום, איז געווען ניט אין שייכות מיטן יידישן

גלויבן, נאָר אין אַ מיסיע וואָס האָט געדינט דעם אַקטועלן פּאָליטישן אינטערעס פון קרעמל. דאָס איז געווען די שליחות פון הרב שליפער, צוזאַמען מיטן יידישן גענעראַל דראַגונסקי, קיין פּאַריז צו דער דערעפענונג פון מאָנומענט פאַר די יידישע נאַצי־קרבנות. מאָסקווע האָט דעמאָלט געזוכט אַ דערנענטערונג מיט פראַנקרייך. ווי יצחק שניאורסאָן, דער אויפבויער פון דעם מאָנומענט אין פּאַריז, האָט מיר דערציילט אַ צייט שפּעטער, האָט גענעראַל דראַגונסקי באַהאַנדלט דעם ווירדיקן רב ווי ער וואָלט געווען זיינער אַ משרת, אָנגעשריגן אויף אים אין דער קעגנוואַרט פון יצחק שניאורסאָן. הרב שליפער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין פּאַריז, און אַזוי שטאַרק געוויינט ביים דאַוונען, אַז די גאַנצע שול האָט מיט אים מיטגעוויינט...

די טאָפּלטע שפּיל לגבי דער יידישער רעליגיע האַלט אָן. אין דער זעלבער צייט ווען „נאָוואָסטי" צעשיקט בילדער פון אַ פייערונג אין אַ שול לכבוד דעם 90־יאָריקן געבוירנטאָג פון אַ רב (הרב אַליעווסקי אין דער שול פון מאַרינאַ ראָשטשאַ), ווערן צוויי שולן — ניט צוגעמאַכט, חלילה — נאָר געגעבן אַ באַפעל אָפּצורייניקן דאָס אָרט, מחמת מען דאַרף עס פאַר עפּעס נייטיקערס, אָבער קיין אַנדערע הייזער האָט מען זיי ניט געגעבן, און זאָלן די יידן קומען פאָדערן! (די אשכנזי־שול אין טאַשקענט, 193 טשאַמפּיאָנאַ־גאַס, און די שול אין אַלמאַ־אַטאַ, 20 טאַשקענטסקאַיאַ). די פּאַריזער יידישע קאָמוניסטישע צייטונג „נייע פּרעסע" גיט איבער אין אַנדרע בלומעלס נאָמען, אַז דער מאָסקווער שטאָטראַט האָט געשלאָסן דעם אַלטן יידישן בית־עולם, און גיט ניט קיין אָרט פאַר אַ נייעם יידישן בית־עלמין, די יידישע מתים דאַרפן מקובר ווערן צוזאַמען מיט די ניט־יידישע. די דערקלערונג פאַר דעם, לויט ווי יענע צייטונג גיט איבער אין בלומעלס נאָמען, איז ניט קיין אַנטיסעמיטיזם חלילה, נאָר פּשוט, ווייל די שטאָטישע באַאַמטע פאַרשטייען ניט דעם פּראָבלעם...

אין 1956 האָט זיך געדוכט, אַז אין דער ווענדונג פון ליבעראַליזם, וואָס איז געקומען גלייך נאָך דעם 20טן פּאַרטיי־קאָנגרעס, וועט דאָס רעליגיעזע יידנטום באַקומען כאָטש דעם רוב רעכט, וואָס אַנדערע רעליגיעס געניסן. מען האָט געמיינט, אַז די דערלויבעניש אויף אַ נייעם סידור און אַ ישיבה איז אַן אַדערויף אויף אַנדערע רעכט. (אין יענעם יאָר זיינען מאַלאַטאָוו און מיקאָיאַן געקומען צו דער יום העצמאות־אויפנאַמע אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע). טייל יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ מין פאַרגיטיקונג פאַרן ניט אויפלעבן צוריק די יידישע קולטור, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט אירע שאַפער אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס לעבן,

און פונקט ווי די סאָציאַליסטישע יידישע קולטור האָט מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר פריער פאַרדעקט דאָס ליידיקע אָרט פון דער אומגעבראַכטער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, אַזוי וועט אַצינד די יידישע רעליגיע כאָטש אַ ביסל אויספילן דעם חלל, וואָס דער אומברענגג פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור האָט איבערגעלאָזט.

אָבער פון די דאָזיקע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. עס איז געוואָרן ערגער, ניט בעסער. און די פאַרערגערונג איז געקומען אויפן כאַראַקטעריסטישן סאָוויעטישן אופן: צו ערשט עפנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער רעליגיע, דערנאָך לאָקאַלע אדמיניסטראַטיווע מיטלען, שפּעטער ערנסטערע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען פון אַ גרעסערן פאַרנעם, בעת די אָנפירונג אויבן מאַכט זיך ניט ווויסנדיק פון דעם.

אין פלוג איז די קאַמפּאַניע קעגן דער יידישער רעליגיע געווען, און איז נאָך אַלץ, אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַנטי־רעליגיעזער קאַמפּאַניע. אין מאַי 1957, עפּעס מער ווי אַ יאָר נאָכן 20סטן סאָוויעטישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַן אַנטי־רעליגיעזע קאָנפערענץ. ווי אין פריערדיקע קריטישע מאָמענטן, איז אויך איצט, ביים פּראָצעס פון דעסטאַליניזאַציע און ליבעראַליזירונג, געקומען אַן אַנטי־רעליגיעזער קורס. די מאָטיוון זיינען געווען עטלעכע. קודם, צו פאַרהיטן אַז די רעליגיעזע אינסטיטוציעס זאָלן ניט אויסנוצן די ליבעראַלע סיטואַציע, ווערן אַקטיוו און שאַפן אַ רעליגיעזע ווענדונג, וואָס קאָן ווערן אַן אַנטי־רעוואָלוציאָנערער כוח. אין די נייע געגנטן, וואָס זיינען צוגעקומען צום ראַטן־פאַרבאַנד, ערב און בעתן צווייטן וועלט־קריג, קאָן דאָס גאָר ווערן אַן אַנטי־סאָוויעטישער, אָדער אַנטי־רוסישער איינפלוס, וואָס וואָלט אפילו עלול געווען צו דערמוטיקן סעפּאַראַטיסטישע האָפענונגען. און חוץ דעם אַלעם איז דאָס באַנוצן אַ בייטש אויף איין געביט אַ דערמאָנונג פאַר אַנדערע, אַז מען קאָן שמייסן. אומדירעקט, קאָן דאָס זיין א מיטל פון דיסציפּלין און קאָנטראָל אין דער ראַם פון נייעם ליבעראַליזם. אויף דער אַנטי־רעליגיע־קאָנפערענץ אין יאָר 1957 האָט מען אויך ניט פאַרגעסן אין דער יידישער רעליגיע. אָט די אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דווקא צו צוויי יידן, דעם אַקאַדעמיקער מיטין, היינט דער איינציקער ייד אין צענטראַל־קאָמיטעט, און דעם וויצע־דירעקטאָר פון לענינגראַדער מוזיי פאַר רעליגיע און אַטעיזם, שאַכנאָוויטש. מיטין, וועלכער האָט קיין מאָל קיין שום קאָנטאַקט ניט געהאַט מיטן רעליגיעזן יידנטום, האָט געזאָגט, אַז די „יידישע רבנים" זיינען געוואָרן צוריק אַקטיוו, און שאַכנאָוויטש האָט אויפגעקלערט די פאַרזאַמלטע

ווי שעדלעך די יידישע רעליגיע איז — איר קלאַסן־כאַראַקטער און איר באַרבאַרישע אָפּשטאַמונג.

פון דאָס ניי איז אויפגעקומען אַן אַנטי־רעליגיעזע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד אין גייסט פון אַמאָליקן „בעזבאָזשניק״. אפילו די פאַרעלטערטע אַטעיסטישע אַרטיקלען, וואָס אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי האָט געשריבן מיט פערציק יאָר צוריק, זיינען איצט איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ בראָשור. אויסער די ספּעציעלע צייטשריפטן און בראָשורן פון אָט דעם מין, דערשיינען כסדר אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען אין דער פּרעסע, אָנגעהויבן פון אַזעלכע צענטראַלע און וויכטיקע צייטונגען ווי די מאָסקווער „פּראַוודאַ״ און פּראָפ. פאַריינען־אָרגאַן „טרוד״ ביז די קליינע לאָקאַלע צייטונגען אין די פּאַרוואַרפענע געגנטן פון צענטראַל־אַזיע. די אַטאַקעס אויף רעליגיע זיינען מער קאָנצענטרירט אין די ניי־צוגעקומענע געגנטן און אין די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון לאַנד, און דאָרטן נעמען זיי אויך אָן אַ מער פּרימיטיוון און מיאוסן כאַראַקטער.

אָפיציעל האָט די קאַמפּאַניע קעגן רעליגיע געדאַרפט געפירט ווערן אויף אַן אינטעלעקטועלער מדרגה. די סאָוויעטישע דערקלערונג אין דער קאָמיסיע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס״ אין 1959 האָט ציטירט אַ רעזאָלוציע פון דער אלסאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָנגענומען אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1954, וואָס האָט געגאָלטן אין יאָר 1959 און געדאַרפט גילטן אויך אויף ווייטער. יענע רעזאָלוציע האָט אָנגעוויזן אויף פעלערן פון דער אַטעיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפגעפאָדערט די פּאַרטיי־חברים דאָס צו פאַרריכטן. זי האָט אויסגעפירט, „אַז טיפע, געדולדיקע אַטעיסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע צווישן די גלויביקע וועט זיי העלפן מיט דער צייט זיך צו באַפרייען פון זייערע רעליגיעזע אילוזיעס, בעת אַדמיניסטראַטיווע מיטלען און באַליי־דיקנדיקע אָנגריפן פון יעדן מין קעגן די גלויביקע און גייסטלעכע קאָנען ברענגען נאָר שאָדן דורך דעם, וואָס דאָס קאָן בלויז פאַרשטאַרקן און פאַרטיפערן זייערע רעליגיעזע פאַראורטיילן״. אָבער אָט די רעזאָלוציע האָט געמאַכט מער איינדרוק אויף דער קאָמיסיע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס״, ווי אויף די אַטעיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין ראַטן־פאַרבאַנד. די „באַליידיקנדיקע אָנגריפן״ זיינען אָנגעגאַנגען ניט געענדערט, און די „אַדמיניסטראַטיווע מיטלען״ זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי פריער, און נאָר ערגער.

אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער אַנטי־רעליגיע־קאָנפערענץ אין יאָר 1957 איז די יידישע רעליגיע אָפּגעקומען לייכט, אפשר לייכטער ווי אַנדערע רעליגיעס. די קאַמפּאַניע קעגן איר איז געפירט געוואָרן מייסטענס פּראָ פאָרמאַ

אין די אַנטי־רעליגיעזע צייטשריפטן און בראָשורן. אַ שאַרפע ענדערונג איז אַריינגעטראָטן אין יאָר 1959. די לאָקאַלע באַאַמטע האָבן באַקומען אַן אָנווייז פון צענטער אָנצונעמען שטרענגערע מיטלען קעגן דער יידישער רעליגיע. די נייע טאַקטיק איז באַשטאַנען קודם אין אַ פּסיכאָלאָגישן אָנגריף, אַ העצעריי אין דער לאָקאַלער פּרעסע, און דערנאָך — אין אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, דאָס הייסט רויע אונטערדריקונג.

נאָך דעם ווי די לאָקאַלע צייטונג האָט פּאַרפּענטלעכט אַן אַטעיסטישן אָנפּאַל אויף דער יידישער רעליגיע, איז געקומען אַ העצעריי קעגן דער לאָקאַלער יידישער קהילה, אָנרופנדיק די נעמען פון אירע אַקטיוויסטן, מאַכנדיק קעגן זיי פאַרשיידענע באַשולדיקונגען, ווי שיכרות, ספּעקולאַציע, קאָנטאַקטן מיט אויסלענדער. דערנאָך האָט מען גענומען שליסן די שולן אונטער פאַרשיידענע טעכנישע אויסריידן, ווי אַז די קהילה האַלט ניט דעם בנין אין אָרדענונג, באַנוצט אים סיי ווי ניט געגוג, מיסברויכט אים פאַר אַנדערע צוועקן אויסערן גאָטדינסט, און דאָס גלייכן. צו דעם איז געקומען אַ לאָקאַלע באַדערפעניש אין אַ בנין פאַר אַ מער נייטיקן געזעלשאַפטלעכן צוועק. אין וואָראָניעזש, למשל, האָט מען צוגעמאַכט די שול ווייל מען האָט זיך געניייטיקט אין אַ האַנדלסהויז; אין סימפעראָפּאָל האָט מען דעם שול־בנין געדאַרפט אויף אַ שטאָטישער ביבליאָטעק; אין אוזשהאָראָד — אויף אַ קאָנצערט־זאַל. אַ מאָל האָט מען פאַרמאַכט אַ שול בלויז צוליב דעם, ווייל מען האָט געדאַרפט שליסן אַ קירך, האָט מען דאָך געדאַרפט ווייזן אַז מען איז נייטראַל — אין דעם פּרט האָט מען שוין יאָ אַכטונג געגעבן, אַז די יידישע רעליגיע זאָל געשטעלט ווערן אין די זעלבע באַדינגונגען ווי די אַנדערע רעליגיעס.

ווען די יידן פון דער צוגעמאַכטער שול האָבן גענומען קלויבן געלט זיך אויפצובויען אַ נייע שול — וואָס דאָס איז געווען זייער רעכט לויטן געזעץ, — האָט די לאָקאַלע מאַכט קאָנפיסקירט דאָס געלט מיט פאַרשיידענע תירוצים. ווען צוואַנציק יידן האָבן זיך צוזאַמענגענומען כדי צו שאַפן אַ רעליגיעזע געמיינדע — וואָס דאָס איז זייער רעכט לויטן געזעץ — האָט דער לאָקאַלער באַאַמטער געשיקט רופן יעדן פון די אונטערשרייבער באַזונדער אויף אַ פּריוואַטן פאַרהער, און ער האָט אים געלאָזט וויסן אַז ער, דער באַאַמטער, האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז יענער איז אַזאַ פינצטערלינג און אַ קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים, און אַז קיין סך גוטס פאַר זיך, צי פאַר זיין פאַמיליע, קאָן ער דאָך ניט דערוואַרטן פאַר אַזאַ אַנטיסאָציאַלן

און אַנטיסאָוויעטישן שריט. ניט איין ייד האָט נאָך אַזאַ באַגעגעניש צוריק־געצויגן זיין אונטערשריפט. ענלעכע „אַדמיניסטראַטיווע" מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן אין אַנדערע רעליגיעזע געביטן, ווי אין פּרט פון מצה, ווי שוין אָנגעגעבן, בנוגע דער ישיבה, און דאָס גלייכן.

אויך אין דער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, ווערט די יידישע רעליגיע געשטעלט ניט אין די זעלבע באַדינגונגען ווי די אַנדערע רעליגיעס. אַלע אַנדערע רעליגיעס ווערן אָנגעגריפן פאַר זייער אבערגלויבן, זייער אָבסקוראַנטיזם. די טעזע איז, אַז דער גלויבן איז פאַלש, נאַריש, פּרימיטיוו, באַרבאַריש; מאַכט דעם מענטשנס אויגן בלינד צו דער ווירקלעכקייט און שטערט אים אין זיין סאָציאַלן און קולטורעלן פּראָגרעס. דער אָנגריף איז דאָ טעאָלאָגיש און אינדיווידועל. די רעליגיע איז די שולדיקע, און איר גלויביקער איז דער קרבן. אפילו אין די וווּלגאַרסטע אָנפאַלן אויפן גלח, איז דער גלח דער קאָרופּטירטער נפש, ניט דער גאַנצער כלל גלויביקע. און עס האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט זיין נאַציאָנאַליטעט אָדער מיט זיין פּאָליטישער שטעלונג.

די אַנטי־איסלאַם־פּראָפּאַגאַנדע הייבט אָן מיטן אָבערגלויבן, ווי למשל, די הייליקע קברים זייערע אַנטהאַלטן ניט דאָס וואָס די גלייביקע מיינען, זי גייט אריבער צו דער פאַרשקלאַפונג פון פרויען דורכן צווינגען זיי צו טראָגן שלייערס, ווייזט אָן, אַז דאָס מל זיין די יינגלעך ווערט געטאָן אומהיגיעניש, און אַז דאָס איז בכלל אַ באַרבאַרישער מנהג; אַז דאָס געלט וואָס ווערט געזאַמלט פאַרן רעליגיעזן געברויך, ווערט פאַרנוצט דורך די מופטיס און די אַנדערע גייסטלעכע. ניטאָ אין דעם גאַרנישט, וואָס זאָל שאַפן אַ קאָנטראַסט צווישן גלויביקן אין איסלאַם און די אַנדערע רעליגיעס, אָדער זאָל וואַרפן אַ שאָטן אויף דער געטריישאַפט פון מוסולמענער צו זיין סאָוויעטיש פאָטערלאַנד אָדער צום סאָוויעטישן סיסטעם.

די יידישע רעליגיע ווערט אָנגעקלאָגט אין די אַלע זאַכן, וואָס די אַנדערע רעליגיעס, אָבער מיט אַ זייער מיאוסן און שעדלעכן צוגאָב: די יידישע רעליגיע ווערט באַשולדיקט אין נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, אין פיינטשאַפט צו אַנדערע פעלקער און אין אַנטי־סאָוויעטיזם. לויט דער פּראָפּאַגאַנדע דערגייט עס צו דעם, אַז אויב מען איז אַ רעליגיעזער ייד, מוז מען במילא זיין אין אָפּאָזיציע צו אַלץ וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר און צום ראַטן־פאַרבאַנד גופא. זייער אָפט קייקלט זיך אַראָפּ די פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער רעליגיע צו וווּלגאַרן אַנטיסעמיטיזם.

מיט אַט דעם מין פּראָפּאַגאַנדע מיינט די אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג צו שלאָגן דעם יידישן גאָט, אָבער די קלעפּ גייען אויס צום יידן. די אַרטיקלען קעגן דער יידישער רעליגיע דערשיינען מייסטנס אין געגנטן, ווו די באַפעל־קערונג איז ווייניק אויפגעקלערט און טראָגט נאָך אַ סך שנאה אין האַרצן צום יידן. דאָס זיינען די געגנטן פון אוקראַינישן הינטערלאַנד, די באַלטישע סאָוויעטישע רעפּובליקן, די אַנדערע צוגעקומענע טעריטאָריעס, וואָס האָבן ביזן לעצטן וועלטקריג זיך געפונען אונטער האַלב אָדער גאַנץ פאַשיסטישע רעזשימען, און אין די ווייטע פּונקטן פון צענטראַל־אַזיע. ווען דער פאָלקס־מענטש פון יענע מקומות לייענט, אַז די פרומע יידן ווערן דערצויגן פיינט צו האָבן ניט־יידן, אויסצונוצן דעם אַרבעטער, צו נאַרן און שווינדלען און זיין אומגעטריי דעם סאָוויעטישן פאָטערלאַנד, וואַרפט ער אָפּ דאָס וואָרט „פרומע" און עס ווערט ביי אים סתם ייד, אַלע יידן; און ער טראַכט זיך: דאָס האָב איך אַלע מאָל געזאָגט וועגן די יידן! לעניג האָט באַגריפן אַזאַ מעגלעכע קאָנ־סעקווענץ. בת ער האָט עפּעס געזאָגט קעגן דער בורזשואַזיע, און דערביי געדאַרפט אָנווייזן אויף דער יידישער בורזשואַזיע — האָט ער אונטערשטראָכן, אַז נאָר דער יידישער בורזשוי איז אונדזער שונא, דער יידישער אַרבעטער דאַקעגן איז אונדזער ברודער. ביי דער איצטיקער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער רעליגיע ווערט אַזאַ דיפערענצירונג ניט געמאַכט.

אין אַנדערע ווערטער: דאָס בילד פון דער יידישער רעליגיע וואָס ווערט געמאָלן אין דער פּראָפּאַגאַנדע, איז אַזוי ענלעך אויף דעם שאַבלאָנעם בילד פון ייד, וואָס אַנטיסעמיטן מאָלן, אַז דער אַנטיסעמיטיש גענויגטער מענטש זעט אין דעם אַ באַשטעטיקונג פון דער אַנטיסעמיטישער פאָרשטעלונג פון אַ ייד. און אַזאַ בילד קומט דווקא פון אַ געהויבענעם אָרט. פון די טעאָרע־טיקער און מאַרקסיסטישע געלערנטע!

למשל: דער הויפּט פון פאַקולטעט פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין ניקאָ־לייעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט האָט געשריבן אין „בוגסקאַיאַ זאַריאַ", 13 אָקטאָבער 1959, אַז „יידן בענקען נאָך ציון און גאַרן זיך אומצוקערן קיין פּאַלעסטינע", און אָט דאָס „רייצט אויף די נאַציאָנאַליסטישע געפילן פון די גלויביקע, און פאַרזייט פיינטלעכע בורזשואַזע אידעאָלאָגיע צווישן ערלעכן סאָוויעטישן פאָלק". ער ציטירט יידישע תפילות, כאַפּט אַרויס זאַצן, וועלכע ער גיט אַן אייגענע ווענדונג און פירט אויס, אַז די יידישע תפילות פּריידיקן „ראַסיזם און פיינטשאַפט צו אַנדערע פעלקער, און ניט נאָר פון אונדזער לאַנד". ער פאַרענדיקט מיט דעם, אַז די יידישע אמונה איז „אַ רעאַקציאָנערע

אידעע, געווענדט צו צעשטערן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און די פריינדשאַפט צווישן פעלקער אין אונדזער לאַנד. עס וואָרצלט אין געפילן פון אומצוטרוי און האַס צו אַנדערע פעלקער און גלויבנס״.

דאָס זעלבע האָט געשריבן אַ געוועזענער גלח און פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע און העברעיש אין אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר אין לענינגראַד, אָסיפּאָוו — אַצינד אַ קעמפער קעגן רעליגיע — דריי יאָר שפּעטער, אין יוני 1961. „גאָט לערנט די יידן אמתע ראַסן־דיסקרימינאַציע, די זעלבע ראַסן־דיסקרימינאַציע, וואָס ווערט אַצינד פאַרשאָלטן און פאַראורטיילט פון אַלע פּראָגרעסיווע לענדער און פעלקער איבער דער וועלט; פּונקט די זעלבע דיסקרימינאַציע, פאַר וועלכער יידן האָבן באַצאָלט אַזאַ הויכן פּרייז אין די פינצטערע טעג פון היטלעריזם־פאַשיזם — אָט דאָס שלעכטס האָט דעמאָלט אומגעבראַכט זיבן מיליאָן יידן. און דאָ, אין דער ביבל גופא, זאָגט גאָט אַליין צו, אַז ער וועט אַרויסוואַרפן און פאַרטיליקן אַלע אַנדערע פעלקער פאַר די יידן״. אָסיפּאָוו זאָגט טאַקע, אַז ראַסן־דיסקרימינאַציע ווערט אַצינד פאַראורטיילט פון אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער, און אַז אַזוי פיל יידן זיינען געווען אַ קרבן פון דעם, אָבער זיין אויספיר מאַכט פאַרט דעם איינדרוק, אַז די יידישע אמונה איז אין דעם פרט ניט בעסער פון היטלעריזם, און במילא זיינען די פרומע יידן ניט בעסער פון די נאַציס.

און דאָס איז דער גרונד־טאָן פון אַ סך אַנדערע אַרטיקלען קעגן דער יידישער רעליגיע. דאָס יידנטום ווערט כאַראַקטעריזירט ווי „דער פאַרביטערטער שונא פון די אַרבעטער״, ווי דער „שונא פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם״, ווי אַ „קראַפט, וואָס איז פיינטלעך צו די אינטערעסן פון פאָלק״. אַנדערע גייען נאָך ווייטער און זאָגן אָפן, אַז „יידנטום טויט אָפּ די ליבע צום סאָוויעטישן פאָטערלאַנד, די ערשטע מדינה, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַפרייען אַלע פעלקער, איינגעשלאָסן דעם יידישן פאָלק, פון פאַרשידענע פאָרמען פון מענטשלעכער אונטערדריקונג, און צו געבן די אַרבעטער, איינגעשלאָסן די יידישע אַרבעטער, דאָס אמתע גליק פון שעפערישער אַרבעט אין אַ לאַנד, וווּ אַלע זיינען גלייך״. ווי אומדאַנקבאַר מוז זיין דער ייד צום ראַטן־פאַרבאַנד אויב ער האַלט זיך אין זיין יידישקייט!

געוויס איז דאָס אונטערן כבוד פון דער יידישער רעליגיע, וואָס איז געווען די ערשטע צו פּראָקלאַמירן די אַבסאָלוטע ברודערשאַפט פון אַלע מענטשן ווי קינדער פון איין פאָטער, וואָס האָט פאַרזאָגט דעם ייד ניט פיינט צו האָבן אפילו דעם מצרי — ניט געקוקט אויפן גאַנצן קולט פון יציאת

מצרים — מחמת יידן האָבן אַמאָל געלעבט אין דעם לאַנד פון מצרי; וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם העכסטן געבאָט פון מענטשלעכע באַציונג — ליב צו האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין — צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דער טענה, אַז זי פּריידיקט האַס צו פעלקער און שנאה צום פאָטערלאַנד, און אויך אָפּצוּוואַרפן די באַשולדיקונג אַז זי איז אַ שונא פון אַרבעטער און פיינטלעך צו די אינטערעסן פון פאָלק, בעת זי איז געווען די ערשטע פון די אַלטע רעליגיעס, וואָס איז געקומען מיט אַ פולער סאָציאַלער געזעצגעבונג לטובת די אַרבעטער, און האָט דורך איר גאַנצער געשיכטע כסדר זיך איינגעשטעלט פאַרן אָרעמען און דערשלאָגענעם קעגן דעם רייכן און שטאַרקן. אָבער אָט אַזוי גייט דער בילבול, צוגעדעקט מיט כלומרשטער געלערנטקייט און מיט געפעלשטע ציטאַטן, און די טראַגעדיע איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די יידישע רעליגיעזע פירער קאָנען דערויף ניט ענטפערן, וואָרעם די פרייהייט פון געוויסן אין ראַטן־פאַרבאַנד גייט בלויז אין איין ריכטונג: די אַטעיסטן מעגן פירן פּראָפּאַגאַנדע קעגן רעליגיע, אָבער רעליגיע טאָר ניט פירן קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר רעליגיע. ענטפערן אויף די בילבולים פון אַטעיסטן וועט ווערן אויסגעטייטשט אַלס רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע.

ווען געלערנטע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער שטעלן אַזאַ טאָן, איז ניט קיין חידוש אַז דאָס ווערט וווּלגאַריזירט ביי די פּאָפּולאַריזאַטאָרן, וואָס צעקייען עס פאַר די מאַסן. ביי זיי קומט דער יידישער גלויבן, און במילא די יידישע גלויביקע, אַרויס פאַר אַזאַ סטראַשידלע, אַז כאַטש נעם און טו מיט זיי וואָס היטלער האָט געטאָן. דער קיראָוואָגראַדער ראַדיאָ, למשל, האָט אין אַן אוקראַאִינישער אוידיציע (12 אויגוסט, 1959) געזאָגט, אַז די אָרטיקע פרומע יידן — אָנגעבנדיק גענוי די נעמען פון די פירער פון דער יידישער קהילה — „דינען צום גאָלדענעם קאַלב און ווייסן נאָר צו צאַפּן געלט פון די גלויביקע אין זייערע אייגענע קעשענעס אַריין און פאַר מיליטערישן ישראל־גייסט. און זאָגנדיק זייער געבעט רופן זיי אויסצוהרגענען אַלע וואָס לייקענען אין זייער חומש, דעם יידישן געבעט־בוך. זינט עס איז אויפגעקומען דער סאָוויעטישער רעזשים, זיינען ווי באַקאַנט, אַ סך ראַבינער און גייסטלעכע פון יידישן גלויבן פיינטלעך צום סאָציאַליסטישן סיסטעם און קעגן די אינטערעסן פון סאָוויעטישן פאָלק, צום נוצן פון דער אינערלעכער קאָנטער־רעוואָלוציע״.

איז אויב עס איז רעכט צו זאָגן אויף פרומע יידן, אַז זיי רופן „אויסצוהרגענען די וואָס לייקענען אין זייער חומש (דעם יידישן געבעט־בוך!)״, איז פאַר וואָס זאָל מען ניט גלייבן, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט? האָט טאַקע

געטראָפן (9טער אויגוסט 1960) אַז אַ שרייבער מאַכמודאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אַן ארטיקל אין דער דאַגעסטאַנער צייטונג „קאָמוניסט", ווו ער האָט דערציילט פאַר זיינע איסלאַמישע לייענער, אַז „אַ ייד, וואָס טרינקט ניט קיין בלוט פון אַ מוסולמענער כאָטש איין מאָל אין יאָר, ווערט ניט באַטראַכט פאַר אַן אמתן גלויביקן. דעריבער קויפן אַ סך יידן פון פינף ביז צען גראַם בלוט פון אַ מוסולמענער, מישן דאָס אויס מיט וואַסער און פאַרקויפן דאָס ווי ,וואַסער מיט מולסולמעניש בלוט'. מוסולמענער זיינען פיינטלעך צו יידן, מחמת אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינע די יידן געווען פיינטלעך צו די מוסולמענער". דאָס איז שוין ניט קיין אַנגריף קעגן דער יידישער רעליגיע; דאָס איז אַנטיסעמי־טישע העצעריי קעגן יידן, און אַ באַרעכטיקונג פאַר דער שנאה צו יידן.

פון די אַלע העצערישע אַרטיקלען קעגן דער יידישער רעליגיע און די יידישע גלויביקע, איז אָט דער דאַגעסטאַנער אַרטיקל געווען דער איינציקער, וואָס איז „קאָרעגירט" געוואָרן. די רעדאַקציע האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז דער אַרטיקל איז געווען אַ „פעלער" און גלייכצייטיק האָט זי פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם. דער שרייבער מאַכמודאָוו, וואָס איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן, איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט, אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט ער באַקומען אַ וויכטיקערן פּאָסטן אין אַ נייעס־אַגענטור. דאָס איז אָבער ניט געקומען אויטאָמאַטיש. קודם האָבן די דאַגעסטאַנער יידן, וואָס לאָזן זיך נישט שפּילען אין דער קאַשע, געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין מאָסקווע, ווו זיי האָבן ניט נאָר פּראָטעסטירט, נאָר אויך זיך ניט געאיילט פאָרן צוריק אויפן צוזאָג פון באַאַמטן אין קולט־מיניסטעריום. זיי האָבן געוואָרט צו הערן, אויב דאָרט אין דאַגעסטאַן איז טאַקע עפּעס דערין געטאָן געוואָרן. נאָך ווירקזאַמער האָט דאָ געקאָנט זיין דאָס וואָס אַן אַנגעזעענע ניו־יאָרקער ניט־יידישע צייטונג „העראַלד־טריביון" האָט פאַרעפנטלעכט דאָס אַנטיסעמיטישע אַרטיקל מיטן פאַטאָסטאַט פון דער דאַגעסטאַנער צייטונג און דאָס האָט שאָקירט די עפנטלעכע מיינונג אין גאַנצן מערב. אָבער די אַנדערע בילבולים אויף יידן, אַז יידן זיינען „געווען פיינטלעך" צו מוסולמענער, אַז דער יידישער גלויבן וואָרצלט אין זיי אין געפילן פון „אומצוטרוי און האַס" צו ניט־יידן, קורץ, די אַלע בלבולים, וואָס דער אַנטיסעמיט פילט ביי זיך אין האַרצן — אָט דאָס איז ניט קאָרעגירט געוואָרן. דער אַנטיסעמיטישער טאָן אין דער קאַמפּאַניע קעגן דער יידישער רעליגיע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט ניט נאָר שאָקירט די מערב־וועלט, נאָר אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד, און אפילו די

סאָוויעטישע מאַכט האָט דאָס געמוזט שטעמפּלען אַלס אַנטיסעמיטיזם און פאַראורטיילן — אָבער ניט אַבסאָלוט; די קאַמפּאַניע גייט אָן, הגם דערוויל אין אַ ביסל מעסיקערע ראַמען.

אויך אין דער אַזוי־גערופענער „העכערער" פּראָפּאַגאַנדע קעגן רעליגיע — אין די ווערק, וואָס דאַרפן גילטן ווי וויסנשאַפטלעכע שטודיעס — ווערט די יידישע רעליגיע באַקעמפט אַנדערש, ערגער. דער צוגאַנג איז וווּלגאַרער, פּרימיטיווער, ווי מען וואָלט מיט די יידישע גלויביקע זיך וויניקער געדאַרפט צערעמאָניען ווי מיט די גלויביקע פון אַנדערע אמונות. נאָך ערגער איז די טענדענץ צו אידענטיפיצירן די יידישע רעליגיע מיטן יידן, אַריבער־טראָגן דאָס שלעכטס, וואָס ווערט געזאָגט וועגן דער רעליגיע אויפן יידן און אויף היינטיקן יידישן לעבן, איינגעשלאָסן די מדינת ישראל. די פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער רעליגיע נעמט דעריבער אָן דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן. און אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען, אַז אַ ווערק קעגן דער יידישער רעליגיע, ווי ט. ק. קיטשקאָס „יודאיזם אָן באַפּוצונג", איז אַרויסגעקומען אַזוי אַנטיסעמיטיש, אַז אפילו די קאָמוניסטישע וועלט האָט אויפגעשווידערט. אָבער דאָס דאָזיקע איז נאָר געווען דער איבערשאָס פון אַ באַמבאַרדירונג קעגן יידישן פאָלק, וואָס האָט געדויערט אַ שטיק צייט.

דאָ ציט זיך אַ ליניע פון אָנהייב פון דער באַנייטער אַנטי־רעליגיעזער קאַמפּאַניע אין די שפּעטע פופציקער יאָרן ביזן היינטיקן טאָג. למשל, אין „נאַוקאַ אי רעליגיאַ" (וויסנשאַפט און רעליגיע) פון דעצעמבער 1959, האָבן צוויי יידישע מחברים, ד. ברוידע און א. בענטשיק, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל קעגן דער יידישער רעליגיע. איז מילא, דאָס וואָס זיי זאָגן וועגן דער יידישער רעליגיע גופא, ווי ווילד און געפּעלשט עס זאָל נישט זיין, קאָן מען נאָך פאַרענטפערן, אַז עפּעס ענלעכס ווערט דאָרט געשריבן אויך קעגן קריסטנטום. אָבער דאָ ווערט אַריינגעשלעפּט די יידישע געשיכטע און מדינת ישראל, און דאָס האָט שוין צו טאָן מיטן יידישן פאָלק, מיטן יידישן לעבן פון אַ מאָל און פון היינט. אַזעלכע גרויסע פרייהייטלעכע היסטאָרישע געשעענישן ווי יציאת־מצרים, וואָס איז געווען אַ רעוואָלט פון אַ שקלאַפן־פאָלק קעגן זייערע אונטער־דריקער, און דער מאַקאַבייער־קאַמף, וואָס איז געווען אַן אויפשטאַנד פון אַן אונטערדריקט לאַנד קעגן דער פרעמדער אימפּעריאַליסטישער מאַכט, ווערן געשטעמפּלט ווי פינצטערע רעאַקציאָנערע און שאָוויניסטישע דערשיי־נונגען, דערפאַר ווייל זיי האָבן געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש. בעת פרידריך ענגעלס האָט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט דעם פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד,

ווי אַ רעוואָלוציאָנערן טאַט, הגם ער האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש, און אויך מאַרקס האָט ניט פאַראורטיילט די בורזשואזיע רעוואָלוציעס פון 17טן יאָרהונדערט דערפאַר ווייל זיי האָבן געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש. די מחברים שלעפּן אַהער אריין אויך דעם ציוניזם און אפילו דעם מיליטערישן רעזשים פאַר אַראַבער אין ישראל!

אויף זייער קעגנערשאַפט צום ציוניזם האָבן קאָמוניסטן אַן אָנשפּאַר אין לענינען, וועמענס שטעלונג צום ציוניזם ווערט באַטראַכט אין אַן אַנדער טייל פון דעם דאָזיקן בוך; הגם, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין אינערלעכע אַנטיטעזע צווישן ציוניזם און קאָמוניזם — האָבן מיר געזען ביים 60טן יאָרצייט פון ד״ר הערצל. ניט נאָר האָט די קאָמוניסטישע רעגירונג אין אונגאַרן דערלויבט אירע יידן צו פייערן אָט דעם יאָרצייט, נאָר זי האָט זיך אַליין באַטייליקט אין דעם. אָבער אַרויסצושטעלן דעם ציוניזם ווי אַ פּראָדוקט פון דער יידישער רעליגיע, באַזירט אויפן „אתה בחרתנו״, איז ניט נאָר היסטאָריש פאַלש, נאָר אויך אַנטי־מאַרקסיסטיש, און מאַכן פון מיליטערישן רעזשים פאַר אַראַבער אין ישראל אַ רעליגיעזן אַקט פון פיינטשאַפט צו ניט־יידן איז דער גרעסטער אומזין, אָפּגעזען שוין פון די זיכערקייט־מאָטיוון און פון דעם וואָס ביי אָט דעם רעזשים האָבן די אַראַבער אין ישראל אַ סך בעסערע באַדינגונגען ווי די אַראַבער אין די שכנישע אַראַבישע לענדער. די פירער פון דער היינטיקער יידישער מלוכה זיינען דאָך, ווי די גרינדער און בויער פון ציוניזם, וועלטלעכע יידן, ניט רעליגיעזע, און אין באַצוג צום מיליטערישן רעזשים, זיינען גאָר די רעליגיעזע פּאַרטייען אַרויסגעטראָטן קעגן אים, בעת די פּאַרטיי, וואָס שטיצט אים אונטער, איז גאָר די וועלטלעכע און סאָציאַליסטיש־געשטימטע מפא״י!

האָט די אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אַנדערע אמונות אויך אויסגעטראַכט בילבולים, געפעלשט די געשיכטע פון יענע פעלקער און גע־וואָרפן אַ שאָטן אויף זייער היינטיק לעבן ווי אַ פאָלק?

און אַזאַ אין דער טאָן אין אַלע „אַקאַדעמישע״ ביכער וועגן דער יידישער רעליגיע במשך פון יאָרן: אין י. קריוואָלאָווס (יוסף אַראָנאָוויטש) „בוך וועגן תנ״ך״, אַרויסגעגעבן אין 1959 פון מלוכה־פאַרלאַג פאַר סאָציאַלער און עקאָנאָמישער ליטעראַטור, ווערט געזאָגט, אַז די צען געבאָט איז ביי יידן געווען אין דער אמתן ניט צום גוטן, נאָר צום שלעכטן, דאָס ניט־גנבענען איז געגאַנגען אויפן אייגנטום פון קנעכט, און דאָס ניט־מאָרדן — נאָר אויף

מענטשן פון אַ געוויסן פאָלק אָדער שבט (אַנדערע, הייסט עס, פאָלן ניט אַרונטער אונטערן „לא תרצח!"), און שוין ביים אַרויסגיין פון מצרים זיינען יידן געווען „פּרעסער, זויפער און גזלנים". אין 1961 איז אונטער דער פירמע פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין ראַטן־פאַרבאַנד דערשינען אַ בוך א. נ. „דער רעאַקציאָנערער מהות פון יודאַיזם" פון מ. י. שאַכנאָוויטש, אין וועלכן ער שלעפּט אריין די מדינת ישראל, און זאָגט דאָרט, אַז אין ישראל גילטן די תלמודישע געזעצן, לויט וועלכע פרויען האָבן קיין שום רעכט ניט, אַז אַ פרוי קאָן ניט דערשיינען אין געריכט ווי אַן עדות, און דאָס גלייכן — ווי ער וואָלט ניט געוווּסט, אַז שוין אין יאָר 1951, דריי יאָר נאָכן אויפקום פון דער מדינה, האָט די כנסת אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס גיט דער פרוי די זעלבע רעכט ווי דעם מאַן; אַז פרויען זיינען מיטגלידער פון כנסת, אַמבאַסאַדאָרן, דער אויסערן־מיניסטער פון דער מדינה שוין אַ צענדליק יאָר איז אַ פרוי! אַ ווערק, „גרונד־פּרינציפּן פון וויסנשאַפטלעכן אַטעיזם", אַרויסגעגעבן פון דעם פילאָסאָפישן קאַבינעט פון אַלסאָוויעטישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט, דערקלערט, אַז די יידישע רעליגיע אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרלאַנגט פון אירע גלויביקע זיך אָפּצושיידן פון די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער אין די סאָציאַליסטישע לענדער. דאָס איז מער ווי רכילות קעגן דער יידישער רעליגיע, דאָס איז פּשוט שעדלעך פאַר די באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן.

עס איז דעריבער אפשר ניט אַזאַ חדוש, אַז ווען דער מלוכהשער פּאָליטישער פאַרלאַג האָט אין יאָר 1962 אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון קלאַסישן אַנטירעליגיעזן ווערק פון פּאָול האָלבאַך, „גאַלעריע פון הייליקע", וואָס איז דערשינען אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען ניט אַרויסגענומען פון בוך די שטעלן, וואָס זיינען גראָב אַנטיסעמיטיש, און אָן אַ שייכות מיט אַטעיזם. למשל, אַזעלכע זאַצן ווי: „יידן זיינען אַלע מאָל געווען די שונאים פון דעם מענטשלעכן מין, און עס איז ניט קיין וווּנדער, וואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט זיך געשטעלט קעגן זיי און זיך געשטאַרקט זיי צו באַקעמפן... דאָס יידישע פאָלק איז אַלע מאָל געווען גרויזאַם, ליגנעריש, ווידערשפּעניק, אומטאָלעראַנט, פאַררעטעריש... יידן זיינען פרעמדע אומעטום און זיי ווייסן ניט וואָס אַ פאָטערלאַנד איז... פּאַקטיש זיינען זיי ניט קיין בירגער פון קיין שום מדינה... בכלל קאָן מען צווישן די יידן ניט געפינען קיין גוטע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן... זיי זיינען ניט קיין געזעלשאַפטלעכע מענטשן... עס איז אַ פאַרברעכעריש פאָלק... דער עזות פון די יידן איז די

סיבה פאַר וואָס מען האָט זיי אונטערדריקט...״ (זייטן 42, 43, 69—74, רוסישע אויסגאַבע).

מיט דער שווערער אַנטיסעמיטישער ירושה נאָך פון די צאַרישע צייטן, מיט דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע דורך די מלחמה־ און אָקופּאַציע־יאָרן און מיטן סטאַלינישן אַנטיסעמיטיזם אין די לעצטע יאָר פון זיין לעבן, דאַרפן נאָך די רוסן און די אוקראַינער באַקומען דעם מיאוסן פּרימיטיוון וווּלגאַרן אַנטיסעמיטיזם פון פּאַול האַלבאַך, צוגעטראָגן פון אַן אַקאַדעמישן פאַרלאַג — און מיט אָט די מיאוסע שטעלן פון טעקסט, אפילו אָן אַ באַמערקונג צו זיי.

אַז אָט דער אופן פון פירן דעם קאַמף קעגן דער יידישער רעליגיע איז ניט קיין צופאַל, אָדער איגנאָראַנץ, נאָר אַן אָפיציעלע פּאַרטיי־ליניע, קאָן מען דאָס זען פון משה בעלענקיס בוך, „דער תלמוד — וואָס איז ער?״, דערשינען אין יאָר 1964. משה בעלענקי איז ניט קיין אָפּגעריסענער עם־האַרצישער „בעזבאָזשניק״ און אויך ניט קיין וויסטער משכילישער אַסימילאַטאָר. ער איז אַ מענטש מיט בילדונג, קומט פון דער יידישער קולטור־גאַס, געווען פאַרבונדן מיט יידישע שרייבער, און ווי אַנדערע פון זיי — געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער בעת דעם סטאַלינישן פּאָגראָם אויף דער יידישער אינטעליגענץ. ער איז באַפרייט געוואָרן, ווי אַנדערע לעבנגעבליבענע יידישע שרייבער, נאָכן 20סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס. ער איז אַ פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע, געווען אַ לערער פון דעם לימוד אין דער טעאַטער־שול ביים יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע. איצט איז ער פּראָפעסאָר אין אַ ניט־יידישער טעאַטער־שול. ער האָט אין די לעצטע יאָרן געשריבן וועגן אוריאל אַקאָסטאַ, חיווי הבלכי, און געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער איבערזעצונג אין רוסיש פון שלום עליכמס ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין זעקס גרויסע בענד צום שלום עליכמס 100־יאָריקן געבוירן־טאָג. ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אים אין זיין וווינונג אין יאָר 1959, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו יידישער קולטור און ער האָט גערעדט וועגן אַ מעגלעכקייט פון אַ יידישן קולטור־לעבן אויף רוסיש, מיט אַזאַ יידישע צייטונג אויף רוסיש ווי „ראַזסוויעט״ למשל, אַ מאָל.

איז ווי האָט אַזאַ מענטש ווי משה בעלענקי געשריבן זיין בוך וועגן תלמוד? ווען ער וואָלט אויסן געווען צו שרייבן אַ פּאַראָדיע אויף די ביכער קעגן דער יידישער רעליגיע, וואָלט ער קיין סך ניט געדאַרפט צוגעבן. ער טראַכט ניט צו, גיט ניט קיין פאַלשע ציטאַטן, ער נעמט בלויז אַרויס שטעלן

פון תלמוד און דרינגט פון זיי אַרויס פונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס אַן ערלעכער מענטש וואָלט וועגן דעם געמוזט זאָגן. בעלענקי אַליין שילדערט דעם תלמוד ווי אַן אַנזאַמלונג פון אַלערליי סאָרטן שאַפונגען: געזעץ, עטיק, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, מעדיצין, לעגענדעס, ווערטלעך, מיינונגען וועגן אַלערליי זאַכן פון פאַרשיידענע מענטשן אין פאַרשיידענע צייטן, באַאיינפלוסט פון צייט, אָרט און סאָציאַלן קלימאַט. הייסט עס דאָך, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי דער תלמוד זאָגט, נאָר וואָס איינער זאָגט אין תלמוד, געווענדט ווער און ווען. אָבער באַלד נעמט ער און טוט פונקט פאַרקערט.

כדי צו באַווייזן דעם בורזשואַז־עקספּלאָטאַטאָרישן כאַראַקטער פון תלמוד, ברענגט משה בעלענקי אַ ציטאַט פון מסכתא שבת, ווו רבי טרפון זאָגט, אַז דער איז רייך, ווער ס׳פאַרמאָגט הונדערט ווייגגערטנער, הונדערט פעלדער און הונדערט קנעכט דאָס צו באַאַרבעטן. בעלענקי דערציילט ניט, אַז רבי טרפון איז דאָ געווען איינער פון עטלעכע תנאים, וואָס האָבן געשמועסט וואָס אַזוינס הייסט רייך, און אַז רבי מאיר האָט געזאָגט, אַז רייך איז דער, וואָס האָט הנאה פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט, וואָס שטעלט איינערלעכע צופרידנקייט (נחת רוח) העכער פון אייגנטום גופא; אָדער אַז רבי עקיבא האָט געזאָגט, אַז רייך איז דער, וואָס האָט אַ גוטע צדקותדיקע פרוי. בעלענקי ברענגט רבי טרפונס רייד ווי אַ באַוויז, אַז די שעפער פון תלמוד זיינען געווען גרויסע לאַנד־אייגנטימער, וואָס האָבן געהאַלטן שקלאַפן. בעלענקי ווייסט געוויס, אַז עס זיינען געווען תנאים פּראָלעטאַריער, פּראָסטע אַרבעטער, ווי רבי יוחנן הסנדלר (דער שוסטער) און רבי יהושע נפחא (דער שמיד), און אויך סתם אָרעמע לייט, וואָס האָבן ניט געהאַט די קליינע מטבע צו באַצאָלן פאַרן אריינגיין אין בית־מדרש, און זיי זיינען געקראָכן אויפן דאַך צו הערן תורה־לערנען. נעמט דאָס פּראַכטפולע אָרט אין שמואל, ווו דער נביא וואָרנט די פירער פון די שבטים קעגן קרוינען איבער זיך אַ קייסער — דאָס איז דאָך די פיינסטע, אָפּגערעדט פון דער עלטסטער, דערקלערונג קעגן מאָנאַרכיזם — אַז דער קעניג וועט צונעמען זייערע זין פאַר זיין מיליטערישן שטאַב, און זייערע טעכטער פאַר זיינע פּאַלאַץ־דינסטן, און זייערע פעלדער און ווייגגערטנער, און פאָדערן אַ שטייער פון צען פּראָצענט פון זייערע ערד־פּראָדוקטן, און אַז זיי וועלן ביטער חרטה האָבן דערויף, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך אַליין אַ קעניג. דאַרף מען האָבן אַ מער אַנטי־מאָנאַרכיסטישן, דעמאָקראַטישן פּריידיקט פון מיט העכער דריי טויזנט יאָר צוריק? וואָס טוט אָבער בעלענקי דערמיט? ער באַווייזט מיט דעם

וואָס פאַר אַ ביטערע שלעכטע מענטשן די יידישע מלכים זיינען געווען! בעלענקי האָט ניט געפעלשט די ווערטער פון שמואל; ער האָט נאָר געפעלשט זייער זין.

בעלענקי איז דאָ נאָכגעגאַנגען די ליניע ניט צו באַהאַנדלען רעליגיע סאָציאַל־קולטורעל און היסטאָריש ערלעך, ווי אַ וויסענשאַפט־מענטש טוט דאָס אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט, נאָר ווי פעלשער און פּאַשקוויל־שרייבער און פאַר לייענער, וואָס מען האָט ניט דעם מינדסטן צוטרוי צו זייער אינטעליגענץ. פונקט אַזוי איז ער נאָכגעגאַנגען די ליניע פון אריינשלעפּן די היינטיקע יידישע וועלט, און באַזונדערס ישראל, אין דער אַנטי־רעליגיע העצעריי.

ער פאַרט צונויף ישראל מיט אַמעריקע: „די קלעריקאַלע יידישקייט אין ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פירט אַ פּאָליטיק וואָס איז צוגעפּאַסט צום ‚גאָלדענעם זאַק׳ און צו דער ‚פרייער וועלט׳, און צוזאַמען מיט דער בורשואַזער רעאַקציאָנערער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע באַקעמפן זיי דעם קאָמוניזם און פאַרטיידיקן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם און מיליטאַריזם”. קודם, איז דאָס פאַלש. ניטאָ דער רב צי ראַבינער אין ישראל אָדער אַמעריקע, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם מיליטאַריזם; פאַרקערט, די יידישע „קלעריקאַלן” זיינען זייער אַנגעוועדיק אין די רייען פון קעמפער פאַר שלום. און אַנשטאָט צו פאַרטיידיקן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם, געהערן די רבנים, וואָס באַטייליקן זיך בכלל אין פּאָליטיק, דווקא צו די וואָס פאַרלאַנגען סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס דאַרפן דאָרטן שאַפן מער סאָציאַלע גלייכקייט ווי עס עקזיסטירט אין סאָציאַליסטישן לאַנד. און וואָס שייך באַקעמפן קאָמוניזם, איז גראַד די סאַמע עקסטרעמע קלעריקאַלן, די נטורי־קרתא און אגודת ישראל, טיילן זיך אין גאַנצן אָפּ פון פּראָטעסטירן קעגן ראַטן־פאַרבאַנד הלמאי ער פאַרלעצט די נאַציאָנאַלע יידישע רעכט; די גרעסטע באַקעמפער פון קאָמוניזם זיינען גאָר די פרייע יידן, די סאָציאַליסטן. אָבער ווען דאָס וואָלט אפילו יאָ געווען ריכטיק, איז וואָס האָט בעלענקי דערוואָרט? און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן כאַראַקטער פון תלמוד? וואָס האָט דער תלמוד צו טאָן מיט „די ביכער וואָס דערשיינען אין ישראל, וואָס פאַרטיידיקן די שאָוויניסטישע פּאָליטיק פון די ציוניסטישע פירער פון ישראל?” און בעלענקי חזרט נאָך איבער די זעלבע באָבע־מעשה, אַז די פרוי אין ישראל האָט קיין שום רעכט ניט און זי ווערט באַטראַכט פאַר אַ באַשעפעניש פון אַ נידעריקערער מדרגה ווי דער מאַן!

נאָך דעם ווי משה בעלענקי האָט פאַרבראַכט אין לאַגער אַזוי פיל שווערע יאָרן פאַר זיין טעטיקייט אויפן יידישן קולטור־געביט, האָט ער היינט, ווען מען שיסט שוין ניט מער און מען שיקט שוין ניט מער אין לאַגער, געמעגט האָבן מער זעלבסט־רעספּעקט און נישט שרייבן אַזאַ פּאַשקוויל אויפן תלמוד און אויף יידן בלויז כדי צו ווייזן, אַז ער גייט אין דער ליניע.

צום סאַמע תהום פון אַנטיסעמיטישן זומפּ איז דערגאַנגען דער אוקראַיִנישער היסטאָריקער, טראָפים קאָרנעיעוויטש קיטשקאָ מיט זיין בוך „יודאַיִזם אָן באַפּוצונג", וואָס איז דערשינען סוף 1963 מיט קאַריקאַטורן פון עכטן נאַצי־שטרייכער סטיל. אָט דאָס בוך האָט אַזוי שטאַרק שאָקירט יעדן אָנשטענדיקן מענטשן, אַז אפילו קאָמוניסטן אין אויסלאַנד האָבן דאָס שוין ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען — אפילו די יידישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען ניט פון די ערשטע צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד קעגן די סאָוויעטן. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געמוזט רעאַגירן אויפן אויסלענדישן פּראָטעסט, און ביסלעכוויז מודה זיין, אַז דאָס בוך האָט חסרונות, אַז געוויסע טעותדיקע שטעלן קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אין גייסט פון אַנטיסעמיטיזם — און אַרויסגעצויגן אָט דאָס בוך פון פאַרשפּרייט. „יודאַיִזם אָן באַפּוצונג" איז געוואָרן אַ „דרייפוס־אַפערע" פון סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם. די אויפרודערונג אַרום דעם ענין האָט באַוויזן דריי זאַכן: אַז אַ מיאוס אַנטיסעמיטיש בוך האָט געקאָנט דערשיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד און ווערן אַרויסגעגעבן פון אַן אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט; אַז ווען ניט דער פּראָטעסט פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָלט אָט דאָס בוך פאַרשפּרייט געוואָרן אָן מניעות; און אַז דער פּראָטעסט אין אויסלאַנד, בפרט אין דער פּראָגרעסיווער און פּראָסאָוויעטישער טייל וועלט, האָט אַ ווירקונג אויף דער סאָוויעטישער פּאָליטיק.

טראָפים קיטשקאָס "יודאַיִזם אָן באַפּוצונג" איז דערשינען אין אָקטאָבער 1963. דערגאַנגען צום מערב איז דאָס בוך ערשט אין אָנהייב 1964. און ביים סוף פעברואַר 1964 האָבן יידישע פירער געוויזן אויף פּרעסע־קאָנפערענצן אָט דאָס בוך, מיט די אילוסטראַציעס, וואָס זיינען געווען ווי אַרויסגענומען פון נאַצישן „דער שטירמער". די אַלגעמיינע פּרעסע, ווי די יידישע, האָט וועגן דעם ברייט געשריבן, און עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די קאָמוניסטישע פּרעסע, די ניט־יידישע ווי די יידישע, האָט אונטערגעהאַלטן די אַקציע, און טייל פון איר — גאַר מוטיק.

דער ערשטער קאָמוניסטישער אַרויסזאָג, הגם זייער אַ שרעקעדיקער, איז געקומען פֿון „קול העם" פֿון תל־אביב. דעם 6 מארץ 1964 האָט דער „קול העם" אָפּגעדרוקט אַ בריוו פֿון אַ לייענער וועגן דעם קיטשקאָ־בוך, אין וועלכן דער לייענער האָט זיך געשטיצט אויף אַ באַשרייבונג פֿון בוך אין „מעריב". דעריוף האָט דער „קול העם" געענטפֿערט, אַז דאָס בוך גופא איז נאָך אין דער רעדאַקציע ניט אָנגעקומען, אָבער די איבערגעדרוקטע קאַריקאַטורן, לויט איר מיינונג, „געהערן צום דעם סאָרט שלעכטער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די ‚פּראַוודאַ' פֿאַראורטיילט פֿון צייט צו צייט ווי אַזוינס, וואָס פֿאַרפֿעלט דעם ציל און שאַפֿט דער אַטעיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפֿקלערונג אַ שלעכטן נאָמען". קיין ערגערע זאַך האָט דער „קול העם" דעריין ניט געזען, א פּנים אפֿילו ניט קיין מעגלעכקייט פֿון אַן אויסטייטשונג אין אַנטיסעמיטישן גייסט.

די צווייטע קאָמוניסטישע צייטונג צו רעאַגירן אויפֿן בוך, איז געווען די פּאַריזער יידישע „נייע פּרעסע", וואָס איז זעקס טעג שפּעטער, דעם 12טן מאַרץ 1964, אַרויס מיט שאַרפֿע ווערטער. די דאָזיקע צייטונג איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פֿון קאָמוניסטישן קאַמף קעגן קיטשקאָ־בוך. אויך די „נייע פּרעסע" האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דער פֿאָרעם פֿון אַן ענטפֿער אויף אַ בריוו פֿון אַ לייענער, אָבער זי האָט פֿאַרענדיקט איר ענטפֿער מיט די ווערטער, „ווי יידן, ווי פֿריינד פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, און ווי פֿריידענקער, פֿאַראורטיילן מיר אַזאַ ביכל; עס איז שעדלעך און געפֿערלעך". צען טאָג שפּעטער האָט די „נייע פּרעסע" פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בריוו, וואָס זי האָט געשיקט צו דער סאָוויעטישער פּרעסע־אַגענטור, „נאָוואָסטי", וואָס ספּעציאַליזירט זיך, ווייזט אויס, אין יידישע ענינים, און דאָרט געזאָגט אָפֿן, אַז די בראָשור, מיט „דער האַספּולער קאַריקאַטור אויף דער הילע, וואָס דערמאָנען קאַריקאַטורן פֿון אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, האָט פֿון איין זייט אַרויסגערופֿן אַן אויפֿרודערונג צווישן אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, דעמאָקראַטן, און באַזונדערס צווישן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, און פֿון דער צווייטער זייט, געשטאַרקט די אַנטי־סאָוויעטישע אָנפֿאַלן". דעריבער האָט די „נייע פּרעסע" געפֿאָדערט פֿון „נאָוואָסטי" דערוויסן זיך צי אַזאַ בראָשור איז טאַקע דערשינען אין קיעוו, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט טראַכט וועגן דעם, און וואָסערע שריט ווערן גענומען צו „גאַראַנטירן אַז די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר פֿריידענקעריי זאָל ניט דעגענערירן צו דער מדרגה פֿון שטאַרקן די אַנטיסעמיטישע געפֿילן און די אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער זעלבער צייט".

דעם 24סטן האָט די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע צייטונג, „ל׳הימאַניטע״, געשריבן, אַז דאָס בוך „יודאַיזם אָן באַפּוצונג״ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער פראַנצויזישער פּרעסע, און דעריבער דרוקט זי איבער וואָס דער „חבר ווילנער״ האָט וועגן דעם געשריבן אויף דער פראַנצויזישער זייט פון דער יידישער „נייע פּרעסע״. דאָרט איז געווען געזאָגט, אַז „די קאַריקאַטורן קאָנען נערן און אונטערהאַלטן געפילן פון פאַראַכטונג לגבי יידן״, און די סאָוויעטישע מאַכט ווערט אויפגעפאָדערט צו פאַראורטיילן דאָס בוך. אויף מאָרגן האָט די „נייע פּרעסע״ איבערגעדרוקט דאָס וואָס די „ל׳הימאַניטע״ האָט געשריבן, אירע אייגענע ציטאַטן, הייסט עס. דעם 25סטן מאַרץ האָט די „נייע פּרעסע״ פאַרעפנטלעכט דעם ענטפער פון „נאָוואָסטי״ אויף איר אָנפראַגע, וואָס האָט ניט געפונען קיין מער קרומען וואָרט אויף קיטשקאָס בוך, נאָר אַז „קיטשקאָ האָט ניט דורכגעפירט זיין אויפגאַבע אויפן בעסטן אופן״, און אָנגעגריפן די רעאַקציאָנערע כוחות אין אויסלאַנד, וואָס ווילן אויסנוצן די בראָשור אין „די צילן פון אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע״. די „נייע פּרעסע״ האָט אונטערגעשטראָכן די ווערטער פון „נאָוואָסטי״: „קיטשקאָ האָט ניט דורכגעפירט זיין אויפגאַבע אויפן בעסטן אופן״, און דערקלערט, אַז דאָס קאָן זי ניט צופרידנשטעלן, און פאַרלאַנגט דריי זאַכן: אַז די בראָשור זאָל צוריקגעצויגן ווערן פון פאַרשפּרייט; אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אויספאָרשונג, כדי צו דערגיין ווי דאָס האָט געקאָנט געשען, אַז אַזאַ בראָשור זאָל דערשיינען, און אַז עס זאָלן אָנגענומען ווערן שריט צו גאַראַנטירן, אַז אַזעלכע בראָשורן זאָלן קיין מאָל מער ניט דערשיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע קעגן קיטשקאָס בוך. מען קאָן זאָגן, אַז די דערקלערונג פון „נאָוואָסטי״ האָט צוגעגעבן מער אימפּעט דעם פּראָטעסט פון לינקס איידער אים צו באַרויקן. דאָס איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין ווערטער, און אפשר אויך ניט אַרויסגעקומען קלאָר אין באַוווסטזיין, אָבער טיף אינעווייניק האָבן די מענטשן געפילט אַ געפאַר, אַז דאָ ווערט באַנייט אַ „סטאַלינישער פאַרברעך״, און אַ צווייט מאָל פאַרשווייגן און אַראָפּשלינגען קאָן מען דאָס ניט.

דעם 19טן מאַרץ 1964 האָט דאָס יידישע „וואָכנבלאַט״ פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, געשריבן „מיר זיינען טיף שאָקירט פון דעם, וואָס אַזעלכע קאַרי־קאַטורן זאָלן האָבן דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד... מיר דערוואַרטן אַן אויפקלערונג, איבערהויפּט פון די אויטאָריטעטן פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ווי אַזאַ עקלדיקע זאַך האָט געקאָנט פּאַסירן, און

וואָס עס ווערט געטאָן וועגן דעם״. דעם 22סטן מאַרץ 1964 האָט די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פֿרייהייט״ דערציילט, אַז נאָך מיט דריי וואָכן פֿריער האָט זי געשיקט אַ דעפּעשע צו איר קאָרעספּאָנדענט ס. ראַבינאָוויטש אין מאָסקווע, צו קאָנטראָלירן די ידיעות וועגן קיטשקאָס בוך, אָבער קיין ענטפֿער פֿון אים, אָדער דורך „נאָוואָסטי״ האָט זי נאָך אַלץ ניט באַקומען, און זי שרייבט, אַז „נאָוואָסטי״ איז שולדיק אַן ענטפֿער. דערווייל איז אָבער געקומען אַן ענטפֿער פֿון אוקראַיִנישן פֿאַרטרעטער אין די „פֿאַראייניקטע נאַציעס״, פֿיאָטר נעדבאַילאָ. אין אַ רעדע אין דער קאָמיסיע פֿאַר מענטשלעכע רעכט האָט ער דערקלערט: דאָס פֿאָלק און די רעגירונג פֿון דער אוקראַיִנישער סאָוויעטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָט פֿאַרורטיילט אַנטיסעמיטיזם ווי אַן עקלדיקן אויסדרוק פֿון האַס צום יידישן פֿאָלק״. אַנווייזנדיק, אַז אַנטי־סעמיטיזם איז געווען אַן אינסטרומענט פֿון דער צאַרישער מאַכט אויף אונטער־צודריקן די מאַסן, האָט ה׳ נעדבאַילאָ דערקלערט, אַז אין אוקראַיִנע לעבן אַלע אין באַדינגונגען פֿון יורידישער און פֿאַקטישער גלייכהייט, און אַז „אַלע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלן האַס, איינגעשלאָסן אַנטיסעמיטיזם״ זיינען באַזייטיקט געוואָרן. אַנטיסעמיטיזם דאַרף אָבער באַזייטיקט ווערן, האָט ער אונטערגע־שטראָכן, אין אַלע לענדער.

דאָס איז ביי דער „מאָרגן־פֿרייהייט״ אָנגערופֿן געוואָרן אַן „ענטפֿער״, אָבער זי האָט געמוזט צוגעבן: „אַ גוטע דערקלערונג, פֿאַרשטייט זיך, אָבער וואָס איז וועגן בוך?״

דעם 24סטן מאַרץ האָט גאַס האָל, דער סעקרעטאַר פֿון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געענטפֿערט אויף אַן אָנפֿראַגע וועגן קיטשקאָס בוך אין פּאַרטיי־אָרגאַן, „דהי וואָירקער״, זאָגנדיק, אַז ער האָט ניט געזען ניט די בראָשור, ניט די קאַריקאַטורן, נאָר בלויז רעפּראָדוקציעס פֿון זיי אין דער פּרעסע, און צוגעגעבן: „עס איז ניטאָ קיין ספֿק ביי מיר וועגן דעם אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער פֿון דעם וואָס איך האָב געזען. אַזעלכע סטערעאָ־טיפּישע העצערישע קאַריקאַטורן אויפֿן יידישן פֿאָלק מוזן אָן קיין שום אויסריידן פֿאַרורטיילט ווערן — פֿון וועלכן קוואַל זיי זאָלן ניט קומען. און אוודאי קאָנען זיי קיין שום אָרט ניט געפֿינען אין דער קאָמוניסטישער אָדער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור. עס איז ניט וויכטיק וואָס דער צייכענער, וואָס האָט זיי געמאָלן, האָט געקאָנט האָבן געמיינט. אַזעלכע סטערעאָטיפּן האָבן אָן שום ספֿק זייער ספּעציפֿישן אַנטיסעמיטישן באַדייט, און זייער געברויך שאָפֿט

דעם זעלבן איינדרוק, ווי ווען דאָס ווערט באַנוצט פון די, וואָס זיינען אָנגעזאָפּט און באַוועגט פון ברוטאַלסטן אַנטיסעמיטיזם".

דעם 25סטן מאַרץ 1964 האָט דער סעקרעטאַר פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דזשאָן גאָלאַן, געגעבן אַ דערקלערונג אין לאָנדאָנער „דעילי וואָירקער" וועגן דעם קיטשקאָ־בוך, וואָס וועגן דעם איז אַזוי פיל געשריבן געוואָרן אין דער ענגלישער פּרעסע. ער האָט געזאָגט, אַז די אילוסטראַציעס, וואָס זיינען רעפּראָדוצירט געוואָרן, האָבן שאָקירט אַלע די אין בריטאַניע, וואָס האָבן כסדר געקעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם... עס איז קעגן דער אַנשויונג פון קאָמוניסטן און דער גוט באַקאַנטער פּאָליטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד צו געבן וועלכע עס איז דערמוטיקונג, דירעקט צי אומדירעקט פאַרן אַנטיסעמיטיזם און פאַר יענע, וואָס האָבן אַן אינטערעס אויפצורייצן ראַסן־געפילן. די בריטישע קאָמוניסטן וועלן געוויס זיך אָפּשאָקלען פון די אילוסטראַציעס, וואָס זאָלן האָבן באַגלייט דאָס אוקראַיִנישע בוך. איך האָב געשריבן צו די סאָוויעטישע קאָמוניסטן וועגן דעם".

דעם 26סטן מאַרץ האָט „ל'הימאַניטע" איבערגעדרוקט פון דער יידישער „נייער פּרעסע" איר ענטפער אויף דער דערקלערונג פון „נאָוואָסטי" (אַז קיטשקאָ האָט בלויז ניט אויסגעפירט זיין אויפגאַבע אויפן בעסטן אופן). צו מאָרגנס, דעם 27סטן מאַרץ, איז דערשינען אַן אַרטיקל פון זשאָזעף זשאַס אין אָרגאַן פון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, "לא וואַ די פּעפּל". דאָס איז געווען דער פולסטער, אינטעליגענטסטער און מוטיקסטער אַרטיקל וועגן דעם ענין אין דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּרעסע.

זשאָזעף זשאַס שרייבט: „מיט אומגעהויערן פּיין, שאַנד און צאָרן האָבן מיר זיך דערוווסט וועגן דער מאָנסטער־בראָשור ,יודאַיזם אָן באַפּוצונג' אין פּאַרבינדונג מיט דער אַנטי־רעליגיעזער קאַמפּאַניע אין ראַטן־פאַרבאַנד. אונדזער ערשטע רעאַקציע דערויף איז געווען אַבסאָלוטער ניט גלויבן: מיר האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ רכילותדיקע מאַכערייקע, אַ טייל פון דעם מין פעלשונגען, וואָס ווערן כסדר פאַבריצירט אין די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און אַנטיסאָוויעטישע ביוראָס. צום באַדויערן, האָבנדיק פאַר זיך דעם באַווייז, און אַן אָפיציעלער אַפּלייקענונג, האָבן מיר געמוזט אָננעמען דעם באַווייז... אַזוי דורכויס אומגלויבלעך, אָבער פאַרט אמת! אַט די אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון דער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אין קיעוו, געשריבן פון אַ ,ספּעציאַליסט'

אין אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, ט. ק. קיטשקאָ, איז שענדלעך פאַרדאָרבן צוליב דריי זאַכן:

„1. מיט די אילוסטראַציעס, וואָס שטעלן פאָר מענטשן מיט אַן אָפּשטויסנדיקן אויסזען, מיט אויסגעקרימטע נעז, און פינגער וואָס זיינען גייציק נאָך געלט, געהערן זיי צו די ערגסטע אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן, וואָס דערמאָנען אין ,שטירמער׳ און ,גרענגוואַר׳.

„2. מיטן אינהאַלט, וואָס אונטער דער מאַסקע פון אַן אַנטי־רעליגיעזער קאַמפּאַניע, נעמט ער איבער די קלאַסישע טענה פון אַנטיסעמיטיזם ווי זי איז אַבסורדיק און שענדלעך עקספּלואַטירט געוואָרן דורך די פאַרשפּרייטער פון יידן־האַס אין אַלע צייטן, פון דרומאָנד ביז שטרייכער — פאַרשפּרייט די בראָשור אומצוטרוי און אַנטאַגאָניזם צווישן די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס קאָן מען איינזען תיכף ווי מען כאַפּט נאָר אַ בליק אויף עטלעכע ערטער: ,די גאַנצע יודאַישע אידעאָלאָגיע איז דורכגעדרונגען מיט דער שמאָלער פּראַקטישקייט, מיט גייציקייט, מיט דער ליבע צו געלט, און מיט דעם גייסט פון עגאָיזם... דער גאַנצער יודאַישער קולט איז אַן איבערזעץ פון מסחר און האַנדל אין אַ רעליגיעזער שפּראַך. אין אַלע אירע פירונגען איז געלט די וויכטיקסטע זאַך, ווי פאַראַכטונג — פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט.

„3. דורך אירע פאַלשע און ליגנערישע דערקלערונגען וועגן אידעאָ־לאָגישן און פילאָזאָפישן אינהאַלט פון משהס גלויבן, פאַרפעלט קיטשקאָס בראָשור איר אייגענעם ציל — איבערצוצייגן די גלוביקע אין דער ראָל פון רעליגיע. איבערהויפּט, דיסקרעדיטירט זי די אוקראַינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און שאַפט אַן אומצוטרוי צום גאַנצן סאָוויעטישן סאָציאַליסטישן סיסטעם. אונדזערע שונאים וועלן געוויס ניט פאַרפעלן צו פאַרבינדן אָט די מאַנסטערשע בראָשור מיטן סאָציאַליסטישן סיסטעם גופא, און וועלן פאַר־שפּרייטן דעם פאַלשן געדאַנק, אַז סאָציאַליזם איז ניט בכוח צו לייזן דעם יידישן פּראָבלעם בכלל און דעם אַנטיסעמיטיזם בפרט.

„אָבער עס איז דאָך קלאָר פאַר יעדן מענטשן מיט שכל, אַז די העסלעכע בראָשור האָט גאָרניט צו טאָן מיט סאָציאַליזם, אַז זי טראָגט אַן אַנטיסאָציאַליסטישן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אין אַזאַ פאַל מעג מען מיט רעכט פרעגן: וואָס טוט זיך דאָרט, אין ראַטן־פאַרבאַנד? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז 45 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע זאָל פּראָדוצירט ווערן אַזאַ זאַך אין אַ לאַנד, וואָס שטעלט פעסט, אַז עס האָט פאַרענדיקט דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי און איז שוין אויפן וועג צום קאָמוניזם? און ווו,

אויף וועלכן שטאַפּל, דאַרף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם געלייגט ווערן?

„זאָלן מיר, עכטע מאַרקסיסיסטן־לעניניסטן, פאַר ווענען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און סאָציאַליזם זיינען אומפאַרשוועכלעך, זאָלן מיר, וואָס האָבן ליב דעם ראַטן־פאַרבאַנד — בלייבן שטיל אין אַנבליק פון אַט דעם דעגענערירטן פענאָמען? מיר האָבן קיין רעכט ניט צו פאַררײדן דעם פּראָבלעם, צו פאַרקלענערן די ערנסטקייט, אָדער צו זוכן אַלערליי פאַרענטפערדיקע אומשטענדן — עס זיינען ניטאָ אַזעלכע.

„זאָגט אונדז ניט, אַז דאָס איז אַן אומגליקלעכער איבערטרייב פון אַ ,שלעכטן געשמאַק׳ אין אַן אַנטי־רעליגיעזער קאַמפּאַניע, איינע פון די, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין משך פון אַ לאַנגער צייט, און אַ ביסל צו אָפט, אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, אפילו לויט דער ,פּראַוודאַ׳ גופא. ,יודאַיזם אָן באַפּוצונג׳ איז ניט קיין ,אַנטי־רעליגיעזע בראָשור׳, און אויך ניט אַן ,איבערטרייב פון שלעכטן געשמאַק׳. דאָס איז אַן אַנטי־יידישער פּאַמפלעט, און ווי אַזעלכער, מוז ער געשטעמפּלט ווערן.

„און זאָגט אונדז ניט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַן איינציקן, איזאָלירטן אַנטיסעמיט, וואָס האָט זיך פאַרבייגעגליטשט דעם אויפמערק פון די אויטאָרי־טעטן און זיי זיינען דעריבער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. אַט די טעזע וואָלט געקאָנט זיין גאַנץ פּאַסיק פאַר אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, אָבער ניט פאַר אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, ווו דאָס דרוק־וועזן איז דאָס אייגנטום פון דער מלוכה, ווו אויסגאַבעס פון אַזאַ וויכטיקייט, פון אַזאַ פּאָליטישן כאַראַקטער, אַרויסגעלאָזט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע וואָלט ניט געקאָנט דערשיינען אָן דער פריערדיקער הסכמה מצדביידע אויטאָריטעטן — די מלוכה און די פּאַרטיי.

„עס איז קלאָר פאַר אונדז, אַז אַט דער פענאָמען פון אַן אַנטי־יידישער אויסגאַבע איז בלויז איין געוויסער ערנסטער סימפּטאָם צווישן פיל אַנדערע פון אַ מער אַלגעמיינער שלעכטס, לאָקאַליזירט אויפן העכסטן שטאַפּל פון דער אָנפירונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַט דאָס שלעכטס איז אַ רעוויזיאָניסטישער אָפּנויג, וואָס רירט אָן די אַלגעמיינע ליניע פון דער פּאַרטיי. פאַקטיש, איז קיטשקאָס פּאַמפלעט אַ רעזולטאַט פון רעוויזיאָניזם — גרויסמאַכט־שאָוויניזם בנוגע דעם פּראָבלעם פון עטנישע מינדערהייטן און אידעאַליסטישער פּראַגמאַטיזם אין דער אַנטירעליגיעזער קאַמפּאַניע״.

זשאָזעף זשאַס פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט דער איבערצייגונג, אַז אַט

דאָס שלעכטס וועט ניט לאַנג געדויערן, אַז די סאָוויעטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט צוריקקערן צום גראַדן וועג פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם און אויסראָטן דעם ווילדגראָז פֿון שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם, און אַפּעלירט צו אַלע מאַרקסיסטן און קאָמוניסטן איבער דער וועלט צו שטעמפּלען אָט די שענדלעכע בראָשור אַלס אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע, און „בעטן די סאָוויעטישע ברידער" אונטערצונעמען צוויי שריט אין דעם פּרט: אַרויסצוציען די אומווערדיקע בראָשור פֿון פֿאַרשפּרייט און געפֿינען די אמתע שולדיקע, — ניט די באַלעמעלאָכעס ווי קיטשקאָ, נאָר די, וואָס האָבן דאָס באַשטעלט, און זיי באַשטראָפֿן ווי אַן אָנלערנונג פֿאַר אַנדערע.

צוויי טעג שפּעטער, דעם 29סטן מאַרץ 1964, איז דערשינען אַן אַרטיקל וועגן קיטשקאָ־בוך אין אָרגאַן פֿון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, „ל'אוניטאַ", אונטערן קאָפּ: „די העצערישע אויסגאַבע אין קיעוו. איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין פּסטר?" פֿון דזשוסעפּאַ באָפֿאַ, רעדאַקטאָר פֿאַר אויסלענדישע נייעס פֿון דער צייטונג. אָט דער אַרטיקל צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס ער גיט דעם הינטערגרונט פֿון דער יידישער לאַגע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און פֿאַררופֿט זיך אויף אַ פֿריערדיקן אַרטיקל אין „ל'אוניטאַ", וואָס האָט געשילדערט דעם גרויסן בייטראַג, וואָס יידן האָבן געגעבן דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם אויפֿבוי פֿון סאָציאַליזם. ער ציטירט קאַלינינס רעדע אין יאָר 1926 וועגן יידן, דערציילט וועגן סטאַלינס אַנטיסעמיטיזם אין די לעצטע יאָרן, און פֿירט אויס, אַז עס געפֿינען זיך אַנטיסעמיטן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אָבער קיין סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם, דאָס הייסט מצד דער מאַכט, איז ניטאָ. וועגן קיטשקאָס בוך זאָגט ער:

„אַזעלכע שעדלעכע פֿענאָמענס, ווי דאָס ביכל וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קיעוו ניט לאַנג צוריק, מוזן דעריבער פֿאַרשטאַנען ווערן די אינדיווידועלע און איזאָלירטע געשעענישן, וואָס האָבן גאָרנישט געמיינזאַמס מיטן סאָציאַליסטישן געוויסן פֿון דער מערהייט פֿון די סאָוויעטישע בירגער. אָבער זיי מוזן ענערגיש באַקעמפֿט ווערן. ניט טאָן אַזוי, אָדער דאָס טאָן ניט מיטן גאַנצן האַרצן, קאָן בלויז שעדיקן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד און קאָן אויפֿהויבן פּראָבלעמען וועגן ראַטן־פֿאַרבאַנד אין באַוווסטזיין פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און פֿון די דעמאָקראַטישע מאַסן איבער דער וועלט. די בעסטע מיטלען ווי צו באַקעמפֿן אַזעלכע פֿאַרדאָרבענע געדאַנקען איז די לערע פֿון לענין".

די פּראָטעסטן און די פֿאָדערונגען צום ראַטן־פֿאַרבאַנד אָנצונעמען

שריט קעגן דער בראָשור האָבן ניט אויפגעהערט. די ענטפערס פון ראַטן־פאַרבאַנד, אויף וויפל זיי זיינען בכלל געקומען, האָבן ניט צופרידנגעשטעלט, און די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען האָבן דאָס אָפן געזאָגט. געוויסע פון זיי, באַזונדערס די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" איז געווען שאַרפער אין פּראָטעסט און שטאַרקער אין די פאָדערונגען. אויך אַנדערע קאָמוניסטישע און לינקע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע לענדער האָבן פּראָטעסטירט, צווישן זיי, דער „יידישער פּראָגרעסיווער צענטער" פון מעלבורן, אויסטראַליע. אין אַ בריוו פון מ. פרידמאַן צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין אויסטראַליע, איבערגעדרוקט אין „אויסטראַליען דזשואיש העראַלד", 17טער אַפּריל 1964, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „ווי יידן און סאָציאַליסטן דריקן מיר אויס אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דעם בוך, ‚יודאַיזם אָן באַפּוצונג'. דאָס אַרויסגעבן אַזאַ בוך ביי אַזאַ אינסטיטוציע ווי די אוקראַינישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, פּונקט ווי דאָס דערשיינען פון אַנטי־יידישע אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער פּרעסע ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווייזט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג נעמט ניט אָן קיין געהעריקע און שנעלע מיטלען צו פאַרהיטן, אַז אַנטי־יידישע אויסגאַבן און אַרטיקלען זאָלן פון צייט צו צייט דערשיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד. ווי אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, געדענקען מיר מיט דאַנקבאַרקייט ווי אַזוי ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעוויזן גרויסע הילף פאַר יידן אין צווייטן וועלטקריג און פאַר דער מדינה ישראל ביי איר אַנטשטייונג. ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט פאַר שלום, האָבן מיר אויך זיך שטענדיק באַמיט צו העלפן שאַפן פריינדלעכע באַציונגען צווישן מזרח און מערב.

„דער פאַקט, אָבער, וואָס דער בוך ‚יודאַיזם אָן באַפּוצונג' איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין משך פון פיר חדשים, אָן וועלכע ס'איז שריט, אָדער קריטיק קעגן דעם, מצד דער סאָוועטישער רעגירונג, און דאָס וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט נאָך אַלץ ניט פאַראורטיילט דאָס בוך, איז אַן ערנסטע זאָרג פאַר אונדז און פאַר יעדן וואָס איז פאַראינטערעסירט באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם".

דער קאָמוניסטישער יידישער אינטעלעקטואַל פון פראַנקרייך ד"ר חיים סלאָוועס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אינטערוויו מיט אַ שרייבער פון פאַריזער „אַרבעטער־וואָרט" (10 אַפּריל, 1964), אַז „דאָ האַנדלט זיך וועגן גיפטיקן מענטשן־פרעסערישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס קיין מיינונגס־פאַרשידנקייט דערוועגן קאָן ניט זיין, און זיינען אויך ניט פאַראַן, נישט בלויז צווישן יידישע שרייבער, נאָר אויך ביי אַלע יידן פון אַ גאַנץ יאָר פון רעכטס ביז לינקס,

אַן קיין שום אויסנאַם״ — איז וואָס האָט די סאָוויעטישע רעגירונג געהאַט צו זאָגן וועגן דעם? וואָס האָט זי געטאָן?

מיר האָבן שוין באַמערקט דעם שיינעם ענטפער פון „נאָוואָסטי״, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ דערווידערונג פון דער „בייער פּרעסע״ אין פּאַריז, און אויך דעם אַזוי גערופענעם ענטפער פון אוקראַינישן פּאַרטרעטער אין די „פּאַראייניקטע נאַציעס״, און ווי אַזוי די „מאָרגן־פרייהייט״ האָט רעאַגירט אויף אים. אַ דריטער ענטפער איז געקומען אומדירעקט אין אַן אַרטיקל אין „ראַדיאַנסקאַיאַ קולטוראַ״, וואָס אויסצוגן פון דעם האָט „טאַס״ (סאָוויעטישע נייעס־אַגענטור) צעשיקט איבער דער וועלט אין סוף מאַרץ 1964. דעם 31סטן מאַרץ האָט די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט״ געשריבן, אַז זי האָט באַקומען דעם פולן טעקסט פון אַרטיקל אין „ראַדיאַנסקאַ קולטוראַ״ און באַמערקט דערביי אַט וואָס:

„דער אַרטיקל, געשריבן פון ב. לאַבאַוויק און ק. יאַמפּאָלסקי, שטרייכט אונטער די ראָל פון יידן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פון לאַנד און אין דער מלחמה קעגן היטלערן. ,צענדליקער טויזנטער סאָוויעטישע יידן האָבן באַקומען אָרדנס און מעדאַלן׳, ווייזט אָן דער אַרטיקל, ,40 זיינען באַלוינט געוואָרן מיט די אָרדנס „העלד פון סאָציאַליסטישער אַרבעט״, 99 האָבן באַקומען דעם טיטל „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד״׳. אויף וויפל דער יודאַיזם־בוך, אין זיין פאַלשער ניט־מאַרקסיסטישער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, וואַרפט אויך אַ שאָטן אויף דער ראָל פון יידן בכלל, זיינען אַזעלכע פעסטשטע־לונגען זייער וויכטיק. די צוויי שרייבער ווייזן אויך אָן אין זייער אַרטיקל, אַז ווען מען קריטיקירט דעם ציוניזם איז פאַלש דורך דעם צו וואַרפן אַ שאָטן אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ישראל, ווו עס זיינען פאַראַן, ווי די שרייבער שטרייכן אונטער, ,דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס קעמפן פאַר שלום און פרידלעכער קאָעקזיסטענץ, פאַר די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, קעגן קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם׳. בכלל, זאָגן די צוויי שרייבער, טאָר מען ניט, ווען מען שרייבט וועגן רעליגיע, ארײַנשלעפּן די ראָל פון ישראל אַלס מלוכה, איר ראָל אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען״.

און די „מאָרגן־פרייהייט״ גיט צו: „דאָס אַלץ איז ריכטיק. וואָס איז אָבער וועגן די אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטורן? אַלץ, וואָס די שרייבער זאָגן וועגן דעם איז, אַז די קאַריקאַטורן ,זיינען פון אַ נידעריקער קינסטלערישער מדרגה און קאָנען נאָר באַליידיקן רעליגיעזע מענטשן׳; אויב דאָס איז אַלץ,

וואָס די שרייבער האָבן געקאָנט זאָגן וועגן די קאַריקאַטורן, און אויב „טאַס"
האָט זיך באַגרענעצט נאָר מיטן געבן אויסצוגן פון זייער אַרטיקל, מוז מען
דערקלערן, אַז דער ענטפער קאָן בשום אופן ניט באַפרידיקן. פאַרקערט,
ער מוז אַרויסרופן פאַרוואונדערונג און אפילו שטוינונג און אויפרעגונג".

דער הויפּט פון דער אוקראַינישער דעלעגאַציע און פּערמאַנענטער
פאָרשטייער פון דער אוקראַינישער רעפּובליק אין די „פאַראייניקטע נאַציעס"
לוקאַ י. קיזיאַ, האָט קענטיק אויך ניט געזען קיין גרויסן סקאַנדאַל אין דעם
יודאַיזם־בוך. אויף אַן אָנפראַגע פון פּ. נאָוויק, דעם רעדאַקטאָר פון דער
„מאָרגן־פרייהייט", האָט ער געזאָגט, אַז אַט דאָס בוך איז „איבערגעטריבן
צעפּויקט געוואָרן דורך אַ טומל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַרום דעם אין
מערב". אין אוקראַינע ווערן היינטיקס יאָר דערשיינען 6382 ביכער, מאַכט
מען אַ טומל מיט איין בוך! „איניקע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער
אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע ווערן אין אַט
דער בראָשור אומריכטיק באַלויכטן; אַ ריי פאַלשע אַרויסזאָגונגען און
אילוסטראַציעס קאָנען באַליידיקן די געפילן פון די גלויביקע און קאָנען
אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַנטיסעמיטישע. די קעגנער פון ראַטן־פאַרבאַנד
זוכן איצט אויסצונוצן אָט די טעותן". אײ, ווי האָט אַ בוך מיט אַזעלכע „טעותן"
געקאָנט דערשיינען אין אוקראַינע? דערויף האָט אַמבאַסאַדאָר קיזיאַ געענט־
פערט, אַז „דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַן אומערנסטער באַציונג צו דער
צוגרייטונג פון דעם דאָזיקן בוך מצד דעם פאַרלאַג, מצד דעם מחבר פון
דעם בוך, דעם רעדאַקטאָר פון בוך און די מחברים פון פאָרוואָרט צום בוך".

פלוצעם איז אין דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אויסגע־
בראָכן אַן עפּידעמיע פון „אומערנסטער באַציונג". דער פאַרלאַג, דער מחבר,
דער רעדאַקטאָר, די מחברים פון פאָרוואָרט, דער צייכענער — אַלע האָבן
מיט אַ מאָל באַקומען די חולאת פון „אומערנסטער באַציונג", און אָט אַזוי
איז עס געשען, אַז אַ בוך איז דערשינען מיט „טעותן" באַגלייט מיט צייכענונגען
פון אַ „נידעריקער קינסטלערישער מדרגה". קיין שלעכטער מיין איז דאָך
דאָ, חלילה, ניט געווען, מחמת עס האָט דאָך ניט געקאָנט זיין, וואָרעם דאָס
איז דאָך פאַרווערט לויט דער קאָנסטיטוציע, און „צענדליקער טויזנטער יידן
האָבן געקריגן אָרדנס און מעדאַלן אין קריג קעגן היטלערן... 40 יידן זיינען
באַלוינט געוואָרן מיט די אָרדנס ,העלד פון סאָציאַליסטישער אַרבעט', 99
האָבן געקריגן דעם טיטל ,העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד'"...

די אָפיציעלע ענטפערט זיינען געקומען דעם 4טן און 5טן אַפּריל.

צו ערשט איז אין „פּראַוודאַ" דערשינען אַ דערקלערונג פון דער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס האָט געהייסן, אַז די קאָמיסיע האָט באַטראַכט דאָס פּראָבלעם פון דער וויסנשאַפטלעך אַטעיסטישער ליטעראַטור, און צוגעגעבן: „די באַטייליקטע אין דער זיצונג האָבן קריטיקירט ערנסטע טעותן אין ט. קיטשקאָס ,יודאַיזם אָן באַפּוצונג', אַרויסגעגעבן סוף יאָר 1963 פון פאַרלאַג ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דער מחבר פון בוך, ווי דער אויטאָר פון דער הקדמה, אין זייער שטרעבן אויפצודעקן דעם רעאַקציאָנערן תוך פון יודאַיזם, האָבן ניט ריכטיק אויפגעקלערט געוויסע פראַגן אין שייכות מיטן אויפקום און דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער רעליגיע. אַ ריי פון די פעלערהאַפטע דערקלערונגען און אילוסטראַציעס קאָנען באַליידיקן די געפילן פון די גלויביקע, און וואָלט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אין אָן אַנטיסעמיטישן גייסט. אָבער, ווי עס איז באַוווסט, אַזאַ פראַגע קומט ניט ארויף און קאָן ניט אַרויפקומען אין אונדזער לאַנד. ,פון די טעג פון אָקטאָבער־רעוואָלוציע', האָט נ. ס. כרושטשאָוו געזאָגט, ,האָבן די יידן אין אונדזער לאַנד באַקומען גלייכהייט מיט אַלע אַנדערע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד אין אַלע הינזיכטן. מיר האָבן ניט קיין יידישע פראַגע, און די וואָס חלומען וועגן דעם, זינגען אַ פרעמדן ניגון'.

„די טעותדיקע באַהויפּטונגען אין דעם בוך ווידערשפּרעכן דער לעניניסטישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין די פראַגן פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט און גיבן בלויז אונדזערע קעגנער, וואָס פּרווון שאַפן אַן אַזוי גערופענע ,יידישע פראַגע' פאַר יעדן פּרייז, שטאָף פאַר אַנטיסאָוויעטישע אָנצוהערענישן. און טאָקע צוליב אָט דער סיבה מוזן די טעותדיקע טיילן פון קיטשקאָס בוך אַרויסרופן קעגנערשאַפט ביים סאָוויעטישן לייענער.

„די אידעאָלאָגישע קאָמיסיע רעקאָמענדירט די אַרבעטער פון דער פּרעסע און פון פאַרלאַגן, אַז זיי זאָלן זיין מער פאָרזיכטיק אין זייער צוגאַנג צום אַרויסגעבן ליטעראַטור וועגן וויסנשאַפטלעכן אַטעיזם".

קורץ, עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו מאַכן אַ טומל. וועגן אַנטיסעמיטיזם קאָן קיין רייד ניט זיין, מחמת כרושטשאָוו האָט דאָך געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ פראָבלעם. עס גייט דאָ נאָר אין טעותן, וואָס וואָלטן געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אין גייסט פון אַנטיסעמיטיזם, דאַרף מען דעריבער אויף ווייטער זיין מער פאָרזיכטיק, דאָס גאָר.

אַ טאָג שפּעטער, האָט די צוויט־וויכטיקסטע צייטונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, „איזוויעסטיאַ", געגומען אַ וואָרט אין דער פראַגע:

„אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע טעג זיינען דערשינען אַן אויסערגעוויינט־לעכע צאָל אַנטיסאָוויעטישע אַרטיקלען אין דער פּרעסע פון מערב־לענדער. אין נאָמען פון וואָסער אַקציע ווערן איצט די פעדערס געבראָכן און דאָס טינט פאַרגאָסן?

„דער סאָוויעטישער לייענער מעג אויסדריקן זיין דערשטוינונג, וואָרעם עס איז דאָך גוט באַוווּסט, אַז רעליגיעזע פרייהייט אין פסטר איז גאַראַנטירט אין דער קאָנסטיטוציע. איז וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די בורזשואזע פּרעסע איז אויפגעקאָכט צוליב אַ קליין ביכל, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַן אוקראַינישן פאַרלאַג. די בראָשור, געשריבן פון ט. קיטשקאָ, רופט זיך ,יודאַיזם אָן באַפּוצונג'. לאָמיר דאָ גלייך זאָגן, אַז אינעם בוך זיינען פאַראַן פעלערן.

„אַליין פאַר זיך קאָן די כוונה פון בוך ניט אַרויסרופן קיין ספקות. די יידישע, ווי וועלכער עס איז אַנדער רעליגיע, קאָן און באַדאַרף, אונטער־געוואָרפן ווערן וויסנשאַפטלעכער קריטיק. און דאָס איז וואָס עס ווערט געטאָן אין אונדזער וויסנשאַפטלעכער און פּאָפּולערער ליטעראַטור, וואָס דעקט אויף דעם רעאַקציאָנערן תוך פון אַלע רעליגיעס, צי דאָס איז די קריסטלעכע, צי די יידישע, צי וועלכע אַנדערע. אין אוקראַינע, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע רעפּובליקן פון פאַרבאַנד, זיינען לעצטנס דערשינען אַ צאָל ביכער אויף אַנטירעליגיעזע טעמעס.

„ט. קיטשקאָ אַנאַליזירט דעם רעאַקציאָנערן תוך פון יודאַיזם, ווי איינע פון די פאָרמען פון רעליגיעזער אידעאָלאָגיע, און באַנוצט זיך מיט געוויסע נייע מאַטעריאַלן. אָבער צוזאַמען מיט די ריכטיקע מיינונגען אין זיין בראָשור, געפינען זיך דאָרט היסטאָרישע און פאַקטועלע טעותן, אומפּינקט־לעכקייטן און אומקלאָרע ערטער, וואָס קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אין אַ גייסט, וואָס איז אין סתירה צו דער פּאָליטיק פון אונדזער רעגירונג אויפן געביט פון רעליגיע און קירך. אַ סך צייכענונגען אין דער בראָשור קאָנען בלויז אַרויסרופן אַ געפיל פון צאָרן צווישן די גלויביקע. עטלעכע פעלערן פון דער בראָשור זיינען שוין קריטיקירט געוואָרן. די צייטונג ,ראַדיאַנסקאַ קולטוראַ' האָט פאַרעפנטלעכט קריטישע באַמערקונגען וועגן פעלערהאַפטע פעסטשטעלונגען אין דער בראָשור.

„אָבער די איניציאַטאָרן פון דער אַנטיסאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע־

קאַמפּאַניע נוצן אויס די דערשיינונג פון דער בראַשור, כדי צו פּרובירן, ווי מען זאָגט, ,וואַרפן אַ שאָטן אויף אַ קלאָרן הימל׳, און צו פאַרשמירן די פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער מלוכה אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

„אַ נעבעכדיקע אויסרעכענונג! די לעניניסטישע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוויעטישער רעגירונג איז דורכויס קלאָר. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז גאַראַנטירט אמתע גלייכהייט פאַר אַלע פעלקער, גרויס און קליין, און עס עקזיסטירן אַלע באַדינגונגען פאַרן פונאַנדערבוי פון זייערע פעיקייטן און טאַלאַנטן".

די „איזוועסטיאַ", הייסט עס, געפינט נאָך וויניקער חסרונות אין קיטשקאָס בוך ווי די „פּראַוודאַ". און וואָס שייך די טעותן, האָט דאָס שוין באַזאָרגט די „ראַדיאַנסקאַ קולטורא" (וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט), און דאָס גאַנצע עסק אַרום דעם איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון דער אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע!

דעם זעלבן טאָג, און אין זעלבן גייסט, איז געקומען דער ענטפער אויף דער טעלעגראַמע פון דזשאַנקאַרלא וויגאַרעלי, סעקרעטאַר פון דער „אייראָפּעישער שריפטשטעלער געמיינשאַפט", צום סאָוויעטישן שרייבער־פאַראיין. דער ענטפער איז געווען אונטערגעשריבן פון אוקראַינישן פּאָעט, ניקאָליי באַזשאַן, פאַרן פאַראיין פון סאָוויעטישע שרייבער:

„דאָס בוך ,יודאַיזם אָן באַפּוצונג׳ אַרויסגעגעבן אין קיעוו, ווערט פאַראורטיילט דורך דער סאָוויעטישער עפנטלעכער מיינונג, און איך פּערזענ־לעך באַטראַכט עס פאַר געפערלעך נעגאַטיוו. אַ סך שטעלן אין בוך צעדרייען היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע אמתן, און באַהאַנדלען די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון אָט דער רעליגיע אויף אַ באַליידיקנדיקן אויפן. דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט צייכענונגען פון אַ באַליידיקנדיקן כאַראַקטער. צייטונגען אין מאָסקווע און אין קיעוו האָבן שטאַרק קריטיקירט דעם בוך; אַזעלכע אַרטיקלען זיינען דערשינען אין ,פּראַוודאַ׳ און ,איזוועסטיאַ׳ און אין קיעוו אין דער צייטונג ,ראַדיאַנסקאַ קולטורא׳. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין, מחמת עס איז דאָך ניטאָ קיין יידישער פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך האַלט אָבער פאַר אומאַנגענעם וואָס אָט די אויסגאַבע קאָן דינען פאַר אַן אויסרייד פאַר פיינטלעכע כוחות צו מיין לאַנד אויפצולעבן בילבולים אויף מיין היימלאַנד, אויסצונוצן אַן אויסגאַבע, וואָס איז אין דער אמתן פרעמד צום גייסט פון אונדזער געזעלשאַפט, און צו שטערן די אַטמאָספער פון אינטערנאַציאָנאַלער מיטאַרבעט און פאַרשטענדעניש צווישן פעלקער".

אָבער אַפּילו ניקאָליי באַיאַן, וואָס האָט אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן קיטשקאָס בוך, רופט דאָס קינד ניט ביים נאָמען. פאַר וואָס ניט זאָגן פּשוט, אַז קיטשקאָ האָט געשריבן אַן אַנטיסעמיטיש בוך, און מער וועלן מיר אַזעלכעס ניט דערלאָזן? פאַר וואָס פאַרבאַהאַלטן אונטער אַזעלכע ווערטער ווי „טעות" און „באַליידיקונג", און פּרווון פאַררייַדן די ציין?

ביזן היינטיקן טאָג איז דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם" ניט דערמאָנט געוואָרן אין שייכות מיט קיטשקאָס בוך. דאָס וואָרט איז טאַבו אויך אין דער לעצטער אָפיציעלער דערקלערונג פון די אַרויסגעבער פון קיטשקאָס בוך אַליין, — די אוקראַינישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

דאָס איז געווען אַן ענטפער צו „מראַפּ", אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „באַוועגונג קעגן ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם און פאַר שלום", אין פראַנקרייך, וואָס האָט געשיקט אַ פּראָטעסט צו דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און אויסגעפירט, אַז „אַ נאָענטער אַנזאַג וועגן אַנגענומענע מיטלען קעגן די מחברים און פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע וועט שטימען מיט די דערוואַרטונגען און האָפענונגען פון די אַלע אין פראַנקרייך, וואָס גיבן זייער ביישטייער צו דער פריינדשאַפט צווישן מענטשן און פעלקער".

דער ענטפער איז געקומען פון דער סעקציע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן ביים פּרעזידיום פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אונטערגעשריבן פון פּראָפעסאָר כמיעל. דער ענטפער לייענט זיך אַזוי:

„די דאָזיקע בראָשור שטעלט פאָר אין אַ פאַלש ליכט אונדזער שטעלונג צו פראַגן פון רעליגיע. אויף דער זיצונג פון פּרעזידיום פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז בעת דער דיסקוסיע וועגן דער פאַרלאַג־אַרבעט פון דער אוקראַינישער אַקאַדאַמיע אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך פון קיטשקאָ אין דער סעריע פון דער פּאָפּולערער וויסנשאַפט־ליטעראַטור, ניט פאַרשטענדיקנדיק זיך ניט מיטן רעדאַקציע־קאָמיטעט און ניט מיט די אַנדערע וויסנשאַפט־אינסטיטוציעס, וועלכע אַרבעטן מיט מיט דער אַקאַדעמיע, אין רעזולטאַט דערפון זיינען מעגלעך פאַראַן אין בוך געוויסע פאַלשע מיינונגען.

„די פאַרלאַג־אַנפירונג איז שאַרף קריטיקירט געוואָרן און האָט באַקומען שטרענגע אָנווייזונגען, אַז אין דער צוקונפט זאָל אויסגעמיטן ווערן יעדע פאַלשע אויסטייטשונג, וואָס איז נוגע דער רעליגיע און דעם אַטעיזם. די פּערזאָנען, וואָס זיינען שולדיק איז אַרויסגעבן דעם בוך, זיינען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. מיר אונטערשטרייכן דערביי, אַז קיטשקאָ האָט ניט

געאַרבעט און אַרבעט נִיט אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער אוקראַי־נישער סאָציאַליסטישער סאָוויעטישער רעפובליק״.

הייסט עס, אַז דער סעקרעטאַר פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז אפילו ניט זיכער צי דאָס בוך אַנטהאַלט טעותן, מחמת ער זאָגט דאָך, אַז צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך ניט באַראָטן מיט די געהעריקע אינסטאַנצן זיינען „אין רעזולטאַט דערפון מעגלעך פאַראַן געוויסע פאַלשע מיינונגען״ — מעגלעכע געוויסע פאַלשע מיינונגען, ניט מער!

אָט די דערקלערונג האָט ניט צופרידנגעשטעלט אפילו די קאָמוניסטישע קרייזן. אַ לייט־אַרטיקל אין טעאָרעטישן אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי, „פּאָליטיקל אפעירס״ (יוני 1964) האָט געזאָגט:

„אַז אַזאַ בוך זאָל בכלל קאָנען דערשיינען אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, איז אַ סיבה פאַר ערנסטער זאָרג; אַז ער האָט געקאָנט דערשיינען אונטערן מאַנטל פון אַ ,וויסנשאַפטלעכן' דאָקומענט, אונטער דער אויפזיכט פון אַ וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע, איז נאָך מער באַאומרויִקנדיק. די צענטראַלע פראַגע איז: ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען?

„לויט אונדזער מיינונג, קאָן מען דעם ענין ניט אָפּפטרן ווי גלאַט אַן איזאָלירטן אינצידענט, ווי אַ רעזולטאַט פון נאַכלעסיקייט, אָדער דערמיט, וואָס די, וואָס זיינען פאַרמישט אין דעם ענין, האָבן פאַרפעלט צו באַהאַנדלען די פראַגע אויף אַן ערנסטן אופן. פאַרקערט, דאָס דערשיינען פון בוך שפּיגלט אָפּ די נאָכאַנאַנדיקע עקזיסטענץ פון אַנטיסעמיטישע אידעען און איינפלוסן צווישן יחידים אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָט דער אויספיר באַקומט אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דער איצטיקער פאַל איז ניט דער איינציקער. אין משך פון די לעצטע יאָרן זיינען דערשינען ביכער און אַרטיקלען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען אָדער באַהויפּטונגען; אין בעסטן פאַל איז ניטאָ קיין פילבאַרקייט אין אָט דער פראַגע...״

די ניו יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט״ האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געהאַט דריי אויסזעצונגען קעגן פּראָפעסאָר כמיעלס ענטפער: ערשטנס, האָט דער ענטפער בעדאַרפט קומען ווי אַן עפנטלעכע מעלדונג פאַרן גאַנצן לאַנד און פאַר דער וועלט, און ניט דורך אַ בריוו צו אַן אָרגאַניזאַציע אין פראַנקרייך; צווייטנס, האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן וואָס פאַר אַ שטראָף די פאַרברעכער האָבן געקריגן. „אַזוי ווי דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ שענדלעך אַנטיסעמיטיש ביכל״, האָט די צייטונג געשריבן, „וואָלט נייטיק געווען אַ דעמאָנסטראַטיווע עפנטלעכע מעלדונג וועגן באַשטראָפן די שולדיקע, כדי דאָס זאָל זיין אַ

לעקציע פאַר אַנדערע. פאַרברעכנס אויפן געביט פון ראַסיזם־אַנטיסעמיטיזם זיינען געווים אַזוי וויכטיק ווי עקאָנאָמישע פאַרברעכנס״; און דריטנס, אַז אין דעם ענטפער פון דער אַקאַדעמיע „ווערט ניט געזאָגט מיטן פולן מויל, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אַנטיסעמיטישן בוך״.

און וואָס איז דער אמת וועגן דעם קיטשקאָ־בוך?

קודם, איז דאָס אַ בוך, ניט קיין בראָשור. דאָס וואָס אַ בוך איז ניט געבונדן, נאָר בראָשירט, מאַכט עס נאָך ניט פאַר אַ בראָשור. דאָס בוך האָט 190 פולע געדיכטע זייטן. און עס איז ניט קיין צופעליק בוך פון אַ צופעליקן שרייבער. טראָפים קאָרנעיעוויטש קיטשקאָ איז דער פראָפעסיאָנעלער „ספעץ״ פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע. שוין אין יאָר 1957 האָט ער געשריבן אַ בראָשור א. נ. „די יידישע רעליגיע, איר אַנטשטייך און גרונט־אינהאַלט״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער קיעווער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע קענטניש. יענץ בוך איז אויפגענומען געוואָרן סימפּאַטיש מצד דער סאָוויעטישער קריטיק, אָבער מען האָט אים פאַרגע־וואָרפן הלמאי אין געוויסע פּרטים איז ער ניט געווען גרינטלעך גענוג. נאָך דעם האָט ער דריי יאָר געאַרבעט אויף אַ דיסערטאַציע וועגן יודאַיזם און פאַר דעם האָט ער באַקומען דעם טיטול „קאַנדידאַט אויף פילאָסאָפיע״, — אַן אַקאַדעמישער טיטל אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין דעצעמבער 1962 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אַרבעט א. נ. „וואָס לערנט די יידישע עטיק״ אין אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אוקראַאינישער אַטעיסטישער געזעלשאַפט. זיין ניי ווערק „יודאַיזם אָן באַפּוצונג״, וואָס איז דערשינען סוף 1963 און אַרויסגעגעבן פון דער אַקאַדעמיע גופא, איז דאָס גרונט־ווערק פון אַן אוקראַאינישן אַקאַדעמישן „ספעץ״ איבערן יידנטום, מיט אַ „הקדמה פון פּראָפעסאָר א. ווערדענסקי, דאָקטאָר פון היסטאָרישער וויסנשאַפט און פון שרייבער גריגאָרי פּלאָטקין״.

דריי גרונט־שטריכן כאַראַקטעריזירן אָט דעם הויפּטווערק פון סאָוויע־טישן אַנטיסעמיטיזם. איינס איז, וואָס עס חזרט איבער פון דאָס ניי די מיאוסטע בילבולים קעגן יידנטום פון די ערגסטע צייטן אין מיטלאַלטער, און קייט איבער די רייד פון די פינצטערסטע אַנטיסעמיטן אין די שפּעטערע צייטן. צווייטנס, עס מאָלט אויס אַ בילד פון יידן אין אַ שאַבלאָן פון פרימיטיוון, וווּלגאַרן אַנטיסעמיטיזם — דאָס זעלבע בילד, וואָס די צאַרישע אַנטיסעמיטן האָבן געמאָלן פאַר די פעלקער אין רוסלאַנד און וואָס די נאַציס האָבן פּראָפּאַ־גאַנדירט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע; און דריטנס, עס מאָלט דאָס יידישע פאָלק ווי עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַנדע קאָנספּיראַטאָרן, וואָס

ווילן פאַרכאַפּן די וועלט און אויסזויגן דאָס בלוט פון די פעלקער. טראָפים קיטשקאָ האָט צונויפגענומען דאָס ערגסטע פון די מיטלאַלטערלעכע „דיספּוטן" וועגן דער יידישער רעליגיע, אַ טייל פון דעם בייליס־פּראָצעס און אַ חלק פון די זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן — און דאָס אַרויסגעגעבן ווי אַ סאָוויעטיש וויסנשאַפטלעך ווערק, אונטער דער מאַרקע פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

נעמט, למשל, אָט די ווערטער פון קיטשקאָס בוך:

„די יידן האָבן ליב אַ סך צו ריידן וועגן אַ געבאָט, לויט וועלכן זיי טאָרן ניט פאַלש עדות זאָגן. אָבער ווען עס גייט אין ווילזיין פון יידן איז דערלויבט פאַלש עדות־זאָגן און אפילו אַ פאַלשע שבועה... בעתן געבן די פאַלשע עדות־דערקלערונגען דאַרף מען נאָר — אָט אַזוי לערנט די הייליקע שריפט — זיך אָפּזאָגן ביי זיך אין האַרצן און אין דער נשמה פון דער שבועה, און דעם יידס שבועה ווערט דאַן ווערטלאָז. אָבער דאָס מוז געטאָן ווערן אויף אַן אופן, אַז „דער רום פון דעם נאָמען פון גאָט פון ישראל, דער כבוד און ווערט פון דער יידישער רעליגיע און פון פאָלק ישראל וועט ניט ליידן" (זייט 91).

די לעצטע זאַצן, גיט קיטשקאָ אין גענדזנפיסלעך, ווי גענומען פון אַ יידישן טעקסט, וואָס איז נאַטירלעך אַזוי פאַלש, ווי דער פריערדיקער זאָג, אַז אַזוי לערנט די הייליקע שריפט. טוט נאָר אַ מיש די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, וועט איר זען, אַז דאָס איז גענומען פון דאָרט. אין יענער צייט איז די שבועה בכלל געווען אַ גרויסער פאַקטאָר אין סאָציאַלן לעבן, און די אַנטיסעמיטן איז געגאַנגען אין לעבן צו פסלן דעם יידס שבועה. קומט קיטשקאָ אין יאָר 1963 און טראָגט דאָס אונטער ווי סאָוויעטישע וויסנשאַפט!

אָדער נעמט אַזאַ פראַגמענט פון קיטשקאָס בוך:

„איינס פון די געבאָט פון יידנטום איז „גנבע ניט". אָבער דער „חושן משפט" טייטשט דאָס אויס, אַז דאָס איז חל גאָר נאָר אויף די כאַווערס, (ד. ה. אויף די יידישע שכנים), אַז פון זיי טאָר מען ניט גנבענען. אָבער פון אַנדערע מעג מען גנבענען, ווייל ווי עס איז געשריבן אין דער הייליקער שריפט, האָט יעהאָוואַ איבערגעגעבן אַל דאָס רייכטום פון די ניט־יידן צו די העברעער. אויב די יידן האָבן ניט איבערגענומען אַלץ אין זייערע הענט, איז דאָס נאָר כדי ניט צו פאַרלירן די אַרבעטסקראַפט פון די ניט־יידישע אַרבעטער". (זייט 92).

אָט די פאַלשע ציטירונג פון „שולחן ערוך" — מיט די זעלבע

ווערטער — האָט געגעבן דער באַוווּסטער צאַרישער אַנטיסעמיט, שמאַקאָוו אויפֿן מענדל בייליס בלוט־בילבול־פּראָצעס, און דאָרט, אויפֿן פּראָצעס, איז שוין באַוויזן געוואָרן די פֿאַלשקייט דערפֿון.

און אַ וואָסערע איז די סאָציאַלע סביבה, פֿון וועלכער עס קומט אַרויס דער היינטיקער ייִד, דער ייִד, מיט וועמען דער לייענער פֿון קיטשקאָס בוך קומט אויס צו לעבן צוזאַמען?

„דער תּלמוד איז דורכגעדרונגען מיט פֿאַראַכטונג צו אַרבעט, צו אַרבעטער און צום פּראָסטן פֿאָלק... דער תּלמוד האָט אַ ספּעציעל נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אַרבעט פֿון פּויערטום... בעת דער תּלמוד דערנידעריקט די אַרבעט־מענטשן, גלאָריפֿיצירט ער די גבירים; בעת ער דעגראַדירט אַגריקולטור, לויבט ער מסחר און פּראָצענט־נעמען... די עטיק פֿון ייִדנטום פֿאַראורטיילט ניט אַזעלכע שענדלעכע האַנדלונגען ווי היפּאָקריטישקייט און געבן אָדער נעמען כּאַבאַר. דער גוט־באַוווּסטער קאָמענטאַטאָר פֿון תּלמוד, רש״י, לערנט, באַזירט אויף דער לערע פֿון דער ביבל, אַז דער ייִד מוז אָנהייבן קודם כּל מיט כּאַבאַר, כּדי אויסצופּרובירן און פֿאַרנאַרן זיין שונא, און אין אַנדערע פֿאַלן מוז ער אָנווענדן פֿאַרשיידענע אַנדערע מאַכערייען... די גאַנצע ייִדישע אידעאָלאָגיע איז אָנגעפּילט מיט ענגער פּראַקטישקייט, מיט גייציקייט, מיט דער ליבע צו געלט, מיטן גייסט פֿון עגאָאיזם״. (זייטן 37, 40, 61, 93).

דער אוקראַינישער לייענער פֿון קיטשקאָס בוך דאַרף נאָר אַ טראַכט טאָן וואָס ער לייענט וועגן די ייִדישע עקאָנאָמישע פֿאַרברעכער — און ער זעט באַלד דעם זעלבן ייִדן, וואָס קיטשקאָ מיט זיינע פֿעלשונגען ברענגט אַרויס נאָך פֿון תּלמוד, און וועגן וועמען ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון זיין זיידן און באָבען. דאָס איז אַלץ דער זעלבער ייִד.

און קיטשקאָ פֿאַרבייסט מיט אַ ציטאַט וואָס קאַרל מאַרקס בכבודו ובעצמו האָט געזאָגט וועגן ייִדן. לעניִן האָט אָט דעם ציטאַט פֿון מאַרקסן ניט באַנוצט, און ער איז אויך פֿון סטאַלינען קיין מאָל ניט גענוצט געוואָרן. ביידע האָבן פֿאַרשטאַנען די סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען פֿון יענער צייט, אָבער קיטשקאָ ברענגט אים היינט יאָ, און דווקא אָט די שטעלן:

„וואָס איז דער וועלטלעכער יסוד פֿון ייִדנטום? — האָט געשריבן קאַרל מאַרקס — פּראַקטישע נויטווענדיקייט, זעלבסט־אינטערעס. וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פֿון דעם ייִדן? מסחר. ווער איז זיין וועלטלעכער גאָט? געלט. וואָס איז די פּאַקטישע באַזע פֿון דער ייִדישער רעליגיע? פּראַקטישע נויטווענדיקייט, עגאָיזם. דער גאָט פֿון פּראַקטישער נויטווענדיקייט

און זעלבסט־אינטערעס איז געלט. געלט איז דער אייפּערזיכטיקער גאָט פון ישראל, וואָס פאַר זיין פּנים טאָר ניט זיין קיין אַנדער גאָט. דער גאַנצער יידישער קולט איז דער איבערזעץ פון מסחר און האַנדל אין אַ רעליגיעזער שפּראַך. דאָס פאַרקויפן מצה (מכירת חמץ ?) די ליציטאַציע פון קאַפּיטלעך תורה־לייענען — עליהס — די קבורה־מנהגים, בריתן, חתונה און גט — אין אַט די אַלע זאַכן איז דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם געלט, ווי דאָס איז די פאַראַכטונג פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט״. (זייטן 86—87).

פון דעם גייט קיטשקאָ אַריבער צו די יידן אין די שולן היינט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו ער ווייזט דאָס זעלבע, נאָר צוגעפּעפּערט. האָט שוין דער אוקראַינער־לייענער אַ הכשר אויף פיינט־האָבן דעם יידן פון קאַרל מאַרקסן אַליין!

דער דריטער גרונטשטריך פון קיטשקאָס בוך ווערט שוין אָנגעדייט אין דער הקדמה צום בוך, וואָס איז געשריבן פון פּראָפעסאָר וועדענסקי און פון שרייבער גריגאָרי פּלאָטקין. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז „די לעצטע צייט האָט דער יודאַיזם באַקומען אַ ספּעציעלע רעאַקציאָנערע פאַרב נאָכן אויפקום פון דער מדינת ישראל, ווו ער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די אָפיציעלע רעליגיע״. אַל דאָס בייז פון דער יידישער רעליגיע ווערט צוגעשריבן צו דער מדינה ישראל, די מדינה ישראל ווערט צונויפגעבונדן מיטן ציוניזם, און ביידע — מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

„אויסנוצנדיק די לעגענדעס פון אַלטן טעסטאַמענט, האָבן די יידישע קאַפּיטאַליסטן מיט זייערע אידעאָלאָגישע פּאַראַזיטן, די ציוניסטן, צוזאַמען מיט די רבנים פון ישראל, אָנגעצונדן רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע ליידנשאַפטן, און העצן די יידן קעגן די אַנדערע, וואָס לעבן אין פּאַלעסטינע... אַ בונד צווישן דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע פון מערב און די ציוניסטן עקזיסטירט שוין עטלעכע צענדליק יאָר... די אַמעריקאַנער באַנקירן, ווי זייערע ענגלישע, דייטשע און פראַנצויזישע שותפים, האַלטן דעם ציוניזם פאַר אַ באַקוועם קאָלאָניאַל געשעפט. האָבנדיק געגרינדעט אין 1926 דעם סינדיקאָט „פּאַלעס־טינער עקאָנאָמישע קאָרפּאָראַציע״ (פּעק), האָבן די אַמעריקאַנער ציוניסטישע קאָלאָניזאַטאָרן זיך גענומען שאַפן די מאָדערנע מדינה ישראל...

„די געשיכטע פון דער שייכות צווישן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל און דעם ציוניזם קאָן ניט פאַרשטאַנען ווערן, אויב מען נעמט ניט אין באַטראַכט די געשעפטן פון די ראָטשילד־מיליאַרדערן, וואָס האָבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געפּרוווט פאַרכאַפּן אַ טייל פון פּאַלעסטינע, דעם מדבר פון נגב מיט

זיינע נאַפט־קוואַלן. אין יאָר 1919, באַלד נאָכן ערשטן וועלטקריג, האָט אַן אַגענט פון אַמעריקאַנער נאַפט־קאָמבינאַט „סטאַנדאַרט אויל" און אַ טעכנישער באַאַמטער פון דער קאָמיסיע צו אַנטוויקלען די אַמעריקאַנער פּאָליטיק פאַר פּאַלעסטינע, דערקלערט, אַז הגם ענגלאַנד וועט באַקומען דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, וועלן די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט דער הילף פון די ציוניסטן, הערשן דאָרט אין דער אמתן.

„און אַזוי איז טאַקע געשען. נאָכן צווייטן וועלטקריג, האָבן די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע אויפגעהערט צו אָנערקענען די ענגלישע איבערהערשאַפט איבער פּאַלעסטינע און די ראָקפעלערס האָבן זיך דאָרט באַפעסטיקט. היינט ווערט ישראל און זיין ציוניזם און יידנטום, באַטראַכט פון אַמעריקאַנער אימ־פעריאַליזם ווי זיין פאָרפּאָסטן, זיין רעזערוו־קאַנאָן צו באָמבאַרדירן די אַראַ־בישע וועלט".

גראָמיקאָ האָט מיטן אויפקום פון מדינת ישראל, ווי איר זעט, לחלוטין ניט געהאַט צו טאָן, נאָר ראָטשילד און ראָקפעלער — אַ „זקני ציון־געשיכטע" וועגן אויפקום פון דער יידישער מדינה.

און צוליב וואָס שרייבט דאָס אַלץ קיטשקאָ? ניט גלאַט אין דער וועלט אריין. דער ציל קריכט אַרויס אין אָט די פּאָר זאַצן:

„פרעמדע יודאַיסטן, צוזאַמען מיט די ציוניסטן, מאַכן אַלערליי מעגלעכע פּרוּוון צו אַקטיוויזירן נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די גלויביקע (יידן) אין אונדזער לאַנד... די ישראל־ציוניסטן שטרעבן אָפן צו באַנוצן דאָס יידנטום כדי צו פאַרשפּרייטן ציוניזם, פּרוּוון אָפּווענדן די גלויביקע יידן צום וואַרטן אויף אַן אויסגעטראַכטן משיח, צו קאָסמאָפּאָליטיזם און אַנטי־פּאַטריאָ־טיזם, און אַזוי אַרום אָפּלענקען די גלויביקע יידן פון דעם ציל צו בויען קאָמוניזם". (זייט 143).

די ווערטער „קאָסמאָפּאָליטיזם" און „אַנטי־פּאַטריאָטיזם" קלינגען באַקאַנט: מיר האָבן דאָס שוין געהערט אַ מאָל — בעת די רדיפות אויף יידן אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס רעזשים.

וואָס שייך די קאַריקאַטורן אין קיטשקאָס בוך, האָבן מיר וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער זייערן גענוג געהערט אפילו פון ניט־יידישע קאָמוניסטישע קוואַלן אין אויסלאַנד. דאָ דאַרף נאָר צוגעגעבן ווערן, אַז עס געפינען זיך 31 אַזעלכע קאַריקאַטורן אין בוך. אין די אַלע ווערט דער ייד געצייכנט אין שאַבלאָנעם אופן פון נאַצישן „שטירמער". אין די מייסטע פון זיי האַנדלט זיך עס וועגן געלט און גייציקייט, ווי למשל אַ ייד מיט אַן

אויסגעקרימטער נאָז, און מיט תפֿילין אויפֿן שטערן האַלט אַ ביינערדיקע האַנט, מיט לאַנגע שפּיציקע פֿינגער, אין אַ טעלער מיט געלט. אין די איבעריקע האָט דאָס אויך צו טאָן מיט אַנטי־סאָציאַלע פּירונגען, ווי: יידן מיט אַ ספר־תורה שלאָגן זיך איבערן רויב פֿון דער שול; אָדער ווי צוויי אַזעלכע יידן שטייען מיט אַ דראַנג און פּרוּוון ברעכן די וואַנט מיט דער אויפֿשריפֿט „ברודערשאַפֿט פֿון אַרבעטנדיקע". פֿאַראַן אײן בילד פֿון אַזאַ יידן, וואָס בייגט זיך אַראָפּ אויף צו קושן דעם שטיוול פֿון אַ נאַצי. און די אונטערשריפֿט דערויף: „בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע האָבן די ציוניסטישע פֿירער געדינט די פֿאַשיסטן".

אַלץ וואָס די אידעאָלאָגישע קאָמיסיע פֿון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט צו זאָגן וועגן דעם און וועגן דעם בוך בכלל, איז, אַז עס זיינען דאָרט פֿאַראַן פֿעלערן, וואָס קאָנען באַליידיקן די גלויביקע און וואָלטן געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אין גייסט פֿון אַנטיסעמיטיזם! און די „איזוויעסטיאַ" זאָגט אפֿילו דאָס אויך ניט, די טענות אין אויסלאַנד זיינען נאָר אַ פּרוּוו „צו וואַרפֿן אַ שאָטן אויף אַ קלאָרן הימל!" און אוודאי, איז ריכטיק, ווי די „איזוויעסטיאַ" פֿירט אויס, אַז „אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז גאַראַנטירט אמתע גלייכהייט פֿאַר אַלע פֿעלקער, גרויסע און קליינע, און עס עקזיסטירן אַלע באַדינגונגען פֿאַרן פֿונאַנדערבלי פֿון זייערע פֿעיקייטן און טאַלאַנטן, ווי למשל פֿאַר יידן — יידישע שולן, יידיש טעאַטער, יידישע פֿאַרלאַגן, יידישע צייטונגען, יידישע קלובן, און נאַטירלעך — אַלע נויטיקע זאַכן, וואָס רעליגיעזע יידן קאָנען באַדאַרפֿן ביים אויסלעבן זיך רעליגיעז, אָפּגעהיטן פֿון די עקאָנאָמישע געביטן — אַלץ איז „גאַראַנטירט" און „עקזיסטירט"!

נאָכן אָפּשניט, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געכאַפּט פֿאַר קיטש־קאָס „יודאַיזם אָן באַפּוצונג" פֿון אַלע קרייזן איבער דער וועלט, איינגעשלאָסן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, האָט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז אַזאַ בוך וועט שוין מער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ניט דערשיינען. בפֿרט, ווען די „פּראַוודאַ" אַליין האָט פֿאַרגעהאַלטן די רעדאַקטאָרן פֿון בוך פֿאַר זייער „נאַכלעסיקייט", און דער אוקראַינישער מלוכה־פֿאַרלאַג האָט דאָס בוך צוריקגעצויגן פֿון פֿאַרקויף. אָבער אַפּנים, אַז די כוחות וואָס זיינען געשטאַנען הינטער קיטשקאָס בוך זיינען צו שטאַרק אָדער צו זיכער ביי זיך צו ווערן נתפּעל פֿון דער קריטיק אין אויס־לאַנד און דעם פֿאָרוואָרף אין דער „פּראַוודאַ". אפֿשר ווייסן יענע לייט בעסער

וואָסער „ליניע" אין דעם ענין איז די אמתע... וואָרעם אָט איז דערשינען אַ נייער בוך פון דעם זעלבן כאַראַקטער, אָט דאָ ערשט, אין יאָר 1964: „היינט־צייטיקער יודאַיזם און ציוניזם" פון פ. מאַיאַצקי, וואָס איז, אין תוך גע־נומען, נאָך ערגער פון קיטשקאָס בוך, דווקא דורך דעם, וואָס ער מיידט אויס די וווּלגאַריטעטן און „צלמט" זיך קעגן אַנטיסעמיטיזם.

מאַיאַצקי איז דער ספּעץ איבערן יידנטום — און יידן — אין מאָלדאַוויע. אין יאָר 1958, האָט ער פאַרפאַסט אַ בראָשור פון 60 זייטן, „יודאַיזם, זיין תוך און אַנטשטייונג", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מלוכה־פאַרלאַג אין קישיניעוו. אַ יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל, „דער רעאַקציאָנערער תוך פון יודאַיזם" אין „סאָוויעטסקאַיאַ מאָלדאַוויאַ". אין יאָר 1960 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון 71 זייטן: „דער אמת וועגן דער תורה און תלמוד" דורכן זעלבן מלוכה־פאַרלאַג. און דאָס נייע בוך זיינס פון 100 זייטן, דאַרף זיין זיין קרוין־ווערק. מאַיאַצקי איז דעריבער דער „קיטשקאָ" פון מאָלדאַוויע.

אויב עס איז דאָ אַ געגנט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס איז נאָך מער אַנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם ווי אוקראַינע, איז דאָס מאָלדאַוויע. וואָרעם אָט דאָס אַמאָליקע בעסאַראַביע איז אַריבער מיטן צאַרישן אַנטיסעמיטיזם צו רומעניע מיט איר רומענישן אַנטיסעמיטיזם; און נאָך אַ קורצער צייט פון סאָ־וויעטישער מאַכט איז מאָלדאַוויע אָקופּירט געוואָרן פון די נאַציס און באַ־קומען אַן אַריינשפּריץ פון נאַצישן אַנטיסעמיטיזם. איז פאַר וואָס זאָל דווקא מאָלדאַוויע, און אוקראַינע — געגנטן מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום אַנטיסע־מיטיזם — ווערן דאָס שלאַכטפעלד קעגן „יודאַיזם", וואָס מוז באַרעכטיקן די אַנטי־יידישע סענטימענטן ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג?

מיט שטרייכער־קאַריקאַטורן פון יידן איז דאָס דאָזיקע בוך ניט אילוס־טרירט. און מאַיאַצקי אַליין שרייבט (ז. 78), אַז „אַנטיסעמיטיזם איז פרעמד דעם גייסט פון אונדזער געזעלשאַפט". ער ווייזט אָן, אַז „אַנטיסעמיטישע פּראָ־פּאַגאַנדע איז פאַרבאָטן אין ראַטן־פאַרבאַנד דורכן געזעץ", און באַשטייט, אַז „עס איז דורכויס אַ ליגן צו זאָגן, אַז דער וואָס באַקעמפט „יודאַיזם" איז אַן אַנטיסעמיט". ער גיט אַפילו אָן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן די נעמען פון יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אין דעם צווייטן וועלטקריג, און פון פיינע לייט אין מאָלדאַוויע היינט, ווי למשל, ד. ג. הערשפעלד, דער שאַפער פון דער ערשטער מאָלדאַווער אָפּערע, „גראַזאַ־וואָן". איז ווי קאָן מען אויף אים אויסטראַכטן אַ בילבול פון אַנטיסעמיטיזם?

דאָס אַלץ וואָלט אָבער געהאַט אַ ווערט ווען מאַיאַצקי וואָלט זיך טאַקע געהאַלטן נאָר אין „יודאַיזם", ביי דער יידישער רעליגיע — דעמאָלט וואָלט מען צו אים געקאָנט האָבן בלויז די טענה וואָס ער פֿאַלשעוועט אָדער פֿאַרדרייט דעם זין פֿון די יידישע קוואַלן וואָס ער ברענגט. מאַיאַצקי פֿאַרמישט אָבער „יודאַיזם" מיט יידן, מיטן יידישן פֿאָלק, מיטן יידישן לעבן פֿון אַלע צייטן אומעטום, פֿון אַברהם אָבינו ביז אַ קיבוץ אין ישראל, מיט דער „אַליאַנץ איז־ראַעליט אוניווערסאַל", מיטן „דזשאָינט". און אַלצדינג איז שלעכט און פֿאַר־דאָרבן, דורכגעפֿוילט מיט שווינדל און געטריבן פֿון דעם איין מאָטיוו: געלט, געלט, געלט — אַפֿילו דער פֿאַקט, וואָס אַ פֿרוי איז אויסערן־מיניסטער פֿון ישראל, איז ניט מער ווי „סאָציאַלע דעמאַגאָגיע". (ז. 32). איז וואָס אַזאַ איבער־זיכט איבער דער יידישער געשיכטע, אויב ניט אַנטיסעמיטיזם? און פֿאַר וואָס זאָל דער מאָלדאַווער גוי דערויף ניט זאָגן: אַנו, איר זעט? אָט דאָס האָבן מיר דאָך אַלע מאָל געהערט וועגן די יידן!

מאַיאַצקי וויל מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסן ידען. ער ווייסט אַלצדינג, אַפֿילו וועגן די „ריקאָנסטראַקשיאַניסטן" אין אַמעריקע, און ער גיט אָן גאַנצע פֿינף געדיכטע געדרוקטע זייטלעך מיט ביבליאָגראַפֿיע. אָבער ערשט די ביבליאָגראַפֿיע ווייזט דעם כאַראַקטער פֿון דעם בוך. וועגן „יודאַיזם", גיט ער אָן בלויז די דריי בראָשורן פֿון משה בעלענקי, און עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַפֿילו בעלענקי זאָל האָבן געגעבן אַזעלכע „ידיעות". גיכער, מאַכן מאַיאַצקיס קאַפּיטלען וועגן „יודאַיזם" דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיי גענומען פֿון האַלבאַכס פֿאַשקוויל־בוך (וואָס איז לעצטנס איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין מאָסקווע) און די מיטלאַלטערלעכע פּאַמפֿלעטן פֿון דער צאַרישער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. צוויי און נײַנציק נומערן פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע זײַנען וועגן ישראל, און זיי עפֿענען אַ פּאַנאָראַמע פֿון דער סאָוויעטישער אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע. דרייצן נומערן פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע, זיבן פֿון זיי וועגן „דזשאָינט", זײַנען דאַטירט 1952 און 1953, דאָס הייסט פֿון דער צייט פֿון דער „דאָקטאָר־פֿאַרשווערונג". אַפּנים, אַז ביי מאַיאַצקין איז נאָך די „דאָקטאָר־פֿאַרשווערונג" ניט קיין „פֿעלשונג און פֿאַבריקאַציע", ווי „פּראַוודאַ" האָט עס געשטעמפּלט תיכף נאָך סטאַלינס טויט, נאָר אַ טייל פֿון „יודאַיזם".

נאָר אַ קנאַפּער דריטל פֿון בוך האָט אין דער אמתן צו טאָן מיטן יידישן גלויבן. צוויי דריטל אָרט איז אָפּגעגעבן פֿאַר דעם, וואָס ער רופֿט אָן „ציוניזם" און מדינת ישראל, וואָס איז אין דער אמתן נאָר אַ לייכטער צודעק פֿאַרן פֿאַש־

קוויל אויף דער יידישער געשיכטע און דעם נאַציאָנאַלן יידישן לעבן. ערשט דאָ זעען מיר אַז אָנרופן „סאָוויעטישע זקני ציון" איז ניט איבערטריבן פֿאַר דעם דאָזיקן בוך. עס איז גענוג אָנצוגעבן אָט דעם איינעם ציטאַט:

„עס איז באַוווּסט", שרייבט מאַיאַצקי (ז. 53), „אַז נאָך אין 1947, זיינען געווען איינגעלאַדן קיין וואַשינגטאָן די אָנגעזעענע טוער פֿון ציוניזם. אויף אַ געהיימער זיצונג, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן דאָרט טרומאַן, עטשעסאָן און דער דעמאָלטדיקער פֿינאַנץ־מיניסטער, מאָרגענטוי, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דוד בן־גוריון און שרת, לויט וועלכן די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דער דיפּלאָמאַטישער דינסט פֿון דער מלוכה פֿון ישראל דאַרפֿן אויספֿילן די אויפֿגאַבן פֿון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש".

וואָס פֿאַר אַ ווילדער אומזין דאָס איז קאָן מען זען פֿון דעם, וואָס אין יאָר 1947 איז מאָרגענטוי שוין געווען צוויי יאָר אויס פֿינאַנץ־מיניסטער, און עטשעסאָן איז נאָך געווען צוויי יאָר פֿאַר זיין אַריינקומען אין קאַבינעט, און עס איז נאָך ניט געווען קיין מדינת ישראל!

שוין אין דער הקדמה פֿון קאַרגע פֿיר זייטלעך האָבן מיר אין מיניאַטור דעם כאַראַקטער פֿון בוך. דער מחבר שרייבט: „דער ציל פֿון דער איצטיקער בראָשור איז צו ווייזן דעם עצם פֿון יודאַיזם ווי אַ רעאַקציאָנערע, אַנטי־וויסנשאַפֿטלעכע און אַנטי־פֿאָלקישע רעליגיעזע לערע און איר נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, און אויך דעם ליגן פֿון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן ,ישראלדיקן סאָציאַליזם' (ז. 2) איז קודם, האָט דאָך קיינער ניט געזאָגט, אַז אין ישראל הערשט אַ סאָציאַליסטישער רעזשים, ניט מפא"י און אַוודאי ניט מפ"ם. און צווייטנס, וואָס האָט דער סאָציאַליזם פֿון ישראל צו טאָן מיטן „יודאַיזם"? צו וועמען האָט די סאָוויעטישע רעגירונג געשיקט אַן אַמבאַסאַדאָר קיין ישראל — צום „יודאַיזם" אָדער צו דער מדינת ישראל? ווען עס וואָלט יאָ געווען סאָציאַליזם אין ישראל, וואָלט דער „יודאַיזם" געווען רעכט און פֿיין אין די אויגן פֿון מאַיאַצקי?

אויפֿן דריטן זייטל, לייענען מיר, אַז „יודאַיזם" קולטיווירט ביי יידן אַן אומצוטרוי און פֿיינטשאַפֿט צו אַנדערע פֿעלקער דורך דעם אַגיטירן די נאַציאָנאַליסטישע אידעע פֿון דער ,אויסדערוויילטקייט' פֿון יידישן פֿאָלק". דאָס איז, נאַטירלעך, פֿאַלש, מחמת די יידישע אויסדערוויילטקייט איז דאָך נאָר פּאָזיציע פֿון אַוואַנגאַרד, וואָס דאַרף ברענגען אַלע פֿעלקער צום איינציקן גאָט. נאָר ווו האָבן מיר געהערט פּונקט אַזעלכע רייד? אין די צאַרישע ,זקני־ציון' פּראָטאָקאָלן און אין דער מיטלאַלטערלעכער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור!

אַט די אידעאָלאָגיע, שרייבט ווייטער מאַיאַצקי, האָט אויסגענוצט די יידישע בורזשואַזיע, כדי אָנצוהאַלטן איר מאַכט איבער די יידישע מאַסן, מיט דער הילף פֿון דער בורזשואַזיע פֿון אַנדערע לענדער, — די בורזשואַזע נאַציאָנאַליס־טישע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ציוניזם.

און וואָס איז דער ציוניזם?

מאַיאַצקי שרייבט, אַז דער ציוניזם איז אַ סאָציאַלע דעמאַגאָגיע, וואָס זאָגט, אַז אַ זעלבשטענדיקע מלוכה באַטייט פֿאַר אַלע יידן אַ גן־עדן אויף דער וועלט, דערפֿאַר וואָס אַלע יידן זיינען ברידער און דעריבער וועט צווישן זיי אייביק הערשן אַ קלאַסן־שלום. די טערמינען גן־עדן אויף דער וועלט, אַלע יידן ברידער און קלאַסן־שלום, גיט מאַיאַצקי אין גענדזנפיסלעך, ווי ער וואָלט דאָס גענומען פֿון ציוניסטישע קוואַלן, און ניט אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. דערנאָך שרייבט ער:

„און אָט איז אין פּאַלעסטינע, אין יאָר 1948, געשאַפֿן געוואָרן אַ ‚סוווע־רענע' מלוכה ישראל. וועגן ‚ישראל גן־עדן', וואָס די ציוניסטן האָבן אויפגע־בויט, קאָן מען אורטיילן פֿון די בריוו, וואָס די רעדאַקציעס פֿון ציימונגען באַ־קומען פֿון מענטשן, אָפּגענאַרטע פֿון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע". און ער רופֿט אָן אַ פֿאַמיליע לייבאָוויטש פֿון ווילנע, ראָזענקוויט פֿון קישיניעוו, אַ. גאָלד־מאַן, אַ ראָזען, „און פֿיל אַנדערע", וואָס האָבן זיך געלאָזט איינריידן פֿון ציוניסטן וועגן אַ ישראל־גן־עדן, זיינען אַוועקגעפֿאָרן קיין ישראל, און אַצינד געקומען צוריק מיט דער זעלבער דערקלערונג, וואָס גייט אומגעפֿער אַזוי: „אין יאָר 1957 זיינען מיר באַגאַנגען אַ גרויסן שענדלעכן טעות — אַוועקגעפֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און זיך געפֿונען אין פֿרעמדן, ווייטן ישראל. מיר האָבן געגלייבט די מעשהס וועגן ‚ישראל־גן־עדן', זיך אונטערגעבן דער פֿאַרפֿוילטער שטי־מונג, און פֿאַרלאָזט דאָס פֿאָטערלאַנד. דאָס לעבן אין די שווערע באַדינגונגען פֿון קאַפּיטאַליזם האָט שנעל צעבלאָזן אונדזערע פֿריערדיקע פֿאַרשטעלונגען. מיר האָבן מיט די אייגענע אויגן זיך איבערצייגט אין די אומפֿאַרגלייכלעכע פֿאָר־צוגן פֿון סאָציאַליזם. אַלע לאַנגע חדשים פֿון אונדזער זיין אין פֿרעמדן לאַנד האָבן מיר געלעבט מיטן געדאַנק פֿון צוריקקערן זיך צוריק אַהיים אין פֿאָטער־לאַנד, מיר וועלן אייביק דאַנקבאַר זיין דער סאָוויעטישער רעגירונג פֿאַרן געבן אונדז די מעגלעכקייט צוריקצוקומען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד". אַזאַ איז דער נוסח פֿון אַלע אַזעלכע בריוו, פֿאַראַן נאָר „וואַריאַציעס אויף דער טעמע".

כמעט אַ העלפֿט פֿון דער הקדמה ווערט אָפּגעגעבן דערויף, אַז עס איז ניטאָ קיין „ישראל גן־עדן" און קיין „קלאַסן־שלום" אין דער מדינת ישראל —

עפּעס, וואָס קיינער פון די ציוניסטן אָדער פון סתם יידן, האָט ווען עס איז געזאָגט וועגן ישראל. עס קאָן אַ מאָל זיין, אַז פּאַר געוויסע סאָוויעטישע יידן וואָלט ישראל טאַקע געווען אַ גן־עדן, אָבער דער „גן־עדן" מיטן „קלאַסן־שלום", מיט שרייען, אַז ישראל איז ניט קיין סאָציאַליסטיש לאַנד — אָט דאָס האָט די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע צוגעטראַכט. שטעלט זיך ווידער די פראַגע: וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן „יודאַיזם"? און נאָך מער קשה איז די פראַגע: וואָס גייט די מאָלדאַווער אין ראַטן־פאַרבאַנד אַזוי אין לעבן צו וויסן צי עס איז דאָ אַ „גן־עדן" אין ישראל, צי ניט? צי ישראל איז אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, צי ניט? קיין אַנדער זאָרג האָבן שוין די מאָלדאַווער פּויערים ניט? וויפל מאָלדאַווער גויים זיינען דאָס אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַרנאַרט צו ווערן קיין ישראל, אַז מען דאַרף זיי וואָרענען קעגן דעם? די מאָלדאַווער גויים, וואָס האָבן יאָ געהערט פון אַ מדינה ישראל קאָנען האָבן פאַר דעם ניט מער אינטערעס, ווי פאַר ארונדי און מאלאווי. דאַרף מען אויב אַזוי אָננעמען, אַז מיט דעם מיינט מען די יידן אין מאָלדאַוויע. דאָס זעט איר, קאָן שוין יאָ האָבן אַ זין.

פּראָפּאָרציאָנעל פאַרמאָגט מאָלדאַוויע די גרעסטע צאָל יידן צווישן די סאָוויעטישע רעפּובליקן, 3.3 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין די שטעט פון דער רעפּובליק באַטרעפן די יידן צוואַנציק פּראָצענט, און אין קישיניעוו זיינען שוין די יידן אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג. די מאָל־דאַווער יידן זיינען יידיש געשטימט; אַ העלפט פון זיי האָבן אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך בעת דער לעצטער פאָלק־ציילונג. איז קעגן זיי דאַרף דאָס מאַיאַצקיס בראָשור זיין געצילט. אַן אַנאַליז פון אָט דער בראָשור וויזט די סאָוויעטישע פּאָליטיק אין דער יידן־פראַגע. מען זעט דאָ דריי ספּעצ־יפישע צילן: אָפּרייסן, פּאַקטיש הייסט עס: אָפּשרעקן, אָפּטרייבן, די יידן פון זייער גלויבן; אָפּרייסן די יידן פון זייער שטאָם און פון זייער שייכות מיטן וועלט־יידנטום — דערפאַר קלאַפּט דאָס מאַיאַצקי אַזוי שטאַרק קעגן דעם „כל ישראל חברים", וואָס ער רופט עס אָן כל ישראל אַחים; און אָפּציען די יידן פון זייער סימפּאַטיע און אידענטיפיצירונג מיט דער מדינת ישראל. די פּראָפּאַגאַנדע קעגן פאָרן קיין ישראל קאָן דאָך ניט האָבן קיין ממשותדיקן זין וואָרעם מען לאָזט דאָך ניט אַרויספאָרן קיין ישראל, איז דער מיין צו דיסקרעדי־טירן די מדינה, אַז יידן זאָלן ניט וועלן האָבן צו טאָן מיט איר.

איז וואָלט מאַיאַצקיס בוך דערשינען פאַר יידן אויף יידיש, וואָלט דאָס געווען ניט מער ווי אַ קוריאָז. וואָרעם די יידן זועט דאָך מאַיאַצקי מיט אַזעלכע

באָבע־מעשהס ניט איבערצייגן. די יידן אין מאָלדאַוויע, וואָס וועלן לייענען מאַיאַצקיס בוך וועלן דערויף אַ שפּיי טאָן און אָוועקוואַרפן ווי אַן אַנטיסעמי־טישן פּאַשקוויל. אָבער מאַיאַצקיס בוך איז דאָך געשריבן אויף רוסיש, און ער וועט אויך געלייענט ווערן ווינציקסטנס פון אַ טייל פון דער מאָלדאַווער איינ־טעליגענץ (די מאַסע קאָן אפשר לייענען ווייניק רוסיש), ליגט דאָ די שעד־לעכקייט פון דעם בוך אין פּראָפּאַגאַנדירן און באַפעסטיקן די אַנטי־יידישע סענ־טימענטן אין מאָלדאַוויע.

און וואָס האָבן די מאָלדאַווער צו לערנען פון מאַיאַצקיס „געלערנטן" בוך וועגן „יודאַיִזם" און ציוניזם ?

קודם וועגן „יודאַיִזם": אַז די יידישע רעליגיע הייבט זיך אָן מיטן „יאווע (יהאָוואַ)־דינסט, וואָס די כוהנים פון ירושלים האָבן אויפגעשטעלט, כדי צו אָנזאַמלען פון דעם גרויסע קאַפּיטאַלן, (ז. 9); אַז די גרינדער פון דער יידישער רעליגיע האָבן צוגעטראַכט די מעשה, אַז גאָט האָט אויסדערוויילט יידן פון אַלע פעלקער, כדי די פּראָפיטן פון מסחר זאָלן ניט אַוועק צו אַנדערע פעלקער; אַז די נביאים, וואָס האָבן זיך כלומרשט איינגעשטעלט פאַר די אָרעמע, זיינען געווען ניט מער ווי „סאָציאַלע דעמאַגאָגן" (ז. 21); אַז דער תלמוד איז געשאַפן געוואָרן צו באַשיצן די שקלאַפן־האַלטער און ווי אַ מיטל פאַר די רייכע קעגן די אָרעמע (ז. 12); אַז די פּרושים האָבן פאַרשפּרייט דעם גלויבן אין אַ משיח, כדי צו פאַרהאַלטן די מאַסן פון אַן אויפשטאַנד. (אויף די פּרושים גיסט ער אויס זיין גאַנצן צאָרן, בעת די צדוקים קומען ביי אים אָפּ לייכט, הגם ער אַליין שרייבט, אַז די צדוקים זיינען געווען די לאַנד־פּריצים און געבונדן מיטן קעניגלעכן הויף, בעת די פּרושים האָבן אַנטהאַלטן אַן עלעמענט פון אונטער־נעמער און מיטלשטאַנד — דער צאָרן אויף די פּרושים מוז קומען צו אים אי פון זיין מיטלאַלטערלעכן עוואַנגעלישן קוואַל אי פון דעם, וואָס די פּרושים זיינען געווען די „נאַציאָנאַליסטן", וואָס איז ביי אים, בנוגע יידן, דער גרעסטער חטא).

די קבלה, שרייבט מאַיאַצקי (ז. 18), האָט באַדאַרפט אָפּנייגן יידן פון קלאַסנקאַמף; די חסידישע ,צדיקים' האָבן טאַקע באַקעמפט די רבנים, אָבער אין דער אמתן זיינען זיי געווען „סאָציאַלע דעמאַגאָגן" (ז. 18), מחמת „די צדיקים מיט די רבנים האָבן פאַרטיידיקט דעם אימפּעריאַליזם פּונקט ווי די כוהנים האָבן געפּריידיקט שקלאַפעריי". די השכלה איז געווען איינס פון די מיטלען, מיט וועלכע די יידישע בורזשואַזיע האָט געוואָלט זיך אַריינרייסן אין דער עקאָנאָמיע פון דער מדינה. דאָס איז אויך געווען דער מאָטיוו פאַרן רע־פאָרם־יידנטום, וואָרעם מיטן ענדערן די באַציונג פון דער ניט־יידישער וועלט

צום „יודאַיזם״ וועט אויך לייכטער ווערן פאַרן יידישן בורזשוי אַריינצודרינגען אין דער ניט־יידישער בורזשואַזיע. אין 1860 האָבן ראָטשילד, הירש, קרעמיע, מאָנטעפיאָרע און אַ ריי אַנדערע, געגרינדעט דעם אַלוועלטלעכן יידישן פאַר־באַנד (בני ברית?), כדי ניט צו דערלאָזן קיין אַטעיִסטישע אידעען און רע־וואָלוציאָנערע געדאַנקען צווישן די יידישע אַרבעטער. אָט דער רעאַקציאָנערער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַשיצן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם קעגן די יידישע אַרבעטער. בכלל האָט דאָס יידנטום איינגעפלאַנצט פאַראַכטונג צו אַרבעט און צום אַרבעטער, האָט אונטערדריקט און דערנידע־ריקט פרויען, „אויפגעבלאָזן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן ביי די ,קינדער פון ישראל' צו פאַנטאַסטישע מאָסן״. (ז. 33).

הערן מיר אַלץ וועגן דער יידישער בורזשואַזיע, די יידישע עקספּלו־אַטירער, די רבנים, צדיקים, כוהנים, פון די אוראַלטע צייטן ביז איצט. אָבער וואָס איז מיט די אונטערדריקטע קלאַסן ביי יידן, מיט די יידישע פּויערים פון פאַרצייטן, מיט די אָרעמע לייט אין אַלע צייטן, מיטן יידישן פּראָלעטאַריאָט אין דער מאָדערנער צייט?

מען וואָלט געמעגט דערוואַרטן פון אַ מאַרקסיסטישן שרייבער, אַז ער זאָל זיך כאָטש אַ ביסעלע אינטערעסירן מיט די אונטערדריקטע, מיט די עקס־פּלואַטירטע, ווי זיי האָבן געלעבט, און ווי זיי האָבן געקעמפט, צי פּרובירט קעמפן, קעגן זייערע אונטערדריקער. אָבער ביי מאַיאַצקין איז וועגן דעם קיין וואָרט ניטאָ. בנוגע דער אַלטער צייט דאַרף מען זיך נאָר אָנשטויסן, אַז עס האָט געמוזט עקזיסטירן ביי יידן אַן אונטערדריקטער קלאַס, מחמת מען הערט דאָך וועגן אונטערדריקער, האָבן דאָך געמוזט זיין מענטשן, וועמען זיי האָבן אונטערדריקט. פון דער מאָדערנער צייט ווערן די אָרעמע יידישע מאַסן, דער יידישער פּראָלעטאַריאָט, דערמאָנט בלויז ווען מען קאָן מיט דעם זאָגן עפּעס שלעכטס בנוגע די יידן בכלל. למשל, אַז עס איז געווען אַ יידישער פּראָלעטאַריאָט דערוויסט מען זיך צוליב דעם ווייל מאַיאַצקי דאַרף אָנווייזן ווי אַפילו יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די רעאַקציאָנערע אידעען פון דער יידישער בורזשואַזיע, אַז אַפילו דער „בונד״ איז געווען אָנגעשטעקט מיט ציוניסטישע אידעען (ז.36); אָדער צו ווייזן פאַר די לעזער אַ מוסטער פון גוטע יידן, די וואָס האָבן קיין שייכות ניט געהאַט מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם און אַריין אין די אַלגעמיינע אַרבעטער־רייען (ניט ווי יידן, הייסט עס) ווי אוריצקי, וואָלאָדאַרסקי א. אַ.; אָדער צו ווייזן, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין „גן־עדן״ אין דער מדינת ישראל, און אַז דאָרט הערשט ניט קיין „קלאַסן־שלום״.

דעריבער מוז זיך שאַפן דער איינדרוק וועגן מאַיאַצקיס בוך צווישן ניט־יידישע לייענער, אַז יידן זיינען בכלל אַ דורכויס בורזשואַזער עלעמענט, וואָס אַ צייט האָט ער עקספּלואַטירט די מענטשן פון אייגענעם קרייז און דערנאָך איז ער אַריבער צו עקספּלואַטירן אַלעמען אין לאַנד — עפּעס אַ ווילדער גע־וויקס פון אַ מענטשלעכן באַשעפעניש, וואָס ווייסט נאָר פון עקספּלואַטאַציע און געלט. דאָ ווישט מאַיאַצקי אָפּ דעם אונטערשייד צווישן יידישן קאַפּיטאַליסט און דעם יידישן אַרבעטער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער אַליין ציטירט פון לעבינען, אַז דער שונא איז דער יידישער קאַפּיטאַליסט, און דער יידישער אַרבעטער איז אַ ברודער. דער „ברודער" באַקומט אַפילו ניט אײן פּאַראַגראַף וועגן אים גופא, און די דערמאָנונגען וועגן אים גייען פאַרלוירן ווי עטלעכע נאָדלען אין אַ וואָגן היי. ביים לייענער ווערט געבונדן ייד מיט עקספּלואַטירער, וואָס איז אויסן נאָר פּראָפיט, געלט.

כאַראַקטעריסטיש איז מאַיאַצקיס דערמאָנען דעם באַראָן הירש. ניטאָ קיין וואָרט וועגן זיין גרויסער פילאַנטראָפּיע, וואָס איז געווען די גרעסטע סומע געלט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן פאַר וווילטעטיקע צוועקן ביז יענער צייט. קיין וואָרט אויך ניט וועגן זיין אינטערעס צו דער לאַגע פון די רוסישע יידן, זיין באַמיונג צו דערהויבן זייער מצב, און אויך ניט וועגן זיין גרויסן פּאַרמעסט אַריבערצופירן יידן פון רוסלאַנד אויף ערדאַרבעט אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין אַרגענטינע. אַלץ וואָס מאַיאַצקי דערציילט וועגן באַראָן הירש איז, אַז ער האָט געגעבן דעם צאַר אַ מיליאָן רובל פאַר די שולן פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך (ז. 19). דאָס האָט באַדאַרפט זיין איינס פון די מיטלען וואָס די יידישע בורזשואַזיע האָט אָנגענומען צו ענדערן די באַציִונג צום „יודאַיִזם", כדי עס זאָל זיין גרינגער פאַר איר אַריינצודרינגען אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע.

אפילו אַזאַ נאָבעלע סאָציאַלע דערשיינונג אין דער יידישער געמיינדע, ווי קעגנזייטיקע הילף צווישן די פאַלקסמאַסן, מיט וואָס דאָס יידישע שטעטל האָט געמעגט זיך איבערנעמען, קומט פון מאַיאַצקיס הענט אַרויס פאַרברודיקט. ער דערמאָנט די יידישע אינסטיטוציעס חברה קדישא, עזרת חולים, גמילת חסד, הכנסת כלה, הקדש, און וואָס האָט ער וועגן דעם צו זאָגן? ניט, אַז דאָס יידישע אָרעם פאָלק האָט דאָ אַרויסגעוויזן אַ טיפן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר סאָציאַלער סאָלידאַריטעט, פאַרן חוב פון מענטש צום מענטש. ניין, ער ברענגט דאָס אַרויס ווי אַ מאַניפאַרגע צו שאַפן „די אילוזיע פון קלאַסן־שלום"!

מאַיאַצקיס אויספיר איז, אַז די „מאָראַל פון יודאַיזם קולטיווירט די קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיע פון הענדלער, פון דער קליין־בורזשואַזיע, און פירט אַרויס אין סאַמע אויבנאָן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער באַגרע־נעצטקייט". דאָ ליגט דער מאַיאַצקי־הונט באַגראָבן. די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ קאָן ער ניט פאַרטראָגן.

דעם פולן „זקני ציון־פּראָטאָקאָלן" כאַראַקטער פון פ. מאַיאַצקיס „היינט־צייטיקן „יודאַיזם און ציוניזם" זעט מען אין דעם, וואָס ער שרייבט וועגן ציוניזם.

„די יידישע בורזשואַזיע האָט באַשטעלט אירע אידעאָלאָגן אויסצונוצן די אידעע פון משיחיזם פאַר אַזאַ (ציוניסטישע) נאַציאָנאַליסטישע לערע, וואָס האָט אַרויסגעפירט די רעאַקציאָנערע טעאָריע פון אַן „איינציקער יידישער נאַציע" און פון „אַ היים", דאָס הייסט אַ סוווערענער יידישער מלוכה. מיט דער שטיצע פון מאַקס נאָרדוי האָט הערצל אַרויסגעצויגן די פאַלשע טעאָריע, אַז אומאָפּהענגיק פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע אומשטענדן, אומעטום ווו יידן געפינען זיך, און אין אַבי וועלכער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, עקזיסטירט אַ יידישע געמיינשאַפט, און דעריבער קאָנען ביי יידן ניט זיין קיין וועלכע עס איז קלאַסן־ווידערשפּרוכן (ז. 40). דער ציוניזם איז אַלע מאָל געווען און בלייבט אַ רעאַקציאָנערע בורזשואַזע־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג געווענדט קעגן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק (ז. 46). פון די ערשטע טעג פון זייער עקזיסטענץ האָבן די ציוניסטן זיך אָפן געשטעלט צו באַשיצן דעם צאַריזם. אַזוי איז דער גרינדער פון ציוניזם, הערצל, אַרויסגעטראָטן קעגן די יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, און אין דער צייט פון בירגערקריג, האָט דער ציוניסט זשאַבאָטינסקי אָרגאַ־ניזירט דעם אַזוי גערופענעם יידישן לעגיאָן, כלומרשט „אויסצוקעמפן" פאַ־לעסטינע, און געפירט פאַרהאַנדלונגען מיטן באַוווּסטן אַנטיסעמיט פּילסודסקי וועגן געמיינזאַמע טעטיקייטן קעגן ראַטן־פאַרבאַנד (ז. 54). מאַיאַצקי גיט אָן, אַז מנחם בעגין זאָל האָבן געזאָגט, „צענדליקער יאָר ווי מיר זוכן אַ יידישן מוסאָליני. העלפט אונז געפינען אים. מוסאָליני איז דער מענטש, וואָס האָט געראַטעוועט די מענטשהייט פון קאָמוניזם". מאַיאַצקי שרייבט מיט אַן אַפּלאָמב, אַז די כלומרשטע קאָמבינאַציע פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם איז אויפגעקומען נאָך דעם, ווי דער אויפבוי פון סאָציאַליזם איז אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד אין פולן גאַנג (ז. 62) (ד"ר נחמן סירקין האָט נאָך אין 1898 פאַרעפנטלעכט זיין „די יודענפראַגע אונד דער סאָציאַליסטישער שטאַט", און דער וועלט־

פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907!) מאַיאַצקי ציטירט פון „הבוקר״, אַז אין צווייטן וועלטקריג זיינען „די ציוניסטן געווען געצוווּנגען, צוליב דעם דרוק פון די אומשטענדן, צוצושטיין צום לאַגער פון די קעמפער קעגן היטלעריזם״. (דעם נומער פון „הבוקר״ איז ניט אָנגעגעבן און „חיים גאָלדמאַן, דער „פירער פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״, ווערט ציטירט לויט ידיעות אחרונות פון 24סטן יאַנואַר 1960, זאָל האָבן געזאָגט פאַר דער ציוניסטישער סעקציע פון ענגלאַנד, אַז „ניט דער אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם נאָר די לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן — דאָס איז די ערשטע פראַגע פאַרן וועלט־יידנטום״.

די צאַרישע פּאָליציי פלעגט זאָגן, אַז די יידן אַליין האָבן אויף זיך געמאַכט די פּאָגראָמען. דער סאָוויעטישער מאַיאַצקי מאַכט די ציוניסטן פאַר די גרעסטע שונאים פון יידישן פאָלק!

מיט סתם בילבולים, פעלשונגען און פאַרקריפּלטן אויסטייטש, האַלט מאַיאַצקי אָבער און ווידער אין איבערחזרן דעם זעלבן פּזמון: „די שונאים פון סאָציאַלן פּראָגרעס, די ציוניסטן, שטרעבן אָנצוצינדן נאַציאָנאַליזם און פאַרזייען שנאה צווישן פאָלק און פאָלק... אָריענטירט אויף די רעאַקציאָנערע כוחות אין יידנטום, איז דער ציוניזם אַלע מאָל געווען, און פאַרבלייבט, דער געטרייער דינער פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל. אָפּנאַרנדיק דאָס יידישע פאָלק מיטן פאַלשן און דעמאַגאָגישן לאָזונג, ,אַלע יידן — ברידער׳, קניענדיק פאַר דער בורזשואַזיע, טרעטן די ציוניסטן אַרויס קעגן די כוחות פון פּראָגרעס און שלום, קעגן דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם״.

נאָך מער ווי דער ציוניזם, לאָזט מאַיאַצקין ניט שלאָפן די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינת ישראל. ער קעמפט ווי אַ גיבור, מיט אַ מחנה ציטאַטן פון לעניך, אַז ישראל איז ניט קיין סאָציאַליסטישע מדינה, נאָר אַ קאַפּיטאַ־ ליסטישע. און ער וויל ניט דערלאָזן אפילו קיין קאַפּיטשקע סאָציאַליזם, ווי דורך דער חברת עובדים פון דער הסתדרות און אפילו ניט פון קיבוץ. נאָך אַ ווינטמיל קעגן וועלכן ער גיט אָפּ אַלע כוחות איז צו איבערצייגן די לייענער, אַז ישראל איז ניט קיין גן־עדן אויף דער וועלט. די טענות, וואָס ער האָט צו דער מדינת ישראל איז, וואָס זי פאַרווענדט דאָס געלט, וואָס זי באַקומט פון אויסלאַנד אויף באַוואָפענונג, וואָס דאָרט ווערט אַזוי שרעקלעך עקספּלואַטירט דאָס פאָלק, איבערהויפּט אין קיבוץ, וואָס די פרוי ווערט דאָרט אַזוי דערני־ דעריקט, וואָס מען דיסקרימינירט דאָרט קעגן טונקל־הויטיקע יידן, קעגן ניי־ געקומענע יידן, און באַזונדערס קעגן סאָוויעטישע יידן, און וואָס מען דערציט

דאָרט די קינדער אין שאָוויניסטישן גייסט פון „יידישן באַוווסטזיין" — און נאַטירלעך, וואָס ישראל דינט דעם מערב־אימפּעריאַליזם און האָט אַפילו ניט געוואָלט משפּטן אַדאָלף אייכמאַנען, כדי ניט צו רעפלעקטירן אויף די געוועזענע נאַציס, וואָס רעגירן היינט איבער דייטשלאַנד, מערב־דייטשלאַנד, הייסט עס, פאַר די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן. און אַ צוגאָב, וואָס ווערט באַלד דער עיקר, איז, אַז ישראל פירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד — אַנשטאָט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער טראַכט זי אויס ליגנס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. גאָר אַ וויכטיקן אָרט ווערט אָפּגעגעבן אָפּצולייקענען אָט די „ליגנס", און אַנטקעגן דעם ווערט אויסגעמאָלן די שלעכטע לאַגע פון די יידן אין ישראל.

עס באַקומט זיך עפּעס ווי אַ מין פּאָלעמיק וועגן דעם ווו עס געפינט זיך דער אמתער גן־עדן פאַר יידן — אין ישראל צי אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַ נייטראַלן לייענער וואָלט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער בעסטער אופן ווי דאָס צו באַווייזן וואָלט געווען וועגן ביידע לענדער, ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל, עפענען די טויערן פאַר יידן אַריין און אַרויס, און לאָמיר זען פון וואַנען דער עמיגראַציע־שטראָם וועט גיין. פון וואַנען עס וועט גיין דער שטראָם — דאָרטן וועט געוויס ניט זיין דער „גן־עדן".

די קיבוצים, שרייבט מאַיאַצקי, זיינען געוואָרן מיליטערישע לאַגערן. „באַטראַכטנדיק די קיבוצים ווי רעזערוון אויף אַנצופילן די אַרמייען, גיט די רעגירונג פון ישראל אַ סך אויפמערקזאַמקייט צום פּראָבלעם פון דערציען די יידישע באַפעלקערונג אין גייסט פון נאַציאָנאַליזם און מיליטאַריזם. די דערציונג אין ,יידישן באַוווסטזיין' הייבט זיך אָן פון פריסטן עלטער. סיי אין קינדערגאָרטן, סיי אין שול־אינטערנאַט ווערט דער באַוווסטזיין פון די קינדער פאַרסמט מיטן גיפט פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, צוגרייטנדיק פון זיי געהאָרכזאַמע דינער פון דער יידישער בורזשואַזיע". (ז. 66). וועגן די אַרבעט־באַדינגונגען אין קיבוץ שרייבט מאַיאַצקי, אַז „דאָרטן הערשט אומבאַגרענעצטע און גרויזאַמע עקספּלואַטאַציע" (ז. 66), מען אַרבעט 10 שעה אין טאָג, מען באַקומט צרהדיקע ווינונג און מאָגער עסן, און קיין לוין ניט, אויסער קליינגעלט ווען מען גייט אויף אָפּרו איין מאָל אין צוויי יאָר; ווען מען פאַרלאָזט דעם קיבוץ, קריגט מען גאָרניט אויסגעצאָלט. און צו דעם ווערט דער קיבוץ עקספּלואַטירט פון אַלע זייטן, פון די באַנקן, פון „תנובה", פון „מקורות", פון קרן־קימת, און דער אויספיר איז, אַז „דער קיבוץ איז ניט מער ווי אַ מיטל צו באַקומען ביליקע אַגריקולטור־אַרבעט. און דער גאַנצער אונטערשייד צווישן

דעם ,מלוכהש־געזעלשאַפטלעכן (הסתדרות) סעקטאָר פון דער ישראל־עקאָ־נאָמיע און דעם פריוואַטן אייגנטום־סעקטאָר באַשטייט אין דעם, וואָס אין פריוואַטן סעקטאָר ווערט די אומבאַגרענעצטע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער דורך דער יידישער בורזשואַזיע אָנגעפירט אָפן, בעת אין ,מלוכהש־געזעל־שאַפטלעכן׳ ווערט דאָס אָנגעפירט מיטן צודעק פון סאָציאַליסטישער פראַ־זעאָלאָגיע״. (זז׳ 68 און 69).

„די אמתע באַלעבאַטים איבער דער מלוכה פון ישראל״, שרייבט מאַיאַצקי, „זיינען היינט די ראָקפעלערס, די לעהמאַנס, די מאָרגענטויס און די אַנדערע מאַגנאַטן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. בן־גוריון, גאָלדמאַן און די אַנדערע אָנגעזעענע פירער פון ציוניזם זיינען נאָר די דורכפירער פון דער וואַשינגטאָנער פּאָליטיק״. וועגן אייכמאַנען, שרייבט מאַיאַצקי, אַז אייכמאַן האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין מערב־דייטשלאַנד, און „וועגן דעם האָבן געוווּסט די אימפּעריאַליסטישע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און די מדינת יש־ראל״, און אַז דריי מאָל איז אייכמאַן געווען אין די הענט פון דער אַמעריקאַנער „אינטעלידזשענס״ און דריי מאָל האָט זי אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. ווען אייכמאַן איז ענדלעך געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט פון ישראל, זיינען די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן באַשטאַנען, אַז דער פּראָצעס זאָל זיין נאָר קעגן אייכמאַנען פּערזענלעך, ניט קעגן פאַשיזם און נעאָ־נאַציזם. אַדענאַוער האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט בן־גוריון, אַז עס זאָל אין גאַנצן קיין פּראָ־צעס ניט פאָרקומען. דערצו האָבן אָבער די מאַסן אין ישראל ניט דערלאָזט, און דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין די ראַמען ווי אַדענאַוער האָט געוואָלט, און נאָר אויפן דרוק פון די מאַסן, האָט דאָס געריכט ענדלעך אַרויסגעגעבן דעם טויטאורטייל, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער (זז׳ 55 און 56).

די מדינת ישראל צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער פּרעסע, שרייבט מאַיאַצקי, פאַרדעקט די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און פאַרטומלט די וועלט מיט ליגנס פון אויסגעטראַכטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. כדי דאָס צו באַווייזן וואַרפט ער אָן אַ וועלט מיט פאַקטן פון אַנטיסעמיטישע דער־שיינונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַפילו ווען דאָס איז ניט מער ווי אַ כוליגאַנישער אָנפאַל אויף יידן, און אויך אין אַנדערע לענדער, אַפילו עפּעס אין אירלאַנד. און פון וואַנען ציטירט ער דאָס אַלץ? פון דער „דזשערוסאַלעם פּאָסט״! (ז. 49). אַ ציוניסטישע צייטונג אין ישראל, וואָס ער האָט ערשט

געזאָגט, אַז זי פאַרשווייגט און פאַרדעקט די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער סוף פּסוק פון בוך איז, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז ערשט אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ניטאָ קיין אַנטי־סעמיטיזם, אַז ערשט דאָרט לעבן די יידן פריי און גוט און זיי האָבן אַלע גוטיקייטן פון סאָוויעטישן לעבן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין יענעם גליק־לעכן לאַנד.

עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר דער אינטעליגענץ פון די לייע־נער זיך צו פאַרנעמען אָפּצופרעגן די ווילדע באַהויפּטונגען. די פאַנטאַסטישע אויסטראַכטענישן און די גראָבע ליגנס פון פ. מאַיאַצקי. פיל וויכטיקער איז, צו דערגיין דעם מאָטיוו פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען ביים באַשטעלן, אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אַזאַ בוך. אַז עס איז געמיינט פאַר דער ניט־יידישער באַפעלקערונג איז, ווי שוין אויבן באַמערקט, אויסגעשלאָסן. וועלכער מאָלדאַווער קריסט וועט זיך אָריענטירן, און וויפל קאָן אים אָנגיין, צי „תנובה״ עקספּלואַטירן דעם קיבוץ צי ניט? ווי באַלד עס איז געמיינט פאַר יידן, איז וואָס קאָן דאָס האָבן פאַר אַ ווירקונג אין זייער באַנעם? (אַז די יידן וועלן אַזאַ בוך ניט אָננעמען פאַר אַ גוטער מטבע, איז שוין געווען אויבן דערמאָנט). די סאָ־וויעטישע מאַכט ווייסט דאָך, אַז עס איז ניט נייטיק אָנצונעמען מיטלען קעגן אַ יידישער עמיגראַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין ישראל. אָט דער ענין איז ניט געווענדט אין דעם ווילן פון די סאָוויעטישע יידן, דאָס איז אַן עלעמענט פון דער גרויס־פּאָליטיק, וווּ אַנדערע פאַקטאָרן וועלן דעצידירן. מוז מען אַזעלכע בראָשורן האַלטן פאַר אַ געצייג אין דער פּאָליטיק פון קרעמל צו אַסימילירן די יידן דורך געוואַלד. אפשר באַגרייפן די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז איבערצייגן די יידן מיט אַזאַ בוך וועלן זיי טאַקע ניט, אָבער אָפּשרעקן זיי — יאָ. נאָך אַזאַ אָפּיציעלער גראָבער, מיאוסער פאַרדאַמונג פון יידישקייט, יידישער נאַציאָנאַליטעט, יידישער אידענטיפיצירונג מיטן וועלט־יידנטום און באַזונדערס מיטן לאַנד ישראל, וועלן יידן אויסמיידן צו האָבן מיט דעם צו טאָן, און דאָס וועט דערווייטערן דעם סאָוויעטישן ייד פון דעם לעבן־קוואַל פון זיין יידישקייט. און טאַקע דעריבער ווערט די פּראָפּאַגאַנדע דער עיקר געצילט קעגן די געגנטן, וווּ די יידן זיינען צום ווייניקסטן אַסימילירט.

פאַראַן איין קאַפּיטל אין דער טראַגישער געשיכטע פון דער יידישער רעליגיע אין די לעצטע יאָרן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, וואָס עס ווערט וועגן אים ווייניק געשריבן, און אפשר איז נאָך ניט די צייט צו

שרייבן וועגן דעם. וועל איך ניט אַריינגיין אין פּרטים, נאָר בלויז אָנגעבן דעם עצם פאַקט — עס עקזיסטירט אַ יידישע מאַראַנענטום אין ראַטן־פאַרבאַנד! עס איז דאָ אַ מסירת נפש, אַ קידוש השם, פון אַלערליי שטופעס פון געזעצלעכן און אָפיציעלן ביזן פאַרבאַהאַלטענעם און פאַרבאַטענעם. אַ מענטש ווי הרב לעווין פון דער מאָסקווער שול האַנדלט נאַטירלעך שטרענג אין די ראַמען פון געזעץ. אָבער דאָס אָנהאַלטן די פיקציע פון אַ ישיבה, בעת עס איז ניטאָ מער ווי איין ישיבה־בחור, העלפט ניט נאָר די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד; עס האַלט אָן כאָטש די אילוזיע פון אַ ישיבה, ווו ס'וועט אפשר ביי אַ גינסטיקערן מאָמענט ווערן מעגלעך אריינצונעמען נאָך ישיבה־תלמידים. פאַראַן טאַטעס און מאַמעס, וואָס שטעלן אין זייער חיונה, און שטעלן אפשר אויך אין געפאַר די קאַריערע פון זייער זון, דורכן מל זיין אים (און ניט אַלע מאָל — דורך אַן אָפיציעלער אָפּעראַציע). פאַראַן יידן, וואָס שטעלן איין גאָר אַ סך, אַבי צו לערנען מיט אַ קינד אַ ביסל יידישקייט.

פאַראַן קליינע יידישע קינדערלעך, וואָס געהערן צום קאָמסאָמאָל, און קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלן, אַז זיי לייענען ביי נאַכט קריאת־שמע. און זיי, קליין ווי זיי זיינען, ווייסן, אַז מען טאָר קיינעם ניט דערציילן. פאַראַן יידישע סטודענטן, וואָס טרעפן זיך פּריוואַט און לערנען דעם יידישן אלף בית, אַן אָפּגעשריבענעם פון עמעצן, און מען שטרענגט זיך אָן דערגרייכן צו קאָנען לייענען אַ העברעיש וואָרט. און וויפל טרערן פון פרייד ווערן אויסגעגאָסן ביים באַקומען עפּעס, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט דער מדינה ישראל! וואָס מער שמוץ די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן וואַרפן אויף דער מדינת ישראל, אַלץ העלער און נענטער ווערט די יידישע מדינה אַפילו צווישן די, וואָס זיינען וויט פון יידישקייט, שוין אָפּגערעדט פון ציוניזם.

וויפל עס זיינען דאָ אַזעלכע מאַראַנען, וועט מען קיין מאָל ניט וויסן. די וואָס זיינען נענטער באַקאַנט מיט דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען פאַראַן מער ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן. און דער עיקר, אויף יעדן אַקטיוון מאַראַן איז פאַראַן אַ היפשע צאָל פּאָטענציעלע מאַראַנען — די וואָס וואָלטן געוועזן מאַראַנען, ווען זיי וואָלטן געהאַט די פיזישע מעגלעכקייט, די וואָס זיינען מאַראַנען מיטן האַרצן. יעדער איינער, וואָס קומט אין קאָנטאַקט מיט סאָוויעטישע יידן ביי אַ פּריוואַטער געלעגנהייט, וועט מוזן אָנערקענען, אַז דער יידישער באַוווסטזיין איז ביי זיי שטאַרק, אַז אויך די יידישע רעליגיע האָט פאַר זיי אַ גרויסן באַטייט, אַפילו ווען זיי זיינען ניט רעליגיעז. די סאָוויעטישע מאַכט טרייבט דעם סאָוויעטישן יידן אידענטי־

פיצירן די יידישע רעליגיע מיט זיין אייגענער יידישקייט, מיט דעם טיף אינערלעכן לעבן זיינעם.

בעת מיין באַזוך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין יאָר 1946, האָב איך צוזאַמען מיט איציק פעפערן באַזוכט סאמואיל לאָזאָווסקין — שפּעטער ביידע מאַרטירער פון סטאַלינישן רעזשים. לאָזאָווסקי איז דעמאָלט געווען וויצע־אויסערן־מיניסטער פאַר די מזרח־לענדער, און אויך אַ מין משגיח איבערן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. איך האָב דעמאָלט געוואָלט פועלן ביי לאָזאָווסקין, אַז דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט זאָל איצט, נאָכן קריג, פאַר־וואַנדלט ווערן אין סתם אַ סאָוויעטישן יידישן קאָמיטעט, אַזוי ווי דער אַמערי־קאַנער יידישער קאָמיטעט, צי דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס. פאַקטיש, האָט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט דעמאָלט אויסגעפירט, ביז אַ געוויסער מאָס, אַזאַ פונקציע. איך האָב דעמאָלט געזאָגט לאָזאָווסקין, אַז אויב מען וועט ניט אויפשטעלן קיין וועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס, וועט דאָס סאָוויעטישע יידנטום ווערן דורכויס אַ רעליגיעז יידנטום, מחמת קיין אַנדער אויסדרוק פון יידישקייט וועט דאָך ניט זיין — און דאָס דאַרף ער, אַלס וועלטלעכער ייד, אויסמיידן. (די יידישע רעליגיע איז דעמאָלט ניט באַזונדער געווען אונטערגעדריקט). לאָזאָווסקי האָט אויף מיר געקוקט מיט זיינע העלע אויגן און ניט רעאַגירט, פונקט ווי ער וואָלט ניט געהערט מיינע ווערטער. אפשר האָט ער שוין געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז עס איז בעסער, אַז מען זאָל ניט האָבן געהערט אַזעלכע רייד. היינט איז עס מקויים געוואָרן. אויף וויפל עס איז פאַראַן אמת יידישער נאַציאָנאַלער אויסדרוק אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז עס ניט דורך „סאָוועטיש היימלאַנד", נאָר דורך דעם ביסל דאַוונען אין שול און דאָס לערנען דאָרט אַ פּרק משניות אָדער אַ שטיק „עין יעקב".

אין דער קאַטעגאָריע פון רעליגיעזער געזעצלעכער טעטיקייט, וואָס דינט דעם אויפהאַלט פון דעם יידישן גלויבן, — ווי דאָס זאָל ניט אויסקומען מאָדנע און אומרעאַליסטיש — געפינט זיך די רעליגיעזע שאַפונג פון שאלות און תשובות. אָט דער אויסדרוק פון רעליגיעזער שעפערישקייט, וואָס האָט באַגלייט דעם ייד דורך זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט אין אַלע צייטן, האָט אויך ניט לחלוטין אויסגעטריקנט אין ראַטן־פאַרבאַנד. וואָלטן די יידן געהאַט די זעלבע פאַקטישע רעכט — רעכט אין לעבן ניט בלויז אויפן פאַפיר — ווי די קריסטן, וואָלט אָט די ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד געוואָרן אָפּגעדרוקט ווי די רעליגיעזע ווערק פון די אַנדערע רעליגיעס. ביי דער איצטיקער לאַגע, בלייבט דאָס אין כתב־יד.

עס איז דאָ אַ וואָרט אין תלמוד, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין נאָמען פון רבי יהושע בן לוי (סוטה, ל״ח, ע״ב), אַז אפילו אַן אייזערנער פאַרהאַנג קאָן ניט אָפּשיידן דאָס יידישע פאָלק פון זייער פאָטער אין הימל. דאָס פּאַסט זיך היינט אַזוי גוט ווי עס האָט זיך געפּאַסט מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק, ווען דאָס איז צום ערשטן מאָל געזאָגט געוואָרן. ניט נאָר געפינען זיך היינט יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האַלטן זיך מיט אַלע כוחות אין דעם גלויבן פון זייערע עלטערן און וועלן גיין ביז מסירת־נפש כדי דאָס איבערצוגעבן ווייטער צו זייערע קינדער, נאָר עס עקזיסטירט נאָך אויך אַזעלכע יידן, תלמידי חכמים, וואָס לעבן זיך גייסטיק אויס מיטן לערנען תורה, און דריקן אויס זייער שעפערישקייט אין די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון די רעליגיעזע ווערק.

כל זמן עס האָבן נאָך עקזיסטירט פּריוואַטע דרוקערייען אונטערן סאָוועטישן רעזשים, דאָס הייסט ביזן יאָר 1928, זיינען נאָך דערשינען רבנישע ספרים. פון דעמאָלט אָן האָט קיין איינציק ספר זיך ניט באַוויזן, הגם דאָס איז ניט פאַרבאָטן דורכן געזעץ; די פּעריאָדישע שריפטן פון די אַנדערע רעליגיעס אַנטהאַלטן טעאָלאָגישע און האָמילעטישע אַרבעטן. עס זיינען נאָך דאָ למדנים, וואָס לערנען מיטן עולם נאָכן דאַוונען אַ בלאַט גמרא אָדער אַ פּרק משניות, צי אַן אַנדער ספר. און פאַראַן צווישן די למדנים, צי זיי פונקציאָנירן ווי רבנים צי ניט, אַזעלכע וואָס טוען ווי די יידישע שרייבער האָבן געטאָן במשך די דרייצן יאָר ווען קיין יידיש וואָרט איז ניט געדרוקט געוואָרן — זיי שרייבן פאַר זיך און פאַר די אַנדערע למדנים צווישן זייערע פריינד, מיט אַ קנאַפּער האָפענונג, אַז דאָס וועט דערזען ליכטיקע שיין.

וויפל אַזעלכע ספרים און כתבי־יד עס זיינען איצט פאַראַן אין ראַטן־פאַרבאַנד, קאָן מען ניט וויסן, ווי מען קאָן ניט וויסן וויפל וועלטלעכע יידישע ווערק עס זיינען געשאַפן געוואָרן זינט דעם יאָר 1948. אָבער אַז עס עקזיסטירן מאַנוסקריפּטן פון רעליגיעזע ספרים קאָן קיין ספק ניט זיין. איך אַליין ווייס וועגן עטלעכע, אַנדערע וויסן וועגן מער. טיילן פון אַזעלכע שאַפונגען זיינען דערשינען אין אויסלאַנד. און דאָס פאָדערט אַ געוויסע דערקלערונג פאַר די, וואָס זיינען מיט דעם ענין ניט באַקאַנט.

פאַראַן אַ זשאַנער אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „פראַגעס און ענטפערס" — „שאלות ותשובות". דער מחבר נעמט באַטראַכטן אַ פראַגע, מיט וועלכער איינער האָט זיך צו אים געווענדט, אָדער ער אַליין האָט זיך אָנגעשטויסן דערויף, — אַ פראַגע וואָס רירט אָן דעם יידישן דין. איידער ער גיט זיין אייגענעם ענטפער, ברענגט ער צונויף די פאַרשיידענע

מקומות אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור, וואָס קאָנען האָבן אַ שייכות צו דער פראַגע; ער אַנאַליזירט די מעגלעכע ענטפערס אויף דער פראַגע, און ער מאַכט זיין אייגענעם אויספיר דערפון. אַ מאָל ווענדט זיך דער מחבר צו אַן אַנדער רב, אָדער צו אַנדערע רבנים, כדי צו הערן זייער מיינונג איידער ער גיט אַרויס זיין תשובה; אַ מאָל שיקט ער צו צו אַן אַנדער רב די פראַגע צוזאַמען מיט זיין ענטפער, כדי צו הערן וואָס יענער האָט דערויף צו זאָגן. מיט דער צייט ווערט דאָס אָפּגעדרוקט אין אַ ספר. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור באַשטייט פון ווערק פון אַט דעם זשאַנער.

די פראַגעס, וואָס ווערן באַטראַכט אין די „שאלות ותשובות" קאָנען אַ מאָל זיין דורכויס אַבסטראַקטע, טעאָרעטישע, וואָס האָבן מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט קיין שום שייכות ניט. עס קאָן זיך, למשל, האַנדלען אין געוויסע צערעמאָניעס אין פאַרצייטיקן בית המקדש. מייסטנס אָבער קומען די שאלות פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און זיי זיינען פּראָבלעמען פון היינטיקן פרומען ייד, וואָס וויל אָפּהיטן יידישקייט אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען. דערפאַר האָט אַט דער טייל פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, די „שאלות ותשובות", אַלע מאָל געהאַט אַ גרויסן באַטייט פאַרן יידישן היסטאָריקער. לויט דעם ווו דער שוך האָט געקוועטשט, האָט מען געקענט זען וואָסערע שיך מען האָט געטראָגן.

שוין אַט די מוסטערן פון די סאָוויעטישע „שאלות ותשובות" דערציילן אַ סך וועגן דעם לעבן פון די סאָוויעטישע יידן. מען דאַרף נאָר אָפּשטעלן אויף אַ מאָמענט די אויפמערקזאַמקייט פון רעליגיעזן פּראָבלעם צו די סאָציאַלע באַדינגונגען. אָבער ניט צו דעם האָבן געצילט די מחברים פון די „שאלות ותשובות". זייער אינטערעס איז געווען, ווי ביי די מחברים פון מיט לאַנגע הונדערטער יאָרן פריער, לויטער רעליגיע, אמונה, תורה. עס איז ניטאָ, ניט אין די „שאלות ותשובות" און ניט אין דרשות פון רבנים, וואָס זיינען דערגאַנגען קיין אויסלאַנד, עפּעס אַ שמץ פון אַן אויסדרוק, וואָס וואָלט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַנטי־סאָוויעטיש. פאַרקערט, מען קאָן באַמערקן ווי אַט די אָרעמע, פאַרוואָרלאָזטע, פאַרפאַלגטע רבנים זוכן אַ וועג צוצופאַסן די יידישע אמונה צו די נייע סאָוויעטישע באַדינגונגען, ניט זיך צו שטעלן קעגן זיי. אָפּט מאָל דערשיינען זיי גאָר דעמאָנסטראַטיוו מיט זייער סאָוויעטישקייט. איין רב, למשל, ענדיקט זיין תשובה מיט דער באַמערקונג: „און לאָמיר פאַרענדיקן מיט עפּעס גוטס — זאָלן אָפּגעווישט ווערן די נעמען

פון די פאַשיסטן פון אַלע מינים, די שונאים פון ייִדנטום און פון דער גאַנצער מענטשהייט. זאָל לעבן דער וועלט־שלום!״ אין אײן דרשה צו שבת־תשובה פירט דער רב אויס, אַז תשובה באַטייט מאַכן ביי זיך אַליין דעם באַלאַנס וויפל גוטס דער מענטש האָט אָפּגעטאָן און וויפל שלעכטס, און ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער, אַז דער מענטש דאַרף זיך אַליין פרעגן צי ער האָט גענוג געטאָן פאַרן וועלט־שלום...

די סאָוויעטישע רבנים באַווייזן, אַז זיי ווילן לעבן מיטן סאָוויעטישן רעזשים. טאָ פאַר וואָס זאָל דער סאָוויעטישער רעזשים זיי ניט לאָזן לעבן ווי רבנים? פאַר וואָס זאָלן זיי מוזן זיך שטיקן מיט זייערע כתבי־יד? פאַר וואָס זאָלן זיי ניט האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די ספרים אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא? אויב עס איז ניטאָ קיין סיבה אונטערצודריקן די וועלטלעכע ייִדישע קולטור, קאָן דאָך אַוודאי ניט זיין קיין סיבה פאַרן חרם אויף דער רעליגיעזער ייִדישער קולטור. דאָס האָט דאָך אַפילו ניט צו טאָן מיט „נאַציאָנאַליזם״ און אויך ניט מיט דער מדינה ישראל. עס האָט צו טאָן נאָר מיטן ייִדישן גאָט און זיין תורה. און אַנדערע רעליגיעס האָבן דאָך יאָ די מעגלעכקייט אויסצודריקן אין שריפט זייערע טעאָלאָגישע געדאַנקען.

אויף אָט דעם געביט ווערט אויך היינט געשאַפן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ייִדן למדנים, רבנים און ניט־רבנים, עוסקן זיך מיט אַזעלכע פּראַגעס און ענטפערס, און ווענדן זיך צו אַנדערע רבנים כדי צו הערן אַ מיינונג. געוויסע פון זיי זיינען דערגאַנגען צו רבנים אין אויסלאַנד. די מחברים האָבן דאָס געשיקט קיין אויסלאַנד, ווייל דאָרט געפינען זיך היינט די גרעסטע לומדים און דער רב האָט דאָרט אַ פרייען לייכטן צוגאַנג צו דער רעליגיעזער ליטעראַטור. אָבער און ווידער טרעפט מען אָן אויף אַ באַמערקונג אין אַ תשובה פון אַ סאָוויעטישן רב, אַז צום באַדויערן האָט ער ניט די ספרים כדי צו קאָנען געבן זיין אויספירלעכע תשובה. ווערליק די אומשטענדן, איז גאָר אַ חידוש, אַז אָט דער זשאַנער עקזיסטירט נאָך דאָרט בכלל.

אָט איז אַ שאלה און אַ תשובה, וואָס האָט געקאָנט אויפקומען נאָר ביי די היינטיקע באַדינגונגען — אין ראַטן־פאַרבאַנד פון יאָר 1959.

דער סאָוויעט פון אַ שטאָט אין בעסאַראַביע האָט געוואָלט צונעמען די שטאָטישע שול פאַר איר אייגענעם געברויך. דער סאָוויעט האָט פאַרלאַנגט, אַז די ייִדן אַליין זאָלן די שול איבערגעבן. (דעמאָלט וועט דאָס, אַפּנים, ניט הייסן, אַז מען האָט פאַרמאַכט אַ שול!) דער סאָוויעט האָט געדראָט, אַז אויב די ייִדן וועלן ניט אָפּגעבן די שול, וועט ער פאַרווערן די איבעריקע מנינים

אין שטאָט, ווו יידן דאַוונען. האָט זיך פאַר די יידן געשטעלט די פראַגע: איבערגעבן די שול צי ניט? זייער צוגאַנג צו דער פראַגע איז, נאַטירלעך, געווען אַ רעליגיעזער, דאָס הייסט, אַרויסגייענדיק פון יידישן דין.

טייל פרומע יידן האָבן געטענהט, אַז מען טאָר אַליין ניט אָפּגעבן די שול אפילו ווען דאָס זאָל פירן צום פאַרמאַכן די אַנדערע מנינים. זיי האָבן זיך באַזירט אויף אַ משנה אין „תרומות" און אויפן רמב"ם, אין שייכות מיט „קידוש השם". דאָרט ווערט געזאָגט, אַז ווען „געצנדינער" קומען צו יידן און פאָדערן פון זיי אַרויסצוגעבן איין ייד כדי געטויט צו ווערן, אַניט וועלן זיי אויסהרגענען אַלע יידן, טאָרן די יידן ניט אויסטיילן איינעם פון זיך, כדי די איבעריקע זאָלן ווערן געראַטעוועט. נאָר אַלע מוזן באַגעגענען צוזאַמען דעם גורל. דאָס גלייכן, אויב די „געצנדינער" קומען און פאָדערן מען זאָל זיי אַרויסגעבן איין יידישע פרוי צו שענדן, אַניט וועלן זיי שענדן אַלע יידישע פרויען, טאָר מען קיין פרוי ניט אַרויסגעבן. אפילו אפילו ווען עס איז דאָ צווישן די פרויען איינע אַן אויסגעלאַסענע, אַ זונה, טאָר מען זי אויך ניט אַרויסגעבן. (אגב, איז אָט דער מאָראַלישער פּראָבלעם ביי ניט־יידישע באַדינגונגען, באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַ פאַר יאָר צוריק אין אַ פּיעסע וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין אַ ריי לענדער). האָבן אָט די יידן געהאַלטן, אַז דער צוגאַנג דאַרף אויך חל זיין בנוגע דעם אַוועקגעבן די שול, כדי צו ראַטעווען די איבעריקע מנינים.

דער רב, וואָס האָט געגעבן די תשובה דערויף, האָט געהאַלטן, אַז די אַנאַלאָגיע איז ניט קיין ריכטיקע. דאָרט, ביי די „געצנדינער", האָבן זיי דאָך געפאָדערט, אַז די יידן אַליין זאָלן אויסקלויבן דעם קרבן פאַר אַלעמען; זיי גופא, די „געצנדינער", האָבן דעם קרבן ניט אידענטיפיצירט, בעת דאָ האָט דאָך דער סאָוועט אַליין אָנגעוויזן אויף דער שול, און זיי ווייסן ווו די שול איז און זיי קאָנען זי אַליין צונעמען, אָן דער יידישער צושטימונג. דאָס אָפּגעבן די שול איז דעריבער נאָר אַ טעכנישער שריט, וואָס איז דערלאָזבאַר, כדי צו ראַטעווען די אַנדערע מנינים.

נאָך אַ פּראָבלעם איז אויפגעקומען מיט יענער שול: וואָס וועט דער סאָוועט טאָן מיט שול? אויב דער סאָוועט זאָל פון דער שול מאַכן אַ שפּייכלער פאַר עסנוואַרג, באַנוצן זי אויף אַן ענלעכן צוועק, וואָלט דאָס קיין פאַרשוועכונג פון דער שול ניט געווען, אָבער אויב זי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קלוב פון קאָמסאָמאָל, ווי מ'האָט געשמועסט, אָדער אַן אַנדער סאָרט פאַרווייל־פּלאַץ, קאָן דאָך דאָס יאָ זיין אַ פאַרשוועכונג פון הייליקן הויז.

די תשובה פון רב איז געווען, אַז ווי באַלד דער סאָוויעט נעמט איבער די שול אין זיין רשות, זיינען שוין די יידן מער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס עס געשעט מיט דער שול, ווייל זי גייט אַרויס פון זייער רשות. דאָן איז אויפגעקומען אַ דריטע פראַגע: היות דער סאָוויעט ווייסט ניט, אַז מען טאָר אַ שול ניט פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרווייל־קלוב, איז אויב די יידן גיבן איבער די שול צום סאָוויעט העלפן זיי דאָך אים אומדירעקט באַגיין די עבירה, און עס שטייט דאָך געשריבן, אַז פאַרן בלינדן טאָר מען ניט לייגן קיין שטרויכלונג. דערויף איז דער ענטפער פון רב געווען, אַז ווי באַלד דער סאָוויעט באַשטייט פון ניט־יידן, איז דאָס פאַר זיי ניט קיין זינד, און במילא ניט קיין שטרויכלונג.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָוויעטישן יידישן לעבן זיינען אַנדערע שאלות ותשובות, וואָס וואַרפן מער ליכט אויף די פרטים פון לעבן, ווי אויפן יידישן דין. איינע קומט אזש פון אַן אַרבעט־לאַגער אין סיביר.

די פאַרשיקטע יידן האָבן געקאַרטשעוועט אַ וואַלד אויף אויסצולייגן אַ באַן. איז אָנגעקומען סוכות און זיי האָבן געוואָלט זיך אויסבויען אַ סוכה. זיינען זיי געגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון לאַגער אים בעטן, ער זאָל זיי דערלויבן באַנוצן די אָנגעהאַקטע קלעצער, וועלכע זיי וועלן אומקערן צוריק נאָך סוכות. די קלעצער זיינען אָבער געווען צו לאַנג פאַר דער סוכה, האָבן זיי געדאַרפט די קלעצער צעזעגן און זיי פאַרקירצן. אַזוי האָבן זיי געטאָן. נאָך סוכות האָבן זיי אָפּגעגעבן צוריק די צעזעגטע קלעצער. איז אויפגעקומען די פראַגע, צי זיי האָבן דאָ ניט אָפּגעטאָן אַן עבירה? לויטן יידישן דין, איז ווען מען באַרגט עפּעס, מוז מען דאָס אָפּגעבן צוריק אין זעלבן צושטאַנד, און דאָ האָבן זיי אָפּגעגעבן צעזעגטע אַנשטאָט לאַנגע קלעצער.

די תשובה פון רב איז געווען, אַז מען איז דאָ קיין עבירה ניט באַגאַנגען. און ער האָט אָנגעגעבן צוויי טעמים: ערשטנס, האָבן די קלעצער געהערט צו דער ממשלה, וואָס הייסט צו דער באַפעלקערונג פון לאַנד, און אַזוי ווי די יידישע באַפעלקערונג איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, געהערן די קלעצער אויך צו זיי, האָבן זיי דאָס ניט אַנטליען פון אַ צווייטן רשות, נאָר פון זיך אַליין. צווייטנס, איז אפילו ווען עס וואָלט יאָ געווען אַנטליען פון אַ צווייטן רשות, האָבן זיי דאָך ניט אַרויסגעפירט די קלעצער פון דעם לאַגער, וואָס איז דער באַדן פון צווייטן רשות — קומט דאָך אויס, אַז פאַקטיש האָבן זיי גאָרניט אַנטליען.

אַן אַנדערע שאלה האָט געהאַט צו טאָן מיטן בייטן דעם יידישן נאָמען.

דער פּרעגער, זאַלמאַנאָוויץ, אַ ייד פון ליטע, האָט זיך נאָמען געוואָלט בייטן אויף זעלמאַניוס, כדי מען זאָל ניט דערקענען לויט זיין דאָקומענט, אַז ער איז אַ ייד. (ווען איינער בייט דעם יידישן נאָמען — זאָגט דער יידישער דין — איז ווי ער וואָלט געדינט צו עבודה־זרה). דער ענטפער דערויף איז געווען, אַז ווען עס וואָלט געווען אַ גזירה אויף יידן זיך צו שמדן, וואָלט דעמאָלט אַ ייד ניט געטאָרט בייטן דעם נאָמען. דאָ איז אָבער געגאַנגען ניט אין שמד, נאָר ער האָט געוואָלט זיך דערמיט פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישן מצב, גייט דאָס ניט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „עבודה זרה". דאָ קומט אויך אַריין דער ענין פון אָנגעבן אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, און די תשובה דערויף איז וואָז דער עצם ענין נאַציאָנאַליטעט איז אַן אומבאַשטימטע זאַך...

נאָך אַ שאלה: צי מעג מען געבן חופה און קדושין אָן אַ מנין? די שאלה איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס עס געפינען זיך יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס ווילן חתונה האָבן ביי אַ רב לויטן יידישן דין, צי דערפאַר ווייל זיי זענען רעליגיעזע אַליין אָדער זיי ווילן צופרידנשטעלן זייערע עלטערן. זיי זענען אָבער אָנגעשטעלט ביי דער רעגירונג און זיי ווילן ניט שטעלן אין סכנה זייער קאַריערע מיט אַ חופה פאַר אַזוי פיל מענטשן... די תשובה פון רב איז געווען, אַז מען מעג געבן חופה וקדושין אָן אַ מנין, וואָרעם אויב מען וועט מקפיד זיין אויפן מנין, וועלכן אַ סך יידישע יונגעלייט זיך באַנוגענען בלויז מיט אַ ציווילער חתונה. עס איז אָבער יאָ נייטיק צוויי עדות ביים געבן די קידושין.

איך וואָלט געקאָנט ציטירן נאָך „שאלות ותשובות" פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש הן מיט דער פראַגע הן מיטן ענטפער, ווי למשל, אַ שאלה פון יאָר 1958. אַ קעסטל אתרוגים איז אָנגעקומען פון ישראל פאַר סאָוויעטישע יידן אויפן אַדרעס פון מאָסקווער רב. אַ יידישער פּאָסט־באַאַמטער האָט אַרויסגענומען פון קעסטל איין אתרוג און אים איבערגעשיקט צו זיין פאָטער קיין באָברויסק. היות ווי אַ געגנבעטער אתרוג איז פסול, איז די פראַגע געווען צי דער אתרוג אין באָברויסק איז כשר צי ניט. דער ענטפער איז געווען, אַז איידער דאָס קעסטל אתרוגים איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער מאָסקווער קהילה האָט עס נאָך ניט געהערט צו דער מאָסקווער קהילה, עס האָט אויך ניט געהערט צו דער פּאָסט. עס איז געווען אין רשות פון די סאָוויעטישע יידן, און די יידן אין באָברויסק זיינען צו דעם אַזוי באַרעכטיקט ווי די מאָסקווער יידן. אויב אַזוי, איז דאָ ניט פאָרגעקומען קיין גנבה. נאָך שאלות: צי מען מעג צו מנחה אויפרופן צו דער תורה זיבן יידן (אַנשטאָט

דריי) מחמת אין דער פּרי איז ניטאָ קיין מנין, ווייל מענטשן דאַרפֿן גיין צו דער אַרבעט; אָדער צי דער ווייַן, וואָס מען קויפֿט אין דער מלוכהשער קראָם ווערט ניט פּסול דורך דעם אָנריר פֿון עכו״ם. דער ענטפֿער איז, אַז אַ זיסער וויין, וואָס איז געמישט מיט צוקער ווערט ניט פּסול, פּונקט ווי דער וויין, וואָס איז געמישט מיט האָניק ווערט דורך אַזאַ אָנריר ניט פּסול. אָדער נעמט אפילו אַזאַ קליי־ניקייט, ווי די פֿראַגע צי מען מעג אָנשטעלן דעם זייגער לויטן זייגער פֿון דעם ספּאַסקי־טורעם אין קרעמל. (דער אָנפֿרעגער איז דאָ געווען, לויטן אָנגעב, אַ טוריסט). די פֿראַגע אַנטשטייט צוליב דעם, וואָס דער טורעם איז דאָך געווען אַ קירך, און פֿון עבודה זרה טאָר מען ניט הנאה האָבן. די תשובה פֿון רב איז געווען, אַז היינט איז דער ספּאַסקי־טורעם ניט מער ווי אַ מוזיי פֿון אַלטער אַרכיטעקטור. דער רב גיט צו, אַז אפשר איז ניט אַזוי, מחמת ער אַליין איז דאָרט קיין מאָל ניט געווען, אָבער יעדנפֿאַלס האָט מען צום ספּאַסקי־זייגער קיין מאָל ניט געדינט.

אָט די געבראַכטע „שאלות ותשובות" זיינען בלויז אַ מוסטער פֿון אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. יעדע פֿון זיי פֿאַרמאָגט אַ סך לומדות, ברענגט ציטאַטן פֿון תלמוד, פּוסקים, פֿון רמב״ם און דער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור, אַנאַליזירט די ציטאַטן, שאַפֿט אַנאַלאָגיעס, שיילט אויס קאָנטראַסטן און מאַכט אויספֿירן. מ׳האָט דעם איינדרוק, ווי די מחברים וואָלט געגאַנגען מער אין דער תורה גופֿא, אין אויסנוצן די געלעגנהייט דורכצולופֿטערן זייער רעליגיעזע קענטעניש, איידער אין דער עצם לייזונג פֿון פּראָבלעם. נעמט די טראַגעדיע אין אַרבעט־לאַגער אין סיביר: פֿאַרשיקטע יידן, מיטן רב צווישן זיי, אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט אין די טיפֿע סיבירער וועלדער, וויפֿל יידישקייט האָבן זיי דאָרט געקאָנט אָפּהיטן? געוויס האָבן זיי געמוזט אַרבעטן אום שבת, געוויס האָבן זיי ניט געקאָנט אָפּהיטן כשרות, האַלטן יום־טוב, לייגן תפֿילין. טאָ וואָס פֿאַר אַ באַטרעף קעגן דעם אַלעם קאָן עס האָבן, צי זיי גיבן אָפּ צוריק די קלעצער פֿאַר דער סוכה גאַנצע, צי איבערגעזעגטע? האָט דער רב ניט באַגריפֿן ווי קליינלעך דער ענין איז ביי אָט די אומשטענדן? צי האָט ער די געלעגנהייט ניט אויסגענוצט דער עיקר, כדי צו לערנען מיט די אַנדערע יידן אין אַרבעט־לאַגער אַ ביסל תורה? און אפשר איז טאַקע יאָ געווען דעריך אַ רעליגיעזער זין — דער רב אין לאַגער, אַן אַרעסטאַנט אויף קאַטאָרגע, האָט געוואָלט ווייזן דעם רבונו של עולם, אַז ווו ער קאָן, היט ער אָפּ זיינע מצוות, אפילו די קלענסטע...

די ווירטשאפט־פארברעכנס און יידן

פאַראַן אַ פאָלקווערטל, אַז ווו נאָר אַ צרה, גייט דאָס אויס צו יידן. כדי דאָס צו מאַכן נענטער צו דער רעאַליטעט, דאַרף מען דאָס קאָרעגירן אַזוי: „גייט דאָס אויס דער עיקר צו יידן", אָדער „צו יידן מער ווי צו אַנדערע". אָט דאָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר דער נייער צרה אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט די אַזוי גערופענע ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, פאַר וועלכע מען האָט גענומען געבן טויטשטראָף.

אין יאָר 1947 האָט דער הויפּט־פּראָקוראָר פון ראַטן־פאַרבאַנד, ק. פּ. גאָלשעניק, פאַרעפנטלעכט אַ פאָרטראָג וועגן אַ נייעם געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט טויטשטראָף. גאָלשעניק האָט דאָס אַרויסגערוקט ווי אַ געוואַלדיקן אויפטו פון סאָציאַליזם, מיט וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד קאָן זיך איבערנעמען לגבי אַנדערע לענדער. דערביי האָט ער געגעבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער דאָזיקער שטראָף אין רוסלאַנד.

גאָלשעניק האָט ניט אָנגעהויבן מיט דער צאַריצאַ יעקאַטערינאַ די צווייטע, וואָס האָט נאָך מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אָפּגעשאַפט טויטשטראָף, נאָך דעם ווי זי האָט געלייענט באָקאַריאָס ווערק „דעאי דעליטיע דעלע פּענע" (וועגן פאַרברעכן און שטראָף), וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אויפרודער אין אייראָפּע אין יאָר 1764. ער האָט אויך ניט דערמאָנט, אַז אין אַ היפּשער צאָל לענדער פון מערב־אייראָפּע איז טויטשטראָף אין 1947 געווען לאַנג אָפּגעשאַפט. ער האָט זיך סומך געווען אויף די קרימינעלע קאָדעקסן פון רוסלאַנד פון די יאָרן 1845 און 1903, ווו טויטשטראָף איז געווען באַגרענעצט צו אַ קלענערער צאָל פאַרברעכנס ווי אין טייל אַנדערע לענדער, אָבער אונטערן צאַרישן רעזשים האָט די פּאָליציייאיש־מיליטערישע היטער פון רעזשים זיך ווייניק גערעכנט מיט די דאָזיקע באַגרענעצונגען. באַלד ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די מאַכט, האָבן זיי אָפּגעשאַפט טויטשטראָף (26סטער אָקטאָבער 1917). אָבער ווען די קאָנטער־רעוואָלוציע איז געוואָרן אַקטיוו, זיינען די באָלשעוויסטישע פירער געווען געצווונגען צו דערלויבן די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן (ניט דעם ציווילן געריכט) איינצופירן טויטשטראָף, כדי צו באַשיצן

דעם רעזשים. אין ערשטן באָלשעוויסטישן קרימינעלן קאָדעקס פון יאָר 1922 איז יאָ פאַראַן טויטשטראָף, אָבער מיט אַ באַמערקונג, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקער שריט. צום צענטן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין יאָר 1927, איז טויטשטראָף באַגרענעצט געוואָרן בלויז צו פאַרברעכנס קעגן דער מלוכה און מיליטערישער זיכערקייט פון דער מדינה. דאָ האָט גאָלשענין אַדורכגעלאָזט די דאַטע 1932, ווען סטאַלין האָט צוגעגעבן נאָך אַ קאַטעגאָריע פאַרברעכנס, פאַר וועלכע מען קאָן געבן טויטשטראָף — פאַר גנבענען סאָציאַליסטישן אייגנטום ווען דאָס ווערט געטאָן מערערע מאָל און אין אָרגאַניזירטע גרופּעס. אין יאָר 1947 איז טויטשטראָף אין גאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן און פאַרביטן געוואָרן מיט 25 יאָר תפיסה. און דאָס, האָט גאָלשענין געשריבן, באַווייזט די גרויסע הומאַניטעט פון סאָוועטישן רעזשים און זיין גרויסן זשעני סטאַלין.

אין יאָר 1950 איז טויטשטראָף צוריק אַריין אין סאָוועטישן קרימינעלן קאָדעקס. אָבער נאָר פאַר פאַרברעכערס קעגן דער זיכערקייט פון דער מלוכה, ווי פאַררעטער, שפּיאָנען, און אַזעלכע וואָס ווילן אונטערגראָבן די מלוכה. אין פעברואַר 1956, ווען כרושטשאָוו האָט אויפגעדעקט די סטאַלינישע פאַר־ברעכנס, איז געקומען אַ ווענדונג צו רעווידירן דעם קרימינעלן קאָדעקס. די רעוויזיע האָט געדויערט אַ צוויי יאָר. דער נייער קאָדעקס האָט אָנגענומען אַ מער ליבעראַלן כאַראַקטער. אַלע פאַרברעכנס זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין פינף קאַטעגאָריעס, קעגן מלוכה און שלום, קעגן פּאָלקס־אייגנטום און סאָציאַ־ליסטישערווירטשאַפט, קעגן מיסברויך פון דער יורידישער גערעכטיקייט, פאַרברעכנס קעגן יחידים און קעגן מיליטערישן געזעץ. געהיימע פּראָצעסן זיינען פאַרבאָטן געוואָרן, די העכסטע תפיסה־שטראָף איז באַשטימט געוואָרן אויף צען יאָר. בלויז אין גאָר ערנסטע פאַרברעכנס קאָן זי דערגריין ביז פופצן יאָר.

וואָס שייך טויטשטראָף, האָט דער דעפּוטאַט פּאָליאַנסקי, וואָס האָט דעם נייעם קאָדעקס פאָרגעלייגט פאַרן אויבערראַט, דערקלערט: „די סאָוועטישע מלוכה איז נאָך אַלץ געצוווּנגען אויפצוהאַלטן אַזאַ שטרענגע מאָס פון באַשטראָפונג ווי טויטשטראָף. אָבער די מעגלעכקייט זי אָנצווענדן איז שטאַרק באַגרענעצט אין נייעם טעקסט. אין שלום־צייט קאָן אַזאַ שטראָף געגעבן ווערן נאָר פאַר אַזעלכע שווערע פאַרברעכנס ווי פאַרראַט פון פאָטערלאַנד, שפּיאָנאַזש, דיווערסיע, טעראָריסטישע אַקטן און מאָרד מיט פרעמידיטאַציע ביי ספּעציעל באַשווערנדיקע באַדינגונגען און באַנדיטיזם״. פאַר דער קאַטע־

גאַריע פון פאַרברעכנס קעגן פאָלקס־אייגנטום און דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט פיגורירט ניט קיין טויטשטראָף.

זינט מאַי 1961 זיינען צוגעקומען נאָך זיבן פאַרברעכנס, פאַר וועלכע עס קאָן געגעבן ווערן טויטשטראָף. איינער, פאַר אַ געוויסער קאַטעגאָריע פון פאַרגוואַלטיקן פרויען, צוויי פאַר אָנפאַלן אויף פּאָליציי און טורמע־אויפזעער און פיר פאַר פאַרברעכנס קעגן פאָלקס־אייגנטום, וואָס האָט אין אויסלאַנד באַקומען דעם נאָמען „ווירטשאַפטלעכער פאַרברעכן". דאָס הייסט, מען האָט איינגעפירט טויטשטראָף פאַר גנבענען מלוכהשן אָדער קאָלעקטיוון אייגנטום, ספּעקולירן מיט וואַלוטע, פאַבריצירן אָדער פאַרשפּרייטן פאַלש געלט און געבן אָדער אַרויספּרעסן כאַבאַר. דאָ איז מען געגאַנגען אַזוי ווייט ביז אויסטיילן אָט די שטראָף אפילו „עקס־פּאָסט־פאַקטאָ", דאָס הייסט, פאַר פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן איידער דער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן — אַ זאַך, וואָס איז בפירוש פאַרבאָטן לויטן קאָדעקס פון יאָר 1958.

נאַטירלעך האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אין אויסלאַנד. אין דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט איז שוין לאַנג אָנגענומען, אַז אייגנטום, גרויס צי קליין, פּריוואַט אָדער מלוכהשס, קאָן ניט געשטעלט ווערן העכער פון מענטשן, און אייגנטום־רעכט קאָן ניט אַוועקנעמען מענטשלעכע רעכט. פון טויטשטראָף איז אָפּגערעדט. פאַראַן לענדער אין מערב, ווו אפילו פאַר מאָרד ווערט ניט געגעבן קיין טויטשטראָף, און אין יענע לענדער, ווו מאָרד ווערט באַשטראָפט מיט טויט, וואַקסט אויך די איבערצייגונג, אַז נעמען אַ לעבן פאַר לעבן איז צו פּרימיטיוו און צו ברוטאַל פאַר אונדזער צייט. אומברענגען אַ מענטש פאַר אַ פאַרברעך קעגן פּריוואַט־אייגנטום, צי פאָלקס־אייגנטום, איז קעגן דעם געוויסן פון מאָדערנעם מענטשן. געשיכטלעך האָט אַזאַ שטראָף פאַר פאַרברעכנס ניט עקזיסטירט אַפילו אין דער פּרימיטיווער וועלט. בלויז אין אַ געוויסן פּעריאָד אין מיטלאַלטער האָט מען דאָס פּראַקטיצירט. דאָס מיטלאַלטערלעכע ענגלאַנד איז אין דעם פּרט געווען די ערגסטע מדינה — פאַר אַן ערך 200 פאַרברעכנס האָט מען דאָרט געקאָנט געבן טויטשטראָף, אפילו פאַר גנבענען צוויי שעפּסן. — אָבער אין ענגלאַנד איז שוין איבער הונדערט יאָר ניטאָ קיין זכר פון יענער געזעצגעבונג. און אויב עס געפינט זיך יאָ אַ ווינקל אין דער מערב־וועלט, ווו עפּעס אַזוינס איז פאַרבליבן אין די געזעצביכער, געהער דאָס צו דער קאַטעגאָריע פון טויטע געזעצן. ניטאָ דער מענטש אין מערב, וואָס זאָל געדענקען, צי האָבן געהערט פון זיינע

עלטערן, אַז מען האָט וועמען פאַרמשפּט צום טויט פאַר אַ פאַרברעכן קעגן אייגנטום.

און דאָ קומט אַ מדינה, וואָס פּרעטענדירט אויפן לעצטן וואָרט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, און שטעלט אריין אין איר געזעצבוך אָט דאָס ברוטאַלע שטיק מיטלאַלטערלעכקייט, אַז אייגנטום האָט אַ גרעסערן ווערט ווי דעם מענטשנס לעבן!

ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס זיינען ניט קיין נייעס ביי דער סאָוויעטישער מאַכט; ניט נעכטן זיינען זיי אויפגעקומען, זיי זיינען אַלע מאָל געווען ברייט פאַרשפּרייט — מען קאָן זאָגן, אַז זיי זיינען געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג פון סאָוויעטישן סיסטעם. די סיבות דערפון זיינען צו טיף איינגעוואָרצלט אין די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, און נאָך מער אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסגעראָטן ווערן מיטן אומברענגען צופעליקע באַשולדיקטע. ניט מיט תליות האָט דאָס אַלטע ענגלאַנד זיך אויסגעלייזט פון דער גנבה־פּלאָג, נאָר דורך ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די מאַסן און פון אַלגעמיינעם סאָציאַלן קלימאַט.

נעמט דעם האַנדל מיט וואַלוטע. איז דען ווען געווען אַ צייט ווען דאָס האָט ניט עקזיסטירט אין ראַטן־פאַרבאַנד? האָט דען די „גע־פּע־או", אונטער די פאַרשיידענע נעמען, וואָס זי האָט געטראָגן, דען ניט געוווּסט יעדן ריר און קער פון אויסלענדער אין לאַנד? און וואָלט די „גע־פּע־או" דאָס ניט געקאָנט אויסראָטן, אויב זי וואָלט עס געוואָלט טאָן? דער מסחר אין דאָלאַרן איז געשטיגן און געפאַלן לויטן באַדאַרף, און לויט דעם, ווי דער „אַפּאַראַט" האָט געוואָלט צו דעם דערלאָזן. איך געדענק אַ רייזע איבער דער וואָלגע אין יאָר 1934. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי געוויסע שטעט און די טוריסטן האָבן געהאַט אַ האַלבן טאָג אויף אָנצוקוקן די שטאָט. אויף איין אָרט האָט אַ יידענע אין מיטן מאַרק געגרופן צו מיר פון דער ווייטנס אויפן קול: „אַמעריקאַניעץ, איר האָט דאָלאַרן?" קעגנאיבער דעם מאַרק זיינען געשטאַנען מענטשן פון דער „גע־פּע־או". מען האָט זיי געקאָנט דערקענען לויט די צייכנס אויף די אוניפאָרמען, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געטראָגן. האָב איך געזאָגט צו דער יידענע: „מומע, אָט שטייט דאָך דאָרט די ,גע־פּע־או׳!" האָט זי מיר געענטפערט, „כ׳האָב זיי אין דר׳ערד!" און זי האָט זיי געמוזט האָבן אין דער ערד, אַניט וואָלט זי דאָס געוואָגט צו טאָן? אפשר האָט זי זיי געגעבן אַ חלק? און מעגלעך גאָר, אַז די „גע־פּע־או" האָט געהאַט אַן אָנזאָג ניט צו שטערן אין דעם עסק, מחמת דעמאָלט האָבן נאָך

עקזיסטירט די „טאָרגסין"־קראָמען, ווו מען האָט געקאָנט קויפן נאָר פאַר גאָלד און וואַלוטע, איז וואָס מער דאָלאַרן עס וועלן בלייבן אין לאַנד אַלץ מער ווערט פון דעם דערגיין אין „טאָרגסין". אין יאָר 1959 האָט מען אייך פונקט אַזוי אָפּן פאַרגעשלאָגן צו קויפן דאָלאַרן אין קליינעם גאָרטן ביים מעטראָפּאָל־האָטעל און ביים באָלשאָי־טעאַטער, אַ פּאָר גאַסן ווייטער. אויפן רויטן פּלאַץ ביים קרעמל איז געווען אַ ריכטיקער וואַלוטע־מאַרק. האָט דאָס געקאָנט געשען, אַז די געהיים־פּאָליציי זאָל פון דעם ניט וויסן? ווי האָט זי געקאָנט ניט וויסן? זי איז דאָך געשטאַנען דערביי, און זי איז דאָך, לכל־הפּחות געוויסע טוריסטן נאָכגעגאַנגען ווי די שאָטנס. פאַר וואָס האָט זי דאָס ניט ליקווידירט?

דער האַנדל מיט דאָלאַרן איז פאָרגעקומען די גאַנצע צייט ביי דער פּאַקטישער טאָלעראַנץ פון דער פּאָליציי. אויך היינט וואָלט דאָס די פּאָליציי לייכט געקאָנט ליקווידירן. אפילו היינט ווערט געהאַלטן אַן אויג אויף די גאַסן און אויף די אויסלענדער אין די גאַסן. צו וואָס זשע כאַפּן עמעצן און שיסן אים פאַרן האַנדלען מיט דאָלאַרן? ער איז דאָך געווען בלויז אַ שרייפל פון אַ מאַשין, קאָן מען דאָך די מאַשין גופא לייכט צעגעמען. און אויב די מאַשין בלייבט, וואָס קאָן שוין די ברוטאַליטעט העלפן? אַגבֿ, אין יאָר 1959 זיינען די הענדלער מיט וואַלוטע געווען ניט קיין יידענעס, און ניט קיין יידן מיט בערד, ווערמען מען האָט לעצטנס פאַר דעם געשאָסן, נאָר דווקא בלאָנדע יונגעלייט, ניט־יידן, וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט פאַר סטודענטן.

אָדער לאָמיר נעמען די גנבֿות און שווינדלערייען אויף די ווירטשאַפט־לעכע אונטערנעמונגען. אויך זיי זיינען פאָרגעקומען די גאַנצע צייט זינט די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט עקזיסטירט. יעדער, וואָס האָט באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אין אַלע צייטן, אויב ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען אינטים מיט מענטשן אין אונטערנעמונגען, האָט ער באַקומען דעם איינדרוק, אַז „אַלע גנבֿענען". נאַטירלעך, „אַלע" איז אַ גוזמא: ניט אַלע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו גנבֿענען, און ניט אַלע זיינען געווען אַזוי אומערלעך צו קאָנען עס טאָן. אָבער ס'איז געווען גענוג גנבֿה אַרום און אַרום, עס זאָל זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז „אַלע גנבֿענען". דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס אויב דער סאָוויעטישער מענטש האָט געהאַט צוטרוי צו אייך, האָט ער אייך אָפן דערציילט, אַז ער גנבֿעט, אָן דער מינדסטער בושה, אָן אַ געפיל פון חטא אָדער שולד. און האָט איר אים אָנגעוויזן, אַז דאָס איז גנבֿה, איז דער ענטפער געווען: אָדער, אַז דאָס געזעץ איז אַזוי

אומרעאַל, אַז אַנדערש קאָן מען ניט פירן די אונטערנעמונג, אָדער, אַז אַנדערש קאָן מען ניט אויסקומען, מען מוז גנבענען, כדי צו קאָנען עקזיסטירן — ווידער אַ מאָל אומרעאַל, דאָס מאָל דער געהאַלט אין פאַרגלייך מיט די פרייזן אויף די באַדערפעניש, אָדער וואָס עס ווערט באַטראַכט פאַר באַדערפעניש.

אין יאָר 1946 האָט מיר אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק אַזוי דערקלערט זיין „ווירטשאַפטלעכן פאַרברעך". למשל, ביי אים אין דער פאַבריק צעברעכט זיך אַ שויב. לויט דער „סטאַווקע", אָפיציעלער פרייז, הייסט דאָס, דאַרף ער זי לאָזן אריינשטעלן פאַר דריי רובל. מער פאַר דער שויב טאָר ער ניט צאָלן. אָבער קיינער וועט ניט אַריינשטעלן אַ שויב פאַר דריי רובל. דאָס איז קיין געלט ניט. דאַרף מען דעם גלעזער געבן צען רובל, און אַ מאָל מער. איז וואָס טוט מען? שטעלט מען אַריין אין חשבון, אַז ניט נאָר די שויב איז געווען צעבראָכן, נאָר אויך דאָס פענצטער און אַ שטיק וואַנט. דאָס קאָסט שוין לויט דער „סטאַווקע" 150 רובל (אין דער ווירקלעכקייט וואָלט דאָס געקאָסט אַ סך מער). טאָן טוט מען ניט מער ווי אַריינשטעלן די שויב, און דעם גלעזער גיט מען 15 רובל. דאָס איבעריקע צעטיילט מען צווישן די, וואָס מוזן וויסן וועגן דעם. און עס זיינען דאָ ענלעכע זאַכן צו דעם.

אין יאָר 1959 איז די סאָוויעטישע ווירטשאַפט ריזיק אויסגעוואַקסן אין פאַרגלייך מיט צען יאָר פריער. איז במילא דער פאַרנעם פון די עקאָנאָמישע פאַרברעכנס אויך גוואַלדיק געוואַקסן. עס איז אויפגעקומען אַ שוואַרצער מאַרק ניט נאָר אין פאַרקויף פון פּראָדוקטן, נאָר אויך פון פּראָדוקציע, און דער שוואַרצער מאַרק איז טעטיק כמעט פאַראַלעל מיטן לעגיטימען מאַרק, און אָפט מאָל גייט אָן אַ האַנדל צווישן די צוויי מערק.

מען שטויסט זיך אָן אויף די פאַרשיידנסטע מאַכינאַציעס. למשל, מען גיט אָן אַ קלענערע פּראָדוקציע־פּאָטענץ, כדי צו באַקומען אַ נידעריקע נאָרמע, דערנאָך פּראָדוצירט מען איבער דער נאָרמע — כדי צו באַקומען די ספּעציעלע פּרעמיעס; מען פעלשט די ביכער, כדי צו ווייזן, אַז מען האָט פּראָדוצירט מער ווי מען האָט אין דער אמתן פּראָדוצירט, און מען באַקומט דאָס געלט דערפאַר. אָדער פאַרקערט, מען פּראָדוצירט מער ווי מען גיט אָן אין די ביכער, כדי מען זאָל דעם איבערבלייב פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק; מען פּראָ־דוצירט צווייטע קאַטעגאָריע סחורה און מען גיט דאָס אָן פאַר ערשטער קאַטעגאָריע, אָדער פאַרקערט: ערשטע קאַטעגאָריע סחורה פאַרשרייבט מען אין די ביכער ווי צווייטע קאַטעגאָריע, און מען פאַרקויפט עס דערנאָך פאַרן פרייז פון ערשטער קאַטעגאָריע — אויפן שוואַרצן מאַרק; מען קויפט אויף

געגנבנעטע רוישטאָפן אויפן שוואַרצן מאַרק, מען פּראָדוצירט עס אין אַ לעגי־טימער פאַבריק, און דערנאָך פאַרקויפט מען עס אויפן שוואַרצן מאַרק, אָדער אין אָפיציעלן פאַרקויף. עס זיינען געווען פאַלן, ווען אַ פאַבריק האָט געמוזט קויפן רוישטאָפן אויפן שוואַרצן מאַרק און צאָלן אַ העכערן פּרייז, מחמת אויף אַן אָפיציעלן אופן האָט מען דעם רוישטאָף ניט געקאָנט באַקומען.

אין אָט די אַלע מאַניפּולאַציעס מוזן זיין פאַרמישט אַ ריי מענטשן, וואָס זיינען באַטייליקט אין די פאַרשיידענע פּראָדוציר־צווייגן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם. די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט האָט באַשאַפן אַ קאָלעקטיוון עקאָנאָמישן פאַרברעכן־סיסטעם. אָבער אויך די קליינע ווירטשאַפט אָדער אינסטיטוציע איז ניט פריי פון ענלעכן פאַרברעך אָדער קאָרופּציע. עס זיינען שוין געווען פאַלן פון צאָלן כאַבאַר, כדי אָנגענומען צו ווערן אין אַן אוניווער־סיטעט, און אין געוויסע פאַלן איז עס געוואָרן אַזוי סיסטעמאַטיזירט, אַז עס איז דערגאַנגען צו אַ פעסטגעשטעלטן פּרייז פאַר אַ באַשטימטן פאַקולטעט.

פון וואַנען קומען אַזעלכע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געדאַרפט זיין פריי פון זיי? פון וואַנען נעמען זיך אָט די ערגסטע פּלאָגן פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אין לאַנד פון סאָציאַליזם?

אפשר איז דאָס נאָך אַ ירושה פון „נעפּ", אפשר קומט דאָס פון דער כראָנישער דחקות. דער אַרבעטער, דער אָנגעשטעלטער, האָט קיין מאָל ניט געהאַט גענוג פאַר זיינע באַדערפעניש, איז ווי עס טרעפט אויך אין אַנדערע געזעלשאַפטן, זוכט דער טיכטיקער מענטש אַן עקסטרע פאַרדינסטל, ערלעך צי אומערלעך. געוויס ווירקט דאָ די אומגלייכקייט אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, דער מהלך צווישן גרויסן פאַרדינער און קליינעם פאַרדינער, צווישן לוקסוס וואָס איז היינט מעגלעך צו האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און צווישן דעם, וואָס דער מאַסע־מענטש קאָן קויפן פאַר זיין פאַרדינסט. דער קליינער פאַרדינער האָט טאַקע היינט אַ פיל בעסער לעבן ווי אַ מאָל, אָבער זיין השגה איז געוואַקסן נאָך גרעסער, ער האָט צו פיל געזען ווי אַנדערע לעבן — מענטשן פון זיין אייגענעם קלאַס אין אויסלאַנד, און די הויכע שיכט אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא. בפרט, ווען די לעגאַליזירטע שטרעבונג איז צו אַ בעסער, באַקוועמער לעבן, און ניט צו אַן אַבסטראַקטן אידעאַל, ווי אין די ערשטע יאָרן פון רעוואָלוציע. אָבער קודם כל, דוכט מיר, קומט דאָס פון דעם, וואָס דער סאָוויעטישער מענטש אידענטיפיצירט זיך ניט גענוג מיט זיין אייגענער מלוכה און זעט ניט אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט — זיין אייגענע. אין אַמעריקע איז אָט די אידענטיפיצירונג שטאַרקער. אפילו ביים

אַרויסדרייען זיך פון צאָלן דעם פולן שטייער, וואָס ווערט אַזוי ברייט פּראַק־טיצירט, איז ביים אַמעריקאַנער פאַראַן מער שולד־געפיל לגבי דער מלוכה אָדער מדינה, און ער וועט זיך מער מיט דעם שעמען, ווי די סאָוויעטישע בירגער האָבן לגבי זייערע עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. די באַציונג פון סאָוויעטישן בירגער צום סאָציאַליסטישן אייגנטום איז כמעט אַזוי נעגאַטיוו ווי די באַציונג צום אַמאָליקן פּראָהיבישן אין אַמעריקע.

ביי אַזאַ שווערן כראָנישן סאָציאַלן פּראָבלעם — וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון טויטשטראָף ?

אַזוי ווי אין פאַל פון האַנדל מיט וואַלוטע, האָט די מלוכה די גאַנצע צייט געוווּסט אויך וועגן די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, וואָס קומען פאָר. אויך דאָ האָט די פּאָליציי ניט געקאָנט ניט וויסן. און די שריט, וואָס זי האָט אָנגענומען קעגן דעם, זיינען געווען מער אַן אַקט פון פאָרמאַליטעט, איידער אַן ערנסטער פּרווו צו מאַכן אַ סוף צו דעם. פון צייט צו צייט האָט מען דאָ און דאָרט וועמען אַרעסטירט, יענער איז אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף און דער עולם האָט דאָס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי דאָס ווערטל איז געגאַנגען: אָדער מען איז געזעסן, אָדער מען זיצט, אָדער מען וועט זיצן. פאַר וואָס די מלוכה האָט זיך צו דעם אַזוי לייכט באַצויגן, איז ניט לייכט צו זאָגן. אַן ענגלישער עקאָנאָמיסט אין מאָסקווע האָט דאָס מיר געפּרווט דערקלערן מיט אַ משל פון אַמעריקע. ביי אייך אין אַמעריקע, האָט ער געזאָגט, זיינען דאָ קראָמען אַן פאַרקויפערס. די סחורה ליגט אויסגעלייגט, דער קונה אַליין זוכט זיך אָפּ וואָס ער דאַרף, און גייט מיט דעם צו דער קאַסע ביים אַרויסגאַנג. עס זיינען פאַראַן שומרים וואָס האַלטן אַן אויג, אָבער דער באַלעבאָס פון קראָם ווייסט, אַז מען קאָן ניט פאַרהיטן, אַז די קונים גנבענען. אָבער עס קאָסט אים ביליקער צו ליידן אַ היזק פון דער עווענטועלער גנבה, איידער אויפצוהאַלטן אַ שטאַב פאַרקויפער. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז די סאָוויעטישע מאַכט האָט געקאָנט האַלטן, אַז עס לוינט צו דערלאָזן גנבענען די וואָס באַווייזן דאָס צו טאָן, איידער געבן אַלעמען אַ גענוגנדיקן לוין, כדי מען זאָל ניט דאַרפן גנבענען. ווי די זאַך זאָל ניט זיין — די מלוכה האָט אַ חלק אין דער שולד פאַר די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס.

וואָלט מען לייכט געקאָנט פאַרשטיין די ווענדונג פון דער מלוכה צו מאַכן אַ סוף צו דער קאָרופּציע אין איר ווירטשאַפט. אָבער עס איז דאָך היפּאָקריטיש צו מאַכן אַזאַ געוואַלד וועגן דעם היינט, ווען נעכטן האָט זי אַליין דערויף געקוקט דורך די פינגער, און דערביי נאָך אַריינפאַלן אין אַזאַ

כלומרשטן מאָראַלישן צאָרן, ביז צו געבן טויטשטראָף דערפאַר. זי האָט דאָך נאָך קיין מאָל ניט געמאַכט קיין אמתן ערנסטן פּרווו אויסצוראָטן די פאַרברעכנס מיט אַנגענומענע ציוויליזירטע מיטלען.

זומער 1962 איז אָנגעקומען די נייעס, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען איין און פערציק מענטשן געגעבן טויטשטראָף פאַר ווירטשאַפט־פאַר־ברעכנס. עס האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס סאָוויעטישע געריכט וועט טאַקע אין דער פּראַקטיק אָנווענדן אָט דאָס באַרבאַרישע שטראָף־מיטל. פּראָמינענטע ליבעראַלן, צווישן זיי מענטשן וואָס זיינען אַלע מאָל געווען פריינדלעך צום ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט. דעם 24סטן יוני 1962 האָט אַ גרופּע באַקאַנטע ליבעראַלן פון 223 פּערזאָן געשיקט אַ פּעטיציע צו דער סאָוויעטישער רעגירונג אָפּצושאַפן טויטשטראָף פאַר עקאָנאָמישע פאַר־ברעכנס. אין דער פּעטיציע האָט זיך געזאָגט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד „איז געבויט געוואָרן אויף פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּרינציפּן, וואָס זייערע באַגרינדער האָבן באַטראַכט דאָס אָפּשאַפן טויטשטראָף פאַר איינער פון די צילן פון אַ גוטער רעגירונג"; אויב אָט די נייע געזעצן וועלן ניט אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן מיליאָנען מענטשן אַנהייבן גלייבן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד „ווערט אייגנטום־רעכט געשטעלט העכער פון מענטשלעכע רעכט". די פּעטיציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ „ווענדונג צו די בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד און צו זיינע אָנפירער, אַז זיי זאָלן דורכקוקן דאָס פּראָבלעם אין ליכט פון זייער אייגענעם ווילזייך, נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט בונטעוועט זיך קעגן צו גרויסע אוממענטשלעכע שטראָפן, פון וועלכע טויט־שטראָף פאַר ווירטשאַפט־פאַרברעכנס איז אַ טרויעריקער ביישפּיל".

צווישן די אונטערשרייבער אויף דער דאָזיקער פּעטיציע האָבן זיך געפונען: נאָרמאַן טאָמאַס, דער אַלטער פאַרערטער פירער פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע און פילמאָליקער קאַנדידאַט אויף פּרע־זידענט, היינט דער ערן־פּרעזידענט פון דער ליגע צו באַשיצן אַרבעטער, און אַ ריי מענטשן, וואָס זיינען פאַרפאָלגט אָדער „פאַרשמירט" געוואָרן אַלס „רויטע". טייל פון זיי האָבן אפילו געהאַט שוועריקייטן ביים באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט צוליב זייער לינקיזם, אָדער קאַמף פאַר שלום, ווי דער וויסנשאַפטלער ד"ר לינוס פּאַלינג, נאָבעל־פּרייז־טרעגער און קעמפער קעגן אַטאָמישער באַוואָפענונג (אין זעלבן טאָג ווען ער האָט געדאַרפט זיין אַ גאַסט אין ווייסן הויז אויף אַ באַנקעט פאַר אַלע נאָבעל־פּרייז־געווינער, האָט ער דעמאָנסטרירט פאַרן ווייסן הויז קעגן די אַטאָמישע פּרוון); ד"ר אָטאָ נאַטאַן,

באַרימטער עקאָנאָמיסט, נאָענטער פריינד פון אַלבערט איינשטיין, און דער ממונה איבער זיין ירושה — אויך אַ באַוווסטער ליבעראַל און פּאַציפיסט; האומער דזשעק, דער דירעקטאָר פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט קעגן באַנוצן אַטאָמישן וואָפן; דזשיימס פעק, דער פירער פון די „פרייהייט־פאָרער" (די וואָס זיינען געפאָרן אין די דרום־שטאַטן צו ברעכן די אויסנאַם־געזעצן קעגן נעגער); דער נעגער־פירער אין קאַמף פאַר נעגער־רעכט, ד"ר מאַרטין לוטער קינג; אַרטור מילער, דער וועלטבאַרימטער דראַמאַטורג, און ענלעכע אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן.

אויך פירנדיקע אַמעריקאַנער גייסטלעכע, באַקאַנטע ווי ליבעראַלן, האָבן געפילט, אַז זיי מוזן אויסדריקן זייער פּראָטעסט. דער פּראָגרעסיווער גייסטלעכער סטיוון פריטשמאַן, פון דער ערשטער אוניטאַרער קירך אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט אונטערגעשריבן די פּעטיציע מיט די אינטעלעקטואַלן; דער פּרעזידענט פון יוניאָן טעאָלאָגישן סעמינאַר (פּראָטעסטאַנטישער) און דער וויצע־טשאַנסעלאָר (דירעקטאָר) פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, צוזאַמען מיטן אַנגעזעענעם גייסטלעכן דזשאָרדזש פאָרד, האָבן פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט־בריוו אין דער „ניו־יאָרק טיימס", (27סטער מאַי 1962), וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „די דאַטע פון 5טן מאַי, ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט לעגאַליזירט לויט איר קאָדעקס דאָס באַצאָלן מיטן לעבן פאַר צונעמען אייגנטום... וועט ווערן אַ טאָג פון טרויער און פּיין איבער דער וועלט, סיידן די געזעצן, וואָס שטעלן פעסט, אַז אייגנטום איז טייערער ווי דאָס מענטשלעכע לעבן, וועלן אָפּגעווישט ווערן. יעדער איינער, וועמען עס אינטערעסירט באמת די רעכט פון מענטשן, קאָן ניט ניט לאָזן הערן זיין שטים אין דעם דאָזיקן ענין".

ווי אַזוי האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד רעאַגירט אויף אָט די אַרויסטריטן?

דער לייטער פון אָפּטייל פאַר קרימינעלן געזעץ ביים אַלסאָוויעטישן אינסטיטוט פון יוריספּרודענץ, באָריס ניקיפאָראָוו, האָט צוגעשיקט אַן ענטפער צו דער „ניו־יאָרק טיימס". אין דעם ענטפער, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 20סטן יולי 1962, האָט ניקיפאָראָוו קודם פאַרריכט צוויי טעותן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע: אַז די פאַרמשפּטע אין ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס האָבן יאָ רעכט צו אַפּעלירן צו אַ העכער געריכט, און אַז פעלשן דאָקומענטן ליגט ניט אונטער קיין טויטשטראָף. וואָס שייך דעם עיקר גופא, האָט ניקיפאָראָוו געזאָגט, אַז טויטשטראָף ווערט געגעבן בלויז אין „שווערע פאַרברעכערישע פאַלן", אָבער ער האָט ניט אָנגעוויזן גענוי, וואָס דאָס קאָן זיין. ער האָט

דורכגעפירט אַן אונטערשייד צווישן פּריוואַט־אייגנטום און סאָציאַליסטיש אייגנ־טום. „דער סאָציאַליסטישער באַזיץ פון די פונדאַמענטאַלע אינסטרומענטן און מיטלען פון פּראָדוקציע שטעלט מיט זיך פאָר דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון סאָוויעטישן סיסטעם און פון אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען ביים סאָציאַליזם... דער וווּקס פון סאָציאַליסטישן אייגנטום און די אָנזאַמלונג פון די פּראָדוקטן פון קאָלעקטיווער אַרבעט העלפן העכערן דעם סטאַנדאַרט פון לעבן פון סאָוויעטישן פאָלק... דער וואָס אייגנט זיך צו מלוכהשן אָדער עפנטלעכן אייגנטום, דער צעשטערט דעם פונדאַמענטאַלן לעבנס־פּרינציפּ פון דער סאָוויעטישער געזעל־שאַפט, און במילא דעם פונדאַמענטאַלן לעבנס־פּרינציפּ פון יעדן סאָוויעטישן מענטשן. דעריבער זאָגט די קאָנסטיטוציע פון ראַטן־פאַרבאַנד, אַז דאָס סאָציאַ־ליסטישע אייגנטום איז הייליק און אומבאַרירלעך״.

דערויף האָט דער גייסטלעכער דזשאָרדזש פאָרד געענטפערט אין דער „ניו־יאָרק־טיימס״ דעם 4טן אויגוסט 1962 מיט די ווערטער:

„אין דער אַמעריקאַנער יוריספּרודענץ איז טויטשטראָף קיין מאָל ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר באַרעכטיקט אפילו אין די שווערסטע פאָרמען פון ווירטשאַפט־פאַרברעכנס. דער נאַציאָנאַלער גאָלד־אוצר אין פאָרט נאָקס געהערט צו אַלע מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּונקט אַזוי ווי מלוכה־אייגנטום אין רוסלאַנד געהער צו די סאָוויעטישע בירגער. אָבער קיינער וואָלט נישט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר גנבענען אַ טייל פון אָט דעם גאָלד, און אפילו דאָס גאַנצע גאָלד. דער חילוק איז דאָ ניט אין דער שטופע, נאָר אין באַגריף פון ווערט... מען קאָן פרעגן: ווי אַזוי האָט י. ג. סוראַראָוו, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר פעלשן געלט, געקאָנט אונטערגראָבן די רוסישע ווירטשאַפט מיט זיינע פאַלשע מטבעות פון פופציקקאָפּיקע־שטיק און רובלס. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרביליקערן דאָס סאָוויעטישע געלט מער ווי די פאַלשע פינף, צען, און צוואַנציק־דאָלאַרדיקע באַנקנאָטן, וואָס די אַמעריקאַנער געלטפעלשער פאַרשפּרייטן אָן דער מורא פאַר טויטשטראָף״.

וואָס שייך דעם רעכט צו אַפּעלירן, האָט דערויף דער גייסטלעכער דזשאָרדזש פאָרד געשריבן: „מיר וועלן ניט צווייפלען אין אַ דערקלערונג פון אַן אויטאָריטעט, אַז אין געוויסע פאַלן קאָן מען אַפּעלירן צום העכסטן געריכט. אָבער אין די פופציק טויטשטראָפן פאַר ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, פון וועלכע מיר האָבן זיך דאָ דערוווּסט, האָבן מיר ניט געהערט קיין איין דערמאָנונג וועגן העכסטן געריכט אין קיין איין פאַל פון זיי... די ווירטשאַפט פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע דעמאָקראַטיעס באַווייזט, אַז אַ מלוכה קאָן פאַרמאָגן פאַרקן, געביידעס,

זאַפּאַסן פון שפּייז און מינעראַלן, שיפן און עראָפּלאַנען, אין ווערט פון מיליאַרדן דאָלאַרן, אומאָפּשאַצלעכע היסטאָרישע אַרכיוון, דענקמעלער און דאָס גלייכן, און דערביי זאָל די מלוכה דערקלערן, אַז אָט דאָס אַלץ איז וויניקער הייליק און אומבאַרירלעך ווי איין מענטשלעך לעבן. דער אונטערשייד אין באַגריף פון ווערט איז דאָ באמת זייער טיף".

אין אַ קאָמפּלעקס פון אַזאַ גרויסן פּאַרנעם, וואָס רירט אָן די סאַמע יסודות פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד — ווי קאָן דאָ אויסוואַקסן אַ יידישע פראַגע? פאַר וואָס זאָל גאָר קומען צו אַ רייד וועגן יידן אין שייכות מיט דעם? וואָס קאָן דאָס האָבן צו טאָן מיט אײנעמס יידישקייט? איז אַ ייד שולדיק, איז ער שולדיק ווי אַ סאָוויעטישער בירגער, ניט ווי אַ ייד, און זיין שטראָף דאַרף זיין די זעלבע ווי ביי די אַנדערע. און דאָך איז דאָ אויפגעקומען אַ יידישער ענין, וואָס האָט באַאומרויקט יידן, און ניט נאָר יידן, אין פאַרשידענע לענדער.

די סאָוויעטישע צייטונגען און ראַדיאָ־אוידיציעס גיבן ניט קיין כראָניק וועגן פאַרברעכנס. אַזעלכע געשעענישן ווערן זעלטן פאַרעפנטלעכט אין די עפנטלעכע אָרגאַנען. אויב יאָ, האָבן זיי תמיד אַ באַשטימטן ציל — אונטערצוטרייבן די לאָקאַלע מאַכט אָנצונעמען מער ענערגישע שריט קעגן דעם, אָדער צו וואָרענען די פּאָטענציעלע פאַרברעכער וואָס עס קאָן זיי דערוואַרטן. די מעלדונג וועגן אַ פאַרברעכן איז ניט אַ געשעעניש, וואָס איז געשען, און דעריבער ווערט וועגן איר געמאָלדן, נאָר איינע פון די געשעענישן, וואָס ווערט ספּעציעל אויסגעקליבן און דראַמאַטיזירט אַזוי, אַז דאָס זאָל אַרויסרופן אַ האַס פון דער באַפעלקערונג סיי צום פאַרברעכן און סיי צום פאַרברעכער. עס האָט דעריבער באַאומרויקט צו זען אַזאַ גרויסע צאָל יידן אין די אויסגעקליבענע דראַמאַטיזירטע פּראָצעסן. קיינעם אין אויסלאַנד איז ניט איינגעפאַלן, אַז אַ ייד וואָס איז באַגאַנגען אַ ווירטשאַפטלעכן חטא, זאָל ניט געמשפּט ווערן לויטן געזעץ, ווי קרום דער געזעץ זאָל ניט זיין, אָדער אַז דער ייד זאָל ניט באַקומען די שטראָף וואָס אים קומט. אָבער ס'האָט אויסגעזען מאָדנע און פאַרדעכטיקט, וואָס צווישן די פאַרברעכער, וואָס ווערן געשטעלט צום שאַנדסלופּ, געפינען זיך אַזוי פיל יידן, און וואָס גראַד יידן שטעלן מיט זיך פאָר די גרויסע צאָל פאַרברעכער, וואָס האָבן באַקומען טויטשטראָף. טוריסטן אין ראַטן־פאַרבאַנד וועלן צוגעבן, אַז די וואָס האָבן זיי אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן רובלס זיינען געווען יונגע בחורים מיט ניט־יידישע פּנימער. אָבער, אַז מען האָט אויסגעקליבן עמעצן, מיט וועמען צו דראַמאַטיזירן דעם וואַלוטע־פאַרברעכן, איז דאָס געווען אַן עלטערער ייד.

נעמענדיק איז באַטראַכט, אַז צוזאַמען מיט אַנדערע אַנטי־סאָציאַלע דערשיינונגען אין לאַנד, איז אויך אַנטשטאַנען אַנטיסעמיטיזם ביי געוויסע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, וואָלט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז די סאָוויעטישע מאַכט זאָל זיך רעכענען מיט דעם ביים אָרגאַניזירן די יורידישע ספּעקטאַקלען פון דיווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס, דאָס הייסט — ניט צו באַטייליקן צו פיל יידן אויף אָט די פּראָצעסן, און ווו דער ייד באַווייזט זיך יאָ, זאָל זיין יידישער אַפּשטאַם דווקא מינימיזירט ווערן. דאָס וואָלט ניט געווען אַזאַ גרויסער חידוש. אַזעלכעס האָט מען געזען אין דער קאַפּיטאַליס־טישער מדינה ענגלאַנד. אין זיינע מעמוארן וועגן צוויטן וועלטקריג („דבר" 7 פעברואר 1964) דערציילט דוד בן־גוריון וועגן יאָר 1941 : „אין קאַיר האָב איך זיך געטראָפן מיט אָליווער ליטלטאָן, וואָס איז פריער געווען מיניסטער פאַר מסחר און דערנאָך מיניסטער פאַרן מיטעלן מסחר אין קאַיר. ווען אין לאָנדאָן האָט מען געפּאַקט אַ היפּשע כנופיא יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק, האָט ער, ווי דער מיניסטער פאַר מסחר, באַפוילן, אַז מען זאָל זיי ניט ברענגען צום פּראָצעס ביז מען וועט ניט כאַפּן אַזאַ כנופיא פון ענגלענדער, מחמת אַניט וואָלט אַזאַ פּראָצעס פון יידן געקאָנט ברענגען אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד".

צום באַדויערן מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז ביי די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען איז פון אַזאַ אויסרעכענונג קיין סימן ניטאָ. די יידישקייט פון אַנגעקלאַגטן ייד ווערט טאַקע בפירוש ניט אָנגעגעבן, אָבער ווען דער נאָמען איז אַ יידישער, מאַכן שוין די אַנטיסעמיטן אַליין דעם אויספיר, אַז ער איז אַ ייד. אין געוויסע טיילן פון לאַנד באַמערקט זיך נאָך אַ טענדענץ דווקא אונטער־צושטרייכן דעם יידישן נאָמען, ווי למשל אָנצוגעבן דעם יידישן נאָמען פון פאָטער צוזאַמען מיטן פולן יידישן נאָמען פון אָנגעקלאָגטן, בעת ביים ניט־יידישן אָנגעקלאָגטן ווערן אָנגעגעבן בלויז די ערשטע בוכשטאַבן פון די צוויי נעמען. אין איין פאַל, ווו דער נאָמען און פאָטערס נאָמען האָט ניט געקלונגען זייער יידיש, איז צוגעגעבן געוואָרן דער עכט־יידישער נאָמען פון זיידן. אין געוויסע פאַלן איז די אַנטיסעמיטישע אָנדייטונג געווען גענוג גראָב. למשל, וועגן איין יידישן אָנגעקלאָגטן איז געווען געשריבן, אַז ער האָט ניט ספּעקולירט מיט וואַלוטע, נאָר געגנבעט סחורה. צו וואָס דערמאָנען דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז ניט באַגאַנגען ? פאַר וואָס זאָל מען פון אים האָבן דערוואַרט, אַז ער זאָל יאָ האַנדלען מיט וואַלוטע ? אין אַן אַנדער פאַל, ווו עס איז געשילדערט געוואָרן אַן אָנגעקלאָגטער מיט אַ יידישן נאָמען, וואָס האָט געהאַנדלט מיט

וואַלוטע, גאָלד, טייערע שטיינער און ווערט־פּאַפּירן, איז געווען צוגעגעבן, אַז „האָבנדיק אָנגעקליבן אַ פאַרמעגן, האָט ער געחלומט צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. עס וואָלט ניט אויסגעמאַכט וווהין — צום ברודער אין ענגלאַנד, צו אַן אַנדער ברודער אין דייטשלאַנד, אָדער צו דער שוועסטער אין ישראל". ווער איז דאָס דער מענטש, וואָס האָט אַ ברודער אין ענגלאַנד, אַ ברודער אין דייטשלאַנד און אַ שוועסטער אין ישראל? איז דאָס ניט אַן עכאָ פון אָנרופן יידן — קאָסמאָפּאָליטן אין די אָמאָליקע סטאַלינישע צייטן?

דעם 12טן אַפּריל 1962 האָט די „איזוועסטיאַ" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון וו. טיקונאָוו, מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים (צו אָט דעם מיניסטעריום געהערט אויך די געהיים־פּאָליציי) פון דער רוסישער סאָוויעטישער סאָציאַליס־טישער רעפּובליק. דער אַרטיקל האָט געדאַרפט אויפקלערן דעם גרויסן שאָדן וועלכן דיווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס ברענגען דאָס לאַנד. טיקונאָוו האָט געבראַכט פאַר אַ ביישפּיל זעקס פאַרברעכערס, און פיר פון די זעקס זיינען געווען יידן. דעם 27סטן יולי 1963, האָט „פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ" פון טאַשקענט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן אַן עקאָנאָמישן פאַרברעכער, אַ ייד, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אַ הויז פאַר געזעלשאַפטלעך געלט. דער אַרטיקל איז פריער דערשינען אין סאַטירישן זשורנאַל „קראָקאָדיל". אין „קראָקאָדיל" איז געווען באַשריבן — אין זעלבן אַרטיקל — דריי עקאָנאָמישע פאַרברעכער, אַ רוס, אַן אוזבעק און אַ ייד. אַלע דריי האָבן זיך אויסגעבויט פּריוואַטע הייזער פאַר געזעלשאַפטלעך געלט, און זיי האָבן באַקומען די געהעריקע שטראָף. אין „פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ" זיינען די טיילן פון אַרטיקל וועגן רוס און איזבעק אַדורכגעלאָזט געוואָרן. אין פאַל פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרברע־כער, וואָס האָבן באַקומען טויטשטראָף, ווערן אויסגערעכנט געוויסע נעמען און נאָך דעם קומט דער צוגאָב „און אַנדערע". דאָס הייסט, אַז מען האָט ניט אָנגעגעבן אַלע נעמען, נאָר אויסגעקליבן געוויסע. צווישן די אויסגעקליבענע נעמען, וואָס האָבן באַקומען טויטשטראָף, האָבן זיך געפונען 38 יידישע, צווישן דער גאַנצער צאָל פון 64 — ביי אָקטאָבער 1962! וואָלט ניט געווען קיין פּניה אין דערמאָנען יידישע נעמען, וואָלטן דאָך אַ טייל פון די יידישע באַשטראָפטע מיטן טויט געקאָנט בלייבן ניט דערמאָנט אין דער קאַטעגאָריע פון „די אַנדערע".

דעם 13טן מאַרץ 1962 האָט דער בישאָף פון דער עפּיסקאָפּאַלער קירך פון קאַליפאָרניע דזשיימס אַ. פּייק פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט אין דער „ניו־יאָרק טיימס", אין וועלכן ער האָט אַפּעלירט צו דער סאָוויעטישער מאַכט צו

מילדערן די שטראָף פאַר די וואָס האָבן באַקומען טויטשטראָף פאַר ווירטשאַפט־פאַרברעכנס. דערביי האָט ער צוגעגעבן די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„צום ווינציקסטנס צען פון די דרייצן פאַרמשפּטע צום טויט, און די מייסטע פון די, וואָס האָבן באַקומען לאַנגע תפיסה־טערמינען, זיינען יידן. אַ פאַרזיכטיקער באַהאַנדלונג ווי אַזוי די סאָוויעטישע פרעסע האָט באַלויכטן אָט די פאַלן, ווייזט אויף אַ פאַראורטייל לגבי יידן און אויף אַן אָפיציעלן קורס צו באַנוצן די יידן פאַרן שעיר לעזאזל פאַר די אַלגעמיינע סאָציאַלע שוועריקייטן. די סאָוויעטישע פרעסע האָלט אָן און פאַרשפּרייט דאָס טראַדיציאָנעלע אַנטי־סעמיטישע בילד פון ייד „וועמענס איינציקער גאָט איז גאָלד". זי מאָלט די יידן ווי כיטרע, פּרינציפּלאָזע לומפּן, וואָס לויערן אויף ערלעכע האָראָפּאַשנע מענטשן און ציען זיי אָראָפּ דאָס העמד פון לייב. בעת די סאָוויעטישע רעגירונג באַמיט זיך אויסצוראָטן די אומלעגאַלע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן, וואָס זיינען שוין פון לאַנג געוווען פאַרשפּרייט, ווייל זי אָפּוועגדן פון זיך דעם צאָרן פון די מאַסן צוליב דער גרויזאַמקייט פון דער קאַמפּאַניע קעגן די עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. איז וואָס קאָן זיין אַ בעסערער אויסוועג ווי צו באַהאַנדלען מילד די ,אייגענע' און אויסצוטיילן די גרעסטע שטראָף אויף אָנצולערנען אַלעמען — צו די ,פרעמדע', צו די יידן? אָט דער סטערעאָטי־פּישער געברויך פון שעיר לעזאזל איז מיאוס און פאַרדאָרבן אומעטום, און איז אין בפירושן קעגנזאַץ צום בוכשטאַב און גייסט פון דער סאָוויעטישער אידעאָלאָגיע און געזעץ".

אויף בישאָף פּייקס בריוו אין דער „ניו־יאָרק טיימס" איז אין דער זעלבער צייטונג געקומען אַן ענטפער פון מיכאיל סטראַגאָוויטש, קאָרעספּאָנ־דענט־מיטגלידער פון דער אַלסאָוויעטישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מאָסקווע. סטראַגאָוויטש האָט באַצייכנט בישאָף פּייקס באַהויפּטונגען אַלס „ניט פאַרקריפּלונגען, נאָר פּראָסט און פּשוט — רכילות". ער האָט זיך פאַררופן אויף דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע און געזעץ, וואָס זיינען אין אַבסאָלוטן ווידערשפּרוך צו די באַשולדיקונגען פון בישאָף. „די גלייכהייט פון אַלע בירגער, ניט געקוקט אויף דער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, אויף יעדן געביט — עקאָנאָמיש, קולטורעל, אָדער סאָציאַל־פּאָליטיש איז אַ פעסט געזעץ אין ראַטן־פאַרבאַנד און איז גאַראַנטירט אין דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע. פריידיקן ראַסע־ אָדער נאַציאָנאַלע העכערקייט, אָדער האַס און פאַרמינדערן און פאַרשוועכן נאַציאָנאַלע אָדער ראַסע־גלייכקייט שטעלט מיט זיך פאַר אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ פאַרברעכן קעגן דער מלוכה, און ווערט שטרענג

באַשטראָפט דורכן געזעץ. קיינער אין ראַטן־פאַרבאַנד, אומאָפּהענגיק פון ראַסע אָדער רעליגיע, קאָן ניט אָנערקענט ווערן פאַר שולדיק אין אַ פאַרברעכן און באַשטראָפט ווערן פאַר דעם, סיידן אַ געריכט האָט די שולד באַוויזן. צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זיינען וויכטיקע יידן דערוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַטן צו די הויכע און לאָקאַלע אָרגאַנען פון דער מלוכה. אַ סך יידן פאַרנעמען הויכע אַמטן אין דער רעגירונג און זיי זיינען פּראָמינענטע געלערנטע, קינסטלער, שרייבערס און דאָס גלייכן".

וואָס שייך דער עיקר טענה פון בישאָף פּייק, האָט סטראַגאָוויטש געשריבן: „דער פאַקט, אַז מען האָט פאַרמשפט אַ קליינע גרופּע אַנטי־מלוכהשע פאַרברעכער, גנבים אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב פון עפנטלעכן אייגנטום — צווישן זיי, פּערזאָנען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, איינ־שליסלעך יידן — און זיי באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף, גיט ניט קיין גרונט צו אַ ניט באַרעכטיקטן אויספיר, אַז אָט די מינים פאַרברעכנס זיינען זייער פאַרשפּרייט אין ראַטן־פאַרבאַנד". און דאָ גייט סטראַגאָוויטש אַוועק אין זיין אייגענער פאַנטאַסטישער וועלט: „סאָציאַליזם האָט ראַדיקאַל איבער־פאַרמירט די מענטשלעכע מענטאַליטעט און די געוווינהייטן... פאַרברעכנס זענען אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, שטאַרק געפאַלן און האַלטן ווייטער אין פאַלן... עס ווערט צוגערייט אַ פּלאַן אין גאַנצן אויסצו־ראָטן פאַרברעכנס אין לאַנד..." און דאָס קלעפּט זיך אַזוי צו דער רעאַליטעט אין ראַטן־פאַרבאַנד, לויט די סאָוויעטישע באַריכטן גופא, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

מיכאיל סטראַגאָוויטש לייקנט שטיין און ביין, און ער מאַכט אפילו ניט קיין אָנשטעל צו באַטראַכטן די ספּעציפישע טענות, וואָס אַזוי פיל מענטשן האָבן אָנגעגעבן ווי פאַקטן. ווען סטראַגאָוויטש וואָלט געשטאַמט פון שטאַט מיסיסיפּי, וואָלט ער אָפּגעלייקנט, אַז עס עקזיסטירט די מינדסטע אומגלייכקייט פאַר די נעגער פון זיין שטאַט, און פאַר אַ באַוויז וואָלט ער געבראַכט דעם פערצנטן צוגאָב־פּונקט פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע!

פּראָטעסטן זיינען אויך געקומען פון פאַרשיידענע אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן מיט אַ גרויסן נאָמען אין דער וועלט. הערבערט ה. לעמאַן, געוועזענער גובערנאַטאָר פון ניו־יאָרק, געוועזענער סענאַטאָר פון ניו־יאָרק, און אויך אַמאָליקער דירעקטאָר פון „אונרא", וואָס האָט געהאָלפן שטעלן אַ ריי לענדער אויף די פיס, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין דער „ניו־יאָרק טיימס" (5 יולי, 1962) אין וועלכן ער האָט אָנגעמערקט, אַז „דאָס סאָוויעטישע ווירט־

שאַפט־סיסטעם האָט באַוויזן צו קאָנען עקזיסטירן — ביז מאַי 1961 — אָן אַט די אוממענטשלעכע שטראָפן. אייגנטום־רעכט איז ניט ווייניקער וויכטיק אין אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט, ווי אין אַ קאָמוניסטישער עקאָנאָמיע... אָבער איינס פון די הויפּט־מעלות פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז ביים זינען, איז דאָס אַז זי שטעלט מענטשלעכע רעכט און מענטשלעכן לעבן אויף אַ העכערער און מער הייליקער שטופע ווי אייגנטום־רעכט. איז דען דאָס קאָמוניסטישע סיסטעם גופא ניט געקומען צו דער מאַכט אויף דער באַזע פון דעם דאָזיקן גרונט־געדאַנק ?״

הערבערט ה. לעמאַן האָט אין זיין בריוו געצויגן אויפמערקזאַמקייט צום פּראָצעס אין ווילנע, וועלכן ער האָט באַצייכנט ווי ״כאַראַקטעריסטיש״. ער האָט געשריבן: מענטשן פון מערב, וואָס האָבן דאָרט געוויילט בעתן פּראָצעס און באַלד נאָך אים, האָבן צו וויסן געטאָן, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מאָבי־ליזירט די גאַנצע באַפעלקערונג צו קומען צו דעם, וואָס איז אומעטום באַצייכנט געוואָרן אַלס ״יידישער ספּעקטאַקל־פּראָצעס״. פון אַ סך סאָוויעטישע שטעט קומען אָן באַריכטן וועגן מורמלערייען אין די רייען נאָך עסנוואַרג, אַז די יידן זיינען שולדיק אין דעם, וואָס עס עקזיסטירט אַ דוחק אין פּראָדוקטן... אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט אין דער אמתן געמיינט צו ליקווידירן דעם אַנטיסע־מיטיזם, וואָלטן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט פון די לעצטע, אַזוי גוט ווי די פריערדיקע, אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, כדי צו אָרגאַניזירן אַן ענערגישע אָפענע אויפקלער־קאַמפּאַניע, און אונטערשטרייכן אַז אַנטיסעמיטיזם קאָן ניט געדולדעט ווערן. וואָס פאַר אַן אויפשטייג פון דער מאָראַל ביים אָנגעשראָקענעם סאָוויעטישן יידנטום און וואָס פאַר אַ דערלייכטערונג פאַר דער פאַרזאָרגטער יידישער און ניט־יידישער עפנטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד וואָלט דאָס גע־ווען, ווען די סאָוויעטן וואָלטן אָנגענומען אַזאַ שריט!״

צום באַדויערן, האָבן די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען גאָרניט געטאָן קעגן די שטייגנדיקע אַנטי־יידישע געפילן — וועלכן זיי אַליין אָנערקענען — אין גע־וויסע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבן אַפילו ניט געצוימט די לאָקאַלע באַאַמטע, וואָס באַגייען אָפן אַנטיידישע מעשים. דאָס סאָוויעטישע שווייגן וועגן דעם קלינגט אָפּ איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָטעסטן פון אַזעלכע וועלט־פיגורן ווי עלינאָר רוזוועלט, פראַנסואַ מאָריאַק און מאַרטין בובער. אַ גוט אינפאָרמירטע קאָרעס־פּאָנדענץ פון ראַטן־פאַרבאַנד צום „לאָנדאָן דזשויש קראָניקל״ (23טער מאַרץ 1962) האָט מיטגעטיילט וועגן אַ „געפיל פון פּאַניק צווישן די סאָוויעטישע

יידן צוליב דער לעצטער כוואַליע פון אַזוי גערופענע ווירטשאַפטלעכע פאַר־ברעכנס, און ספּעציעל צוליב די טויטשטראָפן״.

איין קרבן פון אָט די פּראָצעסן, באַשע רעזניצקי, די איינציקע פרוי, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט זינט סטאַלין איז געשטאָרבן, האָט אַרויס־געוויזן אַ גרעסערן מוט ווי די סאָוויעטישע פּירערשאַפט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט אין געריכט און פאַרגעוואָרפן די מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי זוכן יידן צו אַרעסטירן און זיי געבן די שווערסטע שטראָפן, בעת די ליטווינער, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס, גייען אַרום פראַנק און פריי אין די גאַסן.

דעם 1טן מאַרץ 1963 האָבן ביידע וויכטיקע סאָוויעטישע צייטונגען, „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״, אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט אַ בריוו־אויסטויש צווישן ענגלישן פילאָזאָף און פּאַציפיסט, בערטראַנד ראַסעל און ניקיטאַ כרושטשאָוו; בערטראַנד ראַסעלס בריוו האָט זיך געלייענט אַזוי:

„טייערער פּרעמיער כרושטשאָוו: איך בין טיף באַזאָרגט צוליב די טויט־אורטיילן איבער יידן, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ביי דער אָפיציעלער דערמוטיקונג פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווייזט אויס צו עקזיסטירן.

„איך שרייב צו אייך וועגן דעם ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן; איר ווייסט געוויס, אַז איך בין אַ פריינד פון אייער מדינה און אַז איך סימפּאַטיזיר מיט אייערע פּערזענלעכע באַמיונגען פאַר פרידלעכער קאָעקזיסטענץ, באַמיונגען וואָס איך שטיץ עפנטלעך. איך ווענד זיך צו אייך צו פּראָקלאַמירן אַן אַמנעס־טיע אויפן סמך פון הומאַניטאַרע טעמים און צום נוצן פון אונדזערע געמיינ־זאַמע אינטערעסן, וואָס ליגן אין פרידלעכע באַציִונגען צווישן מזרח און מערב.

מיט כבוד, אויפריכטיק אייער, בערטראַנד ראַסעל״.

דערויף האָט כרושטשאָוו געענטפערט אויך מיט אַ פּריוואַטן בריוו, צום „הויך געערטן מיסטער בערטראַנד ראַסעל״. כרושטשאָווס בריוו איז געווען מער ווי צען מאָל אַזוי די לענג ווי דער בריוו פון בערטראַנד ראַסעל. דער בריוו גיט זיך אָפּ בעיקר מיט דער סאָוויעטישער מאָראַל און דעם כאַראַק־טער פון סאָוויעטישן געזעץ, אָבער דירעקט צום ענין וועגן געבן טויטשטראָף פאַר ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס רעדט ער ניט. ער זאָגט נאָר, אַז „סאָוויע־טישע געזעצן טיילן טאַקע אויס שטרענגע שטראָפן פאַר פאַרברעכנס, וואָס קאָנען זיין אַ געפאַר פאַר דער ווירטשאַפטלעכער באַזע פון אונדזער סיסטעם. אָט די געזעצן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם ווילן פון סאָוויעטישן פאָלק, עקזיסטירן

שוין אַ לאַנגע צייט, זינט די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער סאָוויעטישער מלוכה. אונדזער גאַנצע באַפעלקערונג קען זיי זייער גוט און איז מסכים מיט זיי. זיי דריקן אויס די מאָראַל פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט".

אַז אַט די געזעצן, וואָס גיבן טויטשטראָף פאַרווירטשאַפט־פאַרברעכנס, דריקן אויס די מאָראַל פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, דאָס הייסט פון אירע פירער, קען מען מסכים זיין מיט כרושטשאָון. עס איז אָבער ניט אין גאַנצן ריכטיק, ווי כרושטשאָוו זאָגט, אַז זיי האָבן אַלע מאָל עקזיסטירט זינט דעם אויפקום פון דער סאָוויעטישער מלוכה. אין דער אמתן, איז טויטשטראָף צו ערשט איינגעפירט געוואָרן, ווי אויבן געזאָגט, ביים אָנהייב פון צווייטן פינפיאָר־פּלאַן. אין משך פון די ניין יאָר, וואָס דער געזעץ איז געווען אין קראַפט, ביזן אָנקום פון צווייטן וועלטקריג (ווירטשאַפט־פאַרברעכנס האָט געקאָנט הייסן סאַבאָטאַזש אין מלחמה־צייט) האָט מען ניט געהערט קיין סך וועגן אַזעלכע שטראָפן — עפנטלעך כמעט אין גאַנצן ניט. ערשט אין מאַי 1961 איז אַט די שטראָף פאַר ווירטשאַפט־פאַרברעכנס באַנייט געוואָרן.

אָבער ראַסעל האָט דאָך אין זיין בריוו גערעדט נאָר וועגן יידן — וועגן אומברענגען יידן און וועגן אָפיציעלן דערמוטיקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט כרושטשאָוו דערויף געענטפערט?

„אין די לעצטע עטלעכע חדשים האָט די מערב־בורזשואַזע פּרעסע ווידער גענומען פויקן וועגן דעם אַזוי גערופענעם אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך דערקלער מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט: דאָס איז אַ גראָבע פאַלסיפיקאַציע; אַ בייזוויליקער בילבול אויפן סאָוויעטישן פאָלק און אויף אונדזער לאַנד. אַפילו די בורזשואַזע פּרעסע גיט צו, אַז צווישן די וואָס זענען באַשטראָפט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַר די אַזוי גערופענע ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס, געפינען זיך מענטשן פון די פאַרשידנסטע נאַציאָנאַליטעטן. און דאָס איז באמת אַזוי. מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט צואייגענען פאַר זיך פון עפנטלעכן רייכטום און זיי לעבן אויפן חשבון פון פרעמדער פּראַצע, ווערן אין אונדזער לאַנד באַשטראָפט שטרענג, לויט די געזעצן, וואָס זענען חל אויף אַזעלכע פאַלן. יעדער מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אַ געוויס פאַרברעכן, ווערט באַשטראָפט לויטן כאַראַקטער פון פאַרברעכן. און די נאַציאָנאַליטעט פון דעם פאַרברעכער האָט מיט דעם ניט צו טאָן...

„עס פאָדערט זיך נישט צו פיל אַרבעט בכדי פעסטצושטעלן, אַפילו בלויז פון די מאַטעריאַלן, געדרוקטע אין די צייטונגען, אַז צווישן די, וואָס

זענען באַשטראָפט געוואָרן פון אונדזערע געריכטן, פאַר די אַזוי גערופענע ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס, געפינען זיך רוסן אַזוי גוט ווי יידן, גרוזינער, אַזוי גוט ווי אוקראַינער, ווייסרוסן, און פערזאָנען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. קורץ, אַט די באַשלוסן פון די געריכטן, זיינען ניט געווענדט קעגן מענטשן פון אַ וועלכער ס׳איז נאַציאָנאַליטעט, נאָר קעגן די פאַרברעכנס און די מענטשן, וואָס זיינען זיי באַגאַנגען, ניט געקוקט אויף דער נאַציאָנאַליטעט. דאָס וואָס אַ געוויסער טיפּ פאַרברעכער קאָן אין אַ געוויסער צייט זיך געפינען מער אָדער ווייניקער ביי אַ וועלכן ס׳איז פאָלק — דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר אַ סאָציאַלע...״

נו, קיינער האָט ניט געזאָגט, אַז בלויז יידן זענען באַשולדיקט און וערן באַשטראָפט פאַר ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס. נאַטירלעך געפינען זיך צווישן זיי מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. און כרושטשאָוו ברעכט זיך דאָ אין אַן אָפענער טיר. אויף דער טענה, וואָס ביים פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די באַשולדיקטע און באַשטראָפטע פאַרברעכער, קלייבט מען אויס יידן אין אַזאַ אומגעהויערער גרויסער פּראָפּאָרץ, און מען שטרייכט נאָך אונטער זייער יידישע נאַציאָנאַליטעט — דערויף האָט כרושטשאָוו קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער האָט דאָ יאָ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז דאָס וואָס גראָד יידן גיבן אין איצטיקן מאָמענט אַרויס מער אָט דעם טיפּ פאַרברעכער, איז ניט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר אַ סאָציאַלע פראַגע. דאָס דאַרף הייסן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע פּראָפּאָרץ פון יידן צווישן די פאַרברעכער און דערפאַר ווערן דערביי דערמאָנט אַזוי פיל יידן. צי יידן גיבן טאַקע אַרויס אַזוי פיל מער עקאָנאָמישע פאַרברעכער — האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט צו באַשטימען. אָבער מען דערמאָנט דאָך ניט אַלע אַרעסטירטע און באַשטראָפטע פאַרברעכער. עס איז דאָך אויך פאַראַן אַ קאַטעגאָריע „און אַנדערע״. פאַר וואָס קלייבט מען אויס דווקא די יידישע פאַרברעכער און מען שטרייכט נאָך ספּעציעל אונטער זייער יידישקייט?

די טרייסט, אַז די סיבה פון אַזוי פיל פאַרברעכער פון דעם טיפּ ביי אַ געוויס פאָלק אין אַ געוויסן מאָמענט, איז ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַלע — איז פאַר יידן אַ קנאַפּע טרייסט. דאָס מאַכט די זאַך נאָך ערגער. וואָסערע קאָנען זיין די סאָציאַלע באַדינגונגען פון די סאָוויעטישע יידן, וואָס זאָלן דערפירן צום אַרויסגעבן אָט דעם טיפּ פאַרברעכער? יידן זענען דאָך גלייך מיט אַלע אַנדערע, איז ווי קאָנען זיי זיך געפינען אין אַזעלכע ספּעציפישע אומגעזונטע סאָציאַלע באַדינגונגען? און ווי קומען בכלל אין אַ

סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אַזעלכע סאָציאַלע אומשטענדן, וואָס זאָלן ביי אַ געוויס פאָלק אַרויסברענגען אַט דעם ספּעציפישן טיפּ עקאָנאָמישע פאַר־ברעכער? מוז דאָך דאָ עפּעס זיין פויל, אויב ניט אין דעם ייד גופא, איז אין דער יידישער לאַגע.

זאָל דאָס זיין אַן עכאָ פון דעם, וואָס כרושטשאָוו האָט געזאָגט צו דער דעלעגאַציע פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן וועגן יידישן אינדיווידואַליזם און פון זיינע טענות קעגן יידן אין זיין שמועס מיט י. ב. זאַלצבערג און מיט אַנדערע קאָמוניסטישע פירער פון קאַנאַדע?

וועגן ראַסעלס באַמערקונג וואָס, שייך אָפיציעלן דערמוטיקן אַנטי־סעמיטיזם, האָט כרושטשאָוו געשריבן אין ענטפער:

„דער פּרווו פון דער רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צוצושרייבן אונ־דזער מלוכה אַ פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם אָדער פון דערמוטיקן אים, איז ניט קיין נייע דערשיינונג. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן שוין אונדזערע קלאַסן־שונאים מער ווי איין מאָל זיך אַ וואָרף געטאָן צו אַט דער רכילות אויף אונדזער ווירקלעכקייט, אויף אונדזער סיסטעם. עס איז ניט געווען און עס איז ניטאָ קיין פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, מחמת דער עצם כאַראַקטער פון אונדזער פיל־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער מלוכה שליסט אויס די מעגלעכקייט פון אַזאַ פּאָליטיק. אונדזער קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט די גלייכע רעכט פון אַלע בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד, זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, און דערקלערט, אַז יעדער אַרויסטריט פאַר ראַסן־ אָדער נאַ־ציאָנאַלע אויסשליסלעכקייט אָדער האַס, אָדער פאַראַכטונג, ווערט באַשטראָפט דורכן געזעץ...‟

צו זאָגן אויף אַ זאַך, אַז עס עקזיסטירט ניט מחמת עס קאָן ניט עקזיסטירן, בעת די זאַך שטייט פאַר די אויגן, האָט דאָך קיין זין ניט. אַז עס איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם צווישן אַ היפּשער צאָל סאָוויעטישע מענטשן, ווערט דאָך ניט געלייקנט פון כרושטשאָוו גופא. אַז אַנטיסעמיטיזם ווערט מער און מער גורם אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון סאָוויעטישן ייד, איז אויך אַ פאַקט, וואָס ווערט אַלץ שווערער אָפּצולייקענען. אַז די סאָוויעטישע רעגירונג טוט ווייניק אויסצוראָטן די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין דער מדינה, איז שוין אויפגעוויזן געוואָרן אין פאַרשידענע באַריכטן וועגן ראַטן־פאַרבאַנד. עס קאָן זיין, אַז אונטערדריקן די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור איז ניט קיין פּונקט אין דער געוויינלעכער רובריק פון אַנטיסעמיטיזם, אָבער ביי יידן גייט דאָ ניט אין נאָמען — עס גייט אין זייער נאַציאָנאַלן קיום.

בערטראַנד ראַסעל האָט תופס געווען, אַז כרושטשאָוס ענטפער אין דער „איזוועסטיאַ" האָט ניט געענטפערט אויף זיין בריוו. האָט ער צוגעשיקט צו דער „איזוועסטיאַ" אַ בריוו, וואָס יענע ציישונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט קלאָרע דיבורים, הגם זיי זיינען געווען איינגעוויקלט אין די וואַרעמסטע סענטימענטן פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. אָט דער ניט געדרוקטער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער יידישער טעלע־גראַפן־אַגענטור אין לאָנדאָן דעם 24סטן יוני 1963 און ער לייענט זיך אַזוי:

„עס פרייט מיך צו זען, אַז דער בריוו וואָס פרעמיער כרושטשאָוו האָט צו מיר געשריבן וועגן דער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן איז פאַר־עפנטלעכט אין „איזוועסטיאַ", צוזאַמען מיט איינעם פון די בריוו, וואָס איך האָב געשריבן וועגן דעם ענין צו כרושטשאָוון. איך האָב אויך געלייענט מיט אמתן אינטערעס די אָפּרופן פון לייענער וועגן דעם בריוו־אויסטויש צווישן אונדז. איך סימפּאַטיזיר מיט דעם, וואָס זיי זאָגן וועגן די דערגרייכונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד ביים אָפּשאַפן די געזעצלעכע באַגרענעצונגען, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף יידן.

„איך בין ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דעם ענין, ווייל מיין זיידע איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַזייטיקונג פון לעגאַליזירטע דיס־קרימינאַציעס קעגן יידן אין גרויס־בריטאַניע. איך בין אַ פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון איר באַפעלקערונג, און פון איר ווונטש צו פאַרבעסערן די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס לעבן די סאָוויעטישע בירגער.

„איך בין אַן ענטוזיאַסטישער קעמפער פאַר נאָענטע און פריינדלעכע באַציונגען צווישן די פעלקער און רעגירונגען פון די מערב־לענדער און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. איך בין אַ ליידנשאַפטלעכער קעגנער פון דער קאַלטער מלחמה און פון אַלע פרווון צו פאַרגרעסערן די שנאה, אויסנוצן די קעגנזאַצן און פאַרמערן די שרעקלעכע געפאַרן, וואָס שטייען פאַר דער מענטשהייט ביים היינטיקן טאָג.

„איך ווייס, אַז קיין סאָוויעטישער בירגער וועט מיך ניט שלעכט פאַר־שטיין, אָדער טראַכטן, אַז ווען איך רייד אויפריכטיק, וויל איך שעדיקן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אָדער העלפן יענע, וואָס ווילן פאַרשטאַרקן די קאַלטע מלחמה. איינער פון די פרווון פון אמתער פריינדשאַפט, איז צו קאָנעןריידן אָפנהאַרציק אָן מורא, אַז מען וועט דיך באַטראַכטן פאַר אַ שונא, אָדער אַז מען וועט דיך שלעכט פאַרשטיין. איך האָף דעריבער, אַז איר וועט אָפּשאַצן דעם גייסט, אין

וועלכן איך שרייב איצט — עס איז אַ גייסט פון אינטערעס צו די סאָוויעטישע פעלקער און ניט קיין גייסט פון פאַראורטיילן.

„יידן זענען יאָרן־לאַנג פאַרפאָלגט געוואָרן אין אייראָפּע. דער העכסטער פונקט פון דער דאָזיקער גרויזאַמקייט איז געווען די אויסראָטונג פון מיליאָנען יידן אין אונדזער צייט — איינע פון די סאַמע באַרבאַרישסטע פאַרברעכנס אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אויב עס איז ווען געווען אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרדינט פאַרשטענדעניש און סימפּאַטישע באַהאַנדלונג, זיינען דאָס די יידן פון אייראָפּע.

„איך האָף דעריבער, אַז מען וועט דערלויבן פאַר די יידן פולע קולטורעלע און רעליגיעזע פרייהייט און רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער גרופּע, אין דער פּראַקטיק, ווי אין געזעץ. אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס לעבן זענען די סאָוויעטישע יידן לחלוטין באַרויבט געוואָרן פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור און פון די מיטלען זיי צו ברענגען צום אויסדרוק. די אינטעלעקטואַלן זיינען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין טורמע, אָדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך אומגעזעצלעכע טאַטן, וואָס זיינען זינט דאַן פאַראורטיילט געוואָרן. איך האָב געשריבן און געקעמפט קעגן רעליגיעזע אָבערגלויבנס, אַלס אַ לעבנלאַנגער ניט־גלויביקער פון אַ וועלכער ס׳איז רעליגיע. פון דעסטוועגן גלייב איך, אַז פרייהייט צו פּראַקטיצירן רעליגיע דאַרף דערלויבט ווערן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אויף דעם זעלבן אופן ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

„איך בין אומרויִק, וואָס דער פּראָצעס פון ווידעראויפלעבן יידישע קולטור־טעטיקייטן אין ראַטן־פאַרבאַנד גייט צו זייער לאַנגזאַם; קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּן האָבן אַ סך מער זשורנאַלן און טעאַטערס; דאָס פאַרמאַכן שולן און דער מאַנגל אין רעליגיעזע מכשירים האָבן אוממעגלעך געמאַכט פאַר יידן צו פּראַקטיצירן זייער אמונה.

„עס באַאומרויִקט מיך, וואָס אין דער סאָוויעטישער פּרעסע ווערן געדרוקט אַרטיקלען, וואָס דריקן אויס שנאה צום יידישן פאָלק. איך פאַרשטיי די קעגנערשאַפט צו ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, ווי די, וואָס פרעמיער כרושטשאָוו האָט וועגן זיי געשריבן. איך פיל אָבער, אַז די טויטשטראָף וואָס מען גיט מענטשן, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין די דאָזיקע פאַרברעכנס, ברענגען שאָדן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און מאַכט מעגלעך די שנאה און ניט באַרעכטיקטע רכילות קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. איך האַלט, אַז דער פאַקט וואָס 60 פּראָצענט פון די אומגעבראַכטע זיינען יידן, קאָן אַרויסרופן אַ שטאַרקן אומרו. איך האָף, אַז ס׳וועט ניט פאָרקומען קיין זאַך, וואָס זאָל מאַכן גלויבן, אַז יידן ווערן

באַהאַנדלט אויף אַן אומגערעכטן אופן אין קעגנזאַץ צום געזעץ, און אַז יענע, וואָס ברעכן סאָוויעטישע געזעצן אין באַצוג צו ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, וועלן ניט אומגעבראַכט ווערן.

„איך אַפּעליר זייער שטאַרק, אַז מען זאָל פאַרשטיין די שוועריקייטן פון יענע מענטשן אין די מערב־לענדער, וואָס אַרבעטן מיט איבערגעגעבנקייט צו פאַרלייכטערן די שפּאַנונג, צו שטאַרקן די באַוועגונג פאַר פרידלעכער עקזיסטענץ און צו ענדיקן די קאַלטע מלחמה. דער קאַמף פאַר די דאָזיקע צילן ווערט געשעדיקט פון די געשעענישן, וואָס ווערן אויסגענוצט דורך די יעניקע, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער קאַלטער מלחמה און שאַפן שוועריקייטן פאַר שלום און גוטע באַציִונגען. איך שרייב ווי אַ פריינד אָבער אויך ווי איינער, וועמענס פריינדשאַפט פאַרלאַנגט ערלעכקייט".

קיין ענטפער, ווי געזאָגט, איז אויף דעם ניט געקומען; דעם בריוו גופא איז אַפילו ניט דערלויבט געוואָרן צו קומען צו דער סאָוויעטישער עפנטלעכקייט.

אַן אַנדייט, פאַר וואָס עס פיגורירן אַזוי פיל יידן אין אָט די פּראָצעסן, געפינט זיך אויך אין אַרטיקל „דער אָרעם פון רויטן געזעץ" פון ר. דזש. עוואַנס אין לאָנדאָנער לינק־ליבעראַלן און סאָוויעטיש־פריינדלעכן זשורנאַל „ניו־סטייטסמען".

עוואַנס האָט קענטיק דורכגעפירט אַ שטודיע איבער דער פאַרברעכן־כוואַליע מיט וועלכער דאָס סאָוויעטישע געזעץ ראַנגלט זיך און וועגן דער באַציונג פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג לגבי די פאַרברעכנס און שטראָפן. ער טיילט איין די פאַרברעכנס אין צוויי קאַטעגאָריעס — קעגן יחיד און קעגן דער מלוכה. ביידע מינים פאַרברעכנס זענען לעצטנס געשטיגן אין צאָל, און די שטראָפן זיינען אין ביידע פאַלן געוואָרן שטרענגער. ער ווייזט אָן אויף ברוטאַלע מאָרדן צוליב קלייניקייטן און אַפילו צוליב האַזאַרד, ווי למשל, צוויי יונגע חברה־לייט האָבן אין אַן אויטאָבוס דערהרגעט אַן אַלטן מאַן אין קעגנוואָרט פון זיין פרוי, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיי ניט געגעבן אַ שוועבעלע; אָדער אין מאָסקווע און אין לענינגראַד האָט זיך באַוויזן אַזאַ שפּיל, וואָס מען רופט „טויט־זיץ־שפּיל" — צוויי שפּילן אין קאָרטן פאַר אַ זיץ־פּלאַץ אין אַ געוויסן קינאָ־טעאַטער, און דער וואָס געווינט, דאַרף דערמאָרדן דעם מענטש, וואָס זיצט אויף יענעם פּלאַץ אין קינאָ. עוואַנס דערמאָנט די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס ווי אַ געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

וואָנס דערציילט, אַז וואָס שייך די מאָרדן און אָנפאַלן אויף יחידים, איז די שטעלונג פון פאָלק דורכויס קעגן די פאַרברעכער, און די האַרבסטע שטראָף קעגן זיי איז אין די אויגן פון פאָלק ניט צו גרויס — ווי, למשל, טויטשטראָף פאַר אַ מאָרד אין אַ שיכורן צושטאַנד, צוליב אַ צופאַל, אָדער טויטשטראָף פאַר אַ שאָפער, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל און אין רעזולטאַט זענען פינף מענטשן אומגעקומען. ווען וואָנס האָט געטענהט צו רוסישע יונגעלייט, אַז לויט דעם ווי די געשיכטע באַווייזט, איז טויטשטראָף ניט קיין ווירקנדיק מיטל אויף צו פאַרהיטן פון פאַרברעכן, האָבן זיי געענטפערט, אַז אַזוי איז אפשר אין ענגלאַנד, אָבער ניט אין ראַטן־פאַרבאַנד: „מיר, רוסן, זיינען נאָך אַלץ אַ פרימיטיוו פאָלק, און אונדזערע פאַרברעכער באַגייען ווילדע, פרימיטיווע פאַרברעכנס... איר פאַרשטייט, מיר, רוסן, זיינען נאָך אַלץ צוגעוווינט צו אַ שווער לעבן. פאַר אַ סך וואָלט די שטראָף אין אַן אַרבעטס־לאַנד געקענט זיין אַ געוווּנטשענער אויסוועג".

אָבער וואָס שייך די פאַרברעכנס קעגן דער מלוכה — צו דעם, שרייבט וואָנס, האָט דער עולם גאָר אַן אַנדער באַציונג. „די מערסטע סאָוויעטישע בירגער, האָבן וואַרשיינלעך ווען עס איז אין זייער לעבן געהאַט צו טאָן מיטן שוואַרצן מאַרק, אָדער מיט די „מאַכערס", און אָפט וועלן זיי גאָר אויסדריקן באַוווּנדערונג פאַר די שוואַרצער־מאַרק מענטשן... זיי וועלן זעלטן פאַראורטיילן מענטשן, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג באַטראַכט זיי ווי פאַרברעכער קעגן דער מלוכה. סיידן, ווי עס האָט געטראָפן אין די לעצטנס גוט פובליצירטע פאַלן, ווען די באַשולדיקטע זיינען גראָד יידן".

האָבן מיר דאָס עדות־זאָגן פון אַן ענגלענדער, וואָס האָט געהאַט, ווי ער שרייבט, די געלעגנהייט צו באַזוכן די קרימינאַל־געריכטן, בייצוזיין אויף פראָצעסן. און ער האָט באַזונדערס זיך אָפּגעגעבן מיט דער באַציונג פון דער באַפעלקערונג צו דעם. וואָנס שטעלט פעסט, אַז וואָס דער עולם וועט גערן פאַרקוקן, אויב דער פאַרברעכן קעגן דער מדינה ווערט באַגאַנגען פון אַ ניט־ייד, וועט ווערן פאַראורטיילט אויב דאָס טוט אַ ייד. דאָס באַווייזט ניט נאָר די אויסנאַם־באַציונג מצד דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג צו יידן, נאָר עס וואַרפט אויך אַ שאָטן אויף דער יורידישער אויטאָריטעט, וואָס שטעלט אַרויס גראָד יידן אין די „גוטפובליצירטע פאַלן" און באַשטימט פאַר זיי מיינס־טנס די האַרבסטע שטראָף. דער יידישער פאַרברעכער ווערט דאָ באַהאַנדלט ניט ווי סתם אַ פאַרברעכער, נאָר ווי אַ פאַרברעכער אַ ייד, וואָס ווערט דאָ אויך אַ שעיר לעזאזל. מיטן אויספירן אַ טויטאורטייל אויפן ייד, ווערט אי דאָס

פאַרברעכן שטרענג באַשטראָפט, אי די מאַסן ווערן ניט אויפגעבראַכט. פאַר־קערט, עס טוט זיי גאָר הנאה...

דעם 13טן מאַרץ 1964 האָט א. פּעאַפּאַנאַוו, דער שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" אין מאָסקווע, צוגע־שיקט צו דער רעדאַקציע פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק, אַן ענטפער אויף מיינעם אַ קאָלום פון 31סטן יאַנואַר 1964 — אין דער פאָרעם פון אַן אינטערוויו מיטן עלטערן געהילף פונעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון פססר, קאָלעגע־מיטגליד פון דער פּראָקוראַטור, גענאַדי טערעכאָוו. אין יענעם קאָלום מיינעם האָט זיך גערעדט וועגן אַ באַריכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פון אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשטייער פון דער מאָסקווער געזעלשאַפטלעכקייט אין רע־דאַקציע־לאָקאַל, דעם 10טן אָקטאָבער 1963.

לויטן באַריכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", איז יענע פאַרזאַמלונג גערופן געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון אַ סך לייענער פון דעם דאָזיקן זשורנאַל. אין בריוו צו דעם זשורנאַל האָבן זיי אויסגעדריקט זייער זאָרג וועגן דער יידישער לאַגע אין דער מערב־וועלט צוליב די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן אין פאַר־שיידענע לענדער. אָבער לויטן באַריכט גופא האָט בלויז איינער פון די פאַר־זאַמלטע גערעדט וועגן דער יידישער לאַגע אין אויסלאַנד, אַלע איבעריקע, און עס זיינען געווען ניין אַזעלכע, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן אָפּלייקענען די קלאַנגען אין אויסלאַנד, אַז עס עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד. ווידער און אָבער איז דורך זיי אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז עס איז ניטאָ קיין שמץ פון אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז עס ווערט ניט געמאַכט דער מינדסטער אויסנאַם לגבי יידן אויף וועלכן עס איז געביט פון סאָוויעטישן לעבן.

צווישן די, וואָס זענען לויטן באַריכט, אַרויסגעטראָטן אויף יענער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אויך געפונען דער אויבן דערמאָנטער גענאַדי טערעכאָוו. ער האָט גערעדט וועגן די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס און דערקלערט, אַז יידן האָבן אין זיי באַטראָפן אַ נישטיקע מינדערהייט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע נאַ־ציאָנאַליטעטן, און אַז עס ווערט אין דעם ענין אויף אַ האָר ניט גענומען אין באַטראַכט די נאַציאָנאַליטעט פון אָנגעקלאָגטן. אַלס ביישפּיל האָט ער גע־בראַכט דעם פּראָצעס פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכער אין פרונזע, ווו ער, גענאַדי טערעכאָוו, איז געווען פּראָקוראָר. דאָרט, האָט ער געזאָגט, האָבן די יידן פון צווישן די אָנגעקלאָגטע באַקומען אַ סך קלענערע תפיסה־טערמינען

איידער די אַנדערע — מחמת דעם וואָס זייערע פאַרברעכנס זיינען געווען קלענערע.

קאָמענטירנדיק דעם באַריכט אין מיין קאָלום, האָב איך באַגריסט דעם עצם פאַקט, וואָס סאָוויעטישע יידן האָבן עפנטלעך אַרויסגעוויזן אַן אינ־טערעס צום יידישן גורל אין אַנדערע לענדער. איך האָב געשריבן, אַז איך איך וואָלט געווען זייער צופרידן צו הערן וועגן אַן עפנטלעכן יידישן מיטינג אין מאָסקווע, וואָס זאָל פּראָטעסטירן קעגן אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין אַן אַנדער לאַנד.

אין מיין קאָלום האָב איך זיך באַזונדער אָפּגעשטעלט אויף טערעכאָווס רייד. קודם כל טאַקע וועגן פּראָצעס אין פרונזע, ווו ער איז געווען דער פּראָקוראָר. אין פרונזע איז אין 1962 פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אַ ווירט־שאַפט־אַפערע אין אַ גרויסן פאַרנעם. מען האָט געפעלשט די פּלענער פון פּראָדוקציע און פון אַרויסשיקן סחורה; מען האָט צוגעשטעלט רוי־מאַטער־יאַלן, מאַשינעריע און אַלע נייטיקע זאַכן צו פּראָדוצירן סחורה פאַרן שוואַרצן מאַרק; מען האָט אַזוי געפירט די ביכער, אַז די קאָנטראָל האָט דאָס לאַנג ניט געקאָנט דערגיין. אין דער אַפערע זיינען געווען פאַרמישט הויכע באַ־אַמטע ניט נאָר פון דער שטאָט, נאָר אויך פון דער פרונזער געגנט און אַפילו פון דער קירגיזער רעפּובליק.

צווישן די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך געפונען דער פּלאַנירונג־לייטער, דער האַנדלס־דירעקטאָר, דער דירעקטאָר פון דער אָרטיקער אינדוסטריע אין פרונזע, דער אַדמיניסטראַציע־דירעקטאָר פון דער אינדוסטריע אין דער פרונזער געגנט, דער דירעקטאָר פון צושטעל פון מאַטעריאַלן פאַר דער גע־גנט, דער פאָרזיצער פון פּלאַנירונג־ראַט פון דער קירגיזער רעפּובליק, דער דירעקטאָר פון באַלאַנס, פון מאַטעריאַל און פון טעכנישן אַפּאַראַט, פאַר דער אינדוסטריע פון דער רעפּובליק, דער דירעקטאָר פון עקאָנאָמישן ראַט פון מיניסטעריום פון דער רעפּובליק, דער געהילף־מיניסטער פון האַנדל פון דער רעפּובליק, דער דירעקטאָר פון דער מאָסקווער הויפּט־אָפּטייל פאַר מאַטעריאַל־צושטעל פאַר דער קירגיזער רעפּובליק — קורץ, די העכסטע באַאַמטע אין פרונזע און אין דער רעפּובליק, וואָס האָבן געקאָנט האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט דער ווירטשאַפט אין דער פרונזער געגנט. קיין איינער פון אָט די אַלע הויכע באַאַמטע איז ניט קיין ייד.

די יידן, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דעם ענין, זיינען געווען פון די קליינע פישלעך אין דער נעץ. אָבער די פּראָפּאַגאַנדע אַרום דעם פּראָ־

צעס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי די יידן וואָלטן דאָ געווען די גלאַווגע שולדיקע און אויפטוער פון דער אַפערע.

אין מיין קאָמענטאַר אויף טערעכאָווס רייד, האָב איך קודם אָפּגעפרעגט זיין דערקלערונג, אַז יידן באַטרעפן אַזאַ נישטיקן טייל פון די אָנגעקלאָגטע. צווישן 47 נעמען פון די אָנגערופענע פאַרברעכער — אַחוץ די וואָס ווערן איבערגעלאָזט אין דער קאַטעגאָריע „און אַנדערע" — האָבן זיך געפונען 26 יידן, דאָס הייסט מער ווי אַ העלפט אין אַ רעפובליק ווו עס געפינען זיך אַזוי ווייניק יידן, אַז זיי עקזיסטירן גאָרניט ווי אַ קאַטעגאָריע אין צענזוס פון דער באַפעלקערונג. ווייטער האָב איך אָפּגעפרעגט טערעכאָווס ווערטער, אַז די יידן האָבן דאָרטן באַקומען די קלענערע שטראָפן, וואָרעם לויט דער „סאָוועטסקאַיאַ קירגיזיאַ", זיינען אויפן פּראָצעס אַרויסגעטראָגן געוואָרן ניין טויטשטראָפן, און צווישן זיי — פאַר פיר יידן! איך האָב אויך געבראַכט ציפערן פון 81 פּראָצעסן אין 48 פאַרשיידענע ערטער, ווו מען האָט פאַרמשפּט צום טויט 163 פּערזאָן, און 88 פון די פאַרמשפּטע צום טויט זיינען געווען יידן.

דער אינטערוויו פון „נאָוואָסטי" מיטן פּראָקוראָר גענאַדי טערעכאָוו וועגן יענעם קאָלום, רעאַגירט בכלל ניט אויפן פרונזע־פּראָצעס (איך האָב דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז די „סאָוועטסקאַיאַ קירגיזיאַ" פון 27סטן יוני 1962 האָט באַצייכנט די יידן צווישן די אָנגעקלאָגטע ווי „פאַרשטייער פון אַ פרעמ־דער וועלט"!) אָנשטאָט דעם איז ער אַריין אין אַ וויכוח וועגן דער מאָראַלישקייט פון געבן טויטשטראָף פאַר מיסברויכן מיט סאָציאַליסטיש פאַרמעג. וואָס שייך מיינע אָנגעגעבענע ציפערן, האָט דער פּראָקוראָר טערעכאָוו געזאָגט:

„דעם ה׳ גאָלדבערגס אויספירן אַנטשפּרעכן, ווי איך פאַרשטיי, בלויז זיין סטאַטיסטיק. די מעשה איז אָבער, וואָס זיין סטאַטיסטיק איז אַ לפּי ערכדיקע און דערפאַר איז זי ווייט פון אמת. צווישן דעם ה׳ גאָלדבערגס צוגאַנג צום קלייבן און אָפּשאַצן סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן און מיין צוגאַנג צו אָט דעם ענין איז אַ קאָלאָסאַלער חילוק. איך נוץ אויס די פולע פּרטים פון דער געריכט־סטאַטיסטיק לויט אַלע פּראָצעסן, וועלכע אַלע געריכטן פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן דורכגעפירט אין צוזאַמענהאַנג מיט אויפגעדעקטע גרויסע גניבות פונעם מלוכה־פאַרמעגן. אויפן סמך פונעם אַנאַליז פון די דאָזיקע (איך חזר איבער, פ ו ל ע) פּרטים, האָב איך געמאַכט מיין דערמאָנטע דערקלערונג. דעם ה׳ גאָלדבערגס אויספירן באַזירן זיך אָבער צום באַדויערן ניט אויף קיין פולער סטאַטיסטיק, נאָר בלויז אויף אויסגעקליבענע ידיעות. דאָס הייסט אויף ציפערן, גענומענע צופעליק און טיילווייז. איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט

דורכצוקאָנטראָלירן דעם ה׳ גאָלדבערגס ציפער, ווייל ער ווייזט ניט אָן פון וועלכע קוואַלן ער נעמט זיי. און אַחוץ דעם, צי מעג מען דען בלויז לויטן קלאַנג פון נאָמען אָדער פון דער פאַמיליע זאָגן אויף זיכער צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט עס געהערט דער אָדער אַנדערער אָנגעקלאָגטער, ווי דאָס טוט ה׳ גאָלדבערג? אָט האָב איך, למשל, דערמאָנט פריער די פאַמיליע טאַרטאַקאָווסקאַיאַ, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אין רופמאַן־ענין. אַנומלט האָט מען מיך געפרעגט, צי זי איז אַ יידישע. דעם אמת געזאָגט, איז טאַרטאַקאָווסקאַיאַ אַ רוסישע. דער עיקר זיינען אָבער ניט די באַזונדערע פאַקטן, דער עיקר איז, וואָס דער עצם מעטאָד פון ה׳ גאָלדבערגס חשבון איז ניט קיין ריכטיקער — ער שפּיגלט ניט אָפּ דאָסווירקלעכע בילד.

„דורך מיינע הענט זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ היפּש ביסל ענינים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט גניבות פון מלוכהשן פאַרמעגן און צווישן די אָנגעקלאָגטע איז ניט געווען קיין איין ייד, אָדער יידן האָבן באַטראָפן אַ נישטיקע מינדערהייט אין פאַרגלייך מיט די אָנגעקלאָגטע, וועלכע שטאַמען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דער אמת וועט קיין מאָל ניט זיין קיין פולער אויב מען זאָל אָפּערירן מיט די ציפער פון איין פּראָצעס, פון צען פּראָצעסן, אָדער אַפילו פון 81 פּראָצעסן, ווי דאָס טוט דער ה׳ גאָלדבערג... די גאַנצע געריכט־סטאַטיסטיק, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער רשות, לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ די ווילדע אויסטראַכטענישן, אַז דאָס סאָוויעטישע געריכט באַציט זיך כלומרשט טענדענציעז צו מענטשן פון יידישער אָפּשטאַמונג. דאָס סאָוויעטישע געריכט זוכט דעם אמת בלויז אויפן סמך פון וואָרהאַפּטיקע, פעסטגעשטעלטע פאַקטן. ערשט דאַן, ווען ער האָט אין זיין רשות אַזעלכע פאַקטן, טראָגט ער אַרויס אַן אורטייל דעם פאַרברעכער, די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט פונעם פאַרברעכער ווערט דאָ אין דער מינדסטער מאָס ניט גענומען אין אַכט״.

אין מיין ענטפער אויף דעם אינטערוויו מיט טערעכאָוון, צוגעשיקט פון „נאָוואָסטי״ (דער אינטערוויו איז געווען בוכשטעבלעך איבערדרוקט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״), האָב איך געזאָגט, אַז יידן געפינען זיך טאַקע אַזוי ווייניק צווישן די אָנגעקלאָגטע, אַ „נישטיקע מינאָריטעט״ און טאַקע דערפאַר איז עס דאָך אַ סקאַנדאַל פאַר וואָס יידישע נעמען פיגורירן אַזוי אָפט אין דער קאַמפּאַניע אַרום די ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס. די פולע סטאַטיסטיק פון אַלע באַאַנגענע פאַרברעכנס איז ווייט ניט אַזוי וויכטיק ווי דער טייל פון דעם וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע. קיינער אין אויסלאַנד פאַרלאַנגט ניט, אַז ווען אַ ייד אין ראַטן־פאַרבאַנד ברעכט אַ געזעץ — צי

דאָס געזעץ איז קרום צי גלייך — זאָל ער ניט באַשטראָפֿט ווערן צוגלייך מיט אַנדערע, אָדער אַז מען זאָל דעם ייִד געבן אַ קלענערע שטראָף ווי אַ ניט־ייִד פֿאַרן זעלבן פֿאַרברעכן. מיר אין אויסלאַנד ווילן אַבסאָלוטע גלייכהייט פֿאַר יידן אין אָט דעם פּרט ווי אין אַנדערע פּרטים. אָבער לויט דער פּראָפּאַגאַנדע אַרום די פּראָצעסן שאַפֿט זיך דער איינדרוק, אַז יידן זיינען דאָ שוין גאָר ניט גלייך, נאָר מען שטעלט זיי באַזונדער אַרויס ווי די איניציאַטאָרן פֿון די פֿאַרברעכנס און די פֿאַרפֿירער פֿון די ניט־יידן. דערפֿון נעמען זיך די שאַרפֿסטע די גאַליקסטע אָנצוהערענישן לגבי די יידן צווישן די אָנגעקלאָגטע, און דערפֿון אויך — דער גרויסער פּראָצענט יידן צווישן די פֿאַרמשפּטע צום טויט. איך האָב אָנגעגעבן אַ ליסטע פֿון ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרברעכנס, אין וועלכע יידן האָבן פֿיגורירט בלויז פֿאַר די צוויי חדשים יאַנואַר און פֿעברואַר 1963.

5 יאַנואַר: „פּראַוודאַ אוקראַיִני", פּראָצעס אין איוואַנאָ־פֿראַנקאָווסק; „ראַדיאַנסקאַ אוקראַיִנאַ", פּראָצעס אין כאַרקאָוו; 10 יאַנואַר: „סאָוויעטסקאַיאַ ראָסיאַ", פּראָצעס אין מאָסקווע; 13 יאַנואַר: „זאַריאַ וואָסטאָקאַ", פּראָצעס אין קוטאַיִס; 15 יאַנואַר: „סאָוויעטסקאַיאַ ראָסיִאַ", קאַזלאָוו־פּראָצעס; 18 יאַ־נואַר: „זאַריאַ וויאַטסקאַיאַ בעלאָרוסיִאַ", קישינעווער פּראָצעס; 25 יאַנואַר: „סאָוויעטסקאַיאַ בעלאָרוסיִאַ", מינסקער פּראָצעס; 26 יאַנואַר: „ראַדיאַנסקאַיאַ אוקראַיִנאַ", פּראָצעס פֿון לוואָוו; 19 פֿעברואַר: „סאָוויעטסקאַיאַ בעלאָרוסיִאַ", פֿערדמאַן־פּראָצעס; 25 פֿעברואַר: „טרוד", לעוויטאַן־פּראָצעס; 26 פֿעברואַר: „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", אַקסעלראָד־פּראָצעס; 28 פֿעברואַר: „סאָוויעטס־קאַיאַ טאָרגאָווליאַ", דימשער פּראָצעס.

גענאַדי טערעכאָוו איז אפֿשר גערעכט אין דעם, אַז עס האָבן געקאָנט זיין אין דער זעלבער צייט אַנדערע פּראָצעסן אויך אַנדערשוווּ, ווו יידן זיינען געווען אַבסאָלוט, אָדער גאָר ווייניק פֿאַרטראָטן. אָבער פֿון יענע האָט מען ניט געהערט, אַפֿנים, אַז פֿאַר יענע פּראָצעסן האָט מען קיין רעקלאַמע ניט געמאַכט. איז געגנוג שלעכט, אַז יידן פֿיגורירן אַזוי שטאַרק דווקא אין יענע פּראָצעסן, פֿון וועלכע עס ווערט יאָ געמאַכט רעקלאַמע. און אָט די פּראָצעסן, ווי מיר האָבן נאָר וואָס אָנגעוויזן, קומען פֿאַר אין אַ היפּשער צאָל. קורץ, ווי נישטיק די יידן זאָלן ניט זיין פֿאַרטראָטן צווישן די אַנדערע אָנגעקלאָגטע אין די ווירט־שאַפֿטלעכע פֿאַרברעכנס, ווערט אָבער געמאַכט אַזאַ רעקלאַמע פֿאַר זייער אָנטייל, און פֿאַר די פּראָצעסן, אין וועלכע זיי פֿיגורירן, ביז דער ניט־יידישער סאָוויעטישער בירגער מוז באַקומען דעם איינדרוק, אַז יידן שפּילן אומעטום די הויפּטראָלן.

אויב עס וואָלט נאָך אַלץ נייטיק געווען וועמען צו איבערצייגן, אַז עס איז ניט קיין „ווילדע אויסטראַכטעניש" אויפֿן סאָוויעטישן געריכט, אַז ער באַציט זיך „טענדענציעז צו מענטשן פֿון יידישער אָפּשטאַמונג", ווי דער פּראָקוראָר טערעכאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, האָט דאָס איצט געטאָן אַ העכסט יורידיש־אויטאָריטאַטיווער און אומפּאַרטייאישער מקור. דאָס איז אַ שטודיע וועגן די ווירטשאַפֿטלעכע פּראָצעסן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַדורכגעפֿירט פֿון „זשורנאַל פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פֿון יוריסטן", און פֿאַר־עפֿנטלעכט אין דער דאָזיקער שריפֿט אין זומער־נומער 1964.

די „אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פֿון יוריסטן" איז אַ ציווילע אינטער־נאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע יוריסטן פֿון העכסטן ראַנג, און זי איז ניט פֿאַרבונדן מיט מלוכות אָדער מיט פּאָליטישע ריכטונגען. זי האָט אַ געוויסע אָנערקענונג פֿון די „פֿאַראייניקטע נאַציעס" — באַראַטונג־רעכט, קאַטעגאָריע בוכשטאַב ב׳ ביים עקאָנאָמישן און סאָציאַלן ראַט פֿון די „פֿאַר־אייניקטע נאַציעס". דער ציל פֿון דער קאָמיסיע איז צו העלפֿן פֿאַרשפּרייטן פֿאַרשטענדעניש און רעספּעקט פֿאַר געזעץ. צווישן די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע געפֿינען זיך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי סער אוען דיקסאָן, דער געוועזענער הויפּטריכטער פֿון אויסטראַליע; אָסוואַלדאָ אילאַנעז בעניטעז, ריכטער פֿון העכסטן געריכט פֿון טשילע; טעריע וואָלד, הויפּטריכטער פֿון נאָרוועגיע, לאָרד שאָוקראָס, געוועזענער הויפּטפּראָקוראָר פֿון ענגלאַנד; פּור־שאָטאַם טריקאַמדאַס, געוועזענער סעקרעטאַר פֿון מאַהאַטמאַ גאַנדי און על־טערער אַדוואָקאַט פֿון הויפּטגעריכט פֿון אינדיע; סער דעטאַקונבאַ או טשאַן הטון, געוועזענער ריכטער פֿון העכסטן געריכט פֿון בורמאַ; אַדעמאָלאַ, הויפּט־ריכטער פֿון ניגעריע, אַרטוראַ אַלאַפּריז, מלוכה־אַדוואָקאַט און געוועזענער פּרע־זידענט פֿון דער אַדוואָקאַטן־קאַמער פֿון די פֿיליפּינען, און ענלעכע אַזעלכע פּערזענלעכקייטן פֿון אַנדערע לענדער. דער פּרעזידענט פֿון דער קאָמיסיע איז היינט וויוויאַן באָוס, געוועזענער ריכטער פֿון העכסטן געריכט אין אינדיע. דער רעדאַקטאָר פֿון דערמאָנטן זשורנאַל איז שאָן מעקברייד, דער באַוווּסטער יוריסט און געוועזענער אויסערן־מיניסטער פֿון אירלאַנד. מען קאָן דעריבער ניט זאָגן אויף אָט דער קאָמיסיע, אַז זי פֿאַרנעמט זיך דאָ מיט אַנטיסאָוויע־טישער פּראָפּאַגאַנדע און נוצט אויס די סאָוויעטישע יידן פֿאַר דעם ציל.

די שטודיע וועגן די ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרברעכנס אין ראַטן־פֿאַר־באַנד איז דערשינען אין זשורנאַל פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פֿון יוריסטן ניט ווי עפּעס ספּעציעלס, ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן. אין זעלבן

נומער געפינען זיך שטודיעס וועגן יורידישע פּראָבלעמען אין אַנדערע לענדער, ווי, למשל, אַ שטודיע וועגן רעכט פון אַנטרינונג (אַזיל) אין אַ פרעמד לאַנד בכלל, און ווי דאָס גילט אין פראַנקרייך; אַן אַרבעט וועגן די ריכטער אין ישראל — ווי אומאָפּהענגיק זיי זיינען; אַן אַרבעט וועגן דעם רעכט פון אַרעס־טירטע מענטשן זיך צו פאַרבינדן מיט מענטשן, וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער פאַרטיידיקונג — ווי דאָס ווערט אָנגעווענדט אין פאַרשיידענע לענדער, און דאָס גלייכן. עס איז דעריבער ניט פאַראַן קיין שום אומגעוויינטלעכקייט, אָדער אַ ספּעציפישער יידישער אינטערעס אין אָט דער פאָרשונג וועגן די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל אין דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע.

די אַרבעט וועגן ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכן־פּראָצעסן אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרנעמט העכער פערציק זייטן פון דעם נומער. זי הייבט זיך אָן מיט אַ קאַפּיטל וועגן טויטשטראָף אין ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן די געזעצן צו באַשיצן אייגנטום ביים סאָציאַליסטישן רעזשים. די שטודיע גייט דערנאָך אַריבער צו די ספּעציפישע פּראָצעסן, אָנגעהויבן מיטן ערשטן פּראָצעס פון אָט דער קאַטעגאָריע, פאַרעפנטלעכט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" פון 16טן יוני 1961 ביז סוף 1963. ביי געוויסע פּראָצעסן גייט די שטודיע אַריין גענוי אין דער יורידישער טעכניק, וואָס ווייזט אויף, אַז דער פּראָצעס איז ניט געפירט געוואָרן לויט די סאָוויעטישע געזעצן גופא.

למשל, ביים ערשטן פּראָצעס פון אָט דער קאַטעגאָריע, קעגן די בירגער ראָקאָטאָוו, פייבישענקאָ און עדליס, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין שמוגלען גאָלד און וואַלוטע, זיינען זיי צו ערשט געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט דורך דער געהיים־פּאָליציי, און יעדער פון די באַשולדיקטע האָט באַקומען אַ געוויסע שטראָף. דער פּראָקוראָר איז ניט געווען צופרידן מיטן אורטייל, האָט ער אַפּעלירט צו אַ העכערן געריכט, און יענער האָט די אָנגע־קלאָגטע געגעבן די דאַן העכסטע שטראָף — פופצן יאָר פאַרלירן די פרייהייט. דערנאָך איז דאָס אַוועק צום העכסטן געריכט, און דערווייל איז אַריין אין קראַפט דאָס געזעץ, וואָס באַשטימט טויטשטראָף פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס, האָט דאָס העכסטע געריכט פאַרגרעסערט דעם אורטייל צו טויטשטראָף. דערויף ווייזן אָן די יוריסטן, אַז דער ערשטער פּראָצעס האָט געדאַרפט גע־פירט ווערן לויטן געזעץ פון יאָר 1958, און ניט פון יאָר 1961, און אַז דער באַשלוס פון העכערן געריכט צו געבן די אָנגעקלאָגטע אַ האַרבערע שטראָף איז קעגן קאָדעקס פון 1960, און אַז די ווענדונג צום העכסטן געריכט איז

ווידער געווען ניט געזעצלעך; דאָס העכסטע געריכט האָט דאָס אַפילו ניט געדאַרפט באַטראַכטן, האָט עס נאָך באַשטימט אַ שטראָף, וואָס איז ניט געווען אין קראַפט ניט נאָר בעת דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן, נאָר אַפילו ניט בעתן ערשטן פּראָצעס. דאָס אַליין איז אַ פאַרלעצונג פון געזעץ פון יאָר 1960, וואָס זאָגט, אַז מען דאַרף משפּטן אַן אָנגעקלאָגטן נאָר לויטן געזעץ וואָס איז גילטיק אין דער צייט ווען דער פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן. איצט קומט אַ נייע יורידישע פראַגע: צי דער דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן שפּעטער, אַז מען מעג אין דעם פּרט מאַכן אַן אויסנאַם, איז טאַקע אַן אָפּי־ציעלער דעקרעט אין קראַפט, צי ניט. איך גיב אָן די פּרטים, כדי צו ווייזן דעם כאַראַקטער פון דער שטודיע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יורידישער קאָמיסיע.

וואָס זשע האָט אָט די יורידישע קאָמיסיע צו זאָגן וועגן די יידן צווישן די אָנגעקלאָגטע אין ווירטשאַפט־פאַרברעכנס?

אַ טייל פון די דערווידערונגען, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע האָט קעגן די ווירטשאַפט־פּראָצעסן אין אַלגעמיין, האָט אַ ספּעציפישן באַטייט אין פאַרבינדונג מיט די יידישע אָנגעקלאָגטע. למשל, די טענה, אַז די גענויע צאָל אָנגעקלאָגטע, ווי אויך פון די באַשטראָפטע, איז קיין מאָל ניט אָנגעגעבן. אַלע מאָל פיגורירט אַ קאַטעגאָריע „און אַנדערע". אפילו ווען עס קומט צו דער גרעסטער שטראָף, צו טויטשטראָף, ווערן געוויסע אָנגעקלאָגטע אָנגע־רופן ביים נאָמען, און אַנדערע ווערן איבערגעלאָזט אַנאָנים אין „און אַנדערע". דאָס הייסט, אַז מען קלויבט אויס די נעמען פון די אָנגעקלאָגטע צום פאַר־עפנטלעכן, מעג מען דאָך שטעלן די פראַגע: פאַר וואָס דערשיינען גראָד אַזוי פיל יידישע נעמען צווישן די פאַרמשפּטע?

נאָך אַן אַלגעמיינע טענה: אין די באַריכטן וועגן די פּראָצעסן ווערן באַגאַנגען צוויי אומגערעכטיקייטן לגבי אָנגעקלאָגטע. קודם ווערט וועגן זיי געשריבן נאָך פאַרן פּראָצעס אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געווען פאַרמשפּט אַלס שולדיקע. עס ווערט פאַרויס געפירט אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן זיי ווי קעגן די ערגסטע אַנטיסאָציאַלע עלעמענטן און שונאים פון לאַנד. אָט די העצעריי קומט פאָר אויך במשך דער צייט פון פּראָצעס. עפנטלעך ווערן די אָנגע־קלאָגטע פאַרמשפּט נאָך איידער זיי דערשיינען פאַרן געריכט. און חוץ דעם ווערט דער גאַנצער פּראָצעס געשטעלט אין אַ קרומען ליכט: די העצעריי ווערט געפירט קעגן אַ פּאָר, אָדער עטלעכע, פון די אָנגעקלאָגטע, וואָס זייער ראָל אין פאַרברעכן איז געווען גאָר אַ קליינע, בעת די סאַמע עיקרדיקע באַ־

שולדיקטע, אפילו נאָך דעם ווי זיי באַקומען די העכסטע שטראָף, ווערן ניט אָפּגעמערקט. דאָס ווייזט ווידער אַ מאָל, אַז עס גייט ניט אין אינפאָרמירן וועגן פאַרברעכן, נאָר אין פּראָפּאַגאַנדע קעגן פאַרברעכן; ניט אין געפינען דווקא דעם שולדיקן, נאָר אין אויסקלייבן אַ צילברעט אויף וועמען צו ווענדן דעם צאָרן פון די מאַסן, און דאָס — זייער אָפט אויפן חשבון פון די יידן.

אין זייער אַנאַליז פון דעם „אוזמא"־פּראָצעס אין ריגע, אויף וועלכן עס זיינען צווישן אַנדערע געמשפּט געוואָרן ניקאָליי קאַטליאַר און ד. בע־געלמאַן, מאַכט די קאָמיסיע אַט דעם אויספיר: „ווידער האָבן די פּרעסע־באַריכטן די גאַנצע זאַך געשטעלט אויסערן פאָקוס. דער פּראָצעס־באַריכט און די אויסגעטיילטע שטראָפן האָבן געצויגן דעם עפנטלעכן אויפמערק אויף די צווייטראַנגיקע פיגורן אין דער גאַנצער אַפערע. קאַטליאַר און זיין חבר בעגעלמאַן, וועמענס ראָל איז קיין מאָל ניט אָנגעגעבן געוואָרן גענוי, האָבן באַקומען טויטשטראָף, בעת פינף „אַנדערע" זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשיידענע טערמינען תּפיסה".

נאָך אַן עלעמענט אין דעם אַנאַליז פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יורי־דישער קאָמיסיע האָט אַ דירעקטע שייכות מיט די יידישע אָנגעקלאָגטע אין די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס. די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דאָ אַ שווערע אויפגאַבע און מוז צוגיין דעליקאַט צום ענין. לויטן מאַרקסיזם האָט אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג בכלל ניט געדאַרפט עקזיסטירן קיין גייצי־קייט צו געלט און רייכטום. דאָס איז אַ באַגלייט־דערשיינונג פון צעפוילטן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אָבער אַז מען דאַרף אויפדעקן אַזוי פיל און אַזוי אָפט אָט די קאַפּיטאַליסטישע צעפוילטקייטן אין סאָוויעטישן רעזשים, קאָן דאָך דאָס ברענגען אויפן געדאַנק, אַז, אָדער מאַרקס איז געווען ניט אין אָר־דענונג, אָדער דאָס סאָציאַליסטישע סאָוויעטישע סיסטעם איז ניט אין אָרדע־נונג. די קאָמיסיע שרייבט:

„די באַריכטן, וואָס זיינען שוין באַשריבן געוואָרן אין אָט דער שטודיע, ווייזן אַן עקסטרעמע צוריקגעהאַלטנקייט אָנצוגעבן די נעמען פון אַלע באַ־שולדיקטע. דער אַנאַליז פון דעם שלעכטס, פון וועלכן די פאַרברעכער ליידן, איז אַ דעליקאַטע פּראָפּאַגאַנדע־אויפגאַבע. ווי באַלד דער סאַמע יסוד פון דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע וועגן מאַטעריעלער גייציקייט ווערט דאָ אַרונ־טערגעריסן. דאָס בילד, סיי פיזיש, סיי פּסיכאָלאָגיש, וואָס באַווייזט זיך דאָ, איז אָן ספק אַ קאָאָרדינירט בילד. דאָס פאַרדינט אַ גענויע און פאָרזיכטיקע

שטודיע, ווי אַ בייזער שטן אָדער אַ שעיר לעזאזל פאַר די מאָראַלישע קראַנק־הייטן, פון וועלכע עס ליידט די סאָוויעטישע געזעלשאַפט".

אויב די סאָוויעטישע געזעלשאַפט קאָן ניט זיין שולדיק אין די ווירט־שאַפטלעכע פאַרברעכענס, קענען דאָך אויך דערין ניט זיין שולדיק די, וואָס פערזאָניפיצירן די סאָוויעטישע געזעלשאַפט. דאָס שלעכטס שטאַמט פון דער פרעמד, אָדער פון אַ מאָל. די קאָמיסיע שרייבט:

„אָפט מאָל האָט די סאָוויעטישע פרעסע געלאָזט פאַלן שטאַרקע אָנצוהער־רענישן, אַז קאָנטאַקטן מיט יענע מיטגלידער פון אַלטן דור, וואָס זיינען אַ מאָל געווען אייגנטימער פון פאַבריקן און קאָמערציעלע אונטערנעמונגען, קאָנען זיין אַ קוואַל פון שעדלעכע אידעאָלאָגישע איינפלוסן. די קינדער פון אָט די מענטשן זיינען באַזונדערס אויסגעשטעלט צו אָט דעם מין איינפלוס, און דאָס שליסט כמעט אויס זייערע שאַנסן צו ווערן נוצלעכע מיטגלידער פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. ניט געקוקט דערויף, וואָס די מלוכה האָט זיי געגעבן אַ העכערע בילדונג אין די סאָוויעטישע אוניווערסיטעטן און האָט זיי איינגעאָרדנט אויף גוט באַצאָלטע שטעלעס, האָט גענוג אָפט געטראָפן, אַז די אָפּשטאַמיקע פון דער פריערדיקער בורזשואַזיע האָבן זיך באַטייליקט, הגם אָפט מאָל נאָר פּאַסיוו, אין די פאַרברעכנס פון אַלטן דור". דער באַריכט ווייזט אָן אין שייכות מיט דעם אויף אַן אַרטיקל אין דער „מאָסקאָווסקאַיאַ פּראַוודאַ" (13טער יולי 1962) מיטן טיטל „ווי דער זון איז אויסגעוואַקסן אַ חזיר".

אין אַנדערע ווערטער: יידן זיינען דער פּאַסיקסטער עלעמענט, אויף וועמען אַרויפצולייגן די שולד פאַר די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, באַזונדערס, ווען מען האַלט אויף דאָס שאַבלאָנע אַנטיסעמיטישע בילד פון דעם ייד.

דער באַריכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יורידישער קאָמיסיע ציטירט פון דער „איזוועסטיאַ" (20טער אָקטאָבער 1963) בשייכות מיט אַ פּראָצעס אין מאָסקווע די דאָזיקע ווערטער: „מיר דערמאָנען די יידישע נעמען פון די מענטשן אין דער כנופיא (פון ווירטשאַפט־פאַרברעכער), ווייל מיר שענקען ניט די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט צו דעם בייזוויליקן בילבול, וואָס ווערט פון צייט צו צייט איבערגעחזרט אין דער מערב־פרעסע. ניט יידן, רוסן, טאַטאַרן אָדער אוקראַינער וועלן דאָ געמשפט ווערן; פאַרברעכער וועלן דאָ פּראָצעסירט ווערן". און די קאָמיסיע גיט צו: „קלאָר, אַז דאָס דערמאָנען דעם אָנגעקלאָגטנס נאָמען, צי עס דעקט אויף זיין יידישע, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע שייכות, איז דורכויס ניט שאַקירנדיק, אָבער ווען מען שטודירט

די באַריכטן פֿון די ווירטשאַפֿט־פֿאַרברעכנס, וואַרפֿט זיך באַלד אין די אויגן דאָס אומפּראָפּאָרציאָנעלע אונטערשטרייכן די מיאוסע עובֿדות פֿון די יידישע אָנגעקלאָגטע״.

צווישן די אויספֿירן, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע יורידישע קאָמיסיע האָט געמאַכט פֿון איר אויספֿאָרשונג, ווערן אָנגעגעבן פֿאָלגנדיקע פּרטים אין שייכות מיט די יידן, אָנגעקלאָגטע פֿאַר ווירטשאַפֿט־פֿאַרברעכנס.

„עס איז ניטאָ קיין ספֿק, אַז דאָס קאָנצענטרירן דעם יוסטיץ־אַפּאַראַט און די פּראָפּאַגאַנדע אויף אויסצוראָטן די ווירטשאַפֿט־פֿאַרברעכנס, ווייזט אויף אַן ערנסטער מאָראַלישער קראַנקייט אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפֿט, אין אַ תּקופֿה ווען די אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוויעטישער מלוכה האָט דער־גרייכט אַ מדרגה, ווו עס האָט טעאָרעטיש געדאַרפֿט זיין אויסגעראָטן דער מין גייציקייט, וואָס איז אַזוי פֿאַרשפּרייט. עס איז קלאָר, אַז פּריוואַטע איניציאַטיוו, ערלעכע און אומערלעכע, און אין יעדן פֿאַל — אומלעגאַלע, איז פֿאָרגעקומען אין סאַמע האַרץ פֿון די מלוכהשע אונטערנעמונגען.

„עס איז אויך קלאָר, אַז עס איז אָנגעפֿירט געוואָרן אָפּט מאָל אַ גוט־פֿאָרמאַסקירטע רכילותדיקע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע קעגן די יידן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, באַזונדערס קעגן די, וואָס זיינען אָנגעקלאָגט אין ווירטשאַפֿט־פֿאַר־ברעכנס און אויך קעגן די כּלומרשטע כאַראַקטער־שטריכן פֿון יידן, וואָס זיינען זיי צוגעשריבן געוואָרן אין משך פֿון יאָרהונדערטער. אויב די אינפֿאָר־מאַציעס וועגן די ווירטשאַפֿט־פּראָצעסן זענען אפֿילו נאָר אומגעפֿער פֿול־שטענדיק, איז די צאָל יידן, וואָס באַקומען טויטשטראָף און שווערע תּפֿיסה־טערמינען, אַ סך גרעסער ווי זייער פּראָפּאָרץ לויט דער צאָל פֿון דער אַלגע־מיינער באַפֿעלקערונג.

„עס איז גאַנץ איינפֿאַך צו פֿאַרבינדן דאָס בילד פֿון געלטגייציקן יידן פֿון דער אַנטיסעמיטישער פֿאַנטאַזיע מיטן בילד פֿון הויפּט־טייוול פֿון קאַפּי־טאַליסטישער גייציקייט (היינט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד). אַזוי האָט די סאָוויע־טישע פּרעסע געוויס געטאָן. אָבער מען קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דאָס בילד פֿון דער מאָראַלישער חולאת אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערט געמאָלן אויף אָפּצוציען די אויפֿמערקזאַמקייט צו יידן, ווייל דער הויפּטציל פֿון דער סאָ־וויעטישער פּאָליטיק איז אָפּצוווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער אמתער ווירקלעכקייט אויף אַ שעיר לעזאזל. די אמתע ווירקלעכקייט איז אַן אמתער קרעבס אין סאַמע האַרץ פֿון דער אידעאָלאָגיע — קאַפּיטאַליסטישע קאָרופּציע אפֿילו אין דער פּאַרטיי און אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער לאָקאַלער ווירט־

שאָפט, און אַ ספּעקטאַקל פון שנעל־דערגרייכטע שטוינענדיקע פאַרמעגנס. אַט דער גאַראַנטירט אַנגענעמער פאַקט דערקלערט פאַר וואָס מען האָט אָנגענומען אַזעלכע שטרענגע געזעצן קעגןווירטשאַפט־פאַרברעכנס, אַזוי ווייט ביז צוריק־ציען זיך פון דעם אַזוי שטאַרק רעקלאַמירטער נייער שטראָף־ריכטונג.

„עס איז אַ טראַגעדיע פאַר די סאָוויעטישע יידן, וואָס זיי זיינען באַ־שטימט געוואָרן אַלס שעיר לעזאזל פאַר די זינד פון יענע, וועמענס שולד עס וואָלט געווען געפערלעך צו פאַרעפנטלעכן. זיי (די יידן) זיינען די קרבנות פון דעם העכסטן אינטערעס פון דער מלוכה; פון דער נויטיקייט צו באַפעסטיקן דעם גלויבן, אַז דער קאָמוניסטישער וועג איז דער ריכטיקער און דער דער־פאָלגרייכער וועג, און אַז קאַפּיטאַליזם איז אי שלעכט אי ווייניקער דער־פאָלגרייך.

„מעגלעך, אַז דער אַלטער פּאָטענציעלער אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט באַנוצט דורך דער סאָוויעטישער מאַכט, כדי צו פאַרמיאוסן די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, וואָס זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט. דאָס איז מסתמא די מילדסטע אויסטייטשונג פון דעם באַשיינפערלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס זעט אויס צו האָבן באַווירקט די סאָוויעטישע פּאָליטיק. עס איז אונדזער ערנסטע האָפענונג, אַז אויב אַפילו דאָס זאָל זיין דער דאָמינירנדיקער פאַק־טאָר, וואָס האָט באַאיינפלוסט די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען אין אַט דעם פּרט, זאָלן זיי האָבן איינגעזען, און אויך ווייטער איינזען, די רעאַלע און שווערע אומגערעכטיקייטן, וואָס מוזן אַרויסקומען פון אַזאַ קורס. אַנטיסע־מיטיזם שטעלט מיט זיך פאָר די סאַמע געפערלעכסטע פאָרעם פון ראַסיזם אין דער וועלט; קיין פּראַקטישע אויסרעכענונג קאָן קיין מאָל ניט באַרעכ־טיקן צו באַנוצן זיך מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי מיט אַ פּאָליטישן אָדער עקאָ־נאָמישן וואָפן“.

די לעצטע צייט הערט מען ווייניק וועגן ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן אין ראַטן־פאַרבאַנד. צי זיי קומען טאַקע ניט פאָר, צי מען אינפאָרמירט בלויז ניט וועגן זיי — ווייסט מען ניט. וואָס די סיבה זאָל ניט זיין, אויב זיי קומען טאַקע מער ניט, אָדער זייער ווייניק פאָר, איז אויך ניט קלאָר, צי דאָ האָט געווירקט דער פּראָטעסט פון אויסלאַנד, צי ס'איז מער שוין ניט אַזוי שטאַרק נויטיק. עס ווילט זיך גלויבן, אַז אויך דאָס פינצטערע קאַפּיטל אין דער סאָוויעטישער געשיכטע גייט אַוועק ווי אַ בייזער חלום. דער וואָס ווייסט אָבער ווי ווייט די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס זיינען געווען פאַרשפּרייט און אַריינגעוואָרצלט אין סאָוויעטישן סיסטעם, דער קאָן אַזוי לייכט ניט גלויבן, אַז אַט דאָס שלעכטס

איז שוין אין גאַנצן אויסגעראַמט. עס מאַטערט די זאָרג, טאָמער וועט זיך דער קאָשמאַר פון דאָס ניי באַווייזן. אָבער אַ שאָדן פאַרן סאָוויעטישן יידנטום און אַ פלעק אויפן ראַטן־פאַרבאַנד וועט בלייבן — דאָס אויפוועקן אַנטיסעמיטישע געפילן ביי גרויסע מאַסן סאָוויעטישע בירגער, און דאָס אויסנוצן אָט דעם שענדלעכן וואָפן פאַר פאָליטישע צוועקן.

די שטים פון רוסישן געוויסן

פאַראַן אַ ווערטל: גיב אַ קראַץ אַ רוס, וועסטו דערזען אַ טאַטער. דאָס איז שייך צו דער ביאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער ירושה, וואָס די מאָנגאָלישע אַרייַנדרינגער האָבן איבערגעלאָזט אין רוסלאַנד אין דרייצנטן יאָרהונדערט, צו ערשט אונטער דער הערשאַפט פון דזשינגיס כאַן און שפּעטער פון זיין אייניקל, קובלאי כאַן. די מאָנגאָלישע אינוואַזיע האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין דער רוסישער טראַדיציע ביזן היינטיקן טאָג. נאָך היינט זיינען פאַראַן רוסן, וואָס האַלטן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד געהער מער צו אַזיע ווי צו אייראָפּע און ער דאַרף זיך דעריבער אָריענטירן אויף אַזיע. אַנדערע רוסן באַטראַכטן די מאָנגאָלישע אינוואַזיע ווי אַ קליינעם עפּיזאָד אין דער רוסישער געשיכטע און אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז דורכויס אַ טייל פון אייראָפּע. דאָס נאָר וואָס געזאָגטע קומט צום אויסדרוק אין דער שטעלונג צו דזשינגיס כאַן מצד די סאָוויעטישע היסטאָריקער. ביז דאָ ניט לאַנג איז ער באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּאָזיטיוון העלד מיט גרויסע היסטאָרישע אויפטוען. אין יאָר 1962 איז ער איבערגעשאַצט געוואָרן פאַר גאָר ניט קיין העלד, נאָר פאַר אַ שעדלעכן כוח. אפשר האָט דערויף געהאַט אַ השפּעה די סאָוויעטיש־כינע־זישע פּאָליטיק, אָבער דער מאָנגאָלישער איינפלוס בלייבט אַן עלעמענט אין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון רוסישן מענטשן.

באַזונדערס לאָזט זיך דאָס פילן אין דער רוסישער מיסטיק, וואָס פאַר־נעמט זיך גאָר שטאַרק מיטן דואַליזם אין דער רוסישער נשמה. אויסגעשיילט פון פילאָסאָפישן לבוש, באַטייט דאָס אַז פון איין זייט איז דער רוס מוראדיק גרויזאַם און ברוטאַל — און דאָס דאַרף זיין די טאַטערישע ירושה — און פון דער אַנדערער זייט שווערט אויפן רוס זיין געוויסן, וואָס קוואַלט אַרויס פון אַ טיפן זיך פאַר יושר און מענטשלעכקייט. דער רוס, זאָל דאָס הייסן, איז אין אַ שטענדיקן קאַמף מיט זיך אַליין, אין געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס. און דעריבער גריבלט זיך דער רוס כסדר אין דער אייגענער נשמה.

צי אַט דער דואַליזם האָט טאַקי אַ שייכות מיט דער מאָנגאָלישער איג־וואַזיע, און צי ער איז טאַקי טיפער ביי די רוסן ווי ביי אַנדערע פעלקער —

וועגן דעם לאָזט זיך דיסקוטירן, און דאָ איז ניט דאָס אָרט דערויף. אָבער עס עקזיסטירט אַ טראַדיציע פון געוויסן אין קולטור־לעבן פון די רוסן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור, און אויך אין דער שטעלונג פון רוסישע שרייבער אין מאָראַליש־קריטישע מאָמענטן. אין צייטן פון מאָראַלישער ירידה, פון פינצטערגיש און ברוטאַליטעט, האָט אָפּט זיך געהערט די שטים פון פּראָטעסט, אַ רוף צו מענטשלעכקייט. אַזעלכע שטימען זיינען אַ מאָל,ביים צאַרישן רעזשים, געהערט געוואָרן פון טאָלסטאָי, דאָס־טאָיעווסקי, גאָרקי. אין דער סטאַלין־צייט איז די שטים פון מאָראַלישן פּראָ־טעסט דערשטיקט געוואָרן איידער נאָך זי האָט געקענט דערהערט ווערן. אונטער כרושטשאָווס הערשאַפט האָט זיך אויפגעהויבן אַ געמורמל פון פּראָ־טעסט, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעהערט צו ערשט פּאַסטערנאַקס פאַר־נעפּלט וואָרט, און דערנאָך דאָס יונגע שטאַרקע קול פון יעווגעני יעווטושענקאָ.

יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר" האָט אויפגעטרייסלט די וועלט ניט מיט דעם, וואָס עס האָט אויפגעדעקט עפּעס וואָס מען האָט פריער ניט גע־וווּסט. מען האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אויפן באַבי יאַר, ווו די נאַציס האָבן מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט אומגעבראַכט די מערהייט פון זייערע 100 טויזנט יידישע קרבנות פון קיעוו, איז ניטאָ קיין זכר דערויף; אַז עס עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד — איז אויך מער קיין סוד ניט געווען. יעווטושענקאָס דערשיינען האָט געהאַט אַ היסטאָרישן באַטייט מיט דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער, אַז דער קעניג איז נאַקעט — אין דורכברעכן דעם סאָוויעטישן פאַרבאָט צו דערמאָנען דעם אַנטיסעמיטיזם. דורך אים האָט צום ערשטן מאָל פּראָטעסטירט דאָס רוסישע געוויסן קעגן דעם ווי אַזוי יידן ווערן היינט באַהאַנדלט אין ראַטן־פאַרבאַנד. און עס איז כדאי צו געדענקען, אַז דער דיכטער יעווטושענקאָ איז געבוירן געוואָרן צען יאָר נאָכן טויט פון לענין, אַז ער איז אַלט געווען בלויז פיר יאָר בעת די סטאַלינישע „רייניקונגען" אַז ער איז דורכויס אַ פּראָדוקט פון דעם אַבסאָלוטן סטאַלינישן רעזשים. הייסט דאָס, אַז דער טאָטאַלער רעזשים אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט געקענט אויסראָטן די שטים פון רוסישן געוויסן.

אין וואָס באַשטייט דאָס סאָוויעטישע פאַרשוויגן דעם אַנטיסעמיטיזם?

אין אויסלאַנד וועלן סאָוויעטישע פירער אַ מאָל מודה זיין, אַז ביי גע־וויסע אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון זייער באַפעלקערונג איז נאָך געבליבן אַן אַנטי־יידישע געפיל, הגם זיי לייקענען דערביי, אַז ערגעץ ווו אין סאָוויעטישן לעבן ווערט געמאַכט אַן אויסנאַם קעגן יידן. אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא טאָר

דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם" ניט באַנוצט ווערן אין שייכות מיט דער סאָ־וויעטישערווירקלעכקייט. דער איינשטעל איז אַזאַ: אַ מאָל, ביים צאַרישן רעזשים, האָט טאַקע עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָס איז אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און מער איז פון דעם קיין זכר ניט געבליבן. היינט איז אין ראַטן־פאַרבאַנד ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, מחמת עס קאָן ניט זיין. אַנטיסעמיטיזם איז דאָך אַ פּראָדוקט פון די ווידערשפּרוכן אין קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אָבער היות אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג פאַר־מאָגט ניט קיין ווידערשפּרוכן, איז במילא דאָרט אויסגעשלאָסן שנאה פון פאָלק צו פאָלק, אָדער דיסקרימינאַציע קעגן אַ פאָלק. דער וואָס זאָגט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם, מאַכט אַ מיאוסן בלבול אויפן סאָ־ציאַליסטישן לאַנד.

אין הויז פון אַ געהאָנגענעם, זאָגט די וועלט, טאָר מען ניט ריידן וועגן אַ שטריק. אין ראַטן־פאַרבאַנד טאָר מען עפנטלעך ניט ריידן וועגן אַנטי־סעמיטיזם. אַט דאָס וואָרט קאָן געברויכט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון מערב, אויב דאָס קאָן זיין דאָס פּאַסיקע מיטל צו דערלאַנגען זיי דעם אמתן קלאַפּ; און דאָס אויך — ניט אָפט, און פאַרן אויסלענדישן געברויך. אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא איז דער טאַבו אויפן וואָרט „אַנטיסעמיטיזם" אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די נאַצישע מערדערייען פון יידן זיינען מינימיזירט געוואָרן סיי ערב דעם צווייטן וועלטקריג, סיי בעתן קריג, און אַפילו נאָכן קריג. דער ראַטן־פאַרבאַנד איז די איינציקע מדינה מיט אַ יידישער באַפעלקערונג ווו עס איז קיין מאָל ניט געפייערט געוואָרן דער אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ניט נאָר די ניט־יידישע באַפעלקערונג, נאָר אַפילו ניט אַלע יידן ווייסן גאָר, אַז עס זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע אויפשטאַנדן.

ווי אַזוי איז דאָס געשען?

צו ערשט, בעתן סטאַלין־היטלער פּאַקט, האָט דאָך מאָלאָטאָוו אַליין דערקלערט אַז „נאַציזם איז אַ געשמאַק־זאַך". אַפילו די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט געמוזט זיך צופּאַסן צו דעם. סוף 1939 איז דערשינען אין מינסק אַ ליטעראַרישע זאַמלונג מיטן נאָמען „די באַפרייטע ברידער" מיט דער באַטייליקונג פון צוואַנציק יידישע שרייבער, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט די נייע טעריטאָריעס, אַנגעשלאָסענע צום ראַטן־פאַרבאַנד, און פון די לענדער וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך היטלערן. די סאָוויעטישע יידישע שרייבער האָבן די נייע קאָלעגן אויפגענומען ברידער־לעך, זיך באַמיט מאַכן מעגלעך פאַר זיי צו זיין טעטיק ווי שרייבער. אָבער

די באַפרייטע ברידער האָבן נישט געהאַט גענוג פרייהייט צו דערמאָנען מיט אַ וואָרט די נאַציס, פון וועמענס שאָטן זיי זיינען געלאָפן.

אַפילו די יידישע שרייבער פון פוילן, וואָס זיינען געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פוילן, האָבן ניט געהאַט די מעג־לעכקייט אויסצודריקן זייער פּראָטעסט און וויי־געשריי קעגן די היטלערישע רציחות. ווען דער פּוילישער יידישער דיכטער בינם העלער האָט אָנהייב 1940 צוגעשיקט פון ביאַליסטאָק צו פּרץ מאַרקישן אין מאָסקווע זיין אַנטי־היטלערישע פּאָעמע „וואַרשע 1939" האָט ער באַקומען אַן ענטפער פון מאַר־קישן, אַז ער און זיין חבר מאיר ווינער (אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער, וואָס איז געפאַלן אויפן פראָנט אין 1941) מיינען, אַז מען קאָן אָט די פּאָעמע ניט אָפּדרוקן, אָנגעבנדיק פאַרשיידענע אויסריידן פאַר דעם, כלומרשט פאַר־מעלע. אין יאָר 1943, ווען בינם העלער, דעמאָלט אין אַלמאַ־אַטאַ, האָט צוגע־שיקט די זעלבע פּאָעמע, ניט געענדערט אַן אות, צום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, האָט ער גלייך באַקומען אַ טעלעגראַפישע באַגריסונג פון פּרץ מאַרקישן צו זיין „גרויסער קינסטלערישער דערגרייכונג". אַן ענלעכע טעלעגראַמע איז געקומען צו בינם העלערן פון שכנא עפּשטיינען. איך וואָך שפּעטער איז פאַרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט אין מאָסקווער שרייבער־קלוב געווידמעט אָט דער נייער פּאָעמע, וואָס פּרץ מאַרקיש אַליין האָט זי פאַרגעלייענט, און ביי דער דיסקוסיע נאָך דעם האָבן אַלע שרייבער געשאָטן מיט שבחים דערויף און אַ באַריכט פון דעם אָוונט איז דערשינען אין „איינִי־קייט". אַז מען האָט שוין געמעגט, איז אַלע שרייבער אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן...

ווען די קאַטאַסטראָפע איז געקומען, און די נאַציס זיינען באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין יוני 1941, האָבן די סאָוויעטישע יידן — מיטן אויסנאַם פון די יידן פון די ניי־צוגעקומענע טעריטאָריעס — געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם וואָס די נאַציס האָבן געטאָן מיט די יידן, און וואָס זיי האָבן אָפיציעל זיך געגרייט צו טאָן מיט זיי. אין דער ביבליאָגראַפיע פון „יידישע פּובליקאַציעס אין ראַטן־פאַרבאַנד 1917—1960", רעדאַגירט פון פּראָפעסאָר חנא שמערוק פון ירושלים־אוניווערסיטעט, און אַרויסגעגעבן פון דער ישראלדיקער היס־טאָרישער געזעלשאַפט, איז צווישן העכער פיר טויזנט אויסגאַבן פאַרצייכנט בלויז צוויי וועגן די נאַציס: דאָס „ברוינע בוך", אַן איבערזעצונג פון אַ דייטש בוך, דערשינען אין יאָר 1933 און „די געלע לאַטע", אַן איבערזעצונג פון פראַנצויזיש, דערשינען אין יאָר 1936 ביזן נאַצישן אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. אַ דריטע פּאָזיציע, פון יאָר 1933, האָט גיכער געקענט אָפּשוואַכן

דאָס געפּיל פון יידישע געפאַר אין נאַציזם, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט עס: „די פאַשיסטישע קאָנטער־רעוואָלוציע און די יידישע בורזשואַזיע". אָט די אויסגאַבן האָבן דערגרייכט בלויז צו אַ קליינעם טייל פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. די סאָוויעטישע יידן האָבן געוווּסט, אַז די נאַציס זיינען אַנטי־סעמיטן, אָבער זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די נאַציס זיינען ניט קיין סך ערגער פון אַנדערע אַנטיסעמיטן. די נאַציס אַליין האָבן זיך געוווּנדערט וואָס די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געהאַט אַזאַ קנאַפּן באַגריף וועגן זייער באַציִונג צו יידן. אַ נאַציִשער מיליטערישער דאָקומענט פון ווייסרוסלאַנד, פון יולי 1941, לייענט זיך אַזוי:

„די יידן זיינען מאָדנע ניט־אינפאָרמירט וועגן אונדזער באַציִונג צו זיי און וועגן דער באַהאַנדלונג פון יידן אין דייטשלאַנד אָדער אין וואַרשע — ערטער וואָס זיינען דאָך גאָר ניט ווייט פון זיי. וואָלט אַזוי ניט געווען, וואָלטן זיי דאָך אונדז ניט געפרעגט צי מיר באַהאַנדלען אין דייטשלאַנד די יידן אַנדערש ווי אַנדערע בירגער. הגם זיי דערוואַרטן ניט צו באַקומען גלייכע רעכט מיט די רוסן אונטער דער דייטשער אַדמיניסטראַציע, גלייבן זיי נאָך אַלץ, אַז מיר וועלן זיי לאָזן צורו אויב זיי וועלן זיך אָפּגעבן געטריי צו זייער אַרבעט".

בעת דער מלחמה איז שוין יאָ געפירט געוואָרן אַן אַנטי־נאַצישע פּראָ־פּאַגאַנדע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, און דאָס האָט זיך אויך געמערקט אין די יידישע אויסגאַבן, אָבער אויך דעמאָלט איז ניט אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער אויסראָטונג־קאַמף פון די נאַציס קעגן די יידן. ווען מען האָט אָנגעוויזן אויף די נאַצישע רציחות קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג, זיינען די יידן אַריינגענומען געוואָרן אין דער רובריק „די אַנדערע", ווי למשל, „רוסן, אוקראַיִנער, ווייסרוסן, און אַנדערע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד". ווען יידן זיינען אין אַזאַ פאַרבינדונג יאָ דערמאָנט געוואָרן, איז דאָס געווען צוזאַמען מיט אַנדערע קלענערע פעלקער, כמעט לויט דער גרויס פון באַפעלקערונג, ווי למשל: „יידן, גרוזינער, אַרמענער אוזבעקן, אַזערביידזשאַנער, טאַדזשיקן און אַנדערע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד". נאָר זעלטן איז געוואָרפן געוואָרן אַ רמז אַז די יידן האָבן געליטן אַ ביסל מער ווי די אַנדערע פעלקער, אָבער ניט מער ווי אַ רמז.

למשל, ריידנדיק וועגן די קליינע פעלקער, וואָס האָבן געליטן פון די נאַצישע גרויזאַמקייטן, ווי די ליטווינער, לאַטישן, עסטאָנער, מאָלדאַווער, און קאַרעלאָ־פינער, איז געווען צוגעגעבן, אַז „בעמעדיק אין באַטראַכט זייער קליינער צאָל, האָט די יידישע מינדערהייט אין דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג

געליטן באַזונדערס שווער פון דער בעסטיאַלישער בלוטדורשטיקייט פון די היטלערישע דעגענעראַטן". שרייבנדיק וועגן די נאַצישע שחיטות אין אוקראַינע, איז געווען געזאָגט, אַז די „פאַרשטאַרקונג פון טעראָר קעגן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג לעצטן זומער און האַרבסט איז געווען באַגלייט מיט אַ צאָל בלוטיקע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין עטלעכע ערטער אין דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער סאָוויעטישער רעפּובליק". דאָס גאָר: פּאָגראָמען, עטלעכע ערטער, בעת דאָס גאַנצע אוקראַינישע יידנטום איז אומגעבראַכט געוואָרן. יידן האָבן באַטראָפן זיבן פּראָצענט פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, אָבער די גרויסע מערהייט פון די נאַצישע קרבנות אין אוקראַינע זענען געווען יידן.

ווען שלמה מיכאָעלס איז, צוזאַמען מיט איציק פעפער, געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1943, האָט ער מיטגעבראַכט אַ שטיק „יודענזייפע", זייף, וואָס איז געווען געמאַכט פון דעם פעטס פון די נאַצישע יידישע קרבנות און איז אַזוי אָפן געווען אָפּגעשטעמפּלט. אָבער די סאָוויעטישע באַפעלקערונג האָט דאָס ניט געוווסט, און זי ווייסט עס ניט ביז היינט, פונקט ווי זי האָט נאָך ביז היינט עפנטלעך ניט געהערט וועגן די יידישע אויפשטאַנדן אין די געטאָס — אויב זיי האָבן בכלל געהערט וועגן געטאָס.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

קיין אָפיציעלע דערקלערונג איז ניט פאַראַן, אָבער ווען מען רעדט פאַרטרוילעך מיט העכערע סאָוויעטישע באַאַמטע, זאָגן זיי אַז די לאַגע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ניט דערלויבט דעם ראַטן־פאַרבאַנד צו פיל צו אַנטאַגאַניזירן היטלערן מיטן פּראָטעסט קעגן זיין באַרבאַרישער באַהאַנדלונג לגבי די יידן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָ גייט אין מענטשלעכן געוויסן און ניט אין פּאָליטישע אויסרעכענונגען. עס וואָלט געווען שווער צו געפינען נאָך אַ ניט־פאַשיסטיש לאַנד, וואָס זאָל אַזוי האָבן זיך גערעכנט מיט היטלערס סענסיטיווּיטעט אין דעם פּרט ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד.

און פאַר וואָס האָט מען מינימיזירט בעסטיאַלישע היטלערישע גרוילן קעגן יידן דעמאָלט ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך שוין געפונען אין אַ קריג־צושטאַנד מיט נאַצי־דייטשלאַנד? דערויף איז דער תּירוץ ווידער, אַז מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט די אומשטענדן. די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע אויפן פראָנט האָט געטענהט, אַז די דייטשן האָבן גאָרניט קעגן די רוסן, און די רוסן האָבן דעריבער ניט קיין גרונט צו זיין קעגן די דייטשן. די דייטשן פירן מלחמה קעגן די יידן, די יידן האָבן געשטופּט דעם ראַטן־פאַרבאַנד צום קריג מיט די דייטשן, בעת זיי גופא, די יידן, גייען ניט אויפן פראָנט, זיי

בלייבן אין הינטערלאַנד און מאַכן געלט. ווען מען וואָלט אונטערגעשטראָכן די ספּעציעלע נאַצישע מערדערייען אויף יידן, וואָלט דאָס אין די אויגן פון אומווויסנדיקע מענטשן באַשטעטיקט די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז דאָ גייט וועגן די יידן, און ניט וועגן די אינטערעסן פון אַנדערע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד. דערפאַר האָט מען געמוזט טענהן, אַז די נאַציס ווילן אומברענגען אַלעמען — די רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן און די אַנדערע.

אין פלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז ווי אוממאָראַליש אָט דער מאָטיוו זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט ער פּראַגמאַטיש אַ געוויסן זין. אָבער אַריינגעקוקט טיפער, זעט מען פאַרקערט — אַז אפילו פּראַגמאַטיש, אָפּאָרטוניסטיש, האָט דאָס געבראַכט גאָר ווינציק נוצן און זייער אַ סך שאָדן. מיט דעם, וואָס מען האָט פאַרשוויגן אָט דעם ליגן פון די נאַציס, האָט מען ניט פאַרהיט, אַז מאַסן סאָוויעטישע מענטשן זאָלן אין דעם ניט גלויבן. פאַרקערט, מען האָט אָנגענומען דאָס פאַרשווייגן דעם ענין יידן ווי אַ מין מודה זיין, אַז דאָס איז ריכטיק. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו הערן אין 1946 פון אַ סאָוויעטיש דאָרפסמיידל, וואָס איז געקומען צו קרובים אין אָדעס, אַז אין דאָרף איז געווען זייער שלעכט מחמת די דייטשן האָבן געמאַכט אַ מלחמה קעגן די יידן, און דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געמוזט גיין העלפן די יידן. זי האָט גערעדט וועגן דעם אָן פאַרביטערונג און אָן קריטיק, עפּעס ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס אַלע וויסן וועגן דעם. ווען מען זאָגט אָבער דעם גאַנצן פולן אמת, וואָלט דאָס ערשט דערמוטיקט די סאָוויעטישע באַפעלקערונג צו קעמפן קעגן די נאַציס.

די נאַציס אַליין זאָגן עדות דערויף. אין אַ נאַצישן מיליטערישן דאָקומענט, וואָס דערציילט וועגן דער שחיטה אויף יידן אין באַריסאָוו, ווערט איבערגעגעבן דער איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, ווען מען האָט צוזאַמענגערופן כדי זיי זאָלן זען, ווי די יידן ווערן מאַסנוויז אויסגעראָטן. דער דאָקומענט דערציילט, אַז די ניט־יידישע צושויער זיינען געווען שאָקירט און געטענהט צווישן זיך: „ווער האָט דאָס געקענט באַפוילן אַזאַ זאַך? ווי קאָן מען דאָס אויסהרגענען 6,500 יידן מיט אַ מאָל? היינט טוט מען דאָס מיט די יידן, ווען וועט מען דאָס טאָן מיט אונדז? וואָס האָבן אָט די אָרעמע יידן אַזוינס אָפּגעטאָן? די אמתע שולדיקע זיינען געוויס אַצינד אויף אַ זיכער אָרט". אויב אַזאַ איז געווען די אינסטינקטיווע באַציונג צו דער יידישער שחיטה מצד דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, וויפל שטאַרקער — און אַנטשיידענער — וואָלט געווען זייער אָפּרוף אויף דעם ווען זיי וואָלטן געוווסט אַלע פאַקטן בנוגע די נאַצישע מערדערייען קעגן די יידן, און מען

וואָלט אַפּעלירט צו זייער מענטשלעכן געוויסן אַזוי גוט ווי צו זייער אייגענער געפֿאַר?

דאָס פֿאַרשווייגן פֿאַר דער מלחמה די נאַציִשע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן יידן איז געווען אַ קאָנצעסיע פֿאַר די נאַציס, אַ קאָנצעסיע, וואָס האָט קיין נוצן ניט געבראַכט, מחמת היטלער איז באַפֿאַלן דעם ראַטן־פֿאַבאַנד ווי ער האָט דאָס פּלאַנירט, ניט פֿריער און ניט שפּעטער ווי ער איז געוואָרן גרייט צו דעם. אַ פֿאַקט איז דאָך, אַז ענגלאַנד האָט צוויסן געגעבן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד אַ היפּשע צייט פֿאָרויס, אַז דער נאַציִשער אָנפֿאַל קעגן ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערט געגרייט. און וואָלט סטאַלין זיך מער צוגעהערט צו דעם וואָלט דער ערשטער קלאַפּ ניט געווען אַזאַ קאַטאַסטראָפֿאַלער פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס פֿאַרשווייגן די נאַציִשע רציחות קעגן יידן בעתן קריג, איז געווען אַ קאָנצעסיע לגבי די אָפּגעשטאַנענע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא. דאָס האָט געעפֿנט די טיר פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט ניט נאָר אונטערגעגראָבן דעם מצב פֿון די יידן דאָרט, נאָר אויך אַראָפּגעשלעפּט די מאָראַל פֿון סאָוויעטישן מענטשן בכלל. אנשטאָט צו הייבן דעם פּראָסטן עלעמענט אַרויף, צו אַ העכערער מאָראַל, האָבן די הערשער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער מדרגה פֿון פּראָסטן עלעמענט, געגנערט זיינע פּרימיטיווע אינסטינקטן, און אַליין געזונקען אין זיין זומפּ.

און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט?

קודם — אַ כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד אין דער צייט פֿון קריג, בעת אין אַנדערע לענדער זיינען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען געפֿאַלן צו אַ מינימום צוליב דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן נאַציזם. דאָס וואָרט „זשיד", וואָס מען האָט שוין כמעט ווי ניט געהערט אַ פֿערטל יאָרהונדערט, און פֿאַר וועלכן די פּאָליציי האָט אַרעסטירט, איז אַצינד געהערט געוואָרן אָפֿן און הויך, און די פּאָליציי האָט ניט געוואָלט „זיך עסקן מיט אַזעלכע זאַכן". אין די טראַמווייען, אין די רייען נאָך פּראָדוקטן, האָט מען הויך אויפֿן קול געזידלט יידן, באַשולדיקט זיי, אַז דאָס האָבן זיי דערפֿירט צו דער מלחמה און איצט ווילן זיי ניט גיין קעמפֿן נאָר זיי בלייבן אין הינטערלאַנד, כדי צו ספּעקולירן און זאַמלען פֿאַרמעגנס. און דאָס איז געשען אין דער צייט ווען יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפֿן פֿראָנט אין אַ גרעסערער צאָל ווי די אוקראַינער, וואָס האָבן באַטראָפֿן צען מאָל מער פֿון די יידן צווישן דער סאָוויעטישער באַפֿעלקערונג. איידעלערע מענטשן האָבן באַנוצט די נעמען „אַבראַשאַ" און

„סאַראַ" אַנשטאָט „זשיד", אָבער באַגלייט דאָס מיט שטעכלקעס, וואָס האָבן געשניטן טיפער ווי די גראָבע זידלערייען פון פּראָסטן פאָלק.

נאָך דער מלחמה האָט מען אָט די דערשיינונגען געמוזט אָפּשטעלן צוזאַמען מיט אַנדערע כוליגאַנישע געגג, וואָס האָבן געקענט ווערן אַ כוח פון בונטאַרישקייט קעגן הערשנדיקן רעזשים. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די מלוכה גופא האָט אָנגעהויבן רודפן יידן. איך זאָג „מלוכה" און ניט סטאַלין אָדער בעריא, ווייל מען קאָן ניט וואַרפן די גאַנצע שולד אויף איין מענטש, בעת דער גאַנצער אַפּאַראַט האָט געוווּסט וועגן דעם און געווען מער־ווייניקער פאַרמישט אין דעם. עס זיינען געקומען די פינצטערע יאָרן פון צווישן 1948 און 1953, ווען מען האָט ניט נאָר אַרעסטירט די גייסטיקע פירער פון סאָוויעטישן יידנטום און געשלאָסן די פאַרבליבענע יידישע אינסטיטוציעס, נאָר אויך געוואָרפן יידן פון די הויכע פּאָסטנס, באַליידיקט, דערנידעריקט, און טעראָריזירט. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז יידן האָבן אויסגעמיטן צו ווייזן זיך צווישן ניט־יידן, אָדער אפילו צו באַזוכן זייערע פריערדיקע ניט־יידישע פריינד; יידישע קינדער זיינען באַליידיקט געוואָרן פון זייערע ניט־יידישע חברים אין די שולן.

סטאַלינס טויט האָט אָפּגעשטעלט אָט די אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט געקענט דערגיין, לויט די קלאַנגען, צו אַ גירוש פון אַלע יידן אין די טייגעס פון סיביר אָדער דעם מדבר פון צענטראַל־אַזיע. סטאַלינס יורשים האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון „דאָקטאָר־בלבול" און שפּעטער רעהאַביליטירט די אומגעבראַכטע און אַרעסטירטע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געבליבן לעבן. אָבער צוריקגעשטעלט די יידישע לאַגע צום מצב, וואָס איז געווען ביז די שפּעטע דרייסיקער יאָרן האָבן זיי ניט. זיי האָבן אַ ביסל צוגענומען דעם שמוץ פון אויבן, אָבער איבערגעלאָזט די פאַרפוילטקייט אונטן — ווי מיר האָבן געניטער אָנגעוויזן אין פריערדיקע קאַפּיטלען. עס גייט אָן ווייטער די דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער קולטור, קעגן דער יידישער רעליגיע, קעגן דעם יידישן מענטשן. און דאָך טאָר מען דאָס ניט אָנרופן אַנטיסעמיטיזם, און מען טאָר ניט זאָגן אַז אַזעלכעס עקזיסטירט. די היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן, די מאַרקסיסטן, ווי די סאָוויעטישע פירער פּרעטענדירן צו זיין, מיינען, אַז מיטן זאָגן, אַז עפּעס איז ניטאָ, וועט עס מיט דעם ניט ווערן, אָדער אַז זיי וועלן אין דעם איינריידן דער וועלט בעת דיווירקלעכקייט רייסט די אויגן.

שלמה מיכאָעלס האָט מיר אַ מאָל דערציילט וועגן זיין אייניקל, וואָס האָט שטאַרק ניט ליב געהאַט מען זאָל עס באָדן. ווען עס האָט זיך געגאָסן דאָס

וואַסער אין דער וואַנע, און מען האָט עס געהאַלטן אין אויסטאָן, האָט דאָס קינד געוויינט און געזאָגט: ניט עס גיסט זיך וואַסער און ניט מען וועט באָדן!
אָט אַזוי פירן זיך לגבי די יידן די היינטיקע הערשער פון ראַטן־פאַרבאַנד.

דעם טאַבו אויף אַנטיסעמיטיזם האָט קיינער ביז איצט ניט געבראָכן אויסער יעווטושענקאָ, אפילו ניט דער נייער יידישער העלד איליא ערענבורג. ער האָט טאַקע געזאָגט, אַז כל זמן עס איז פאַראַן כאָטש איין אַנטיסעמיט, וועט ער מיט שטאָלץ טראָגן אין זיין פּאַספּאָרט די באַצייכענונג „ייד״, ער האָט אָבער ניט געזאָגט וויפל אַנטיסעמיטן עס זיינען יאָ פאַראַן, אָדער ווו זיי געפינען זיך, און וואָס זיי טוען קעגן יידן. ווען אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, האָט אים געפרעגט וועגן פאַרבאָט אויף מצות אין יאָר 1962, איז ערענבורג געווען גענוג דרייסט דאָס צו באַצייכענען ווי פּראָסט אידיאָטיש. ער איז אָבער אויך געווען גענוג פאָרזיכטיק צו לייגן די שולד דערויף אויף די פירער פון די בעקערייען, ניט אויף דעם אמתן שולדיקן — דעם מיניסטעריום פאַר קולטן, וואָס וואָלט דאָס ניט געטאָן אָן דעם וויסן פון דעם סאַמע „אויבנאָן״.

אויך דאָס וואָס ביז היינט איז ניטאָ קיין שום מאָנומענט, אָדער באַצייכענונג אויף באַבי יאַר, אַז דאָ האָבן די נאַציס אויפן גרויזאַמסטן אופן אומגעבראַכט אַ גרויסע צאָל יידן, איז ניט עפּעס „פּראָסט אידיאָטיש״ מצד די נידעריקע באַאַמטע, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע מקומות. וואָרעם בעת עס האַנדלט זיך וועגן אַנדערע אַזעלכע ערטער, איז פאַראַן גאָר אַן אַנדער באַציִונג מצד די זעלבע באַאַמטע. דער ניט־יידישער קאָרעספּאָנדענט, האַריסאָן סאָלסבערי פון דער „ניו־יאָרקער טיימס״ האָט דעם 8טן פעברואַר 1962 אַזוי באַשריבן די אומשטענדן ביי באַבי יאַר:

„קיעוו איז ניט גלייכגילטיק צו די לעבנס וואָס זיינען דאָרט אָפּגעגעבן געוואָרן בעתן קריג. הויך איבער די פעלדזן ביים דניעפּער געפינט זיך אַ מאָנומענט פאַר די אַלע, וואָס זיינען געפאַלן אין קיעוו אין דער צייט פון קריג; אַן אייביקער פלאַם ברענט לזכר די קרבנות. יעדן טאָג ווערן אַהין געפירט מענטשן ווי צו אַ הייליק אָרט. אָבער עס איז ניטאָ קיין שום צייכן אויף אָט דעם מאָנומענט, אַז יידישע לעבנס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין קיעוו. אומזיסט בעט זיך דער טוריסט מען זאָל אים פירן צו באַבי יאַר. עס איז אויסער דער שטאָט־גרענעץ׳, זאָגן די וועגווייזער, ,מען דאַרף דערויף האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש; עס איז ניטאָ דאָרט וואָס צו זען; עס איז פאַרבונדן מיט צופיל שוועריקייטן׳. און עס איז טאַקע ניטאָ דאָרטן וואָס צו זען! עס איז אַ גרויסע אויסהוילונג פון דער ערד, אַ זאַמדגרוב (אַראָפּ אַ בערגל). אַ טייל פון דעם

ווערט גענוצט פאַרן מיסטגרוב פון שטאָטישן אָפּפאַל. דער שטאָטראַט האָט פּלענער אָנצופילן דעם גרוב און אויפצושטעלן אויף אים אַ ספּאָרט־סטאַדיאָן. „באַבי יאַר' איז אַ וואָרט, וואָס סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן ניט ליב צו הערן, אַז מען דערמאָנט די שחיטה אויף יידן זיינען זיי באַלד דאָ מיטן ענטפער, אַז יידן זיינען ניט געווען די איינציקע, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט. עס זיינען אויך געווען אוקראַאינישע און רוסישע קרבנות".

פאַר וואָס האָבן די סאָוויעטישע באַאַמטע אין קיעוו ניט ליב צו הערן דעם וואָרט „באַבי יאַר"? וואָס אַרט זיי אַזוי שטאַרק, אַז מען רעדט וועגן די נאַצישע שחיטות אויף יידן? מען רעדט דאָך וועגן די נאַציס, ניט, חלילה, וועגן מעגלעכע אוקראַאינער־קאָלאַבאָראַטאָרן. און דער אמת איז דאָך, אַז די שחיטות זיינען געווען אויף יידן. ווען מען האָט מען געטריבן צום באַבי יאַר, געצוווּנגען זיך אויסטאָן נאַקעט און געוואָרפן אין גרוב וואָס די קרבנות גופא האָבן געגראָבן — אוקראַאינער ציִ יידן? פאַר וואָס פאַרגינט מען ניט כאָטש די טויטע יידן אַ ביסל מענטשלעכקייט?

אין קיין אַנדער לאַנד וואָלט אַזאַ באַבי יאַר־ענין ניט אויפגעקומען. קודם וואָלט די שטאָט אַליין אויפגעשטעלט דעם געהעריקן מאָנומענט פאַר די אומגעבראַכטע יידן. וואָלט דאָס די שטאָט פאַרזען, וואָלטן די יידן פון דער שטאָט דאָס דערמאָנט און געפאָדערט פון איר. אין לעצטן פאַל, וואָלטן די יידן אַליין מיט אייגענע מיטלען אויפגעשטעלט דעם פּאַסיקן דענקמאָל פאַר די מאַרטירער־יידן. אפילו הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג, נאָר אויסער דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָלט אַזעלכעס ניט געשען. אין וואַרשע האָבן די יידן, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, אויפגעשטעלט דעם געטאָ־דענקמאָל. אין די יערלעכע געטאָ־פייערונגען באַטייליקן זיך פאַרשטייער פון דער רעגירונג, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, הגם די פייערונגען ווערן אָנגעפירט פון יידן. און די נאַציס האָבן דאָך אומגעבראַכט אַ סך מער פּוילישע ציווילע בירגער ווי ציווילע אוקראַאינער אין אוקראַאינע. פאַר וואָס איז אין פּוילן מיטן געטאָ אַנדערש ווי מיט באַבי יאַר אין אוקראַאינע? פאַר וואָס קאָנען די פּוילישע רעגירונג און די פּוילישע קאָמוניס־טישע פּאַרטיי זיך באַטייליקן אין דער יידישער געטאָ־פייערונג און אין ראַטן־פאַרבאַנד קאָנען אפילו די יידן אַליין פאַר זיך אַזאַ פייערונג ניט מאַכן?

דאָס אַלץ נעמט זיך פון דעם טאַבו אויף אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט במילא אַ טאַבו אויפן יידישן פאָלק, אויף דער שייכות פון די סאָוויעטישע יידן מיטן וועלט־יידנטום און מיט זייער אייגענער פאַרגאַנגענהייט. עס איז דער

לעצטער רינג אין דער קייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דירעקט מיט דער קאָנצעסיע פאַר היטלערן אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן און אומדירעקט — נאָך פריער. און פונקט ווי דער וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַרן יידישן חורבן און ווידערשטאַנד אין גאַנץ אייראָפּע, אַזוי איז באַבי יאַר געוואָרן דער סימבאָל פון דעם גאַנצן טאַבו־קאָמפּלעקס אין שייכות מיטן יידנטום אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אָט פון דעם שטאַמט די אויפטרייסלונג וואָס יעווגעני יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר" האָט ארויסגערופן אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט ווי מיט דינאַמיט אויפגעריסן דעם טאַבו ניט נאָר אויף דער אַנטיסעמיטישער ווירקלעכקייט פון ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אויפן באַגריף יידיש פאָלק, אויף דער שייכות מיטן אַמאָליקן מצרים, מיט דרייפוסן, אַנאַ פראַנק — נאָך איין טראָט וואָלט ער שוין געהאַלטן ביי ישראל. און עס איז אפשר ניט אַזאַ חידוש, וואָס הגם יעווטושענקאָס „באַבי יאַר" איז דערשינען אין מאָסקווע אין אָרגאַן פון שרייבער־פאַרבאַנד און איז איבערזעצט געוואָרן אין אַ שלל מיט שפּראַכן און אין צענדליקער וואַריאַנטן אויף יידיש אין אַלע לענדער, האָט דער איינציקער יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד, „סאָוועטיש היימלאַנד", נאָך אַלץ ניט איבערגעזעצט דאָס ליד, הגם מען דרוקט דאָרט איבערזעצונגען פון אַלערליי, גאַנץ מיטלמעסיקע ניט־יידישע דיכטער, און אפילו פון יעווטושענקאָ גופא איז דאָרט געדרוקט אַ ליד אין יידישער איבערזעצונג, א. נ. „די מאַלקע שיינהייט", ווו דער דיכטער שרייבט: „מיידלעך, איר געפעלט מיר אַלע, נאָר פון אַלע איינע נאָר, איז מיין אויסדערוויילטע קאַלע, ס'איז ניטאָ צו איר קיין פּאָר". און ווער איז זי, מיינט איר? די „סעניאָריטע רעוואָלוציע"! אָבער ניט „באַבי יאַר"! דאָס דערמאָנט אַ באַמערקונג פון ערשטן יידישן קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, ש. דימאַנשטיין, אויף קאַלינינס דערמוטיקונגען פאַר די יידישע קאָמוניסטן אויפצוהיטן זייער יידישע נאַציאָנאַליטעט. די דערקלערונג קלינגט אומגעפער אַזוי: קאַלינין, אַ זון פון דער מערהייט, קאָן זיך דערלויבן אַזוי צו ריידן, אָבער די יידישע קאָמוניסטן דאַרפן בעסער וויסן...

יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר" איז דערשינען אין אָרגאַן פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד צופעליק, אָבער ווי סימבאָליש — ערב יום־כיפור, דער שווערסטער טאָג פאַר יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, פאַר די וואָס וויסן ווען יום־כיפור פאַלט אויס. יעווטושענקאָ האָט ניט איבערגעטריבן ווען ער האָט געזאָגט אין ליד, אַז די רוסישע אַנטיסעמיטן האָבן אים אַזוי פיינט ווי די

יידן. ער האָט זיך מיט דעם איינגעקויפּט וויניק ליבע אַפילו ביי אייגענע קאָלעגן, וואָס האַלטן זיך אויך פאַר „אמתע רוסן" און וואָס וואָלטן זיך שטאַרק אָפּגעשאָקלט פון אַ באַשולדיקונג אין אַנטיסעמיטיזם. דער צווייטער אָרגאַן פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַראיין, „ליטעראַטוראַ אי זשיזן" (וואָס איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן אָנהייב 1963) איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן יעווטושענקאָ צוליב דעם דאָזיקן ליד. ער האָט אָפּגעדרוקט צו ערשט אַן ענטפער אין דער פאָרם פון אַ ליד פון דיכטער אַלעקסיי מאַרקאָוו און דערנאָך — אַ לענגערן אַרטיקל וועגן דעם פון ד. סטאַריקאָוו. ביידע, מאַרקאָוו און סטאַריקאָוו, לאָזן איבער אין אַ זייט דעם עיקר פון יעווטושענקאָס ליד און באַפאַלן יעווטו־שענקאָן פערזענלעך, זיינע מאָטיוון ביים שרייבן דאָס ליד און זיין געטריישאַפט צום סאָוויעטישן רוסלאַנד — מיט אַן אַנטי־יידישן אונטערטאָן. אויך אָט דער ענטפער אויף יעווטושענקאָס ליד דאַרף פאַרצייכנט ווערן, מחמת ער דעקט אויף דאָס, וואָס סאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן האָבן געפילט לגבי יידן פינף און פערציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

מאַרקאָוו הייבט אָן זיין ליד מיט אַ ווענדונג צו יעווטושענקאָן: „וואָס פאַר אַ מין רוס ביסטו אויב דו האָסט פאַרגעסן וועגן דיין אייגן פאָלק?" דערנאָך זאָגט ער, אַז רוסלאַנד האָט מיט איר אייגענעם קערפּער אָפּגעהאַלטן די נאַציס פון פאַרכאַפּן די וועלט, און דערמאָנט די פיל מיליאָנען רוסישע מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן אין קריג, „ווּעמענס נעמען די ווינטן וועלן קיין מאָל ניט אַוועקבלאָזן, און וואָס דער שפּיי פון אַ פּיגמיי קאָן ניט פאַרשוועכן". דער פּיגמיי דאַרף זיין יעווטושענקאָ, און דער שפּיי — זיין ליד. מאַרקאָוו פאַרענדיקט דאָס ליד מיט די ווערטער: „אַזוי לאַנג ווי די בית־עלמינס ווערן געטראָטן מיט די פיס אַפילו פון איין קאָסמאָפּאָליט, זאָג איך: ,מענטשן, איך בין אַ רוס!'" דאָס וואָרט „קאָסמאָפּאָליט" איז אונדז באַקאַנט נאָך פון סטאַלינס צייטן. ניט נאָר דער ייד איז געווען אַ „קאָסמאָפּאָליט", נאָר אויך דער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר יידן. ביי די רוסישע אַנטיסעמיטן איז יעווטושענקאָ פאַרהאַסט ווי די יידן; ביי מאַרקאָוון איז ער פאַרהאַסט ווי אַ „קאָסמאָפּאָליט", וואָס דאָס איז פאַקטיש דאָס זעלבע.

מען טאָר ניט זיין קיין קאָסמאָפּאָליט. מען דאַרף זיין נאַציאָנאַל. פאַר אַ רוס איז רעכט צו זאָגן, „מענטשן, איך בין אַ רוס!" אָבער אַ ייד? אַ ייד טאָר אַפילו אויף זיינע טויטע ברידער ניט זאָגן, אַז זיי זיינען זיינע ברידער. אַ ייד, טאָר ניט זאָגן: „מענטשן, איך בין אַ ייד". קיין קאָסמאָפּאָליט טאָר ער אויך ניט זיין. וואָס זשע מעג ער יאָ זיין?

סטאַריקאָוו איז געווען גיפטיקער און ביטערער. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער, אַז ריידנדיק וועגן דעם ליד „באַבי יאַר", האָט ער ניט געקאָנט „זיך עוסקן מיטן ריטם פון ליד, לאָמיר זאָגן, אָדער באַדויערן, וואָס דאָס ליד פאַרמאָגט ניט קיין הויכן ליטעראַרישן ווערט". דערנאָך ווערט ער ליריש געשטימט, ער האָט פאַרבראַכט דריי נעכטביים איבערלייענען אַרטיקלען פון דער מלחמה־צייט, און ער גיט איבער האַרצרייסנדיקע געשיכטעס פון יענער צייט. אַ מעשה פון מאַריע ביליק, דאָס ווייב פון אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט. די נאַציס האָבן זי אַוועקגענומען בייטאָג און אין אָוונט זיינען זיי געקומען נאָך די קינדער. דער עלף־יאָריקער וואָלאָדיע האָט געטראָגן דעם צוויי־יאָריקן פעדיא אויף די הענט. הינטער זיי זיינען געגאַנגען טאַניושאַ און גאַניולאַ. זיי זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין גרוב. ווען די רוסן זיינען געקומען און אויפגעגראָבן דעם קבר, האָבן זיי געפונען פעדיען אין וואָלאָדיעס אָרעמס. דער טאַטע, אַנטאָן ביליק, האָט געשריבן פון פראָנט, געוואָלט וויסן וואָס די קינדער מאַכן. סטאַריקאָוו דערציילט נאָך אַ געשיכטע וועגן די פרויען, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. סטאַריקאָוו ציטירט פון בריוו: „ליבע מאַמע, איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן. מען מאַטערט אונדז מיט שווערער אַרבעט... מיידלעך שלינגען איין נאָדלען, גייען אַראָפּ פון זינען..." און ענלעכע אַזוינע געשיכטעס. די נעמען זיינען ניט קיין יידישע, און דאָס איבערדערציילן דאָס אַצינד איז ביי סטאַריקאָוון אַ הקדמה פאַר דער פראַגע: „דאַרף די טראַגעדיע פון באַבי יאַר באַטראַכט ווערן נאָר ווי איינע פון די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען פון דער געשיכטע... די הונדערטער יאָרן אַלטע שענדלעכקייט, וואָס די היטלעריסטן האָבן אַרויסגענומען פון מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע און דאָס צוגעקלאַפּט צו זייער פאָן".

נו. רופט דאָך סטאַריקאָוו אַליין אָן דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ שענד־לעכקייט, און ער מיינט דאָ בלויז אָנצונעמען זיך די קריוודע פון די אַנדערע קרבנות פון נאַציזם, דאָס הייסט, ער וויל אונטערשטרייכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער נאַצישער גרויזאַמקייט. ער רעדט שוין באַלד ווי אַ „קאָסמאָפּאָליט". אָבער ער באַגרייפט גאַנץ גוט, אַז אַט דאָס האָט מיט באַבי יאַר קיין שייכות ניט, אַז אין באַבי יאַר האָט מען אומגעבראַכט יידישע קרבנות, ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע, פאַררופט ער זיך דאָ, טאַקע אין פרט פון באַבי יאַר, אויף אַ ייד. זיין ייד איז איליא ערענבורג. איליא ערענבורג האָט באַזוכט באַבי יאַר נאָך דער באַפרייונג פון קיעוו און געשריבן אַ ליד וועגן דעם. האָט

ערענבורג דעמאָלט געשריבן וועגן באַבי יאַר ווי וועגן אַן אָרט פון יידישע קרבנות? ניין, ניטאָ דאָרט אַ וואָרט וועגן יידישן כאַראַקטער פון דעם. און ער ציטירט דעם סוף פון ערענבורגס ליד: „איך פלעג קושן די האַנט פון יענער באַליבטער פרוי, הגם ווען איך בין געווען צווישן די לעבעדיקע, האָב איך ניט געקענט די פרוי". און ער ברענגט נאָך ציטאַטן פון ערענבורגן: „די נידערטרעכטיקייט פון היטלער־דייטשלאַנד האָט זיך צום קלאָרסטן אַרויסגעוויזן אין דעם מאָרד איבער יידישע אַלטע לייט און קינדער. אָבער האָבן דען די פאַשיסטן ניט געטאָן דאָס זעלבע מיט רוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן און יוגאָ־סלאַוון?" דאָס איז ערענבורג פון יאָר 1944. דערנאָך ברענגט ער אַ ציטאַט פון ערענבורגס אַן אַרטיקל פון יאָר 1943 וועגן דער שחיטה אויף יידן אין פּיריאַטין: „פאַר וואָס האָבן די דייטשן געמאָרדעט די יידן? אַ פּוסטע פראַגע. זיי האָבן אויסגעהרגעט הונדערטער אוקראַינער אין זעלבן פּיריאַטין. זיי האָבן אויסגעהרגעט 200 ווייסרוסן אין דאָרף קלובאָווקאַ. זיי הרגענען פראַנצויזן אין גרענאָבל און גריכן אין קרעט. זיי מוזן טויטן די שוואַכע, דאָס איז דער זין פון זייער עקזיסטענץ".

האָט דאָך דער ייד איליאַ ערענבורג אַליין בעת דער מלחמה גופא געמאַכט די יידן פאַר ניט מער ווי נאָך אַ פאָלק, וועמען היטלער האָט געוואָלט אויסמאָרדן. איליאַ ערענבורג האָט פּראָטעסטירט קעגן אָט דעם ציטירן זיינע אַרטיקלען. ער האָט געטענהט, אַז סטאַריקאָוו האָט די ציטאַטן אַרויסגעריסן פון זייער קאָנטעקסט און געגעבן זיי אַן אַנדער זין. אָבער אפילו אויב די ציטאַטן האָבן יאָ געהאַט דעם זעלבן זין, האָבן דאָך ערענבורגס באַריכטן בלויז אָפּגעשפּיגלט די סאָוויעטישע פּאָליטיק פון יענער צייט — און פון שפּעטער בנוגע דער יידישער קאַטאַסטראָפע, און ניט דיווירקלעכקייט.

נאָכן באַפעסטיקן זיין פּאָזיציע מיט אָט די מיטלען, קומט סטאַריקאָוו אַרויס מיט דעם, וואָס ער האָט באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע. און ווידער אַ מאָל מיט דער הילף פון אַ ייד, דאָס מאָל אַ ייד אָן אַ נאָמען. ער דערציילט אַזאַ מעשה: „מיט דריי טעג צוריק האָב איך גערעדט מיט אַ רוסישן סאָוויעטישן שרייבער, וואָס איז שוין ניט יונג, און איז לויטן פּאַספּאָרט אַ ייד. צווישן די אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט מיר דערציילט איז געווען וועגן אַן אינצידענט באַלד נאָכן סוף פון דער מלחמה, בעת ער האָט געדינט אין אונדזער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דייטשלאַנד. אַן אָפיציר פון איינעם פון די אַליאירטע שטאַבן האָט אים פאַרבעטן צו קומען, ווי אַ סאָוויעטישער פאַרטרעטער, צו אַ רעליגיעזער צערעמאָניע לכבוד די יידן, וואָס זיינען

אומגעבראַכט געוואָרן דורך די פאַשיסטן. יידישע אָפיצירן פון די ענגלישע, אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע שטאַבן האָבן מסכים געווען זיך צו באַטייליקן אין דער רעליגיעזער צערעמאָניע. „איך פאַרשטיי, האָט צו אים (צום סאָוויעטישן יידישן אָפיציר) געזאָגט דער פאַרבעטער — אַז זייענדיק אַ קאָמוניסט זייט איר אַן אַטעיסט, אָבער איר קאָנט דאָך זיך ניט אָפּזאָגן, וואָרעם נאָך אַלעמען, זייט איר דאָך אויך אַ ייד". דער סאָוויעטישער אָפיציר האָט דערויף געענטפערט: „איך האָב ניט קיין ספק אין דער גוטער כוונה פון די אָפיצירן, אָבער די רעליגיעזע צערעמאָניע, וואָס זיי גרייטן, איז אַ פאַרשוועכונג פאַר די מענטשן פון די אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן היטלעריזם. מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטן".

אַזאַ האַלטונג פון אַ ייד איז פאַר סטאַריקאָוון אַ מוסטערהאַפטע אין דער דאָזיקער סיטואַציע.

אָבער פאַר וואָס איז דאָס יאָ געווען פאַסיק פאַרן יידישן אָפיציר פון פראַנצויזישן שטאַב זיך צו באַטייליקן אין אַ רעליגיעזער צערעמאָניע לכבוד די יידן וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן די פאַשיסטן? האָט דאָך איליא ערנבורג אַליין דערציילט, אַז די נאַציס האָבן געמאָרדעט פראַנצויזן אין גרענאָבל. פאַר וואָס איז גאָרניט איינגעפאַלן ניט דעם פראַנצויזישן אָפיציר און ניט קיינעם אין פראַנקרייך, אַז מיט דעם וואָס ער, ווי אַ פאַרטרעטער פון פראַנקרייך, וועט זיך באַטייליקן אין אַ רעליגיעזער תפילה פאַר יידן, וועט ער פאַרשוועכן די פראַנצויזישע קרבנות פון די נאַציס? פאַר וואָס פאַלט ניט איין די באַאַמטע פון דער פוילישער רעגירונג, וואָס באַטייליקן זיך יעדן יאָר אין די פייערונגען לכבוד דעם יידישן געטאָ־אויפשטאַנד, אַז מיט דעם וואָס זיי באַטייליקן זיך אין דער פייערונג צום אָנדענק פון די יידישע נאַצי־קרבנות, פאַרשוועכן זיי די פוילישע נאַצי־קרבנות? און אפשר איז די זאַך גאָר פאַרקערט: דורך פייערן דעם אָנדענק פון איין טייל פון די נאַצישע קרבנות ווערט באַערט דער כבוד פון אַלע אַנדערע נאַצי־קרבנות?

איך האָב אַ חשד, אַז ווען אַט דער סאָוויעטישער רוסישער שרייבער, וואָס איז לויטן פּאַספּאָרט אַ ייד, ווערט בשעתו פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין אַ רעליגיעזער צערעמאָניע לכבוד די געפאַלענע פראַנצויזן, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט, און סטאַריקאָוו אַליין וואָלט דאָס באַטראַכט פאַר אַן אויסדרוק פון אַנטיפאַשיסטישער סאָלידאַריטעט.

ווען איך וואָלט ניט וועלן טאָן ווי טאָן דעם „אינטערנאַציאָנאַליסטישן" (ווען עס קומט צו יידן) סטאַריקאָוו, וואָלט איך אים דערציילט, אַז בעת

איך בין געווען אין פוילן תיכף נאָכן קריג האָב איך געזען ניט איין סאָוויעטישן אָפיציר, וואָס איז לויטן פּאַספּאָרט אַ ייד, זיך באַטייליקן אין פייערונגען לכבוד די יידישע קרבנות פון די נאַציס, און ניט זיי גופא, ניט זייערע העכערע ניט־יידישע באַאַמטע האָבן דעריין געזען עפּעס וואָס איז ניט אין אָרדענונג. זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך. אפילו כרושטשאָוו אַליין האָט ניט געזען קיין פאַרשוועכונג פאַר די מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן היטלעריזם, בעת ער האָט געשיקט דעם גענעראַל דראַגונסקי אַלס סאָוויעטישן פאַרטרעטער צו דער פייערונג פון אויפדעקן דעם מאָנומענט לכבוד די יידישע נאַצי־קרבנות אין פּאַריז. בלויז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז די ספּעציפישע דערמאָנונג פון די יידישע נאַצי־קרבנות פּסול צוליבן אינטערנאַציאָנאַליזם. בלויז ווען עס קומט צו יידן ווערט דער פאַרוואָרפענער גאָט פון אינטערנאַציאָנאַליזם אָפּגעווישט פון שטויב און אַרויפגעזעצט צוריק אויפן פּעדעסטאַל.

קענטיק, אַז סטאַריקאָוו האָט ליב נאָר די „ווייסע" יידן, די אינטערנאַציאָנאַלע יידן, דעם סאָרט ייד, וואָס קאָן ניט גיין צו אַ רעליגיעזער תפילה פאַר יידישע היטלער־קרבנות צוליב זיין אינטערנאַציאָנאַליזם. דער דאָזיקער ייד, וואָס אַז ר'איז געקומען צו באַבי יאַר ווען דאָס זאַמד פון גרוב איז נאָך געווען פריש, האָט ער ניט דערמאָנט, אַז די צענדליקער טויזנטער קרבנות אונטערן זאַמד זיינען יידן — צוליב דעם, וואָס מען האָט אויך געמאָרדעט פּראָנצויזן אין גרענאָבל און גריכן אין קרעט. און סטאַריקאָוו האָט דערויף אַ טעאָריע, וואָס גילט נאָך איצט צווישן די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד. סטאַריקאָוו זאָגט:

„וואָסערע אמתע היסטאָרישע פאַרבינדונגען האָבן עקזיסטירט צווישן די נאָענטע אָפּשטאַמיקע פון דעם ליבלעכן טוביה דעם מילכיקן, וואָס זיינען ברוטאַל אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין באַבי יאַר, און די פּאַרציייטיקע העברעער, וועמענס לעגענדעס עס האָבן דערגרייכט צו אונדז אין אַלטן טעסטאַמענט? ווייל אַט די ביידע זיינען ,סעמיטן'? באמת, אַזאַ צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע וואָלט פאַרדינט די וואַרעמסטע דאַנקבאַרקייט פון די ,אַריער'. ,די יידן האָבן דערהרגעט קריסטוסן', פלעגן די פּאָגראָם־מאַכער שרייען. אָט די נאַרישע פאַרזעעניש דאַרף דאָך ניט פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדערער: ,קריסטוס איז געווען, פאַרגעסט ניט, אַ ייד'!"

מען וואָלט געקאָנט זאָגן סטאַריקאָוון, אַז קריסטוס איז טאַקע געווען אַ ייד, פּונקט ווי דער הייליקער וולאַדימיר איז געווען אַ רוס, און מיט זיין גאַנצן אַטעיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם וועט דאָך סטאַריקאָוו זיך ניט אָפּזאָגן

פון זיינע היסטאָרישע פאַרבינדונגען מיט דעם דאָזיקן הייליקן, און ער וועט ניט פאָדערן, מען זאָל אָראָפּוואַרפן זיין קאָלאָסאַלע סטאַטוע פון דעם פעלדז איבערן דניעפּער. צי מען זאָל באַנוצן דעם וואָרט „סעמיטן" צי ניט — אַלע מעגלעכע היסטאָרישע פעדעם פאַרבינדן דאָך די אָפּשטאַמיקע פון „לייבלעכן טוביה דעם מילכיקן" מיט די פאַרצייטיקע העברעער פון אַלטן טעסטאַמענט און מיט אַלע אָפּשטאַמיקע פון יענע העברעער איבער דער גאַנצער וועלט. דער פאַקט איז, אַז דאָס, וואָס מאַכט טוביה דעם מילכיקן ליבלעך אפילו פאַר אַזאַ איינעם ווי סטאַריקאָוו, איז דווקא זיין פאַרבינדונג מיט די פאַרצייטיקע העברעער און מיטן אינהאַלט און גייסט פון אַלטן טעסטאַמענט — דער גאָט אין הימל, מיט וועמען טוביה איז אַזוי היימיש, רעדט צו אים, אַרגומענטירט מיט אים, גיט אים אפילו שטעכלקעס, דער גאָט, ווי טוביה גופא רופט אים אָן: גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, טוביהס געפיל פאַר גערעכטיקייט, זיין פּראָטעסט קעגן אַלע סאָציאַלע עוולות, זיין נאַטירלעכע ברודערשאַפט מיט אַלע מענטשן, אפילו מיטן גאַנצן באַשאַף — דאָס אַלץ קומט צו אים דירעקט און אין דעם לבוש פון די נביאים פון אַלטן טעסטאַמענט. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַט דער ליבלעכער טוביה פאַרענדיקט זיינע מעשות, וואָס ער דערציילט זיין באַשעפער, שלום עליכם, מיט דעם, אַז ער, טוביה, פאָרט אַוועק צוריק צום לאַנד פון זיינע אבות, קיין ארץ־ישראל. און עס איז דאָ אַ טוביה, באַוווסטזיניק צי ניט, אין איטלעכן ייִד.

זיין גרעסטן כעס לאָזט סטאַריקאָוו אויס צו יעווטושענקאָן דערפאַר, וואָס ער באַנוצט אין ליד „באַבי יאַר" אַזעלכע אויסדריקן ווי „יידיש פאָלק" און „יידן אין אַלגעמיין". ער שרייבט:

„וואָס שייך דעם ווערט פון אַזעלכע אויסדריקן — איגנאָראַנטישע ווי ניט דורכגעטראַכטע — וועגן ‚יידישן פאָלק' אַלס אַזעלכן, ‚אין אַלגעמיין', ווערט דאָס בעסער באַשריבן פון אַנדערע, לאָמיר זאָגן, פון יענע מיטבירגער אונדזערע, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צום מיסטישן ‚רוף פון בלוט' (וואָס טרעפט זיך וווּנדערלעך צונויף מיטן זיסן רוף פון די סירענעס פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע) און געגלייבט, אַז מען קאָן זיין אַ ‚ייד אין אַלגעמיין' און זיינען אַוועקגעלאָפן קיין ישראל. דאָס וואָס זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרבייטן זייער סאָוויעטיש היימלאַנד אויף אַ כלומרשטן ‚היימלאַנד פון אַלע יידן', איז אַן ענין פאַר זייער ציווילן און מענטשלעכן געוויסן. אָבער די טראַגעדיע פון די מייסטע פון די, וואָס האָבן פאַרלאָזן

דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אַוועק קיין ישראל — פאַר וואָס האָט דאָס ניט באַאומרויקט דעם שרייבער, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַרויסגעלאָזט אויף אַ געוואַגטן דראַמאַטישן גאַלאָפּ דורך דער אַלטער, מאָדערנער און נייעסטער געשיכטע מיט אַ מאָל? יעווטושענקאָ פילט זיך פריי און לייכט אין דער מלאכה, וואָס מען דאַרף אים אסור מקנא זיין, צי ער טוט דאָס בכיוון, צי עס קומט אַזוי אַרויס — די מלאכה פון אויפבלאָזן די אויסגייענדיקע פלאַמען פון נאַציאָנאַלע געפילן...״

דאָ קריכט אַרויס די אַל פון זאַך: וואָס עס גייט סטאַריקאָוון אין דער אמתן אין ליד „באַבי יאַר״ איז דאָס, אַז עס בלאָזט אויף די נאַציאָנאַלע געפילן! אָבער וועגן וועלכע „נאַציאָנאַלע געפילן״ רעדט דאָס סטאַריקאָוו? וועלכע זענען דאָס די פלאַמען פון די נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס גייען אויס? דאָס קאָנען ניט זיין די רוסישע נאַציאָנאַלע געפילן. קיינער טשעפּעט זיך ניט צו זיי. אפילו די אַלטע רוסישע באָלשעוויקעס האָבן זיך ניט אָפּגעשניטן פון רוריקן און זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַלטער סלאַוויאַנישער קולטור. די רוסישע נאַציאָנאַלע געפילן האַלטן זיכער ניט ביים אויסגיין. אָט די פלאַמען ברענען זייער שטאַרק איבער גאַנץ רוסלאַנד. און ביידע, יעווטושענקאָ און זיין קעגנער, פאַררופן זיך אויף דער טראַדיציאָנעל מיסטיק פון רוסנטום. אַלעקסיי מאַרקאָוו דעקלאַמירט, „מענטשן, איך בין אַ רוס!״ און ער זשעניִרט זיך ניט צו זאָגן דער וועלט, אַז רוסלאַנד האָט דאָס געמאַכט אַ סוף צום היטלעריזם, גאַר ווי אַמעריקע וואָלט צו דעם קיין פינגער ניט צוגעלייגט. יעווטושענקאָ דערקלערט זיך פאַר „אַן אמתן רוס״ און רעדט וועגן זיין פאָלק מיט די ווערטער, „אָ, רוסיש פאָלק מיינס״. און וועגן זיין רוסלאַנד, „דו, רוסלאַנד, ביסט גרויס געוואָרן דורך דיין ליידן!״ און סטאַריקאָוו מאַכט נאָך חוזק פון יעווטושענקאָן — דאָס איז ניט גענוג נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיש פאַר סטאַריקאָוון. ער שרייבט: „לעכערלעך! יעווטושענקאָ אָנערקענט, אַז רוסלאַנד איז גרויס!״ דאָס הייסט, אַז די גרויסקייט פון רוסלאַנד איז צו קלאָר פאַר אַלעמען, אַז עמעצער זאָל דאָס דאַרפן אָנערקענען, אָדער אַז יעווטושענקאָ איז ניט גענוג גרויס צו זאָגן, אַז ער אָנערקענט די רוסישע גרויסקייט — אַזוי גרויס איז די גרויסקייט. קאָן מען זשע גאָר קלערן וועגן די רוסישע נאַציאָנאַלע געפילן, אַז זיי גייען אויס?

און מען קאָן דאָך אויך ניט זאָגן, אַז די פלאַמען פון נאַציאָנאַלע געפילן פון די אוקראַינער, ווייסרוסן, אָדער גרוזינער גייען אויס. יעדער איינער, וואָס האָט לעצטנס באַזוכט אָט די רעפּובליקן האָט געמוזט באַקומען

פונקט דעם פאַרקערטן איינדרוק: אַז די פלאַמען פון נאַציאָנאַלע געפילן ברענען ביי אָט די פעלקער זייער שטאַרק; דער וואָס איז דאָרט געווען מיט יאָרן צוריק, האָט געוויס באַמערקט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע געפיל ביי אָט די פעלקער איז היינט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער. און דאָך איז קיינער ניט אויפגעשטאַנען, אַפילו ניט סטאַריקאָוו, זיך צו באַקלאָגן אויף דעם, צו קריטיקירן דאָס, און אויפצוּוויקלען קעגן דעם די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם. שטעלט זיך פאַר, ווען אַ פּאָעט זאָל היינט קומען און זאָגן — זאָל ער זיך אַפילו אַזאַ באַוווסטער רוסישער פּאַטריאָט ווי איליאַ ערנבורג — „אָ, יידיש פאָלק מיינס! גרויס ביסטו געוואָרן דורך דיין ליידן!״ — סטאַריקאָוו וואָלט דאָך געקריגן אַן אַפּאָפּלעקסיע!

נאַטירלעך, ניט סטאַריקאָוו איז דאָ וויכטיק. וואָלט זיין שטאַנדפּונקט געווען אַ ריין פּערזענלעכער, אַן אינדיווידועלער, וואָלטן מיר בכלל וועגן אים ניט גערעדט. צום באַדויערן דריקט סטאַריקאָוו אויס די מיינונג פון אַ סך אַנדערע, מען קאָן זאָגן: די הערשנדיקע מיינונג פון די, וואָס הערשן היינט איבערן ראַטן־פאַרבאַנד. ער סימבאָליזירט דעם קוואַל פון דעם שלעכטס, קעגן וועלכן יעווטושענקאָ סימבאָליזירט דאָס געוויסן פון רוסישן מענטשן. עס וואָלט דאָך ניט דערגאַנגען צו קיין דיסקרימינאַציע, צום באַשטימען פאַר יידישע אַנגעקלאָגטע מער טויט־אורטיילן ווי פאַר אַנדערע, צום גאַנצן יידישן פּראָבלעם — ווען די סאָוויעטישע מאַכט וואָלט באַטראַכט יידן פאַר אַ פאָלק ווי אַנדערע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד און וואָלט זיי באַהאַנדלט גלייך מיט אַנדערע.

וועגן סטאַריקאָוון הערט מען מער ניט, און אין דרוק האָט אויך יעווטושענקאָ מער די טעמע ניט באַרירט. אָבער דער וויכוח זייערער גייט אָן ניט אין דער פּרעסע און ניט אין דער פאַרעפנטלעכטער ליטעראַטור, ווו די האַנט פון צענזאָר קאָן אויפהיטן דעם טאַבו, נאָר אין מינדלעכן וואָרט אויף פאַרשידענע דיסקוסיעס, און אין מאַנוסקריפּטן וואָס גייען פון האַנט צו האַנט. דאָס איז ניט קיין אויסערגעוויינטלעכער אַרט אויסדרוק אין ראַטן־פאַרבאַנד. בעתן קריג איז אַרומגעגאַנגען אין מאַנוסקריפּט פון האַנט צו האַנט אַ לידער־דיאַלאָג וועגן דעם פאַר וואָס מען האָט יידן פיינט, וואָס יידן האָבן געגעבן דער וועלט, און אַז יידן וועלן בלייבן אייביק. נאָכן קריג האָבן קורסירט, פון האַנט־צו־האַנט געשריבענע, ניט געדרוקטע לידער פון פּאַסטערנאַק און אַנדערע דיכטער. אַצינד גייט אין ראַטן־פאַרבאַנד אַרום פון האַנט־צו־האַנט אַ מאַנוסקריפּט מיטן טעקסט פון דער דיסקוסיע, צווישן די סאָוויעטישע

קינסטלער און די פּאַרטיי־פירער כרושטשאָוו, איליטשעוו און אַנדערע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 17טן דעצעמבער 1962 און דעם 8טן מאַרץ 1963.

די, וואָס האָבן נאָכגעפאָרשט אַט די מאַנוסקריפּטן פון פאַרשיידענע קוואַלן און ערטער, זיי פאַרגלייכט איינס מיט דאָס אַנדערע און בכלל זיך אינפאָרמירט וועגן זיי, זיינען זיכער, אַז די מאַנוסקריפּטן גיבן אַ גאַנץ געטרייען באַריכט פון די געשפּרעכן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אויף יענע באַראַטונגען. צווישן די טעמעס, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין די מאַנוסקריפּטן, געפינט זיך אויך די טעמע: יידן און אַנטיסעמיטיזם. פאַקטיש, וואָלט עס געווען וויכטיק אפילו ווען דאָס וואָלט ניט געווען געטרייַ איבערגעגעבן, ווייל דאָס וואָלט דאָך סיי ווי באַוויזן אַז די סאָוויעטישע אינטעליגענץ טראַכט וועגן דעם ענין.

צווישן אַנדערן זיינען דאָרט פאַראַן יעווטושענקאָס דערקלערונגען וועגן אַ ריי זאַכן מיט צווישנרופן און באַמערקונגען פון כרושטשאָוון — וועגן אַנטיסעמיטיזם, אַבסטראַקטער קונסט, וועגן דער ספּעציפישער קונסט פון קובאַ. דער טייל וועגן אַנטיסעמיטיזם לייענט זיך אַזוי:

יעווטושענקאָ: קודם וויל איך באַדאַנקען די פירער פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג פאַרן גיבן מיר די מעגלעכקייט דאָ אַרויסצוטרעטן. דערלויבט מיר אָנצוהויבן מיינע ווערטער מיט אַ פּערזי, וואָס איך האָב געשריבן ניט לאַנג צוריק, און וואָס איך האַלט פאַר אַקטועל אויך היינט. (דאָ לייענט יעווטושענקאָ די לעצטע צוויי שורות פון זיין „באַבי יאַר").

חבר כרושטשאָוו: חבר יעווטושענקאָ, אַט דאָס ליד איז דאָ ניט אויפן אָרט.

יעווטושענקאָ: חשובער ניקיטאַ סערגעיעוויטש, איך האָב ספּעציעל אויסגעקליבן אַט דאָס ליד צו דעם צוועק, וואָס איך האָב דאָ אין זינען. מיר אַלע ווייסן, אַז קיין אַנדערער האָט ניט געטאָן אַזוי פיל ווי איר צו ליקווידירן די נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן פון סטאַלין־קולט, און מיר אַלע זיינען אייך זייער דאַנקבאַר פאַר דעם. אָבער איין פּראָבלעם בלייבט, וואָס איז אויך אַ קאָנסעק־ווענץ פון יענע צייטן און איז נאָך ניט געלייזט געוואָרן. דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם.

חבר כרושטשאָוו: דאָס איז ניט קיין פּראָבלעם.

יעווטושענקאָ: עס איז יאָ אַ פּראָבלעם, ניקיטאַ סערגעיעוויטש. דאָס

קאָן ניט אָפּגעלייקנט ווערן. מען מוז ווידער זיך ראַנגלען דערמיט. די דערשיינונג עקזיסטירט. מיר גופא איז אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פֿון אַזעלכע זאַכן. נאָך מער: מען באַמערקט עס ביי מענטשן, וואָס פֿאַרנעמען אָפּיציעלע אַמטן, און דעריבער ווערט עס באַטראַכט ווי פֿון אַן אָפּיציעלן כאַראַקטער. מיר קאָנען ניט גיין פֿאָרויס צום קאָמוניזם מיט אַזאַ שווערער משא ווי יודאָפֿאָביע. און דאָ קאָן ניט זיין ניט קיין פֿאַרשוויגן און ניט קיין אָפּלייקענונג. דאָס פּראָבלעם מוז געלייזט ווערן, און מיר האָפֿן, אַז עס וועט געלייזט ווערן. די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט קוקט אין דער פֿראַגע אויף אונדז, און די לייזונג פֿון אָט דעם פּראָבלעם וועט נאָך מער פֿאַרגרעסערן די אויטאָריטעט פֿון אונדזער לאַנד. מיט לייזן דעם פּראָבלעם מיין איך, די ליקווידאַציע פֿון אַנטיסעמיטיזם (דאָ איז ניט קלאָר) צוזאַמען מיטן אָנהויבן משפטים קעגן אַנטיסעמיטן. אָט דאָס פּאָזיטיווע מיטל וועט געבן אַ סך פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט די געלעגנהייט צו מוטיקן זיך, און וועט אונדז אפילו פֿירן צו אַ גרעסערן דערפֿאָלג אין די שטחים פֿון קאָמוניסטישן אויפֿבוי.

דאָ גייט יעווטושענקאָ אַריבער צו דער פֿראַגע וועגן אַבסטראַקטער קונסט. כרושטשאָוו מאַכט ווידער עטלעכע צווישנרופֿן.

אַנטיסעמיטיזם איז אויך דערמאָנט געוואָרן אין אַ רעדע וועגן טראַדיציע און נייקייטן אין שייכות מיט טעאַטער און פֿילם, וואָס דער באַרימטער סאָוויעטיש־יידישער פֿילם־רעזשיסער נאָך פֿון די צוואַנציקער יאָרן, מיכאַיל ראָם, האָט געהאַלטן. ער האָט פֿאַרבונדן די אַמאָליקע סטאַלינישע אַנטיסעמיטן מיט די, וואָס באַקעמפֿן היינט די מאָדערנע ריכטונג אין די קונסטן און פֿאָדערן טראַדיציע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף געוויסע טראַדיציעס, וואָס ווערן אַרויפֿגעצוווּנגען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און געזאָגט:

„פֿאַראַן גוטע טראַדיציעס און פֿאַראַן זייער שלעכטע. למשל, די טראַדיציע פֿון שפּילן טשייקאָווסקיס אוווערטורע „1812“ צוויי מאָל אין יאָר. חברים, ווי איך פֿאַרשטיי דאָס, דריקט אויס די אוווערטורע אַ זייער קלאָרע פּאָליטישע אידעע, די אידעע וועגן טריומף פֿון דער אָרטאָדאָקסישער רעליגיע און דער אויטאָ־קראַטיע איבער דער רעוואָלוציע. עס איז אַ שטיק שלעכטע מוזיק געשאַפֿן פֿון טשאַיקאָווסקין אויף באַפֿעל. עס איז עפּעס אַזוינס, וואָס פּיאָטר איליטש (טשאַיקאָווסקי) אַליין האָט זיך געשעמט מיט דעם ביים סוף פֿון זיין לעבן. איך בין ניט קיין ספּעציאַליסט אין דער געשיכטע פֿון מוזיק, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז די אוווערטורע איז געשאַפֿן געוואָרן צוליב אַן אַקטועלער

סיבה מיטן זייער קלאָרן ציל צו געפעלן דער קירך און דער מאָנאַרכיע.

„פאַר וואָס זאָל די סאָוויעטישע מאַכט דערנידעריקן די מאַרסעליעזע, דעם וווּנדערלעכן הימן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דורך פאַרטומלען דאָס מיטן געקלאַנג פון קירכן־גלעקער? פאַר וואָס זאָל זי (די סאָוויעטישע מאַכט) פייערן דעם טריומף פון דער צאַרישער אידעאָלאָגיע, די אידעאָלאָגיע פון דער ,שוואַרצער מאה׳?

„אָבער צו שפּילן אָט די אוווערטורע איז געוואָרן אַ טראַדיציע. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די אוווערטורע צום ערשטן מאָל געשפּילט געוואָרן אין יענע יאָרן ווען דער אויסדרוק „קאָסמאָפּאָליט אָן אַ פאָטערלאַנד" איז דערפונדן געוואָרן אויף צו פאַרבייטן דעם אויסדרוק „שמוציקער ייד". צווישן אַנדערע, און אין געוויסע פאַלן, איז אָט דער לעצטער אויסדרוק אפילו געווען געדרוקט. אויף דער הילע פון זשורנאַל ,קראָקאָדיל׳ איז אין יענע יאָרן דערשינען אַ קאַריקאַטור, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם ,קאָסמאָ־פּאָליט אָן אַ פאָטערלאַנד׳ מיט אַ בולטן יידישן אויסזען. ער האַלט אַ בוך אין האַנט און אויפן בוך איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות דאָס וואָרט ,זשיד׳. ניט אַנדריי זשיד, נאָר פּראָסט ,זשיד׳!

„ניט דער קאַריקאַטוריסט, ניט קיינער פון די, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יענעם כוליגאַנס וויץ איז דורך אונדז פאַראורטיילט געוואָרן. מיר האָבן בעסער געקאָנט מאַכן אַ שווייג, פאַרגעסן דאָס אַלץ, אַזוי ווי מען וואָלט גאָר געקאָנט פאַרגעסן די צענדליקער פון אונדזערע בעסטע פילם און טעאַטער־מענטשן, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס „קאָסמאָ־פּאָליטן אָן אַ פאָטערלאַנד׳ — די חברים יוטקעוויטש, לעאָניד טראַובערג, סוטירסקי, קאָוואַרסקי, בליימאַן און אַנדערע, וואָס זיינען דאָ אָנוועזנדיק. זיי זיינען צוריק צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט, טייל אין דער פּאַרטיי, טייל אין זייערע ספּעציפישע פּראָפעסיעס. אָבער איז דען טאַקע מעגלעך צו פאַרהיילן די וווּנדן, צו פאַרגעסן, וואָס מען האָט געליטן אַזוי פיל יאָרן, ווען מען האָט אויף דיר געטראָטן און באַוואָרפן דיך מיט בלאָטע?

„און די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט פרייד און פאַרגעניגן אָט די שענדלעכע קאַמפּאַניע, וואָס האָבן זיך געבראַכן דעם קאָפּ אויסצוטראַכטן אַנדערע זאַכן און אַריינצושלעפּן אַנדערע מענטשן אין דעם זומפּ, האָט מען זיי געצווונגען צו באַצאָלן פאַר דעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן? מען זאָגט זיי אפילו קיין וואָרט ניט וועגן דעם, ווייל מען האַלט, אַז דאָס וואָלט געווען אַן אומטאַקט!

„דער זשורנאַל ,אָקטאָבער‘, רעדאַקטירט פון קאָטשעטאָוו, האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט פילם. פון יאַנואַר ביז נאָוועמבער האָט ער געדרוקט אַרטיקלען, וואָס האָבן פאַרשמירט דעם גאַנצן פאַרשריט, וואָס די סאָוויעטישע פילמען האָבן דערגרייכט, און געוואָרפן אַ פאַרדאַכט אויף די קריטיקער פון די קינסטלער פון עלטערן דור און אפילו פון נייעם. אָט די אַרטיקלען זיינען אינספירירט געוואָרן פון די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן געפירט די קאַמפּאַניע קעגן די ,קאָסמאָפּאָליטן אָן אַ פאָטער־לאַנד‘. מיר דוכט זיך אָבער, אַז מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַלץ וואָס עס איז געשען.

„היינט האָבן שרייבער אָנגעהויבן צו שאַפן פאַרן טעאַטער און פילם ווערק, וואָס קריטיקירן די סטאַלינישע עפּאָכע און דעם פּערזענלעכקייט־קולט. דאָס איז איצט געוואָרן נייטיק און מעגלעך, בעת דריי אָדער פיר יאָר צוריק האָט מען נאָך געמיינט, אַז די רעדע פון ניקיטאַ סערגעיעוויטש (כרושטשאָוו) אויפן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־קאָנגרעס איז געווען גענוג. אַ מער־וויניקער וויכטיקער באַאַמטער האָט דאָס מיר געזאָגט גאַנץ קלאָר: ,הער, די פּאַרטיי האָט באַוויזן גרענעצלאָזן מוט. שטודיר דעם חבר כרושטשאָוס רעדע, און דאָס איז גענוג. צו וואָס זאָלסטו שטעקן דיין נאָז אין אָט דעם עסק?‘

„אַ צינד איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז ניט געווען גענוג, אַז פאַר אונדז איז נייטיק צו טראַכטן, צו ריידן און שרייבן פאַר זיך גופא. עס איז זייער נייטיק צו דעמאַסקירן סטאַלינען און דעם סטאַליניזם, אָבער די ירושה, וואָס דער סטאַליניזם האָט איבערגעלאָזט, איז ניט וויניקער וויכטיק צו דעמאַסקירן. און עס איז ניט וויניקער וויכטיק זיך אַרומצוקוקן אויף דעם, וואָס טוט זיך אַרום אונדז און צו פאָרמולירן די מיינונג וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער קונסט.

„אונדזערע פאַרזאַמלונגען ווערן געפירט אין אַ רויקן, שטילן אַקאַ־דעמישן טאָן. אין דער זעלבער צייט איז אַ זייער ענערגישע גרופּע פון גאָר שלעכטע שרייבער גראָב באַפאַלן אין זשורנאַל „אָקטיאַבער‘ די נייע ליטעראַטור, און קיינער פון אָט דער טריבונע ענטפערט זיי ניט. אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווי נאָר יעווטושענקאָ האָט אָפּגעדרוקט זיין ליד ,באַבי יאַר‘, האָט אָט די גרופּע אָפּגעדרוקט אַן ענטפער אין זשורנאַל ,ליטעראַטור און לעבן‘.

„ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין איטאַליע און אין אַמעריקע, און איך וואָלט דאָ וועלן זאָגן, אַז דאָס וואָס איז באַטראַכט געוואָרן

אין מערב פאַר אַ סקאַנדאַל, איז געווען ניט יעווטושענקאָס פּאָעמע, נאָר דער אָפּרוף דערויף. די דאָרטיקע זשורנאַליסטן האָבן מיך געפרעגט: וואָס טראַכט איר וועגן דער נייער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד? האָב איך זיי געפרעגט אַ צעטומלטער: וועגן וואָס רעדט איר? דאָ האָבן זיי דערמאָנט סטאַריקאָווס אַרטיקל און מאַרקאָווס ליד. יענע נומערן פון „ליטעראַטור און לעבן" זיינען געווען אַ בזיון, און אַזוי זיינען אויך די לעצטע נומערן פון „אָקטיאַבער".

מיכאַיִל ראָם גייט אַריבער צו אַ גענויען פּאָלעמיק קעגן „אָקטיאַבער", זאָגנדיק, אַז הגם דאָס איז אים אומאָנגענעם צו טאָן, מחמת דער דאָזיקער זשורנאַל גרייפט אים אָן פּערזענלעך, ניט אָנגעבנדיק דעם נאָמען — מוז ער דאָס טאָן.

מיט צען יאָר צוריק, האָט ראָם געזאָגט, וואָלט אַזאַ אָנגריף אויף אים, אים פאַרבאָטן צו אַרבעטן, אים געשמידט אין קייטן און פאַרשיקט ערגעץ ווייט. ער אַנאַליזירט דאָן די קריטיק אויף געוויסע נייע פילמען מיט אַ נייעם צוגאַנג און ער קומט ווידער צום יידישן מאָמענט:

„אַ מאָל וואָלט מען פאַר אַזעלכע פעלערן (ווי דער „אָקטיאַבער" האָט אָנגעגעבן) שטרענג באַשטראָפט. היינט האָבן אַזעלכע אָנפאַלן ווי די דאָזיקע, ניט געהאַט קיין קאָנסעקווענצן, פּשוט דערפאַר, ווייל די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן דערמיט צו טאָן לייענען דאָס ניט, אָדער עקזיסטירן אפילו ניט מער. זיינען דעריבער, ניט קילאצאָוו, ניט רייזמאַן און ניט איך פאַריאָגט געוואָרן פון פילם, און דער זשורנאַל איז געוואָרן שטאַרק אין כעס. אין די ערשטע צוויי נומערן פון זשורנאַל זיינען דערשינען שרעקלעכע אַרטיקלען מיט באַשול־דיקונגען קעגן אַלץ און אַלעמען. בלויז דאָס וואָרט „קאָסמאָפּאָליט" האָט געפעלט. מיט אַלעם איבעריקן האָבן יענע אַרטיקלען געטראָגן אַן איבעראַשנ־דיקע ענלעכקייט צו די אַרטיקלען, וואָס זיינער געדרוקט געוואָרן מיט פופצן יאָר צוריק".

דער איבעריקער טייל פון ראָמס רעדע פאַרנעמט זיך מיט ספּעציפישע פּראָבלעמען פון איטאַליענישן נעאָ־רעאַליזם און די פּאָליטיק לגבי אים פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון איטאַליע און פון ראַטן־פאַרבאַנד. דער יידישער מאָמענט קומט דאָ אריין בלויז ווי אַן עלעמענט אין דער פּאָלעמיק וועגן דער נייער ריכטונג אין קונסט, ליטעראַטור און טעאַטער. מען קאָן דעריבער ניט זאָגן, אַז די וואָס האָבן קאָפּירט די רעדע, וואָס פאַרשפּרייטן די מאַנוסקריפּטן, אָדער וואָס לייענען זיי, האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן יידישן

אינטערעס. די פאַרשידענע פּרטים, וועלכע ראָם און אויך יעווטושענקאָ באַרירן, ווייזן, אַז דער מאַנוסקריפּט איז טאַקע דער ריכטיקער טעקסט פון די רעדעס פון אַט די צוויי אין דער דיסקוסיע פון די אינטעלעקטואַלן מיט די פּאַרטיי־פירער. זייער פאַרשפּרייט אויף אַזאַ אופן איז מאָטיווירט נאָר מיט דעם, וואָס די באַריכטן אין דער פּרעסע האָבן אָט די ענינים ניט אַרויסגעבראַכט, קורץ, די מאַנוסקריפּטן זענען אַ נאַטירלעכער אָפּשפּיגל פון דעם, וואָס די העכערע אינטעליגענץ טראַכט און פילט.

אָט די האַנט־צו־האַנט־מאַנוסקריפּטן זאָגן אונדז גאָר אַ סך וועגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן דעם ווי פאַרשידענע עלעמענטן פון דער סאָוויעטישער אינטעליגענץ באַציִט זיך צו דעם.

קודם כל, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַנטי־סעמיטיזם און אַז דאָס איז ניט עפּעס אַ צופעליקע זאַך פון אַ נידעריקן באַאַמטן ערגעץ ווו, וואָס דיסקרימינירט קעגן יידן, נאָר אַן עלעמענט פון דער גרויסער סאָציאַל־קולטורעלער ווירקלעכקייט — דורך דעם עצם פאַקט, אַז ווען פירנדיקע מענטשן פון דער מדינה קומען זיך צונויף צו ריידן וועגן עיקרדיקע פּראָבלעמען שווימט אַרויף דער קאָמפּלעקס אַנטיסעמיטיזם. צווייטנס, איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז דאָ אַ ניט־יידישער עלעמענט צווישן דער סאָוויעטישער אינטעליגענץ, וואָס איז דורכויס קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאָדערט, אַז ער זאָל אויסגעראָטן ווערן. דריטנס, ווייזט זיך אַרויס, אַז ווי אין אַמאָליקן רוסלאַנד, און נאָך היינט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, גייט אין ראַטן־פאַרבאַנד דער אַנטיסעמיטיזם צוזאַמען מיט דער רעאַקציאָנערער אָריענטאַציע, און אַז אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, ווי אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער, איז אַנטיסעמיטיזם אַ וואָפן אין קאַמף קעגן ליבעראַליזם. די רעאַקציאָנערע, אַזוי גערופענע „סטאַליניסטישע" שרייבער, באַקעמפן יעווטו־שענקאָס ליבעראַליזם מיט אַן אָנגריף פאַר זיין „באַבי יאַר", און די רעאַקציאָ־נערן פון „אָקטיאַבער" באַנוצן אַ באַהאַלטענעם אַנטיסעמיטישן וואָפן („בלויז דאָס וואָרט ,קאָסמאָפּאָליט' האָט געפעלט") קעגן דער נייער ריכטונג אין דער ליטעראַטור און קונסט.

ווידער אַ מאָל, ביים סאָציאַליזם ווי ביים קאַפּיטאַליזם, איז דער גורל פון יידן פאַרבונדן מיטן גורל פון ליבעראַליזם.

אויך אין אַנדערע ערנסטע געשפּרעכן, אפילו מיט אויסלענדער, אָנערקענען פירנדיקע סאָוויעטישע פּאַרטיי־מענטשן, אַז מיט יידן איז עס „אַ ביסל אַנדערש". אָנהייב נאָוועמבער 1963 איז אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע

סאָציאַליסטן צוריקגעקומען פון מאָסקווע, ווו זי האָט אָפּגעהאַלטן לענגערע פּריוואַטע געשפּרעכן מיט כרושטשאָוון און אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דעם 8טן נאָוועמ־בער האָט איינער פון יענער דעלעגאַציע, וואָס האָט ארויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צו דער יידישער פראַגע אין ראַטן־פּאַרבאַנד, פּראָפעסאָר קווילִיאַט, אָפּגעהאַלטן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ און ער האָט געענטפערט אויף פראַגעס בנוגע דעם מצב פון די סאָוויעטישע יידן און איבערגעגעבן פאַקטן און פּערזענלעכע איינדרוקן.

ער האָט באַרירט די יידישע פראַגע אין די שמועסן מיט די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען האָט דער דעלעגאַציע געגעבן אַ סטאַטיסטיק וועגן דער גרויסער צאָל יידן צווישן די וויסנשאַפט־לייט, דעפּוטאַטן און פירנדיקע סאָוויעטישע פּערזענלעכקייט. פּראָפעסאָר קווילִיאַט האָט צוגעגעבן: „מען האָט מיר אויך געזאָגט, אַז יידן ווערן ניט צוגעלאָזט צו געוויסע געביטן. למשל, זיי קאָנען ניט ווערן אָפיציעלע דאָלמעטשער, געוויסע דיפּלאָמאַטישע אַמטן זיינען געשלאָסן פאַר זיי און יידן איז שווערער ווי פאַר ניט־יידן צו מאַכן אַ רייזע קיין אויסלאַנד". דער פּראָפעסאָר האָט געקענט אַ פּאָרל, ביידע אינזשענירן, דער מאַן אַ ייד, דאָס ווייב אַ ניט־יידישע, איז פאַרן מאַן געווען שווערער צו אַוואַנסירן ווי פאַר זיין ווייב.

די גרענעצן פון דיסקרימינאַציע, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, איז שווער געווען גענוי צו דערגיין, אָבער פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטעקט נאָך אַלץ אין דער רוסישער נשמה. עס איז דאָ אַ געוויסער אומצוטרוי לגבי דעם ייד, וועמען מען פאַרדעכטיקט אין ציוניסטישע סימפּאַטיעס. דעם פּראָפעסאָרס מיינונג איז, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פּאַרבאַנד שפּיגלט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס די סאָוויעטישע באַציונג צו ישראל.

„מיר האָבן זיך באַמיט", האָט פּראָפעסאָר קווילִיאַט געזאָגט, „צו מאַכן קלאָר פאַר די קאָמוניסטישע חברים, ווי וויכטיק עס איז פאַרן ראַטן־פּאַרבאַנד גופא אַנצונעמען קלאָרע שריט, וואָס וואָלטן אָפּגעווישט דעם חשד אין אַנטי־סעמיטיזם. צום באַדויערן האָבן מיר דערויף קיין באַשטימטן ענטפער ניט באַקומען".

צווישן זיך, ביי די פּאַרטיי־דיסקוסיעס מיט די קולטור־שאַפער, רופט מען דאָס קינד אַן ביים נאָמען און מען רעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם ווי וועגן אַ ווירקלעכקייט. אפילו מיט חברים פון אויסלאַנד, אויב יענע הייבן אויף די פראַגע, איז מען מודה, אַז אין געוויסע פּרטים זיינען די יידן ניט גלייך מיט

אַנדערע. אָבער פאַר דער וועלט האַלט מען נאָך אַלץ אונטער די פיקציע, אַז עס איז ניטאָ קיין שום אַנטיסעמיטיזם מחמת עס קאָן דאָך ניט זיין, עס איז דאָך קעגן דער קאָנסטיטוציע און קעגן סאָציאַליזם. כדי צו באַווייזן, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין שום אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן, קומען זיי, ווי דאָס מיידל מיטן „כתב", מיט סטאַטיסטיק וויפל יידן עס געפינען זיך אויף די העכערע געביטן פון סאָוויעטישן לעבן, און מיטן „עדות־זאָגן" פון פראָמינענטע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ווערט עפּעס דערגרייכט מיט דער כסדרדיקער פיקציע־פראָפּאַגאַנדע און מיטן מיידל־„כתב"? קלעפּט זיך עפּעס צו פון דעם זאָגן, אַז טאָג איז נאַכט?

וואָס שייך דער עצם פיקציע — אַז עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין — זעט מיר אויס, אַז דאָס באַרויקט ניט אַפילו די אייגענע געשווירענע יידישע קאָמוניסטן. זיי וועלן דאָס איבערחזרן, אָבער זיי פילן, אַז עס איז פאַרט פאַראַן, בפרט די פון זיי, וואָס האָבן אַליין באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד און זיך געטראָפן מיט די דאָרטיקע יידן. אָבער די סטאַטיסטיק מיטן „כתב" מאַכט יאָ אַן איינדרוק אויף מענטשן, וואָס זיינען ניט געהעריק באַקאַנט מיט דער לאַגע, און אָפט מאָל אַפילו אויף מענטשן, וואָס איר וואָלט דערוואַרט פון זיי מער פאַרשטענדעניש אין אַזעלכע זאַכן. דאָס האָט מען לעצטנס געזען ביי אַזאַ מענטש ווי מ. ס. ארנוני, רעדאַקטאָר פון ליבעראַלן זשורנאַל „די מינאָריטעט פון איינס", וואָס איז אַליין אַ ייד, מיט ישראל־פאַרדינסטן, ווי מען זאָגט, און ער האָט אַן אומאָפּהענגיקע שטעלונג צום ענין.

אין זיין וויכוח מיט עמנואל ליטווינאָוו, רעדאַקטאָר פון „יידן אין מזרח־אייראָפּע", אַ זשורנאַל וואָס גיט אַן איבערזיכט איבער די געשעענישן אין סאָציאַליסטישן אייראָפּע בנוגע יידן, („מינאָריטי אָוו וואַן", דעצעמבער 1963) האָט דער רעדאַקטאָר ארנוני געזאָגט: „איך בין קעגן די סאָוויעטישע שטעלונגען אין באַצוג צו יידן... איך בין פאַרן אויפלעבן פון דער העברעיש־יידישער קולטור, און איך גלייב, אַז אַזאַ אויפלעבונג, וואָלט געווען צום גונסטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט ווי פאַר די יידן". פון דעסטוועגן זאָגט ער, אַז „פאַר מיר איז גענוג וואָס אַט די מינאָריטעט פון איינס מיט אייך צענטן פראָצענט איז פאַרטראָטן מיט 14.7 פראָצענט צווישן די סאָוויעטישע דאָקטוירים, 8.5 פראָצענט צווישן די סאָוויעטישע אַדוואָקאַטן, 7 פראָצענט צווישן די סאָוויעטישע שוישפּילער, מוזיקער, מאָלער און סקולפּטאָרן, און 3.5 פראָצענט צווישן די וואָס באַקומען אַ העכערע בילדונג". אויף דעם סמך,

פירט ער אויס, אַז „עס איז קוים נייטיק נאָך אַ באַווייז אָפּצוּוואַרפן די אָנקלאָגן וועגן דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין די פּראָפעסיעס און אין די העכערע געביטן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט". עס איז ניט נייטיק דאָ איבער־צוחזרן דעם אַנאַליז פון אַט די ציפערן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל פון דעם בוך. עס בעט זיך נאָר צוצוגעבן, אַז בעת אין אַמעריקע האָט עקזיסטירט אַ נומערוס־קלאַוזוס פאַר יידישע סטודענטן אין מעדיצינישע קאָלעדזשעס און הונדערטער יידישע יונגעלייט זיינען געווען געצוווּנגען צו פאָרן שטודירן אין דער שווייץ, שאָטלאַנד, און אפילו האָלאַנד, האָבן זיך געפונען יידישע סטודענטן אין די מעדיצינישע שולן פון לאַנד מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל ווי דער יידישער פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און דער פּראָצענט יידישע דאָקטוירים האָט באַטראָפן מער ווי 14.7 פּראָצענט. איז לויט ארנוניס לאָגיק, וואָלט דאָס געווען אַ באַווייז, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין דיסקרימינאַציע אין אַט דעם פּרט.

ארנוני וואָלט ניט דערגאַנגען צו אַזאַ אַבסורד, ווען ער וואָלט גענומען אין באַטראַכט דעם פּראָצענט יידן אין די גרויסע שטעט, פון וואַנען די גרויסע מערהייט סטודענטן שטאַמט, די טראַדיציע ביי יידן צו שטודירן מעדיצין, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אַ „יידישע פּראָפעסיע", און דער פּראָצענט יידן אין די מעדיצינישע קאָלעדזשס איידער עס איז איינגעפירט געוואָרן דער נומערוס־קלאַוזוס. דעמאָלט וואָלט ער געקאָנט זאָגן צי עס עקזיסטירט דיסקרימינאַציע צי ניט. אין אַמעריקע אָבער האָבן די דיסקרי־מינירטע געהאַט די מעגלעכקייט אָפן צו פּראָטעסטירן און אָנגעמען קעגן דעם, געזעלשאַפטלעכע, און ווי ווייט מעגלעך פּאָליטישע, שריט; און אַמעריקע האָט געהאַט דעם מוט צו אָנערקענען, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ שלעכטע פּראַ־צעדור, אַז עס איז אַן אומרעכט — און דורך אַט די מיטלען איז טאַקע דער נומערוס־קלאַוזוס אין אַמעריקע אויסגעראָטן געוואָרן. אַזוינס וואָלט אויך געקאָנט געשען אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווען מען וואָלט דאָרט אָנערקענט די פאַקטן פון לעבן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די מער באַוואוּנטע און טיפער אריינ־דרינגענדיקע אינטעלעקטועלע, יידן און ניט־יידן, פון פאַרשיידענע לענדער, האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דער פיקציע, פון „כתב" און פון סתם ציפערן. זיי האָבן געשיקט אַ בריוו צו כרושטשאָוון, דווקא ווי ליבעראַלן און ווי פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד, איינשטעלנדיק זיך פאַר דער אמתער גלייכהייט פון סאָוועטישן יידנטום. אַט דער בריוו, אַרויסגעשיקט דעם 2טן דעצעמבער

1963, איז געווען אונטערגעשריבן פון פאָלגנדיקע גרויסע פערזענלעכקייטן: בערטראַנד ראַסעל, דער באַרימטער ענגלישער פילאָזאָף; מאַרטין בובער, דער יידישער פילאָזאָף; עליזאַבעט, קעניגין־מוטער פון בעלגיע; לייַנוס פּאָלינג, דער נאָבעל־פּרייז־טרעגער פון וויסנשאַפט און קעמפערישער ליבעראַל; אָטאָ נאַטאַן, דער געלערנטער, וועמען אַלבערט איינשטיין האָט אָנגעטרויט זיין וויסנשאַפטלעכן אַרכיוו, אויך אַ קעמפער פאַר פּראָגרעסיווע אידעען; אַלבערט שווייצער; נאָרמאַן טאָמאַס; פראַנסואַ מאָריאַק; ד״ר מאַקס באָרן; ריקאַרדאָ לאָמבאַרדי; לאָרד בויד אור; דזשוזעפּי אונגאַרעטי.

אין זייער בריוו צו כרושטשאָוו שרייבן זיי:

„געשעצטער הער כרושטשאָוו:

„הגם מיר וויסן און שאַצן אָפּ די פאַרבעסערונג אין לעבן פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ דאַנק דעם אָפּשאַפן די באַגרענצנדיקע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן אין דער צייט פון צאַר, זיינען מיר אָבער זייער שטאַרק באַזאָרגט צוליב די אָפענע שוועריקייטן, אין וועלכן די יידן שטויסן זיך אָן אַלס אַ סאָוויעטיש פאָלק.

„מיר ריידן ווי פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון זיינע פעלקער און ווי סימפּאַטיקער פון זיין שטרעבונג צו פאַרבעסערן און אויפצוריכטן די לעבנס־באַדינגונגען פון זיינע בירגער. אין משך פון אַ לאַנגער צייט באַמיען מיר זיך צו סטימולירן מענטשן צו אַנטוויקלען נענטערע באַציונגען און אמתע קאָאָפּעראַציע צווישן די פעלקער און רעגירונגען פון די לענדער פון מערב און פון ראַטן־פאַרבאַנד. מיר זיינען דורכויס קעגן קאַלטן קריג און דעם פּרווו, פון וועלכן צד עס זאָל ניט קומען, צו פאַרגרעסערן די פייַנטשאַפט. מיר זיינען קעגן אויסנוצן מיינונג־פאַרשידנקייט, און דערמיט פאַרגרעסערן די שרעקלעכע געפאַרן, וועלכע שטייען היינט פאַר דער מענטשהייט. דעריבער האָפן מיר, אַז קיין שום סאָוויעטישער בירגער וועט אונדז ניט שלעכט פאַרשטיין בעת מיר ריידן אָפן, און ער וועט ניט קומען צום אויספיר, אַז מיר מיינען דאָ שאַדן צו ברענגען דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אָדער זיך צו באַטייליקן אין אַן אַקציע, וואָס העלפט דעם קאַלטן קריג. דער אמתער פּרווו פון פריינד־שאַפט איז די מעגלעכקייט צו ריידן אָפנהאַרציק אָן דער זאָרג, אַז דער זאָגער וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ שונא, אָדער וועט ניט געהעריק פאַרשטאַנען ווערן. דעריבער ווערט דאָ געזאָגט דאָס וויכטיקע אין אַ גייסט פון זאָרג און ניט פון קריטיק.

„אין דער געשיכטע פון אייראָפּע זיינען די יידן געווען אויסגעזעצט צו לאַנגע און כסדרדיקע רדיפות, אָט די גרויזאַמקייט איז דערגאַנגען צו איר רעקאָרד אין דעם מאַסן־אומברענגג פון יידן אין אונדזער צייט — איינער פון די גרעסטע באַרבאַרישע פאַרברעכנס אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט — און אין דער טראַגישער צעשפּליטערונג פון די פאַרבלי־בענע משפחות — איינער פון די רעזולטאַטן אין דעם תהו ובהו פון דער קאַטאַסטראָפע. אויב ס׳איז ווען עס איז געווען אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרדינט פאַרשטענדעניש און סימפּאַטישע באַציונג נאָך אַזאַ אומגליק און פּיין, זיינען דאָס די יידן פון אייראָפּע.

„דעריבער איז שטאַרק אונדזער האָפענונג, אַז די יידן וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו פירן אַ קולטורעל לעבן, רעליגיעזע פרייהייט און די רעכט פון אַ נאַציאָנאַליטעט, ניט נאָר לויטן געזעץ, נאָר אויך אין לעבן; און אַז מענטשן, וואָס זיינען צעשיידט געוואָרן יאָרן־לאַנג פון זייערע נאָענטע, וועלכע האָבן דורך דער צייט זיך באַזעצט אין ישראל און אַנדערע לענדער, זאָל ענדלעך דערלויבט ווערן זיך צו פאַראייניקן מיט זיי.

„אַ סך פון אונדז גלייבן ניט אין קיין רעליגיע. אַ סך פון אונדז שרייבן קעגן פאַלשע גלויבנס און קעמפן קעגן דעם. פון דעסטוועגן מיינען מיר, אַז מען דאַרף געבן די סאָוויעטישע יידן די פרייהייט זיך צו פירן לויט זייערע רעליגיעזע אָנשויונגען, ווי אָט די פרייהייט ווערט געגעבן פאַר די גלויביקע פון אַנדערע רעליגיעס. מיר זיינען באַזאָרגט פון דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ, אין וועלכן עס קומט פאָר די באַנייונג פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט. פאַראַן אַ סך קלענערע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן אַ סך מער צייטונגען און טעאַטערס. דאָס שליסן די שולן, דער מאַנגל אין רעליגיעזע סידורים, דער־מעגלעכט ניט די יידן צו פירן זיך לויט זייער רעליגיע. מיר זיינען אויך באַזאָרגט פון דעם, וואָס אין סאָוויעטישע צייטונגען פון אַ סך רעפּובליקן, ווערן געדרוקט אַרטיקלען וואָס דריקן אויס פיינטשאַפט צום יידישן פאָלק. זיי באַנוצן אַזעלכע טערמינען, ווי „שרצים״, „בלוט־זויגער״, „פּאַראַזיטן״ און דאָס ווערט באַגלייט מיט קאַריקאַטורן פון יידן. מיר פאַרשטייען אייער קעגנערשאַפט צו ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, אָבער מיר האַלטן, אַז די טויט־שטראָף וואָס ווערט געגעבן פאַר די, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אָט די פאַרברעכנס, שאַדט דעם ראַטן־פאַרבאַנד און גיט אַ מעגלעכקייט זיינע שונאים אים צו באַשמוצן. מיר באַטראַכטן פאַר אַ באַאומרויקנדיקע דערשיינונג

דעם פאַקט, וואָס 60 פּראָצענט פון די פאַראורטיילטע צום טויט זיינען יידן. מיר זיינען באַזאָרגט איבער די תפיסה־שטראָפן, צו וועלכע עס ווערן פאַרמשפט מענטשן, וואָס האָבן אויף אַן אינדיווידועלן אופן זיך איינגעשאַפט מצות.

„אין די לעצטע יאָר פון סטאַלינס לעבן זיינען די סאָוויעטישע יידן לחלוטין באַרויבט געוואָרן פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור און פון די מיטלען זי צו ברענגען צום אויסדרוק. גרויסע אינטעלעקטואַלן זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה אָדער אומגעבראַכט געוואָרן אויף אומגעזעצלעכע וועגן. ס׳איז גרויס אונדזער האָפענונג, אַז עס וועט גאָרנישט געשען, וואָס זאָל אונדז צווינגען צו טראַכטן, אַז די יידן זיינען אויסגעשטעלט צו אַן אומגע־רעכטער אַנטיגעזעצלעכער באַציונג. און אַז די וואָס באַגייען ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס וועלן באַשטראָפט ווערן מיט ניט קיין איבערגעטריבענער שטרענגקייט און זיי וועלן ניט אומגעבראַכט ווערן. מיר קאָנען ניט שטאַרקן אונדזער רוף איבער דער מאָס, ווייל מיר פאַרשטייען די שוועריקייטן פון די מענטשן אין מערב, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פּראָטעסטירן קעגן די אָנגעשטרענגטע באַציונגען, דערמוטיקן דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן און רופן צו מאַכן אַ סוף צום קאַלטן קריג. אָט די צילן ליידן פון מעשים וואָס די פאַראינטערעסירטע אין קאַלטן קריג קאָנען אויסנוצן, און זיי רופן אַרויס זאָרג ביי די, וואָס שטרעבן צו שלום און גוטע באַציונגען.

„מיר ריידן ווי פריינד, אָבער ווי פריינד, וואָס זייער פריינדשאַפט פאָדערט אויפריכטיקייט״.

אויב עס איז דאָ וואָס אויסצוזעצן קעגן אָט דעם לאַנגן בריוו פון די חשובע אינטעלעקטואַלן, איז עס בלויז קעגן דעם טאָן פון בעטן תחנונים און פון כסדרדיקן שווערן זיך, אַז מען איז קעגן דעם קאַלטן קריג, אַז מען איז געשווירענע פריינד, און מען קריטיקירט אפילו ניט — מען דריקט נאָר אויס די „זאָרג״. אין דער אמתן קומט מען דאָך ניט בעטן קיין טובות, קיין ישועות און נחמות פאַר יידן ביי די באַלעבאַטים פון דער מדינה. מען קומט בלויז פאָדערן פאַר די סאָוויעטישע יידן די רעכט, וואָס זיי קומט אין זייער מדינה, לויט דער קאָנסטיטוציע, לויטן געזעץ און לויט די אַרויסזאָגונגען פון אַלע פירער אירע, און מען פאָדערט דאָס פאַר זיי אין אויסלאַנד פשוט דערפאַר, ווייל זיי גופא קאָנען דאָס ניט טאָן אין די אָרטיקע באַדינגונגען, ווי זאָגט דאָס ווערטל? אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג, אָבער ער קאָן קיין שופר ניט בלאָזן.

אפשר איז דאָס טאַקע, דער טאָן און סטיל פון בריוו, מער אַ באַווייז וועגן די באַדינגונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד ווי וועגן די מענטשן, וואָס האָבן דעם בריוו אונטערגעשריבן. אָבער קלאָר איז, אַז אפילו אָט די פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד און קעגנער פון קאַלטן קריג האָבן ניט אָנגענומען די פיקציע, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, מחמת עס קאָן ניט זיין, און אַ ראיה האָט איר — אָט איז דער כתב... ביי זיי איז קלאָר, אַז עס ווערן דאָרט יאָ געמאַכט אויסנאַמען לגבי יידן.

די אויסגעוויינטע יידישע קולטור

ווי האַלט דאָס מיט דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד ביים סוף 1964 — פופציק יאָר נאָך דער אונטערדריקונג פון יידישן וואָרט און ניין יאָר נאָכן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, אויף וועלכן כרושטשאָוו איז געגאַנגען צו תשליך מיט סטאַלינס זינד?

דער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד אין נאָוועמבער 1948 — מיטן צומאַכן די „אייניקייט", מיטן שליסן די טירן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, און מיטן אָנהייב פון די אַרעסטן פון די יידישע שרייבער. אַ קליין שטיקל צייט האָט זיך נאָך עפּעס געצאַפּלט הינטערן אַראָפּגעלאָזטן פאַרהאַנג — דאָס יידישע טעאַטער האָט נאָך געשפּילט. באַלד האָט דאָס אויך אויפגעהערט, און אַ טויטע שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער גייסטיקן לעבן פון דריי מיליאָן יידן. ערגעץ וווּ האָט נאָך אפשר זיך געהערט די יידישע שטים — אין געוואַגטן פּראָטעסט קעגן בילבול, אין אויסגעשריי קעגן ברוטאַלע פיזישע טאָרטורן און מאַטערנישן, אָבער דאָס איז געווען אין די פינצטערנע אינקוויזיציע־קאַמערן פון די טורמעס, אויסגעשריגן פון די צום טויט געפּייניקטע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, און ניט דערהערט דעמאָלט פון קיינעמען מחוץ די דיקע מויערן.

מיט עלף יאָר שפּעטער, אין יאָר 1959, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געפייערט, צוזאַמען מיט אַלע לענדער פאַרבונדענע מיטן אַלוועלטלעכן שלום־קאָמיטעט, דעם הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם. ביי אָט דער געלעגנהייט האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד אַרויסגעלאָזט אַ פּאָסטמאַרקע מיט שלום עליכמס בילד, און אַ נייע אויפלאַגע פון זעקס גרויסע בענד שלום עליכמס ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג — אָט די אויסגאַבע איז געווען צו באַקומען נאָר דורך פאַרויסיקן אַבאָנאַמענט. אָבער הגם דער טיראַזש פון דער אויסגאַבע איז געווען 225 טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז דער אַבאָנאַמענט אויסגעפּילט געוואָרן אין אַ קאָרגן חודש. עס זיינען אויך פאָרגעקומען שלום עליכם־פייערונגען אין אַ ריי שטעט, אין מאָסקווע — מיטן אָנטייל פון די

פירנדיקע שרייבער פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד, וואָס האָט די פּייערונג אָרגאַניזירט. דער אוקראַינישער טעאַטער אין קיעוו האָט דעמאָלט אויך געשטעלט די פּיעסע „טוביה דער מילכיקער". אין אָט דער אַלגעמיינער שלום עליכם־פייערונג האָט זיך ווי ארייגעגליטשט איין באַנד פון שלום עליכם אויף יידיש. דערביי איז דער באַנד שלום עליכם אויף יידיש ניט געוואָרן אַנאָנסירט אָדער אַנגעזאָגט, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען מיט דער יידישער ליטעראַטור, און ווי דאָס דערשיינען פון אַ יידיש בוך וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך.

דאָס אַרויסגעבן שלום עליכם אויף רוסיש איז אין יאָר 1959 קיין נייעס ניט געווען. אמת, אַז אין די פינצטערע יאָרן צווישן 1948 און 1953 איז שלום עליכם אפילו אויף רוסיש אויך ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן. אָבער אין יאָר 1956 איז שוין דערשינען אַ גרויסער באַנד געזאַמלטע ווערק פון שלום עליכם אין 165 טויזנט עקזעמפּלאַרן, און אַ יאָר שפּעטער — נאָך אַ בוך פון קלענערע דערציילונגען אין 300 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אָבער דער איינער באַנד אויף יידיש האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן באַטייט פאַר די סאָוויעטישע יידן. דאָ איז געגאַנגען אין אַ מער פונדאַמענטאַלע זאַך ווי דער אינהאַלט פון בוך — ווי גרויס דער אינהאַלט איז ניט געווען. עס איז געגאַנגען אין רעהאַביליטירן דעם יידישן אלף־בית, די יידישע אותיות, דאָס יידישע וואָרט, וואָס מיט דעם איז פאַרבונדן דער גאַנצער יידישער קיום.

כדי דאָס צו באַגרייפן דאַרף מען וויסן, אַז אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס לעבן האָבן סאָוויעטישע יידן מורא געהאַט צו האַלטן אַ יידיש בוך אין הויז. דורך דעם קאָן מען פאַרבונדן ווערן מיט די אַרעסטירטע יידישע שרייבער און איידער וואָס ווען — פאַרשיקט ווערן אויף אַרבעט אין די ווייטע לאַגערן. יידן האָבן פאַרברענט אָדער באַגראָבן די יידישע ביכער, וואָס זיי האָבן געהאַט אין שטוב. איין יידישע פרוי האָט מיר דערציילט מיט טרערן אין די אויגן ווי זי האָט פאַרברענט אַלע יידישע ביכער פון שטוב, און בלויז איין באַנד האָט זי ניט געקאָנט אריינוואַרפן אין פייער — אַ באַנד פון שלום עליכם. אים האָט זי באַהאַלטן. זי האָט אַרויסגענומען דאָס בוך פון ערגעץ אַ ווינקל אין שטוב און מיר געוויזן. מיט דעם האָט זי זיך ניט געקאָנט צעשיידן, פאַר דעם האָט זי איינגעשטעלט דאָס לעבן. סטאַלין איז געשטאָרבן, נאָך אים איז געקומען מאַלענקאָוו, און דערנאָך — כרושטשאָוו. ס'איז געוואָרן פרייער. אָבער די מורא צו האַלטן אַ יידיש בוך איז פאַרבליבן. וואָרעם רעהאַביליטירט איז דאָך יידיש ניט געוואָרן; קיין דערקלערונג וועגן

מאָסקווע, 1946

פון רעכטס צו לינקס:
גענעראַל קאַץ, לענאַ שטערן, ב. צ. גאָלדבערג, דוד בערגעלסאָן, אהרן קושניראָוו

דעם איז דאָך ניט פאַרעפּנטלעכט געוואָרן, און ווער ווייס ווי לאַנג די נייע פרייקייט וועט לעבן?

איז שטעלט זיך פאַר די יידישע פּרוי ווען זי דערזעט מיט אַ מאָל אַ יידיש בוך, מיט יידישע אותיות, אָפּגעדרוקט פון דאָס ניי אין ראַטן־פאַרבאַנד און מען פאַרקויפט עס אָפן אין די קיאָסקן!

איז ניט קיין וואונדער, אַז די אויסגאַבע איז גלייך צעכאַפּט געוואָרן. די 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן וואָלטן צעכאַפּט געוואָרן אפילו ווען עס וואָלט ניט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד אַזאַ גרויסע צאָל פון דעם. וואָרעם איבער אַ יאָר נאָך דעם ווי עס איז קיין איין עקזעמפּלאַר פון דער אויסגאַבע ניט פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מען נאָך דאָס בוך געקאָנט קריגן צו קויפן אין אַ ריי לענדער אין אויסלאַנד. יידן האָבן געטאַפּט דאָס נייע יידישע בוך מיט די הענט און זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט געדאַרפט אַרויסריידן די פראַגע, וואָס איז ביי יעדן פון זיי געווען אויף די ליפּן: איז דאָס נאָר אַ צופאַל צוליב דער שלום עליכם־פייערונג, אָדער איז דאָס אַן אָנהייב אויף עפּעס? קיין ענטפער דערויף איז ניט געקומען, וואָרעם די מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט וויסן דעם ענטפער, האָט מען דאָך מורא געהאַט צו פרעגן.

פונקט אַזוי אומדערוואַרט, ניט פון פאַרויס אַנאָנסירט און אָן שום דערקלערונג, איז דערשינען נאָך אַ יידיש בוך, אין זעלבן פאָרמאַט און מיטן זעלבן טיראַזש — פון י. ל. פּרץ, און אַ דריט בוך — פון מענדעלע מוכר ספרים. פון אָט די צוויי ביכער האָט מען נאָך מער געקאָנט באַקומען אין אויסלאַנד, אָבער וויפיל עס איז געווען אויפן סאָוויעטישן מאַרק, איז דאָס גלייך צעכאַפּט געוואָרן. האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז געווען מער ווי אַ צופאַל מיטן ערשטן בוך. אויפן האַרצן איז לייכטער געוואָרן, אָבער די ניט געפרעגטע פראַגע איז געבליבן אין די אויגן: איז דאָס אַ סימן אויף עפּעס? וועלן צוריק קומען די אַלטע צייטן?

אָבער אין משך פון אַ צייט האָט זיך עפּעס פאַרהאַלטן. מען איז געבליבן ביי די דריי קלאַסיקער, צו איין ביכל פון יעדן, הגם יעדעס פון זיי איז צעכאַפּט געוואָרן אויפן מאַרק. און הגם מען איז אין ראַטן־פאַרבאַנד געוווינט צו גרויסע טיראַזשן פון ביכער, ווערן אַ סך ביכער אַרויסגעגעבן אין גאַנץ קליינע צאָלן, און ניט נאָר ביי די קליינע פעלקער. דרייסיק טויזנט איז אַ היפּשער טיראַזש. עס דערשיינען ביכער אין צען טויזנט, אין פינף טויזנט

עקזעמפּלאַרן און ווייניקער. אויב עס איז דאָ אַזאַ גרויסע נאָכפראַגע אויף אַט די ביכער, פאַר וואָס זאָל מען ניט דרוקן מער יידישע ביכער?

אין יאָר 1960 איז דערשינען אַ יידיש ביכל אין ביראָבידזשאַן, אַרויסגעגעבן פון כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג. אין יאָר 1959 איז געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זינט ביראָבידזשאַן איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז דערשינען אַ זאַמלונג אַרטיקלען, באַשרייבונגען און לידער וועגן ביראָבידזשאַן אין רוסיש און דאָס זעלבע — אין יידיש. אין פאָרוואָרט ווערט געזאָגט: „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געשאַפן געוואָרן דעם 7טן מאַי 1934. פאַר די פאַרגאַנגענע 25 יאָר זיינען אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט פאָרגעקומען גרויסע איבערגעשטאַל־טונגען... די דאָזיקע זאַמלונג באַקענט דעם לייענער מיט דער געשיכטע פון דער געגנט, אירע נאַטירלעכע רייכטימער, פאָלקסווירטשאַפט, דערציילט וועגן די פאָרגעשריטענע מענטשן און די אַנטוויקלונגס־פּערספּעקטיוון פון דער געגנט". דער ערשטער אַרטיקל גיט אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער געגנט, און עס ווערט דאָרטן געזאָגט אויך עפּעס וועגן יידישן עלעמענט אין איר:

„דער באַשלוס פון ציק פסער פאַרן 28טן מאַי 1928 יאָר, וועגן פאַרפעסטיקן צוליב די נויטן פון דורכזיסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן די פרייע ערד אין דער בייאַמורער זאָנע פונעם ווייטמזרחדיקן קאַנט האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז צוזאַמען מיט די אַנדערע אונטערדריקטע מינדערהייטן פונעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד אויסגעגלייכט געוואָרן אין די רעכט מיט אַלע פעלקער פונעם לאַנד שוין אין די ערשטע טעג נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען אַן אַנטפלעקונג פון דער קלוגשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועטישער רעגירונג, וואָס איז געריכטעט אויף צו פאַרפעסטיקן די פריינדשאַפט און די ברידערלעכע באַציונגען צווישן די פעלקער פון פסער".

אַט דער אָפּזאַץ איז אַלץ, וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער גאַנצער בראָשור פון 160 זייטן וועגן יידישן כאַראַקטער פון ביראָבידזשאַן, צי וועגן יידן אָדער יידישקייט. ניטאָ קיין אָנדייט וועגן דעם יידישן כאַראַקטער פון די מענטשן מיט יידישע נעמען, וואָס זיינען געקומען בויען די געגנט, קיין וואָרט ניט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט צו דערגרייכן אין יידיש־נאַציאָנאַלן זין, אָדער וועגן די קולטור־אינסטיטוציעס אויף דער יידישער

שפּראַך, וואָס זיי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט. עס ווערט דערמאָנט אַ שלום עליכם־גאַס, אַ שלום עליכם־ביבליאָטעק, וואָס „ציילט כמעט 100 טויזנט בענדער, פּאָליטישע, קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. דערונטער העכער 10 טויזנט אויף דער יידישער שפּראַך". אַ צווייטע באַמערקונג וועגן יידיש איז פאַראַן אין דעם זאַץ: „אויף די קלוב־סצענעס, אין פּיאָנערן־הויז, אין די שולן, הילכן מונטער און פריידיק אָפּ אויף דער רוסישער, יידישער, אוקראַאינישער און אַנדערע שפּראַכן לידער וועגן היימלאַנד, וועגן דער פּאַרטיי, וועגן דער פריינדשאַפט פון די פעלקער, וועגן דעם גליק פון שעפערישער מי". אַ דריטער און לעצטער זאַץ: „אין ביראָבידזשאַן דערשיינען צוויי געגנטלעכע צייטונגען — אויף דער רוסישער און יידישער שפּראַך. ביי די רעדאַקציעס אַרבעט אַ ליטעראַרישע פאַראייניקונג. די מיטגלידער פון דער פאַראייניקונג טרעטן אָפט אַרויס מיט זייערע ווערק אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען און פאַר אַרבעטער־אוידיטאָריעס". אויסער דעם איז פאַראַן אַן אונטערשריפט אויף אַ בילד פון אַ גרופּע מענטשן פון יאָר 1930 — „וואַלדהיים, יידן־איבערוואַנדערער אויפן היישניט 1930". און דאָס איז אַלץ.

איר האָט דאָרטן אַ סך יידישע נעמען פון מענער און פרויען, בעיקר אין די שילדערונגען וועגן אַנהייב פון דער ביראָבידזשאַנער אַנטוויקלונג, ווי אויך ניט־יידישע נעמען. איר ווערט פון דעם ניט וויסן צי עס איז דאָ אַ שול אויף יידיש אין דער געגנט, צי עפּעס איז געבליבן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין דער „יידישער אויטאָנאָמער געגנט". דער נאָמען איז דאָ עפּעס ווי אַ צוטשעפּעניש, וואָס קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. אפילו אין די לידער און זכרונות איז ניטאָ קיין שמץ פון אַ יידישן מאָטיוו. עס איז אַ געשיכטע פון אַ געגנט, וואָס איז באַזעצט און אַנטוויקלט געוואָרן עקאָנאָמיש און קולטורעל פון מענטשן אַנטפּאַלקטע, אַ סך פון זיי מיט יידישע נעמען.

מען קען זיך משער זיין, אַז וויניק סאָוויעטישע יידן מחוץ פון ביראָבידזשאַן, האָבן געהערט פון אָט דער בראָשור אויף יידיש וועגן ביראָבידזשאַן, און געזען האָבן זיי זי אַוודאי ניט. (אַזעלכע לאָקאַלע אויסגאַבן ווי דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז ניט צו באַקומען אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד). און וואָלטן די סאָוויעטישע יידן דאָס יאָ געזען, וואָלט דאָס זיי וויניק דערוואַרעמט. אַפילו אין די גוטע צייטן פלעגן די סאָוויעטישע יידן קוועטשן מיט די פּלייצעס אויף ביראָבידזשאַן און דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז ביי די יידישע מאַסן קיין יידישע צייטונג ניט געווען. דאָס יאָר 1960 איז אַזוי

אַרום אַריבער פאַר די סאָוויעטישע יידן ווי אַ טריקעניש, ווי אַן אַנטווישונג פון די חלומות, וואָס האָבן זיך דערוועקט ביי זיי ביים דערשיינען פון די דריי בענד פון די קלאַסיקער אין יאָר 1959.

אין יאָר 1961 איז שיער ניט געקומען אַ גערעטעניש. אַ באַנד לידער פון יידישן דיכטער אשר שוואַרצמאַן, וואָס איז געפאַלן אין בירגער־קריג, און אַ גאַר דיקער באַנד פון דוד בערגעלסאָן, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע שרייבער, דעם 12טן אויגוסט 1952. נאָך אַלץ פון טויטע שרייבער, און זיכער מאַטעריאַל — פון די 764 זייטן אין באַנד בערגעלסאָן איז קיין איין זאַך ניט אַריין פון היינטצייטיקן סאָוויעטישן לעבן. אַלץ די אַלטע זאַכן און בלויז עטלעכע מלחמה־דערציילונגען, מיט דער היינטיקער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט האָט עס קיין שייכות ניט געהאַט.

אין דער צווייטער העלפט פון זעלבן יאָר האָט אָנגעהויבן דערשיינען די צוויי־חודשלעכע ליטעראַרישע שריפט „סאָוויעטיש היימלאַנד" אונטער דער רעדאַקציע פון ארן ווערגעליס. אין יאָר 1962 איז ניט דערשינען גאָרניט אויסער די העפטן „סאָוועטיש היימלאַנד". אין יאָר 1963 האָבן מיר געהערט קלאַנגען ניט פון אָפיציעלע אָדער האַלב־אָפיציעלע קרייזן, אַז מען וועט ווידער עפּעס אַרויסגעבן אין בוך־פאָרעם, אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ריכטיק.

אין יאָר 1964 זענען אויך דערשינען בלויז די העפטן „סאָוועטיש היימלאַנד". „סאָוועטיש היימלאַנד" דערשיינט רעגלמעסיק, ווערט אַרויסגעגעבן ניט פון אַ יידישן פאַרלאַג און ניט פון אַ יידישער אינסטאַנץ בכלל, נאָר פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע, וואָס גיט אַרויס די ליטעראַרישע זשורנאַלן אויף רוסיש. „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט זיך אין 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַ גרויסער טייל פון דער אויפלאַגע ווערט געשיקט קיין אויסלאַנד, דאָס זעט מען לויט דער רעקלאַמע, וואָס ווערט פאַר דעם געמאַכט אין אויסלאַנד און לויט דעם ווי לייכט מען קאָן דעם זשורנאַל באַקומען אין אַ היפשער צאָל לענדער, ניט אַן ערך לייכטער ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא. די צאָל זייטן אין נומער זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן פון 125 זייטן אויף 160 זייטן, צוויי שפאַלטן אויף אַ זייט, מיט וואָסערע 15—20 באַטייליקטע שרייבער אין אַ נומער. אַרום און אַרום האָבן זיך פאַר די ערשטע אַנדערטהאַלבן יאָר פון דער צייטשריפט באַטייליקט אין איר אַ הונדערט שרייבער. די מיינסטע שרייבער זענען אויפגעקומען נאָך דער אָקטאָבער־

רעוואָלוציע; זיי זיינען אין די פּופּציקער, אַ טייל אויך אין די פערציקער און אַפילו יינגער. דער ליטעראַרישער ווערט פון אינהאַלט איז פאַרשידן. עס זענען געווען געדרוקט שאַפונגען פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלערישן ווערט און זאַכן אָן אַזאַ ווערט. דאָס יידישע לשון אין זיי איז נאָך פריש און זאַפטיק, די בילדלעכקייט איז נאָך פון יידישן קוואַל. עס זעט אויס, אַז די שרייבער טראָגן נאָך אין זיך די יידישע פאָלקסטימלעכקייט און קומען פון דער יידי־שער סביבה.

און וואָס שייך דעם אינהאַלט — איז דאָ טאַקע זעט מען דעם יידישן גלות פון אָט דער שפּראַך פון דער יידישער קולטור, די אומזיכערקייט, און מען וואָלט געמעגט זאָגן — די ניט־אויפריכטיקייט פון דער סאָוויעטישער אָנפירונג, וואָס האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרץ און ענדלעך דערלויבט אַ צייטשריפט אויף יידיש. פּונקט ווי דאָס ערשטע יידישע בוך אין יאָר 1959, האָט אויך „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך באַוויזן אָן אַ פאַרבינדונג, שייכות, אָן עפּעס אָן אָנצוהערעניש וועגן דעם וואָס ס'איז פאַרגעקומען. ווי באַלד דער סטאַלין־קולט איז אָפּגעשאַפט, די סטאַלינישע פאַרברעכנס זיינען אויפגעדעקט און די יידישע שרייבער וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, זיינען רעהאַבי־ליטירט, וואָלט דאָך געווען נאַטירלעך, אַז דער ערשטער נומער פון דער יידישער צייטשריפט זאָל זיך אָנהייבן מיט עפּעס אַ דערמאָנונג וועגן אָט די מאַרטירער, מיט אַ וואָרט וועגן דער ליטעראַטור, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער קאַטאַסטראָפע, וועגן יידיש־ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס האָבן פריער עקזיסטירט. און עס וואָלט געמעגט זיין געשריבן, אַז מיר זיינען ווידער דאָ, אַז מיר, די פאַרבליבענע, הייבן פון דאָס ניי אָן צו שמידן די גאָלדענע קייט און ממשיך זיין די יידישע קולטור אין סאָוועטישן היימלאַנד.

איז וועגן אָט דעם אַלעם קיין וואָרט ניט געווען. „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אויפגעקומען ווי אָן אַ נעכטן און אָן אַ מאָרגן. סתם, פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן יידיש, פאַראַן פּאַפּיר און דרוק — נעמט מען און מען דרוקט דאָס אָפּ.

אַזוי ווי אין די ביכער, פילט זיך אויך דאָ די האַנט פריי בעת עס רעדט זיך וועגן דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, דאָס הייסט ווען מען האָט צו טאָן מיט די אַמאָליקע יידן, אָדער מיטן אַמאָל, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָ פילט זיך דער קינסטלערישער אמת און עס קומט אַרויס דער פולער טאַלאַנט פון שרייבער. דאָס בעסטע ווערק אין די נומערן פון די ערשטע צוויי יאָר איז בלי ספק דער ראָמאַן פון עליע שעכטמאַן, „ערב", ווו די געשעענישן שפּילן זיך אָפּ באַלד נאָכן ערשטן וועלט־

קריג. דאָרטן, ווו דער שרייבער נעמט שילדערן די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג, פילט מען ווי ער גייט אויף אַ שטריק, ווי ער קוקט נאָך זיין יעדע באַוועגונג מיט דער פען — צי זי כאַפּט ניט אַריבער די מאָס און מען האָט דעם איינדרוק ווי עמעצער באַמיט זיך צו ריידן מיט אַ פאַרבונדן מויל. ווען עס קומט צום היינטיקן לעבן, דאָ האָט איך שוין געלאָזט גריסן די צייטשריפט „בירָאבידזשאַן" — אַנטפּאַלקטע מענטשן, מענטשן מיט יידישע נעמען, אַרייג־געשטעלט אין קינסטלעכע סיטואַציעס, און פאַרטאָן מיט זאַכן, וואָס קענען מיט זייער אינערלעך יידיש לעבן, מיט זייערע אמתע באַציונגען, טראַכטע־נישן, בענקשאַפטן, איבערלעבענישן, קיין שייכות ניט האָבן. וואָרעם ווי קען זיין אַ ליטעראַטור פון היינטיקע יידן, אַז היינט זיינען קיין יידן ניטאָ?

עס האָט ניט קיין זין, און עס איז ניט יושרדיק, צו האָבן טענות דערפאַר צו די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי וואָלטן געוויס אַנדערש געשריבן, ווען מען וואָלט געמעגט אַנדערש שרייבן. און עס איז נאָר צו באַוווּ־דערן וואָס אָפט מאָל רייסט זיך דאָך אַדורך עפּעס אַן עכאָ פון יידישן אַמאָל, ווי למשל, אַ פּאַטאַסטאַט פון דער ערשטער זייט פון „קול מבשר". אמת, עס איז דאָ אַ הכשר דערויף — יענע זייט אַנטהאַלט אַ יידישן איבערזעצונג פון פּושקינס אַ ליד. אָבער מען איז פּאָרט דערגאַנגען צום „קול מבשר" פון יאָר 1863, אָדער צו אַקסענפעלדס „דאָס שטערנטיכל". אפשר וועט נאָך קומען אַ צייט ווען מען וועט טאָקע מעגן. דעמאָלט, קאָן זיין, וועלן שרייבער עפענען די קאַמאָדן און אַרויסנעמען די אמתע זאַכן וואָס זיי האָבן געשריבן און געוואָלט שרייבן, וועגן די זאַכן וואָס זיינען ביי זיי און ביי זייערע לייענער אויפן האַרצן.

דאָס איז די גאַנצע אויסגעווײנטע יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך זאָג „אויסגעווײנט", מחמת אויך אָט דאָס ביסל איז ניט געקומען פון זיך אַליין אויפן נאַטירלעכן אופן. די גאַנצע וועלט האָט יאָרן לאַנג אַפּעלירט, געבעטן, געפאָדערט, פּראָטעסטירט — יידן און ניט־יידן; מענטשן מיט אַן אינטערעס צו יידישער קולטור און מענטשן מיט אינטערעס צו דער פריי־הייט פון יידישע מענטשן צו לעבן אין דער אייגענער קולטור; ליבעראַלן, רעכטע, לינקע, און טייל מאָל — אויך קאָמוניסטן. מען האָט געדריקט אויף דער סאָוויעטישער מאַכט פון אַלע זייטן.

אין דער קאָמוניסטישער וועלט איז אָט דער קורס צו פאָדערן די ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער קולטור פאָרגעקומען אין דער צייט

נאָכן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, אין די יאָרן 1956—1957, אין דער צווישן־צייט איידער די כרושטשאָוו־מאַכט האָט זיך באַפעסטיקט אויפן אָרט פון סטאַלין־רעזשים. דעמאָלט האָט מען געמיינט, אַז מען מעג, און די קאָמוניסטישע יידישע אָרגאַנען האָבן אויסגעדריקט דאָס, וואָס די קאָמוניסטישע יידן האָבן באמת געטראַכט און געפילט.

דעם 3טן נאָוועמבער 1956 האָט די „פאָלקס־שטימע" פון וואַרשע געשריבן, אין איר אָפּענעם בריוו צו לעאָניד איליטשאָוו: „עס איז דאָך ניט אמת די מיינונג, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט איז אין ראַטנפאַרבאַנד ניט ליקווידירט געוואָרן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן, נאָר — ווי אייניקע דערקלערן — אַז די יידן האָבן עס ניט געוואָלט. פאַר וואָס באַלייריקט מען די יידישע באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד? פאַר וואָס וואַרפט מען אַרויף די שולד פון בעריאַ אויף די סאָוועטישע יידן? איז דאָך אַלעמען באַוווּסט, אַז יעדע יידישע, מעג זיין עפּיזאָדישע און צופעליקע, קולטור־אונטערנעמונג אין ראַטן־פאַרבאַנד אין משך פון דעם לעצטן יאָר — אין מאָסקווע צי אין סווערדלאָווסק, אין קיעוו צי אין מינסק, אין ווילנע צי אין ריגע — רופט אַרויס דעם טיפסטן אָפּקלאַנג ביי הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע יידן. איז דאָך אַלעמען באַקאַנט די גרויסע בענקשאַפט נאָך אַ יידיש וואָרט, ליד, בוך, צייטונג, טעאַטער, ביי די ברייטסטע מאַסן סאָוועטישע יידן... אַלע פאַקטן באַרעכטיקן, אַז מיר זאָלן נאָך אַ מאָל שטעלן די פראַגע...: פאַר וואָס קומט ניט די פולע רעהאַביליטאַציע און צוריקאויפשטעלונג פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד?"

אַ טאָג שפּעטער, דעם 4טן נאָוועמבער 1956, איז אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן פרייהייט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו, וואָס אַמעריקאַנער יידישע שרייבער און טוער האָבן אָפּגעשיקט צו בולגאַנינען און וואָראָשילאָוון. אונטערן בריוו זיינען געווען אונטערגעשריבן פירנדיקע קאָמוניסטן אַזוי גוט ווי אַנדערע. צווישן אַנדערן איז דאָרט געווען געזאָגט:

„דער געדאַנק קאָן נישט באַנעמען, אַז די יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד איז איבערגעמאַכט געוואָרן פאַרעלטערט אָדער היסטאָריש איבעריק, ווי אַ רעזולטאַט פון כלומרשטער ,אינטעגראַציע'. זיכער קאָן ניט דער באַגריף פון ,אינטעגראַציע' דערקלערן די לאַגע ווען אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס זיינען פלוצעם פאַרשוווּנדן. אַ סך פאַקטן באַווייזן, אַז אָט די טעאָריע וועגן ,אינטעגראַציע' איז אין ווידערשפּרוך מיט דערווירקלעכקייט... די סאָוויעטן־רעגירונג האָט לעצטנס ווידער באַשטעטיקט איר פּרינציפּ פון

מיטהעלפן אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון דערווירט־שאַפט און קולטור פון אַלע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן. דאָס שליסט נאָ־טירלעך איין, ווי מיר האָפן, די אַנטוויקלונג און דעם אויפבלי פון יידישן פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. ווי מ׳זעט, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געמאַכט אַ ריזיקע אָנשטרענגונג צו פאַרריכטן דאָס שלעכטע, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין די יאָרן פאַר 1953. מיר ווילן אָבער אויסדריקן אונדזער באַזאָרגטקייט בנוגע דעם ווידעראויפבוי פון דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. אַן עפנטלעכע און אויטאָריטעטע דערקלערונג, וואָס זאָל באַהאַנדלען די אומגערעכטיקייטן, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן, און וואָס זאָל אָנווייזן די מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען אין דער ריכטונג פון צוריק אויפשטעלן יידישע קולטור־אינסטיטוציעס — אַזאַ דערקלערונג וואָלט געקאָנט זייער אַ סך אויפטאָן אויף צו באַזייטיקן די זאָרג וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר ווענדן זיך דרינגענדיק צו אייך, אַז אַזאַ דערקלערונג זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַזוי שנעל ווי מעגלעך״.

די ניו־יאָרקער „מאָרגן פרייהייט״ גופא, אין אַ לייט־אַרטיקל פון 16טן דעצעמבער 1956, האָט צווישן אַנדערן געשריבן:

„עס פאָדערט זיך נאָך אַלץ, לויט אונדזער מיינונג, אַן אויפקלערונג וועגן דער יידישער פראַגע און וועגן דער יידישער קולטור, אַן ענטפער אויף אַלע אָנפראַגן און מעמאָראַנדומס, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג האָט געקראָגן פון יידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, איינגעשלאָסן לאַנגיאָריקע פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד. דערמיט ווערט דער ענין נאָך ווייט ביט אויסגעשעפּט. די פראַגע וועגן יידישן פאָלק — בפירוש יידיש פאָלק — און וועגן באַציונגען צווישן יידן אין פאַרשיידענע לענדער, וועט דאַרפן געשטעלט ווערן אין דער געהעריקער פערספּעקטיוו, אויך דער ענין ציוניזם וועט דאַרפן באַטראַכט ווערן — ניט ווי אַ זאַך מיט וואָס מען דאַרף כסדר ,סטראַשען׳, נאָר ווי ער זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט: וועלכע ציוניסטן עס אַרבעטן מיט די אָנפירער פון דער קאַלטער מלחמה און וועלכע ציוניסטן עס ווילן שלום, פריינדשאַפט מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער קלאָר איז איינס: די סאָוויעטישע פירערשאַפט, לויט אונדזער מיינונג, שטייט פאַר דער אויפגאַבע פון מאַכן אַן ערנסטע רעוויזיע אין איר באַציונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אין איר באַציונג צום יידישן פאָלק, צו די סאָוויעטישע יידן, צו דער יידישער קול־טור — אַ רעוויזיע, וואָס זאָל פאַרווירקלעכן די רעזאָלוציע פון 20סטן קאָנג־רעס, און וואָס גיכער אויפלעבן לעבינס צוגאַנג צו דער בויונג פון דער יידי־

שער קולטור נאָך 1917, לעניגס צוגאַנג צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם".

דער דאָזיקער לייט־אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „מיר האַלטן ניט אַז אונדזער רוף איז אַ ,שטימע אין דער ווילדעניש', ווי געוויסע מענטשן זאָגן. בשום אופן נישט!"

דעם 25סטן אויגוסט 1957 האָט די „מאָרגן־פרייהייט", אין אַ לייט־אַרטיקל, געמוזט אָנערקענען, אַז „די פאַרברעכנס קעגן דער לעניניסטער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער און יידישער פראַגע זיינען נאָך ניט פאַרריכט געוואָרן. עס זיינען נאָך ניט אויפגעשטעלט געוואָרן די יידישע פאַרלאַגן, טעאַטערס, צייטונגען, זשורנאַלן, וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן איבער נאַכט אין יאָר 1948, צוזאַמען מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ביזן יאָר 1936, ווען דער ,קולט פון יחיד' האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן עקזיסטירט יידישע קינ־דערשולן, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, קאַטעדרעס, נאַציאָנאַלע יידישע ראַיאָנען, עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגענט (ביראָבידזשאַן). אַט אַזאַ איז געווען די לענינישע באַציונג זינט 1917. עס איז אויך צווישן 1917 און 1936 געפירט געוואָרן אַן אָפענער, דעמאָנסטראַטיווער קאַמף אויס־צוראָטן אַנטיסעמיטיזם. די יידישע מאַסן, באַזונדערס די פּראָגרעסיווע עלע־מענטן, דערוואַרטן, אַז די רעזאָלוציע פון 20סטן קאָנגרעס וועגן אויפלעבן דאָס לענינישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, זאָל אָנגעווענדט ווערן בנוגע דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע ווערט אָפיציעל אָנערקענט ווי אַזעלכע אין פּאַספּאָרטן און אין אַנדערע סאָוויעטישע דאָקומענטן. מיר דערוואַרטן און וועלן ניט אויפהערן פאָדערן, אַז די יידישע קולטור זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז עס זאָלן מעגלעך געמאַכט ווערן קולטור־פאַר־בינדונגען צווישן די אַמעריקאַנער יידן מיט די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אַ טייל פון די אַלגעמיינע אַמעריקאַניש־סאָוויעטישע קולטור־פאַרבינדונגען".

די „דערוואַרטונג" איז נאָך עד היום ניט געקומען. דער „רוף" פון קאָמוניסטישן לאַגער איז יאָ געבליבן אַ „שטימע אין דער וויסטעניש"; קיין „עפנטלעכע און אויטאָריטעטע דערקלערונג" איז ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן; קיין „רעוויזיע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און איר באַציונג צום יידישן פאָלק" אויך ניט; און די „יידישע פאַרלאַגן, טעאַטערס, צייטונגען, זשורנאַלן" זיינען נאָך אַלץ „ניט אויפגעשטעלט געוואָרן". און מען קאָן נאָך היינט פרעגן די פראַגע וואָס די וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" האָט געפרעגט אין יאָר 1956: „פאַר וואָס קומט ניט די פולע רעהאַביליטאַציע און צוריקאויפשטעלונג פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד?"

האָבן די קאָמוניסטישע אָרגאַנען טאַקע „ניט אויפגעהערט צו פאָדערן״?

יאָ און ניט, לויט דער אַנגענומענער קאָמוניסטישער טאַקטיק פון „דעקן״ און „באַלאַנסירן״. ווען זיי האָבן געמוזט באַריכטן אַ שלעכט שטיקל נייעס וועגן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן זיי דאָס באַלאַנסירט מיט אַ שטיקל נייעס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, אָדער מיט עפּעס נעגאַטיווס פון ישראל. אַזוי האָבן זיי צעטראָגן אויף טעלערלעך און געפּויקט אין די טאַצן וועגן יעדן ברעקל יידישע קולטור, וואָס מען האָט דאָרטן צוגעוואָרפן דעם יידישן עולם, און געמאַכט אַ פּאַראַד מיטן אָפּגעריבענעם דרייער ווי דאָס וואָלט געווען דער גאָלדענער מעדאַל! אָבער ווען אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעריסן די גאַנצע יידישע וועלט, בפרט ווען אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן געוויזן, אַז „מען מעג שוין״ ניט מסכים זיין מיט מאָסקווע, זיינען די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען אַרויס מיט זייערע אַמאָליקע פאָדערונגען — דווקא אין מערב; די שטים פון יידישן פּוילן איז אין דעם כאָר ניט געהערט געוואָרן.

דאָס קאַנאַדער קאָמוניסטישע „וואָכנבלאַט״ האָט אין חודש יוני 1964 געשריבן, אַז „געוויער גערעדט, ניט געקוקט אויף די דאָזיקע דערגרייכונגען, (,סאָוועטיש היימלאַנד׳, יידישע קאָנצערטן), אויף וועלכע מען טאָר ניט פאַר־מאַכן די אויגן, איז אָבער די ליניע פון צוואַנג־אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן סטאַלין־קולט, בכלל געענומען, געבליבן ווי געווען״. און אין זעלבן גייסט האָט געשריבן פּ. נאָוויק, דער רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט״ דעם 2טן יוני 1964 אין זיין צייטונג. פאַררופנדיק זיך אויפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, וועגן די יידישע קאָנצערטן און דראַ־מאַטישע גרופּן, פירט נאָוויק אויס:

„די אַלע אַנטוויקלונגען זיינען זייער וויכטיק און שטימען מיטן לעניניש צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער עס איז ניטאָ קיין יידישער פאַר־לאַג, און עס זיינען ניט אַרויס קיין שום יידישע ביכער אויף יידיש אין די יאָרן 1962—1963 (און אויך ניט ביז איצט אין 1964). עס זיינען ניטאָ קיין יידישע קינדערשולן און קיין מעגלעכקייטן צו ,דינגען אויפן חשבון פון דער מלוכה באַזונדערע לערער פון דער יידישער שפּראַך, יידישער געשיכטע׳, אָדער אַ ,מלוכהשן לאָקאַל אויף לעקציעס פאַר יידישע קינדער׳, ווי עס איז פאַרגעשריבן געוואָרן פון לענינען״.

וואָלט די סאָוויעטישע מאַכט זיך כאָטש אַ ביסל גערעכנט מיט אָט די פאָדערונגען פון לינקס — וואָלט אַפילו דאָס ביסל יידישע קולטור, וואָס

איז יאָ דערלויבט געוואָרן, געהאַט אַן אַנדער פּנים. וואָס וואָלט געדאַרפט זיין מער נאַטירלעך, ווי אַז ווען מען הייבט אָן אַרויסגעבן יידישע ליטעראַטור אויף יידיש, זאָל מען אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע יידישע קערפּערשאַפט דערויף, אויב ניט קיין יידישן קולטור־קאָמיטעט — איז אַ יידישן פאַרלאַג; אויב ניט קיין יידישן פאַרלאַג — איז אַ פאַראיין פון יידישע שרייבער אויף יידיש, ווי אַ פראַקציע, לאָמיר זאָגן, פון דעם אַלסאָוויעטישן שרייבער־פאַראייך. און ער זאָל דאָס זיין דער אַרויסגעבער פון דער ליטעראַרישער שריפט און פון די פאָר ביכער, דאָס זאָל ניט קומען פון די ניט־יידישע אָפיציאָזן, פון דעם ניט־יידישן שרייבער־פאַראיין, און די יידישע שרייבער זאָלן דאָ זיין די מקבלים, דער אָרעם־בחור ביים רייכן פעטער, וואָס דאַרף זיין צופרידן, אַז דער פעטער רופט אים צום טיש. און דאָס איז ניט קיין צופאַל, עס איז דאָ אַ זין דערביי. אַ יידישע קערפּערשאַפט, וואָס גיט אַרויס יידישע ליטעראַטור, וואָלט באַטייט יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, אַ געוויסע מאָס אָנער־קענונג פון אַ יידיש קולטור־לעבן. אָבער אין דער איצטיקער פאָרעם איז דאָס אַ צופעליקע אונטערנעמונג פון אַלגעמיינעם סאָוויעטישן, פאַקטיש רוסישן שרייבער־פאַראיין, וואָס היינט גיט ער אַזעלכעס יאָ אַרויס, און מאָרגן — ניט.

דאָס גלייכן איז מיטן אינהאַלט און כאַראַקטער פון די ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אויף יידיש. דער אַרויסגעבער איז דאָ ניט קיין יידישע קערפּערשאַפט, נאָר אַן אַלגעמיינער רוסישער פאַרלאַג. זיכער באַראָט ער זיך מיט געוויסע יידישע שרייבער, אָבער דער באַלעבאָס איז ער, דער ניט־יידישער אַרויסגעבער. ער באַשטימט וואָסערע ביכער, פון וועלכן כאַראַקטער, און וויפל צו דרוקן. ווען דער ענין וואָלט געלעגן אין יידישע הענט, וואָלטן די יידישע שרייבער מסתמא באַשטימט אַרויסצוגעבן די נייע ווערק פון די היינטיקע יידישע שרייבער אַנשטאָט איבערדרוקן די קלאַסיקער; ווינציקסטנס, וואָלטן זיי קאָמבינירט: אַ בוך פון היינט און אַ בוך פון אַ מאָל. עס וואָלט זיי געוויס ניט איינגעפאַלן איינצושטעלן כמעט ווי אַ חרם אויף דער נייער סאָוויעטישער ליטעראַטור פון די היינטיקע לעבעדיקע יידישע שרייבער. דאָס איז ווידער ניט קיין צופאַל, פאַראַן אַ מיין דערביי. אויב מען גיט אַרויס יידישע ביכער פון היינטיקע יידישע שרייבער אויף יידיש פאַר היינטיקע יידישע לייענער, הייסט דאָך דאָס, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש קולטור־לעבן. דאַקעגן, אויב די היינטיקע יידישע שרייבער ווערן אַרויסגעגעבן אויף רוסיש, און אויף יידיש ווערן אַרויסגעגעבן בלויז עטלעכע ביכער פון די אַמאָליקע

שרייבער, הייסט דאָס, אַז קיין היינטיק קולטור־לעבן אויף יידיש איז ניטאָ. עס געפינען זיך נאָך אַ ביסל עלטערע מענטשן, אַמאָליקע יידישע לייענער, גיט מען פאַר זיי אַרויס אַ פּאָר ביכער פון די אַמאָליקע שרייבער. די יידישע קולטור ווערט דורך דעם ניט רעהאַביליטירט.

וויל מען פאַרזיסן אָט די ביטערע פּיל מיט אַ ביסל „עולם הזה" פאַר די יידישע שרייבער. צו וואָס אַרויסגעבן זייערע יידישע ביכער אין אָריגינאַל, וואָס קאָנען דערגרייכן נאָר צו אַ באַגרענעצטער צאָל לייענער, בעת אין דער רוסישער איבערזעצונג קאָנען זיי דערגיין צו צענדליקער מיליאָנען לייענער, צווישן זיי אויך די יידישע לייענער. אַלע קענען דאָך לייענען רוסיש! און מען ווייזט אַ גוטןביישפּיל: אָט האָט מען אַרויסגעגעבן רוסישע איבערזע־צונגען פון יידישע מאַנוסקריפּטן, און אַלע אין גרעסערע טיראַזשן, ווי זיי וואָלטן אַרויס אין יידישן אָריגינאַל. און דאָס באַטייט ניט נאָר כבוד און פּאָפּולאַריטעט, נאָר אויך אַ סך מער הכנסה. אַבער אַזאַ צוגאַנג איז פאַלש פּריציפּיעל און שעדלעך קולטורעל.

מיט אַזאַ צוגאַנג וואָלט מען געדאַרפט ליקווידירן אַלע אָריגינעלע ליטעראַטורן פון די קליינע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד. צו וואָס זאָל מען אַרויסגעבן די ווערק פון די ווייסרוסישע שרייבער אויף ווייסרוסיש, אַז מען קאָן זיי אַרויסגעבן אין דער רוסישער איבערזעצונג פאַר אַ גרעסערן עולם, צווישן וועלכע עס וועלן במילא זיין די ווייסרוסישע לייענער? און צו וואָס אַרויסגעבן ביכער אין גרוזינישן אָריגינאַל, צי אין אַרמענישן, און אין די פאַר צענדליק אַנדערע מינדערהייט־שפּראַכן אין ראַטן־פאַרבאַנד? דאָס גראָבט דאָך אונטער די גאַנצע נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע פון סאָוויעטישן סאָציאַליזם אין דעם סאַמע פונדאַמענט פון ראַטן־פאַרבאַנד. איז אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האַלט זיך יאָ ביי דער טעאָריע און ביי דעם דאָזיקן סיסטעם און האַנדלט אַנדערש נאָר בנוגע דער יידישער ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, באַווייזט דאָך דאָס ערשט די ריכטיקייט פון דער טענה, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד דיסקרימינירט קעגן יידישן פאָלק!

אָט דער „תכלית" איז אַן אילוזיע פאַרן יידישן שרייבער און שעדלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור גופא. אויב אַ ליטעראַטור איז זעלבשטענדיק און פירט אַן אייגענע עקזיסטענץ, שאַפט זי אירע אייגענע ווערטן און פאַר־שידענע שטופעס פון שרייבער פון אַ פאַרשיידענער מדרגה. אַבער ווען אַ לי־טעראַטור ווערט נישט מער ווי אַ ברונעם, פון וועלכן מענטשן פון אַן אַנדער קולטור שעפּן לויט זייער באַדאַרף, מוז זי פאַרלירן איר אייגענעם כאַראַקטער

און ווערן אַ דינסט ביי דער אַנדערער קולטור. אַפילו היינט, ווען עס גילט נאָך דער מאָטיוו צו ווייזן אין אויסלאַנד, אַז יידישע ליטעראַטור דערשיינט אין דער רוסישער שפּראַך, ווערן געדרוקט נאָר געוויסע מינים ווערק, וואָס קאָנען אויסנעמען ביים ברייטן, ניט יידישן עולם. בלויז ווערק פון אַן אומ־באַדייטנדיקער צאָל פון די העכער הונדערט אַקטיווע יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג, און היות אויף יידיש ווערן זייערע ווערק ניט געדרוקט, ווערן זיי דאָך פּאַקטיש לגבי דעם לייענערטום ליקווידירט.

ווי אַן אילוסטראַציע דערצו, קאָנען מיר נעמען איינעם פון די חשובסטע אַלטע יידישע שריפטשטעלער פון ראַטן־פאַרבאַנד, ז. ווענדראָף. ער איז היינט אין די מיטעלע אַכציקער. ער איז שוין איבער זעכציק יאָר טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געלעבט און געשריבן וועגן לעבן אין רוסלאַנד, פּוילן, ענגלאַנד, אַמעריקע, און נאַטירלעך, ראַטן־פאַרבאַנד. ווי מען זעט פון זיינע בייטראַגן אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט", האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק — „זעכציק יאָר ליטעראַריש לעבן" אָדער אומגעפער אונטער אַזאַ נאָמען. ווענדראָף איז אַרעסטירט געוואָרן אין די לעצטע סטאַלין־יאָרן, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרייבער. ער איז געפּייניקט געוואָרן, ווי אַנדערע און פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ לאַנגן תפיסה־טערמין ווי אַנדערע. און ווי אַנדערע וואָס זענען געבליבן לעבן, איז ער אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון געפענגעניש נאָך דעם 20סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, געוואָרן רעהאַביליטירט און באַקומט היינט אַ גוטע פּענסיע. אָבער ער איז נאָך ליטעראַריש אַקטיוו, און ער האָט אָנגעשריבן זיינע מעמוארן. פאַרן יידישן לייענער אין ראַטן־פאַר־באַנד וואָלטן זיינע מעמואַרן געהאַט אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג. זיי וואָלטן מיט אים דורכגעגאַנגען אַ שטיק יידישע וועלט און אַן עפּאָכע פון יידישע געשעענישן. דאָס וואָלט פאַר זיי געווען אַ גייסטיקער געווינס, שוין אָפּגעזאָגט פון ליטעראַרישן געווינס פון אַזאַ ווערק. אָבער פאַרן רוסישן ביכער־מאַרק איז דאָס ניט קיין סחורה. דעם רוסישן לייענער קאָנען ניט אינטערעסירן די ליטעראַרישע באַגעגענישן אין דער שטוב פון י. ל. פּרץ אין וואַרשע, אָדער די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק. אויסער דעם קאָן נאָך דער רעדאַקטאָר פון רוסישן פאַרלאַג ניט זיין זיכער צי אַזאַ יידיש ווערק איז ניט געכאַפּט אין „קאָסמאָפּאָליטיזם". איז אויף רוסיש דאָס ווערק ניט דערשינען, און אויף יידיש גיט מען דאָך ביכער פון לעבעדיקע שרייבער ניט אַרויס — מוז דאָס ווערק זיך דרוקן אין המשכים אין ניו־יאָרק.

דעם 19טן דעצעמבער 1962 איז אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייַ־הייט" דערשינען די פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון ס. ראַבינאָוויטש פון מאָסקווע.

„מאָסקווע (לופטפּאָסט) נאָר וואָס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין, געווידמעט דעם זשורנאַל ,סאָוועטיש היימלאַנד'. עס זיינען בייגעווען יידישע שרייבער פון מאָסקווע, קיעוו, מינסק, קישעניעוו, אָדעס, ווילנע, ביראָבידזשאַן. צווישן די אָנטיילנעמער פון דער זיצונג — די באַקאַנטע פּראָזאַיקער און דיכטער לעאָניד סאָבאָליעוו, סטעפאַן שטשיפּאַטשאָוו, ניקאָלאַי גריבאַטשאָוו, וואַדים קאָזשעווניקאָוו, געאָרגי מאַרקאָוו, פּעטרוס בראָווקאַ, אַפאַנאַסי סאָ־לינסקי, קאָנסטאַנטין וואָראָנקאָוו, אַרקאַדי וואַסיליעוו און אַנדערע. די זיצונג האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון שרייבער־פאַראיין, קאָנסטאַנטין פעדין.

„נאָכן פאָרטראַג פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון ,סאָוועטיש היימלאַנד', אַרן ווערגעליס, האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע שעה. דאָס איז געווען אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם קינסטלערישן פּנים פונעם זשורנאַל, וועגן זיין אָרט אין דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועגן זיינע אויפגאַבן און פּערספּעקטיוון.

„אַלזייטיק זיינען באַטראַכט געוואָרן די ביין דערשינענע נומערן ,סאָ־וועטיש היימלאַנד'. ס'איז געווען וועגן וואָס צו שטרייטן. ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דעם, אויף וויפל די אָדער אַנדערע ווערק, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זשורנאַל, אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון דער צייט און אויף וויפל זיי זיינען מייסטעריש אין ליטעראַרישן זין. אין איין פּרט זיינען מסכים געווען אַלע רעדנער: די דערשיינונג פון זשורנאַל איז אַ העלע אַנטפּלעקונג פון דער זאָרג פון דער סאָוויעטן־מאַכט וועגן די קולטור־באַדערפענישן פון דער יידי־שער באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד.

„אַ דאַנק דער ליקווידאַציע פון פּערזאָנען־קולט פון סטאַלינען, האָבן די יידישע שרייבער ווידער באַקומען די מעגלעכקייט צו שאַפן אין דער מוטער־שפּראַך. בלויז פאַר אַנדערהאַלבן יאָר האָבן זיי אָפּגעדרוקט אין זשור־נאַל ,סאָוועטיש היימלאַנד' 278 ווערק. אין די דעבאַטן אַרום דעם פאָרטראָג זיינען אַרויסגעטראָטן 18 שרייבער. שליסנדיק די זיצונג, האָט קאָנסטאַנטין פעדין אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז אין 1963סטן יאָר וועט דער זשורנאַל ,סאָוועטיש היימלאַנד' זיך דערשלאָגן נייע שעפערישע דערפאָלגן".

אָט דער באַריכט זאָגט זייער פיל, כאָטש ער שיינט צו זאָגן אַזוי ווייניק.

עס זיינען דערשינען אַ סך ליטעראַרישע זשורנאַלן אויף יידיש אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די יאָרן פאַרן חורבן פון דער יידישער קולטור. טייל פון זיי, ווי למשל, „דער שטערן", איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַלגעמיינעם ניט־יידישן שרייבער־פאַראיין. אָבער עס האָט נאָך קיין מאָל ניט פּאַסירט, אַז די פאַרוואַלטונג פון אוקראַינישן שרייבער־פאַראיין זאָל האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג צו דיסקוטירן דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן זשורנאַל, אָפּגערעדט פון דעם, אַז עס זאָל האָבן געוועזן „וועגן וואָס צו שטרייטן". די שייכות פון דעם ניט־יידישן שרייבער־פאַראיין צום יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל איז געווען מער ווי די פון אַ דרוקער־אַרויסגעבער. ווי האָבן די רוסישע שרייבער בכלל געקאָנט דריי שעה דיסקוטירן וועגן זאַכן, געשריבענע אין יידיש — זיי האָבן דען געלייענט די ווערק אין דער שריפט? און וואָס האָט דאָ געקאָנט זיין וועגן וואָס צו שטרייטן? און ווער מיט וועמען? זאָל דאָס האָבן פאָרגעקומען נאָר צווישן די יידישע שרייבערס אויף דער זיצונג? וואָלטן זיי דאָך געקאָנט זיך אויסטענהן בעסער צווישן זיך, און מען האָט דאָך זיי באַטראַכט פאַר ניט גענוג וויכטיק צו דערמאָנען אַפילו זייערע נעמען. אַגב, וואָלטן דען די יידישע לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אין ניו־יאָרק בעסער ניט געוואָלט וויסן ווער פון די יידישע שרייבערס זיינען געווען, אַנשטאָט די רוסישע שרייבער, פון וועלכע זיי האָבן קיין מאָל ניט געהערט? ניין נעמען פון רוסישע שרייבער, און קיין איין יידישן נאָמען ניט אויסער פון רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס? פאַר וועמען איז אָט די ידיעה געשריבן געוואָרן? פאַר די יידישע לייענער פון אַמעריקע, צי כדי דאָרט צו באַווייזן די פריצים פון פאַראיין?

אומגעפער אַ וואָך שפּעטער האָט דער לאָנדאָנער „דזשויש קראָניקל" געדרוקט די זעלבע נייעס מיט אַ ביסל מער אינפאָרמאַציע, ווי למשל, אַז עס איז געווען אַ פראַגע פון פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון זשורנאַל. מען האָט גערעדט אויף דער זיצונג, אַז די נאָכפראַגע אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אויסלאַנד איז געוואַקסן, אַז אין קיעוו און אָדעס איז מען געשטאַנען אין דער ריי און צעכאַפּט די עקזעמפּלאַרן, וואָס זיינען אַהין געשיקט געוואָרן. פון דעסטוועגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו דרוקן די זעלבע צאָל עקזעמפּלאַרן, 25,000, ווינציקסטנס ביזן סוף נייעם יאָר. ווייטער זאָל ווערגעליס האָבן געזאָגט, אַז טייל זאַכן, וואָס זיינען דערשינען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זיינען אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרן, אַז זיי ווערן איבערגעזעצט אויף רוסיש. אויב זיי זיינען אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די יידישע לייענער, פאַר וואָס זאָל מען זיי ניט אַרויסגעבן אויף יידיש? אויב עליע שעכטמאַנס ראָמאַן

איז געווען אַזאַ גוטער, ווי ווערגעליס האָט געזאָגט, אַז ער ווערט אַרויס־געגעבן אויף רוסיש און אויך אויף פראַנצויזיש, פאַר וואָס זאָל ער אויך ניט אַרויסגעגעבן ווערן אויף יידיש? איז דאָס די „גדולה" וואָס „אַ דאַנק דער ליקווידאַציע פון פערזאָנען־קולט פון סטאַלינען, האָבן די יידישע שרייבער ווידער באַקומען די מעגלעכקייט צו שאַפן אין זייער מוטער־שפּראַך"? איז דאָס די מעגלעכקייט?

אין דעם „דזשויש קראָניקל"־באַריכט איז אויך געווען איבערגעגעבן, אַז מען האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו מאַכן אַן אָרט אין זשורנאַל פאַר די סאָוויעטישע יידישע שרייבער, וואָס האָבן נאָך אַלץ ניט באַוויזן זיך צו באַווייזן דאָרט מיט זייערע שאַפונגען. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די צייטשריפט זאָל אין קומענדיקן יאָר פאַרעפנטלעכן שאַפונגען פון ישראל, איבערזעצונגען פון העברעיש און אַראַביש, און ווערק פון יידישע שרייבער אין אַמעריקע. ווי אַזוי וועט דער רעדאַקטאָר ווערגעליס באַווייזן פאַר זיי אַלעמען צו געפינען אָרט אין דער זעלבער שריפט, וואָס מען זשאַלעוועט פאַר איר פּאַפּיר אַפילו ווען מען אָנערקענט די וואַקסנדיקע נאָכפראַגע אין לאַנד און אין אויסלאַנד?

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין אָט דער געשיכטע און אין די באַריכטן וועגן דעם אין דער אויסלענדישער פּרעסע, אַלץ מער קומט מען צום געדאַנק, אַז אַלץ איז צוגעשפּילט צו דעם „אייך פּרט אין וועלכן אַלע רעדנער זיינען מסכים געווען", אַז „די דערשיינונג פון זשורנאַל איז אַ העלע אַנטפּלעקונג פון דער זאָרג פון דער סאָוויעטן־מאַכט פאַר די קולטור־באַדער־פעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד". דאָס הייסט מען זאָל דאָס קענען ווייזן פאַר דער וועלט. מען האַלט דאָרט אַפּנים, אַז די וועלט לאָזט זיך לייכט נאַרן.

דער שליסל צום כאַראַקטער, און צום באַטייט פון דעם ביסל קולטור אויף יידיש אין ראַטן־פאַרבאַנד זינט האַלב 1961 דאַרף מען זוכן אין דעם ענטפער וואָס יעקאַטערינאַ פורצעוואַ, די סאָוויעטישע קולטור־מיניסטאָרין אין יענער צייט, האָט געגעבן דעם יידישן אַדוואָקאַט פון פראַנקרייך, אַנדרע בלו־מעל, אויף זיין פראַגע, צי די סאָוויעטישע רעגירונג טראַכט וועגן באַנייען די יידישע קולטור. איר ענטפער איז געווען, אַז „אויב מיר וועלן עפּעס טאָן דעריין, וועט דאָס זיין מער כדי צופרידנצושטעלן אונדזערע פריינד אין אויס־לאַנד איידער צוליב אַ באַדערפעניש דאָ". די יידישע קולטור־דערשיינונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך יענער באַגעגעניש, טראָגן טאַקע אָט דעם כאַ־

ראַקטער. מען איז אויסן צופרידנצושטעלן די פריינד אין אויסלאַנד, וואָס זאָרגן זיך אַזוי שטאַרק וועגן גורל פון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַר־באַנד. וואָס שייך דעם סאָוויעטישן יידנטום, האַלט דאָס די סאָוויעטישע מאַכט נאָך אַלץ פאַר אַן איבעריקע זאַך. דער פּרוביר־שטיין פאַרן יידישן קולטור־לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז דעריבער ניט צי עס דערשיינט נאָך אַ בוך אויף יידיש, אָדער צי „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט פאַרבעסערט, נאָר צי דאָס טראָגט אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, צי ניט. ביכער אַליין, אַ זשורנאַל אַליין, האָבן זייער באַטייט אין אויפהאַלטן צייטווייליק די האָפענונג און דעם מוט פון די, וואָס ווילן אויפהיטן די יידישע קולטור, אָבער זיי זיינען ניט קיין פונדאַמענט פאַר אַ צוקונפט. ערשט ווען עס וועט זיך באַווייזן אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט אויף יידיש, וואָס וועט אַליין אָנפירן די אייגענע קולטור־אַרבעט, וועט מען קענען ריידן וועגן אַן אויפלעבונג און אַ צוקונפט פאַר דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין זומער 1964, האָט דער ענגלישער פילאָזאָף, בערטראַנד ראַסעל, באַקומען אַ בריוו פון אַ יידן אין מאָסקווע. דער בריוו איז געווען דאַטירט, מאָסקווע, 20סטן מאַי 64, און זיך געלייענט אַזוי:

„ליבער הער ראַסעל: די יידן אין רוסלאַנד האָבן געלייענט מיט גרויס סימפּאַטיע אייערע בריוו צו נ. ס. כרושטשאָוו וועגן דער דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די פּראָצעסן, וואָס האָבן צו טאָן מיט עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז די מענטשן וואָס האָבן אייך באַוועגט דאָס צו טאָן האָבן ניט צוועקמעסיק אויסגענוצט אייער נאָמען. איך גלייב, אַז עס איז יאָ געווען אַ גרונט אין דעם אָפּשאַץ פון די דערמאָנטע פּראָצעסן. אָבער מען האָט ניט באַדאַרפט אויסנוצן אייער נאָמען אין אָט דעם פּרט.

לויט אונדזער מיינונג, איז פיל וויכטיקער אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער גאַנצער וועלט, און דירעקט פאַר די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד דעם פּראָבלעם פון דער געצוווּנגענער אַסימילאַציע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און אַ פאַקט איז דאָך, אַז כאָטש עס געפינען זיך אַרום דריי מיליאָן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן מיר ניט קיין צייטונג אין מאָסקווע, קיעוו, מינסק און אַנדערע צענטערס, ניטאָ קיין ביבליאָטעקן (יידישע), ניטאָ קיין שולן אָדער קורסן, ווו די, וואָס ווילן דאָס, זאָלן קאָנען לערנען די יידישע

שפּראַך; ניטאָ קיין קלובן, טעאַטערס אָדער אַן אַנדער פּונקט פאַר קולטורעלער אַקטיוויטעט, ניטאָ קיין עפנטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט געקאָנט באַזאָרגן ספּעציעל די יידישע באַפעלקערונג.

צו אונדזער טיפן לייד, איז עס אוממעגלעך און אַפילו זינלאָז פאַר אונדז צו ברענגען דעם פּראָבלעם פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציע.

מיר פאַרלאַנגען ניט מער ווי צו באַקומען די זעלבע רעכט וואָס די יידן אין פּוילן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן.

מיר בעטן אייך און אַנדערע איינפלוסרייכע מענטשן זיך צו ווענדן צום פּרעמיער כרושטשאָוו בעטנדיק אים צו לייזן אָט דעם פּראָבלעם. עס איז דרינגענדיק.

מיט אַכטונג —

(די אונטערשריפט האָט בערטראַנד ראַסעל ניט פאַרעפנטלעכט).

אַלע פּראָבלעמען אין שייכות מיט אונדזער בריוו, בעטן מיר אייך צו שיקן צום יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", מאָסקווע צענטער, קי־ראָוו־גאַס.

אָט דער בריוו ווערט אייך געשריבן פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן, פאַר אַ מלחמה־וועטעראַן, אַ קריג־אינוואַליד, פאָטער פון עטלעכע קינדער, טרע־גער פון עטלעכע מלחמה־מעדאַלן, מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי".

צי בערטראַנד ראַסעל האָט אָט דעם בריוו איבערגעשיקט צו כרוש־טשאָוון, אָדער זיך געווענדט צו אים אין שייכות מיט אָט דעם בריוו, איז ניט באַוווּסט. ער האָט אָבער יאָ איבערגעשיקט דעם בריוו, אויסלאָזנדיק נאַטירלעך דעם נאָמען פון אַדרעס פון בריוושרייבער, צו „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי עס איז געווען אָנגעוויזן אין בריוו. אין נומער 9, 1964 (סעפּטעמבער) פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד" איז אָפּגעדרוקט אַן ענטפער צו בערטראַנד ראַסעלן, אויך אין דער פאָרעם פון אַ בריוו פון אַרן ווערגעליס. דעם אויבנדערמאָנטן בריוו פון סאָוויעטישן ייד צו ראַסעלן האָט ווערגעליס ניט פאַרעפנטלעכט מיט אַזאַ אויסרייד: „איר בעט פאַרעפנטלעכן דעם בריוו, פאַרזיכערנדיק, אַז דאָס וועט דינען דעם שלום און דער ,אַלגעמיינער קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש צווישן פעלקער און נאַציעס'. אָבער הער ראַסעל, צי וועט דאָס פאַרעפנטלעכן אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן בריוו ניט ברענגען גראָד צו צילן, וועלכע זיינען דער היפוך דערפון וועגן וואָס איר שרייבט?"

וואָס דער לעצטער זאַץ באַדייט איז פאַר מיר ניט קלאָר. אויב דאָס איז שייך צו דער „פאַרשטענדעניש צווישן פעלקער", איז מיט וואָס וואָלט דאָס אָפּדרוקן דעם בריוו אויף יידיש פאַר יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט אַן ענטפער פון ווערגעליסן דערויף, געקאָנט שאַדן די פאַרשטענדעניש? פאַרקערט, עס וואָלט געהאָלפן קלאָר מאַכן דעם ענין: אָט איז די „אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט", און אָט איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער ענטפער. און וואָס איז דער ענטפער?

ווערגעליס ענטפער איז כמעט ווי פון דער יידענע ביי שלום עליכמס טעפּל: קודם איז עס געווען אַ געשפּאָלטנס, צווייטנס, האָט זי עס קיין מאָל ניט אַנטליען, דריטנס, האָט זי עס שוין לאַנג אָפּגעגעבן. אָבער מען דאַרף ניט לייגן די שולד אויף ווערגעליסן — ער האָט דאָ נאָר איבערגעזאָגט דעם פּזמון, וואָס מען גיט שוין לאַנג אויף אָט דער טענה וואָס דער מאָסקווער ייד האָט געשריבן צו בערטראַנד ראַסעלן. דער פּזמון גייט אומגעפער אַזוי:

יידן אַסימילירן זיך אומעטום, און קיינער חידושט זיך ניט, טאָ וואָס איז דער ווונדער, אַז זיי זיינען אַסימילירט אויך אין אין ראַטן־פאַרבאַנד? ער פרעגט ראַסעלן: „ווי קאָן מען, למשל, דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אין ענגלאַנד איז ניטאָ קיין איין יידישע שול, קיין איין צייטונג אויף יידיש, קיין איין יידיש טעאַטער; עס זיינען ניטאָ קיין עסטראַדע־אַרטיסטן, וואָס טרעטן אַרויס אויף יידיש, ניטאָ קיין ליטעראַרישער זשורנאַל, עס דערשיינען פאַקטיש ניט קיין יידישע ביכער, אָדער איבערזעצונגען פון יידיש, ניטאָ קיין קאָמפּאָזיטאָרן, קיין קינסטלער, וואָס שרייבן אויף יידישע טעמעס"?

און ווערגעליס גיט צו: „אפשר האָב איך אַ טעות, נאָר ביז איצט האָב איך ניט געהערט, אַז איר זאָלט אַרויסוויזן אַן אומרו וועגן דעם ענין. דערפאַר האָב איך געהערט, ווי אייערע לאַנדסלייט באַהויפּטן, אַז אין לאָנדאָן און אין מאַנטשעסטער זיינען די יידן, אַלס כלל, אַסימילירט, און אין ספּעציעלע יידישע אויסגאַבן איז דעריבער אין אייער לאַנד פּראָסט־פּשוט קיין נויטיקייט ניטאָ".

איז דער זעלבער פאַקט, הייסט עס, אויך מיט די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און ער פרעגט: „ווי אַזוי קאָן מען ריידן וועגן באַפרידיקן די ,קולטור־באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג' אָן אַ פאַרבינדונג מיט די רעאַלע באַדערפענישן פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג?" אָבער, תוך כדי דיבור, קומט ווערגעליס אַרויס און זאָגט, אַז „די רעאַלע באַדערפענישן פון די סאָוועטישע יידן אין יידישער קולטור ווערן יאָ באַפרידיקט". ער שאָקלט זיך אָפּ פון „קולטור־אויטאָנאָמיע", און פאַררופט זיך אויף לעבינען, וואָס האָט דאָס

געפּסלט, אָבער עס זיינען פאַראַן יידישע ביכער אין די אַלגעמיינע ביבליאָטעקן, אין אַ יעדן קלוב קאָנען איינגעאָרדנט ווערן יידישע קאָנצערטן... און „וואָס שייך ליטעראַרישער טעטיקייט אויף יידיש, וואָלט איך אייך געבעטן אָנרופן נאָך איינס אַזאַ לאַנד, ווו ליטעראַטן, וואָס שרייבן אויף יידיש, זאָלן פאַרמאָגן אַזעלכע באַדינגונגען פאַר פּרוכטבאַרער שעפערישער אַרבעט, ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו די טיראַזשן פון יידישע ביכער און פעריאָדישע אויסגאַבן דערגרייכן ביז 30,000 עקזעמפּליאַרן, ווו די ביכער פון יידישע אויטאָרן ווערן סיסטעמאַטיש איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן...״ במילא, איז די גאַנצע זאַך „טענדענציעזע פּראָפּאַגאַנדע״ פון קאַלטן קריג.

און ווי איז די זאַך אין דער אמתן? עס איז דאָ אַ קאַלטער קריג, און עס איז דאָ אַ פּראָבלעם מיט דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך האַלט, און איך האָב דאָס פיל מאָל געזאָגט און געשריבן עפנטלעך, אַז מען דאַרף די צוויי ניט אויסמישן. די יידישע טענה, די יידישע קריוודע, דאַרף ניט אויסגענוצט ווערן ווי אַ געצייג אין קאַלטן קריג. עס איז אָבער אויך ניט ווייניקער שלעכט ווען מען וויל מיטן קאַלטן קריג פאַרדעקן די יידישע טענה און באַהאַלטן די יידישע קריוודע. און דאָס וויל טאָן אַרן ווערגעליס.

ער פאַרגלייכט די יידישע אַסימילאַציע אין ענגלאַנד מיט דער אַסימילאַציע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. איז קודם, האָבן מער יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך ווי עס איז אין גאַנצן פאַראַן יידן אין ענגלאַנד. צווייטנס, לעבט זיך דאָך דער ענגלישער ייד אויס יידיש קולטורעל אויף ענגליש (און טיילווייז אין יידיש און העברעיש). די יידן אין ענגלאַנד האָבן יידישע שולן אויף ענגליש, ווו אַ קינד קאָן זיך דערווערבן אַ פולשטענדיקע יידישע בילדונג. יידן האָבן ענגלישע לעקציעס אויף יידישע טעמעס, זיי האָבן אַ גרויסן ענגלישן וואָכנבלאַט, וואָס גיט זיי אַן איבערבליק איבער דער גאַנצער יידישער וועלט — די ענגלישע יידן ווייסן דאָך אַפילו מער וועגן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד ווי די סאָוויעטישע יידן אַפילו, און זיי האָבן יידישע זשורנאַלן פון יידישער פאָרשונג. אָט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, פאַר וועלכער ווערגעליס האָט אַזוי מורא, איז דאָך אין דער אמתן אַ ווירקלעכקייט אין ענגלאַנד, נאָר אויף ענגליש.

לאָמיר זען אַ סאָוויעטישן יידן, וואָס וויל, אַז זיין קינד זאָל וויסן עפּעס וועגן דער יידישער געשיכטע, וועגן דער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור, וועגן יידישע ישובים איבער דער וועלט אַ מאָל און היינט, וועגן מדינת ישראל, זאָל וויסן כאָטש אַ צורת אלף, אַ יידיש וואָרט — ווו און ווי אַזוי קאָן

ער דאָס באַוויזן? זאָל זײַן פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט, זאָל זײַן מיט סאָציאַליסטישן אינהאַלט, אָבער נאַציאָנאַל! אין ראַטן־פאַרבאַנד איז עס דאָך אָדער אויף יידיש אָדער לחלוטין ניט. און אויף יידיש איז עס נישטאָ.

און וואָס איז דער אָנשטעל פון „די טיראַזשן פון יידישע ביכער און פעריאָדישע אויסגאַבן דערגרייכן 30,000 עקזעמפּלאַרן"? ווען ווערגעליס שרײַבט דאָס פּריוואַט צו בערטראַנד ראַסעל וואָלט דאָס נאָך געקאָנט האָבן אַ זין, וואָרעם וואָס ווייס ראַסעל וועגן די זאַכן? אָבער די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין ראַטן־פאַרבאַנד ווי אין אויסלאַנד, ווייסן דאָך, אַז דאָס איז „קוילעט מיר מיינע גענדז" — וויפל יידישע ביכער זײַנען דאָס דערשינען אין 1964, אין 1963, אין 1962? קיין איין און איינציקס ניט! און וויפל יידישע ביכער זײַנען דאָס דערשינען זינט דער סטאַליניסטער חרם אויף יידיש איז אַראָפּ? — עס איז דאָך שוין באַלד ניין יאָר נאָכן 20סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס — אַזש פינף ביכער, און קיין איינס פון זיי ניט פון אַ לעבעדיקן יידישן שרײַבער! און די „פעריאָדישע אויסגאַבן"? דער איין און איינציקער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס איז קוים אויסגעוויינט געוואָרן, און דאַרף לאַנג און שווער קעמפן אַריבערצוגייק פון אַ פערטליאַר־שריפט צו אַ חודש־שריפט, וואָס זי וועט האָפענטלעך באַלד ווערן, ניט געקוקט דערויף וואָס זי פאַרמאָגט אַ טיראַזש פון 30,000!

וואָס־וואָס, מיטן טיראַזש פון די 30,000 מעג זיך ווערגעליס באמת איבערנעמען. קיין יידישע צײַטשריפט פון אַט דעם הויכן ליטעראַרישן קאַליבער האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ גרויסן טיראַזש, און היינט איז אַט דער ציפער פיל גרעסער ווי דער טיראַזש פון אַלע יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן צוזאַמען. אָבער אַט דאָס באַרעכטיקט ערשט דעם בריוו פון דעם מאָסקווער ייד צו בערטראַנד ראַסעל. אויב אַזאַ זשורנאַל ווי „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָן האָבן אַזאַ גרויסן טיראַזש, ווי איז ניטאָ נאָך עטלעכע מאָל אַזוי פיל לייענער פאַר אַ וואָכנבלאַט פון אַלגעמיינעם אינטערעס און פאַר אַ צײַטונג? פאַראַן געבוג צײַטונגען אויף מינדערהייט־שפּראַכן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פאַרמאָגן ווינציקער ווי 30 טויזנט טיראַזש. וויפל מער האָט די דײַטשע צײַטונג, וואָס איז יאָ אויפגעלעבט געוואָרן נאָך דער דעסטאַליניזאַציע? פאַר וואָס איז דער גאַנצער „כל חמתו" פון סאָוויעטישער „אַסימילאַציע" אויסגעגאָסן נאָר אויף דער יידישער צײַטונג?

און דאָס גלײַכן בנוגע יידישע ביכער. אויב יידישע ביכער זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַ טיראַזש פון 30,000, ווײַבאַלד עס זײַנען דאָ אַזוי פיל

לייענער פאַרן יידישן בוך, פאַר וואָס זשע דרוקט מען ניט קיין יידישע ביכער? איך האָב געזען סאָוויעטישע ביכער אין אַנדערע לשונות מיט אַ טיראַזש קיין דריטל ניט פון אַט דער צאָל. ווערט, בכן, דער לייענער פון יידישן בוך ניט דיסקרימינירט? ווערט ער ניט געצוווּנגען צו לייענען אפילו דאָס יידישע בוך אין רוסישער איבערזעצונג? איז דאָס ניט געצוווּנגענע אַסימילאַציע? שוין אַ פּאָר יאָר ווי מען האַלט אין איין צוזאָגן אַז אָט־אָט וועלן אָנהייבן דערשיינען יידישע ביכער. פאַר וואָס אַזאַ שווער האָבן? און די ביכער, וואָס ווערן דערמאָנט, אַז זיי ווערן צוגעגרייט, זיינען ווידער פון זעלבן כאַראַקטער ווי „סאָוועטיש היימלאַנד" — זאַמלונגען פון שרייבערישע זאַכן. פאַר וואָס ניט אַן אמתער אָפענער יידישער פאַרלאַג, וואָס זאָל אַרויסגעבן יידישע ביכער, ווי עס איז געווען אַ מאָל פאַר דער סטאַלינישער קאַטאַסטראָפע, און ווי עס עקזיסטירט היינט אין פוילן? און פאַר וואָס זאָל טאַקע ניט זיין אַ קלאַס צו לערנען יידיש — איך רייד שוין ניט וועגן יידישע שולן — אָט ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר די דייטשע קינדער. וואָס ווילן לערנען דעם אייגענעם לשון, גייענדיק אין דער רוסישער שול? אדרבה, זאָל מען עפענען אפילו אַ קלאַס אין יידיש פאַר דערוואַקסענע און זען, צי עס וועלן זיין בעלנים פאַר דעם?

איך ווייס ניט צי עס איז יושרדיק צו פאָדערן פון אַרן ווערגעליס ער זאָל פירן אַ קאַמף פאַר דער יידישער קולטור קעגן דער אַסימילאַציע־פּאָליטיק פון דער מלוכה. עס איז גרינג צו שיקן יענעם אין פייער. און עס איז גאָר ניט אויסגעשלאָסן, אַז ווען מען וועט שוין מעגן, וועט ווערגעליס אַרויסקומען און פאַרלאַנגען כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס די יידישע מאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרלאַנגען. אָבער ער האָט יאָ באַדאַרפט קאָנען זאָגן זיינע באַלעבאָטים, אַז מיט אַזעלכע תירוצים ווי ער גיט בערטראַנד ראַסעלן וועט מען קיינעם ניט באַפרידיקן אין אויסלאַנד, ווי דאָס קאָן ניט לייזן דעם יידישן פּראָבלעם אינעווייניק אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר דוכט, אַז דער ליבעראַליזם אין ראַטן־פאַרבאַנד איז שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז צווישן זיך, אין דער שטיל, קאָן מען שוין יאָ זאָגן דעם אמת.

דעם 29טן אָקטאָבער 1964 האָט בערטראַנד ראַסעל געשיקט אַ בריוו צו אַרן ווערגעליס מיט אַן ענטפער אויף דעם, וואָס ווערגעליס האָט געשריבן וועגן זיין פריערדיקן בריוו צו אים אין „סאָוועטיש היימלאַנד". און אַזוי ווי מען קאָן דערוואַרטן, אַז אויך אָט דעם בריוו וועט ווערגעליס ניט אָפּדרוקן, ווערט ער דאָ איבערגעדרוקט אין גאַנצן.

„געשעצטער הער,

„אַ דאַנק פאַר אייער ענטפער אויף מיין בריוו פון 22סטן יולי 1964. איך זע, אַז אַט דער ענטפער איז געדרוקט אין נומער אָקטאָבער 1964 פון אייער צייטשריפט ,סאָוועטיש היימלאַנד'. איר האָט ניט פאַרעפנטלעכט מיין אייגענעם בריוו, און אויך ניט די קאָפּיע פון בריוו פון אַ סאָוויעטישן יידן צו מיר, וואָס איך האָב אייך איבערגעשיקט. אין יענעם בריוו האָט דער סאָוויעטישער ייד זיך באַקלאָגט, אַז די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען אויסגעזעצט צו געצוווּנגענער אַסימילאַציע, און ער בעט ,ניט מער' ווי די רעכט, וואָס יידן געניסן אין פוילן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע. דער תירוץ, וואָס איר גיט פאַרן ניט דרוקן דאָס, איז וואָס יענער בריוו איז געשריבן ,אומפאַראַנטוואָרטלעך' און ,אַנאָנים'.

„דער בריוו איז ניט געווען אַנאָנים. דער באַשלוס אויסצולאָזן דעם נאָמען פון בריוו־שרייבער איז געווען מיין אייגענער, און איך האָב דאָס געטאָן צוליב סיבות, וואָס איר פאַרשטייט זיי זייער גוט. איך וואָלט געווען צופרידן איבערצולאָזן די פראַגע פון ,אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט' פאַר די לייענער צו באַשטימען; און איך וואָלט געהאַט מער אמונה אין דעם ווערט פון אייער ענטפער, ווען איר וואָלט געהאַט אָפּגעדרוקט מיין בריוו. ניט נאָר האָט איר ניט פאַרעפנטלעכט יענעם בריוו, נאָר איר האָט פאַלש איבערגעגעבן זיין אינהאַלט. דער שרייבער (פון בריוו) האָט ניט אָנערקענט, ווי איר ווייזט אָן, דעם ,טענדענציעזן כאַראַקטער' פון דעם ,טומל אויפגעהויבן אין מערב' אַרום די סאָוויעטישע עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. ער האָט אויסגע־דריקט די מיינונג, אַז דאָס עפנטלעכע רעאַגירן אויפן ,פּראָבלעם פון געצוווּנ־גענער אַסימילאַציע' פון די סאָוועטישע יידן איז פיל וויכטיקער. אין גרויסן סך־הכל איז ער, אָן ספק, גערעכט, הגם דאָס שיסן ספעקולאַנטן און דאָס אויסטיילן די יידישע באַשולדיקטע ווערט מיט רעכט פאַראַכט פון דער אויפגעקלערטער מיינונג.

„דאָס גלייכן איז אייער ענטפער אָן געוויסן, ווען ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט ווי ,קאַלטער קריג־שטעלונג' די אויסדריקן פון זאָרג פאַר די סאָוויעטישע יידן, וואָס עקזיסטירט צווישן די פּראָגרעסיווע, פּראָ־סאָוויעטישע און אויך קאָמוניסטישע קרייזן פון מערב; און ווען ער (דער ענטפער) מאַכט די לעכערלעכע באַשולדיקונג, אַז דער מאָטיוו (פון די פּראָטעסטן) איז אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ,ראַסיסטישער אַנטיסעמיטישער אַרגיע, וואָס

בושעוועט אין טייל לענדער אויף יענער זייט וואַסער׳. עס קאָן דאָך ניט זיין אַז איר זאָלט ניט וויסן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון איטאַליע, פראַנקרייך, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, סקאַנדינאַוויע, אויסטראַליע און אַנדערשוווּ האָבן עפנטלעך קריטיקירט די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, דעם דיסקרימינירן קעגן דער יידישער רעליגיע און די צעשטערונג פון דער יידישער קולטור. איר פאַרפירט גראָב אייערע לייענער ווען איר דערשטיקט אָט דעם וויכטיקן פאַקט און רייסט אַרונטער די ערלעכע קריטיק פון דער אומגלייכהייט לגבי די סאָוויעטישע יידן.

„אייערע לייענער קאָנען געוויס אַליין אורטיילן וועגן דער אויפריכ־טיקייט פון אייער דערקלערונג, אַז עס איז אַ ,וואָרשיינלעכער, נאַטירלעכער פאַקט, אַז די סאָוויעטישע יידן היינט האָבן ווייניקער בענקשאַפט פאַר יידישער קולטור ווי אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן׳, און אַז מען ׳קאָן ניט קינסטלעך, אָן אַ וועלכן עס איז גרונט, אויסברייטערן דעם פאַרנעם פון דער קולטור־אַרבעט אויף יידיש׳. זיי וועלן זיין, בין איך זיכער, אַזוי דערשטוינט ווי איך, פונעם פאַקט, וואָס איר האָט אויסגעלאָזט צו דערמאָנען, אַז אין דער צייט פון פערזאָנען־קולט פון סטאַלין איז יידישע קולטור מיט אירע פירנדיקע פאַרשטייער אומגעבראַכט געוואָרן, און אַז די פאַרגיטיקונג זינט דעמאָלט איז געווען דורכויס אַ ניט גענוגנדיקע. דאָס זעט אויס פאַר אַ סך פון אונדז ווי אַ ניט־אָננעמלעכער אופן צו מינימיזירן די בענקשאַפט נאָך דער יידישער קולטור.

„עס קאָן אויך ניט מאַכן קיין איינדרוק אויף וועמען עס איז, וואָס ווייסט עפּעס וועגן דער אמתער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן, דאָס וואָס איר שרייבט וועגן די ,פּרוכטבאַרע׳ באַדינגונגען פאַר די יידישע שרייבער. בלויז פינף אָדער זעקס ביכער אויף יידיש זיינען דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד זינט 1948, און קיין איינער פון זיי — פון אַ לעבעדיקן שרייבער. איך בין גוט אינפאָרמירט וועגן די קולטור־מעגלעכקייטן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די סאָוויעטישע יידן זינט 1956. איך באַגריס דאָס ווי אַ מין פאַרלייכטערונג פון די פאַרברעכענס וואָס סטאַלין איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק, אָבער זיי זיינען מאָגער, ניט־פאַרגינעריש, און ניט גענוג פאַר די באַדערפענישן פון אַ קרעפטיקער אינטעלעקטועלער געמיינדע פון וואַסערע דריי מיליאָן יידן, וואָס אַ האַלבער מיליאָן פון זיי רעדט יידיש ווי זייער מוטערשפּראַך. די אַנזעעוודיקע קולטור־מעגלעכקייטן, וואָס ווערן געגעבן אפילו די קלענסטע סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע און שפּראַכלעכע מינאָריטעטן,

באַווייזן ערשט די אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט אַצינד אַרויפגעצוווּנגען אויף די סאָוויעטישע יידן.

„איר פרעגט פאַר וואָס איך דריק ניט אויס קיין זאָרג וועגן דעם, וואָס עס זיינען ניטאָ קיין יידישע און אויף יידיש קולטור־אינסטיטוציעס אין בריטאַניע. דאָס יידישע יאָרבוך פאַר 1964, אַרויסגעגעבן פון לאָנדאָנער „דזשויש קראָניקל", גיט אַ ליסטע פון הונדערטער יידישע אָרגאַניזאַציעס פון יעדן סאָרט, פיל צענדליקער ביבליאָטעקן, מוזייען, צייטונגען און שולן, פאַרשידנאַרטיקע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אַ היפשער אויסוואַל פון ביכער איבער די אַספּעקטן פון יידישע געשיכטע, רעליגיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטיק און פילאָזאָפיע. אַ צאָל פון די אינסטיטוציעס אויף דער ליסטע באַזיצן קולטור־מיטלען איןביידע, העברעיִשע און יידישע, שפּראַכן. און אַט דאָס אַלץ עקזיסטירט פאַר אַ יידישער באַפעלקערונג אין בריטאַניע פון 450,000, וואָס איז ווינציקער ווי די צאָל סאָוויעטישע יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן זייער מוטער־שפּראַך פאַר יידיש, און אַרום אַ זעקסטל פון דער גאַנצער סאָוויעטישער יידישער געמיינדע.

„די יידן אין בריטאַניע, איז קלאָר, זיינען פריי אַליין צו באַשטימען פאַר זיך צי זיי ווילן זיך אַסימילירן, וואָסער פאָרעם די אַסימילאַציע זאָל אָננעמען, און אויף וועלכן אופן זיי זאָלן אויסדריקן זייערע אינטערעסן אַלס יידן. אויב די יידן אין אייער לאַנד וואָלטן געהאַט אַן ענלעכן אויסוואַל אין די ראַמען פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, אָדער ווען זיי וואָלטן געהאַט גלייכגעהייטן צוגלייך מיט די אַנדערע סאָוויעטישע נאַציאָנאַליטעטן, וואָלט דאָס אַריינמישן זיך פון דרויסן געווען ווי אַ העזה. צום אומגליק, האָבן זיי דאָס ניט. די מאַכט צווינגט אויף זיי אַרויף באַדינגונגען פון אַסימילאַציע, און זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי זיך אונטערצוגעבן.

„ווי דער אָנגעשטעלטער רעדאַקטאָר פון דעם איינציקן יידישן זשורנאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד, זייט איר ניט דער איניציאַטאָר פון דער פּאָליטיק וועגן יידישע ענינים, נאָר אַן אויטאָריזירטער פירשפּרעכער. דער איצטיקער מאָמענט פאָדערט אָבער פון אונדז אַלעמען אויפצוקלערן דער סאָוויעטישער רעגירונג וועגן דער נויטיקייט פון אַ ראַציאָנעלער יידישער פּאָליטיק. מיט העכער צוויי יאָר צוריק, האָב איך, ווי אַן אויפריכטיקער פריינד פון אייער לאַנד און איר פּאָליטיק פון קאָעקזיסטענץ, געזאָגט, אַז אַט די לאַגע וועט ברענגען אַ סך שאָדן דער רעפּוטאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. עס וועט זיין אַן אומגליק פאַר יידן, דעם ראַטן־

פאַרבאַנד און דעם יידישן פאָלק, אויב עס וועט ניט עפּעס געטאָן ווערן גאַנץ שנעל אויף צו געבן ווערדע און גערעכטיקייט די סאָוויעטישע יידן. דער דאָזיקער בריוו קאָן זיך אויך ניט ענדיקן אָן אַן אויסדרוק פון זאָרג איבער דעם, וואָס עס איז ווייניק געטאָן געוואָרן אויף צו פאַראייניקן די לעבן־פאַרבליבענע פון יידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען צעריסן געוואָרן דורך דער מלחמה, און דורך דעם זאָל מען מאַכן אַ סוף צו זייערע פאַרלענגערטע ליידן.

„געטריי אייער, בערטראַנד ראַסעל".

בערטראַנד ראַסעלס בריוו באַשטעטיקט וואָס איך האָב אויבן געשריבן. מיט אַזעלכע ענטפערס, ווי אַרן ווערגעליס גיט, טוט ער די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד אַ בערישע טובה. אַזעלכע רייד ווי זיינע פאַרגרעסערן דעם אומצוטרוי און פאַרמינערן דעם רעספּעקט צו די הערשנדיקע קרייזן אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס איז צייט ווערגעליס זאָל איינזען, אַז געטריישאַפט צו דער סאָוויעטישער מאַכט פאָדערט אויפצוקלערן איר די פעלערן וואָס זי באַגייט, ניט איינצוגראָבן זי טיפער אין די פעלערן. פאַראַן דאָך אַ טענדענץ צו סאָציאַלן רעאַליזם אין דער סאָוויעטישער מלוכה, טאָ ווען וועט שוין קומען דער רעאַליזם בנוגע דעם סאָוויעטישן יידנטום?

און אויסער דער יידישער ליטעראַטור — וואָס נאָך איז היינט פאַראַן פון יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד?

עס איז דאָך געווען אַ צייט ווען כמעט 144 טויזנט יידישע קינדער אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געלערנט אין יידישע שולן; עס זיינען אַ מאָל געווען 16 יידישע טעאַטערס מיט אייגענע געביידעס און אפילו אַ טעאַטער־שול פאַר נייע שוישפּילער, חוץ אַ ספּעציעלן קינדער־טעאַטער; געווען פיר גרויסע טעגלעכע יידישע צייטונגען אויסער עטלעכע צענדליק פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן; עס האָבן עקזיסטירט יידישע מוזיק־שולן, יידישע קולטור־קלובן, יידישע פאַרווילצענטערס — און דאָס אַלץ שוין ביי דער סאָוויעטישער מאַכט מיט סטאַלינען בראש! אמת, אַ סך פון דעם האָט געהאַט אַ מאָגערן יידישן אינהאַלט; מען איז געגאַנגען ווי אויף אַ שטריק, אָבער די שטריק איז געווען, און מען איז אויף איר געגאַנגען!

און דער עיקר — עס האָט עקזיסטירט אַ יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, יידישע אָרגאַניזאַציעס, קערפּערשאַפטן, אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך מיט דעם

אָפּגעגעבן. עס האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער זעלבּ־שטענדיקייט. דאָס יידישע פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אויף אַן אייגענעם אופן און מיט אייגענע כוחות זיך באַמיט אויסצולעבן זיך יידיש־קולטורעל אין די ראַמען פון די סאָוויעטישע באַדינגונגען.

פון אָט די זאַכן איז בעת אָט די שורות ווערן געשריבן, סוף 1964, ניטאָ גאָרניט אויסער דריי ברעקלעך פון סאָוויעטישן קולטור־טיש, דריי קאַטעגאָ־ריעס פאַרווײַלונג פון לײַכטן סאָרט, צופעליקע, אָן אַ באַזע, אָן אַ צוקונפט, אָן אַ שייכות מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט — די פיקציע איז, אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. עס איז ניטאָ קיין יידישער עולם, הייסט עס. עס איז נאָר דאָ אַן עולם, וואָס האָט אַ ספּעציעלע שוואַכקייט צו יידישע פאַרווײַלונג־נומערן, גיט מען דאָס פאַר אַלעמען, הייסט עס, און די, וואָס האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר דעם, וועלן דערפון קענען מער געניסן.

איין קאַטעגאָריע איז די „עסטראַדע״ — אַ מין בינע פאַר אַ גרויסן עולם אין דרויסן, ווי אין אַ פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו. דאָס איז אַ פאַר־ווײַלונג מיט אַ כאַראַקטער פון קליין־קונסט אָדער וואָדעוויל. די פאַרווײַלונג צייכנט זיך אויס מיט פאַרשידנאַרטיקייט, מיט קאָסמאָפּאָליטיזם — ווען מען וואָלט היינט געמעגט באַנוצן אָט דאָס וואָרט. דאָרט טרעטן אַרויס אונטער־האַלטער, זינגער, טענצער, פאַרלייענער, שוישפּילער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אויך פון אויסלאַנד, אין פּראָגראַמען פון פאַרשידענע זשאַנערס און קולטורן, אויך פון אויסלאַנד. אויף די דאָזיקע עסטראַדע־קאָנצערטן טרעטן אויך אַרויס יידישע קינסטלער מיט יידישע פּראָגראַמען, על פּי רוב מיט יידישע פאָלקס־לידער, אָפּט מאָל אויך מיט אַ יידישן אינסצעניזירונג, און אַ מאָל אויך מיט אַ דעקלאַמאַציע אויף יידיש, בעיקר פון שלום עליכם. קיין סך אַזעלכע יידישע עסטראַדע־קינסטלער זיינען ניטאָ, אָבער דער מין איז פאַראַן.

עס איז אויך פאַראַן דער מין יידישער קאָנצערט, וואָס געפינט זיך אין דער קאָנצערטן־קאַטעגאָריע פון איינצלנע אָדער עטלעכע אַרטיסטן, ספּע־ציאַליזירטע אין פאָלקס־לידער־געזאַנג. זייער רעפּערטואַר באַשטייט פון לידער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. אָבער טייל פון זיי גיבן זיך אָפּ מײנסטנס מיט געזאַנג פון איין באַשטימט פאָלק. זיי ווערן צעשיקט איבערן לאַנד פון אַ צענטראַלן קאָנצערט־ביוראָ. צווישן אָט די אַרטיסטן געפינען זיך אַזעלכע, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין יידישן ליד, זיי הייבן אָן מיט אַ פאַרשידנאַציאָנאַלן

פּראָגראַם, אָבער די מייסטע צייט פון קאָנצערט גיבן זיי אָפּ דעם יידישן ליד. כדי צו מאַכן פאַרשידנאַרטיק דאָס פּראָגראַם ווערט אַזאַ קאָנצערט קאָמבינירט מיט רעציטאַציעס פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָס רוב אויף רוסיש, אָבער אָפט מאָל אויך אויף יידיש, אָפּהענגיק פון פּובליקום, און ווידער — בעיקר מיט שאַפונגען פון שלום עליכם.

די דריטע קאַטעגאָריע פאַרווייליונג באַשטייט ניט פון פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, נאָר פון אַמאַטאָרן; מענטשן, וואָס זיינען בייטאָג באַשעפטיקט ביי אַ באַשטימטע פּראָפעסיע, און אין זייער פרייער צייט באַטייליקן זיי זיך אין אַן אַנסאַמבל, ווי למשל אין אַ כאָר, אַ טאַנץ־גרופּע אָדער אַ דראַמאַטישער קרייז. פון צייט צו צייט גיבן זיי אַן עפנטלעכע פאָרשטעלונגען. אַזעלכע אַמאַ־טאָרן־גרופּעס ווערן אָרגאַניזירט פון דער קולטור־צענטראַלע פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען צווישן די אַרבעטער פון אַ פאַבריק. לעצטנס האָבן זיך גענומען שאַפן אַזעלכע גרופּעס אויך צווישן די „פּענסיאָנערן״, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון אַ פּרנסה־באַשעפטיקונג און זיי לעבן אויפן אויסהאַלט פון דער מלוכה. צווישן אָט די פילצאָליקע אַמאַ־טאָרן־גרופּעס געפינען זיך אויך עטלעכע יידישע, דאָס הייסט — זיי פירן זייער טעטיקייט אויף יידיש, זייער גענויע צאָל איז ניט באַקאַנט. מען ווייסט וועגן פינף אַזעלכע: אין לענינגראַד, טשערנאָוויץ, ריגע, קאָוונע און ווילנע. מיטן אויסנאַם פון לענינגראַד, געפינען זיך אָט די אַמאַטאָרן־גרופּעס אין די גרויסע יידישע צענטערס פון די נייע סאָוויעטישע געגנטן, וואָס זיינען צוגע־קומען דעם ראַטן־פאַרבאַנד ערשט בעתן צווייטן וועלט־קריג.

די ווילנער אַמאַטאָרן־גרופּע וויזט אויס צו זיין די וויכטיקסטע צווישן די יידישע און וועגן איר האָבן מיר מער ידיעות מיט פּרטים, אין איין צייט זיינען געווען אָנגעגעבן פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער צאָל באַטייליקטע אין דער ווילנער אַקטיאָרן־גרופּע: 40 פּערזאָן — אין דראַמאַטישן טייל; 25 — אין טאַנץ־טייל; אין כאָר און אָרקעסטער — 20 פּערזאָן, בסך הכל אַ 100 מענטשן. לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ איך דער „מאָרגן־פרייהייט״ פון 25סטן מאַי 1964, באַטרעפן די מיטגלידער פון אַלע טיילן פון אַמאַטאָרן־קאָלעקטיוו קרוב צו 200 פּערזאָן. „דאָס זיינען דער עיקר יוגנטלעכע אין עלטער פון 16 ביז 30 יאָר, אָבער פאַראַן צווישן זיי אויך עלטערע מענטשן... אין אונדזערע קאָלעק־טיוון געפינען זיך מענטשן פון פאַרשידענע פאַכן, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, אינזשינירן, שטוב־באַלעבאָסטעס, שילער...״ דעם 21סטן יוני 1964 האָט די „מאָרגן־פרייהייט״ געבראַכט די ידיעה, אַז „די יידישע אַמאַטאָרן־גרופּע אין

ווילנע, וואָס באַשטייט פון 50 מענטשן, האָט געקראָגן פון דער סאָוויעטישער ליטווישער רעגירונג דעם סטאַטוס פון אַ יידישן פאָלקס־טעאַטער״ צי דאָס איז בלויז אַן ערן־באַצייכענונג, אָדער די אַמאַטאָרן ווערן פּראָפעסיאָנאַלן — איז ניט באַוווּסט.

אין דעצעמבער 1962 האָט אין מאָסקווע זיך אָרגאַניזירט — וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן די ערשטע און ביז היינט די איינציקע — פּראָפע־סיאָנעלע יידישע טעאַטער־טרופּע, זינט דער ליקווידאַציע פון יידישן טעאַטער אין יאָר 1949. די מאָסקווער יידישע טעאַטער־גרופּע אָריענטירט זיך ניט אויף איין טעאַטער, אָדער אויף איין שטאָט, נאָר אויף גאַסטראָלן אין פאַרשידענע שטעט. פּאַקטיש באַשטייט זי פון אַ צאָל קאָנצערטיסטן און שוישפּילער, וואָס פלעגן ביז איצט אויפטרעטן אויף דער עסטראַדע. איצט זיינען זיי אַ וואַנ־דערדיקע טרופּע, וואָס גיט אַן ענלעכן עסטראַדע־פּראָגראַם, אָבער זי פירט אויך אויף גאַנצע פּיעסן. די טרופּע ווערט אָנגעפירט פון בנימין שוואַרצער, אַן אַלטער יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע נאָך אין אַמאָליקן פּרץ־הירשביין־טעאַטער, און יאָרן לאַנג געשפּילט אין מיכאָעלס מאָסקווער יידישן טעאַטער.

און דאָס איז גאָר! דאָס איז די גאַנצע „זאָרג פון דער ראַטן־מאַכט פאַר די קולטור־באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד״. איז דאָס טאַקע די גאַנצע קולטור־באַדערפעניש פון דער סאָוויעטישער יידי־שער באַפעלקערונג? עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר די סאָוויעטישע יידן צו שטעלן ערנסט אָט די פראַגע.

דער אָפיציעלער ציפער פאַרן באַזוך אויף די ספּעציפישע יידישע קאָנצערטן פאַרן יאָר 1963 איז אַזוי גרויס ווי 300,000. פון וואָסערן כאַראַקטער איז דער אינהאַלט פון די קאָנצערטן? איך וועל אָנרופן דעם נאָמען פון אַ פּאָפּולערער קאָנצערטיסטין, וואָס האָט אָנגעהויבן איר אַרטיסטישע קאַריערע שוין נאָכן צווייטן וועלטקריג, נחמה ליפשיץ. לויט די באַריכטן פון אירע קאָנצערטן, איז איר רעפּערטואַר באַשטאַנען פון אַזעלכע לידער ווי „דער רבי אלימלך״, „מיעסטעטשקאָ לאַדינו״, „אלי, אלי״, ביאַליקס „מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם״, פּרצס „רעגנדל״, לייוויקס „לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני״, דערצו לידער פון „שולמית״, פון וואַרשאַווסקי, פון געבירטיק, און אפילו „ביי מיר ביסטו שיין״. נחמה ליפשיץ האָט אויך אינסצענירט פראַגמענטן פון שלום עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן״. נאָך אַ פּאָפּולערער זינגער, וואָס פאָרט אַרום מיט קאָנצערטן, אַ מיטגליד פון ווילנער כאָר, ב. כאַיעטאַווסקי, האָט אין

זיין רעפּערטואַר אַזעלכע לידער ווי „איך וויל ניט גיין אין חדר“, „רייזעלע“, „דאָס מיידל פֿון אָדעס“, „על חטא“. דער מאַטאַ, מיט וועלכן ער קומט אַרויס פֿאַרן עולם, איז אַ לידל מיט אָט די ווערטער: „דאָס וואָס אַ מאָל פֿלעגט מיין מאַמע זינגען, וואַרעמט אויך היינט מיין געמיט; פֿון ווייט, ערגעץ ווייט, דוכט זיך הער איך קלינגען, איר האַרציקע יידישע ליד“. אַזעלכע נומערן זיינען כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר די פּראָגראַמען פֿון אַנדערע יידישע קינסטלער. מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז די פּראָגראַמען, וואָס די 300 טויזנט סאָוויעטישע מענטשן האָבן געהערט אין יאָר 1963, זיינען געווען אַזוי טראַדיציאָנעל און פֿאָלקסטימלעך יידיש, ווי די, וואָס מען הערט אויף יידישע קאָנצערטן אין דער מערב־וועלט — אויב ניט נאָך מער.

און ווער זיינען געווען די גרויסע פּובליקומס, וואָס האָבן אָנגעפֿילט די זאַלן אויף די יידישע קאָנצערטן? די סאָוויעטישע באַריכט־געבער זאָגן „יידן און ניט־יידן“. האָבן טאַקע געקאָנט זיין אַ צאָל ניט־יידן אויך אויף אָט די קאָנצערטן, פּונקט ווי זיי באַזוכן אַנדערע קאָנצערטן פֿון ניט־רוסישער מוזיק. אָבער זייער צאָל איז, נאַטירלעך, געווען גאַנץ קליין. כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן עולם אויף די יידישע קאָנצערטן זיינען געוויסע פּרטים אין די באַריכטן, וואָס די באַריכט־אָפּגעבער האָבן דאָס אפֿשר גאָר ניט געהאַט אין זינען. למשל, אין אַ באַריכט וועגן אַ יידישן קאָנצערט אין קאַזאַן פֿון פֿאָלקסזינגער עמיל האָראָוויץ מיט אַן אַנסאַמבל פֿון זיבן קינסטלער, ווערט געזאָגט, אַז „די ידיעה וועגן זייער קומען האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, און אַלע בילעטן אויף דעם קאָנצערט אין דעם גרויסן זאַל פֿון הויז פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי (800 פּלעצער!) זיינען תיכף אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן... ביי די ערשטע ווערטער פֿון קינסטלער: ‚נאָכן דורכלעבן די מלחמה — אַבי מען זעט זיך‘, ברעכט אויס אין זאַל אַ גוואַלדיקע אָוואַציע“. דאָס איז געווען 16 יאָר נאָך דער מלחמה! האָט דער עולם מיטן קינסטלער ווי זיך צונויפֿגע־רעדט וועגן אַן אַנדער „מלחמה“ און אַן אַנדער „אַבי מען זעט זיך“ — די מלחמה אויף יידן נאָך דער מלחמה, און די מלחמה קעגן יידישן וואָרט. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט מיט אָט די שורות אין זעלבן באַריכט, אַז „די האַרציקע יידישע ניגונים ווערן נאָכאַנאַנד באַגלייט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן“; אַ באַריכט פֿון אַ קאָנצערט אין ווילנע פֿון מאַי 1964 באַמערקט, אַז „די ווענט פֿון צושויער־זאַל האָבן ממש זיך געטרייסלט פֿון אַפּלאָדיסמענטן, ווען דער כאָר און דער אָרקעסטער האָבן מיט גרויס טעמפּעראַמענט געזונגען די העראָישע לידער וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע־

זוער געטאָ, וועגן די ווילנער פּאַרטיזאַנער און דאָס ברייט־באַקאַנטע ליד פון מרדכי געבירטיק, „עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט.״ אַ ניט־יידישער עולם וואָלט ביי אַזעלכע לידער ניט אַרויס פון די כלים — און דאָס ווייזט אויך, אַגב, ווי באַזוכט עס וואָלט געווען אַ יידישער אָונט צו פייערן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, אָבער דער ראַטן־פאַרבאַנד איז נאָך אַלץ די איינציקע מדינה מיט אַ יידישן ישוב אין דער וועלט, וווּ עס איז נאָך קיין מאָל ניט פאָרגעקומען קיין פייערונג צום אָנדענק פון העראָישן יידישן קאַמף אין די געטאָס.

ביי אַזאַ צאָלרייכן אָפּנעמער פון קינסטלערישן יידישן וואָרט, ביי אַזאַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם פון פּובליקום — ווי מיר האָבן דאָ אויפגעוויזן און אויך אויבן אין אַן אַנדער קאַפּיטל — וואָס זשע פאַר אַ תירוץ קאָן געגעבן ווערן אויף דער פראַגע פאַר וואָס עס איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין סטאַבילער יידישער טעאַטער אויף אַ באַשטימט אָרט? פאַר וואָס זאָל דער במקום־טעאַטער פון בנימין שוואַרצער זיין אַ טרופּע „בלאָנדזשענדיקע שטערן״, אנשטאָט אַ מלוכהשער טעאַטער אין מאָסקווע, צי אין אַן אַנדער שטאָט, ווי אַלע טעאַטערס פון אַלע פעלקער, און ווי מיכאָעלס׳ יידישער טעאַטער איז געווען?

עס איז ניטאָ קיין אַנדער תירוץ נאָר — אַז די סאָוויעטישע מאַכט איז איינגעשפּאַרט אין איר פּלאַן מיט געוואַלד צו אַסימילירן די סאָוויעטישע יידישע באַפעלקערונג און ניט דערלאָזן צו אַן אויפלעבונג פון דער יידישער קולטור. מען וואַרפט ערגעץ צו אַביינדל: אַ קאָנצערט, אַן איבערזעצונג פון אַ יידיש בוך, אָבער מען שאַפט ניט קיין סטאַבילע באַזע, קיין שמץ פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע געזעלשאַפטלעכקייט, און דאָס זעלבע איז גילטיק בנוגע אַנדערע אויסדריקן פון יידישן קינסטלערישן שאַפן. מען פייערט דעם 80סטן געבוירן־טאָג פון יידישן קאָמפּאָזיטאָר לייב פּולווער, וואָס האָט געשאַפן מוזיק פאַר אַ פּופּציק יידישע ספּעקטאַקלען, איז ווער פייערט זיין יובילײ? טוט דאָס אַ יידישע קולטור־געזעלשאַפט? האָבן יידן אַ שייכות צו דעם? די גאַנצע יידישע מחותנשאַפט איז געווען אַ באַגריסונג פון רעדאַקטאָר פון „סאָוויעטיש־היימלאַנד״ אַרן ווערגעליס און פון אַ געוועזענעם אַקטיאָר פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער — צווישן אַנדערע באַגריסונגען פון רוסישע טעאַטערס און פון רו־סישע מוזיקער. קיין יידישע שמחה, קיין פייערונג פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָס ניט געווען. מען האָט בלויז צוגעשטעלט נאָך עטלעכע שטולן צום טיש — פאַר יידן אויך! פּולווערס יידישע מוזיק — יאָ, אָבער אַ יידישער מוזיק־געזעלשאַפט, וואָס זאָל אַנטוויקלען נייע פּולווערס — דאָס ניט. דאָס זעלבע איז מיט דער אויסשטעלונג פון בינע־דעקאָראַטאָר

טישלער, אויך אַ קאַלאָסאַלער טאַלאַנט, און אויך פאַרבונדן מיטן געוועזענעם יידישן טעאַטער. און די אויסשטעלונג פון יידישן קינסטלער תנחום קאַפּלאַן, אָדער אפילו דער יובילייִ פון באַרימטן יידישן דיכטער ל. קוויטקאָ — אַלץ ניט פון יידן פאַר יידן, נאָר פאַר יידן אויך. וואָס געווען איז גוט; וואָס היינט, איז מהיכי־תיתי, נאָר אין שמאָלע ראַמען; אָבער וואָס עס קאָן זיין און דאַרף זיין — צו דעם טאָר ניט דערלאָזט ווערן.

וואָס ווייטער, ווערט אָבער אַלץ שווערער אויפצוהאַלטן די פיקציע, אַז עס איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז די סאָוויעטישע יידן זיינען שוין אַלע אַסימילירט און ווילן מער ניט קיין יידישע קולטור, בעיקר אין די אינטעליגענץ־קרייזן האָט מען שוין ניט קיין מורא צו זאָגן דעם אמת וועגן קולטור־ענינים, אַפילו ווען דאָס איז קעגן דער אָנגענומענער מיי־נונג. אַ סאָוויעטישער יידישער געלערנטער מ. פרידבערג וויזט אָן אין אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט א. נ. „ראָמאַניש־גערמאַנישע שפּראַכן", אַרויסגע־געבן פון לענינגראַדער אוניווערסיטעט, אַז יידיש איז נאָך היינט די שפּראַך פון גרויסע מאַסן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. פרידבערגס אַרבעט גיט זיך אָפּ מיט דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און מיט די איינפלוסן אויף יידיש פון די סעמיטישע און סלאַווישע שפּראַכן. ער גיט צו: „מיר קאָנען ניט פאַר־בייגיין די איינשטעלונג פון אויטאָר פון דעם אַרטיקל ,יידן' אין דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע (צווייטע אויפלאַגע), וועלכע האַלט, אַז ביים היינטיקן טאָג האָט יידיש צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד זיך פולשטענדיק אַסימילירט אין די שפּראַכן פון דער גרונט־באַפעלקערונג". פרידבערג שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויפן אָרט אין דער ענציקלאָפּעדיע, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז נאָר „אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די יידן פון רוסלאַנד גערעדט יידיש", און ער שרייבט: „כדי אָפּצולייקענען די דאָזיקע ניט־ריכטיקע פעסטשטעלונג איז גענוג צו זיין אין וועלכער עס איז שטאָט אָדער ישוב פון אוקראַינע אָדער ווייסרוסלאַנד, ווו עס איז פאַראַן אַ קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג. און זיך צוהערן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך עס ריידן די יידן, וועלכע וווינען דאָרט. נאָך פּשוטער איז זיך צו ווענדן צו די ציפערן פון דער פאָלקסציילונג פונעם יאָר 1959. לויט די אָנגאָבן פון דער ציילונג וווינען אין ראַטן־פאַרבאַנד 2 מיליאָן מיט 268 טויזנט יידן, צווישן זיי באַטראַכטן יידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך, העכער 20 פּראָצענט (20.8), דאָס הייסט אַרום 475 טויזנט יידן". פרידבערג האַלט, אַז „יידיש איז די שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט דער ניט־אַסימילירטער טייל פון דער

יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד (דער עיקר אין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד), „פוילן און רומעניע", און ער ווייזט אויך אָן אויף די יידיש־ריידנדיקע מאַסן אין פראַנקרייך, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע און דרום־אַפריקע.

אין טאַשקענט געפינט זיך אַ פאָרשער פון יידיש, י. טשערניאַק. אין אַ בריוו צו דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" (14טער יוני, 1964) שרייבט ער: „פעסימיסטן קלאָגן, אַז אונדזערע האָפענונגען אויף דער יוגנט זיינען אויסגערונען. די אָפטימיסטן, פון דער אַנדערער זייט, האַלטן, אַז אונדזער האָפענונג אויף דער יוגנט איז באַרעכטיקט, אַז עס ווערט באַשטעטיקט דער צוגאַנג אַז די יוגנט איז דער אוצר. איך שליס זיך אָן צו די אָפטימיסטן". און ער האָט אַ גרונט אויף דעם, מחמת עס זיינען פאַראַן יידישע יונגעלייט, וואָס העלפן אים אין זיין פאָרשונג ווי אַזוי יידיש ווערט גערעדט. טשערניאַק שרייבט:

„שוין עטלעכע צענדליק יאָר ווי איך זאַמל יידישע שפּראַך־מאַטעריאַלן און הער זיך צו צו דעם ווי אַזוי עס ריידן מענטשן פון פאַרשיידענע עלטערס, שפּראַך־סביבות, און אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך אָנגעהויבן פאַרשרייבן אונדזער שפּראַך־פאַרמעגן, פאַרשן ווי אַזוי עס לעבט די שפּראַך ביי פאַרשיידענע יידיש־ריידנדיקע מענטשן. מיינע מיטהעלפער — אַלטע און יונגע — מערן זיך. ביי היינטיקן טאָג (פעברואַר 1964) האָבן מיר פאַררעגיסטרירט אַרום 13,000 ווערטער (אין 1958 האָבן מיר מיטגעטיילט וועגן 8,000)" טשערניאַק דערמאָנט פינף פון זיינע יוגנטלעכע מיטזאַמלער, וואָס האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט, און ער זאָגט אויף זיי, אַז זיי „זיינען ניט נאָר וווּנדערלעכע יורשים, נאָר אויך די בעסטע מיטאַרבעטער פון אונדזער זאַמל־און־פאָרש־קאָלעקטיוו".

האָבן מיר אַזאַ דערשיינונג ביים סאָוועטישן יידנטום, אַז אַזש אין טאַשקענט רעדט מען נאָך אַזוי געשמאַק יידיש, אַז מען קאָן דאָרט שטודירן די דייטשע רייד־אַרטן, און ווער פאָרשט דאָס? יונגעלייט! וועגן איינעם פון זיינע מיטפאָרשער, פּ. שעלאַבסקי, שרייבט טשערניאַק, אַז ער „האָט ניט לאַנג צוריק זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש. איצט ציט ער אַרייַן אין דער יידישער קולטור אויך אַנדערע יוגנטלעכע; אָנהייבנדיק פון אַלף־בית ביז גראַמאַטיק, ווייזט ער אַרויס איניציאַטיוו און דערפינדערישקייט אין מעטאָד פון פאָרשן". דער זעלבער פּ. שעלאַבסקי האָט געשאַפן פאַר זיינע חברים אַ קאָנספּעקט פון אַ. זאַרעצקיס ביכל „באַזונדערהייטן פון יידיש לגבי רוסיש", פון גאָטנבערגס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך", און

אויך אַ יידיש־רוסיש ווערטערביכל. צווישן די מיטאַרבעטער איז אויך פאַראַן חנה כאַדאַראָוו, אַן אינזשעניר פון פאַך. טשערניאַק פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„די פעסימיסטן זאָגן, אַז יידיש שטאַרבט אָפּ. די פאַקטן, וואָס ווערן דאָ מיטגעטיילט און פיל אַנדערע, ווייזן, אַז יידיש לעבט. אמת, עס זיינען דאָ פיל יוגנטלעכע, ביי וועלכע יידיש איז אָפּגעשטאָרבן אַלס אומגאַנגשפּראַך. אַפילו ביי די מענטשן, וואָס באַנוצן זיך ניט מיט יידיש, ליגט די שפּראַך אין זכרון פּאַסיוו, און אין געוויסע מאָמענטן ווערט זי אַקטיוו. ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער דור דאָ איז די יידישע שפּראַך אַ לעבעדיקע ירושה... עס לעבט ביי די יוגנטלעכע די יידישע שפּראַך, עס וואַקסט, עס בליט, שפּראָצט מיט יוגנט".

אַפילו איליאַ ערענבורג, אַן אַסימילאַטאָר פון קינדוויז אָן, וועמענס טרויעריק־באַרימטער אַרטיקל, וואָס האָט אָפּגעזאָגט די סאָוויעטישע יידן וואָסער ס'איז שייכות מיט אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק, געדרוקט אין דער „פּראַוודאַ" אין סעפּטעמבער 1948, און לויט אַ באַפעל איבערגעדרוקט אין „אייניקייט", איז רעטראָספּעקטיוו געוועזן ווי אַן אָנזאָג אויפן גרויסן חורבן — אויך איליאַ ערענבורג האָלט שוין היינט, אַז מען דאַרף האָבן יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין אַן אינטערוויו, וואָס איליאַ ערענבורג האָט געגעבן בעתן צוזאַמענקום פון שלום־ראַט אין שטאָקהאָלם אין 1964 דעם ישראל־דעלע־גאַט, י. מאיוס, האָט ערענבורג געזאָגט: „איך בין פאַר אויסברייטערן די מעג־לעכקייטן פון אַ יידיש קולטור־לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און פאַרן אַרויס־געבן אַ צייטונג אויף יידיש, אויפשטעלן אַ יידיש טעאַטער און עפענען יידישע שולן". דורך דעם, האָט ערענבורג געזאָגט, וועט „דאָס פּראָבלעם פאַרלירן זיין שאַרפקייט".

איז אַקוראַט ווען די באַנייונג פון דער יידישער קולטור הייבט אָן ווערן אַ זעלבפאַרשטענדלעכע זאַך, האָט מען אָנגעהויבן צו לאַנסירן אַ נייע אידעע פון אַסימילאַציע, ניט קיין געצוווּנגענע, חלילה, נאָר אַ פרייע, און נאַטירלעך ניט בלויז פאַר יידן. דאָס הייסט, אַז דער אמתער אידעאַל פון אַ סאָציאַליס־טישער וועלט איז ניט, אַז עס זאָלן עקזיסטירן אָפּגעזונדערטע פעלקער, נאָר איין גרויס, אינטערנאַציאָנאַל פאָלק. מען צווינגט, חלילה, ניט די עטלעכע און אַכציק פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן פון ראַטן־פאַרבאַנד זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק, אויף רוסיש, פאַרשטענדלעך; פאַרקערט, מען מאַכט מעגלעך פאַר אַלע פעלקער, גרויס און קליין, ממשיך צו זיין מיט זייער אייגענער

היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אָבער גלייכצייטיק דאַרף פאַרקומען דער פּראָצעס פון דערנענטערונג צווישן די פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן, כדי אין די העכערע סטאַדיעס פון קאָמוניזם זאָלן זיי אַלע זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק. געווי אויף וואָסער אופן — קאָן מען נאָך ניט זאָגן, אָבער אַזאַ איז די אויסזיכט. בכן, איז ניט נייטיק פאַר יידן קיין נאַציאָנאַלע קולטור, מחמת מען וועט זיך דאָך סיווי אַסימילירן... מען דאַרף אָנהייבן מיט יידן, הייסט, מען צווינגט צו אַסימילירן זיך פרייוויליק...

פאַראַן אין תלמוד אַ יורידישע פיקציע פון „צווינגען יענעם ביז ער זאָגט אַז ער וויל עס". אָט אַזאַ פיקציע איז די נייע ווענדונג פון פרייוויליקער אַסימילאַציע. אָבער זי קומט זייער שטאַרק צונוץ דער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער מאַכט לגבי יידן. דורך אָט דער פיקציע שאַרט זיך די סאָוויעטישע מאַכט אַרויס פון איר ביז איצטיקער שטעלונג, וואָס ווערט שוין אוממעגלעך אָנצוהאַלטן — אַז עס איז נישטאָ מער קיין יידיש פאָלק אין ראַטןפאַרבאַנד, און נישטאָ מער ווער עס זאָל דאַרפן יידישע קולטור — ווי אַפילו איליאַ ערענבורג האָט ביז דאָ ניט לאַנג צוריק געזאָגט. ניט אָנערקענענדיק אַז די פריערדיקע שטעלונג איז געווען אַ ניט־ריכטיקע, גייט די סאָוויעטישע מאַכט אַריבער צו דער נייער שטעלונג, אַז עס איז יאָ דאָ אַ סאָוויעטיש יידיש פאָלק און אַז עס איז יאָ דאָ אַ קאָנסומענט פאַר יידישער קולטור, נאָר אָט דאָס פאָלק וויל זיך אַסימילירן אין רוסישן פאָלק און דער קאָנסומענט פון יידישער קולטור וויל רוסישע קולטור — ער וויל זיך פרייוויליק אַסימילירן. איז דאָך קלאָר, אַז אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַל קולטור־לעבן פאַר יידן וואָלט געווען אַ קינסטלעכע זאַך, און קעגן דעם גאַנג צו דער סאָציאַליסטישער צוקונפט. פאַר די יידן, וואָס האָבן נאָך יאָ אַ שטיקל אינטערעס אין יידישער קולטור, גיט מען זיי אַ ביסל — אין „סאָוועטיש היימלאַנד", יידישע קאָנצערטן, אַמאַטאָרן־גרופּעס, כל זמן עס שלעפּט זיך.

אַזאַ סיטואַציע לייגט זיך אויפן שכל ביי די, וואָס זיינען ניט באַהאַוונט אין יידישע ענינים, בפרט ווען מען ווייזט זיי אָן אויף דער ירידה פון געברויך פון יידיש לשון און פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אויף יידיש אין אַנדערע לענדער. דאָס יידישע פאָלק אַסימילירט זיך אומעטום, הייסט עס, און אין ראַטן־פאַרבאַנד — צוליב דער גלייכהייט — אַ ביסל שנעלער. דאָס גאָר. אויף אָט דער קאָרט שפּילן היינט די, וואָס פירן היינט די יידישע פּאָליטיק אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אַרויסגעקומען מיט אָט דער נייעס איז דער סאָוויעטישער יידישער

גענעראַל דוד דראַגונסקי. אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין פּאַריז האָט ער דערקלערט, אַז אַלע יידן, אין מערב ווי אין מזרח, ווילן זיך אַסימילירן און פאַרשווינדן, אויסער די יידן אין דער מדינת ישראל, מחמת דאָרט זיינען זיי אַ מדינה און אַ מלוכה. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס, וואָס איז אומפאַרמיידלעך. דער מינימום־ייד פון ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָ דערגאַנגען צו דער אידעאָלאָגיע פון מאַקסימום־ציוניזם. גענעראַל דראַגונסקי איז אַ וויכטיקע פּערזאָן אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער טראָגט צוויי אָרדנס „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד" און ער איז היינט דער „פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער סאָוויעטישער זיכערקייט אין דרום". ער איז אַקטיוו פּאָליטיש, אַ מיטגליד פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי, אַ פאַרטרעטער פון אַרמעניע (ווו ער וווינט) אין העכסטן סאָוויעט, און גיט זיך באַזונדערס אָפּ מיט דער שלום־באַוועגונג. צוליב אָט דער טעטיקייט, קומט אים אָפּט אויס צו זיין אין אויסלאַנד, און מחמת ער איז אַ ייד, רעדט יידיש און איז מער־ווייניקער באַ־האַוונט אין יידישע ענינים, ווערט ער אָפּט מאָל געשיקט קיין אויסלאַנד אויך ביי יידישע געלעגנהייטן. דעריבער הערט מען פון אים פון צייט צו צייט וועגן יידישע ענינים. ווי אַנדערע הויכע באַאַמטע אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז ער אָפּט אָפנהאַרציק און ער האָט ניט קיין מורא צו זאָגן דאָס וואָס די קלענערע וואָלטן ניט געבראַכט אויף די ליפּן. ביי דראַגונסקין אויף דער צונג איז דעריבער וואָס ביי די סאָוויעטישע פירער אויף דער לונג.

האָבנדיק אָפּגעזאָגט דעם סאָוויעטישן יידנטום זיין צוקונפט, האָט גענעראַל דראַגונסקי צוגעגעבן, אַז „נאָך פאַרן קריג האָבן די יידן אין די גרויסע שטעט געהאַט אַ גרעסערן אינטערעס צו דער ,העכערער קולטור פון טאָלסטאָי און לענין', ווי צו דער יידישער קולטור, און היינט, דעם אמת געזאָגט, גיט מען ביי אונדז אַרויס צייטשריפטן און ביכער אויף יידיש מער צוליב פּאָליטישע טעמים איידער ווי אַ באַפרידיקונג פון אַ פּאַקטישן באַדאַרף". דאָ האָט דראַגונסקי באַשטעטיקט דאָס וואָס מאַדאַם פורצעוואַ האָט געזאָגט מיט עטלעכע יאָר צוריק צו בלומעלן, אַז אויב מען וועט עפּעס געבן אין פּרט פון יידישער קולטור, וועט עס זיין גיכער צוליב די פריינד אין אויסלאַנד איידער צוליב דער באַדערפעניש אין ראַטן־פאַרבאַנד. פּשוט גערעדט, ווען ניט דער פּראָטעסט אין אויסלאַנד, וואָלט דאָס ביסל קולטור אויף יידיש, וואָס עקזיסטירט יאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויך ניט געווען.

די זעלבע חכמה פון פרייוויליקער אַסימילאַציע, נאָר געשליייערט מיט מער אינטעליגענטישקייט, האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש פּראָפעסאָר יאָסיף

בראַגינסקי אין היי־יאָריקן מאַי־נומער „יו־עס־עס־אַר", וואָס ווערט אַרויס־געגעבן פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. פּראָפעסאָר בראַ־גינסקי דאַרף זיין דער פּאַסיקער מענטש אַרויסצוקומען מיט אַט דער טעאָריע. ער איז פון פאַך אַן אָריענטאַליסט־פילאָלאָג, און דער רעדאַקטאָר פון אַ ווייסנשאַפטלעכן זשורנאַל פאַר אָריענטאַלער פאָרשונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פעלקער פון אַזיע און אַפריקע", זיין ספּעציאַליזירטער געביט איז טאַד־זשיקן, אַ פאָלק פון אַ וואָסער אַנדערהאַלבן מיליאָן נפשות, פון פּערסישן אָפּשטאַם און לשון, וואָס האָט זיין אייגענע סאָוויעטישע רעפּובליק אין צענ־טראַל־אַזיע (טאַדזשיקסטאַן). פּראָפעסאָר בראַגינסקי זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַ מענטש פון דריי קולטורן: רוסיש, טאַדזשיקיש און יידיש. דאָס יידישע לשון קען ער פון הערן עס ביי זיינע עלטערן, העברעיִש האָט ער געלערנט מיטן פאָטער פון פיר ביז פערצן יאָר. איז ווער דאַרף זיין מער מומחה צו ריידן וועגן דער אַסימילאַציע פון די סאָוויעטישע יידן? בראַגינסקי רופט אָן זיין אַרטיקל, „אַסימילאַציע — יאָ, אָבער פאַר וואָס?" דאָס איז ביי אים ניט קיין רעטאָרישע פראַגע; ער מיינט טאַקי צו דערקלערן פאַר וואָס ער איז פאַר אַסימילאַציע.

פּראָפעסאָר בראַגינסקי הייבט אָן מיט זיין אייגענע פאַמיליע. דער זיידע זיינער איז געווען אַ מאַקאַראָווער חסיד; דער טאַטע איז שוין געווען אַ משכיל, געוואָרן אַן אַפּיקורס, זיך אויסגעלערנט דאָפּלטע בוכהאַלטעריע פון אַ רוסישן האַנטביכל, זיך אַריבערגעקליבן קיין באַקו, וווּ ער איז געוואָרן אַ הויפּט־בוכהאַלטער און זיך אָפּגעבן בעיקר מיט לייענען מייסטנס אין רו־סיש. אַלץ האָט זיך ביים טאַטן אָנגעהויבן מיט רוסיש! ער גופא, יאָסיף בראַ־גינסקי, איז געוואָרן אַן אָריענטאַליסט נאָך אין די יונגע יאָרן, ער האָט גע־שטודירט די טאַדזשיק־שפּראַך (פּאַרסי) ביי סאַדרידין איני, דער גרינדער פון דער טאַדזשיקישער סאָוויעטישער ליטעראַטור, און שוין דרייסיק יאָר ווי ער איז נאָענט פאַרבונדן מיט דער טאַדזשיקישער קולטור. דער רעזולטאַט איז, שרייבט פּראָפעסאָר בראַגינסקי, אַז „הגם איך קען די יידישע קולטור און באַטראַכט זי ווי מיין געבוירן־קולטור, האָב איך מיט דעם קיין דירעקטע שייכות ניט".

דעם פּראָפעסאָרס קינדער, שוין דערוואַקסענע מענטשן, האָבן ניט קיין שום ידיעה אין יידיש. זייער געבוירן־קולטור איז רוסיש. זיי קענען יידישע שרייבער נאָר דורך דער רוסישער איבערזעצונג, און יידישע קולטור אינטע־רעסירט זיי נאָר אַזוי פיל ווי קולטורן פון אַנדערע פעלקער, ניט צוליב וועלכע

עס איז נאַציאָנאַלע סענטימענטן, נאָר צוליב דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט, וואָס ווערט איינגעפלאַנצט אין סאָוויעטישן מענטשן פון קינדערגאָרטן אָן".

פּראָפעסאָר בראַגינסקי האַלט, אַז זיין פאַמיליע איז אין אַט דעם פּרט טיפּיש פאַר אַלע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויסער וואָס אין אַנדערע פאַמיליעס איז שוין זיין דור מער אַסימילירט — קיין העברעיִש קען מען שוין לחלוטין ניט, און צו יידיש איז מען גלייכגילטיק. ער גיט אָבער צו, אַז פאַר די אַרבעטער פון זיין דור, איבערהויפּט אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד, איז נאָך דאָס גע־רעדטע יידיש (ניט די געשריבענע שפּראַך) ברייטער פאַרשפּרייט. און ער פירט אויס, אַז „דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַן אַנטוויקלונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע און פאַרשנעלערט געוואָרן נאָך 1917, פירט צו אַסימילאַציע, און לאַגישערווייז מיטן פאָלק וואָס איז גרעסער אין צאָל — מיט די רוסן". דער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען לאַנגזאָם אין פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד צוליב דעם, וואָס מען האָט דיסקרימינירט קעגן די יידן, אָבער ביי די באַדינגונגען פון פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער גלייכהייט נאָך דער רעוואָלוציע, איז די אַסימילאַציע אַוועק מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ".

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז פּראָפעסאָר בראַגינסקי זעט די אַסימילאַציע פון די יידן ניט מיטן פאָלק, מיט וועלכן זיי לעבן — ניט מיט די אוקראַיִנער אין אוקראַיִנע און ניט מיט די ווייסרוסן אין ווייסרוסלאַנד, אָדער מיט די גרוזינער אין גרוזיע, וואָס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכער פּראָ־צעס פון אַסימילאַציע אויב בכלל אַסימילאַציע — נאָר גאָר מיט די רוסן, מיט דער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט, וואָס מאַכט פון די יידן אַ רוסי־פיצירנדיקן פאַקטאָר אין די ניט־רוסישע רעפּובליקן, ווו זיי לעבן צום מייסטן — עפּעס ווי ביים צאַרישן רעזשים בעת די מינדערהייט־פעלקער האָבן געהאַט אַ טענה צו די יידן, אַז זיי זיינען רוסיפיקאַטאָרן.

פּראָפעסאָר בראַגינסקי באַגרייפט ניט, אַז ער דינט דאָס, וואָס לעניִן האָט אָנגערופן „גרויס־רוסישן שאָוויניזם", מחמת ער האַלט, אַז אַלע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געענדערט זייער כאַראַקטער — ווי למשל ביי יידן איז מער ניטאָ דער „געטאָ־ייד, דער לופטמענטש" — זיי האָבן אָנגענומען אַנדערע, סאָציאַליסטישע שטריכן, און ביי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אינטער־נאַציאָנאַלע געפילן (ער מיינט טאַקע געפילן, ניט בלויז באַוווסטזיין), און אַ גאָר נייע אייגנשאַפט, — נאַציאָנאַלער סאָוויעטישער שטאָלץ, דער שטאָלץ

פון זיין אײן אַלפאָלקיש פאָלק. דעריבער זיינען די פעלקער פון ראַטן־פאַר־באַנד אַנדערש ווי זיי זיינען געווען פריער, און זייער נאַציאָנאַלער פסיכאָ־לאָגיע און נאַציאָנאַלער כאַראַקטער זיינען אויך אַנדערש. ער פירט אויס, אַז „דעריבער זיינען אין צוגאַנג פון די סאָוויעטישע מענטשן צו דער נאַטיר־לעכער, פרייוויליקער ניט־געצוואונגענער אַסימילאַציע פון די יידן, אָדער פון וועלכע עס איז אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, ניט פאַראַנען די אַלטע און ענג־נאַציאָנאַליסטישע געפילן".

וואָס שייך דעם יידישן פאָלק, זעט פראָפעסאָר בראַגינסקי צוויי טענ־דענצן אין זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג. „איינע — צו אָפּזונדערונג, אַ פאַר־לאַנג אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם ספּעציפישן כאַראַקטער, צו פאַרבלייבן אין דער אייגענער שאָל. דאָס איז אָפט אַ רעזולטאַט פון רדיפות (מצד דער סביבה) און אַ מאָל פון זעלבסט־איזאָלירונג. די צווייטע טענדענץ איז: אַסימילאַציע, אַ פאַרלאַנג אָפּצושאָפן דעם באַגרענעצנדיקן ספּעציפישן כאַראַקטער, אַ פאַר־לאַנג צו דערבענטערונג צו דער נאַציאָנאַלער מערהייט פון לאַנד, אַ דערנענטע־רונג וואָס ציט צו אַ צוזאַמענשמעלצונג".

„אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער", שרייבט פראָפעסאָר בראַגינסקי, „האָבן ביידע טענדענצן געפונען אַן אויסדרוק אין דער קולטור, באַזונדערס אין דער ליטעראַטור. די ערשטע האָט אונדז געגעבן די רבנישע און רע־ליגיעז־מיסטישע ליטעראַטור, אַ סך קאָמענטאַרן און איבער־קאָמענטאַרן אויף דער ביבל און דעם תלמוד, און ווערק אָנגעזאָפּט מיט משיחישע און נאַציאָ־נאַלע אידעען. ערשט אין די ווערק פון אָנגעזעענע שרייבער, איבערהויפּט אין דער מאָדערנער צייט, האָט די הומאַניטאַרע אידעע, די אידעע פון קאַמף פאַר סאָציאַלע ענדערונגען, פאַר דעמאָקראַטיע, דורכגעבראָכן דעם באַריער פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט. די וויסנשאַפטסלייט, דענקער און שריי־בער, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט דער יידישער סביבה, האָבן פאַרקער־פּערט די צווייטע טענדענץ, זייער שאַפן איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון יענעם לאַנד און פאָלק, ווו זיי האָבן געלעבט, און איז דעריבער געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קולטור פון דער מענטשהייט. זיי האָבן איינגע־שלאָסן מענטשן מיט פּראָגרעסיווע אידעען און מענטשן מיט רעאַקציאָנערע אידעען, הונדערטער פּראָמינענטע בייטראָגער צו יעדן געביט פון וויסן און אַזעלכע ריזן ווי שפּינאָזאַ, היינע, מאַרקס און איינשטיין".

פראָפעסאָר בראַגינסקי האַלט, אַז דאָרטן ווו עס האָט געהערשט מער אַנטיסעמיטיזם, מער אונטערדריקונג קעגן יידן, מער אומגלייכהייט — דאָרט

האָט זיך ביי יידן מער אַנטוויקלט די ערשטע טענדענץ, דאַקעגן ווו ס׳איז געווען וויניקער דיסקרימינאַציע קעגן יידן און מער דעמאָקראַטישער אַרט לעבן, דאָרט האָט זיך מער אַנטוויקלט די צווייטע טענדענץ. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד, דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע לאַנד אין דער וועלט, ווו יידן לעבן אין באַדינגונגען פון פולער לעגאַלער און פּאַק־טישער גלייכהייט, קומט פאָר די פריייוויליקע אַסימילאַציע אַזוי נאַטירלעך און אַזוי שנעל.

צום סוף, פרעגט פּראָפעסאָר בראַגינסקי זיך אַליין: און וואָס וועט זיין מיטן יידישן גייסט? און ער ענטפערט דערויף אַזוי: קודם, קאָן ער ניט אויפצוהייבן אַלע פראַגעס און געבן אַן ענטפער אויף זיי אַלע אין איין אַר־טיקל. ער וויל נאָר זאָגן, אַז די סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז לגבי אַלע פעלקער גלייך, און זי האָט פאַר אַ ציל פון איין זייט צו העלפן יעדן פאָלק אין זיין נאַטירלעכער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און פון דער צווייטער זייט — צו דערנעענטערן איין פאָלק צום אַנדערן און פאַרשטאַרקן זייער פריינדשאַפט און די צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי. און דאָס וועט, אין לעצטן סך־הכל, אין די העכערע סטאַדיעס פון קאָמוניזם, פירן צו אַ צוזאַמענגיסונג פון אַלע פעלקער אויף אַ נאַטירלעכן אופן. געענוי, קאָן מען נאָך ניט וויסן ווי אַזוי... אָבער וואָס וועט פאָרט זיין מיטן יידישן גייסט? דאָ פאַררופט זיך דער פּראָפעסאָר אויף אַ ציטאַט פון געטע וועגן דער אידעע, אַז די נאַציאָנאַלע קולטורן וועלן ניט פאַרשווינדן, נאָר עס וועט קומען אַ סינטעז פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קולטורן. במילא וועט דער יידישער גייסט אויך אַריינקומען „אין דעם וווּנ־דערלעכן געשמעלץ פון דער פּראָגרעסיווער קולטור פון דער גאַנצער מענטשהייט“.

איך האָב אָפּגעגעבן פאַר פּראָפעסאָר בראַגינסקיס אַרטיקל אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צוליב דעם, וואָס צום ערשטן מאָל הערן מיר אויפריכטיקע ווערטער פון אַ הויך אינטעליגענטן מענטשן מיט אַ מאָס יידישן וויסן און מיט אַ באַציונג צו דער יידישער קולטור, וואָס נוצט אפילו אין זיין רוסישן אַר־טיקל פאַר אויסלאַנד יידישע ווערטער, ווי „גזירה“, מאַמע־לשון״, „פּינטעלע ייד״. דער גענעראַל דראַגונסקי דערגרייכט זיכער ניט צו דער דאָזיקער מד־רגה; די קאָמוניסטישע יידן, ווידער, וואָס ווייסן מער וועגן יידנטום און יידישן פאָלק, ווי משה בעלענקי, למשל, איז אָדער זיי גלייבן ניט אין דער „פריייווי־ליקער אַסימילאַציע״ (זיי ווייסן דאָך אויף דער אייגענער פעל ווי „פריייווי־ליק״ דאָס איז) אָדער זיי וואָלטן ניט געוואַגט דאָס צו זאָגן אַזוי אויפריכטיק

און אָפּן. אין בראַגינסקין האָבן די סאָוויעטישע פירער, וואָס פירן די יידן־פּאָ־ליטיק, געפונען דעם בעסטן טעאָרעטיקער פון דער „פּריוויליקער אַסימילאַ־ציע״, איינעם, וואָס גלייבט אין דעם אין דער אמתן. און מער וויסן וועגן דעם, מער פאַרשטענדעניש פאַר דעם ענין, קאָן מען דאָך פון די ניט־יידישע סאָ־וויעטישע פירער ניט דערוואַרטן. אַנאַליזירנדיק דעם געדאַנקען־גאַנג פון פּראָפעסאָר בראַגינסקי, באַקומען מיר אַן אַריינבליק אין דעם נעפּל און אין דער קאָנפוזיע פון סאָוויעטישן דענקען וועגן דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. דאָס שפּיגלט אויך אָפּ, לויט מיין מיינונג, דעם קריזיס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד בכלל.

פּראָפעסאָר בראַגינסקי איז אין טעות בנוגע יעדן פּרט, וואָס ער באַ־רירט וועגן דער יידישער געשיכטע, וועגן די באַדינגונגען פון די סאָוויעטישע יידן און וועגן דער סאָוויעטישער טעאָריע און פּראַקטיק אין דער נאַציאָנאַ־ליטעטן־פּאָליטיק. דאָס קומט ניט אַזוי פון אומוויסן, ווי פון צעמישן די יוצרות, פון ניט נוצן געגוי די געהעריקע טערמינען.

למשל, דער טערמין „אַסימילאַציע״ אָט באַדייט דאָס ביי אים בלויז די שפּראַך, אָט — דער שטייגער לעבן, און אָט — דער צוזאַמענשמעלץ מיט אַן אַנדער פאָלק און נאַציאָנאַלע פאַרשווינדונג. דאָס גלייכן איז מיטן טערמין „היסטאָרישע אַנטוויקלונג״ פון אַ פאָלק. דאָס גלייכן — מיט די טערמינען „יורידישע און פאַקטישע גלייכהייט״ (פון די פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד) און „פּרייוויליקע אַסימילאַציע״. דערפון נעמט זיך דער פּלאָנטער אין זיינע געדאַנקען און אויך אין די מוחות פון די סאָוויעטישע פירער.

אויב אַסימילאַציע באַדייט אָננעמען די שפּראַך פון דער מדינה, אין וועלכער דער ייד לעבט, אויב דאָס מיינט אויך אָננעמען אַן אַנדער שטייגער לעבן, דעמאָלט קאָן מען רעדן וועגן צוויי טענדענצן אין דער יידישער גע־שיכטע, איזאָלאַציע און אַסימילאַציע; הגם יעדע פון זיי מוז דאָ גענומען ווערן רעלאַטיוו. אָבער עס איז קיין מאָל ניט געווען אַזאַ טענדענץ אין דער יידישער געשיכטע, ווי זיך אויסמישן מיטן ניט־יידישן עלעמענט און פאַר־שווינדן ווי אַ פאָלק. אַזעלכע האָבן געקאָנט זיין יחידים, ווי עס זענען געווען משומדים, אָבער מען קאָן ניט זאָגן, אַז אין דער יידישער געשיכטע איז געווען אַ טענדענץ צו שמד. וואָס שייך אַסימילאַציע אין לשון און אין אָרט לעבן, איז דאָס אַ פאַקטאָר אינעם יידישן לעבן אומעטום און עס איבערראַשט קיינעם ניט אויב מען זעט דאָס אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד. די פראַגע איז דאָ גאָר

אַן אַנדערע: ווי אַזוי דאָס קומט צום אויסדרוק און ביי וואָסערע באַדינגונגען דער דאָזיקער פראָצעס גייט אָן.

אין דער מערב־וועלט שליסט די שפראַך־אַסימילאַציע לחלוטין ניט אויס די נאַציאָנאַלע קולטור. די שפראַך פון לאַנד ווערט די כלי, אין וועלכער עס קומען אַריין אַלע עלעמענטן פון יידישן קולטור־לעבן, פון די תפילות אין שול ביז דער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור. מיר האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן הונדערטער יידישע ענגליש־שפראַכיקע צייטשריפטן און זשורנאַלן, וואָס גיבן זיך אָפ מיט אַלע ענינים פון נאַציאָנאַלן יידישן לעבן: מיר האָבן אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע יידישע ליטעראַטור וועגן יידישער געשיכטע, יידישער רעליגיע, יידישער ליטעראַטור, יידישער לאַגע אין פאַרשידענע לענדער, יידישע פראָבלעמען — אַלץ אויף ענגליש, אָבער פון יידן פאַר יידן; זיי זיינען ניט אַ האָר וויניציקער יידיש צוליב דעם וואָס די שפראַך איז ענגליש; פונקט ווי דער זוהר איז ניט וויניקער יידיש דורך דעם, וואָס ער איז געשאַפן געוואָרן אין אַראַמיש. אין אַ געוויסער מאָס האָבן מיר דאָס זעלבע אין אַנדערע לענדער אין אַנדערע לשונות. אַט די אַסימילאַציע איז באמת פרייוויליק, מחמת ס׳איז דאָך ניטאָ קיין שטערונג פאַר יידן אין מערב צו האָבן אַלץ אויף זייער יידיש לשון — פון אַ קינדער־גאָרטן ביז אַן אוניווערסיטעט; פון אַ צייטונג ביז אַן ענציקלאָפעדיע; און עס עקזיסטירט טאַקע זייט ביי זייט אויך אַ יידיש קולטור־לעבן אין יידיש. און צו דעם אַלעם עקזיסטירט דאָך אין מערב אַ פרייע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, יידישע אָרגאַניזאַציעס, גרויסע — מיט עטלעכע הונדערט טויזנט מיטגלידער יעדע, און קליינע — מיט עטלעכע צענדליק מיטגלידער, פאַר יעדן ציל אָדער ענין, וואָס די יידן קאָן אינטערעסירן אַלס יידן.

אָבער ווי איז די לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד? דאָרט איז דאָך אויף די אַלע געביטן איין גרויסער, טרוקענער מדבר! אויף רוסיש, וועגן יידישע ענינים, באַהאַנדלט פון אַ יידישן שטאַנדפונקט, איז דאָך גאָרניט ניטאָ — אויסער די מיאוסע אַנטי־רעליגיעזע פאַשקווילן, וואָס אַפילו די קאָמוניסטישע פאַרטייען האָבן געשטעמפלט ווי אַנטיסעמיטישע. אַפילו דאָס ביסל יידישער אינהאַלט, וואָס איז יאָ געווען אויף רוסיש פאַר דער רעוואָלוציע, איז דאָך מער ניט צוגענגלעך פאַרן עולם, נאָר עס ליגט פאַרשלאָסן אין די ביבליאָטעקן און ווערט געהאַלטן נאָר פאַר פאָרשער, וואָס קאָנען באַווייזן, אַז זיי דאַרפן דאָס זען. ווען פראָפעסאָר בראַגינסקי וואָלט יאָ געוואָלט געבן זיינע קינדער אַ יידישע דערציונג אויף רוסיש, צי וואָלט ער געהאַט דאָס

מינדעסטע ביכל פאַר דעם? פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָך אָפּגערעדט! דער איינציקער יידישער אַדרעס אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד פאַר די דריי מיליאָן יידן, איז חוץ דער סינאַגאָגע בלויז דער רעדאַקציע־אַדרעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. און אויף יידיש איז דאָך ווידער אַ מאָל נאָר „סאָ־וועטיש היימלאַנד״, מיטן ביסל קאָנצערטן און אַמאַטאָרן־קרייזן.

ווו זשע איז די פריוויליקייט פון דער „פריוויליקער אַסימילאַציע״ אין אַט דעם זין פון וואָרט אַסימילאַציע? האָבן די סאָוועטישע יידן אַ ברירה? ווען פּראָפעסאָר בראַגינסקי זאָל יאָ וועלן געבן זיינע אייניקלעך עפּעס אַ „ידיעה אין יידיש״, וואָלט ער זיי דאָס געקאָנט געבן? וואָלט ער געהאַט אַ שול דערפאַר? אַ לערער? אַ לערנביכל? ער אַליין וויל דאָס טאַקע ניט, אָבער יענע מאָסן, וואָס ער אַליין איז מודה, אַז יידיש איז ביי זיי ברייטער פאַרשפּרייט, דער קאַרגער האַלב מיליאָן יידן, וואָס האָט אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך, — זיי וואָס וואָלטן אפשר יאָ געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ ידיעה אין יידיש, קאָנען זיי דאָס טאָן, האָבן זיי דאָס ווו צו טאָן? האָט פּראָפעסאָר בראַגינסקי געהערט וועגן אַ פאָלק מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן אין זיין מוטערשפּראַך, וואָס האָט ניט קיין אייגן קולטור־לעבן אין דער מוטער־שפּראַך — אין ראַטן־פאַרבאַנד?

פּראָפעסאָר בראַגינסקי איז דורכויס אין אַ טעות וואָס שייך דעם פּראָ־צעס פון אַסימילאַציע נאָך דער רעוואָלוציע. פּונקט פאַרקערט, ווי אויבן אָנגע־וויזן, איז נאָך דער רעוואָלוציע אין יאָר 1917, געקומען אַ גרויסער אויפשוווּנג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, צו ערשט בעיקר פון דער טראַדיציאָ־נעלער און העברעישער און שפּעטער פון דער אַזוי־גערופענער סאָוועטישער אויף יידיש. עס איז פריער ניט געוועזן אַזאַ זאַך אין רוסלאַנד, אַז יידישע קינדער זאָלן לערנען אַלע לימודים אויף דער אייגענער שפּראַך אין אייגענע מלוכהשע שולן, און עס זאָלן זיין אַזוי פיל טעאַטערס, צייטונגען, קולטור־קלובן און ענלעכע נאַציאָנאַלע קולטור־אינסטיטוציעס — ווי נאָך דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע. דער צוריקגאַנג פון אַט דעם יידישן קולטור־אויפשוווּנג הייבט זיך אָן ערשט אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, און ניט צוליב דעם, וואָס די סאָוועטישע יידן האָבן זיך צוריקגעצויגן, נאָר דורך אַן אַדמיניס־טראַטיוון דרוק אָדער סאַבאָטאַזש.

ניט בלויז פאַלש, נאָר אויך שעדלעך, איז פּראָפעסאָר בראַגינסקיס אויסטייטשונג פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער דערמאָנט „נאַטירלעכע היסטאָרישע אַנטוויקלונג״ פון אַ פאָלק, אָבער דאָס צעקריכט

ביי אים אונטער די פינגער און עס קומט אויס ווי דאָס וואָלט געווען די סאָ־וויעטיזירונג פון דעם פאָלק. אַנטקעגן דעם זעט ער די שפּראַך־אַסימילאַציע אַלס דעם גרונט־עלעמענט אין דער דערנענטערונג און פריינדשאַפט צווישן די סאָוועטישע פעלקער און אַ צוגרייטונג פאַר דער ענדגילטיקער צוזאַמענ־שמעלצונג פון די פעלקער. בכן, דאַרפן יידן אויפגעבן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור און זיך צוגרייטן צו דער פאַרשמעלצונג מיטן גרעסערן פאָלק און דער „העכערער" קולטור, מיט די רוסן.

אַט דער צוגאַנג איז דורכויס אַנטי־מאַרקסיסטיש, און אַנטי־לעניניסטיש און איך ווייס ניט וועמען פּראָפעסאָר בראַגינסקי האָט דאָ נאָכגעזאָגט. האָבנדיק צו טאָן מיט די טאַדזשיקן און אַנדערע פעלקער אין סאָוויעטישן אַזיע, קען ער וויסן די בייע ליניע. אָבער ווער עס זאָל ניט זיין, איז אָדער יענער האָט אין דעם פּרט ניט געוווּסט פון זיין חיות, אָדער ער האָט געפּראָוועט „רעוויזיאָניזם".

נאָך אין יאָר 1856 האָט קאַרל מאַרקס באַמערקט דעם שאָוויניזם, וואָס שטעקט הינטער דער לאָזונג פון געוויסע סאָציאַליסטישע עלעמענטן וועגן אָפּשאַפן נאַציאָנאַליטעטן און נאַציאָנאַלע שפּראַכן. ווען די פראַנצויזישע דעלעגאַטן אין אינטערנאַציאָנאַל זיינען אַרויס מיט דער טעזע, אַז „נאַציאָנאַלי־טעט און נאַציע זיינען אָפּגעלעבטע פאָראורטיילן", האָט מאַרקס געשריבן אין אַ בריוו צו פרידריך ענגעלס, אַז די פראַנצויזן וואָס ווילן אָפּשאַפן נאַ־ציאָנאַלע שפּראַכן, האָבן וועגן דעם גערעדט אין אַ לשון וואָס ניין צענטל פון די דעלעגאַטן האָבן ניט פאַרשטאַנען; און אַז אונטערן מאַנטל פון אָפּשאַפן נאַציאָנאַליטעטן, האָבן די פראַנצויזישע דעלעגאַטן געמיינט, אַז אַנדערע פעלקער „זאָלן איינגעשלונגען ווערן פון דער מוסטערהאַפטער פראַנצויזישער נאַציע". גענויער וואָס די טאַטעס פון קאָמוניזם, מאַרקס, לענין און סטאַלין, האָבן געטראַכט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — וועט דיסקוטירט ווערן אין קומענדיקן קאַפּיטל: דאָ וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז לענין און סטאַלין האָבן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געהאַלטן, אַז באַזונדערע פעל־קער און נאַציאָנאַליטעטן, מיט זייערע שפּראַכן און קולטורן, וועלן עקזיסטירן נאָך אַ לאַנגע צייט אַפילו נאָך דעם ווי עס וועט הערשן אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איבער דער וועלט; און ניט נאָר האָבןביידע געהאַלטן, אַז אַלע פעלקער אין ראַטן־פאַרבאַנד, גרויסע און קליינע, מוזן זיין גלייך אין יעדן פּרט, נאָר לענין האָט געוואָרנט (אין אַ בריוו פון יאָר 1922, פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1956) אַז גלייכהייט אַליין איז ניט גענוג, מחמת גלייכהייט פון אַ גרויסן און אַ קליינעם קאָן ניט זיין גלייך פאַרן קליינעם. עס קאָן דעריבער

ניטיק זיין, אַז עס זאָלן דאַרפן געגעבן ווערן ספּעציעלע פּריווילעגיעס דעם קליינעם, כּדי ער זאָל באמת קאָנען זיין גלייך מיטן גרויסן.

„דער וואָס פאַרשטייט דאָס ניט", האָט לענין געשריבן, „דער פאַרשטייט ניט דעם פּראָלעטאַרישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע... מען מוז אָננעמען די שטרענגסטע געזעצן בנוגע דעם געברויך פון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן אין די רעפּובליקן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס געהערן צו אונדזער פאַרבאַנד, און דורכפירן אַט די געזעצן מיט אַ ספּעציעלער גרינטלעכקייט. וואָרעם אָן ספק וועלן מיר האָבן, ביי אונדזער היינטיקן אַפּאַראַט אונטערן אויסרייד פון דער איינהייטלעכקייט פון באַן־באַדינונג, פון פינאַנציעלער איינהייטלעכקייט און אַזוי ווייטער — אַ סך נעגאַטיווע האַנדלונגען, פון אַ רוסיש־שאָוויניסטישן כאַראַקטער". און סטאַלין האָט בפירוש דערקלערט, אַז „אַ פּאָליטיק פון אַסימילאַציע ווערט אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן פון אַרסענאַל פון מאַרקסיזם־לעניניזם".

איז וואָס שטופּט מען דאָס אַזוי די פּאָליטיק פון אַסימילאַציע לגבי די ייִדן? וואָס טרייבט מען די ייִדישע באַפעלקערונג צו שפּראַך־אַסימילאַציע, צום אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער קולטור?

אפשר איז דאָס ניט קיין צופאַל וואָס פּראָפעסאָר בראַגינסקי צעמישט שפּראַך־אַסימילאַציע מיט צונויפשמעלצונג פון פעלקער, לגבי ייִדן, ווינציקסטנס, די צונויפשמעלצונג, די פאַרשווינדונג פון פאָלק — איז דער ציל; די שפּראַך־אַסימילאַציע איז דאָס מיטל. די וואָרענונג, וואָס לענין האָט מיט העכער פערציק יאָר צוריק געגעבן וועגן די „אויסריידן" פאַר „שלעכטע האַנדלונגען פון אַ רוסיש־שאָוויניסטישן כאַראַקטער", קלינגט היינט ווי נביאיש פאַר זיין צייט. קעגן די ייִדן איז פאַראַן דער אויסרייד, אַז די ייִדן ווילן אַליין, פרייוויליק, זיך אַסימילירן; קעגן געוויסע פעלקער אין אַזיע איז פאַראַן אַן אַנדער אויסרייד — לגבי די קאַזאַכן, אוזבעקן, און טורקמענער איז דאָס: קאָמבינירטעווירטשאַפט, וואָס וועט נאַטירלעכערוויז דאַרפן געפירט ווערן אויף רוסיש (לעבנס פאַרגעפיל פון אויסרייד פון „איינהייטלעכקייט"). די ייִדן טרייבט מען ווי דעם באַראַן וואָס דאַרף פירן די סטאַדע צום נאַציאָנאַלן אומקום.

ראטן־פארבאנד און מדינת ישראל

די באַציונג פון ראַטן־פאַרבאַנד צו דער מדינת ישראל איז אַן אַנט־שיידנדיקער פאַקטאָר אין דעם גורל פון סאָוויעטישן יידנטום, ווי דאָס איז אויך שטאַרק נוגע דעם וועלט־יידנטום בכלל, אָפּגערעדט שוין פון דער מדינת ישראל גופא. גענוי ווי די שטעלונג צו ישראל ווירקט אויף דער סאָוויעטישער אינערלעכער פּאָליטיק, איז ניט קלאָר. ווען מען וויל זיך דערגרונטעווען צו דעם, קומט מען צום זעלבן פּונקט ווי אין דער פראַגע פון דער הון און דעם איי: וואָס עס איז געקומען צו ערשט, די הון צי דאָס איי? פאַראַן אַ מיינונג, אַז די סאָוויעטישע מאַכט פירט אַזאַ אינערלעכע יידישע פּאָליטיק צוליב דעם, וואָס עס עקזיסטירט אַ יידישע מדינת ישראל, לגבי וועלכער זי פאַרנעמט אַ געוויסע שטעלונג צוליב אַנדערע מאָטיוון; פאַראַן אַן אַנדער מיינונג, אַז די סאָוויעטישע איינשטעלונג לגבי דער מדינת ישראל איז צום גרויסן טייל באַווירקט פון פּאָליטיק לגבי אירע אייגענע יידן, ווינציקסטנס ווען דאָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון איר וועלט־פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח.

אָבער דער עצם פאַקט, אַז דער קאָמפּלעקס מדינת ישראל גייט אַריין אין דער סאָוויעטישער אינערלעכער יידישער פּאָליטיק, איז ביי די סאָוויע־טישע יידן אָנגענומען ווי אַ פאַקט. אַזאַ איינדרוק האָבן אויך ניט־יידישע באַ־זוכער אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו פירן פאַר־טרויטלעכע שמועסן מיט סאָוויעטישע פירער וועגן דער לאַגע פון די סאָ־וויעטישע יידן. עס קלינגען היינט ווי נביאיש די ווערטער, וואָס מאַדאַם זשעמ־טשוזשינאַ, די פרוי פון מאָלאָטאָוו, האָט געזאָגט צו דער ערשטער אַמבאַסאַ־דאָרין פון ישראל אין ראַטן־פאַרבאַנד, גאָלדע מאיר, בעת זייער ערשטער באַגעגעניש אין מאָסקווע אין יאָר 1948. ביי אָט דער באַגעגעניש זייערער אויף אַן אָפיציעלן אויפנעם, איז אַרויף די פראַגע אויף וועלכער שפּראַך צו ריידן. מאָלאָטאָווו האָט געזאָגט: איר זייט ביידע יידישע טעכטער, רעדט יידיש. ביים געזעגענען זיך האָט פרוי מאָלאָטאָוו געזאָגט צו גאָלדע מאיר אויף יידיש: זאָל אייך זיין גוט, אַז אייך וועט זיין גוט, וועט אונדז אַלעמען זיין גוט. די ערגסטע צייט אין די באַציונגען צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל איז אויך געווען די ערגסטע צייט פאַר דער פרוי מאָלאָטאָוו — זי איז געווען אַרעסטירט און געמשפּט צוגלייך מיט די יידישע שרייבער — און פאַר אַלע

יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. די סאָוויעטישע יידן ווייסן, אַז ווען מען פאַלט אָן אויף ישראל אין זייער פּרעסע, איז דאָס געמיינט ניט נאָר ישראל, נאָר אויך זיי, די סאָוויעטישע יידן, אָדער עס איז גאָר אויסגערעכנט פאַר זיי.

די סאָוויעטישע יידן קאָנען פאַרשטיין, הגם עס קאָן זיי ניט געפעלן, די פּאָליטיק פון זייער רעגירונג לגבי די אַראַבער. געגרעכט צי אומגערעכט — אַ צייטווייליקער אויסרעכענונג קאָן דאָ זיין. אָבער צו וואָס קאָן דען זיין נייטיק די אָפּטע אַטאַקעס אויף דער מדינה ישראל, די טענדענץ זי צו באַ־שמוצן אין די אויגן פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג? צו וואָס דאַרף מען די העצעריי קעגן אַזאַ קליינער וויטער מדינה, וואָס האָט, נאָך אַלעמען, אַ קליי־נעם באַטייט אין דער וועלט־פּאָליטיק? פאַר וואָס עוסקט זיך די סאָוויעטישע פּרעסע מער מיט דער קליינער ישראל ווי מיט גרעסערע און שטאַרקערע מדינות וואָס האָבן מער געוויכט אין דער וועלט־פּאָליטיק? דערפאַר איז ביי אַ סך סאָוויעטישע יידן פאַראַן אַ געפיל, אַז מיט די אַנגריפן אויף ישראל מיינט מען זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּשאָקלען פון דער יידישער מדינה אויך פּסיכאָלאָגיש, אין האַרצן, אַזוי ווי דאָס איז אין דער פּראַקטיק.

ניט־יידישע באַזוכער, בעיקר דעלעגאַציעס פון סאָוויעטיש־פריינדלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, ווי, למשל, די סאָציאַליסטישע פון פראַנקרייך, וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, האָבן דאָס געפיל, אַז די סאָוויעטישע פירער מישן צונויף אין געשפּרעך דעם ענין פון זייערע אייגענע יידן מיט דער פּאָליטיק לגבי ישראל. אין דעם פּרט, וואָלט איך געזאָגט אידענטיפיצירן מער די סאָוויעטישע פירער סאָוויעטישע יידן מיט ישראל ווי דאָס טוען די סאָוויעטישע יידן גופא. וויפל זיי פּראָקלאַמירן ניט פאַר דער וועלט, אַז די סאָוויעטישע יידן האָבן קיין שייכות ניט, און ווילן גאָר קיין שייכות ניט האָבן, מיטן וועלט־יידנטום און מיט ישראל — אַוודאי ניט, האָבן זיי אָבער ביי זיך ווייזט אויס, דאָס געפיל אַז „יידן זיינען יידן". און דעריבער האָט דאָס פּראָ־פעסאָר קוויליאַט געזאָגט אין זיין אינטערוויו, אַז דער „אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד שפּיגלט אָפּ די סאָוויעטישע שטעלונג צו ישראל".

ס'איז דעריבער נייטיק אַ גענויע באַטראַכטונג פון דער סאָוויעטישער שטעלונג צו דער יידישער מדינה, מיטן היסטאָרישן הינטערגרונט, און אין דער ראַם פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, אין נאָענטן מזרח, — הן בעסער צו באַגרייפן די יידישע לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד, הן בעסער צו פאַרשטיין די סאָוויעטישע ישראל־פּאָליטיק, וואָס האָט אַזאַ גרויסן באַטייט פאַר ישראל און פאַרן וועלט־יידנטום. איך וועל עס פּרווון טאָן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

דער טעאָרעטישער הינטערגרונט

לענין האָט אַ מאָל כאַראַקטעריזירט דעם באָלשעוויסטישן איבערבוי פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד ווי מען וואָלט געמוזט איבערבויען אַ באַן בעת זי האַלט אין לויפן. דאָס איז געווען ריכטיק געזאָגט ניט נאָר אין באַצוג צו דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער מדינה, נאָר אויך בנוגע די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, מיט וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן זייער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַזעלכע אידעען, למשל, ווי אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קאָן קומען נאָר אין אַ הויך אינדוסטריאַליזירט לאַנד; אַז אַ סאָציאַליסטישער רעזשים אין איין מדינה אַליין קאָן ניט האָבן קיין תקומה; אַז מערב־אייראָפּע איז רייף פאַר סאָציאַלער רעוואָלוציע; אַז די צוויי סאָציאַלע סיסטעמען, קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, קאָנען ניט עקזיסטירן; אַז ביים סאָציאַליזם מוז עקזיסטירן עקאָנאָמישע גלייכהייט — אויך אָט די, און אַנדערע אידעען, האָט מען ביים איבערבויען „די לויפנדיקע באַן" געמוזט ענדערן אָדער צופּאַסן צו די רעאַלע באַדינגונגען".

און דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן צוגאַנג פון די פירנדיקע באָלשעוויקעס אַ מאָל און פון די שפּעטערדיקע סאָוויעטישע פירער בנוגע יידישן נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און דער מדינת ישראל.

קיין ספּעציעלן אינטערעס צו דער יידישער פראַגע האָבן לענין און זיינע אַרומיקע ניט אַרויסגעוויזן. פאַר זיי איז דאָס יידישע פּראָבלעם געווען ניט מער ווי איינער פון גרויסן קנויל נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון צאַרישן רעזשים, וואָס די רעוואָלוציע וועט מיט איין שניט פון דער שווערד אויפלייזן. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן יידן־פּראָבלעם נאָר דעמאָלט ווען די קאָנקרעטע אומשטענדן האָבן געצווונגען צו דעם. און דעמאָלט איז זייער צוגאַנג דערצו געווען אין הסכם מיט זייער שטעלונג צום עצם ענין נאַציאָנאַליזם און זייער טאַקטיק צו די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען געווען אין זייער רשות.

און מען דאַרף געדענקען, אַז זייער נאַציאָנאַלע טעאָריע און זייער טאַקטיק צו די נאַציאָנאַליטעטן, איז ביי זיי ניט תמיד געווען איינע און די זעלבע.

די טעאָריע האָט זיך נאַטירלעך באַזירט אויף מאַרקס לערע. לענין האָט סומירט מאַרקס שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט די ווערטער: „אין אַלגעמיין איז די שטעלונג פון מאַרקס און ענגעלס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע געווען שטרענג קריטיש און זיי האָבן אָנערקענט איר היסטאָרישע רע־לאַטיווקייט". דער פשט דערפון איז געווען, אַז אַ פאָלק איז ניט אַ נאַטיר־לעכע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, מיט אַן אייגענעם אינערלעכן ווערט, און מיט אַן אייגענעם אַבסאָלוטן רעכט צו עקזיסטירן — ווי עס איז אָנגע־נומען אין דער בורזשואַזער וועלט. פאַרקערט, דער מאַרקסיזם באַטראַכט דעם אויפקום פון פעלקער ווי אַ צייטווייליקן רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען אין איבערגאַנג פון פעאָדאַליזם צום קאַפּיטאַליזם. דאָס האָט דער קאַפּיטאַליזם צונויפגענומען מענטשן און פעלקער, כדי צו באַפעסטיקן זיין פּאָזיציע קעגן פעאָדאַליזם. לויט אָט דער הנחה קומט אַרויס, אַז ווען דער קאַפּיטאַליזם דערגרייכט זיין ציל, און נייטיקט זיך מער ניט אין דעם דאָ־זיקן מיטל, הייבט ער אַליין אָן צעברעכן די גרענעצן צווישן פעלקער, און אַז אונטער אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם ווערט די עקזיסטענץ פון באַזונדערע פעל־קער אַוודאי אַן אַנאַכראָניזם.

אָט אַזוי האָט דאָס לענין אַליין פאָרמולירט: „איבער דער גאַנצער וועלט איז דער פעריאָד פון ענדגילטיקן זיג פון קאַפּיטאַליזם איבערן פעאָ־דאַליזם צונויפגעבונדן מיט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער עקאָנאָמישער גרונט פאַר די דאָזיקע באַוועגונגען ליגט אין דעם וואָס די בורזשואַזיע האָט געמוזט — כדי צו דערגרייכן דעם פולשטענדיקן זיג איבער דער פּראָדוקציע — פאַר־כאַפּן דעם היימישן מאַרק, און צו דעם האָט זי געמוזט האָבן פּאָליטיש פאַר־אייניקטע טעריטאָריעס מיט אַ באַפעלקערונג וואָס רעדט די זעלבע שפּראַך, אָן שטערונגען צו אַנטוויקלען די דאָזיקע שפּראַך און איר צו קאָנסאָלידירן אין ליטעראַטור". לענין קומט צום אויספיר, אַז „דער ציל פון סאָציאַליזם איז ניט נאָר אָפּצושאַפן די איצטיקע צעטיילונג פון דער מענטשהייט אין קליינע מלוכות און אין אַלנאַציאָנאַלער אָפּזונדערונג, ניט נאָר צוזאַמענצו־ברענגען די פעלקער נענטער איינס צו דאָס אַנדער, נאָר אויך צונויפצושמעלצן" (געזאַמלטע ווערק, באַנד 5). און אַזוי האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט סטאַלין: „אַ פאָלק איז ניט קיין סתם היסטאָרישע קאַטעגאָריע, נאָר אַ היסטאָרישע קאַ־טעגאָריע וואָס געהערט צו אַ געוויסער עפּאָכע, די עפּאָכע פון אויפשטייגנדיקן קאַפּיטאַליזם. אַ פאָלק פאַלט ניט אַראָפּ פון דער אייביקייט, און ווי אַלע היסטאָ־רישע קאַטעגאָריעס, איז עס אויסגעשטעלט צו ענדערונג, צו אַן אָנהייב און

אַ סוף״ (מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע, 1913). ביי דעם צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האַלטן זיך די סאָוויעטישע אידעאָלאָגן נאָך היינט.

אין דער „גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע״ (באַנד 29, 1954) ווערט געזאָגט: „פעלקער זיינען צו ערשט אַנטשטאַנען אין פּעריאָד פון דער ליקווידאַציע פון פעאָדאַליזם און אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. מענטשן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין פעלקער ניט דורך אַן אייגענעם פאַרלאַנג, ניט דורכן ווילן פון רעגירונגען, אָדער דורך דער ווירקונג פון אַנדערע, סוביעקטיווע פאַקטאָרן, נאָר דורכויס ווי אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון אָביעקטיווע געזעצן פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג״.

דאָס איז די טעאָריע. ווען עס איז געקומען צו דער פּראַקטיק, צו דער טאַקטיק לגבי די עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַליטעטן — דאָ האָבן לענין און סטאַלין, ווי זייערע נאָכפאָלגער היינט, זיך גערעכנט מער מיט די קאָנקרעטע אומשטענדן איידער מיט דער אַבסטראַקטער טעאָריע. זייער צוגאַנג איז געווען פּראַגמאַטיש, אָפּאָרטוניסטיש — ווי עס האָט זיך געלוינט אין געגעבענעם מאָמענט. דער ענדציל איז געווען די צוזאַמענשמעלצונג פון די פעלקער (אונטער די געגעבענע אומשטענדן וואָלט דאָס פאַקטיש באַטייט רוסיפיצירן זיי), אָבער די טאַקטיק איז געווען אויסצושפּילן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט ווו דאָס קאָן דינען דעם ציל און כל זמן מען וועט עס דאַרפן.

דעם אָפּאָרטוניזם אין דעם פּרט האָבן לענין און סטאַלין געלערנט פון זייער רבין מאַרקס. לענין האָט געזאָגט, אַז ווען די רעוואָלוציע אין ענג־לאַנד וואָלט געקומען אַזוי פרי ווי מאַרקס האָט לכתחילה געמיינט, וואָלט אין אירלאַנד ניט אויפגעקומען קיין „בורזשואַז־דעמאָקראַטישע און אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע באַוועגונג״. אָבער ווי באַלד אָט די באַוועגונג איז יאָ געקומען, האָט מאַרקס געראָטן די בריטישע אַרבעטער זי צו שטיצן. און סטאַלין האָט אָנגעוויזן, אַז „אין די פערציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט מאַרקס געשטיצט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון די פּאָליאַקן און אונגאַרן און געווען קעגן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון די טשעכן און דרום־סלאַוון״. אויף דער פראַגע פאַר וואָס? האָט סטאַלין געענטפערט: „ווייל די טשעכן און דרום־סלאַוון זיינען דעמאָלט געווען ,רעאַקציאָנערע פעלקער׳. און לענין האָט דער־מאָנט, אַז ענגעלס האָט אין אַ בריוו צו מאַרקסן געזאָגט, אַז דער באַטייט פון פּוילן איז נאָר ציטווייליק, אַז זי וועט אָנהאַלטן נאָר ביז דער אַגראַר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד... אין רוסלאַנד זיינען דאָ מער עלעמענטן פון ציוויליזאַציע, ביל־דונג, אינדוסטריע און בורזשואַזיע ווי אין ,אַריסטאָקראַטישן׳ פּוילן״.

לענין האָט אָפּן געזאָגט, אַז נאָר דערפאַר ווייל רוסלאַנד און די אַרו־מיקע לענדער האָבן ערב דער רעוואָלוציע געהאַלטן אין דורכגיין די תקופה פון די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, „האָבן מיר פאַר־לאַנגט אַ פּונקט אין אונדזער פּראָגראַם וועגן רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג". ער האָט דערקלערט, אַז „קיין מאַרקסיסט וואָלט ניט געלייקנט אין דעם, אַז די אינטערעסן פון סאָציאַליזם שטייען איבער די אינ־טערעסן פון דער זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער". און ער האָט צוגעגעבן: „די פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, איינגעשלאָסן זעלבסטבאַשטי־מונג זיינען ניט קיין אַבסאָלוטן; זיי זיינען נאָר אַ קליין טיילכל פון דער אַל־געמיינער דעמאָקראַטישער (היינט אַלגעמיין סאָציאַליסטישער) וועלט־באַוועַ־גונג. אין אינדיווידועלע פאַלן קאָן איין טיילכל ווידערשפּרעכן דאָס גאַנצע. אויב עס טוט אַזוי, מוז דאָס אָפּגעוואָרפן ווערן".

סטאַלין האָט דאָס געמאַכט פּשוטער: „דאָס הייסט ניט, נאַטירלעך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז שטיצן איטלעכע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אומעטום און שטענדיק, אין יעדן קאָנקרעטן פאַל. עס מיינט, אַז געשטיצט ווערן דאַרפן יענע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס זייער טענדענץ איז אָפּצושוואַכן דעם אימ־פּעריאַליזם, ניט אים שטאַרקן און אויפהאַלטן. עס פּאַסירט, אַז נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין געוויסע אונטערדריקטע לענדער קומען אין קאָנפליקט מיט די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. אין אַזעלכע פאַלן קאָן ניט זיין קיין פראַגע פון שטיצן זיי".

סטאַלין האָט אַפילו פאַרשריבן אַ רעצעפּט ווי אַזוי אויסצוהיילן די נאַציאָנאַליסטישע חולאת פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. ער האָט געשריבן: „אַ מינדערהייט איז אומצופרידן ניט ווייל עס פאַרמאָגט ניט קיין נאַציאָנאַלע אייניקייט, נאָר ווייל זי פאַרמאָגט ניט דאָס רעכט צו באַנוצן איר מוטער־שפּראַך. דערלויבט איר צו באַנוצן איר מוטערשפּראַך, און די אומצופרידנקייט וועט אַריבער. אַ מינדערהייט איז אומצופרידן ניט צוליב דעם וואָס זי פאַרמאָגט ניט אַ קינסטלעכע אייניקייט, נאָר ווייל זי באַזיצט ניט אירע אייגענע שולן. גיט איר אייגענע שולן, און די גאַנצע אומצופרידנקייט וועט פאַרשווינדן" (ווערק, 2טער באַנד).

טראַכט מען זיך אַריין אין אַט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווערט פאַרשטענדלעך די זיגזאַגישע, אָפט מאָל ווידער־שפּרעכלעכע באַציונג פון די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד צו יידן — צו די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און צו דער מדינת ישראל.

טעאָריע און פּראַקטיק

צום ערשטן מאָל האָט לענין זיך אָנגעשטויסן אויפֿן יידישן פּראָבלעם אין שייכות מיטן „בונד". די יידישע אַרבעטער מיט זייער סאָציאַליסטיש אָר־יענטירטער אינטעליגענץ האָבן באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ פּאַראייניקטע סאָ־ציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג נאָך פֿריער פֿאַר די רוסישע אַרבעטער. דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פֿון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד" איז געשאַפֿן געוואָרן אין ווילנע דורך דעלעגאַטן פֿון אַ ריי יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין ליטע, פּוילן און ווייסרוסלאַנד אין יאָר 1897. דאָס איז געווען אַ יאָר פֿריער איידער פּלעכאַנאָוו האָט אויף אַן ענלעכער געהיימער קאָנפֿע־רענץ אין מינסק פֿון דעלעגאַטן פֿון רוסישע סאָציאַליסטן־גרופּעס געשאַפֿן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער „בונד" איז געווען באַטייליקט אין יענער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג; לענין איז דאַן געווען פֿאַרשיקט אין סיביר און ער האָט זיך אין איר ניט באַטייליקט. אויפֿן צווייטן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין יאָר 1903 איז שוין לענין געווען דער פֿירער פֿון אַ פֿראַקציע פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און געפֿירט אַ ביטערן קאַמף מיט די פֿירער פֿון אַן אַנדער פֿראַקציע, פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו (פּסיידאָנים פֿון צעדערבוים, אַן אייניקל פֿון רעדאַקטאָר פֿון „המליץ", אַלעקסאַנדער צע־דערבוים). אַט דער שטרייט האָט דערפֿירט צו אַ שפּאַלטונג פֿון דער פּאַרטיי אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דער שטרייט איז געגאַנגען סיי וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער קומענדיקער רוסישער רעוואָלוציע און סיי וועגן דער סטרוקטור און אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי. אין יענעם מאָמענט איז דער שטרייט וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער פּאַרטיי געווען דער וויכטיקסטער. דער „בונד" איז געשטאַנען לעבן לענין אין וועג סיי מיט זיין מענשעוויזם און סיי מיט זיין פֿאָדערונג פֿאַר אויטאָנאָמיע אין דער פּאַרטיי. אויך דאָ איז דאָס צווייטע געווען דאָס וויכטיקסטע.

אַרקאַדי קרעמער, דער פֿאָרזיצער פֿון דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג פֿון „בונד" און איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿירער זיינע, האָט אויף אַזאַ אופֿן פֿאָרמולירט דעם ציל פֿון דער נייער אָרגאַניזאַציע: „דער ציל פֿון בונד, ווי אַן

אָרגאַניזאַציע, וואָס שליסט איין אַלע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס, איז ניט נאָר צו קעמפן פאַר די אַלגעמיינע רוסישע פּאָליטישע פאָדערונגען, נאָר אויך צו באַשיצן די ספּעציעלע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער, דאָס הייסט צו קעמפן פאַר זיין מענטשלעכער ווערדע, פאַר זיינע רעכט ווי אַ בירגער און זיך קעגנצושטעלן אַלע אַנטי־יידישע פאַרפאָלגונגען... עס איז אויך אין די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער אויפצובויען אַזאַ פּאַרטיי (דאָס הייסט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) און זיך צו פאַרבינדן מיט איר ווי אַ פאַראייניקטע, פעסטע און אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, מיטן רעכט צו קומען צו אירע אייגענע אויספירן בנוגע די ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען און אַרויסצוגעבן איר אייגענע ליטעראַטור פאַר די יידישע מאַסן". צו דעם האָט לענין, נאַטירלעך, ניט געקאָנט דערלאָזן. דאָס איז געווען ניט נאָר קעגן דעם מאָנאָליטישן געבוי פון דער פּאַרטיי, פאַר וועלכן לענין האָט געקעמפט קעגן די מענשעוויקעס; דאָס האָט אויך געקאָנט עפענען אַ טיר פאַר דער דעצענטראַליזאַציע פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויב יידן וועלן האָבן זייער אויטאָנאָמע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און זי, די אויטאָנאָמע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וועט אַליין דעצידירן וועגן די פּראָבלעמען וואָס זיינען שייך דעם יידישן אַרבעטער, קאָנען די אוקראַינישע סאָציאַליסטן פאָדערן דאָס זעלבע פאַר אוקראַינע, די ווייסרוסישע סאָציאַליסטן — פאַר ווייסרוסלאַנד, די גרוזינישע — פאַר גרוזיע, און אַזוי אויך די סאָציאַליסטן פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס וואָלט פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געמאַכט אַ מאַכטלאָזע פעדעראַציע פון אויטאָנאָמע קערפּערשאַפטן, ניט קיין מאָנאָליטיש צענטראַליזירטע, פון אויבן קאָנטראָלירטע און אַבסאָלוט דיסציפּלינירטע פּאַרטיי — אַזאַ ווי לענין האָט זי געוואָלט אויפבויען.

דערצו האָט דער „בונד" געוואָרפן נאָך אַ שטיין אונטער די רעדער פון לענינס פּלענער פאַר רוסלאַנד. דער „בונד" האָט געפאָדערט אויטאָנאָמיע פאַר די רוסישע יידן, בעת לענין האָט אפילו די פעלקער, וואָס זיצן קאָנצענטרירט אויף זייער אייגענער טעריטאָריע ניט געוואָלט געבן קיין פולע זעלבשטענדיקייט. אין יאָר 1913 האָט לענין געשריבן: „פעדעראַציע באַטייט אַ פאַראייניקונג פון גלייכע, באַזירט אויף איינשטימיקייט... מיר וואַרפן אָפּ פעדעראַציע אין פּרינציפּ; עס שוואַכט אָפּ די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, עס איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אונדזער מלוכה". איז אויב מען זאָל צוזאָגן די יידן אויטאָנאָמיע, טאָ ווי קאָן מען אָפּזאָגן פעדעראַציע פאַר אוקראַינער, ווייסרוסן און

אַנדערע? מיט דעם דערקלערט זיך פאַר וואָס לענין און סטאַלין האָבן אַזוי פיל און אַזוי שטאַרק פּאָלעמיזירט מיטן „בונד“.

נאָכן אָוועקשטעלן דעם פּרינציפּ אַז „מאַרקסיזם און נאַציאָנאַליזם זיינען סותר איינס דאָס אַנדערע“, אַז „מאַרקסיזם איז קעגן פּאַרטיקולאַריזם און פעדעראַליזם און פאַר צענטראַליזאַציע און אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“, און אַז דער „סאָציאַליזם צילט צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער קולטור. וואָס זאָל זיין אַ צוזאַמענשטעלונג פון אַלץ וואָס איז פּאָזיטיוו אין די פאַר־שיידענע נאַציאָנאַלע קולטורן“, איז לענין אַריבער צום ספּעציפישן ענין פון יידישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט ציטירט בורזשואַזע אויטאָריטעטן ווי ערנסט רענאַן און אַלפרעד נאַקע, און מאַרקסיסטישע אויטאָריטעטן ווי קאַרל קאַוטסקי און אָטאָ באַוער, כדי צו באַווייזן, אַז יידן זיינען ניט קיין פאָלק. „אין דער צי־וויליזירטער וועלט, זיינען די יידן ניט קיין פאָלק, זיי זיינען מייסטנס אַסימי־לירט... די אידעע פון אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט איז קעגנזעצלעך די אינטע־רעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט דורך שאַפן אין אים אַ שטימונג, וואָס איז פיינטלעך צו אַסימילאַציע, אַ שטימונג פון ,געטאָ'... די יידישע פראַגע שטייט גענוי אַזוי: אַסימילאַציע אָדער איזאָלאַציע (אָפּזונדערונג). די אידעע פון אַ יידישער ,נאַציאָנאַליטעט' טראָגט אַ קלאָרן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער ניט נאָר ביי אירע אויסגעהאַלטענע פּאַרטיזאַנען (די ציוניסטן) נאָר אויך ביי די, וואָס מאַכן אַ פּרווו זי צו קאָמבינירן מיט די אידעען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די בונדיסטן)... די פאָדערונג פון קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האָבן אונטער־געהאַלטן אַלע יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען אין רוסלאַנד אָן אויסנאַם. דער „בונד“ האָט זיך נאָכגעשלעפּט הינטער זיי אָן קריטיק... די, וואָס גיסן צוזאַמען די אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט רוסן, לאַטישן, אוק־ראַינער, און אַזוי ווייטער, ברענגענדיק מיט זיך זייער בייטראָג צום שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון די אַרבעטער־באַוועגונגען, האַלטן מיט דעם אויף, ניט געקוקט אויפן בונדס סעפּאַראַטיזם, די בעסטע יידישע טראַדיציע, קעמפנדיק קעגן ,נאַציאָנאַלער' קולטור“.

דאָס איז געווען געזאָגט אין יאָר 1903. מיט צען יאָר שפּעטער האָט לענין זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דעם. ער האָט געשריבן: „איבער גאַנץ איי־ראָפּע איז דער צעפאַל פון מיטלאַלטער און די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישער פרייהייט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון די יידן, מיט זייער איבערגאַנג פון דער יידישער שפּראַך צו דער שפּראַך פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, און אין אַלגעמיין מיט זייער

אַנספּקדיקן פאַרשריט צו אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. זאָלן מיר גיין צוריק צו די פּרימיטיווע טעאָריעס און דערקלערן, אַז נאָר אין רוסלאַנד וועט עס זיין אַן אויסנאַם... וואָס באַטייטן אַט די אַקטן? זיי באַ־טייטן, אַז קעגן אַסימילאַציע קענען אַרויסטרעטן נאָר די קליינבירגערלעכע יידן, וואָס ווילן צוריקדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע און צווינגען עס צו גיין ניט פון רוסלאַנד און גאַליציע קיין פּאַריז און ניו־יאָרק, נאָר פּונקט פאַרקערט".

סטאַלין, וועמען לענין האָט געגעבן די אויפגאַבע זיך צו ספּעציאַליזירן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער פּאָלעמיק קעגן „בונד". ער האָט קודם אָוועקגעשטעלט צו באַהאַנדלונג דעם פּרינציפּ: וואָס איז אַזוינס אַ נאַציע? „אַ נאַציע איז אַ היסטאָריש אַנטוויקלטע סטאַבילע געמיינדע פון מענטשן, געבוים אויפן באַזיס פון אַ געמיינזאַמער שפּראַך, טע־ריטאָריע, עקאָנאָמיק און פּסיכאָלאָגישן שטייגער, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ געמיינזאַמער קולטור. נאָר דעמאָלט ווען די אַלע כאַראַקטעריסטישע אייגנ־שאַפטן עקזיסטירן צוזאַמען גענומען, האָבן מיר פאַר זיך אַ נאַציע. עס איז גענוג, אַז נאָר איין איינציקער פון אָט די כאַראַקטעריסטישע שטריכן זאָל אויספעלן, און די נאַציע הערט אויף צו זיין נאַציע". לויט דער דעפיניציע זיינען יידן, פאַרשטייט זיך, ניט קיין נאַציע. און סטאַלין גייט אַריבער דירעקט צום ענין יידישע נאַציאָנאַליטעט:

„אויב עס איז יאָ דאָ עפּעס געמיינזאַמעס צווישן זיי (די יידן), איז דאָס זייער רעליגיע, זייער געמיינזאַמער אָפּשטאַם און געוויסע איבערבלייבן פון אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער... און נאָר אויף אָט דעם סמך קאָן מען בכלל ריידן וועגן יידן ווי אַ פאָלק... און דאָס איינהייטלעכע יידישע פאָלק דערנענטערט זיך צום סוף, און דעריבער איז ניטאָ ווער עס זאָל פאָדערן פאַר אים נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמיע. די יידן ווערן אַסימילירט".

„אָט דער צוגאַנג צום גורל פון די יידן איז ניט ניי; ער איז שוין גע־קומען צום אויסדרוק ביי מאַרקסן אין די פערציקער יאָרן פון XIX יאָר־הונדערט אין שייכות בעיקר מיט די דייטשע יידן; ער איז איבערגעחזרט גע־וואָרן פון קאַוטסקין אין יאָר 1903 אין שייכות מיט די רוסישע יידן; עס ווערט אַצינד איבערגעחזרט פון באַוער לגבי די עסטרייכישע יידן... די פראַגע פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די רוסישע יידן נעמט דעריבער אָן אַ מאָדנעם כאַראַקטער: אויטאָנאָמיע ווערט פאָרגעשלאָגן פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט ניט פאַר זיך קיין צוקונפט און וואָס זיין עקזיסטענץ דאַרף נאָך ערשט

באַוויזן ווערן... עס קאָן ניט זיין קיין פראַגע פון טעריטאָריאַלער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר יידן, מחמת די יידן האָבן ניט קיין באַשטימטע אינטעגראַלע טעריטאָריע... (און וואָס שייך נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע), איז ערשטנס דאָס געקינסטלט און אומפּראַקטיש, מחמת מען וואָלט געדאַרפט צונויפנעמען אין אַן אייך איינהייטלעך פאָלק — מענטשן, וואָס דער גאַנג פון די געשעענישן, פון רעאַלע געשעענישן, צעטיילט און צעשפּרייט זיי איבער אַלע טיילן פון לאַנד; צווייטנס, סטימולירט דאָס צו נאַציאָנאַליזם, וואָרעם עס פירט צום שטאַנדפּונקט, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט צו ,אויסצייכענען׳ מענטשן לויט נאַציאָנאַלע טיילן, צו ,אָרגאַניזירן׳ פעלקער, צו ,פּרעזערווירן׳ און קולטיווירן ,נאַציאָנאַלע אייגנאַרטן׳ — עפּעס, וואָס שטימט דורכויס ניט מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״.

סטאַלין מאַכט חוזק פון „בונד״ און ער שרייבט גאַליק: „מען קאָן דערוואַרטן, אַז דער „בונד״ וועט מאַכן נאָך אַ שריט און פאָדערן דאָס רעכט אָפּצוהיטן די פאַרצייטיקע העברעיִשע ימים־טובים. און אויב, צום אומגליק פון „בונד״, די יידישע אַרבעטער האָבן פאַרוואָרפן זייערע רעליגיעזע פאַר־אורטיילן און ווילן מער דאָס ניט אָפּהיטן, וועט דער „בונד״, מיט זיין אַגיטאַציע פאַרן רעכט פון שבת, זיי דערמאָנען אין שבת; ער וועט, אַזוי צו זאָגן, קולטיווירן צווישן זיי דעם ,שבתדיקן גייסט׳... אויפהיטן אַלץ וואָס איז יידיש, קאָנסערווירן אַלע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן פון די יידן, אַפילו יענע, וואָס זיינען בולט שעדלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט, איזאָלירן די יידן פון יעדער זאַך וואָס איז ניט־יידיש, אַפילו איינאָרדענען ספּעציעלע שפּיטאָלן — אָט צו דער מדרגה איז דער ,בונד׳ אַראָפּגעזונקען״.

וואָס מער די באָלשעוויסטישע פירער האָבן זיך דערנענטערט צו דער רעוואָלוציע, אַלץ מער האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דערווירקלעכקייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און איינגעזען, אַז זייערע סאָציאַליסטישע חלומות פון צונויפשמעלצן צוזאַמען אַלע פעלקער, מוז בלייבן אַ חלום אויף אַ סך יאָר, אַפילו נאָך דעם ווי זיי וועלן איינפירן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. און זיי האָבן גענומען צופּאַסן זייער טעאָריע צו דער טאַקטיק, וואָס די רעאַלע אומ־שטענדן וועלן דיקטירן.

לענין האָט דאָס איינגעזען נאָך אין יאָר 1916. שרייבנדיק, אַז דער ציל פון סאָציאַליזם איז צונויפצושמעלצן די פעלקער, האָט ער צוגעגעבן, אַז „פּונקט ווי די מענטשהייט קאָן ניט קומען צו דער אָפּשאַפונג פון די קלאַסן אַנדערש ווי דורך דעם איבערגאַנג־פּעריאָד פון דער דיקטאַטור פון

דעם אונטערדריקטן קלאַס, אַזוי איז ניט מעגלעך, אַז דער צונויפגיס פון די פעלקער זאָל קומען פריער ווי דורך אַן איבערגאַנג־פעריאָד פון דער פולער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, דאָס הייסט זייער פרייהייט צו זיין אָפגעטיילט".

נאָך דער רעוואָלוציע, אין יאָר 1920, ווען לענין אַליין האָט שוין גע־דאַרפט אַנטשיידן דעם גורל פון די פעלקער אין געוועזענעם רוסלאַנד, האָט ער דעם צונויפגוס פון די פעלקער אָפגעלייגט אויף נאָך שפעטער: „כל זמן עס עקזיסטירן נאַציאָנאַלע און מלוכהשע פאַרשיידנקייטן צווישן פעלקער און לענדער — און אַט די פאַרשיידנקייטן וועלן זיך האַלטן זייער און זייער לאַנג אַפילו נאָך דעם ווי עס וועט אויפקומען די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב — פאָדערט די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער ניט אָפצו־שאַפן די פאַרשיידנקייטן, ניט אומצוברענגען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטן, (דאָס איז אַן אומזיניקער גערדאַנק אין איצטיקן מאָמענט), נאָר אַזוי אָנווענדן די גרונט־פרינציפן פון קאָמוניזם (סאָוויעטישע מאַכט און פראָלעטאַרישע דיק־טאַטור), אַז זיי זאָלן ריכטיק געענדערט ווערן אין די פרטים, ריכטיק צוגע־פאַסט, און אָנגעווענדט ווערן צו די נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־מלוכהשע אייגנ־אַרטן". (ווערק, באַנד 25, זייט 227).

סטאַלין ברענגט אָט דעם ציטאַט פון לענינען אין אַ פאָלעמיק אין 1929 (ווערק, באַנד 11, ז"ז 333—355) און שטרייכט אונטער, אַז דאָ האָט לענין גערעדט ניט וועגן „פעריאָד ווען דער סאָציאַליזם וועט זיגן אין איין לאַנד, נאָר אויסשליסלעך" נאָך דעם ווען די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט וועט שוין עקזיסטירן אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, דאָס הייסט ווען דער סאָ־ציאַליזם וועט זיגן אין אַלע לענדער, ווען עס וועלן שוין זיין אַוועקגעלייגט די יסודות פון אַ וועלט־סאָציאַליסטישערווירטשאַפט". און ער גיט צו:

„עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו טראַכטן, אַז נאָך דעם זיג איבער דעם אימפעריאַליזם וועלן תיכף אָפגעווישט ווערן די נאַציאָנאַלע אונטער־שיידן און עס וועלן פאַרשווינדן די נאַציאָנאַלע שפראַכן מיט איין קלאַפּ, און אויף דעם אופן, אַזוי צו זאָגן, ווי דורך אַ דעקרעט פון אויבן. ניטאָ קיין גרע־סערער טעות ווי אָט די מיינונג. פרווון צונויפגיסן פעלקער דורך דעקרעטן פון אויבן, דורך צוואַנג — דאָס וואָלט באַטייט אַריינשפילן אין די הענט פון די אימפעריאַליסטן, דערשטיקן די באַפרייונג פון פעלקער, באַגראָבן דאָס אָרגאַניזירן די צוזאַמענאַרבעט און ברודערשאַפט פון פעלקער. אַזאַ פּאָליטיק

וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי אַ פּאָליטיק פון אַסימילאַציע. אייך איז געוויס באַ־וווסט, אַז אַ פּאָליטיק פון אַסימילאַציע איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן פון אַר־סענאַל פון מאַרקסיזם־לעניניזם, ווי אַ פּאָליטיק וואָס איז אַנטי־פאָלקיש, קאָנ־טער־רעוואָלוציאָנער, ווי אַ פאַטאַלע פּאָליטיק".

ווייטער, שרייבט סטאַלין, אַזביים קאַפּיטאַליזם קאָן די נאַציאָנאַלע פראַגע געלייזט ווערן — דאָס הייסט, אויף ווי ווייט זי קאָן בכלל געלייזט ווערן ביים קאַפּיטאַליזם — נאָר אין די אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטישע לענדער, ווי די שווייץ און אַמעריקע. פאַר דער צוקונפט זעט עס פאַר אַ סיטו־אַציע, אַז ווען די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט זאָל זיין פאַראייניקט אין אייןווירטשאַפט, וועט זיך דאָרטן אַנטוויקלען איין אַלגעמיינע שפּראַך פאַר אַלע פעלקער, ווי אַ סאָרט עספּעראַנטאָ, זייט ביי זייט מיט די שפּראַכן פון די פאַרשיידענע פעלקער. אַן ענלעכער פּראָצעס וועט פאָרקומען ביי די פאַר־אייניקטע סאָציאַליסטישע לענדער. די אויפלייזונג פון די פעלקער גייט ביי סטאַלינען האַנט אין האַנט מיטן אויפגעבן די נאַציאָנאַלע שפּראַכן, און דאָס ווערט אָפּגעלייגט אויף גאָר, גאָר אַ לאַנגער צייט. סטאַלין האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער פּראַקטישער זייט פון נאַציאָנאַלער קולטור ווי אַ מיטל אויפצוהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון פאָלק, בפרט ביי געוויסע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע זיינען אין יאָר 1929 נאָך געווען אין 80—90 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטיש. און ער פירט אויס:

„צוליב דעם איז נייטיק צו באַדעקן דאָס לאַנד מיט אַ ברייטער נעץ שולן אין דער פאָלקס־שפּראַך, און זיי באַזאָרגן מיט קאַדרען לערער, וואָס קענען די שפּראַך פון פאָלק. צוליב דעם דאַרף מען נאַציאָנאַליזירן, דאָס הייסט — שאַפן אַ נאַציאָנאַלע סטרוקטור פאַר אַלע אַפּאַראַטן פון דער פאַרוואַלטונג — פון פּאַרטייאישע און פּראָפאַראייניקשע ביז מלוכהשע און ווירטשאַפטלעכע. צוליב דעם דאַרף מען אַנטוויקלען פּרעסע, טעאַטער, קינאָ און אַנדערע קולטור־אינ־סטיטוציעס אויף דער שפּראַך פון פאָלק. פאַר וואָס — וועט מען פרעגן — אויף דער שפּראַך פון פאָלק? צוליב דעם וואָס די מיליאָניקע מאַסן פון פאָלק קאָנען דערגרייכן קולטורעלע, פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג נאָר אויפן אייגענעם, אויפן נאַציאָנאַלן לשון", און סטאַלין פאַרענדיקט זיין פּאָ־לעמיק מיט די ווערטער: „קיין אַנדער פּאָליטיק אין באַצוג צו דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע, אויסער דעם וואָס ווערט איצט געפירט אין אונדזער לאַנד, קאָנען לעניניסטן ניט פירן, דאָס הייסט, אויב זיי ווילן בלייבן לעניניסטן".

אָט דאָס איז געווען סטאַלינס נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע אין יאָר 1929,

און ביי דעם האַלט זיך, אין דער טעאָריע, דער ראַטן־פאַרבאַנד נאָך היינט צו טאָג. אַזאַ אומגעפּער איז געווען די סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין די דרייסיקער יאָרן, און מער־ווייניקער אויך היינט. די טערמינען „אומגעפּער" און „מער־ווייניקער" זיינען אָבער דאָ זייער וויכטיק. וואָרעם מיר האָבן דאָ אַ געמיש פון פּרינציפּיעלקייט און אָפּאָרטוניזם.

אין פלוג איז דאָס אַ זייער ליבעראַלע שטעלונג, מחמת וואָס קען דען זיין ליבעראַלער ווי די דריי פּרינציפּן, וואָס סטאַלין האָט פאָרגעלייגט פאַר די פעלקער פון אַמאָליקן רוסלאַנד: „אָנערקענען די רעכט פון פעלקער זיך אָפּצורייסן פון ראַטן־פאַרבאַנד, געגנטלעכע אויטאָנאָמיע פאַר פעלקער אין געגעבענעם שטאַט, און ספּעציעלע געזעצן צו גאַראַנטירן די פרייהייט פון אַנטוויקלונג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן"? דאָ זיינען דאָך די אינטערנאַציאָנאַליסטישע מאַרקסיסטן דערגאַנגען צו דער נאַציאָנאַלער טעאָריע פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און — נאָך ווייטער. וועגן די רעכט פון אָפּרייסן זיך איז דאָך געפירט געוואָרן אַ בלוטיקער בירגערקריג אין אַמעריקע, און נאָר אין רעזולטאַט פון אַ וועלט־מלחמה האָבן דאָס באַקומען די פעלקער פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע!

אָבער צו אַט די דריי גרויסאַרטיקע פּרינציפּן זיינען צוגעבונדן געוואָרן צוויי זייטיקע שטריק, וואָס מאַכן פּאָטענציעל בטל דאָס גאַנצע עסק. זיי גיבן איבער דעם שליסל צו די נאַציאָנאַלע רעכט ניט אין די הענט פון דעם פאָלק גופא, נאָר אין הענט פון פרעמדע מענטשן, וואָס האַלטן, ווידער פּרינציפּיעל, אַז נאַציאָנאַלע רעכט זיינען אַ זאַך פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהער דאָס בויען סאָציאַליזם און דער סאָציאַלסטישער פאַרבאַנד אַלס אַ גאַנצער — ווי לענין אַליין האָט דאָס בפירוש געזאָגט. אַט די שטריק זיינען: איין צענטראַלע פּאַרטיי און איין סאָציאַליסטישע קולטור.

די גרעסטע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן זייערע אייגענע אויטאָנאָמע רעפּובליקן, אָבער זייערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען ניט אויטאָנאָם; זיי זיינען סעקציעס פון דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אַלסאָוויעטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט קיין פעדעראַציע פון זעלבשטענדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די פאַרשידענע אויטאָנאָמע סאָוויעטישע רעפּובליקן, נאָר איין צענטראַלע פּאַרטיי, פון וועלכער די פּאַרטייען פון די אַנדערע רעפּובליקן זיינען נאָר צווייגן און זיי געפינען זיך אונטער דער קאָנטראָל און דיסציפּלין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער

אַל־סאָוויעטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איז ווי באַלד די אָרטיקע קאָמוניס־טישע פּאַרטיי, אונטערן סאָוויעטישן סיסטעם, קאָנטראָלירט די אָרטיקע רע־גירונג, איז ווער עס קאָנטראָלירט די אָרטיקע פּאַרטיי, דער קאָנטראָלירט די אָרטיקע רעגירונג און דאָס גאַנצע דאָרטיקע לעבן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אוקראַיִנע זאָל זיך וועלן אָפּרייסן פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי זי האָט עס בפירוש אַ רעכט צו טאָן, לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, וואָלט אָט דער שריט געדאַרפט געמאַכט ווערן דורך דער אוקראַיִנישער רעגירונג — זי וואָלט דערקלערט זיך אומאָפּהענגיק פון ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער די רעגירונג איז דאָך ניט מער ווי דער אויספיר־אַפּאַראַט פון דער אוקראַיִנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; און אָט די פּאַרטיי ווידער קאָן אַליין וועגן אַזאַ זאַך ניט דעצידירן, פּונקט ווי זי קאָן ניט דעצידירן אין אַנדערע וויכטיקע ענינים; זי מוז דאָס ברענגען פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַל־סאָוויעטישער פּאַרטיי. באַקומט זיך במילא, אַז אָט די פראַגע צי אוקראַיִנע זאָל זיך יאָ אָפּטיילן פון ראַטן־פאַרבאַנד צי ניט, קאָן אַנטשיידן נאָר די פירער־שאַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד, די פּאָליטביוראָ, און זי וועט נאַטירלעך דעם ענין פּאָזיטיוו ניט אַנטשיידן, פאַרקערט, ביי דער מינדסטער אַגיטאַציע פאַר דעם, וועט זי אַראָפּוואַרפן די פירער פון דער אוקראַיִנישער פּאַרטיי און באַשטימען אַנדערע אויף זייערע ערטער — און דאָס וועט זיין לעגאַל, מחמת ווי די אַל־סאָוויעטישע פּאַרטיי קאָן זי אָנוואַרפן איר דיסציפּלין אויף דער לאָקאַלער פּאַרטיי. אויף אַזאַ אופן קאָן אויך מאָסקווע איינס און צוויי אַראָפּוואַרפן אַ פּרעמיער פון אַן אויטאָנאָמער רעפּובליק און אַוועקזעצן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט — און דאָס געשעט ניט זעלטן. בקיצור, די נאַציאָנאַלע פרייהייט און זעלבשטענדיקייט פון אַ פאָלק גרייכט אַזוי ווייט ווי דער קרעמל דערלאָזט דערצו.

די צווייטע שטריק — סאָציאַליסטישע קולטור — איז פאַקטיש אַ בריק צו אַסימילאַציע. זי ליידיקט אויס די קולטור פון אַ פאָלק פון איר היס־טאָרישן אינהאַלט, און עס בלייבט פון איר ניט מער ווי דאָס נאַציאָנאַלע לשון, און אויפן לשון אַליין קען אַ מינדערהייט לאַנג ניט עקזיסטירן. לענין האָט געזאָגט, אַז אַ פאָלק האָט צוויי קולטורן, אַ בורזשואַזע און אַ פּראָלעטאַרישע. די בורזשואַזע איז די אַזוי געררופענע נאַציאָנאַלע קולטור, אַ רעאַקציאָנערע אין איר אינהאַלט; די פּראָלעטאַרישע איז די פּראָגרעסיווע קולטור פון פּראָ־לעטאַריאַט, אַן אינטערנאַציאָנאַלע אין אינהאַלט. פון דאַנען שטאַמט די פאָר־מולע פאַר דער סאָוויעטישער קולטור: „נאַציאָנאַל אין פאָרעם, סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט". סטאַלין האָט נאָך צוגעגעבן, אַז עס זיינען פאַראַן בורזשואַזע

פעלקער און פּראָלעטאַרישע, די בורזשואַזע פעלקער ווערן אויפגעלייזט ביים סאָציאַליזם, די פּראָלעטאַרישע בלייבן עקזיסטירן מיט זייערע פּראָלעטאַרישע קולטורן.

סאָציאַליסטישע קולטור לייקנט ניט אָפּ די פאַרגאַנגענהייט פון אַ פאָלק און שאָקלט זיך ניט אָפּ אין גאַנצן פון גייסטיקן אוצר פון פאָלק. זי טוט נאָר איין זאַך: דאָס געדיכטע וואַרפט זי אַרויס, און דאָס שיטערע גיסט זי אויס. יעדער עלעמענט פון ריין־נאַציאָנאַלן באַטייט ווערט אָפּגעוואָרפן ווי „בור־זשואַז“, און אַרויסגעהויבן ווערן נאָר די עלעמענטן, וואָס האָבן אַן אוניווער־סאַלן כאַראַקטער. פון נאַציאָנאַלן קוואַל בלייבט בלויז דאָס, וואָס איז ניט נאַציאָנאַל, וואָס געהער סיי ווי צום אינטערנאַציאָנאַלן געברויך. דורך דעם ווערן די נאַציאָנאַליטעטן אַנטנאַציאָנאַליזירט. זיי ווערן אינטערנאַציאָנאַליזירט, און דאָס באַטייט ניט מער ווי איבערצוגיין פון דער אייגענער שפּראַך צו דער שפּראַך פון דער גרויסער מערהייט. אַ מאָל האָט מען דאָס גערופן „רוסיפיצירט“.

פון דעם באַקומט זיך דער קוריאָז, וואָס אין אַ לאַנד, ווי מיר האָבן ערשט געלייענט ביי סטאַלינען, וווּ קיין אַסימילאַציע פון אויבן טאָר ניט גע־דולדעט ווערן, איז דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליזם“ געוואָרן אַ גרויסע אַפּיקורסות, דאָס זעלבע ווי שאָוויניזם, אַ פאַרברעך, אַ פאַרראַט פון סאָציאַליסטישן פאָטער־לאַנד, און אַז דער „אויבן“ באַשטימט צי אַ פאָלק זאָל האָבן דאָס קאַרגע ביסל אייגענע קולטור, וואָס איז סאָציאַליסטישע קולטור.

טעאָריע און פּראַקטיק לגבי ייִדן

לגבי די ייִדן איז, ווי מיר האָבן אויבן געזען, די לענין־סטאַליניסטישע נאַציאָנאַלע טעאָריע געווען שטרענגער ווי לגבי די אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד. וואָס שייך אַנדערע פעלקער, האָט מען דאָך ניט אָפּגעלייקנט זייער עצם זיין אַ נאַציע. בלויז צוויי פעלקער פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן ניט אויסגעהאַלטן סטאַלינס דעפיניציע פון אַ נאַציע: ייִדן און ציגיינער, מחמת זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע טעריטאָריע, וווּ זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ מערהייט, נאָר אומעטום זיינען זיי אַ מינדערהייט. ווי אַ נאַציע זיינען זיי נעגירט געוואָרן, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען זייער פאָלקישקייט אָנערקענט אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און ווי אַזעלכע זיינען זיי לויטן סאָוויעטישן סיסטעם געווען באַרעכטיקט צו אַן אייגענעם קולטור־לעבן אין דער אייגענער שפּראַך.

די ציגיינער זיינען געווען צו ווייניק אין צאָל, צו ווייניק קאָמפּאַקט אויף איין אָרט און זיי האָבן בכלל ניט געהאַט קיין גרויסן קולטור־אינטערעס. אויף דער ציגיינער־שפּראַך איז געווען איין טעאַטער אין מאָסקווע, ווי אַ סימבאָל, אַז אַפילו די ציגיינער קאָנען האָבן זייער אייגענע קולטור, אויב זיי זאָלן דאָס וועלן. די ייִדן זיינען געווען גרויס אין צאָל — דריי מיליאָן, נאָך דעם ווי פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק — קאָנצענטרירט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין געוויסע געגנטן, און דערצו האָבן זיי געהאַט אַ גרויס שטאַרק, פאַרוואָרצלט, קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס האָט זיך נאָך מער צעבליט נאָך דער מאַרץ־רעוואָלוציע. דערפאַר האָבן די ייִדן באַקומען די מעגלעכקייט צו פירן אַ קולטור־לעבן אויף ייִדיש, ווי מיר האָבן שוין איבערגעגעבן גענויער אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. מיר האָבן שוין איבערגעגעבן דעם טראַגישן גורל פון דער ייִדישער קולטור. דאָ דאַרף נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף אַן אַמביוואַלענץ, אַ סאָרט טאָפּלקייט און סתירהדיקייט אין דער טאַקטיק לגבי די ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור־רעכט. במשך פון דער גאַנצער צייט פון סאָוויעטישן רעזשים באַמערקט זיך אָט די באַציונג, ווי איין האַנט וואָלט ניט געוווסט וואָס די צווייטע טוט — פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו.

אויף דער פּאָזיטיווער זייט איז פאַראַן צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, וואָס

יידן האָבן אין משך פון אַ לאַנגער צייט געהאַט די נאָרמאַלע באַדינגונגען צו באַניצן זייער יידיש לשון אין צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, שולן, העכערע בילדונג און טעכנישע אַנשטאַלטן, און אויך אין ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען, ווי אין קאָלווירטן, פאַבריקן און אַפילו אין אָרטיקע אָפיציעלע אינסטיטוציעס ווי שטאָטראַטן און געריכטן, ווו יידן האָבן באַטראָפן אַ מערהייט. מען קאָן זאָגן, אַז יידן האָבן אָט די געלעגנהייטן בעסער אויסגענוצט, ווי אַנדערע מינדערהייט־פעלקער, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען קולטורעל העכער אַנטוויקלט. די גענויע דערגרייכונגען אין דעם געביט זיינען שוין אָנגעגעבן געוואָרן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

צו די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דער פּרווו צו גיין אַפילו אַ שריט ווייטער: צו נאָרמאַליזירן די פאָלקישקייט פון יידן, אַז זיי זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער סטאַלינישער דעפיניציע פון נאַציע — דאָס הייסט, מיט אַן אייגענער טעריטאָריע. וואָסערע אַנדערע אויסרעכענונגען און מאָטיוון דאָ זאָלן ניט האָבן געווירקט, האָבן זיך אויך געפונען צווישן די סאָוויעטישע פירער אַזעלכע, ווי מיכאַיל קאַלינין, דער אָפיציעלער פּרעזי־דענט פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט באמת געמיינט און געהאָפט, אַז יידן וועלן אין ביראָבידזשאַן זיך שאַפן אַן אייגענע טעריטאָריע און זי מאַכן „אַזוי יידיש ווי אוקראַינע איז אוקראַיניש".

עס איז געווען אַ פּאָזיטיווע ווענדונג, הייסט דאָס, צו געבן יידן אויפ־ריכטיק און ערלעך אַלץ, וואָס איז זיי געקומען לויט דער נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע, ווי סטאַלין האָט זי פאָרמולירט אין יאָר 1929.

פון דער אַנדערער זייט איז כמעט גלייכצייטיק געווען אַ נעגאַטיווע ווענדונג צו באַשווערן די אַנטוויקלונג פון דער קולטור אויף יידיש, צו פאַר־פאַרשמעלערן איר פאַרנעם און דער עיקר ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל זיך איינפונדעווען מיט אַ מאָרגן, מיט אַ צוקונפט — אין נייעם דור. דאָ האָט שוין דער אָפּאָרטוניזם, די טאַקטיק, גובר־געווען די טעאָריע, און עס האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, ווי מען וואָלט דאָס קולטור־לעבן אויף יידיש באַ־טראַכט ווי אַן אַריבערגייענדיקע דערשיינונג און מען וואַרט מיט אומגעדולד אַז זי זאָל שוין פאַרשווינדן.

אין דער זעלבער צייט ווען מען האָט געמאַכט אַנגעזעענע שריט צו באַזעצן יידן אין ביראָבידזשאַן, האָט מען אויך געשיקט יידן אויף ערד אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, ווי אין דרום־רוסלאַנד און אין קרים. דאָס לאָזט זיך ניט דערקלערן מיטן מאָטיוו, אַז ניט אַלע יידן האָבן געוואָלט פאָרן קיין

ביראָבידזשאַן, אָדער זיי וואָלט דאָרט געווען שווערער זיך איינצולעבן. מען האָט דעמאָלט לחלוטין זיך ניט געצאַצקעט מיט מענטשן, און מען האָט ניט אַזוי שטאַרק געזאָרגט לייכטער צו מאַכן די שוועריקייטן אין ביראָבידזשאַן, פֿאַרקערט, מיט די זעלבע מיטלען וואָס מען האָט באַשטימט אויף איינצואָרדענען יידן אַנדערשווו, וואָלט מען זיי געקאָנט באַזעצן אין ביראָבידזשאַן, און דאָס וואָלט דאָרט געהאָלפֿן די אַנדערע יידן, זיי וואָלטן זיך מער איינגעוואָרצלט.

מעגלעך, אַז די מענטשן וואָס האָבן געשיקט יידן אויך אין אַנדערע געביטן, זיינען טאַקע אויסן געווען דאָס פֿאַרקערטע.

נאָך אַנזעעוודיקער איז דאָס געווען לגבי יידישע שולן. בעת די רייניקונגען אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן האָט מען ליקווידירט אַ ריי יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין ווייסרוסלאַנד צוליב דעם, וואָס זייערע אָנפֿירער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. צווישן די געשלאָסענע אינסטיטוציעס זיינען אויך געווען יידישע שולן. שפּעטער זיינען די קולטור־אינסטיטוציעס צוריק געעפֿענט געוואָרן מיט אַן אַנדערן פּערסאָנאַל, אָבער די יידישע שולן האָבן זיך שוין מער ניט געעפֿנט. אין די שפּעטערע דרייסיקער יאָרן געפֿינען מיר אין דער סאָוויעטישער יידישער פּרעסע טענות צו די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען, פֿאַר וואָס זיי באַזאָרגן ניט די יידישע שולן מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן. אין איין טענה איז געזאָגט געוואָרן, אַז מען האָט שוין לאַנג צוגעגרייט אַ לערנבוך, אַריינגעגעבן עס אין דרוק, דאָס לערנבוך האָט געזאָלט זיין פֿאַרטיק נאָך אין מיטן זומער כדי עס זאָל זיין אין שול ביים אָנהייב שוליאָר, און אַט איז שוין דאָס שוליאָר אין גאַנג, און דאָס לערנבוך איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרטיק. פּלוצעם האָט מען גענומען הערן רייד פֿון יידישע עלטערן, אַז עס איז ניט קיין תכלית צו שיקן יידישע קינדער אין יידישע שולן, וואָרעם סיי ווי וועלן דאָך די קינדער דאַרפֿן אַריבער אויף רוסיש — אין אינסטיטוט צי אין אוניווער־סיטעט — וועט זיי דאָרטן דער יידיש שטערן, דאָס הייסט דער רוסיש זייערער וועט ניט זיין אַזוי גוט. צו דער המצאה האָבן יידישע טאַטע־מאַמע זיך פֿריער ניט דערטראַכט. אַפֿנים, אַז זיי האָבן דערפֿילט אַן ענדערונג אין דער לופֿט.

שולן זיינען פֿאַרבונדן מיטן מאָרגן, און די קולטור אויף יידיש האָט, לויטן פּלאַן פֿון „אויבן", ניט געדאַרפֿט האָבן קיין מאָרגן. ערב דער היטלער־אינוואַזיע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן זיך דאָרט שוין געפֿונען אַ קליינע צאָל יידישע שולן. לויט ווי איך האָב געהערט אין מאָסקווע אין יאָר 1946, איז אין די עקזיסטירנדיקע שולן פֿאַרן קריג געווען אַזאַ מצב: אין די העכערע קלאַסן האָט זיך געפֿונען אַ גענוג גרויסע צאָל קינדער, אָבער אין די אָנהייב־קלאַסן

זיינען געווען אַזוי ווייניק קינדער, אַז מען האָט אָפט געמוזט צונויפגיסן צוויי שולן אין איינער. אין יאָר 1946, ווען מען האָט באַנייט אַ ריי יידישע קולטור־אינסטיטוציעס — די צייטונג, דעם פאַרלאַג, דעם טעאַטער — האָט מען קיין איין שול פון דאָס ניי ניט געעפנט — געעפנט איז געוואָרן בלויז אַ מין אינטער־נאַט אין קאָוונע, דאָס איז אייגנטלעך געווען אַן איבערגאַנג־צענטער פאַר די קינדער, צו געפינען פאַר זיי אַ פאַסיק אָרט, און לאַנג האָט דאָס ניט אָנגע־האַלטן. אויך אין ביראָבידזשאַן איז קיין איין יידישע שול ניט געעפנט גע־וואָרן נאָכן קריג, אַפילו ניט ווי אַ סימבאָל פון יידישן כאַראַקטער און דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

און די זעלבע ליניע ווערט אָנגעהאַלטן, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער דעסטאַליניזאַציע און דאָס צוריקגעבן די רעכט צו די פעלקער, וואָס סטאַלין האָט אַרויסגעריסן פון זייערע טעריטאָריעס און פאַרשיקט. אונטערן שטאַרקן אומאויפהעריקן דרוק פון אויסלאַנד, האָט מען דערלויבט סימבאָלישע קולטור־אימפּרעזעס אויף יידיש — אַ ליטעראַרישע צייטשריפט, עטלעכע ביכער, קאָנצערטן, פאַרלעזונגען — אָבער אַלץ ניט אַ סימבאָלישע יידישע שול. דער סימבאָל איז פאַרן איבערבלייב פון נעכטן, אָבער ניט פאַרן אויפקום פון מאָרגן.

לגבי יידן הערשט נאָך אַלץ ניט די טאַקטישע נאַציאָנאַלע טעאָריע פון יאָר 1929, נאָר די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון די יאָרן 1903 און 1913.

דער גורל פון העברעיִש

אין דער רעוואָלוציע־צייט פון יאָר 1917 אין רוסלאַנד, איז העברעיִש געוואָרן אַ גרויסער וואַקסנדיקער כוח אין גייסטיקן לעבן פון רוסישן יידנ־טום. אין יאָר 1917, ווען די העברעיִשע וואָכנשריפט אין מאָסקווע „העם" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאָגבלאַט, איז איר טיראַזש אַרויף פון 6,000 אויף 15,000 — די העכסטע צאָל קויפער, וואָס אַ העברעיִשע צייטונג האָט געהאַט ווען עס איז פאַרן אויפקום פון דער יידישער מדינה. און ווי דער שטייגער איז דאָרט געווען, איז יעדער נומער געלייענט געוואָרן פון עטלעכע פערזאָן.

די פאַרשפרייטונג פון דער העברעיִשער שפראַך און דער אויפשטייג פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור זיינען געווען אַ פראָדוקט פון אַ היס־טאָרישן פראָצעס פון קולטורעלער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און פון דער פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן. די עוואָלוציע איז געגאַנגען פון טאָטאַלער רעליגיע צו השכלה, און פון השכלה — צו נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, ציוניזם און מאָדערנעם העברעיִש; פון רבנישן ספר צום ליד פון חיים נחמן ביאַליק. קיין סתירה צו דער יידישער שפראַך און צו דער נייער יידישער ליטעראַטור איז דאָס ניט געווען, פונקט ווי פאַר אַ סך פרומע יידן איז ניט געווען קיין ווידערשפרוך צווישן רעליגיע און ציוניזם — אַריבערהיפנדיק די השכלה. די צוויי יידישע לשונות און ליטעראַטורן זיינען געווען ווי צוויי פליגל פון אַן אָדלער, וואָס טראָגט זיך אין די הויכן צו דער אויפגייענדיקער זון.

די לעצטע יאָרן פון צאַרישן רעזשים, — די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג — זיינען געווען קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער קולטור פון רוסישן יידנטום. די לאַגע אויפן פראָנט איז פאַר די רוסן געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, און די מאַכט האָט געזוכט אַ קרבן, אַ שעיר לעזאזל, אויף וועמען אַרויפצולייגן איר אייגענע שולד. דער צאַרישער רעזשים האָט דאָך שוין פון לאַנג אויסגע־נוצט די יידן אָפצוווענדן אויף זיי דעם צאָרן פון די מאַסן. צו דער גזירה פון עוואַקויִרן הונדערטער טויזנטער יידן פון די מערב־פראָווינצן איז צוגעקומען אַ פאַרבאָט אויף נייע יידישע דרוקאויסגאַבעס — בלויז די מאַטריצן פון ספרי־רומ"ל איז געווען דערלויבט צו באַנוצן — צו ערשט אין געוויסע טיילן

פון לאַנד, און דערנאָך איבערן גאַנצן לאַנד. בלויז איין אינדזל איז פאַרבליבן, וווהין אַט די גזירה האָט ניט דערגרייכט, און דאָס איז געווען דווקא מאָסקווע. אַהין זיינען גראָד אָנגעקומען יידן פון דער העכערער בורזשואַזיע און ניי־אויפגעקומענע גבירים. זיי זיינען געווען משכילים און אַרויסגעוויזן אַן אינ־טערעס צו ציוניזם און העברעיִש. צו זיי זיינען אַריבערגעקומען העברעיִשע זשורנאַליסטן און שרייבער. פאַר קאַרגע צוויי יאָר, פון יולי 1915 ביז מאַרץ 1917, וואָס דער פאַרבאָט אויפן יידישן וואָרט האָט עקזיסטירט, איז מאָסקווע געווען דער אַזיל, דער מקום־מקלט פאַר דער העברעיִשער קולטור. אַ וואָכנ־בלאַט „העם" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, העברעיִשע פאַרלאַגן פון גרויסן פאַרנעם האָבן זיך געשאַפן, עס האָבן זיך באַוויזן מעצענאַטן וואָס העברעיִש האָט פריער ניט געזען. אין מאַרץ 1917 האָט די בורזשואַזע רעוואָלוציע אָפּ־געווישט אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. עס האָט זיך געעפנט דער וועג פאַר אַ רענעסאַנס פון דער העברעיִשער קולטור.

באַלד נאָך אַט דער רעוואָלוציע, אין אַפּריל 1917, האָט די אָרגאַניזאַציע חובבי שפת עבר, וואָס האָט עקזיסטירט בעת דעם צאַרישן רעזשים אויף אַ באַשיידענעם אופן, זיך רעאָרגאַניזירט אין אַ ברייטער קולטור־אינסטיטוציע מיטן נאָמען „תרבות". זי האָט אָנגעפירט מיט פאַרשיידענע קולטור־טעטי־קייטן — פון קינדער־גאָרטנס ביז סעמינאַרן פאַר לערער, פון קורסן פאַר דערוואַקסענע ביז פאַרלאַגן פאַר שול־ביכער און ביבליאָטעקן. אויפן געביט פון העברעיִש איז „תרבות" געוואָרן אַן אַפּאַראַט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין אויגוסט 1917 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די אָרגאַניזירטע העב־רעיִשע לערער. איינע פון זייערע פאָדערונגען איז געווען, אַז העברעיִש דאַרף זיין די איינציקע לערן־שפּראַך פאַר די יידישע קינדער און אַז די „תרבות" ביבליאָטעקן דאַרפן איבערגענומען ווערן פון מלוכהשן בילדונג־אַפּאַראַט, וואָס זאָל זיי אויסהאַלטן צוגלייך מיט די אַנדערע ביבליאָטעקן פון לאַנד.

די פעריפעריע פון העברעיִש איז געוואָרן נאָך גרעסער צוליב דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנד. יעדער ציוניסטישער פאַראיין האָט דערמוטיקט די העברעיִשע טעטיקייט אין זיין געגנט, און חוץ דעם האָבן די ציוניסטישע פּאַרטייען געשאַפן אַ פאַראייניקטן „החלוץ", וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן חלוצים פאַר פּאַלעסטינע. אין די הכשרה־פּונקטן, ווו די יוגנט האָט זיך געלערנט מלאכה און ערד־אַרבעט, האָט זי אויך געלערנט העברעיִש.

ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט אין אָקטאָבער

1917, האָבן זיי אַ צייט זיך ניט געמישט אין אינערלעכן קולטור־לעבן, און דער אויפשוווּנג פון דער העברעיִשער קולטור איז ווייטער אָנגעגאַנגען. די שוועריקייטן זיינען געווען בלויז אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און אינערלעכע יידישע, ווי דער קאַמף פון די בונדיסטן און אַנדערע יידישיסטן פאַרן יידישן לשון. אָבער ניט געקוקט דערויף האָבן אין סוף יאָר 1918 זיך געפונען אין רוסלאַנד 250 בילדונג־אינסטיטוציעס אין דער העברעיִשער שפּראַך, איינגעשלאָסן גימ־נאַזיעס, 25,000 קינדערגאַרטנס און עלעמענטאַר־שולן, אַ גרויסע צאָל קורסן פאַר דערוואַקסענע, צען העברעיִשע צייטשריפטן, איינגעשלאָסן אַ טאָגצייטונג, און אַ העברעיִש טעאַטער „הבימה", וואָס האָט שנעל באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין דער טעאַטער־וועלט. די ציוניסטישע פּעריפעריע האָט פאַרנומען דעם קאָלאָסאַלן שטח פון 1,200 פּאַרטיי־צווייגן מיט אַן אָרגאַניזירטער מיטגלי־דערשאַפט פון 300,000.

אין שנעלער איבערבליק איבער די העברעיִשע אויסגאַבן פון אָט די פּאָר יאָר ווייזט אויף אַ געוואַלדיקער עשירות אין קינסטלערישע און אין אַלגעמיינע קולטור־שאַפונגען ווי אויך אויף דער אונטערנעמערישקייט פון פאַרלעגער, וואָס האָבן זיכער געמוזט זען פאַר זיך אַ גרויסן אָפּגאַנג פון די ביכער. אין יעדן געביט פון קולטור־לעבן האָבן מיר ווערק פון אַ גרויסן באַטייט נאָך אויף היינט. אין געביט פון פּעריאָדיק האָבן מיר אויסער זשורנאַלן, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, ווי דער „השלח" און פערטליאַרשריפט „התקופה", וואָס איז דערשינען אין גרויסן פאָרמאַט מיט אַן ערך 700 זייטן אַ נומער; אויך אַ שריפט פאַר יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, „רשמות", רעדאַקטירט פון אַ. דרויאַנאָוו, מיט דער באַטייליקונג פון ביאַליק און ראַווניצקי; אַ שריפט פאַר דער פאָרשונג פון דער העברעיִשער שפּראַך „שפתנו", רעדאַקטירט פון ד"ר יוסף קלויזנער; אַ שריפט פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע, „העבר", רעדאַקטירט פון ש. גינזבורג; אַ שריפט פאַר דער פאָרשונג פון יידישן געזעץ, „המשפט העברי", רעדאַקטירט פון שמואל אייזענשטאַט און פלטיאל דיקשטיין; אַ שריפט פאַר דער פאָרשונג פון פילאָזאָפיע און רעליגיע, „קדימה", רעדאַקטירט פון יהושע פישל שניאורסאָן מיט דער באַטייליקונג פון דוד קויגן און חיים גרינבערג; אַ שריפט פאַר תורה, „חידושי תורה ופלפולים בהלכה למעשה", „יגדיל תורה", רעדאַקטירט פון יחזקאל אַבראַמסקי, אַ רב אין סלוצק — און נאָך אַ פאָר טוץ זשורנאַלן פאַר שיינער ליטעראַטור, ליטעראַטור־קריטיק, פאַר פּעדאַגאָגיק, פאַר קינדער און פאַר סאָציאַלע פראַגן. העכער פופציק אויסגאַבן

פון קינדער־ליטעראַטור, פון אָריגינעלע העברעיִשע און באַאַרבעטונגען פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור ביז איבערזעצונגען פון די קלאַסיקער אין אַנדערע שפּראַכן. אין דער שיינער ליטעראַטור האָבן מיר אויסער ביאַליק, טשערניכאָווסקי, און אַנדערע אָריגינעלע העברעיִשע שרייבער, אויך אַ שפע פון איבערזעצונגען: טאָלסטאָי, מאַרק טווען, אָסקאַר ווײַלד, מאָריס מעטערלינק, ראָמען ראָלאַן, היינריך היינע און אַנדערע. אין געשיכטע — אַזעלכע פונדאַמענטאַלע ווערק ווי ב. צ. דינאַבורגס „יידישע געשיכטע", אַ. דרויאַנאָווס „שריפטן צו דער געשיכטע פון חיבת ציון און ישוב ארץ־ישראל", און אַ געשיכטע פון חיבת־ציון פון ש. ל. ציטראָן. אין פילאָסאָפיע — דוד ניימאַרקס „תולדות העקרים בישראל" און ד"ר קלויזנערס „די אַלטע יידישע עטיק ביי יידן". אַפילו ווערטערביכער זיינען דערשינען פון אַ גרויסן פאַרנעם, ווי אליעזר בן יהודהס ווערטערבוך פון 2266 עמודים, אין דריי שפּראַכן: העברעיִש, רוסיש, דייטש, און דער האַנט־ווערטערבוך אין די דריי שפּראַכן — פון גראַזאָווסקי און קלויזנער. און צו דעם נאָך אַ פּובליציסטישע ליטעראַטור אויף העברעיִש, אויסער די רעליגיעזע ספרים, סידורים, מחזורים, רבנישע ווערק אד"גל.

דער אַפּאַראַט, וואָס האָט אומגעבראַכט די העברעיִשע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געווען דער יידישער קאָמיסאַריאַט אין סטאַלינס מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע שטעט, און די יידישע סעקציעס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. עס איז אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס דער קרבן האָט אַ צייט איבערגעלעבט זיין אומברענגער. די קאָמיסאַריאַטן, וואָס זיינען צו ערשט געשאַפן געוואָרן דעם 20סטן יאַנואַר 1918 האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אין יאָר 1924. אָבער עס וואָלט געווען אויבערפלעכלעך צו זען אין דעם טראַגישן פּראָצעס פון אומברענגען די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט מער ווי אַן אינערלעכן יידישן קאַמף, אַ קאַמף מיט די יידישע באָלשעוויקעס, אָדער „יעווסעקציע", ווי עס ווערט אָפט געמאָלן, אין וועלכער די הערשער פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס און געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָל. די יעווסעקציע איז, אין גרונט גענומען, געווען דער באָלשעוויסטישער אַפּאַראַט אויף דער יידישער גאַס, וואָס איז אַליין אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון ווידערשפּרוך צווישן טעאָריע און טאַקטיק בנוגע דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

עס איז אמת, אַז די באָלשעוויסטישע פירער זיינען דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט אַן אַן ערך שווערערע פּראָבלעמען פאַר זיי, און די יידישע קאָ־

מיסאַריאַטן און יעווסעקציעס האָבן אַדורכגעפירט די אַקציע פון אויסראָטן העברעיִש. אָבער דער חלק איז געווען ניט זייערער, און די דינים פון דער שחיטה זיינען געווען ניט פון זיי צוגעגרייט. דער פּאַטאָלער שריט איז, אַזוי צו זאָגן, געלעגן אין דער קאָרט, און עס איז געווען נאָר דער צופאַל וועלכע האָט עס האָט דאָס אויסגעשפּילט. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט דאָס מסתמא ניט פאָרגעקומען אַזוי שנעל און אַזוי ברוטאַל, אָבער דער סוף וואָלט געווען דער זעלבער. אויב אַ פּראָלעטאַרישע יידישע קולטור האָט ניט געקאָנט האָבן קיין קיום, ווי זשע וואָלט געקאָנט בלייבן אַ נאַציאָנאַלע יידישע קולטור? היינט, אין 1964, קלינגט מאָדנע קענטלעך דער אינטערוויו וואָס דער בילדונג־קאָמיסאַר פון ראַטן־פאַרבאַנד, אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי, האָט געגעבן דעם „היינט" פון וואַרשע אין יאָר 1928, ווען די העברעיִשע קולטור איז שוין געווען פיר יאָר דערשטיקט. ער האָט דערקלערט, אַז ער ווייסט ניט פון קיין שום פאַרפאָלגונג קעגן העברעיִש (און ציוניזם) אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז יעדער ייד וואָס וויל נאָר, קאָן לערנען העברעיִש, עס איז אָבער ניטאָ אַזאַ פאַרלאַנג ביי די סאָוויעטישע יידן...

אויב לונאַטשאַרסקי איז אין דעם פּרט טאַקע געווען איינער פון די „חסידי אומות העולם", דאַרף מען אַלס דעם אַנטאַגאָניסט קעגן אים שטעלן ניט דעם קאָמיסאַר דימאַנשטיין, צי זיינע אַרויסהעלפער, נאָר די צווייטע האָנט פון לונאַטשאַרסקי און דעם פּאַרטיי־„אַפּאַראַטשיק" אין זיין „נאַרקאָמ־פּראָס", פּאָקראָווסקי, וואָס האָט אונטערגעהאַנדלט מיט די יעווסעקעס בעת לונאַטשאַרסקי האָט אויפגענומען די העברעיִסטן. דער בעל־דעה איז דאָך דאָ געווען דער „נאַרקאָמפּראָס", און לונאַטשאַרסקי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אין פּרט פון די רעכט פון העברעיִש איז ער דאָרט איינער אַליין.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויף אַט דעם אופן: די מענטשן פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און יידישע סעקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אַרויפגעצוווּנגען זייער ממשלה אויפן יידישן לעבן מיט דער הילף פון די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען. פּאַקטיש האָט דאָס געהייסן, אַז זי באַראַט זיך מיט די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען און וואַרפט זיך אונטער זייער באַשלוס. אין די פּראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ פון דער צענטראַלער ביוראָ פון אַט די צוויי יידישע אַפּאַראַטן פון 4טן יולי 1920, איז פאַראַן אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט: „אין די פראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט דורך די ספּעציפישע באַדינ־גונגען פון יידישן לעבן, איז די יידישע סעקציע אויך ניט קיין אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, נאָר זי האָט אַן אויפגאַבע צוצוגרייטן, פונאַנדעראַרבעטן און

פאַרלייגן פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי, דורך אירע פּאַרטיי־אָרגאַנען, אירע פּראָיעקטן און פאָרשלאָגן". אַז די יעווסעקעס, צי דער לאָקאַלער קאָמיסאַריאַט, זיינען געקומען מיט אַ פּראָיעקט צו שליסן אַ העברעיִשע שול, האָט די לאָקאַלע מאַכט לייכט מסכּים געווען צו דעם. די באַדינגונגען אין לאַנד זיינען דעמאָלט געווען געווען ניט אָרגאַניזירט, אַז אַ לאָקאַלע אויטאָריטעט זאָל האַנדלען אויפן אייגענעם באַשלוס, און ניט רעכענען זיך מיטן געזעץ.

די העברעיִסטן, ווי די ציוניסטן, האָבן געפאָדערט זייערע געזעצלעכע רעכט ביי דער לאָקאַלער מאַכט. ווען זיי האָבן דאָס דאָרט ניט באַקומען, זיינען זיי געגאַנגען „העכער". אָבער דאָרט איז מען געווען צו שטאַרק פאַרנומען, און דער עיקר — פאַר זיי אַליין איז ניט געווען קלאָר וואָסערע די שטעלונג דאַרף זיין. דאָס הייסט מען האָט געוווּסט וואָס די טעאָריע זאָגט, אָבער ניט ווי ווייט מען דאַרף גיין אין דער טאַקטיק לגבּי די יידן. דאָס הייסט צי זאָל מען זיין מיט די יידן אַזוי „ליבעראַל" ווי מיט די אַנדערע פעלקער, צי דאָ זאָל מען זיך אָריענטירן אין גאַנצן אויפן קאָמוניזירן די יידישע אַרבעטער. אַ צירקולאַר פון הויפּט־ביוראָ פון די יעווסעקעס אין אוקראַיִנע, פון פעברואַר 1920, באַרימט זיך: „מיטן אַריבערגיין פון די יידישע אַרבעטער פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער, דערוואָרבט זיך די ראַטנמאַכט אַ גרעסערן שטיצפּונקט אין די שטעט איידער זי האָט געהאַט פריער, און די רויטע אַרמיי — מוטיקע באַוווּסטזיניקע קעמפער". דער ציר־קולאַר זאָגט ווייטער, אַז צוליב דעם, וואָס די קאָנטער־רעוואָלוציע טראָגט אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער, קאָן ביי די קאָמוניזירטע יידישע אַרבעטער ניט פאָרקומען קיין „וואַקלענישן". דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען דער „אויבן" האָט יאָ אָנגענומען אַ באַשלוס, איז דאָס געווען נעגאַטיוו.

דאָס בילדונג־געזעץ פון 1טן דעצעמבער 1918 נעמט ניט קיין שטעלונג צו דעם שפּראַכן־קאַמף צווישן יידיש און העברעיִש. דער אויסוואַל פון דער שפּראַך ווערט איבערגעלאָזט פאַר די עלטערן פון די קינדער אין דער שול. דעם 3טן מאַי 1919 באַווייזט זיך אַ דעקרעט, אַז קינדערגאָרטנס און אַנדערע דערציִונג־אַנשטאַלטן פאַר קינדער פון פאַרן שול־עלטער מוזן באַנוצן די מוטער־שפּראַך און עס שטעלט זיך די פראַגע: וועלכע איז די מוטער־שפּראַך פון די קינדער פון די יידישע אַרבעטער? דעם 7טן יוני דערשיינט אַ דעקרעט, אַז די מוטער־שפּראַך פון די קינדער פון די יידישע אַרבעטער (מיט אַנדערע יידן האָט מען זיך אַפילו ניט גערעכנט) איז יידיש. מען האָט תּיכף געשלאָסן די „תּרבות" קינדער־גאָרטנס, און די יידישע קאָמיסאַריאַטן האָבן איבערגענומען די

בנינים פאַר יידישע שולן. די העברעיִסטן מיטן מאָסקווער ראַבינער בראש האָבן געשיקט אַ פּראָטעסט צו לונאַטשאַרסקין, וואָס האָט דעמאָלט גראָד זיך געפונען אויפן פראָנט. ער האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל די פאַרנומענע העברעיִשע שולן אָפּגעבן צוריק און ער וועט אויספאַרשן דעם ענין נאָך זיין צוריקקומען. נאָך זיין צוריקקומען האָט ער אָפּגעהאַלטן אין זיין מיניסטעריום אַ קאָנפערענץ מיט יידישע פּראָ־העברעיִשע גרופּעס. ניט ווּיסנדיק, אַז פאַקטיש איז שוין געווען אַ פאַרשטענדיקונג צווישן פאָקראָווסקין און די יידישע באָלשעוויקעס. דעם 30סטן אויגוסט איז דערשינען אַ דעקרעט, אַז העברעיִש איז ניט קיין מינדערהייט־שפּראַך, נאָר אַ פרעמדע שפּראַך. דאָס האָט באַטייט, אַז העברעיִש קאָן ניט זיין די לערן־שפּראַך פון אַ שול, אָבער מען מעג לערנען העברעיִש אין דער שול ווי אַנדערע פרעמדע שפּראַכן, אין די העכערע קלאַסן. דערצו אָבער האָבן די יידישע קאָמיסאַריאַטן ניט דערלאָזט. דער זעלבער דעקרעט האָט אָפּגעשאַפט די פריערדיקע באַגרענעצונגען צו עפענען פּריוואַטע שולן צו לערנען די העברעיִשע שפּראַך. לויטן געזעץ איז דערלויבט געווען צו עפענען שולן און לערנען העברעיִש מיט אַלעמען, אויסער מיט קינדער פון די ערשטע קלאַסן, אָבער אַז עס איז געקומען צום קריגן אַ דערלויבעניש, האָט די לאָקאַלע מאַכט ניט דערלאָזט דערצו אונטער פאַרשיידענע אויסריידן.

דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן דעם העברעיִשן בוך. אין יאָר 1919 ווערט אַבסאָלוט אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן העברעיִשע ביכער און העברעיִש ווערט דערקלערט פאַר אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע און בורזשואַזע שפּראַך". דאָס האָט זיך באַצויגן אויף העברעיִש אין שייכות מיט רעליגיע און ציוניזם. דער העברעיִש פון „הבימה" איז נאָך געווען כשר. פאַקטיש איז דער פאַרבאָט חל־געווען אויף אַלע העברעיִשע אויסגאַבן. די העברעיִשע צונג איז געווען שטום ביזן „נעפּ", ווען עס איז מעגלעך געוואָרן צו עפענען פּריוואַטע דרוקערייען, ווי אַנדערע פּריוואַטע אונטערנעמונגען אין קליינעם מאַסשטאַב. אָבער אויך דעמאָלט איז די טויטע האַנט געלעגן אויפן העברעיִשן וואָרט. במשך די העכער פינף יאָר פון „נעפּ" זיינען דערשינען ניט מער ווי 53 העב־רעיִשע אויסגאַבן, און אין דעם גייען שוין אַריין צוואַנציק לוח־אויסגאַבן און אַזאַ צאָל סידורים און הגדות, אַ תחינה, רבנישע ספרים. בלויז פיר אויסגאַבן געהערן צום מאָדערנעם העברעיִשן שאַפן: צוויי אין יאָר 1923 — זאַמלביכער „צלצלי שמע" און „געש", געדרוקט אין כאַרקאָוו; אַ זאַמלבוך „בראשית" אין יאָר 1926 און אַ בוך לידער „עלי עשׂור", לכבוד דעם צען־יאָריקן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פון ב. ציפּרין — אין יאָר 1927. פאַר דער

שריפט „בראשית“ איז שוין ניט געווען קיין דרוקעריי אין דער מדינה, האָבן די מחברים דאָס געשיקט דרוקן קיין דייטשלאַנד, אָבער עס איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין צאָלאַמט ביים אַריינפיר, און קוים מיט צרות איז געלונגען אַרויסצובאַקומען הונדערט עקזעמפּלאַרן פון דעם זאַמלבוך.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די עפּנטלעכע, אָדער לעגאַלע, עקזיסטענץ פון דער העברעיִשער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער ווידערשטאַנד, וואָס די נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָבן אַרויסגעוויזן קעגן די רדיפות בעת דאָס איז מעגלעך געווען, איז אַראָפּ אין דער אונטערערד. און מען קאָן זאָגן, אַז נאָך היינט טליען נאָך פונקען, וואָס האָפן ווען אויפגעבלאָזן צו ווערן אין אַ פלאַם. דער קאַמף פאַרן העברעיִשן וואָרט זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אַ העראָיִש קאַפּיטל יידישע געשיכטע, וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן. עס איז ניט קיין קאָמפּלימענט פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט, אַז חדרים און העברעיִשע שולן האָבן געמוזט עקזיסטירן אין געהיים און אין שטענדיקן פּחד געכאַפּט צו ווערן און באַקומען אַ שווערע שטראָף — אַזוי ווי די מאַראַנען אַ מאָל אין שפּאַניע; אָדער אַז מען האָט געדאַרפט צונויפקלויבן טויזנטער אונטערשריפטן פון קינדער, וואָס האָבן אַפּעלירט צו דער מאַכט זי זאָל לעגאַליזירן דעם העברעיִשן לימוד — און פאַר דעם באַקומען נייע אַרעסטן.

אין די מיטעלע צוואַנציקער יאָרן, האָבן זיך געפונען דרייסיק געהיימע גרופּעס, אין וועלכע מען האָט געלערנט העברעיִש מיט אַ וואָסערע 500 קינדער און יוגנטלעכע. עס האָבן עקזיסטירט חדרים און ישיבות און מען האָט זיך געיאָגט אויף זיי ווי זיי וואָלטן פאַרגעשטעלט מיט זיך די גרעסטע געפאַר פאַרן נייעם רעזשים. „עפּנטלעכע משפּטים“ איבערן חדר זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין יידישע שטעט און שטעטלעך, כדי צו טעראָריזירן יידישע עלטערן, וואָס וואָגן צו האָבן אַזאַ געפערלעכן געדאַנק ווי געבן זייער קינד אַ נאַציאָנאַלע יידישע דערציונג. דער חרם קעגן העברעיִש איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די לאָקאַלע מאַכט האָט ניט אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש אויף אַ יידישן מענדעלע־אָוונט סיידן מען וועט אַרויסנעמען פון גרויסן יידישן פּראָגראַם דעם איינציקן פראַגמענט פון די העברעיִשע ווערק פון מענדעלע. אָבער דער ווידערשטאַנד קעגן דער אויסראָטונג פון העברעיִש האָט געדויערט. אין יאָר 1928 איז פאָרגעקומען אַ געהיימע קאָנפערענץ פון העברעיִשע לערער אין טווער. מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען עס איז אַנטשטאַנען אַ דוחק אין העברעיִשע לערער, איז געשאַפן געוואָרן אַ געהיימער העברעיִשער לערער־סעמינאַר אין מאָסקווע. אין יאָר 1931 זיינען די סטודענטן מיט די לערער פון סעמינאַר

אַרעסטירט געוואָרן און צוויי זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף דרייסיק יאָר קיין סיביר. אין יאָר 1935 האָט אַ העברעיִשער דיכטער, חיים לענסקי, אַרויסגעשיקט העברעיִשע לידער קיין ארץ־ישראל — אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט ער דאָך ניט געהאַט ווו דאָס צו פאַרעפנטלעכן. ער איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, ווו ער האָט אָפּגעליטן יאָרן און אומגעקומען — קיינער ווייס ניט ווען אָדער ווו.

מען קאָן ניט וואָרפן די שולד פאַר אָט דער באַרבאַרישער האַנדלונג לגבי אַ שפּראַך און אַ קולטור אויף די לאָקאַלע באַאַמטע, וואָס האָבן בלינד געפאָלגט די יידישע באָלשעוויקעס. מען האָט זיכער וועגן דעם אַלעם גע־ווּוּסט סאַמע „אויבן". פאַרשיידענע ווענדונגען זיינען געמאַכט געוואָרן דורך אַלערליי קאַנאַלן צו סטאַלינען און צום „וציק" מיט בקשות צו ענדערן די אַנטי־העברעיִשע שטעלונג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ווען אַן ענטפער איז יאָ געקומען, איז ער געווען אַזוי היפּאָקריטיש, ווי די ענטפערס אויף די ווענדונגען מכוח דער יידישער קולטור מיט צוויי צענדליק יאָר שפּעטער.

אין יאָר 1924 האָבן אַ ריי פּערזענלעכקייטן, יידישע און ניט־יידישע, געשיקט אַ פּעטיציע צו סטאַלינען. צווישן די אונטערשרייבער האָבן זיך געפונען צוויי מיטגלידער פון דער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע, אָלדענבורג און מאַרר, דער לינגוויסט טוביאַנסקי, דער ליטעראַטור־קריטיקער גערשענזאָן, דער מוזיקער מ. גנעסין און דער יידישער שרייבער דוד האָפּשטיין. קיין ענט־פער איז ניט געקומען, אָבער האָפּשטיין איז דערפאַר אַטאַקירט געוואָרן אין „עמעס" און אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער יידישער שרייבער־גרופּע, וואָס דאָס האָט באַדייט אָפּגעשניטן ווערן פון חיונה־קוואַל. נאָך צוויי יאָר איזאָלירונג און מאַטערניש, האָט דוד האָפּשטיין געמוזט שלאָגן זיך על חטא, כדי צוריק אַריינ־געגנומען צו ווערן אין יידישן שרייבערישן קרייז. אין יאָר 1925 איז דער לע־גאַלער מצב פון העברעיִש אָפּגעשטעלט געוואָרן פון „וציק" און פיאָטר סמידאָוויטש, אַ מיטגליד פון „וציק" וואָס האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט יידישע ענינים, (פאָרזיצער פון „קאָמערד") האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגן, אַז עס איז ניט נייטיק צו לעגאַליזירן העברעיִש, מחמת מען האָט זי קיין מאָל ניט דעלעגאַליזירט. מען האָט נאָר פאַרבאָטן צו לערנען די שפּראַך מיט קינ־דער אין די שולן...

אין יאָר 1927 האָבן אַ ריי העברעיִשע שרייבער פון לענינגראַד צוגע־שיקט אַ מעמאָראַנדום צו מיכאַיל קאַלינין, וואָס איז שפּעטער געווען דער פּאַטראָן פון ביראָבידזשאַן, און אים געבעטן, אַז דער „וציק" זאָל קלאָר מאַכן

זיין שטעלונג צו העברעיִש. אין פיר חדשים אַרום איז געקומען אַן ענטפער אונטערגעשריבן פון סמידאָוויטשן, וואָס האָט געזאָגט, אַז „ער ווייסט ניט פון יידישע אַרבעטער וואָס רעדן העברעיִש; אָט די שפּראַך איז אַזוי טויט ווי גריכיש און לאַטייִן, אָבער אויב עמעצ וויל רעדן אָדער שרייבן אויף אָט דער שפּראַך, איז גאָרניט ניטאָ, וואָס זאָל אים שטערן אין דעם". גאָרניט, אויסער אַרעסט און סיביר! אין זעלבן יאָר איז קיין אויסלאַנד דערגאַנגען אַ רירנדיקער אַפּעל פון העברעיִשע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען אַ ווענ־דונג צו די ברידער העברעיִשע שרייבער איבער דער וועלט. זי האָט דערציילט וועגן דער בראַך פון העברעיִשער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַז דאָס וואָסער איז שוין דערגאַנגען ביזן האַלדז, די סאָוויעטישע העברעיִשע שרייבער האָבן געבעטן אַדורכצופירן פּראָטעסטן, איבערהויפּט אין אַרבעטער־קרייזן, קעגן די נאַציאָנאַלע רדיפות אויף יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און פאַרענדיקט די ווענ־דונג מיט טראַגישע ווערטער: „ראַטעוועט אונדז פון פאַרלענדונג"! עטלעכע חדשים שפּעטער זענען אַלע אונטערשרייבער אַרעסטירט און פאַרמשפּט גע־וואָרן צו יאָרן תפיסה. צוויי פון זיי — אויף דרייסיק יאָר פאַרשיקונג קיין סיביר.

אין יאָר 1928 האָט די געהיימע קאָנפערענץ פון העברעיִשע לערער זיך געווענדט צו מאַקסים גאָרקי, וואָס איז געווען אינטים באַפריינדט מיט סטאַ־לינען, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין וועגן דעם פאַרבאָט אויף העברעיִש, וואָס, הגם ער עקזיסטירט ניט אָפיציעל. ווערט ער אָבער שטרענגער אָפּגעהיטן פון אַלע פאָרמעלע פאַרבאָטן. עס האָט גאָרניט געהאָלפן. דאָס איז געשען אין דער זעלבער צייט, ווען לונאַטשאַרסקי האָט דערקלערט פאַרן וואַרשעווער „היינט", אַז ער ווייסט ניט פון קיין שום פאַרפאָלגונג פון העברעיִש, עס איז בלויז דערויף ניטאָ קיין פאַרלאַנג ביי די סאָוויעטישע יידן.

אָט דער ניט־פאַרבאָטענער פאַרבאָט אויף העברעיִש האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג. פאַר דעם זיינען מענטשן אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין אַרבעט־לאַגערן, אין די דרייסיקער, אין די פערציקער און אין די פופציקער יאָרן. נאָך היינט וועט אַ ייד זיך ניט צורירן צום אַלטן הייליקן לשון, אַז עמעצער זאָל דאָס זען; נאָך היינט עקזיסטירן אונטערערדישע גרופּעס צו לערנען אַלף־בית פון אַ בלעטל פון אַ סידור אָדער פון אַ העברעיִשער צייי־טונג — ניט פון קיין קינדער, נאָר פון דערוואַקסענע, פון סטודענטן. און עס זיינען נאָך היינט פאַראַן אין ראַטן־פאַרבאַנד יידישע קינדער, מיט וועלכע מען לערנט אין געהיים סידור מיט חומש און רש"י, און ווי קליין זיי זיינען, ווייסן זיי, אַז זיי טאָרן וועגן דעם ניט דערציילן קיין לעבעדיקן נפש, אויסער טאַטע־

מאַמע און דעם, וואָס לערנט מיט זיי. צען יאָר נאָך סטאַלינס טויט און עט־לעכע יאָר נאָך דער כרושטשאָווישער ליבעראַליזאַציע, מוזן נאָך אַלץ יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד זיין מאַראַנען וואָס שייך פון העברעיִש — אין דער זעלבער צייט, ווען די סאָוויעטישע נייעס־אַגענטור „נאָוואָסטי", שיקט פראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל צו די העברעיִשע ציטונגען אין ישראל — אויף העברעיִש!

בלויז איין שוואַכער שטראַל האָט זיך אַדורכגעבראָכן דורך דער דיקער, שווערער פינצטערניש: אין דער מלחמה־צייט האָט אַ העברעיִשער שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, אלישע רודין, געפּועלט ביי דער מאַכט, אַז מען זאָל אים דערלויבן איבערצושיקן עטלעכע העברעיִשע לידער קיין ארץ־ישראל. רודין האָט פאַרלוירן אַ זון אין קריג, און זיינע לידער זיינען געווען אַן עלעגיע אויף זיין גרויסער אַבידה. ער האָט אויפגעקלערט דער מאַכט, אַז „די לידער זיינען געשריבן אין דער שפּראַך פון דער ביבל, וואָס איז די שפּראַך פון מיין קינד־הייט, די שפּראַך פון מיין פאָלק, די שפּראַך וואָס איך האָב ליב ווי מיין מוזיק־אינסטרומענט. נאָר אין אָט דער שפּראַך האָב איך געקענט אויסדריקן מיינע טיפסטע איבערלעבענישן און די פולסטע פערזענלעכע געפילן..."

אָט דער מאַנוסקריפּט איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, ווו ער איז געדרוקט געוואָרן. אָבער אָט דער אויסנאַם האָט ניט געהאַט קיין שייכות מיט דער שטעלונג צו העברעיִש. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אַלגעמיינעם קורס צו שאַפן סימפּאַטיעס פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד ביי אַלע קרייזן יידן איבער דער וועלט. אַ גאַנצער שטאַב יידישע שרייבער האָט צוגעשטעלט יידישן לייען־מאַטעריאַל אויף איבערצושיקן צו יידישע ציטונגען און זשורנאַלן אין אויסלאַנד. אַן עלעגיע פון אַ ייד אויפן פאַרלוסט פון זיין זון אין דער רויטער אַרמיי איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גוטן פראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, הגם דאָס איז געווען אין העברעיִש.

פאַר וואָס איז אָט די אויסגעהאַלטענע אַכזריותדיקע פּאָליטיק לגבי העברעיִש פון די געציילטע ליניעס — און אפשר די איינציקע — וואָס איז ניט געביטן געוואָרן און ניט געגאַנגען זיגזאַגיש דורך די אַלע יאָרן פון סאָ־וויעטישן רעזשים? די איינציקע דערקלערונג, וואָס איך קאָן געבן דערפאַר, איז: העברעיִש איז די אייביקע שפּראַך פון יידישן פאָלק, וואָס פאַרקערפּערט זיין שטרעבונג צו אייביקן קיום, און די סאָוויעטישע פּאָליטיק, אַפילו אין די בעסטע צייטן, איז געווען — אָפּשניידן דאָס יידישע פאָלק פון זיין אייביקייט און דערלויבן אים נאָר אַ צייטווייליקע עקזיסטענץ.

ראַטן־פאַרבאַנד, ציוניזם און אַראַבער

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, האָבן ניט לענין און ניט סטאַלין אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צום ציוניזם. ניט זיי האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען פאַר דער רעוואָלוציע, ווי מיט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און מיט דער נאַציאָנאַלער יידישער אויטאָנאָמיע, און ניט זיי האָבן זיך דערמיט געעוסקט שפּעטער, ווען זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט. זייער שטעלונג צום ציוניזם איז געקומען צום אויסדרוק נאָר דעמאָלט, ווען דאָס האָט געהאַט — אָדער געקאָנט האָבן — אַ שייכות מיט זייערע אויסלענדישע אינטערעסן. ביי זיך אין לאַנד האָבן זיי ניט געזען קיין פּראָבלעם פון ציוניזם און אָפיציעל האָבן זיי צו דעם קיין שטעלונג ניט גענומען. אויב עס איז יאָ אַ מאָל געווען אַן אַרויסזאָג וועגן דעם, איז דאָס געמאַכט געוואָרן בייטראַל, ניט קעגנעריש. זייערע פּאָזיטיווע שריט לגבי די יידישע ענינים זיינען געווען דווקא אין „ציוניסטישן גייסט”; דאָס הייסט, באַזירט אויף אַ יידישער מערהייט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע — ווי אין ענין פון די יידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען בעת די גוטע פריע דרייסיקער יאָרן, אָדער אין קאַליניס מאָטיווירונג וועגן אַ יידישער בירָאָבידזשאַן.

לענין און סטאַלין, ווי כרושטשאָוו שפּעטער, האָבן ניט אָנערקענט קיין וועלט־יידנטום, הגם מען מוז זאָגן, אַז די ערשטע האָבן זיך מער גערעכנט מיט דער פאַקטישער עקזיסטענץ פון אַזאַ יידנטום, איידער כרושטשאָוו. זיי האָבן, למשל, אונטערגעהאַנדלט מיט אויסלענדישע יידן וועגן עקאָנאָמישער הילף פאַר זייערע יידישע בירגער; בעתן צווייטן וועלט־קריג האָט סטאַלין געזוכט צו געווינען דורך יידן און אויף אַ יידישן אופן די סימפּאַטיע פון וועלט־יידנטום. פאַר לענין און סטאַלין איז דער ציוניזם געווען אַ ריין בורזשואַזע, אַנטי־פּראָלעטאַרישע ריכטונג, מיט וועלכער זיי האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין דירעקטן קאָנטאַקט, מחמת זיי האָבן דאָך אָנערקענט בלויז דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן דעם ציוניזם בלויז דאָ און דאָרט דערמאָנט מיטן ציל צו באַווייזן די לאָגישע, אַנטי־סאָציאַליסטישע קאָנסעקווענץ צו וועלכער דער נאַציאָנאַלער אָפּנויג פון „בונד” מוז פירן. וואָס שייך דעם ראַטן־פאַרבאַנד,

איז פאַר זיי דער ציוניזם געווען ניט מער ווי איינע פון די אַנדערע סאָציאַלע דערשיינונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אַלע אַזעלכע בעת די יידישע בורזשואַזיע גופא וועט אויפהערן צו עקזיסטירן.

צוליב דעם, און אויך ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט צו פיל איינרייסן מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָבן לענין און סטאַלין אויסגעמיטן אָנצונעמען אָפיציעלע שריט קעגן ציוניזם, כל זמן עס האָבן נאָך עקזיסטירט אַנדערע בורזשואַזע דערשיינונגען אין דער יידישער גאַס אין רוסלאַנד. די אונטערדריקונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט און דאָס פאַרפאָלגן ציוניסטן איז געקומען צוזאַמען מיט אַנדערע אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען אין פּראָצעס פון קאָמוניזירן די יידישע גאַס. און דאָס מאַכט פאַרשטענדלעך די צוויי־פּנימדיקע טאַקטיק פון די סאָוויעטישע פירער לגבי דעם ציוניזם, וואָס אין סאַמע ברען פון די רדיפות אויף ציוניסטן, האָט די סאָוויעטישע מלוכה דערקלערט, אַז זי האָט גאָרניט קעגן ציוניזם און ציוניסטישער טעטיקייט.

און דאָס האָט פאַרבלענדט די אויגן אפילו פון יידישע אָבסערוואַטאָרן און היסטאָריקער. זיי האָבן געזען דעם קאַמף קעגן ציוניזם אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי אַ ריין־אינערלעכן יידישן קאָנפליקט, אַ המשך פון פריערדיקן פאַררעוואָלוציע־קאַמף צווישן אַנטי־ציוניסטן און ציוניסטן, אין וועלכן די מלוכה האָט ניט גערן אָפט מאָל געמוזט זיך אַריינמישן. עס האָט געהייסן, אַז דער טייוול איז דאָ געווען די יעווסעקציע און די מלוכה איז גאָט די נשמה שולדיק. מען פאַרקוקט דעם פאַקט, אַז די יעווסעקציע האָט דאָך ניט געהאַט ניט די רעכט, ניט די מאַכט צו אַרעסטירן עמעצן אָדער צו פאַרמאַכן אַן אינסטיטוציע. דאָס האָט געקאָנט טאָן נאָר דער מלוכה־אַפּאַראַט. מען פאַרזעט אויך, אַז די יעווסעקציע גופא איז פאַקטיש געווען אַ מלוכה־אָרגאַן אין ציווילן לבוש, וואָס האָט געדאַרפט דורכפירן אַ געוויסע מלוכהשע פּאָליטיק, און ווען זי האָט דאָס דורכגעפירט, איז די יעווסעקציע אויפגעלייזט געוואָרן. דאָס ווערט געזאָגט ניט כדי ריינצוואַשן די יעווסעקציע, נאָר צו לייגן די שולד, ווו זי געהערט אין דער אמתן. ווי אַנדערע אויספיר־אַפּאַראַטן, האָט אויך די יעווסעקציע אָפט איבערגעכאַפּט די מאָס — און אָט דאָ איז אַריינגעקומען דער אָנגעקליבענער גיפט פון אַמאָליקן פאַרטיי־קאַמף — און אַ מאָל איז עס אַפילו דערגאַנגען צו דעם, אַז די מלוכה האָט זי געמוזט נעמען אין צוים. אָבער אָט דער איבערגעטריבענער ענטוזיאַזם האָט אויך געטראָפן בעת אַנדערע פּראָצעסן פון באָלשעוויזאַציע, ווי אין קאַמף קעגן רעליגיע, ביים קאָלעקטיוויזירן דאָס

פּויערטום, און אַוודאי אין דער „גע־פּע־או״. די מאַכט קאָן אויך דאָ ניט שטעלן זיך אין אַ זייט און זאָגן, אַז ניט אירע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט.

די יידישע קאָמוניסטן, די יידישע קאָמיסאַריאַטן און יעווסעקציעס, זיינען געלאָפן פאָרויס, געמאַכט די פּראָפּאַגאַנדע, אונטערגעטראָגן די מסירה, און אָנגעטריבן דעם רויך פאַרן רויטן פּאָליציסט צו קומען מיט דער ביקס. אָבער אָט דער גאַנצער טומל איז געווען אַ טייל פון דעם טעראָר. ביים סאַמע אָנהייב, אין דער ערשטער בראָשור קעגן ציוניזם, וואָס איז דערשינען אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, „די ציוניסטן אויף דער יידישער גאַס״ פון צ. גרינבערג (זומער 1918), איז שוין געלייגט געוואָרן די באַזע פאַרן אויסראָט־קאַמף קעגן ציוניזם. דער גרונט־מאָטיוו איז געווען: „די ציוניסטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ פעסטונג פון רעאַקציע. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, איז פאַרשטענדלעך: זיי זיינען היפּאָקריטן און ברענגען אַרויס דאָס מיאוסע פון יידישן לעבן, זאַמלענדיק אַרום זיך די קליינבירגערלעכע עלעמענטן און אויפשטעלנדיק אַ דיקע וואַנט צווישן די יידישע מאַסן און דער רוסישער רעוואָלוציע״. דאָ איז ניט געגאַנגען אין עצם ציוניסטישן אידעאַל אָדער אידעאָלאָגיע, אין די רעכט פון יידן צו פּאַלעסטינע און דאָס גלייכן, נאָר אין דער רוסישער רעוואָלוציע און רעאַקציע. אַ יאָר שפּעטער האָט אַ רעזאָלוציע פון דער יעווסעקציע און פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן אָנגערופן די ציוניסטישע פּאַרטיי „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער״, מחמת זי דערפירט די יידישע מאַסן אונטערן „איינפלוס פון קלעריקאַליזם און נאַציאָנאַליזם״, און דאָס דערשטיקט „דעם קלאַסנבאַוווסטזיין פון די מאַסן און דאָס אַריינדרינגען פון קאָמוניסטישע אידעען״. צו דעם ווערט שוין צוגעגעבן דער עלעמענט פון ציוניזם גופא: „מיט איר פּאַלעסטינע־פּאָליטיק ווערט די ציוניסטישע פּאַרטיי אַן אינסטרומענט אין די הענט פון אַנטאַנט־אימפּעריאַליזם אין זיין קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע״. דאָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ באַרעכטיקונג פאַרן פאַרבאָטן די ציוניסטישע פּאַרטיי. די ציוניסטישע פּאַרטיי איז פאַקטיש פאַרבאָטן געוואָרן, אָבער ניט אָפיציעל דורך די העכסטע אינסטאַנצן.

לויט זייערע אייגענע דערקלערונגען, האָבן די צוויי קאָמוניסטישע אַפּאַראַטן אויף דער רוסישער גאַס, די קאָמיסאַריאַטן און די סעקציעס, געהאַט די איינע אויפגאַבע: צו קאָמוניזירן די יידישע מאַסן אידעיש און איינצופירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער יידישער גאַס. דאָס איז געווען ניט זייער פּאָליטיק, נאָר די אויפגאַבע וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער מאַכט.

קלעריקאַליזם האָט באַטייט ניט די הערשאַפט פון קלער, פון רב, פון דער רעליגיעזער אינסטיטוציע — ביי יידן האָט דאָך אַזוינס גאָר ניט עקזיסטירט — נאָר די גאַנצע רעליגיעזע יידישע קולטור, וואָס האָט פאַרנומען געוויס אַכציק פראָצענט פון דער היסטאָרישער יידישער קולטור. נאַציאָנאַליזם האָט באַטייט ניט שאָוויניזם און די באַהערשונג פון אַן אַנדער פאָלק — דאָס איז דאָך ווידער ביי יידן ניט שייך געווען — נאָר דער אויפהאַלט פון יידישן פאָלק, דער יידישער המשך, קיום, די פאָרזעצונג פון דער יידישער געשיכטע, וואָס ביי די אַנדערע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס געווען אַ נאַטירלעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט האָט באַטייט: אָפּווישן אַלץ, וואָס איז געווען פריער ביי יידן און אָפּשניידן די רוסישע יידן פון וועלט־יידנטום — אויסער אין פרט פון באַקומען הילף פון די יידן אין אויסלאַנד — און אויפשטעלן, ווי ירבעם אין בית־אל און דן, אַן אַנדערע יידישע קולטור, מיטן זעלבן סאָציאַליסטישן אינהאַלט וואָס ביי אַנדערע פעלקער, נאָר אין דער יידישער שפּראַך. (ביי די אַנדערע פעלקער האָט מען דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט צוגעגעבן צום היסטאָרישן עלעמענט; מען האָט דעם היסטאָרישן ניט אויסגעראָטן אין גאַנצן). און דאָס איז געווען די פונדאַמענטאַלע שטעלונג פון די סאָוועטישע פירער צום יידישן פאָלק.

דעריבער טאַקע איז דאָס פאַרגעקומען אַזאַ פאַרביטערטער אויסראָט־קאַמף קעגן די ציוניסטן. דער קאָנפליקט איז געווען ניט צוליב דעם עצם ציוניזם, וואָרעם וועגן אַ ממשותדיקער עמיגראַציע קיין פאַלעסטינע איז דאָך דעמאָלט קיין רייד ניט געווען, נאָר וועגן נאַציאָנאַלן קיום פון רוסישן יידנטום. די יידישע באָלשעוויקעס האָבן ריכטיק באַגריפן, אַז די ציוניסטן זיינען דאָס די וואָס שטייען זיי אין וועג. זיי, באָלשעוויקעס, האָבן געוואָלט אויפדריבלען דעם גאַנצע געוועב פון אַלטן יידישן לעבן, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אַרום די קהילות, און די ציוניסטן האָבן געהאַט די מאַיאָריטעט אין די קהילות. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט אָפּשניידן די רוסישע יידן פון זייער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, און די ציוניסטן האָבן אויפגעהאַלטן מיט גרויס עקשנות דעם אינטימען בונד מיט דער אַלטער יידישער פאַרגאַנגענהייט. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט אָפּרייסן די סאָוועטישע יידן פון די יידן אין אַנדערע לענדער (אויסערן ציטווייליקן באַקומען הילף פון זיי), און די ציוניסטן האָבן זיך באַזירט אויף איין וועלט־יידנטום. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט פאַרבייטן די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור אויף אַ סאָציאַליסטישער קולטור, וואָס איר לאָגישע קאָנסעקווענץ וואָלט געמוזט זיין אַסימילאַציע, און

די ציוניסטן זיינען געווען די היטער פון דער מויער, די טרעגער פון דער אידעע פון נצח ישראל.

דער פּראָצעס פון אויפליזן דאָס רוסישע יידנטום איז דעריבער פאָר־געקומען אויף אַזאַ אופן: דער אויפליז־אַפּאַראַט האָט געוואָלט דורכפירן זיין מיסיע איינס און צוויי. די מאַכט אויבן האָט ניט געוואָלט אַרויסרופן קיין צו גרויסן אויפרודער אונטן און זיך באַמיט אויסצומיידן ווי וויט מעגלעך אַ פיינטלעכע באַציונג פון די יידישע מאַסן, ווי פון די מאַסן פון אַנדערע פעלקער; די נאַציאָנאַלע יידישע עלעמענטן האָבן געקעמפט פאַר יעדן שטיקל באָדן, וואָס זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן. דער רעזולטאַט איז געווען וואָס יידן רופן „רדיפות״, און וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט פון זייער לאַנגן גלות. למשל:

דעם 1טן סעפּטעמבער 1919: די טשעקאַ מאַכט אַן אָבלאַווע אויף דער הויפּט־ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּעטראָגראַד (לענינ־גראַד), פאַרנעמט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן, דאָס געלט אין קאַסע, און ליקווידירט אַלע ציוניסטישע פּובליקאַציעס. נאָך אַ סך שתדלנות און פּראָ־טעסטן צו דער העכערער מאַכט, עפנט די „טשעקאַ״ צוריק די ביוראָ, גיט אָפּ די פּאַפּירן און דאָקומענטן מיטן געלט, אָבער איר פאַרבאָט אויף די פּובלי־קאַציעס פאַרבלייבט. דעם 15טן מאַי 1920: דער אָדעסער „שטערן״, אָרגאַן פון די יידישע באָלשעוויקעס, דרוקט אַן אָנפאַל אויף דער „שאָוויניסטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אַגענטורן״. אַ פּאָר טעג שפּעטער ווערן געמאַכט מאַסן־אַרעסטן פון ציוניסטן, הגם די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גופא בלייבט עקזיסטירן. אין יאָר 1921: סטודענטן ווערן אַרויסגעטריבן פון אוניווער־סיטעט צוליב זייער ציוניזם, וואָס ווערט אָנגערופן „פּרעמדע אידעאָלאָגישע עלעמענטן״, בעת אַ קאָנפערענץ אין סימפעראָפּאָל פון ציוניסטישע גרופּן, וואָס פּלאַנירן יידישע עמיגראַציע פון קרים קיין פּאַלעסטינע, ווערט גאָר ניט געשטערט. אין יאָר 1924: די צעירי־ציון־פּאַרטיי צעטיילט אַ בראָשור די מיטגלידער פון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט, אין וועלכער עס ווערט באַשריבן דער מצב פון יידישן קולטור־לעבן און די רדיפות אויף דעם. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער קומען פאָר מאַסן־אַרעסטן אויף ציוניסטן — פון העכער 3,000 מענטשן אין 150 ערטער, אין יאָר 1924 קומען פאָר אַרעסטן אויף ציוניסטן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, טויזנטער ציוניסטן פילן אָן די טורמעס; אין דער זעלבער צייט באַקומט דער „החלוץ״ אַ לעגאַליזאַציע פון קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פריער בשום אופן זיך ניט געקאָנט דערצו דערשלאָגן.

דאָס זיינען בלויז ביישפּילן פון רדיפות אויף דער ציוניסטישער טע־טיקייט און אויף ציוניסטן במשך דעם ערשטן יאָרצענדליק פון דער סאָ־וויעטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד. די פאַרפאָלגונגען זיינען געוואָרן שאַרפער און דערגאַנגען צו דעם, אַז עס איז שוין לייכטער געווען צו טאָן ציוניסטישע אַרבעט אין גמהיים, איידער עפנטלעך. נאָך צען יאָר פאַרפאָלגונגען זיינען געבליבן בלויז קליינע גרופּעס אונטערערדישע אַקטיוויסטן, וואָס מען האָט געהאַלטן אין כאַפּן און אַרעסטירן. פון דער גאַנצער באַוועגונג, שוין מיט די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון און „החלוץ", האָבן נאָר אַ דרייסיק טויזנט יידן באַוויזן זיך אַריבערצוכאַפּן קיין ארץ־ישראל.

אָבער דורך אָט דער גאַנצער צייט האָט די סאָוויעטישע מאַכט גע־האַלטן אין איין טענהן, אַז זי האָט גאָרניט קעגן ציוניזם, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַ רעכט צו עקזיסטירן, אַז קיינער טשעפּעט זי ניט...

אין יולי 1919 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיך געווענדט צום „וציק" נאָך אַ לעגאַליזאַציע, אַ דאָקומענט, אַז איר טעטיקייט איז דערלויבט ביים נייעם רעזשים. דערויף האָט דער „וציק" אַרויסגעגעבן אָט דעם דעקרעט:

„אַזוי ווי קיין דעקרעט פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן (סאָוונאַר־קאָם) האָט ניט דערקלערט די ציוניסטישע פּאַרטיי פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נער, און ווי באַלד די קולטור און בילדונג־טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען ניט אין סתירה צו די באַשלוסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרזאָגט דאָס פּרעזידיום פון „וציק" אַלע סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס ניט צו שטערן דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין איר טעטיקייט".

מיט אַ חודש שפּעטער האָט דער ציוניסטישער פירער, אליעזר טשע־ריקאָווער געהאַט אַן אינטערוויו מיטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ניקאָלאַי קרעסטינסקי, וועלכער האָט דערקלערט „מיר האָבן גאָרניט קעגן פּאַלעסטינע און מיר קאָנען אַפילו טאָלערירן דעם ציוניזם, כל זמן איר וועט זיך ניט פאַרנעמען מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט".

אין פעברואַר 1921 איז אַ ציוניסטישער פירער פון ענגלאַנד, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער לייבאָר־פראַקציע אין בריטישן פּאַרלאַמענט, גע־קומען קיין מאָסקווע זיך משתדל זיין ביים אויסערן־קאָמיסאַר טשיטשערין לטובת די רוסישע ציוניסטן. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוקריגן פאַר זיי אַ לעגאַלן סטאַטוס כדי מען זאָל זיי אויפהערן צו פאַרפאָלגן. טשיטשערין האָט

אים פאַרזיכערט, אַז די יידן אין רוסלאַנד זענען פרייער, ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד, און צוגעגעבן:

„וואָס שייך אייער פאָדערונג, אַז מיר זאָלן דערלויבן ציוניסטן צו אָר־גאַניזירן קאָמיטעטן אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען, מוז איך אייך אינפאָרמירן, אַז אַזעלכע קאָמיטעטן עקזיסטירן שוין אין רוסלאַנד. זיי פונק־ציאָנירן און ווערן אין קיין פּרט ניט געשטערט, ניט פון סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען און ניט פון די יידישע סעקציעס. עס זיינען פאַראַן צוויי אַזעלכע יידישע אָרגאַניזאַציעס: די פּועלי־ציוניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַ־וועגונג און די פּועלי־ציוניסטישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. זיי האָבן אַלע מאָל געהאַט די לעגאַליזירטע רעכט צו פּראָפּאַגאַנדירן זייערע פּאַלעסטינער אידעען... וואָס שייך פאַרפאָלגונג, איז ווען מיר האָבן אַ מאָל באַפוילן אונטערדריקן אַ געוויסן בורזשואַזן עלעמענט צווישן די ציוניסטן, איז דאָס געווען צוליב די פאַרברעכנס, וואָס אָט דער עלעמענט איז באַגאַנגען, אָבער די אונטער־דריקונג איז קיין מאָל ניט געווען געווענדט קעגן די פּרינציפּן פון ציוניזם".

די פאַרפאָלגונג, וואָס טשיטשערין האָט אַזוי לייכט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, האָט שוין דעמאָלט, געהאַט אומגעבראַכט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, אויסער די דערמאָנטע צוויי קליינע אויסנאַמען, און אַ סך ציוניסטן זיינען שוין געווען פאַרשיקט אין תּפיסה. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט גע־מוזט אויפגעבן איר לעגאַלע — אַזוי גערופענע — עקזיסטענץ, און אַראָפּ אין אונטערערד.

אין מאַי 1925 האָט דער „וועציק" אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן דער פראַגע פון אַ לעגאַליזאַציע פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. פאַקטיש, איז דער דעקרעט פון יולי 1919 פון „וועציק" בנוגע דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָך אַלץ געווען אין קראַפט; די ציוניסטישע באַוועגונג איז קיין מאָל ניט דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל. אָבער די פאַרפאָלגונגען זיינען פאַר־געזעצט געוואָרן סיי ווי. דעריבער האָבן די ציוניסטן געוואָלט אַרויסבאַקומען אַן אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס זאָל זיי דינען ווי אַ שוץ קעגן פאַרפאָלגונגען. עטלעכע מאָל האָט מען זיי דאָס אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן ניט קיין לעגאַליזאַציע־דאָקומענט, מחמת מען האָט זיי קיין מאָל ניט דעלעגאַלי־זירט. דאָס מאָל זיינען פירנדיקע ציוניסטן, צווישן זיי פּראָפעסאָר דוד שאָר און יצחק ראַבינאָוויטש, געגאַנגען צו די סאַמע העכסטע אינסטאַנצן, צו אַלעקסיי ריקאָוו, וואָס האָט פאַרנומען לעניגס אָרט אַלס פאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און צו פּיאָטר סמידאָוויטש, דעמאָלט דער הויפּט פון

„וציק״. ריקאָוו האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז דער „וציק״ וועט באַטראַכטן די פֿראַגע.

אויף אַ דער ספּעציעלער זיצונג האָט דער הויפּט פֿון דער „גע־פּע־או״, וואַלעריאַן מענזשינסקי, איבערגעגעבן די שטעלונג פֿון דער זיכערקייט־מאַכט, אַז זי האָט גאָרניט קעגן ציוניזם אויב די ציוניסטן וועלן נאָר אָפּהאַלטן זיך פֿון אַגיטירן די ייִדישע באַפֿעלקערונג קעגן סאָוויעטישן רעזשים. ווען די ציוניסטישע פֿירער האָבן געטענהט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אַלע מאָל געהאַלטן נייטראַל, האָט איינער פֿון מענזשינסקיס געהילפֿן ציטירט פֿון דער ציוניסטישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד דוד פֿאַסמאַניקס אַן אויסדרוק: „דער רויטער טעראָר איינגעטונקען אין בלוט״ און אָנגעוויזן אויף דעם זשאַבאָטינסקי־סלאַווינסקי אָפּמאַך ווי אַ באַווייז, אַז ציוניסטן קאָלאַבאָרירן מיט די ווייסגוואַרדייער. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער מצב פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ניט געענדערט געוואָרן ניט צום בעסערן און ניט צום ערגערן, סמידאָוויטש אָבער האָט פֿאַרגעלייגט די ציוניסטישע פֿירער אויסצואַרבעטן פֿאַרן „וציק״ אַ פּלאַן פֿון אַ לעגאַלער עמיגראַציע־געזעלשאַפֿט אויף אַרויסצופֿירן ייִדן קיין פּאַלעסטינע. דער שווערפּונקט איז אַריבער אויף עמיגראַציע.

די ציוניסטישע פֿירער האָבן צוגעשטעלט אַזאַ פּלאַן פֿון אַ ייִדישער עמיגראַציע־געזעלשאַפֿט. די יעווסעקציע האָט צוגעשיקט אַ מעמאָראַנדום צום „וציק״ מיט דער פֿאָדערונג, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע זאָל ניט דערלויבט ווערן. סוף־כּל־סוף האָט סמידאָוויטש דערקלערט, אַז דער „וציק״ איז גרייט צו לעגאַליזירן אַזאַ ייִדישע געזעלשאַפֿט, בתנאי זי זאָל באַשטיין ניט פֿון ציוניסטן, נאָר פֿון אַנדערע פּראָמינענטע ייִדן. אויף דעם האָבן די ציוניסטן ניט געקאָנט איינגיין צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים.

אין יאָר 1926 האָט יורי לאַרין, אַן אָנגעזעענער ייִדישער עקאָנאָמיסט און מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געהאַט אַ באַגעגעניש מיט די ציוניסטישע פֿירער, וואָס זיינען געוואָרן אויפֿגענומען דורך סמידאָוויטשן און ריקאָוון. ער איז שוין גרייט געווען צו מאַכן מיט די ציוניסטן אַזאַ „געשעפֿט״: אויב די רוסישע ציוניסטן וועלן שיקן אַ דעלעגאַציע צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט אין יענער צייט געזאָלט פֿאָרקומען אין ווין, און דאָרט דערקלערן, אַז די סאָוויעטישע מאַכט גיט ייִדן אַלע רעכט, אַפּעלירן צו ייִדן צו שטיצן די קאָלאָניזאַציע אין קרים, און אויסדריקן אַ פּראָטעסט קעגן דער עקאָנאָמישער בלאָקאַדע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, וועט די סאָוויעטישע רעגירונג לעגאַליזירן אַ ציוניסטישע עמיגראַציע־גע־

זעלשאַפט פאַר יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין פּאַלעסטינע און דערלויבן צו באַנייען דעם „תרבות" און עפענען העברעישע שולן. די ציוניסטישע פירער האָבן פאַרלאַנגט, אַז קודם זאָל די רעגירונג באַפרייען די אַרעסטירטע ציוניסטן, אָפּשטעלן די רדיפות און צוימען די יעווסעקציע. אַ האַלב יאָר האָבן זיך געצויגן די פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם, און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס מיט דעם וואָס פּלוצעם זיינען אין מאָסקווע אַרעסטירט געוואָרן איבער הונדערט פירנדיקע ציוניסטן, צווישן זיי אויך די, וואָס האָבן פאַרהאַנדלט מיט סמידאָוויטשן און לאַרינען, און פאַרשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר תפיסה.

קורץ נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַגרענעצונגען אויך קעגן די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון און „החלוץ", וואָס מ'האָט ביז דעמאָלט געלאָזט צו רו, די רדיפות זיינען געשטיגן אַפילו אויף דעם „החלוץ", וואָס איז געווען פאַוואָריזירט מער פון די אַנדערע. סוף 1926 זיינען געווען אַרעסטירט העכער 175 חלוצים. די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון איז אויפגעלייזט געוואָרן אין יאָר 1928, דאָס פונאַנדערלאָזן דעם „החלוץ" האָט געדויערט נאָך עטלעכע יאָר, אָבער פאַקטיש האָט ער שוין קיין ממשות ניט געהאַט פון יאָר 1929 אָן. און דאָס אַלץ האָט געהייסן, אַז מען האָט גאַרניט צום ציוניזם, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט לעגאַלע רעכט צו עקזיסטירן.

אָט די פּאָליטיק האָט אָנגעהאַלטן אויך דעמאָלט ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט פאַר די „פאַראייניקטע נאַציעס" אין ניו־יאָרק געהאָלפן רעאַליזירן דעם ציוניסטישן חלום און אויפשטעלן די יידישע מדינה. מיט די סאָוועטישע יידן האָט דאָס קיין שייכות ניט געדאַרפט האָבן. זיי האָבן זיך אַפילו ניט געטאָרט פרייען מיטן גרויסן אויפטו פון זייער אייגענער מלוכה. דער איינציקער יידישער ישוב אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט געפייערט דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה אין יאָר 1948 איז געווען דאָס סאָוועטישע יידנטום. דאָס הייסט, אויב מען זאָל ניט נעמען אין באַטראַכט די מאָדנע דערשיינונג, וואָס אין יענע טעג זיינען צופעליק אויסגעפאַלן אַ סך געבוירן־טאָגס אין סאָוועטישע היימען, מען האָט דאָרט געמאַכט מסיבות און געטרונקען לחיים...

קיין אמתן סמך צו פאַרבאָטן ציוניזם און ציוניסטישע טעטיקייט האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט ניט געהאַט. איידער די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די מאַכט, זיינען די ציוניסטישע פּאַרטייען געווען קעגן באָלשעוויזם, ווי דער „בונד" און אַנדערע פּאַרטייען — ביי יידן און ניט־יידן. דער פאַקט איז דאָך, אַז ביים איבערנעמען די מאַכט זיינען די באָלשעוויקעס געווען אַ

קליינע מינדערהייט פון פאָלק. אין די איינציקע פרייע וואַלן ביים באָלשע־וויסטישן רעזשים, — דעם 25סטן נאָוועמבער 1917 — האָבן די באָלשע־וויקעס באַקומען 175 דעפּוטאַטן פון די 707, וואָס זיינען אויסגעקליבן גע־וואָרן. (לענין האָט באַלד נאָך דער דערפעפענונג צעטריבן אָט די געוויילטע פאַרזאַמלונג). כל זמן דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט דערלויבט אַ פרייע פּרעסע, האָבן אַלע אָפּאָזיציע־צייטונגען שאַרף קריטיקירט דעם נייעם רע־זשים — און צווישן זיי איז אויך געווען דער ציוניסטישער אָרגאַן „העם״. אין דעצעמבער 1917 האָט איינער פון די רעדאַקטאָרן, ב. כץ געשריבן אין „העם״ אַז „די רוסישע רעוואָלוציע שטייגט אַריבער מיט איר ווילדקייט אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און נאָך איין האָפענונג איז פאַראַן: אַז דער נייער אינקוויזיציע־רעזשים וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן״. די דאָזיקע צייטונג האָט אויך אונטערגעהאַלטן די פּאַטריאָטישע שטעלונג, וואָס אַ סך באָלשעוויקעס האָבן אָנגענומען קעגן ברעסט־ליטאָווסקער שלום מיט די דייטשן.

אָבער ווי נאָר דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט זיך איינגעשטעלט, און עס איז געקומען די קאָנטער־רעוואָלוציע, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אויפגעגעבן איר אָפּאָזיציע צום סאָוויעטישן רעזשים און זיך דערקלערט נייט־טראַל. נאַטירלעך האָט זי ניט געקענט זיין נייטראַל ווען די קאָנטער־רעוואָלוציע איז געקומען פון די פּאָגראָממשטשיקעס. דעמאָלט זיינען די ציוניסטן, ווי אַלע יידן, געווען באַין ברירה קעגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע. אָבער אין ראַטן פאַרבאַנד גופא איז זי געוואָרן אַפּאָליטיש. זי האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט ציוניסטיש־קולטורעלער טעטיקייט. אין דעם פּרט איז אַפילו געקומען אַ ווענדונג זיך צוצופּאַסן צום נייעם רעזשים. אין יאָר 1919 האָבן עטלעכע ציו־ניסטיש־העברעיִשע שרייבער, אונטער דער פירונג פון באַוווסטן שריפט־שטעלער א. שטיינמאַן אַרויסגעגעבן אַ שריפט „הקומוניסט העברי״, וואָס האָט זיך אָריענטירט אויפן סאָוויעטישן סאָציאַלן סיסטעם און געפּרובירט אויף דער באַזע שאַפן אַ ציוניסטישע ריכטונג.

מען קאָן זאָגן, אַז אָפענע אָפּאָזיציע צום באָלשעוויסטישן רעזשים האָט דער ציוניסטישער לאַגער אַרויסגעוויזן ווייניקער ווי דער „בונד״ און אַנדערע יידישע פּאַרטייען. און ווען ביים „בונד״ און אַנדערע פּאַרטייען איז אַנטשטאַנען אַ לינקער פליגל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן און איז אַוועק צו דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, איז דאָס אייגענע געשען אויך אין דער ציוניסטישער באַ־

וועגונג. דער לינקער פליגל פון „בונד" איז געוואָרן אַ „קאָמבונד" — אַ קאָ־מוניסטישער בונד — וואָס האָט אין אַלע פּרטים איינגעשטימט מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויסער אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע. אויף דעם סמך האָט דער „קאָמבונד" געזוכט אַ זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אַנדערע יידישע פּאַרטייען, די אַזוי גערופענע „פּאַראייניקטע" (פון עס־עס און די סיימיסטן), האָבן געהאַט זייער לינקן פליגל די „קאָמפּאַראייניקטע". די סאָציאַליסטישע ציוניסטן, די „פּועלי־ציון", האָבן זיך אויך געשפּאָלטן, און עס איז אַנטשטאַנען די קאָמוניסטישע „פּועלי־ציון", וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג (ד. ה. פון ציוניסטישן קאָנגרעס) ווי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און זיך אָריענטירט אויפן דריטן אינטערנאַציאָנאַל און דער סאָוויעטישער מאַכט. פון אָט די אַלע „קאָם"־קאָמבינאַציעס, זיינען די „קאָם"־„פּועלי־ציון" געווען די, צו וועמען די סאָוויעטישע מאַכט איז געווען צום מייסטן סימפּאַטיש. אָט די „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי האָט אַריבערגעלעבט די אַנדערע קאָם־קאָמבינאַציעס מיט די יעווסעקציעס צוזאַמען.

און דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. גראַד מיט זייער ציוניסטישקייט האָט די קאָמוניסטישע „פּועלי־ציון" אויסגענומען ביי די סאָוויעטישע הערשער. די אַנדערע „קאָם"־קאָמבינאַציעס האָבן זיך זיי בלויז געפּלאָנטערט אונטער די פיס. די „קאָם־פּאַראייניקטע" האָבן די סאָוויעטישע פירער בכלל ניט באַטראַכט פאַר מער ווי אונטערשמייסער ביי די יעווסעקציעס און דער סוף איז טאַקע געווען, אַז די יעווסעקציעס האָבן זיי אויפגעגעסן. דער „קאָמבונד" האָט זיך געווענדט צו דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנגענומען צו ווערן ווי אַ יידישע פראַקציע. דערויף האָט די רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ריכטיק געענטפערט, אַז דאָס איז דער אַלטער „בונד", נאָר רויט געשלייערט — און דאָס אָפּגעוואָרפן. די קאָמוניסטישע „פּועלי־ציון" האָט זיך געווענדט צום קאָמאינטערן, ניט צו דער רוסישער פּאַרטיי, מען זאָל זי אָננעמען אַלס מיטגליד. זי איז געווען אָריענטירט ניט צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין ראַטן־פאַר־באַנד, נאָר אַריבערפאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט זי במילא ניט געהאַט קיין גרונט צו ווערן אַ באַזונדערער טייל פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; זי האָט געוואָלט זיין די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין קאָמאינטערן — זי מיט אירע לינקע שוועסטער־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער. די סאָוויעטישע פירער האָבן אין אָט דער שטעלונג געזען צוויי מעלות. קודם, דרייט זיי אָט די פּאַרטיי ניט קיין מוח מיט אַ פּערמאַנענטן נאַציאָנאַלן סטאַטוס פאַר די סאָ־

וויעטישע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד; צווייטנס, קאָן זי זיין נוצלעך דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן.

דער קאָמאינטערן האָט טאַקע אָפּגעזאָגט די בקשה פון דער קאָמוניסטי־שער „פועלי־ציון"־פּאַרטיי, אָבער פריינדלעך, ווי אַן אייגן קינד. אין אָט דעם אָפּ־זאָג אין יאָר 1921 האָט דער קאָמאינטערן קודם באַדאַנקט די „פועלי־ציון" פאַר איר העלפן אָרגאַניזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע. אָט די פּאַרטיי קאָן ווערן די לאָקאַלע פּאַרטיי פון קאָמאינטערן. וואָס שייך איר ציוניסטישער אידעע, „אַז די קאָנצענטרירונג פון פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע קאָן ווערן אַ באַזע פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פאַר דעם אַרבעטאַרישן טייל פון יידישן פאָלק, איז דאָס אַן אוטאָפּישע און רעפאָרמיסטישע אידעע, און אירע פּראַקטישע אַספּעקטן זיינען דירעקט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, מחמת דער ענדציל פון אָט דער ספּעציפישער אידעאָלאָגיע איז קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, אַ טעטיקייט וואָס אין ענדגילטיקן סך־הכל שטאַרקט זי די פּאָזיציע פון בריטישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע". דער קאָמאינטערן האָט דעריבער געפּסקנט, אַז די לינקע „פועלי־ציון"־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער זאָלן זיך אויפלייזן און זייערע מיטגלידער זאָלן אַריין אין דער אָרטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס האָט זי אָבער ניט פאַרלאַנגט פון דער פּאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד — וואָס זי האָט יאָ געפאָדערט פון „קאָמבונד". די „קאָמ־פועלי־ציון"־פּאַרטיי האָט דעריבער לעגאַל עקזיסטירט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דער „החלוץ", ניט געקוקט דערויף וואָס זיינע מיטגלידער האָבן גערעדט העברעיש, און די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געקענט אָנווייזן אויף זיי ביים אָפּוואַרפן די טענה, אַז זי איז קעגן ציוניזם אָדער קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר פּאַלעסטינע. דער „החלוץ" האָט אויך געהאַט אַן עמיגראַציע־פּונקט אין באַטום פאַר זיינע חברים, וואָס ווילן אַרויספאָרן קיין פּאַלעסטינע.

דער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון „אמר" אין ישראל, דן פינעס, איז אַפילו געגאַנגען צו סטאַלינען אַליין בעטן אַ לעגאַליזאַציע פאַרן „החלוץ" כדי צו האָבן מיט וואָס זיך צו שיצן קעגן די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען. ווערדליג ב. קאַנטאָראָוויטש גיט איבער („פאָלק און וועלט", יאַנואַר 1962) פון אַ באַ־ריכט וועגן דעם, וואָס דן פינעס האָט איבערגעלאָזט, האָט פינעס פריער זיך געטראָפן מיט קאַלינינען, קאָמענעוון און מערעזשינען, און ווען די ערשטע צוויי האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו זיין בקשה, איז ער אַוועק צו סטאַ־לינען, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי;

קאַמענעוו האָט פּינעסן געהאַט געזאָגט, אַז אַזאַ ענין מוז באַשטעטיקט ווערן דורכן סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. עס איז אים געווען גאָר שווער זיך צו דערשלאָגן צו סטאַלינען, אָבער ער איז דערגאַנגען, און סטאַלינס סעקרע־טאַר, קאַנטאָר, האָט אים פון אויפנעם־צימער צוגעפירט צו דער טיר פון סטאַלינס צימער. ווייטער דערציילט פּינעס:

„כ׳האָב געזען אַ לאַנגן און פּוסטן צימער, און אין עק, אַנטקעגן דער טיר, דורך וועלכן איך בין אַריין, אַן אַריינגאַנג מיט אַ פאָרהאַנג... כ׳האָב זיך משער געווען, אַז איך דאַרף דורכן אַריינגאַנג אַריין אין אַ צווייטן צימער, הינטער דער פאָרהאַנג, און געמאַכט עטלעכע שריט אַהין. פּלוצעם איז צו מיר דערגאַנגען פון דער רעכטער זייט אַ שטימע: ,ביטע, דאָ!׳

„אַ לייכטער ציטער איז אַדורך איבער מיין קערפּער. כ׳האָב געווענדט מיינע אויגן — סטאַלין איז געזעסן לעבן טיש אין רעכטן ווינקל פון צימער, וואָס כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ קאָרידאָר. אויפן טיש זיינען געווען פאַ־פּירן, טעלעפאָנען און פאַרשיידענע אַלאַרם־מכשירים. אין דער האַנט האָט סטאַלין געהאַלטן אַ בלייפעדער און זיין לינקע האַנט איז געווען איבערן רע־וואָלווער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש...״

ניט ווייט פון טיש, איז געשטאַנען אַ שטול, אָבער סטאַלין האָט אים ניט געבעטן זיצן. דאָס געשפּרעך מיט פּינעסן איז געפירט געוואָרן שטייענדיק. פּינעס האָט דערציילט סטאַלינען, אַז היות ער האָט זיך געזען מיט אַנדערע סאָוויעטישע פּערזענלעכקייטן און זיי איבערגעגעבן די פּרטים, וויל ער אים אויך אויפקלערן וועגן דעם. דער „החלוץ״, האָט ער דערציילט סטאַלינען, האָט גערופן אַ קאָנפערענץ פון זיינע אָפּטיילן איבערן לאַנד, אָבער די מאַכט האָט צוגענומען די דערלויבעניש, און נאָך אַרעסטירט אַ ריי חברים. איז אויב אונדזער אַרבעט איז פאַרבאָטן, דאַן זאָל די מאַכט מעלדן וועגן דעם אָפן, און אויב ניט, איז צו וואָס מאַטערן און דריקן?

סטאַלין האָט געשטעלט פּינעסן אַ ריי פראַגן: קודם, צי דער „החלוץ״ אַרבעט אויך איצט אָן אַ דערלויבעניש, און ווען פּינעס האָט געענטפערט אַז יאָ, האָט ער געוואָלט וויסן צי דער קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים ווייס וועגן דעם, ווען אויף אָט דער פראַגע איז אויך געקומען אַ יאָ, האָט סטאַלין געוואָלט וויסן זינט ווען דער „החלוץ״ עקזיסטירט אין רוסלאַנד, און הערב־דיק, אַז זינט דער רעוואָלוציע, האָט ער געוואָלט וויסן מיט וועמען דער „החלוץ״ איז פאַרבונדן אין אויסלאַנד. דער ענטפער איז געווען, אַז מיט דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל, מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון „החלוץ״,

און אַז דורך די ווירטשאַפטן. איז דער „החלוץ" אויך פאַרבונדן מיטן אַגראַ־דזשאַינט. צום סוף האָט סטאַלין געפרעגט פינעסן צי דער „החלוץ" איז ניט צווישן די אונטערשטיצער פון פעטליורא...

סטאַלין האָט אַריינגערופן זיין סעקרעטער קאַנטאָרן און אים עפּעס געזאָגט אין דער שטיל. דערמיט האָט זיך דער שמועס מיט סטאַלינען געענ־דיקט, אָבער דאָס האָט געפירט צו דער לעגאַליזאַציע — נאָך אַ ריי ביוראָ־קראַטישע שריט אַדורכצופירן דאָס אָפיציעל. אַט אַזוי איז דער „החלוץ" אָנערקענט געוואָרן ווי אַן אָרגאַניזאַציע, „וואָס שטעלט זיך דעם ציל געזונט צו מאַכן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד דורך צוציען זיי צו פּראָדוקטיווע צווייגן און דורך קאָלעקטיוויסטישע פאָרמען פון אַרבעט... און דורך באַטייליקן זיך דורך זעלבסטאַרבעט אין דער שאַפונג פון אַן אַרבעט־צענטער אין ארץ־ישראל ווי אַ קאָנצענטראַציע־פּלאַץ פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן".

איצט, מיט העכער פערציק יאָר שפּעטער, זעט מען יענעם קאַמף קעגן ציוניזם אין דער פולער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. דאָ איז ניט געגאַנגען אין שיבת ציון און ניט אין דער העברעיִשער קולטור, נאָר דירעקט אין נאַצי־אָנאַלן המשך פון רוסישן יידנטום. דאָס וואָס ווייזט אונדז אויס ווי פּראָגראַמ־לאָזיקייט איז פאַר זיך אַליין געווען אַ פּראָגראַם. דאָס פּראָגראַם דעמאָלט, ווי עס איז נאָך היינט, איז געווען צו צעברעקלען די יידישע געמיינשאַפט, אָפּשאַפן יעדע מעגלעכע פאַרבונדקייט צווישן יידן אין רוסלאַנד און זיי אַלעמען אָפּ־שניידן פון זייערע ברידער אין אויסלאַנד. צעשאַטענערהייט, יעדער פאַר זיך, ווערן אָט די יידן אָפּגעפרעמדט פון זייער פאַרגאַנגענהייט און זייער נאַציאָנאַלער קולטור, און זיי מוזן מיט דער צייט זיך אַסימילירן אין גאַנצן און פאַרשווינדן צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אָט דאָס פּראָגראַם האָט אָבער געדאַרפט דורכגעפירט ווערן בעת „די באַן האָט געהאַלטן אין לויפן", דאָס הייסט בעת מען האָט געמוזט איבערבויען, ריכטיקער געזאָגט, אויפבויען אַן עקאָנאָמישע באַזע פאַר די רוסישע יידן — איבערבויען איז שוין ניט געווען וואָס. און דאָס האָט נאָך געמוזט געטאָן ווערן אין אַן אַלגעמיינעם קריטישן מצב פאַר דער מדינה. דער פּראָצעס פון אויפ־בויען די עקאָנאָמישע באַזע פאַר יידן האָט געפאָדערט געוויסע באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען אין סתירה צום אָנגעגעבענעם פּראָגראַם; דאָס האָט געפאָ־דערט הילף פון אויסלענדישע יידן, און דערצו האָט במילא זיך געמוזט שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן די רוסישע יידן און דעם וועלט־יידנטום; דער אויפבוי

האָט געפאָדערט קאָאָפּעראַציע פון די אָרטיקע יידן. מאָראַלישע דערמוטיקונג און סאָלידאַריטעט צווישן די רוסישע יידן, כדי זיי זאָלן קאָנען דורכמאַכן דעם שווערן איבערגאַנג. מיט דער בייטש אַליין וואָלט מען דאָס ניט געקאָנט דורכ־פירן; עס איז אויך נויטיק געווען אַ צוקערלעקעכל. צוויי יאָר האָבן געדויערט די רדיפות ביז עס איז געקומען דער דעקרעט אויפצולייזן די קהילות; זעקס יאָר האָבן געדויערט די אונטערדריקונגען צו מאַכן אַ סוף צו דער העברעיִשער קולטור; און צען יאָר האָט געדויערט די אַרבעט אויסצוראָטן די ציוניסטישע באַוועגונג. אויף אָט דעם גרויסן חורבן האָט מען אויפגעשטעלט די סוכה פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

אָבער אויך אין דער סוכה איז געלעגן אַ כוח פון קיום, פון המשך — איז דער פריערדיקער קאַמף אַריבער אַהער. דער קאַמף פאַר אַ ביסל מער יידיש׳ היינט אין ראַטן־פאַרבאַנד; דער קאַמף פון דער סאָוויעטישער מאַכט מיטן ביסל פאַרבליבענעם רעליגיעזן יידישן עלעמענט — דאָס זיינען נאָך אַלץ שלאַכטן פון יענעם קריג. און כל זמן עס גייט נאָך אָן אַ שלאַכט — ווי קליין און שוואַך דער אָנגעגריפענער זאָל ניט זיין — איז דער קריג נאָך ניט פאַרלוירן.

ראַטן־פֿאַרבאַנד און דער נאָענטער מזרח

דער ציוניזם, אַלס אַ באַוועגונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט אויפֿצובויען אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל, איז פֿאַר לענין און סטאַלין געווען אַן אויסלענדישער ענין, אַ קליינער פֿאַקטאָר אין דער לאַגע פֿון דער ענגלישער קאָלאָניע, פּאַלעסטינע, וואָס האָט פֿאַר זיך אַליין געהאַט אַ קליינעם באַטייט. אָט דער ענין האָט געקאָנט האָבן אַ שייכות נאָר מיטן „נאַרקאָמינדעל", דאָס הייסט מיטן אויסערן־קאָמיסאַריאַט. אָבער אַזוי ווי דער אויסערן־קאָמיסאַריאַט האָט געהאַט וויכטיקערע זאַכן צו טאָן, איז דער ענין אַריבער צום קאָמאינטערן, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ זייטיקע קאַמער פֿון אויסערן־קאָמיסאַריאַט — די אינטערעסן פֿון אויסערן־קאָמיסאַריאַט האָבן תמיד דיקטירט די פּאָליטיק פֿון קאָמאינטערן — און אין די ערשטע יאָרן זיינען די צוויי געווען אפֿילו אַדמיניסטראַטיוו צונויפֿגעבונדן. דער קאָמאינטערן ווידער האָט געהאַט גרעסערע און מער דרינגענדיקע ענינים מיט וואָס זיך צו עוסקן. אין משך פֿון יאָרן האָט דעריבער דער ענין פּאַלעסטינע, און במילא דער ציוניזם, באַקומען גאָר ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט.

בעת דער ציוניסטישער אידעאַל איז אַרויף אויף דער אַרענע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, זיינען די סאָוויעטישע פֿירער געווען פֿאַרטאָן מיט אַנדערע, דרינגענדיקע ענינים. די באַלפֿור־דעקלאַראַציע פֿון 2טן נאָוועמבער 1917 איז געקומען פֿינף טעג נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. די הסכמה פֿון אַמעריקע, פֿראַנקרייך און איטאַליע צו דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע איז געקומען אין מיטן 1918, ווען דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט זיך געראַנגלט מיט די דייטשן צו ערשט ביי די שלום־פֿאַרהאַנדלונגען אין ברעסט־ליטאָווסק און דערנאָך — בעת דער אינוואַזיע פֿון דער דייטשער אַרמיי. בעת דער פּאַלעסטינע־מאַנדאַט, און די אויפֿגאַבע צו אַנטוויקלען דאָרט אַ ייִדישע היים, איז דורך די אַליאירטע לענדער איבערגעגעבן געוואָרן ענגלאַנד אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אין סאַן־רעמאָ אין יאָר 1920, האָבן די באָלשעוויקעס זיך געפֿונען אין אַ שווערן קריג מיט פּוילן, אַחוץ דעם אינערלעכן בירגערקריג און דער אינטערווענץ פֿון די גרויסמאַכטן. בעת די פֿעלקער־ליגע האָט ראַטי־

פיצירט דעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט אין יאָר 1922, האָבן די באָלשעוויסטישע פירער זיך געפונען אין אַ קריטישן מאָמענט פון אַרויסבאַקומען אָנערקענונג ביי די גרויסמאַכטן אויף די קאָנפערענצן אין גענוע און ראַפּאַלאָ און אין טשאַגטשון מיט יאַפּאַן — אויסער דעם „נעפּ" און אַנדערע אינערלעכע קאָמפּליקאַציעס ביים קאָנסאָלידירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. פאַר זיי איז די פּאַלעסטינע־פראַגע און במילא דער ציוניזם, נאָך אויפן האָריזאָנט ניט געווען.

דער קאָמאינטערן האָט יאָ געפונען פאַר פּאַלעסטינע אַ פּונקט אויף דער מאַפּע, אָבער די אויגן האָט דער קאָמאינטערן געהאַלטן אויף אַנדערע נענטערע און גרעסערע טיילן פון דער וועלטקאַרטע. אין דער ערשטער ריי האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זיך אָפּגעגעבן מיט אייראָפּע. ער האָט באַטראַכט די סאָציאַלע אומרוען אין די מערב־לענדער באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג ווי סימנים פון דער אָנקומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק ווי דאָס לעבן. דער געדאַנק, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין איין לאַנד, אַרומגערינגלט פון קאַפּיטאַליזם, קאָן ניט האָבן קיין קיום, האָט נאָך עקזיסטירט ביי אַ סך באָלשעוויסטישע פירער. דער אינטערעס פאַר אַזיע האָט דעריבער געמוזט זיין פון דער צווייטער וויכטיקייט און אויך בעיקר פאַרן „אייגענעם" אַזיע פון צאַרישן רוסלאַנד און פון די שכנישע לענדער אַרום. ערשט ווען די אויסזיכטן פאַר סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אייראָפּע זיינען פאַרשוווּנדן, האָט דער קאָמאינטערן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ שטאַרקערן אינטערעס צו אַזיע.

אָבער דאָ האָט זיך דער קאָמאינטערן אָנגעשטויסן אין צוויי גרויסע שוועריקייטן — אַן אידעאָלאָגישע און אַ פּראַקטישע.

קיין צוואה, וואָס מען זאָל טאָן מיט די אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניעס, האָבן מאַרקס און ענגעלס ניט איבערגעלאָזט. מאַרקס גופא האָט ניט געזען קיין מעגלעכקייט, אַז די קאָלאָניעס זאָלן זיך אָפּרייסן פון זייערע באַהערשער כל זמן עס הערשט דער קאַפּיטאַליזם. פריער דאַרף קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און ערשט דאַן וועלן די סאָציאַליסטישע רעזשימען דאַרפן לייזן דעם קאָלאָניאַלן פּראָבלעם. מאַרקס האָט געזען אַ מעגלעכקייט, אַז די סאָציאַליסטישע רעזשימען זאָלן איבערנעמען די קאָלאָניעס און זיי צוגרייטן צו זעלבשטענדיקייט. ענגעלס האָט אַזאַ מעגלעכקייט אָפּגעשראָקן — די סאָציאַליסטישע רעזשימען וועלן האָבן געגוג צו טאָן ביי זיך אין די אייגענע לענדער. און ענגעלס האָט גאָר געקאָנט טראַכטן, אַז ערשט די באַפרייטע קאָלאָניאַלע לענדער זאָלן זיך שטעלן קעגן די סאָציאַליסטישע רעזשימען. וואָרעם פון דעם, אַז אַ מדינה

זאָל קענען אַריבערשפּרינגען פון אומאַנטוויקלטן קאָלאָניע־צושטאַנד גלייך צום סאָציאַליזם, איז דעמאָלט געווען אָפּגערעדט. אפילו רוסלאַנד איז אין די אויגן פון מאַרקס און ענגעלס געווען ניט גענוג רייף צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע — צו ערשט מוז זי קומען אין די הויך־אינדוסטריאַליזירטע לענדער.

אַפילו שפּעטער, ווען מען האָט שוין אָט די טעאָריע צוגעשוירן צו דער פּראַקטיק, ווען מען האָט שוין אָנערקענט, אַז דער סאָציאַליזם קאָן עק־זיסטירן אין איין לאַנד און אַז סאָציאַליזם קאָן קומען אויך אין אַן אינדוס־טריעל ניט אַנטוויקלטער מדינה, איז מען נאָך אַלץ ניט קלוגער געוואָרן בנוגע די רעוואָלוציעס, וואָס דאַרפן פאָרקומען אין די קאָלאָניעס. קלאָר איז גע־ווען, אַז די רעוואָלוציע דאַרף באַפרייען די קאָלאָניעס פון אימפּעריאַליסטישן יאָך, אָבער אונטער וואָס פאַר אַ פאָן דאָס זאָל געשען, צי אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אָדער אין נאָמען פון סאָציאַ־לער באַפרייונג אויף אַ בורזשואַזן שטייגער — וועגן דעם זיינען פאָרגעקומען וויכוחים. די אייראָפּעיִשע קאָמוניסטן מיט זייער מאַרקסיסטישן נעגאַטיוון צו־גאַנג צום נאַציאָנאַליזם, האָבן אָנגעזאָגט סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס אין די קאָלאָניעס. דאַקעגן די אַזיאַטישע רעוואָלוציאָנערן, קענענדיק די אומשטענדן אויפן אָרט, האָבן גערעדט אין טערמינען פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג, אויס־נוצנדיק אַלע עלעמענטן פון פאָלק, און דער קלאַסנקאַמף מיטן סאָציאַליזם האָבן זיי איבערגעלאָזן אויף שפּעטער. אָבער דאָס האָט ערשט געבראַכט קאָמ־פּליקאַציעס פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. די נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונגען אין אַזיע האָבן געטראָגן אַ „פאַן”־כאַראַקטער: פאַן־איסלאַמיזם, פאַן־טוראַניזם, פאַן־אַראַביזם. ניט נאָר איז איסלאַם געווען אַ רעאַקציאָנערער כוח אין די אויגן פון די באָלשעוויקעס, נאָר דער פאַן־איסלאַמיזם האָט דאָך געקאָנט איינשליסן אין זיך די מוסולמענער פון די סאָוויעטישע פּראָווינצן אין אַזיע, און פאַן־טוראַניזם האָט געקאָנט איינשליסן גרוזיע און אַנדערע טיילן פון קאַווּ־קאַז. די באָלשעוויסטישע פירער האָבן אָן דעם געהאַט גענוג צו טאָן מיטן קאָ־מוניזירן אָט די עלעמענטן פון לאַנד. פאַן־אַראַביזם האָט דעם ראַטן־פאַרבאַנד גופא ניט אָנגערירט, אָבער די אַראַבישע וועלט איז געווען פרעמד די רוסישע קאָמוניסטן, און זיי האָט פון איר אָפּגעשלאָגן דער איסלאַמישער שאָוויניזם און די טאָטאַלע פּראָגראַמלאָזיקייט ביי די פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

די פּראַקטישע שוועריקייט איז געווען די, וואָס דער קאָמאינטערן האָט ניט געהאַט קיין אייגענע עקספּערטן וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין די קאָלאָניאַלע לענדער. די צאַרישע דיפּלאָמאַטישע ספּעציאַליסטן זיינען זיך

צעלאָפּן; די אַקאַדעמישע אָריענטאַליסטן האָבן געקענט דעם פּאַרצייטן, אָבער ניט די אַקטועלע באַדינגונגען, און אויף די קאָלעגן סאָציאַליסטן פון די קאָלאָניאַלע לענדער האָט מען ניט געקאָנט אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן. דערפון האָט זיך גענומען דאָס, וואָס אויף דעם געביט זיינען געווען באַטייליקט אַ סך יידן, אָנגעהויבן פון דעם הויפּט פון דעם אַל־סאָוויעטישן פאַרבאַנד פון אָריענטאַליסטן, אַן אינסטיטוט געשאַפן פאַר אָט דעם צוועק, מיכאַיל פּאַוו־לאָוויטש (וועלטמאַן) ביז די ספּעצן אין די אַראַבישע לענדער. פון אָט די יידן מיט זייער איראָפּעיִש־רוסישן הינטערגרונט, האָט מען דערוואַרט אַן אָביעק־טיווע אָפּשאַצונג פון דער אָרטיקער ווירקלעכקייט. די קאָמאינטערן־ספּעצן פאַר עגיפּטן זיינען געווען „אַביגדור", (יחיאל קאָסאי) און „נאַדאב" (נחום לעשצינסקי); פאַר פּאַלעסטינע איז דער ספּעץ געווען „אַבוסיאַם", אַ מאָל אונטערן נאָמען „האַידאַר" (ס. אָווערבוך); פאַר סיריע — „שאַמי" (יעקב טעפּער) און פאַרן מיטעלן מזרח בכלל — „באַרזילאַי" (ברזילי — י. בערגער). פון די פינף זיינען דריי אומגעבראַכט געוואָרן, צוויי זיינען באַפרייט געוואָרן אין 1956—1957, נאָך צוואַנציק יאָר תפיסה און אַרבעט־לאַגער. (ברזילי איז היינט אַן אָנגעזענער שריפטשטעלער אין ישראל, אַ בוך וועגן זיינע איבער־לעבענישן איז ערשט ניט לאַנג דערשינען). אויף ווי ווייט אָט די עקספּערטן האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דער פּאָליטיק פון קאָמאינטערן לגבי דעם נאָענטן מזרח, איז דאָס געווען צו פאַרגרעסערן דעם אינטערעס צו דער אַראַבישער באַוועגונג, צו איבערשאַצן איר וויכטיקייט, און צו אונטערשטרייכן די קעגנערשאַפט צום ציוניזם.

אין יאָר 1920 איז די שטעלונג פון קאָמאינטערן — די סאָוויעטישע מלוכה האָט זיך נאָך מיט דעם ניט פאַרנומען — צום אַראַביש־יידישן קאָנפליקט אין ארץ־ישראל געווען אַן אומבאַשטימטע. בעת די באַראַטונגען וועגן דעם ענין אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן, איז די דעבאַטע געפירט געוואָרן צווישן די יידישע דעלעגאַטן, וואָס האָבן פּאַקטיש אַהין אַריבערגעפירט דעם אַלטן אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן „בונד" און ציוניזם אויפן קאָמוניסטישן באָדן. אסתר פרומקין פון „קאָמבונד" האָט פאַרלאַנגט אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף מיטן ציוניזם, און די דעלעגאַטן פון „קאָם־פּועלי־ציון" האָבן געטענהט פאַר־קערט: אויב דער קאָמאינטערן קאָן גיין מיט די פעאָדאַלע עלעמענטן אין נאָענטן מזרח אין זייער קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, פאַר וואָס זשע זאָל ער ניט גיין מיטן פּראָלעטאַרישן ציוניזם אין פּאַלעסטינע? די ניט־יידישע דעלע־גאַטן אויפן קאָנגרעס זיינען בנוגע פּאַלעסטינע געווען אַנטי־ציוניסטיש אָבער

אויך ניט פּראָ־אַראַביש. דאָס הייסט, זייער אַנטי־ציוניזם האָט זיך באַצויגן אויפֿן פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע ווי אַ לייזונג צו דער יידישער פראַגע, אָבער ניט אויף די רעכט פון יידן אין פּאַלעסטינע.

אין אַפּריל 1920 זיינען פֿאָרגעקומען אַראַבישע אָנפֿאַלן קעגן יידן אין ירושלים, אין וועלכע פינף יידן און פיר מוסולמענער זיינען דערהרגעט געוואָרן און 211 יידן, 22 מוסולמענער און 2 קריסטן זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן. יידן אין דער וועלט האָבן דאָס באַצייכענט ווי אַן אַראַבישן פּאָגראָם, און אַזוי איז דאָס אויך אָנגערופן געוואָרן אין סאָוויעטישן זשורנאַל „נאָווי וואָסטאָק" נאָך אין יאָר 1922 (זייט 79). מיר האָבן דאָרט די פֿאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג פאַר יענער צייט: „עס קומט אָנערקענונג דער בריטישער רעגירונג, וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַראַבישן אולטימאַטום צו דעפּאָרטירטן די ציוניסטישע פירער, ניט געקוקט דערויף וואָס די אַראַבער האָבן געדראָט מיט פּאָגראָמען".

אין די קומענדיקע צען יאָר האָט דער קאָמאינטערן ווייניק זיך אינטע־רעסירט מיט פּאַלעסטינע, ווייל זי איז געווען פאַרנומען מיט די קאָלאָניאַלע ענינים פון די איסלאַמישע שכנישע לענדער, ווי אַפגאַניסטאַן און פּערסיע, און מיטן איסלאַם בכלל. עגיפּטן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּראָבלעם הן פאַרן קאָמאינטערן און הן פאַרן אויסערן־קאָמיסאַריאַט. (עגיפּטן איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע קעניגרייך אין יאָר 1922). אָבער מיטן פּאַן־אַראַבערטום אָדער אַראַבישן נאַציאָנאַליזם האָט דאָס קיין שייכות ניט געהאַט. ערשט אין יאָר 1929 איז דער ענין פּאַלעסטינע ווידער אַרויפגעשווומען ווי אַ פּראָבלעם פאַרן קאָמאינטערן. דאָס ווערט געוויינטלעך צוגעשריבן צו די בלוטיקע געשע־נישן אין פּאַלעסטינע — די אַראַבישע אָנפאַלן אויף יידן, וואָס האָבן זיך געענ־דיקט מיטן שרעקלעכן פּאָגראָם אין חברון, אין וועלכן 50 יידן זיינען דער־מאָרדעט געוואָרן אויפן ברוטאַלסטן אופן און העכער הונדערט — שווער פאַר־וווּנדעט. אמת, דער קאָמאינטערן האָט געדאַרפט באַטראַכטן אָט די געשע־ענישן און באַשטימען די שטעלונג צו זיי פאַר אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען, אָבער עס זיינען אויך געווען אַנדערע מאָטיוון, אינערלעכע אין קאָמאינטערן, און אויסערלעכע פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרנומען אַן אַנדער פּאָזיציע אין דער וועלט־פּאָליטיק. ווידער זיינען געקומען די צוויי שטאַנדפּונקטן פון די יידישע עקספּערטן, אָבער דאָס מאָל האָט דער קאָמ־אינטערן גענומען אַ באַשטימטע שטעלונג, וואָס האָט געצוווּנגען די קאָמו־ניסטן, איבערהויפּט די יידישע קאָמוניסטן, זיך איבערצוקוליען איבער נאַכט.

אַבוסיאַם און ברזילי האָבן באַטראַכט די בלוטיקע געשעענישן פון יאָר 1929 ווי דאָס וואָס זיי האָבן באמת מיט זיך פּאָרגעשטעלט — פּאָגראָמען אויף יידן. די סיבה פון די געשעענישן האָבן אָט די צוויי עקספּערטן געזען אין בריטישער פּראָוואָקאַציע. אַזאַ שטעלונג האָבן, אויפן ערשטן ערלעכן מאָמענט, גענומען אויך די יידישע קאָמוניסטן — דער „עמעס" אין מאָסקווע ווי די „פרייהייט" אין ניו־יאָרק — און קאָמוניסטן אין אויסלאַנד בכלל. אָבער שאַמי האָט די בלוטיקע געשעענישן אויסגעטייטשט ווי אַן אַגראַר־אויפשטאַנד און אַ רעזולטאַט פון קלאַסן־קאַמף אין אַראַבישן דאָרף — איינע פון די ערשטע סיגנאַלן פון רעוואָלוציע אין מזרח און ווי אַ סימפּטאָם, אַז די סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם נאָך דער מלחמה הייבט זיך אָן צו וואַקלען. דאָס איז פאַר קאָמוניסטן געווען אַ גוטע בשורה און וועלכער עס האָט זיך זיי געוואָלט גלייבן. פאַר וואָס אָט דער אַגראַר־רעוואָלט האָט זיך אויסגעלאָזט דווקא צו יידן און ניט קעגן די אַראַבישע פעאָדאַלן, האָט שאַמי דערקלערט מיט דעם וואָס די יידן זיינען אין פּאַלעסטינע אַ פּריווילעגירטע מינדערהייט, איז דער צאָרן אויסגעגאַנגען צו זיי, אָבער אָט די עקסצעסן, און אַפילו די פּאָגראָמען, ענדערן ניט דעם עצם כאַראַקטער פון די געשעענישן; מיט דער צייט וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן און אַנטי־פעאָדאַלן אויפשטאַנד.

שאַמיס אָפּשאַצונג פון די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל אין יאָר 1929 איז געקומען אין אַ צייט ווען דער קאָמאינטערן האָט גענומען לייגן גרויסע האָפענונגען אויף דער אַראַבישער באַוועגונג. אַ רוף „צום קאַמף פאַר פרייהייט פון אַראַבישן פאָלק" האָט דערקלערט די אַראַבישע נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר איינער פון די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע שטרייטפּונקטן, און עס איז אַרויסגעשוומען אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַל־אַראַבישע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע ראַטן אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח. איז דערפאַר ניט קיין ווונדער וואָס שאַמיס אָפּשאַצונג איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אָפיציעלע שטעלונג פון קאָמאינטערן. אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען איבער דער וועלט האָבן דאָס געמוזט אָננעמען — ווי ביטער דאָס איז ניט געווען פאַר טייל פון זיי צו טאָן. און ווי עס געשעט אין ראָטן־פאַרבאַנד, האָט מען ביי דער נייער ווענדונג אין דער פּאָליטיק איבערגעשריבן די געשיכטע לויט דער נייער תורה. האָט דער קאָמאינטערן דערקלערט אין יאָר 1930, אַז אויך די פּאָגראָמען פון 1920 זיינען ניט געווען קיין פּאָגראָמען, ווי מען האָט אַליין אין יענער צייט געזאָגט, נאָר אַ סאָציאַלער אַראַבישער אויפשטאַנד. די שולד פאַר דער פריערדיקער פאַלשער אויסטייטשונג האָט מען, נאַטירלעך, געוואָרפן אויף די עקספּערטן

פון יענער צייט, וואָס האָבן דאָס אָנגערופן פּאָגראָמען — און זיי האָבן פאַר דעם באַקומען אַ באַד. אַלע אַראַבישע מערדערייען אויף יידן, אַן דער מינדסטער שייכות צו רעוואָלט קעגן פעאָדאַליזם אָדער אימפּעריאַליזם, זיינען באַצייכנט געוואָרן ווי פּראָגרעסיווע שריט פאַר דער באַפרייונג פון נאָענטן מזרח.

צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן איז ווידער געקומען אַ ווענדונג אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, מיט אַ מער קריטישן, אויב ניט אין גאַנצן אַ נעגאַטיוון, צוגאַנג צו דער אַראַבישער באַוועגונג, און במילא אויך מיט אַן אָפּשוואַכונג פון אַנטי־ציוניזם. במשך די מיטעלע דרייסיקער יאָרן זיינען אַ סך וואַסערן אָפּגעפלאָסן אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא און אין דער וועלט בכלל. די „רייניקונגען", וואָס האָבן אומגעבראַכט אַזוי פיל וויכטיקע און נייטיקע מענטשן, האָבן אויך ליקווידירט אַלע עקספּערטן פון נאָענטן מזרח, און עס איז כמעט ניט געבליבן ווער עס זאָל האַלטן אַן אויג און ריכטיק אויסטייטשן די געשעענישן אין נאָענטן מזרח. די פאַשיסטישע געפאַר איז געשטיגן, היטלער איז געוואָרן אַלץ מער אָנגרייפעריש. נאַצי־דייטשלאַנד איז אַרויס פון דער פעלקער־ליגע און דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַהין אַריין. פון קאָמאינטערן איז געקומען די נייע תורה וועגן אַ פאַראייניקטן פראָנט. דאָס אַלץ האָט געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויף דער שטעלונג פון קאָמאינטערן צום אַראַבישן פּראָבּלעם, בפרט ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אַז אַראַבישע פירער האָבן קאָנטאַקטן מיט די פאַשיסטן פון איטאַליע און מיט די נאַציס פון דייטשלאַנד.

אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן האָט דער קאָמאינטערן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן אַראַבישן ענין, און קיין ספּעציפישע נייע דירעקטיוון זיינען צו די לאָקאַלע פּאַרטייען ניט אַרויס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע וואָס איז באַשטאַנען מייסטנס פון יידן, האָט זיך געהאַלטן אין דער אַלטער ליניע: אין אָנהייב 1933 האָט דער סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיקוניס, געסטראַשעט מיט אַ „נאַציאָנאַלן קריג" אין פּאַלעסטינע, אויב די אימיגראַציע פון יידן וועט זיך ניט אָפּשטעלן: „די נייגעקומענע דאַרפן דאָס זיין די רעזערוו־אַרבעטלאָזע, וואָס מאַכן מעגלעך פאַר דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט און די ציוניסטן צו קעמפן קעגן די אַראַבישע מאַסן... בלויז די אַרבעטער־מאַסן פון אַראַבישן פאָלק פירן דעם אמתן אַקטיוון קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אימיגראַציע. אויב דער יידישער אַרבעטער וויל ניט, אַז אַט דער קאַמף זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלן קאַמף, דאַרף ער זיך פאַרבינדן מיטן אַראַבישן אַרבעטער קעגן די ציוניסטישע אַוואַנטוריסטן". אין יאָר 1935 האָט די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי

פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז „עס איז שווער צו געפינען אין דער גאַנצער געשיכטע פון קאָלאָניאַליזם אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג צו דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. דאָס איז אַ קאָלאָניאַליזם אין זיין ברוטאַלסטער פאָרעם. דאָס פירט צו טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די לעגאַלע איינוווינער פון לאַנד; עס איז דער פולער פאַשיזם אָנגעווענדט אין די באַדינגונגען פון פּאַלעסטינע". צום ערשטן מאַי 1936 האָט די דאָזיקע פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט דעם רוף: „טיילט זיך אָפּ פון ציוניסטישן לאַגער. נאָר די אַראַבישע באַפרייונג־באַוועגונג און איר זיג קאָנען פאַרזיכערן אַ לייזונג פון פּראָבלעם פון דער יידישער מינדער־הייט. מיר פאָדערן פון די יידישע אַרבעטער צו באַטייליקן זיך אין שטרייק (פון די אַראַבער) און צום קאַמף פאַר אָט די צילן: אָפּשאַפן דעם ענגלישן מאַנדאַט מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אָפּשטעלן די אימיגראַציע..." און וועגן די אַראַבישע אָנפאַלן אויף די יידישע ישובים אין יאָר 1936 האָט די פּאַרטיי געזאָגט: „דורך דעם צעשטערן די קאָלאָניעס פון די ציוניסטישע קאָנקיסטאַדאָרן, דורך דעם סאַבאָטאַזש און די אָנגריפן פון די פּאַרטיזאַנער, וועט די אַראַבישע באַפרייונג־באַוועגונג מאַכן אוממעגלעך דעם קיום פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע". (ציטירט לויטן „על המשמר" פון 5.11.54).

אין יאָר 1937 בלאָזט שוין אַן אַנדער ווינטל פון קרעמל. דער קאָמאינ־טערן הייבט אָן אַריינצוקוקן אינעווייניק אין דער אַראַבישער באַוועגונג און עס גייט אָן אַ וויכוח ווי ווייט זי איז פאַרסמט פון פאַשיזם. דאָ קומען אַרויס צוויי מיינונגען. איינע, אַז די לאַגע איז ערנסט, און מען מוז דעריבער אָפּשיידן דעם פּראָגרעסיוון עלעמענט פון פאַשיסטישן; אַ צווייטע, אַז אין דער אמתן איז גאָר ניטאָ אַזאַ עלעמענט ווי אַ פאַשיסטישער. מער ניט, וואָס ענגלאַנד טרייבט געוויסע אַראַבער אין די אָרעמס פון מוסאָליני און היטלער. די קעג־נערשאַפט צום ציוניזם האַלט אָן, אָבער אין אַ פיל מילדערער פאָרעם. קודם באַמיט מען זיך צו ווייזן, אַז מען האָט אויך די יידן אין זינען. דער קאָמאינטערן איז קעגן דעם חלוקה־פּלאַן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע ווייל די אַראַבער וואָלטן דורך דעם פאַרלוירן זייער בעסטן באָדן און די יידן וואָלטן פון דעם ניט געוווּנען — אויסער דער קליינער צאָל יידישע עקספּלואַטאַטאָרן. די יידישע מדינה וואָלט געווען צו קליין צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם פון אייראָפּע. און חוץ דעם האָט דאָ געפעלט דער געוויינטלעכער ירגזון אויף די ציוניסטן. די נייע ליניע איז געווען — מיטאַרבעט און פאַרשטענדעניש צווישן די יידן און אַראַבער. דער קאָמאינטערן האָט אַפילו זיך דערלויבט צו פאַר־לירן אַ גוט וואָרט וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס (פון יאָר 1939) פאַר זיין פּרווו

„צו שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן היטלערן, צו באַשיצן דעמאָקראַטיע אויף יעדן אופן, און צו אַרבעטן פאַר אַ מיליטערישן זיג איבער פאַשיזם״. („װאָירלד ניוז ענד וויוז 1939, ז. 978).

אָבער באַלד איז געקומען דער סטאַלין־היטלער־פאַקט און דער פאַר־אייניקטער פראָנט האָט פאַרלוירן זיין אַנטיפאַשיסטישן זין — מאָלאָטאָוו האָט דאָך געזאָגט, אַז נאַציזם איז אַ געשמאַק־זאַך — סיידן דאָס קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר נייטראַליזם. וואָס איז קלאָר געלעגן אין די אינטערעסן פון די נאַציס, ווי סטאַלין אַליין האָט זיך צוויי יאָר שפּעטער איבערצייגט. איז פונקט אַט די שטעלונג, פאַר וועלכער דער קאָמאינטערן האָט דאָ ערשט געלויבט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס (פאַרן „אַרבעטן פאַר אַ מיליטערישן זיג איבערן פאַשיזם״), איז אַצינד געוואָרן דער יסוד פאַר אָנפאַלן אויפן ציוניזם און זיין פירער, ד״ר ווייצמאַן. דער זעלבער אָרגאַן („וואָירלד ניוז ענד וויוז״), וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אַ גוט וואָרט פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט איצט (ז. 1151) באַצייכנט די ציוניסטן ווי „מלחמה־אונטערצינדער״ און ווייצמאַנען ווי דעם „רעקרוטיר־סערזשאַנט״ פאַר די בריטישע אימפּעריאַליסטן, און גע־שריבן: „די שטיצע, וואָס די ציוניסטישע פירער גיבן פאַר די מלחמה־צילן פון בריטישן אימפּעריאַליזם, ווייזט גאַנץ קלאָר, אַז זיי ווילן אַן איבערחזרונג פון ערשטן וועלטקריג און דאָס אַריינשלעפּן אַ טייל פון וועלט־יידנטום אין דעם קאָנפליקטן־וויכער פון דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט־פּאָליטיק״; צוויי יאָר שפּעטער, ווען די נאַציס זיינען אָנגעפאַלן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, האָט שוין דער קרעמל געזוכט מיטלען ווי צו מאָביליזירן די יידן פון דער וועלט, איינ־געשלאָסן די ציוניסטן און דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, פאַרן מיליטערישן זיג איבערן פאַשיזם״, און אָרגאַניזירט פאַר אָט דעם ציל דעם יידישן אַנטיפאַ־שיסטישן קאָמיטעט. אין יאָר 1943 איז דער קאָמאינטערן אין גאַנצן אופ־געלייזט געוואָרן.

אין דער מלחמה־צייט האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד, פאַרשטענדלעך, גע־האַט מער וויכטיקע זאַכן ווי די פּאַלעסטינע־פראַגע. דער יידישער אַנטיפאַשיסטי־שער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט אַלע טיילן פון יידישן פאָלק. ביי אים איז באַזונדערס געווען אָנגעלייגט דער קאָנטאַקט מיט ציוניסטן און מיטן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אָבער ווען עס איז געקומען צו עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות צום ציוניזם, זיינען זיינע פירער אָפּגעטראָטן.

איין בוך, „דאָס יידישע פאָלק אין קאַמף קעגן פאַשיזם", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַריכט מיט סטענאָגראַמעס פון די רעדעס און באַגריסונגען פון „דריטן אַנטיפאַשיסטישן מיטינג פון די פאָרשטייער פונעם יידישן פאָלק, דריטער פלענום פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין פססר". (אָגיז, מלוכה פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1945) ווערן געבראַכט צווישן אַנדערע די באַגריסונגען פון אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס, מיט די אונטערשריפטן פון סטיפן וויז און נחום גאָלדמאַן, פון ועד לאומי מיט דער אונטערשריפט פון בן־צבי, ווי אויך אַנדערע באַגריסונגען פון ארץ־ישראל. אין זיין מינד־לעכן באַריכט אויפן פלענום האָט מיכאָעלס (לויט דער סטענאָגראַמע) עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ציוניסטן האָבן זיך אויך געפונען אין די אויפ־נעם־קאָמיטעטן פאַר אים און פאַר איציק פעפערן בעת זייער באַזוך אין אַמע־ריקע, אָנהייב 1943. אין אַמעריקע האָבן שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן וועגן אַ „שוואַרצבוך", וואָס זאָל אַרויסברענגען פאַר דער וועלט די נאַצישע פאַרברעכנס קעגן יידישן פאָלק. אָט דאָס בוך האָט גע־דאַרפט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט ווערן דורך פיר יידישע קערפּערשאַפטן. צוויי פון זיי זיינען געווען דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און דער ועד לאומי פון ארץ־ישראל (די אַנדערע צוויי זיינען געווען דער יידישער אַנטיפאַשיסטי־שער קאָמיטעט אין מאָסקווע און דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער). דאָס „שוואַרצבוך" האָט געדאַרפט דערשיינען גלייכצייטיק אויף ענגליש אין אַמעריקע, אויף רוסיש אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויף העברעיש אין ארץ־ישראל, און אויך אין אַנדערע שפּראַכן. אַפילו נאָך דער מלחמה, אָנהייב 1946, האָט מען נאָך געטראַכט אין אַנטיפאַ־שיסטישן קאָמיטעט וועגן מיטאַרבעט סיי מיטן אַמעריקאַנער יידנטום סיי מיטן יידישן ישוב אין ישראל. בעת מיין באַזוך דאָרט, זיינען געמאַכט געוואָרן פּלע־נער אַרויסצוגעבן אַ בוך וועגן יידישער העלדישקייט. דאָס בוך זאָל זיין אַרויס־געגעבן פון די יידן אין די אויבן דערמאָנטע דריי ישובים, מען האָט אויך געפּלאַנט אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן פון „ניו־יאָרק, ירושלים מאָסקווע".

אָבער אַפילו בעת דער מלחמה, ווען עס איז געקומען צום אַרויסגעבן דאָס „שוואַרצבוך" און אַלבערט איינשטיין האָט אָנגעשריבן דערצו אַן אַריינ־פיר, האָט מען פון מאָסקווע ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין באַשטעטיקונג דערפאַר, ווייל איינשטיין האָט געשריבן „ציוניסטיש". דאָס „שוואַרצבוך" איז ענדלעך דערשינען אָן דער הקדמה, און אַלבערט איינשטיין איז געווען געצוונג

דזשענטעלמאַן ניט צו מאַכן קיין ענין פון דעם. מיט יאָרן שפּעטער איז אָט די הקדמה דערשינען אין אַ זאַמלונג אַרטיקלען פון אַלבערט איינשטיין אונטערן נאָמען „אַ הקדמה, וואָס איז ניט געדרוקט געוואָרן“. אָבער ער האָט ניט אָנגעגעבן ווי און ווען דאָס האָט געדאַרפט געדרוקט ווערן. אויף רוסיש אין מאָסקווע איז דאָס „שוואַרצבוך“ בכלל ניט דערשינען — ווי עס איז גאַרניט געוואָרן פון פלאַן וועגן אַ זאַמלבוך „ניו־יאָרק, ירושלים, מאָסקווע“.

ראַטן־פֿאַרבאַנד און ישראל

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה הייבט זיך אָן די מאָדנע, סתירהדיקע פּאָליטיק פון ראַטן־פֿאַרבאַנד לגבי דעם אויפקום און דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. אָט די פּאָליטיק הייבט זיך אָן מיט דער אַלטער נעגאַטיווער שטעלונג: פּלוצעם גייט זי אַריבער צו אַ פּאָזיטיווער קעמפערישער טאַקטיק אויפצושטעלן די יידישע מדינה און זי צו פֿאַרטיידיקן אין די ערשטע קריטישע יאָרן; זי הייבט אָן ווערן אומפֿריינדלעך אין יאָר 1950, דערגרייכט צו פֿיינטלעכ־קייט אָנהייב 1953, ווערט אַ ביסל ווייכער נאָך דעם, דערגרייכט ווידער אַ פֿיינט־שאַפט אין 1956 — און פֿאַרבלייבט אומפֿריינדלעך אַ מאָל מער און אַ מאָל ווייניקער. די פֿראַגע שטעלט זיך: וואָס איז דאָ געשען? וואָס האָט געטריבן צו די דאָזיקע ענדערונגען?

אין אויגוסט 1946 דערשיינט אין מאָסקווע אַ בראָשור „פּאַלעסטינסקאַיאַ פּראָבלעמאַ", פון אַן אָנגעזעענעם סאָוויעטישן ספּעציאַליסט איבערן נאָענטן מזרח, וו. ב. לוצקי. ער איז אַן אוקראַינישער ייד, וואָס אין זיין יוגנט אַוועק קיין פּאַלעסטינע, דאָרטן געווען אַן ערד־אַרבעטער, זיך צוריקגעקערט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַלס אַן עקספּערט פֿאַר אַראַבישע ענינים. אין לוצקיס בראָשור ווערט געזאָגט, אַז די ציוניסטן האָבן אויף אַ קינסטלעכן אופן צונויפגעבונדן פּאַלעסטינע מיטן יידישן פּראָבלעם פון מערב־אייראָפּע, און אַז אין דער אמתן ווילן גאָרניט די ציוניסטן אַן אומאָפּהענגיק יידיש לאַנד, נאָר אַז דער פּאַ־לעסטינער מאַנדאַט זאָל בלייבן אויף שטענדיק. וואָס שייך די אַראַבישע פירער איז ניט געקוקט דערויף וואָס עס געפינען זיך צווישן זיי פעאָדאַלע רעאַקציאָ־נערע עלעמענטן, זיינען זיי אַ פּאָזיטיווער, פּראָגרעסיווער כוח. דער אויספיר איז, אַז דער ציוניזם איז אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע. מיט צען חדשים שפּעטער פּאָדערט שוין גראָמיקאָ אין די פֿאַראייניקטע נאַציעס די פֿאַרווירקלעכונג פון אָט דער „רעאַקציאָנערער אוטאָפּיע". דאָס אייגענע איז געווען בנוגע די אַראַבישע פירער.

אין יאָר 1947 זאָגט ל. וואַטאָלינאַ, אַן עקספּערטין איבערן נאָענטן מזרח, אַז די אַראַבישע פירער ווייזן אַרויס זייער רעאַקציאָנערן כאַראַקטער מיט דעם,

וואָס זיי שטעלן זיך אַרויס ווי זיי וואָלטן געווען פאַר גלייכהייט פאַר יידן, בעת אין דער אמתן ווילן זיי רעדוצירן די יידן צו אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין אַן אַראַביש פּאַלעסטינע. („מיראָוואָיע כאָזאַיסטוואָ אי מיראָוואַיאַ פּאָליטיקאַ, נומ' 12, 1947). במשך פון גאַנצן קריטישן פעריאָד 1947—1948 נעמען אָן די פאַרטרעטער פון ראַטן־פאַרבאַנד אין די „פאַראייניקטע נאַציעס" אַ קעגנע־רישע שטעלונג צו יעדן אַראַבישן פאַרשלאַג, וואָס קאָן שטערן דעם אויפקום אָדער שטעלן אין סכנה די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. דער אויבן דערמאָנטער וו. ב. לוצקי, וואָס האָט דאָ ערשט דערקלערט דעם ציוניזם פאַר אַ „רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע", נעמט זיך שוין איבער אין 1948 מיט דעם וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד איז דער איינציקער פריינד פון דער מדינת ישראל (די רעאַליזירטע אוטאָפּיע...) בעת די אַנדערע מאַכן זיך נאָר פאַר אַזעלכע. („אַנ־גליסקי אי אַמעריקאַנסקי אימפּעריאַליזם נאַ בליזשנעם וואָסטאָקע", ז. 27).

אָט די נייע ליניע פון מאָסקווע איז אַפילו אָנגענומען געוואָרן. אמת ביסלעכווייז און מיט שוועריקייט, פון די אַראַבישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן ניט נאָר געשטיצט די סאָוויעטישע שטעלונג אין די „פאַראייניקטע נאַציעס", נאָר אויך אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן דער אַראַבישער אַגרעסיע קעגן נייעם ישראל. (אַמנון קאַפּעליוק, „ניו אוטלוק", דעצ. 1962). די ערשטע איז דאָ געווען די עגיפּטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אין איר אָרגאַן, „אַל גאַמאַהיר" דערקלערט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי צו צעטיילן פּאַלעסטינע אין צוויי מדינות, אַ יידישע און אַן אַראַבישע, כדי פּטור צו ווערן פון די אימפּעריאַליסטן, און דערנאָך וועט מען זוכן מיטלען ווי צו פאַראייניקן די צוויי מדינות. אָנגרייפנדיק דעם עגיפּטישן פאַשיסטישן פירער אַכמעד הוסעין, וואָס האָט געפאָדערט אַ מלחמה קעגן די יידן, האָט דער „אַל גאַמאַהיר" געשריבן, אַז „מיר ווילן באַפרייען פּאַלעסטינע פון די אימפּעריאַליסטן, כדי זי איבערצוגעבן צו די אַראַבער און די יידן". „אַל גאַ־מאַהיר" האָט אַפילו געוואָגט אָנצוגרייפן די אַראַבישע ליגע פאַרן דערקלערן, אַז דאָ קומט פאָר אַ קאָנפליקט צווישן יידן און אַראַבער, בעת אין דער אמתן איז עס אַ קאָנפליקט צווישן אַראַבער מיט יידן קעגן די אימפּעריאַליסטן. די עגיפּטישע צייטונג „ראָס על־יוסף", האָט דעם 18טן פעברואַר 1964 גע־מאָלדן וועגן אַ קאָמוניסטישן מיטינג, אויף וועלכן די רעדנער האָבן קריטיקירט די שטעלונג פון עגיפּטן און אַנדערע אַראַבישע לענדער צו די יידן אין פּאַ־לעסטינע, און זיי האָבן דאָס באַצייכנט אַלס „אַ רעליגיעז־ראַסישן פאַנאַטיזם, וואָס וועט פירן צו מלחמה און וועט ברענגען חורבן און קאַטאַסטראָפע פאַר

די אַראַבישע לענדער". די עגיפּטישע פּרעסע האָט אָפּט מיטגעטיילט וועגן „קאָמוניסטישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, געבראַכטע צו אַ פּראָצעס פאַר אַגיטירן קעגן אַן אינוואַזיע אויף פּאַלעסטינע".

אין יולי 1948 האָבן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון סיריע און לבנון אַרויסגעגעבן אַ בשותּפותדיקע דערקלערונג, אַז אַן אַראַבישע אינוואַזיע אין פּאַלעסטינע וואָלט געווען „אַ שעדלעכע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, געצילט קודם און הויפּטזעכלעך קעגן די אינטערעסן פון די אַראַבער, אַ קריג פאַר נאַפט און סטראַטעגישע פּאָזיציעס לטובת די הערשער אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן, אַ קריג, וואָס ווערט געפירט, כדי אָפּצושוואַכן די אַראַבער אין זייערע אייגענע לענדער און אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — כדי מיט דער צייט צו מאַכן מעגלעך די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער צו שטאַרקן זייער פּאָזיציע ניט נאָר אין פּאַלעסטינע, נאָר אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט". די דערקלערונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער סאָוויעטישער שטעלונג אין די „פאַראייניקטע נאַציעס". ענלעכע דערקלערונגען זיינען געקומען פון קאָמוניסטישע גרופּעס אין איראַק און ירדן. אין אָקטאָבער 1948 איז דערשינען אַ רעזאָלוציע אַרויסגעגעבן צוזאַמען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון סיריע, לבנון, איראַק, ירדן און פּאַלעסטינע — קעגן אַן אינוואַזיע אין פּאַ־לעסטינע און פאַרן דורכפירן די רעזאָלוציע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס". (אין יאָר 1951 האָבן די קאָמוניסטן פון ירדן, בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע, אַרויס־געשטעלט אַ פּראָגראַם וועגן אַ דעמאָקראַטישן שלום מיט ישראל אויף דער באַזע פון דער צעטיילונג־רעזאָלוציע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס", אַ שלום, וואָס זאָל זיין אין די אינטערעסן פון שלום און דעמאָקראַטיע פאַר די מדינות ירדן און ישראל).

שוין ביי די ערשטע פאַרהאַנדלונגען וועגן פּאַלעסטינע אין די „פאַר־אייניקטע נאַציעס" (ערשטע אויסערגעוויינלעכע סעסיע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, 28סטער אַפּריל — 15 מאַי 1947) האָט דער סאָוויעטישער פאַר־טרעטער זיך איינגעשטעלט פאַרן יידישן צד און געפאָדערט, אַז די יידישע אַגענץ זאָל צוגעלאָזט ווערן צו די זיצונגען, כדי צו פאַרטרעטן דעם יידישן צד. עס איז געווען אַ קעגנערשאַפט צו דעם מצד די אַנדערע גרויסמאַכטן צוליב דעם טעכנישן מאָטיוו, וואָס די יידישע אַגענץ איז ניט קיין מלוכהשער אָרגאַן. גראָמיקאָס איינשטעלן זיך, אַז די יידישע שטים זאָל געהערט ווערן, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די פירער פון ציוניזם און פון ישוב אין פּאַלעסטינע, אַבאַ הילל סילווער, משה שערטאָק (שרת) און בן־גוריון זאָלן אַרויסברענגען

דעם יידישן שטאַנדפּונקט. די אַראַבער האָבן געהאַט גענוג מלוכהשע מענטשן וואָס זאָלן ריידן פאַר זיי.

דעם 14טן מאַי 1947, פאַר דער לעצטער אָפּשטימונג וועגן דעם ענין אויף יענער סעסיע, האָט גראָמיקאָ געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געשטעלט די יידישע רעכט אין ארץ־ישראל אין איין ריי מיט די אַראַבישע רעכט. „די לעגיטימע רעכט פון די יידן אַזוי ווי פון די אַראַבער", האָט ער געזאָגט, „קאָנען געשיצט ווערן געהעריק נאָר דורך אַ יידיש־אַראַבישער מדינה און אויב דאָס איז אוממעגלעך — דורך צעטיילן דאָס לאַנד (פּאַלעסטינע) אין צוויי אומאָפּהענגיקע מדינות: אַ יידישע מדינה און אַן אַראַבישע מדינה". דעם 13טן אָקטאָבער 1947, אויף דער „אַד האָק קאָמיסיע וועגן פּאַלעסטינע" פון די „פאַראייניקטע נאַציעס", רעדט דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער צאַ־ראַפּקין, שיער ניט ווי אַ ציוניסט. ער האָט געזאָגט: „מען דאַרף אונטער־שטרייכן, אַז דאָס, יידישע פאָלק, ווי אַלע פעלקער, האָט רעכט, אַז זיין גורל, זיכערקייט און עקזיסטענץ זאָלן זיין ניט אָפּהענגיק פון חסד און גוטן ווילן פון וועלכער עס איז אַנדערער מלוכה. עס ליגט אין אונדזער כוח צו העלפן דעם יידישן פאָלק (צו דעם), אויב מיר וועלן האַנדלען לויטן פּרינציפּ פון טשאַרטער (פון די „פאַראייניקטע נאַציעס"), וואָס פאַרזיכערט יעדן פאָלק דעם רעכט צו אַנטשיידן אַליין פאַר זיך און צו זיין אומאָפּהענגיקייט..."

נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די צוויי גרויסמאַכטן אַמעריקע און דער ראַטן־פאַרבאַנד זיינען אין דעם פּרט געגאַנגען צוזאַמען, איז געקומען דער באַשלוס פון 29סטן נאָוועמבער פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" — מיט 33 קעגן 13, און צען אָפּגעהאַלטענע — צו צעטיילן ארץ־ישראל אין צוויי טיילן, און איין טייל פון דעם זאָל דערקלערט ווערן אַלס אומאָפּהענגיקע יידישע מדינה.

נאָך אָט דעם באַשלוס פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" זיינען אויפ־געקומען צוויי געפאַרן, אַ דיפּלאָמאַטישע און אַ מיליטערישע, פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג פון אַ יידישער מדינה. די דיפּלאָמאַטישע סכנה איז געווען אַ פּרוּוו אין די „פאַראייניקטע נאַציעס" מבטל צו מאַכן אין גאַנצן דעם נאָוועמ־בער־באַשלוס און פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ פּראָטעקטאָראַט, אָדער אַזוי צו ענדערן דעם באַשלוס אַז די יידישע מדינה, וואָס וואָלט יאָ געבליבן, וואָלט קיין שום ממשות ניט געקאָנט האָבן — דער בערנאַדאָט־פּלאַן. די מיליטערישע געפאַר איז באַשטאַנען דעריך, וואָס אין אָנפאַל אויף דער ערשט־געבוירענער מדינה, אַכט שעה נאָך איר פּראָקלאַמירט ווערן, איז דער שונא באַשטאַנען פון פאַרפונדעוועטע מלוכות מיט לאַנג עקזיסטירנדיקע גוט באַוואָפנטע אַר־

מייען און ער האָט געהאַט די הילף פון ענגלאַנד, בעת די יידישע אַרמיי, ערשט אימפּראָוויזירט פון פּרייוויליקע, האָט ניט געקאָנט באַקומען קיין געווער אונטערן אויסרייד פון אַן עמבאַרגאָ, וואָס האָט פאַרבאָטן אַריינצושיקן געווער אין נאָענטן מזרח — אַן עמבאַרגאָ, וואָס האָט געקאָנט שאָדן נאָר ישראל. אין שייכות מיט דער מיליטערישער לאַגע, אין די פּרוּוון איינצושטעלן אַ וואָפנשטילשטאַנד, זיינען ערשט אַרויסגעקומען די קוים באַהאַלטענע כוונות אונטערצוגראָבן דעם מיליטערישן מצב פון מדינת ישראל.

אין אַט די קריטישע מאָמענטן, איז ראַטן־פאַרבאַנד געשטאַנען ביי דער זייט פון דער יידישער מדינה, און אין די סאַמע קריטישסטע — איינע אַליין ביי דער זייט פון ישראל.

ווי נאָר די פּאַלעסטינע־קאָמיסיע ביי די „פאַראייניקטע נאַציעס", וואָס האָט געדאַרפט קאָנטראָלירן דעם דורכפיר פון נאָוועמבער־באַשלוס, איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די בריטישע מאַכט אָרגאַניזירט אַ כאַאָס, וואָס דאַרף קומען באַלד נאָך איר פאַרלאָזן ארץ־ישראל — און איר ברענגען צוריק אַהין. ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט איבערגעבן די ממשלה ביסלעכווייז, ווי זי האָט דאָס געדאַרפט טאָן לויטן באַשלוס פון די „פאַראייניקטע נאַציעס"; זי האָט ניט געלאָזט אָרגאַניזירן קיין יידישע און אַראַבישע מיליץ צו האַלטן אָרדענונג אין דער קורצער איבערגאַנג־צייט; זי האָט ניט געוואָלט הערן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער מיליטער־אָפּטיילונג צו היטן די הייליקע שטאָט ירושלים. מיט אַ טאָג פריער פאַר איר אָפּציִען אַרויסגיין, האָט ענגלאַנד ניט צוגעלאָזט עמעצן וואָס קאָן האַלטן אָרדענונג. זי האָט בוכשטעבלעך געוואָלט אַז נאָך איר זאָל קומען דער מבול. די פּאַלעסטינע־קאָמיסיע האָט געוואָרנט, אַז אין פּאַלעסטינע וועט קומען צו אַ קריג, אַז עס וועט ניט מעגלעך זיין דורכצופירן דעם נאָוועמבער־באַשלוס, אויב ענגלאַנד וועט ניט ענדערן איר טאַקטיק, אָדער מען וועט ניט אַריינשיקן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרמיי.

אַנשטאָט נאָכצוקומען דער פאָדערונג פון דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע, האָבן אַמעריקע און ענגלאַנד גאָר אויסגענוצט דעם באַריכט אַלס אַ פּרוּוו מבטל צו מאַכן אין גאַנצן דעם נאָוועמבער־באַשלוס. דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער וואָרען אָסטין איז געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן צום זיכערקייט־ראַט, און דערנאָך צו אַ ספּעציעלער סעסיע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" — אַ פּלאַן אָוועקצולייגן אין אַ זייט דעם צעטיילונג־פּלאַן און פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ פּראָטעקטאָראַט פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" אויף אַן אומ־

באַשטימטער צייט ביז די באַפעלקערונג וועט אַדורכקומען וועגן אַ מלוכה. דאָס וואָלט קודם ליקווידירט דעם מאַנדאַט, דער פּראָטעקטאָראַט איבער פּאַ־לעסטינע וואָלט נאַטירלעכערווייז אַריבער צו ענגלאַנד און די האָפענונג אויף אַ יידישער מדינה וואָלט אויסגערונען. ניט אומזיסט זיינען די אַראַבער געווען גענייגט איינצוגיין דערויף אונטער געוויסע באַדינגונגען און די יידישע פירער האָבן זיך פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

אַ שאַרפער באַקעמפער פון אַ פּראָטעקטאָראַט איז געווען דער סאָוויע־טישער פאַרטרעטער סיי אין זיכערקייט־ראַט סיי אויף דער ספּעציעלער סעסיע. צו אים זיינען צוגעשטאַנען פראַנקרייך און קאָלאָמביע. וואָס פון דעם וואָלט געוואָרן ווען די יידן פון ארץ־ישראל פּראָקלאַמירן ניט צו דער צייט די יידישע מדינה — איז ניט זיכער.

די צווייטע דיפּלאָמאַטישע געפאַר איז געקומען שוין נאָך דעם ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ באַשלוס מיט אַ טאָג פריער איידער די מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן צו שיקן אַ פאַרמיטלער קיין ארץ־ישראל, וואָס זאָל פּרובירן צוזאַמענברענגען די צוויי צדדים. די אויפגאַבעס, וואָס דער באַשלוס האָט געשטעלט דעם פאַרמיטלער, זיינען געווען אַזעלכע אומשולדיקע, ווי צו זען, אַז די באַדינגונגען, ווי קאָ־מוניקאַציע, למשל, זאָל ניט איבערגעריסן ווערן, אָדער צו פאַרהיטן די הייל־יקע ערטער פון ירושלים; די פערטע פון אָט די אויפגאַבעס איז געווען צו העלפן ברענגען צו אַ הסכם וועגן דער צוקונפטיקער רעגירונג פאַר ארץ־ישראל. אַ וואָך נאָך דעם באַשלוס איז דער שוועדישער הויפּט פון רויטן קרייץ גראַף פאָקע בערנאַדאָט באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרמיטלער. ער האָט זיך פאַרנומען דווקא מיט גאָר גרויסע זאַכן: ער האָט געבראַכט אַן אייגענעם פּלאַן פאַר דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל, אַ גאַנץ אַנדערן פון יענעם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די „פאַראייניקטע נאַציעס". לויטן בערנאַדאָט־פּלאַן וואָלט זיבעציק פּראָצענט פון ארץ־ישראל אַריבער צו ירדן, ישראל וואָלט פאַרלוירן דעם נגב, וואָס איז אַריין אין איר טעריטאָריע, און נאָך טיילן פון צפון, די האַפנס פון חיפה און לוד וואָלטן געווען „פרייע", דאָס הייסט, אַז אויף זיי וואָלט ישראל קיין פולע דעה ניט געהאַט. פון ישראל וואָלט פאַרבליבן נאָר אַ דריטל פון דער באַשטימטער טעריטאָריע, און זי וואָלט געבליבן ניט מער ווי אַ סימבאָל פון אַ מדינה, למשל, ווי דער וואַטיקאַן אין רוים.

דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט באַקעמפט אָט דעם פּלאַן אויף יעדן שריט: צום עצם באַשטימען אַ פאַרמיטלער, צו דער באַשטימונג פון גראַף בערנאַדאָט,

און צום פּלאַן גופא. גראָמיקאָ און צאַראַפּקין האָבן אויפגעוויזן די גאַנצע צביעות וואָס שטעקט אין דעם. דער בערנאַדאָט־פּלאַן האָט פאַרלוירן דעם זין, ווען עס האָט זיך צעברענט דער קריג, און דאָס געווער האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. און דאַן איז געקומען די מיליטערישע געפאַר פאַר ישראל — בעת ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט ערשט געשפּילט אַ גרויסע ראָל לטובת ישראל.

צוויי עלעמענטן האָבן כאַראַקטעריזירט די מיליטערישע סיטואַציע פון ישראל: דער דיפּלאָמאַטישער פּרווו אָפּצושטעלן דעם קריג און דאָס באַקומען וואָפן ביים פירן דעם קריג. באַלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט דער אַמעריקאַנער פאָרשטעער אין די „פאַראייניקטע נאַציעס" אַריינ־געטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז די „פאַראייניקטע נאַציעס" באַטראַכטן די גע־שעענישן אין נאָענטן מזרח ווי אַ סכנה פאַרן וועלט־שלום, און דעריבער פאָדערן זיי אויףביידע צדדים אין פּאַלעסטינע אָפּצושטעלן דעם קאַמף אין פאַרלויף פון 36 שעה. פאַראַן אין דער רעזאָלוציע אַ פּונקט וואָס זעט פאָר אָנצווענדן סאַנקציעס קעגן די, וואָס וועלן ניט נאָכקומען אָט דער פאָדערונג. דער ענגלישער פאָרשטעער האָט גענומען דרייען מיט יורידישע שפּיצלעך, אַז עס איז נאָך ניטאָ אַזאַ געפאַר, און אַז עס איז נאָך יורידיש ניט קלאָר וואָס פאַר אַ פּאָליטישן סטאַטוס פּאַלעסטינע האָט. דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז די „פאַראייניקטע נאַציעס" זאָלן אַרויסלאָזן אַ רוף צו ביידע צדדים אָפּ־צושטעלן דעם קאַמף אין משך פון 36 שעה — דאָס הייסט אַ „גוטע עצה", אָבער ניט קיין פאָדערונג מיט אַ שטראָף פאַרן ניט פאָלגן — און בעטן דעם פאַר־מיטלער פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" אויסצופאָרשן צי ער קאָן איינשטעלן אַ וואָפנשטילשטאַנד צווישן ישראל און די אַראַבער און מודיע זיין וועגן דעם וואָס פריער. דערפון זעט מען, אַז ענגלאַנד האָט זיך ניט געאיילט אָפּצושטעלן דעם אַראַבישן קריג קעגן ישראל. דער ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט געשטיצט דעם אַמעריקאַנער פאָרשלאָג, האָט באַצייכנט דעם ענגלישן פאָרשלאָג ווי „צביעות געמישט מיט ציניזם".

עס זיינען געווען נאָך פּונקטן, פאַרבונדענע מיט אַ וואָפנשטילשטאַנד, ווי: צי דער וואָפנשטילשטאַנד זאָל זיין אַ פּערמאַנענטער אָדער אויף אַ געוויסער צייט; וואָס פאַר אַן עמבאַרגאָ זאָל עקזיסטירן פאַר די לענדער בעתן וואָפנ־שטילשטאַנד. ענגלאַנד האָט געוואָלט אַ צייטווייליקן וואָפנשטילשטאַנד אויף פיר וואָכן, און אַז אין דער צייט פון וואָפנשטילשטאַנד זאָל די אימיגראַציע קיין ישראל אָפּגעשטעלט ווערן. און ווידער איז עס געווען דער ראַטן־פאַר־

באַנד וואָס האָט געפירט דעם קאַמף פאַר אַ פּערמאַנענטן וואַפנשטילשטאַנד און קעגן אַ פאַרבאָט פון אימיגראַציע קיין ישראל במשך פון אָט דער צייט. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז אויב אָפּשטעלן אַ קריג, דאַרף מען אים אָפּשטעלן און ניט מאַכן אַן אַנטראַקט, וואָס זאָל בלויז העלפן צוגרייטן נאָך אַ גרעסערן קריג. און וואָס שייך דער אימיגראַציע קיין ישראל, איז דאָך די לאַגע אַזאַ: קאָנטראָלירן דעם אַראַבישן צד, אַז ער זאָל ניט אַריינפירן מער מענטשן אין מלחמה־ראַיאָן קאָן מען דאָך ניט, בעת די אימיגראַציע קיין ישראל, וואָס מוז קומען מיט שיפן, קאָן יאָ קאָנטראָלירט ווערן.

דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער טאַראַסענקאָ האָט געזאָגט אין זיכער־קייט־ראָט, דעם 28סטן מאַי 1948: „עס איז גאַנץ קלאָר, אַז די פראַגע פון אימיגראַציע איז אַן אינערלעכע אָנגעלעגנהייט פון דער מדינת ישראל. דער זיכערקייט־ראָט האָט ניט קיין שום רעכט אָדער קאָמפּעטענץ צו באַגרענעצן די רעכט פון אַ סוווערענער מדינה. געוויסע מיטגלידער פון זיכערקייט־ראָט האָבן אָנגעוויזן, אַז אַזאַ אימיגראַציע וואָלט געקאָנט ווערן אַ געפאַר פאַר די אַראַבישע לענדער. דאַרף דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז לויט אונדזער זיכערסטער אינפאָרמאַציע, זיינען די אַרמייען פון מדינת ישראל קיין מאָל ניט אַריבער די גרענעצן פון אַן אַנדער מדינה, סיידן אין ציל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג. אַ יידישע אימיגראַציע קאָן ניט באַטייטן אַ וועלכע עס איז געפאַר פאַר די אַראַבישע לענדער. אין פאַרגלייך מיט דער באַפעלקערונג פון אָט די לענדער, איז די יידישע אימיגראַציע אומבאַדייטנדיק. נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, איז ניט פאַראַן קיין גענוגנדיקע באַרעכטיקונג צו פאַרבאָטן די יידישע אימיגראַציע".

די גרעסטע הילף צו ישראל פון ראַטן־פאַרבאַנד איז געקומען צום אויסדרוק אין באַזאָרגן זי מיט וואָפן. די עמבאַרגאָ, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף שיקן געווער אין נאָענטן מזרח, האָט געדאַרפט זיין אַן אַקט פון נייטראַליטעט פאַר ביידע צדדים גלייך. אָבער דער אַראַבישער צד האָט דאָך געהאַט געווער־זאַפּאַסן פון פריער, ווי דאָס האָבן אַלע לענדער מיט עקזיסטירנדיקע אַרמייען. דערצו האָבן די אַראַבישע לענדער געהאַט אָפּמאַכן מיט לענדער וועגן באַקומען געווער, און זיי האָבן געהאַט פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי צו ברענגען דאָס געווער, אַפילו ווען יענע לענדער וואָלטן יאָ געפאָלגט די עמבאַרגאָ. פאַקטיש האָט די עמבאַרגאָ אוממעגלעך געמאַכט נאָר פאַר ישראל צו באַקומען געווער פון אויסלאַנד. דאָס גאַנצע געווער, וואָס ישראל האָט פאַרמאָגט, איז געווען דאָס היימיש פאַבריצירטע און

דאָס ביסל אַריינגעשמוגלטע, וואָס די „הגנה״ איז בכוח געווען צו האַלטן אין געהיים. ישראל האָט ניט פאַרמאָגט ניט נאָר קיין רעגולערע אַרמיי, ווי די אַנ־דערע מלוכות, נאָר אויך ניט קיין געווער פאַר אירע ניט געאיבטע סאָל־דאַטן. און דאָן איז געקומען די רעטונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז ערשט מיט דריי חדשים צוריק פולשטענדיק אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון קרעמל. פון דאָרט איז געקומען דאָס עיקרדיקע געווער, מיט וועלכן ישראל האָט זיך אויסגעקעמפט איר עקזיסטענץ.

גענוי ווי אַזוי אָט די מיליטערישע הילף איז צושטאַנד געקומען, איז אַ טייל פון דער נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער מיליטערישער געשיכטע פון ישראל. עס איז גענוג צו ציטירן די ווערטער פון דוד בן־גוריון, דעם דעמאָלט־דיקן פרעמיער פון ישראל, פאַר דער כנסת, דעם 31סטן מאַי 1950: „די מזרח־מדינה (פון וועלכן דאָס געווער איז געקומען), האָב איך דאָס רעכט אָנצורופן ביים נאָמען, מחמת עס איז מער קיין סוד ניט, אַז דאָס איז די מדינה פון יאַן מאַסאַריק און קלעמענטיס. מיר וועלן קיין מאָל ניט פאַרגעסן אָט די הילף. און דאָס זיינען ניט געווען בלויז די דאָזיקע צוויי מענטשן, מיט וועלכע מיר זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן. נאָר דאָס איז געווען די רעגירונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָט דאָס געטאָן אין נאָמען פון איר פאָלק: איך וויל, אַז יעדער ייד, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, זאָל וויסן וועגן אָט דער הילף און דאָס אָפּשאַצן״.

עס דאַרף אויך צוגעגעבן ווערן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען די ערשטע מדינה צו אָנערקענען די יידישע מדינה דע יורע, דאָס הייסט ווי אַ מדינה מיט אַ געזעצלעכער עקזיסטענץ, בעת אַמעריקע איז געווען די ערשטע מדינה צו אָנערקענען ישראל נאָר דע פאַקטאָ, דאָס הייסט, אַז איר עקזיסטענץ ווערט אָנערקענט פאַר אַ רעאַליטעט, ניט אַריינגייענדיק אין דער געזעצלעכקייט דערפון. און עס איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז ווען די מדינת ישראל האָט געדאַרפט אָנגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין די „פאַר־אייניקטע נאַציעס״, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד זיך איינגעשטעלט ניט ווייניקער ווי אַמעריקע קעגן דער פאָדערונג פון ענגלאַנד דאָס אָפּצולייגן. דאָס האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט מיט דעם, וואָס אין פרט פון אַנדערע לענ־דער האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געשטימט קעגן זייער אַריינגענומען ווערן ביז מען וועט ניט אַריינעמען רומעניע, אונגאַרן און בולגאַריע.

משה שרת (שערטאָק), דאַן מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים, האָט ביי דער געלעגנהייט פון דער סאָוויעטישער אָנערקענונג אויסגעדריקט דעם

ראַטן־פאַרבאַנד „די געפילן פון אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, ווי פון די יידן איבער דער וועלט, פאַר דער שטעלונג וואָס די סאָוויעטישע דעלעגאַציע האָט גענומען אין די „פאַראייניקטע נאַציעס" צו דער פראַגע פון אויפשטעלן אַ סוווערענע און אומאָפּהענגיקע יידישע מדינה, פאַר איר פעסטן באַשטיין דערויף, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, און פאַר איר אויסדרוק פון אויפריכטיקער סימפּאַטיע צו די ליידן פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע אונטערן טראַט פון די פאַשיסטישע הענקער, ווי פאַרן שטיצן דעם פּרינציפּ, לויט וועלכן די יידן אין ארץ־ישראל זיינען אַ פאָלק, וואָס האָט אַ רעכט אויף זיין סוווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט".

עס איז ניט אין גאַנצן היסטאָריש ריכטיק, אָבער עפּעס אַ גרונד האָט די מאָסקווער „פּראַוודאַ" געהאַט ביים באַרימען זיך, אַז ווען ניט דער ראַטן־פאַרבאַנד, וואָלט די מדינת ישראל ניט געשאַפן געוואָרן.

ווער וואָלט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיט געציילטע יאָרן שפּעטער וועט דער ראַטן־פאַרבאַנד זיין די איינציקע גרויסמאַכט וואָס איז אומפריינדלעך צו ישראל, וואָס פאַרנעמט שטענדיק אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו ישראל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פירט אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן ישראל אין דער פּרעסע און אין ראַדיאָ, און האָט אַפילו איבערגעשריבן אין אָט דעם נייעם נעגאַטיוון גייסט די געשיכטע פון די יאָרן, וואָס איז דאָ ערשט דאָקומענטאַל סקיצירט געוואָרן? אַנשטאָט זיך צו גרויסן מיטן חלק אין אויפקום פון דער יידישער מדינה, ווערט דאָס אָפּגעווישט. דער אַראַבישער אַנגריף אויף ישראל אין יאָר 1948, וועלכן גראַמיקאָ האָט אין יענער צייט פאָרמעל באַצייכנט ווי „פּשוטע אַגרעסיע" פון די אַראַבער, ווערט שפּעטער געשילדערט ווי אַ קריג צווישן די רעאַקציאָנערע רעגירונגען פון ישראל און די אַראַבישע לענדער, אַ קריג, וואָס איז פּראָוואָצירט געוואָרן פון אימפּעריאַליזם, און אַן „אַנגריף פון ישראל אויף די אַראַבער, כדי אויסצונוצן די שוואַכקייט פון דער יונגער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג". די אַראַבער גופא זיינען, הייסט עס, געווען גאָט די נשמה שולדיק.

אין סך־הכל קאָן מען זאָגן, אַז פאַר די דריי יאָר 1947—1950 וואָלט מען געקאָנט כאַראַקטעריזירן די באַציונג פון ראַטן־פאַרבאַנד צו ישראל ווי פריינדשאַפט, גענויער אפשר — אָפּקילנדיקע פריינדשאַפט. דאָס האָט מען געזען אין דעם וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט צוריקגעצויגן איר פאָרשלאָג צו נאַציאָנאַליזירן די שטאָט ירושלים (דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך דאָ

געהאַלטן שטרענג אין דעם באַשלוס פון יאָר 1947), ווען ער האָט געזען, אַז ביידע צדדים ווילן דאָס ניט; און נאָך מער — אין מעגלעך מאַכן, אַז אַ דריטל פון די 750,000 יידן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס זאָלן קאָנען אויסוואַנדערן קיין ישראל. די אייגענע סאָוויעטישע יידן האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד טאַקע ניט אַרויסגעלאָזט, און אַפילו ניט געענטפערט אויף דער נאָטע וואָס ישראל האָט אין יאָר 1950 געשיקט צום ראַטן־פאַרבאַנד וועגן דער פראַגע. אָבער אויך די יידן פון פוילן, רומעניע און אונגאַרן וואָלטן ניט געקאָנט אַרויספאָרן, ווען מאָסקווע וואָלט דאָס ניט דערלויבט.

אין די וויטערדיקע צוויי יאָר, 1951—1952, מערקט זיך ביי די סאָוויעטן אַ געוויסע אומצופרידנקייט מיט דער האַלטונג פון ישראל אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט, אָבער דאָס גייט ניט וויט. למשל, ווען ישראל איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער אינטערווענץ פון כינעזישע „פרייוויליקע" אין קאָרייע און געשיקט מעדיקאַמענטן פאַר דרום־קאָרייע, איז דערשינען אַן אָנגריף קעגן דעם אין „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" (נ. 38, 1950) ניט געקוקט דערויף וואָס אין דער זעלבער צייט האָט ישראל געשטיצט דעם פאָרשלאָג אָנצונעמען פאָלקס־כינע אַלס מיטגליד אין די פאַראייניקטע נאַציעס. אין סעפּטעמבער 1951 ווערט דער ענין וועגן דער עגיפּטישער בלאָקאַדע אויף ישראל־שיפן אין סועץ־קאַנאַל און ביי אַקאַבאַ געבראַכט פאַרן זיכערקייט־ראַט. עס ווערט אַריינגעטראָגן אַן אַמעריקאַניש־ענגלישע רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אויף עגיפּטן דורכצולאָזן די ישראל־שיפן אין הסכם מיטן אָפּמאַך פון 1888 בנוגע דעם קאַנאַל. דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער מישט זיך אַריין צו ערשט מיט אַ געדאַנק, אַז די רעזאָלוציע איז אַן אולטימאַטום, און מען דאַרף פּרוּוון דאָס דערגרייכן אויף אַן אַנדער אופן, אָבער צום סוף האַלט ער זיך אָפּ פון שטימען און דורך דעם דערלאָזט ער אַז די אַמעריקאַניש־ענגלישע רעזאָלוציע זאָל ווערן אָנגענומען. (מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען עס ווערט אַריינגעטראָגן אַן ענלעכע רעזאָלוציע אין זיכערקייט־ראַט, בעת נאָך אַן ערגערער בלאָקאַדע פאַר די ישראל־שיפן, און נאָך דעם ווי עגיפּטן האָט ניט געפאָלגט דעם פריערדיקן בשלוס פון זיכערקייט־ראַט, שטימט שוין דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער צוזאַמען מיט לבנון — קעגן די אַלע איבעריקע, און די רעזאָלוציע פאַלט צוליב דעם דורך). אין סוף 1951 באַקומט ישראל אַ סאָוויעטישע נאָטע מיט אַ וואָרענונג ניט אַריינצוטרעטן אין דעם מיטל־מזרח בלאָק, וואָס די דריי מערב־גרויסמאַכטן מיט אויסטראַליע האָבן גענומען אָרגאַניזירן כדי צו באַשיצן די לענדער פון מיטל־מזרח. אָבער ענלעכע נאָטעס זיינען געשיקט געוואָרן אויך צו די אַראַבישע

לענדער. (ישראל האָט אויף דער נאָטע געענטפערט, אַז מען האָט זי גאָר ניט פאַרגעלייגט צו באַטייליקן זיך אין דעם פאַקט, און אַז ישראל וועט קיין מאָל ניט אָנטיילנעמען אין אַן אַגרעסיוון אַקט, אָדער אין צוגרייטן אַן אַגרעסיוון אַקט, קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד).

די ערגסטע צייט אין די באַציונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד צו ישראל איז געווען פון סוף 1951 ביזן מיטן 1953. דאָס איז געווען אַ קאָשמאַר, וואָס זיין גלייכן אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען איז ניט צו געפינען אין דער געשיכטע. דאָס קלינגט ווי אַרויסגענומען פון „זקני ציון"־פּאַשקוויל. ווי דאָס גוטע פון די ערשטע יאָרן, אַזוי איז דאָס שלעכטע פון אָט דער צייט אויך געקומען פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, מייסטנס דווקא פון דער מדינה, וואָס האָט אַזוי פיל געהאָלפן ישראל אין דער צייט פון דער אַראַבישער אַגרעסיע — טשעכאָסלאָוואַקיע. און ווי דעמאָלט די מיליטערישע הילף, אַזוי זיינען איצט די בילבולים אויך געווען דיריזשירט פון מאָסקווע. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פּאַרטיי־רייניקונגען, וואָס האָבן גענומען טראָגן אַן אַנטי־יידישן און אַנטי־ישראל־כאַראַקטער, און זיך געענדיקט מיטן איבעררייסן די באַציונגען מיט ישראל מצד דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין פעברואַר 1953, בעת דעם בילבול קעגן די יידישע דאָקטוירים. ערשט פיר און אַ האַלבן חודש נאָך סטאַלינס טויט זיינען די באַציונגען צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל צוריק באַנייט געוואָרן, און אויף אַ ווייל אָנגענומען אַ מער־ווייניקער פריינדלעכן כאַראַקטער.

אין דעצעמבער 1951 זיינען צוויי בירגער פון ישראל — שמעון אָרנ־שיין, אַ פּריוואַטער סוחר, און מרדכי אורן (אָרען), אַ וויכטיקער טוער פון מפ"ם — פאַרשוווּנדן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט פּרעזידענט אַנטאָנין זאַפּאָטאָצקי דערקלערט, אַז זיי זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע „וועט ניט טאָלערירן, אַז געוויסע אויסלענדישע פאַקטאָרן זאָלן זיך מישן אין אונדזערע אינערלעכע ענינים, צי זיי קומען פון וואַשינגטאָן אָדער לאָנדאָן, פון רוים אָדער ירושלים". דער געוועזענער סעק־רעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, רודאָלף סלאַנסקי, אַ ייד, איז צווישן אַנדערש באַשולדיקט געוואָרן אין פּראָטעזשירן יידישע ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס. און אַזוי האָט דאָס די פּאַרטיי־צייטונג, „רודע פּראַוואָ" (24סטער נאָוועמבער 1952) אַרויסגעלייגט אויפן טעלער:

„אָט די כאַפּטע פאַררעטער, טראָצקיסטן, טיטאָיסטן, ציוניסטן, בורזשו־אַזע נאַציאָנאַליסטן, קאָסמאָפּאָליטן און מלחמה־פאַרברעכער זיינען פאַראייניקט אין דער שנאה צו אונדזער פאָלק, שפּילן די זעלבע שפּיל אין שאָטן פון דאָלאַר.

די ערשטע ראָל צווישן זיי שפּילן די ציוניסטן, די אַגענטן פון אימפּעריאַליזם. ווער זיינען די ציוניסטן? די ציוניסטן זיינען די פאַרטרעטער פון אַ יידישער רעאַקציאָנערער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, וואָס פון איר סאַמע גרינדונג איז זי אַלע מאָל געווען אַ שונא פון פאָלק און פון פּראָגרעס. מאַכנדיק אַ מינע ווי זי וואָלט באַשיצט די נאַציאָנאַלע יידישע אינטערעסן, אַרבעטן זיי פאַרן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און טרייבן אַ פּאָליטיק פון שנאה צום אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. כדי בעסער צו דערגרייכן זייערע אינטערעסן, האָבן זיי זיך גרופּירט אין איטערנאַציאָנאַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. צוליב די זעלבע אינטערעסן, זיינען זיי די געטרייסטע דינער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אָט דערפאַר איז דאָס די ציוניסטישע גרופּע געווען דער הויפּט־זייל פון דער קאָנספּיראַציע קעגן אונדזער מלוכה״.

אָנרופנדיק רודאָלף סלאַנסקין „יודאַס סלאַנסקי״, איז די „רודע פּראַוואָ״ איבערגעגאַנגען רעדן וועגן מדינת ישראל: „די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איבער דער וועלט איז שוין זינט אַ לאַנגע צייט דער געפּערלעכסטער אַגענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. די באַזע פון דער דאָזיקער באַוועגונג, די קאַפּיטאַליסטישע מדינת ישראל, איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון די אַמע־ריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן. זיי האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ באַזע פאַר אַן אָנגריף קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, די פויסט צו פאַרשקלאַפן די אַראַבישע פעלקער, און אַ צענטער פון שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש, געצילט קעגן די פאָלקס־דעמאָ־קראַטיעס״.

און טאָמער איז דאָס אַלץ ניט גענוג, האָט די „רודע פּראַוואָ״ צוגעגעבן: „דער ציוניזם, שאָוויניסטיש און ראַסיסטיש, איז ענלעך צום אַנטיסעמיטיזם, און ביידע שטעלן זיי מיט זיך פאָר די זעלבע מדרגה פון באַרבאַריזם... די ציוניסטן אַליין זיינען די אַליאירטע פון די גרעסטע שונאים פון די יידן. זיי האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט מוסאָליני און היטלער אין דער צייט פון קריג... בן־גוריון, דער הויפּט פון ישראל, האָט זיך פאַרבונדן מיט אַדענאַוערן, ווי פישעל (אַ געוועזענער מיניסטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ ייד) האָט בעתן קריג געהאָלפן די נאַציס אויסראָטן די יידן און געהאָלפן די יידישע קאַפּי־טאַליסטן אַרויסשטופּן מיליאָנען מענטשן פון אונדזער מלוכה״.

דער ראַטן־פאַרבאַנד גופא האָט במשך פון אָט דער צייט אין דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן ציוניזם און ישראל זיך ניט באַטייליקט. דאָס האָט זיך אָנ־געהויבן צוזאַמען מיט דער אַזוי גערופענער פאַרשווערונג פון די יידישע דאָק־טוירים. ווען אָט די ידיעה איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט די „פּראַוודאַ״

געשריבן: „דאָס שרעקלעכע פּנים פון דער דאָזיקער ציוניסטישער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַ מאַסקע פון פילאַנטראָפּיע, איז אין גאַנצן אויפגעדעקט געוואָרן. די שפּיאָנען און פּראָפעסיאָנעלע טעראָריסטן פון „דזשאָינט", וואָס פירן אָן זייער טעטיקייט אונטער דער השגחה און פירונג פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש, האָבן מיט דער הילף פון אַ גרופּע פון יידישע נאַציאָנאַליסטן און בורזשואַזע דעגענעראַטן אָנגעפירט מיט אַ דיווערסיע־אַקציע אין ראַטן־פאַרבאַנד... די אויפדעקונג פון דער כנופיא דאָקטוירים גיפט־מישער האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אָט די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע".

די גאַליקע שנאה פון ראַטן־פאַרבאַנד צו ישראל איז אַרויסגעקראָכן ערשט נאָכן באָמבע־אויפרייס אין הויף פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין תל־אביב דעם 16טן פעברואַר 1953. הגם דער אויפרייס איז געווען אַ זאַך וואָס האָט געקאָנט זיין פאַרשטענדלעך — ווען מען נעמט אין אַכט, אַז אין ישראל האָבן זיך געפונען אַזוי פיל יידן, אַ ריי פון זיי מיט צעשטרייטע נערוון, וואָס האָבן אַליין געליטן פון סאָוויעטישע פאַרפאָלגונגען, און אויך נאַצי־קרבנות, וואָס האָבן מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין אַנטיסעמיטישע העצעריי, האָט גאַנץ ישראל אויפריכטיק פאַראורטיילט אָט דעם טעראָר־אַקט — דער פּרעזידענט פון דער מדינה, דער פּרעמיער, דער פאָרזיצער פון כנסת, די פּרעסע — אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער טיפן באַדויער; די רעגירונג האָט אָפיציעל אויסגעדריקט איר פאַרדרוס, איר גרייטקייט צו פאַרגיטיקן דעם שאָדן און זי האָט פאַרזיכערט אַז זי וועט אָננעמען אַלע מיטלען צו כאַפּן די שולדיקע און זיי ברענגען צום משפּט. ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד תיכף, פיר טעג נאָכן אויפרייס, איבערגעריסן די באַציונגען מיט ישראל. און דערביי האָט ער דאָס געטאָן אויף אַן אופן, ווי דאָס קומט זעלטן פאָר אַפילו ביי די האַרבסטע סיבות.

די אָפיציעלע דערקלערונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג איז געווען אַזאַ: „דעם 9טן פעברואַר האָבן פאַרברעכער, ביי דער וואָרשיינלעכער מיטהילף פון דער ישראל־פּאָליציי, געוואָרפן אַ באָמבע אויפן הויף פון דער סאָוויעטישער לעגאַציע אין תל־אביב... דעם 10טן פעברואַר האָט דער פּרעזידענט פון ישראל און זיין אויסלענדישער מיניסטער צוגעשיקט נאָטעס צו דער סאָוויעטישער לעגאַציע, אין וועלכע זיי האָבן פאַראורטיילט דעם דאָזיקן אַטענטאַט און אויסגעדריקט זייער באַדויערן און פאַרזיכערונג, אַז עס וועט אַלץ געטאָן ווערן, כדי צו געפינען די שולדיקע און זיי ברענגען פאַרן געריכט.

אָבער אָט די דערקלערונגען זיינען אין אַבסאָלוטער סתירה מיט די סיסטעמאַ־טישע פּרוּוון צו העצן קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס ווערט געפירט אָפּן ניט נאָר פון דער פּרעסע פון די מלוכה־פּאַרטייען, נאָר אויך פון די מיטגלידער פון דער רעגירונג פון ישראל און פון דער כנסת. אין דעם פּרט דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן די רעדע פון מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים, מ. שרת אין דער כנסת דעם 19טן יאַנואַר, אין וועלכער ער האָט אָפן געהעצט צו פיינט־לעכע אַקטן קעגן ראַטן־פאַרבאַנד".

די „פּראַוודאַ" פון 14טן פעברואַר 1953 האָט צוגעגעבן: „די רעגירונג פון ישראל אינספּירירט שוין לאַנג אַ גיפטיקע קאַמפּאַניע קעגן ראַטן־פאַר־באַנד. אָבער אַ ספּעציעל שאַרפן כאַראַקטער האָט זי אָנגענומען נאָך דעם ווי די זיכערקייט־דינסט פון ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַ געוויסער צאָל פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָט אונטערגעהאַקט די וואָרצלען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער יידישער אָרגאַנזאַציע „דזשאָינט", געשאַפן פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש אויף אָנצופירן מיט טעראָריסטישע אַקציעס... דער אויפרייס פון אַ באָמבע אין דער סאָוויעטישער לעגאַציע אין תל־אביב, אַן אַקט וואָס איז געווען דורכגעפירט מיט דער דירעקטער הילף פון דער פּאָליציי, האָט ניט געקאָנט קומען אַנדערש ווי אין רעזולטאַט פון דער דיווערסיע־טעטיקייט, וואָס דער ישראל־שפּיאָנאַזש פירט קעגן ראַטן־פאַרבאַנד... עס איז אַ פאַקט, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט ישראל אָפן פאַרשפּרייט שנאה צום ראַטן־פאַרבאַנד... עס איז אַ פאַקט, אַז אַנשטאָט צו צוימען דאָס ווילדעווען פון די ציוניסטישע באַנדעס, כדי צו פאַרזיכערן כאָטש די עלעמענטאַרע עפנט־לעכע אָרדענונג אין תל־אביב, האָט די ישראל־רעגירונג גאָר געגאָסן נאָפט אויפן פייער מיט אירע העצערייען קעגן ראַטן־פאַרבאַנד..."

מיט סטאַלינס טויט אין דריי וואָכן אַרום, קומט פאָר אַן ענדערונג אין דער סאָוויעטישער האַלטונג כלפּי ישראל. דאָס איז אַן ענדערונג צום גוטן — די אָנפאַלן אויף ישראל הערן אויף; די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען ווערן צוריק איינגעשטעלט, און די פאַרבינדונגען ווערן נענטער ווי ווען ס'איז פריער.

אַ חודש נאָך סטאַלינס טויט, דעם 4טן אַפּריל, מעלדעט די „פּראַוודאַ", אַז די אַזוי גערופענע פאַרשווערונג פון די יידישע דאָקטוירים איז געווען אַ בילבול, פאַבריצירט פון די אמתע שונאים פון פאָלק, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער געהיים־פּאָליציי. די באַשולדיקטע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך שוין מודה געווען, ווערן דערקלערט פאַר אומשולדיק און רעהאַביליטירט. דעם 7טן אַפּריל שרייבט די „פּראַוודאַ", אַז אָט די פאַלסיפיקאַציע איז אויך געווען

אַ רעזולטאַט פון ראַסנהאַס, וועלכן זי פאַראורטיילט. אין מאַי הייבן זיך אָן פריוואַטע פאַרהאַנדלונגען צווישן אליהו אילת און יאַקוב מאַליק אין סאָפיע, בולגאַריע, וועגן איינשטעלן פאַרבינדונגען צווישן זייערע לענדער. אין יוני, קומט אַ קוישבאַל־גרופּע פון ישראל קיין ראַטן־פאַרבאַנד — הגם קיין באַציונגען צווישן די צוויי לענדער עקזיסטירן נאָך ניט — כדי צו באַטייליקן זיך אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מעטש, און זי ווערט דאָרט וואַרעם אויפגענומען. דעם 6טן יולי שיקט שרת אַן אָפיציעלע ווענדונג צו מאַלאָטאָוון, און דעם 15טן יולי קומט אָן אַן אָפיציעלער ענטפער פון מאַלאָטאָוון וועגן באַנייען די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן די צוויי לענדער. מאַלענקאָוו, דעמאָלט סאָוויעטישער פרעמיער־מיניסטער, האַלט אָט די געשעענישן פאַר גענוג וויכטיק איינצושליסן זי אין זיין איבערזיכט איבער דער סאָוויעטישער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פאַרן העכסטן סאָוויעט, מיט די ווערטער, אַז „די באַנייונג פון די באַציונגען צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און ישראל איז אַ ווענדונג וואָס קאָן דינען דעם שלום".

אָט דער פּעריאָד האָט געדויערט כמעט דריי יאָר און באַלד ביים אָנהייב פון אָט דער צייט האָט גענומען זיך אַנטוויקלען די האַנדלס־באַציונגען צווישן דער מדינת ישראל און דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן פריער ניט געהאַט קיין גרויסן באַטייט. האַנדלס־דעלעגאַציעס פון ישראל זיינען געפאָרן קיין מאָסקווע און צוריקגעקומען מיט אָפּמאַכן, וואָס האָבן באַלד אין ערשטן יאָר פאַרגרעסערט דעם ישראל־עקספּאָרט קיין ראַטן־פאַרבאַנד אויף פערציק מאָל אַזוי פיל און דעם אימפּאָרט פון דאָרטן — אויף צוועלף מאָל אַזוי פיל. עס איז פאַרגעקומען אַן אויסטויש פון ציטרוס־פּרוכטן אויף נאַפט און אַנדערע ברען־מאַטעריאַלן. אין יאָר 1954, האָבן דרייסיק פּראָצענט פון פאַרברויכטן פּעטראָל אין ישראל געשטאַמט פון ראַטן־פאַרבאַנד. אָט דער מסחר האָט געפירט צו האַנדלס־אָפּמאַכן מיט די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס — בולגאַריע, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און רומעניע. ביים סוף פון יענעם יאָר האָט אַפילו דאָס רויטע כינע דערוואַרט אַ האַנדלס־מיסיע פון ישראל און טשו ען לאַי האָט געמאָלדן, אַז עס קומען פאַר אונטערהאַנדלונגען וועגן אַנבינדן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישראל. נאָך אין מיטן 1956 (17טער יולי), שוין נאָך אַ מיאוסן אָנפאַל אויף ישראל פון כרושטשאָוון — האָט דער „סאָיוזנעפטעקספּאָרט" געשלאָסן אַ צוויי־יאָריקן קאָנטראַקט מיט דער ישראל־פירמע „דלק" אויף אַן אויסטויש אין ווערט פון 20 מיליאָן דאָלאַר פון רויען נאַפט אויף ציטרוס־פּראָדוקטן.

גלייכצייטיק איז פאַרגעקומען אַ דערנענטערונג אויפן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן געביט, הגם זי איז געווען מייסטנס אַן איינזייטיקע — מער פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין ישראל איידער אויף צוריק. דעם 26סטן מאַרץ 1954 איז געקומען אַ סאָוויעטישע דעלעגאַציע פון 33 פרויען פון פאַרבאַנד פון דע־מאָקראַטישע פרויען צו אַן ענלעכער אָרגאַניזאַציע אין ישראל, און זיי האָבן דאָרטן פאַרבראַכט כמעט דריי וואָכן. ווערא ווייצמאַן, די אלמנה נאָכן ערשטן פּרעזידענט פון ישראל, איז פאַרבעטן געוואָרן אַלס גאַסט אין ראַטן־פאַרבאַנד. די פאַרטרעטונגען פון די צוויי מלוכות זענען דערהויבן פון לעגאַציעס צו אַמ־באַסאַדעס. דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אַבראַמאָוו פאָרט אַרום איבערן לאַנד, באַזוכט יידישע אינסטיטוציעס, ווו ער רעדט העברעיִש און דריקט אויס דעם פאַרלאַנג פון זיין מדינה צו האָבן נענטערע באַציונגען מיט ישראל.

אויפן פאַקולטעט פאַר רעכט און פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין תל־אביב האָט אַבראַמאָוו דערקלערט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן אַן אינטערעס צו דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור פון ישראל, און אַז 700 בירגער אין ישראל זיינען אַבאָנירט אויף סאָוויעטישע אויסגאַבן. פאַרן וועד הפּועל פון דער הסתדרות האָט אַבראַמאָוו אויסגעדריקט זיין האָפענונג אויף אַלץ בעסערע באַציונגען צווישן די צוויי מדינות, און אויף ענגערע פאַרבינדונגען צווישן דער הסתדרות און זיין אַמבאַסאַדע. ביי אַ פייערונג אין ירושלים לכבוד דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט אַבראַמאָוו אונטערגעשטראָכן „די פריינדשאַפט, וואָס פאַרבינדט אונדזערע צוויי פעלקער, אַ פריינדשאַפט, וואָס איז לעצטנס אַריין אין אַ באַזונדערס גליקלעכער פאַזע".ביים יום העצ־מאות פון יאָר 1956 זיינען מאַלאָטאָוו און מיקאָיאַן געקומען צו דער פייערונג אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע און אין ניו־יאָרק האָט אַרקאַדי סאָ־באָלעוו, דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין די „פאַראייניקטע נאַציעס", זיך געטראָפן מיטן ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין די „פאַראייניקטע נאַציעס" אבא אבן אויף אַ פייערונג לכבוד דעם יום העצמאות אין זעלבן יאָר. ביי דער געלעגנהייט האָט סאָבאָלעוו דערקלערט פאַר אבא אבן, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אינטערעסאַנטע פּלענער ווי אַזוי צו לייזן דעם אַראַבישן־יש־ראלדיקן סכסוך. סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם איז געווען דער אַרויסטריט אין יענער צייט פון עגיפּטישן קאָמוניסטישן פירער יוסף הילמי מיט אַ רוף, אַזביידע לענדער, עגיפּטן און ישראל, זאָלן צוימען זייערע עקסטרעמיסטן און זוכן אַן אויסוועג צו אַ שלום, וואָרעם אַ מלחמה וואָלט ביידע לענדער רויִנירט. אין אָקטאָבער 1956, בעת נאַסער האָט נאַציאָנאַליזירט דעם סועץ־קאַנאַל און

ישראל האָט צוגעשיקט אַ פּראָטעסט קעגן דעם וואָס נאַסער בלאָקירט אירע שיפן, האָט מיקאָיאַן אָנערקענט, אַז ישראל האָט אַ גערעכטע טענה, און דער־קלערט, אַז די שטערונגען פאַר די שיפן פון ישראל וועלן אָפּגעשאַפט ווערן.

מיט דעם ענדיקט זיך דער צווייטער פּעריאָד פון „גוטן לעבן" צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דער מדינת ישראל. ער ענדיקט זיך מיטן סועץ־קאַנאַל־אינ־צידענט — אָבער ניט צוליב דעם, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען. סוף 1956 הייבט זיך אָן דער צווייטער פּעריאָד פון אומפריינדלעכע, הגם מער־ווייניקער קאָרעקטע, באַציונגען, וואָס האַלטן אָן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער אויך דער צווייטער פּעריאָד איז ניט געווען אין גאַנצן אַזוי זוניק, ווי מען וואָלט געמעגט מיינען פון די אויבן־אָנגעגעבענע פּרטים. דאָס איז געווען בלויז איין זייט פון דער מטבע. עס איז אויך געווען אַ צווייטע זייט, וואָס איז געקומען, מיט איין אויסנאַם, מחוץ פון ראַטן־פאַרבאַנד, אָבער עס וואָלט פון דאָרט ניט געקומען, ווען מאָסקווע וואָלט דאָס ניט געוואָלט.

נאָך סטאַלינס טויט האָבן די העצערייען קעגן ציוניזם און ישראל אויפגעהערט אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא, אָבער אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָבן זיי נאָך אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר. ראַדיאָ וואַרשע האָט סיסטעמאַטיש גע־פירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מדינת ישראל. אין טשעכאָסלאָוואַקיע און רומעניע זיינען ווייטער פאָרגעקומען אַרעסטן פון ציוניסטן און פּראָצעסן, באַגלייטע מיט גיפטיקע אַרטיקלען קעגן ציוניזם און קעגן דער יידישער מדינה. די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן גענומען אַ פאַרשאַרפטע אַנ־טאַגאָניסטישע שטעלונג לגבי ישראל, און אין ישראל גופא האָט די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי, אין וועלכער מער ווי צוויי דריטל פון אירע מיטגלידער זיינען תמיד געווען יידן, זיך געשטעלט אין גאַנצן אויף דער אַראַבישער זייט. פּאַקטיש, קען מען זאָגן, האָט די סאָוויעטישע אַנטי־ישראל־פּאָליטיק זיך קריסטאַליזירט דווקא אין אָט די „גוטע יאָרן" — הגם דער קרעמל האָט דער־ווייל איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע דאָס אויסצופירן.

אין וואָס איז באַשטאַנען אָט די פּאָליטיק?

די אַנטי־ישׂראל־פּראָפּאַגאַנדע

אויף פֿאַרשיידענע מדרגות, אונטערשטרייכנדיק פֿאַרשיידענע טיילן, קאָן אַט די שטעלונג צו ישׂראל מצד דעם קאָמוניסטישן פּראָנט פֿאַרמולירט ווערן אומגעפֿער אַזוי: דער ציוניזם איז לכתחילה אויפֿגעקומען ווי אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג ביי דער יידישער בורזשואַזיע, ווי אַ מיטל אָפּצוּווענדן די יידישע אַרבעטער פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און אין ענגער פֿאַרבינדונג מיטן אימפּעריאַליזם און זיין קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג פֿון די פֿעלקער אין מזרח. צו ערשט איז דער ציוניזם געווען אַן אינסטרומענט פֿון בריטישן אימפּעריאַליזם, דערנאָך איז ער אַריבער אין דינסט פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. די פֿירער פֿון ציוניזם זיינען די געקויפֿטע דינער פֿון אימפּעריאַליזם, וואָס האָבן ניט דעם מינדסטן אינטערעס צו דער לאַגע פֿון די יידן — ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט היטלערן און אַנדערע יידישע שׂונאים. די מדינת ישׂראל איז אַן אַפּאַראַט פֿון אימפּעריאַליזם, וואָס דינט די קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן, ניט די אינטערעסן פֿון ישׂראל. איר אויפֿגאַבע איז צו שאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַרן אויפֿהאַלטן די הערשאַפֿט פֿון אימפּעריאַליזם אין דער אַראַבישער וועלט און ניט צו דערלאָזן זי צו דערשלאָגן זיך צו אומאָפּהענגיקייט און שלום. די פּעדווינער, וואָס האָבן זיך אַריינגעשמוגלט קיין ישׂראל, געמאָרדעט און באַפֿאַלן אומבאַשיצטע ערטער, זיינען אין דער אמתן געווען אָרעמע פּליטים, וואָס האָבן זיך געוואָלט צוריקקערן צו זייערע אייגענע היימען, פֿון וועלכע די יידן האָבן זיי פֿאַרטריבן. די אַראַבישע מלוכות מוזן זיך באַוואָפֿענען, ווייל זיי געפֿינען זיך אין אַ שטענדיקער געפֿאַר, אַז ישׂראל זאָל זיי באַפֿאַלן לויטן באַפֿעל פֿון די אימפּעריאַליסטן.

אַט אַזאַ סך־הכל באַקומט זיך פֿון די אַלע העצערייען און רכילותן אין דער אַנטי־ישׂראל־פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז געפֿירט געוואָרן שוין אין די „גוטע יאָרן" אין די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס. אָבער ווינציקסטנס צוויי אויסברוכן אַזעלכע זיינען געקומען אויך פֿון אָפֿיציעלע עלעמענטן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא. אין אַן אַרטיקל אין „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" (13טער יאַנואַר 1954) איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם מיטללענדישן־פּאַקט צווישן טערקיי, גריכנלאַנד און אי־

טאַליע, אין וועלכן די אַראַבישע לענדער זיינען געווען פאַרבעטן — אַז דאָס איז געווען דער אויפטו פון דוד בן־גוריון בעת זיין באַזוך אין גריכנלאַנד אין דעצעמבער 1950; און כרושטשאָוו גופא האָט דעם 28סטן דעצעמבער 1956, אין זיין רעדע פאַרן העכסטן סאָוויעט, צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיר פאַר־שטייען דעם דראַנג פון די אַראַבישע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער פולער באַפרייונג פון אויסלענדישער אָפּהענגיקייט. אָבער מען מוז גלייכצייטיק צו־געבן, אַז עס דאַרפן פאַראורטיילט ווערן די האַנדלונגען פון דער מדינת ישראל, וואָס זינט זי איז אויפגעקומען, באַדראָט זי אירע שכנים דורך פירן אַ פּאָליטיק, וואָס איז פיינטלעך צו זיי. פאַרשטענדלעך, אַז אָט די פּאָליטיק איז ניט אין די אינטערעסן פון ישראל, און אַז די אימפּעריאַליסטישע מלוכות שטייען הינטער די וואָס פירן די דאָזיקע פּאָליטיק. זיי ווילן אויסנוצן ישראל אַלס זייער אינסטרומענט קעגן די אַראַבישע פעלקער, מיטן ציל אומברחמנותדיק צו עקספּלואַטירן די נאַטירלעכע רייכטימער פון דער געגנט".

ביזן יאָר 1957 האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד, קאָן מען זאָגן, געפירט אַ טאָפּלטע בוכהאַלטעריע. ער גופא האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די אַראַבער, מיטן דערנענטערן זיך צו זיי, פאַרבינדן זיך מיט זיי, און זיך אָנדינגען ווי אַן אַדוואָקאַט פאַרן אַראַבישן צד, בעת די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָבן געדינט ווי אַ באַזע פאַר דער אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע. פון יאָר 1957 אָן טוט שוין דער ראַטן־פאַרבאַנד גופא ביידע מינים אַרבעט: די אַנטי־ישראל־פּראָפּאַ־גאַנדע גייט שוין פון ראַטן־פאַרבאַנד גופא. און דער פראָנט איז אַ ברייטער — די טריבונע פון די „פאַראייניקטע נאַציעס", די סאָוועטישע פרעסע און ראַדיאָ, די אויסלענדישע ראַדיאָ־אוידיציעס, באַזונדערס צו די אַראַבישע לענדער, און אַפילו די אַזוי־גערופענע אַקאַדעמישע וועלט. דער וואָס האָט דאָס אַלץ נאָכ־געפּאָלגט אין אַ געוויסער צייט, האָט געמוזט קומען צום אויספיר, אַז דעם ראַטן־פאַרבאַנד גייט אין לעבן צו פאַרשוואַרצן מדינת ישראל און אויפצוהעצן קעגן איר די עפנטלעכע מיינונג אומעטום, און באַזונדערס אין דעם סענסיטיוון געביט פון דער אַראַבישער וועלט.

דער אינהאַלט פון דער העצעריי איז וואַריאַציע אויף דער פאָרמולירונג, וואָס איז אויבן געגעבן געוואָרן, געווענדט ווען און צו וועמען עס איז די רייד. ישראל ווערט פאַרגעשטעלט פאַר דער מזרח־וועלט ווי „דער 51סטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן", דער אינסטרומענט פון אַמעריקעס „אַגרעסיווע מיליטערישע פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח", וואָס לאָזט די אַראַבישע פעלקער ניט אויפהייבן דעם קאָפּ, האַלט די גאַנצע געגנט אין שטענדיקער געפאַר,

און שטרעבט צו פאַרנעמען די אַראַבישע לענדער און זיי עקספּלואַטירן. אין דער יידישער מדינה גופא הערשט אַ רעזשים פון מוראדיקער אָרעמקייט. דאָרט ווערן אויף אַ ברוטאַלן אופן אונטערדריקט ניט נאָר די אַראַבישע בירגער, נאָר אַפילו די יידישע בירגער, וואָס קומען פון לענדער אין אַזיע און אַפריקע. ווי אַ צרה אין מזרח, מישט מען אין דעם אַריין ישראל. למשל, ווען פראַנקרייך האָט אויפגעריסן אַן אַטאָמישע באָמבע אין מדבר סאַהאַראַ, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן צאָרן ביי די פעלקער פון מזרח, איז אונטערגעקומען דער מאָסקווער ראַדיאָ אויף אַראַביש און צוגעטראָגן די נייעס, אַז די געלערנטע פון ישראל זיינען געווען דערביי און האָבן געהאַט אַ האַנט אין דעם.

ווי אַ מוסטער פון אָט די מאָסקווער ראַדיאָ־אוידיציעס אין אַראַביש, וואָס ווערן געגעבן טאָג־איין, טאָג־אויס, גיב איך דאָ דריי אַזעלכע פון איין וואָך: 12, 15, 17 דעצעמבער 1962:

דעם 12טן האָט אַ סאָוויעטישע ראַדיאָ־אוידיציע אין אַראַביש געשטעלט די פראַגע: „וואָס שטעקט הינטער ישראלס מיליטערישע אַקציעס?", און געענטפערט, אַז די לאַגע אויף דער ישראל־סירישער גרענעץ איז ווידער געוואָרן שטאַרק אָנגעשטרענגט צוליב די אַקציעס פון ישראל־מיליטער". וועלכע זיינען די אַקציעס? געוויינלעכע מאַנעוורעס, ניט נעבן סיריע, חלילה, נאָר אין נגב, ביי וועלכע בן־גוריון, ווי דער זיכערקייט־מיניסטער, איז אַנוועזנדיק געווען. „דאָס פאַרמאָגט אַ גרויסן באַטייט", זאָגט די אוידיציע, מחמת עס ווייזט ווי וויכטיק די הערשנדיקע קרייזן פון ישראל האַלטן אָט די מאַנעוורעס. בן־גוריון איז דאָרטן ניט קיין אָבסערוואַטאָר, ער איז דאָרט פאַראַן כדי צו שטופּן זיי אין אַ געוויסער ריכטונג דורך מלחמה־העצערישע רעדעס צו דער ישראל־אַרמיי. נעכטן האָט בן־גוריון געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אָפן געדראָט סיריע. עס איז ניט קיין צופאַל וואָס בן־גוריון האַלט איצט אַזאַ רעדע. די סיבה איז די וואָס די פאַראייניקטע פעלקער דאַרפן באַטראַכטן די צוקונפט פון די אַראַבישע פּליטים... ישראל וויל, אַז אָט דער ענין זאָל געלייזט ווערן אויפן חשבון פון די אַראַבישע לעבנס־אינטערעסן. אין דעם ווערט ישראל פולשטענדיק געשטיצט מצד די קאָלאָניאַלע מאַכטן פון מערב, מער פון אַלעמען — פון אַמעריקע". נאָך אַ תירוץ פאַר די מאַנעוורעס גיט אָן דער ראַדיאָ, אַז ישראל פירט דורך איר ירדן־באַוואַסערונג־פּראָיעקט, וואָס וואָלט געשטעלט אין סכנה די חיונה פון צענדליקער טויזנטער אַראַבישע פאַמיליעס אין ירדן־טאָל און די אַראַבער זיינען קעגן דעם. „די פירער פון ישראל האָבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן דערקלערט, אַז זיי זיינען

גרייט מיט אַ מיליטערישן כוח דורכצופירן אָט דעם פּראָיעקט... איצט האָט ישראל אָנגעהויבן די מיליטערישע צוגרייטונגען צו אָט די פּלענער... ישראל שאַפט אַ נייע געפערלעכע לאַגע, וואָס קאָן זיך אויסלאָזן אין סאַמע ערנסטסטן קריזיס, וואָס דער אַראַבישער מזרח האָט ווען עס איז געזען...״

די צווייטע אוידיציע רופט זיך אָן „ישראל גרייט זיך צו פאַבריצירן נוקלעאַר געווער — גרויסע געפאַר פאַר די אַראַבישע מדינות״. דאָס האָט אַ שייכות צו דער ידיעה וועגן צוויי אַטאָמישע רעאַקטאָרן פאַרן פרידלעכן געברויך אין דער מדינת ישראל. אין דער אוידיציע ווערט געזאָגט, אַז זייער וויניק מענטשן גלייבן אַז די רעאַקטאָרן זיינען פאַר פרידלעכע צוועקן. דערביי ווערט געבראַכט אַ ציטאַט פון אַ שרייבער בערגער אין דער „ניו־יאָרק־טיימס״, אַז ישראל וויל שטאַרקן איר מיליטערישע פּאָזיציע דורך נוקלעאַרע אויפּרייסן, און די אוידיציע זאָגט: „עס איז קלאָר, אַז אָט די שווערע מיליטערישע אויסגאַבן זיינען ניט פאַר ישראלס כוחות. תל־אביב ווייסט אָבער, אַז זי קאָן זיך פאַרלאָזן אויף דער פרייגעביקער הילף פון „נאַטאָ״. די פאַראייניקטע שטאַטן, מערב־דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בריטאַניע, האַלטן זיך ניט אָפּ פון באַזאָרגן ישראל, וואָס איז זייער שאַפונג, מיט פינאַנציעלע און מיליטערישע הילף... דער מערב דאַרף האָבן אַ שטאַרק ישראל, כדי זי צו באַנוצן קעגן די אַראַבישע באַפרייונג־באַוועגונגען, צו באַשיצן די אַגרעסיווע קאָנצעסיעס פון די נאַפט־מאָנאָפּאָלן אין די אַראַבישע לענדער. בקיצור, די נוקלעאַרע פּראָיעקטן פון ישראל, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די מערב־אימפּעריאַליסטישע לענדער, זיינען אַ גרויסע געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון די אַראַבישע לענדער, און פאַרערגערן נאָך מער די שוין שלעכטע לאַגע אין מיטעלן מזרח״. (קיין וואָרט ניט, פאַרשטענדלעך, וועגן די אַטאָמישע רעאַקטאָרן, וואָס ווערן אויפגעבויט פון ראַטן־פאַרבאַנד אין עגיפּטן).

די דריטע אוידיציע רופט זיך „ווער שטייט הינטער די נייע פּראָוואָקאַציעס פון ישראל קעגן די אַראַבער?״ זי הייבט אָן מיטן שאַפן אַ פּאַניק־שטימונג: „די אָנגעשטרענגטקייט אויף דער סיריע־ישראל גרענעץ שטייגט פון טאָג צו טאָג. די אַראַבישע פרעסע ווייזט אָן אויף דער כסדרדיקער קאָנצענטראַציע פון ישראל־אַרמייען ביי דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע. דאָ ניט לאַנג איז דער ישראל־פּרעמיער אַרויס מיט דראָונגען קעגן סיריע. אָט די אַלע אַגרעסיווע פּראָוואָקאַציעס פון די הערשנדיקע קרייזן פון ישראל קאָנען פירן צום אויסברוך פון אַ באַוואָפנטן קאָנפליקט. איך טראַכט: וואָס קאָן זיין די סיבה פון טרייבן אַ מלחמה־היסטעריע אין ישראל? דער ענטפער קאָן סומירט

ווערן קודם אין ישראלס באַמיונג אויסצופירן דעם פּלאַן צו באַקומען די קאָנטראָל איבער די וואַסערן פון ירדן־טייך..." דאָ ווערט דערמאָנט דער עריק דזשאָנסאָן־פּלאַן, און אַז „די אַראַבער האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון דעם אימפּעריאַליסטישן פּראָיעקט", אָבער ישראל מיט דער הילף פון אַמע־ריקע, האָט זיך פאַרנומען אָפּן דורכצופירן אָט דעם פּלאַן. די אוידיציע פירט אויס: „נאַטירלעך שטיצט ניט אַמעריקע די אָקופּאַציע־אַמביציעס פון ישראל אומזיסט. דאָס איז אַ מין באַלוינונג פאַר דער באַדינונג, וואָס ישראל גיט די אימפּעריאַליסטן דורך איר באַשיצן זייערע אייגננוציקע אינטערעסן אין די אַראַבישע לענדער. מער ווי ווען פריער איז דער מערב פאַראינטערעסירט אין שטאַרקע פּאָזיציעס פון ישראל צוליב דער איצטיקער לאַגע אין דעם אַראַבישן מזרח, וואָס איז ניט גינסטיק פאַר די אימפּעריאַליסטן... דורכן באַ־שאַפן אַן אַטמאָספערע פון אָנשטרענג און נערוועזיטעט אויף דער וואָפנשטיל־שטאַנד־ליניע, ווילן די אימפּעריאַליסטן פּראָוואָצירן אַ וויכוח, וואָס וועט זיי העלפן קאָנסאָלידירן זייערע וואַקלדיקע פּאָזיציעס אין די אַראַבישע לענדער".

נאָך אַן אוידיציע אין דער איינער וואָך באַציט זיך אויף אַן אַרטיקל פון ר. טשעסנאָקאָוו אין „איזוועסטיאַ", וועגן באַזוך פון מערב־דייטשע פּאָ־ליטיקער אין ישראל, און דערציילט, אַז די באָן־רעגירונג העלפט ישראל ביים אויפשטעלן מיליטערישע אינוועסטיציעס, און גיט ישראל געלט פאַר אַ פּלאַן אַריינצופירן דעם מערב־דייטשן אימפּעריאַליזם אין דער אַראַבישער וועלט. די אוידיציע פירט אויס, אַז „וואָס שייך די הערשער פון ישראל, האָבן זיי ווידער אַ מאָל באַוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט זייער אמתן פּנים ווי די משרתים פון אימפּעריאַליזם".

דער זעלבער פּזמון איז פאַראַן אין יעדער אוידיציע, וואָס מען קאָן צו יעדער צייט הערן אין דער אַראַבישער וועלט, און וואַריאַציעס דערפון דערגרייען צום מזרח בכלל אין אַנדערע שפּראַכן. אָפט מאָל בלאָזט די פּראָפּאַ־גאַנדע אי הייס אי קאַלט. אָט ווערט ישראל געמאָלן ווי אַ מוראדיקע שטאַרקע מיליטערישע פעסטונג, וואָס פאַרמעסט זיך צו פאַרשלינגען די גאַנצע אַראַ־בישע וועלט, און אָט ווערט ישראל אַ מדינה אָן אַן עקאָנאָמישן יסוד, אָן אינערלעכער גאַנצקייט, אַ מדינה וואָס האַלט זיך נאָר אויף אויסלאַנד.

פונקט ווי אין די ראַדיאָ־אוידיציעס פאַר מזרח ווערן אָבער און ווידער איבערגעגעבן די זעלבע ליגנס. אויפן יסוד פון דער פּסיכאָלאָגיע, וואָס די נאַציס האָבן אַנטדעקט, אַז ווי גרויס דער ליגן זאָל ניט זיין, מוז זיך עפּעס פון דעם צוקלעפּן אויב מען חזרט דאָס נאָר איבער אַ סך מאָל — אַזוי ווערט

אויך אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, און דערנאָך אין דער אויסלענדישער קאָמוניסטישער פּרעסע איבער דער וועלט, כסדר אַריינגעקנעלט די זעלבע שקרים וועגן ישראל. מער ניט וואָס פאַר די מער ווייסנדיקע און בעסער פאַרשטייענדיקע מענטשן פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון מערב בכלל ווערט אָט די סחורה אַ ביסל בעסער צוגעשניטן און אַ ביסל שענער איינגעוויקלט. דאָ ווערט עס על־פּי רוב געמאַכט ווי מען וואָלט איבערגעגעבן זאַכן, וואָס זיינען געשען. מען גיט איבער אַלע אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע־קלאַנגען פאַר אמתע נייעס און די אייגענע פּראָפּאַגאַנדע גנבעט מען אַריין אומדירעקט, ווי עפּעס וואָס אַלע ווייסן, אָדער וואָס איז אַלגעמיין אָנגענומען. מען דערלאַנגט עס אין אַ כלומרשט ערנסטער אָפּהאַנדלונג פון אַ מענטש מיט אַ טיטול, וואָס דאַרף די אַלט־געבאַקענע אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע צוגעבן אַ מין ערנסטן, געלערנטן אָדער וויסנשאַפטלעכן טאָן.

פאַר דעם מענטשן אין מערב איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי ברייט אָט די פּראָפּאַגאַנדע איז פאַרשפּרייט איבערן ראַטן־פאַרבאַנד, אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אין פאַרשיידענע שפּראַכן, פאַר אַן עולם, וואָס דאַרף אין פלוג ניט האָבן דעם מינדסטן אינטערעס דערצו און ניט זיך אָריענטירן אין דעם. אין ענגלאַנד דערשיינט שוין עטלעכע יאָר אַ פּעריאָדישע זאַמלשריפט מיט פאָטאָסטאַטישע איבערדרוקן פון אַלץ וואָס דערשיינט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין שייכות מיט יידן (אַרויסגעגעבן פון קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש לייברערי לימטעד, לאָנדאָן). דאָס איז ניט קיין קיצור, ניט איבערגעזאָגט מיט אייגענע ווערטער, ניט אַפילו ציטירט, נאָר אין גאַנצן פאָטאָגראַפירט — אָן שום קאָמענטאַרן אָדער זייטיקע באַמערקונגען. עס איז ווי אַ שפּיגל וואָלט געוויזן וואָס עס ווערט דאָרט געדרוקט וועגן יידן. מען דאַרף נאָר אַ מיש טאָן דעם אָפּטייל פון דער פאָטאָשריפט, וואָס האָט צו טאָן מיט ישראל, כדי צו זען ווי דאָס מינדסטע שטיקל נייעס פון ישראל, וואָס קאָן מאַכן אַ נעגאַטיוון רושם, ווערט צעטראָגן איבער טעלערלעך אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פון ראַטן־פאַרבאַנד. למשל: — פּרייזן זיינען געשטיגן אין ישראל. פּרייזן שטייגן אין אַלערליי לענדער פון דער וועלט. אָבער אַז פּרייזן זיינען געשטיגן אין ישראל — וועגן דעם מוזן די סאָוויעטישע לייענער וויסן. עס קומען פאָר רייסערייען אין פּאָליטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער פון דער וועלט; אין ענגלאַנד האָט אין דער לייבאָר־פּאַרטיי געהאַלטן ביי אַ שפּאַלטונג; אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען אַ ביטערער קאַמף אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וועגן דעם האָט די אַלגעמיינע פּרעסע אין ראַטן־פּאַרבאַנד, און בפרט נאָך די פּראָווינציעלע פּרעסע,

קיין ידיעה ניט געבראַכט. אָבער אַז עס איז פאָרגעקומען אַ סכסוך אין דער מפא״י־פּאַרטיי אין ישראל, האָט דאָס גערעדעט באַריכטן די מינדסטע צייטונג אין פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון ראַטן־פאַרבאַנד. און יעדע נייעס קומט מיט עפּעס אַן אומדירעקטער באַמערקונג, וואָס שליסט איין אין זיך די פּראָפּאַגאַנדע. לאָמיר נעמען עטלעכע ביישפּילן.

„קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ״ (2טער מאַי 1960): „די בן־גוריון־רעגירונג האָט אַלזאָ מיט אַ פריערדיקער אויסרעכענונג דורכגעפירט נאָך אַן אַגרעסיוון אַקט קעגן דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק. און נאָך מער: ישראל גייט אָן מיט אירע פּראָוואָצירנדיקע מעשים״ (דאָס הייסט, עס איז פעסטגעשטעלט, אַז עס זיינען געווען פריערדיקע אַגרעסיווע אַקטן און פּראָוואָצירנדיקע מעשים); „טשערוואָני שטאַנדאַר״ (2טער פעברואַר 1960): „די אַגרעסיווע אויסלענדישע פּאָליטיק פון דער בן־גוריון־רעגירונג, וועלכע פאַרבלייבט אין דינסט פון די קאָלאָניאַלע מאַכטן, פירט צו דער מיליטאַריזירונג פון דער עקאָנאָמיע פון ישראל״. (דאָס הייסט, עס איז פעסטגעשטעלט, אַז זי איז געווען אין דינסט); אָדער „טיכאָ־אָקעאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״ (אַזש אין קאַמסאָמאָלסק אויפן אַמור — 13טער יולי 1960): „מיר ווייסן, אַז די פאַרקויפטע רעגירונג פון ישראל האָט אין די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין אַ שטיצפּונקט פאַר דערשטיקן די נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג אויפן נאָענטן מזרח — אַרבעטלאָזיקייט און רעכטלאָזיקייט, אָט וואָס זי האָט געבראַכט פאַר די אַרבעטנדיקע יידן אין ישראל״. (דאָס איז אויך איבערגע־דרוקט אין יידישן „ביראָבידזשאַנער שטערן״, ווו אויסער דער אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע וועט איר קיין וואָרט וועגן יידן ניט געפינען, אַפילו ניט וועגן „אַרבעטנדיקע יידן״ פון ראַטן־פאַרבאַנד).

די טעמאַטיק פון דער אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע איז איינטאָניק ביז לאַנגווייליקייט. ווידער און אָבער אַ מאָל אין דער זעלבער צייטונג „טרוד״, אַז „ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג פון אימפּעריאַליזם, פריער פון אַלעם פון די פאַראייניקטע שטאַטן... די אַראַבישע מינדערהייט, און חוץ זיי אויך די יידן פון אַזיע און אַפריקע, ווערן אונטערדריקט און פאַרפאָלגט״ (6טער יאַנואַר 1961) ווידער און אָבער אַ מאָל: „דאָס האָט אין דער זעלבער צייט באַוויזן ווער עס איז אין דער אמתן שולדיק דערין וואָס עס קומט פאַר אַ באַוואָפענונגס־געיעג אין מיטעלן מזרח״ („נאָוואָיע ווּרעמיאַ״, נומ׳ 10, 1960) און דאָס זעלבע אין דער „איזוועסטיאַ״ פון 3טן פעברואַר 1963 אין שייכות מיט אַמעריקעס באַשלוס צו געבן ישראל די „האָק״־ראַקעטעס קעגן דעם סאָוויעט־

טישן געווער אין דער נאַסער־רעפּובליק. דער קאָרעספּאָנדענט ווישנעוועצקי פון דער „איזוועסטיאַ" אין קאַיר גיט איבער אַז מען פרעגט אין קאַיר דעם אַמעריקאַנער שוץ־מיניסטער מעקנאַמאַראַ די פראַגע: ווען און פון וואַנען איז געקומען דער באַוואָפענונגס־געיעג אין דעם טייל וועלט? צי מען פרעגט דאָס אין קאַיר, איז נאָך אַ פראַגע. דאָרט ווייסן זיי גוט ווער עס האָט דאָס אָנגעהויבן. אָבער אין ראַטן־פאַרבאַנד ווייסן ניט קיין סך די ראָל, וואָס מאָסקווע האָט געשפּילט אין באַוואָפענונגס־געיעג אין נאָענטן מזרח.

פון צייט צו צייט דערהערט זיך אַ נייער טאָן אין דער פּראָפּאַגאַנדע — ווען מען קען ניט מער אויסבאַהאַלטן געוויסע דערגרייכונגען פון דער מדינת ישראל. ווי למשל, אַן אַרטיקל אין „סאָוויעטסקאַיאַ קולטוראַ" (14טער אויגוסט 1961) אַז די וויסנשאַפטסלייט פון ישראל זיינען פאַרקויפט צו די אימפּעריאַ־ליסטן פון אַמעריקע. „פאַקטן באַווייזן, אַז די מערב־מאָנאָפּאָלן האָבן אָפּגעקויפט ניט נאָר געוויסע געלערנטע, נאָר כמעט דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן דענקען. די אינסטיטוטן און לאַבאָראַטאָריעס אין כמעט אַלע ספּעציאַליטעטן געפינען זיך פאַקטיש אונטער דער קאָנטראָל פון די פאַראייניקטע שטאַטן; זייערע פּלענער, ריכטונגען פון אַרבעט זיינען כמעט אין גאַנצן אָפּהענגיק פון אַמעריקע און אין דער ערשטער ריי — פון פּענטאַגאָן".

דאַרף קומען אַ פּראָפּאַגאַנדע־ענטפער אויף דער ראָל וואָס ישראל שפּילט אין אַפריקע. באַווייזט זיך אַן אַרטיקל אַזש פון אַ „מיטגליד פון דער אַלפאַר־בינדעשער געזעלשאַפט אויף צו פאַרשפּרייטן פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע קענטענישן", ס. קירילאָוו, אונטערן נאָמען „ישראל אַ מיטהעלפער פון נעאָקאָ־לאָניאַליזם", איבערגעדרוקט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" (6סטער יוני 1961). לייענען מיר דאָרטן, אַז „אויספילנדיק דעם ווילן פון אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל, שטרעבט די רעגירונג פון ישראל צו פאַרווירקלעכן אַן עקאָנאָמישע אַריינדרינגונג אין אַפריקע מיטן איינציקן ציל — צו פאַרשקלאַפן אירע פעל־קער. אַזעלכע צום ביישפּיל ישראל־פירמעס ווי „צים", „מעקארט", „סולל בונה" און אַנדערע האָבן אין ענגן קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער נעאָקאָלאָניאַליסטן שוין באַוויזן צו פאַרפעסטיקן זיך און פונאַנדערצוּוויקלען זייער עקספּלואַטאַ־טאָרישע טעטיקייט".

פאַר דער אייגענער סאָוויעטישער אינטעליגענץ, וואָס ווערט אַלץ מער סקעפּטיש געשטימט לגבי דעם וואָס זיי לייענען אין דער אייגענער פּרעסע, און זיי האָבן שוין אַ נאַטירלעכן קעגנגעפיל צו ביליקער פּראָפּאַגאַנדע — ווערט דאָס זעלבע געטאָן אויף אַ מער ראַפינירטן און אַפילו כלומרשט וויסנ־

שאַפּטלעכן אופן. למשל, אַ גרופּע טוריסטן פון ראַטן־פאַרבאַנד אין ישראל, צווישן זיי געלערנטע, זשורנאַליסטן, פּראָפעסיאָנאַלן, ניט־יידן און יידן, קומען צוריק און גיבן אָפּ אַן „אָביעקטיוון" באַריכט, אַן העצעריי און אַן פּראָפּאַגאַנדע, אָבער דער אויספיר איז דער זעלבער. איינע פון די ערשטער טוריסטן־גרופּע אין ישראל אין יאָר 1958 איז געווען סאָפיע פריי, אַ פּראָפעסאָרישע אין אינ־סטיטוט פאַר עקאָנאָמיע אין מאָסקווע. זי גיט איבער אין אַן אַרטיקל אין „טרוד" וואָס זי האָט געזען און געהערט אין ישראל, זי טוט דאָס אין אַ רויִקן טאָן, מיט קורצע ווערטער, מיט פאַקטן און ציפערן. אַז איר ווילט, האָט איר גאָר אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג אויך. זי שרייבט, אַז „די אָפּהענגיקייט פון ישראל (פון אַמע־ריקע) איז ניט פּאַטאַל. אין דער מדינה געפינען זיך אוצרות פון נאַטור און מענטשן, די אַרבעטער און די פּויערים, וואָס האָבן ליב אַרבעט, די קאַדרען טעכניקער און געלערנטע — זיי אַלע זיינען בכוח צו פאַרזיכערן די אַנטוויק־לונג פון אַ זעלבשטענדיקער עקאָנאָמיע און קולטור, און אויף דעם קוקן אויס די פּראָגרעסיווע כוחות, וואָס קעמפן פאַרן שלום און פאַר דער פריינדשאַפט צווישן פעלקער". אָבער וואָס איז דער תמצית פון אירע איינדרוקן?

סאָפיע פריי דערציילט וועגן איר באַזוך אין „הדסה"־שפּיטאָל, מיט די 550 בעטן. די פאַרשטייערין פון „הדסה", מרים גרנות, וואָס האָט איר אַרומגעפירט איבערן בנין, האָט איר דערציילט וועגן אַנדערע אויפגאַבן, וואָס די „הדסה" פירט דורך: „מיר גיבן זיך אָפּ מיטן דערציען די יוגנט פון ישראל אין גייסט פון אַרבעט, באַמיען זיך צוצובינדן די דאָזיקע יוגנט צו דער ערד". איז דאָך גוט? ניין. סאָפיע פריי באַמערקט דערביי, אַז מרים גרנות האָט גאָר ניט באַגריפן דעם פּאַראַדאָקס פון דער לאַגע: אַמעריקאַנער דערציען די יוגנט פון ישראל! זעט נאָר די גנבה פון דער געשעצטער דאַמע: קודם, דערציט דאָך ניט „הדסה" די גאַנצע יוגנט פון ישראל. און וואָס פאַר אַ שלעכטס קאָן דאָ זיין ווען אַן אַמעריקאַנער געזעלשאַפט העלפט לערנען יוגנטלעכע אַ מלאכה — אין אַ ניי לאַנד, וואָס ווערט געבויט? האָט דען ניט אַן אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, „אָרט", געהאָלפן סאָוויעטישע יידישע יונגע לייט לערנען אַ מלאכה אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? אַפילו סטאַלין האָט דאָס ניט געהאַלטן פאַר אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. צי זי דערציילט וועגן וויצמאַן־אינסטיטוט. קיין סך פון אינסטיטוט דערציילט זי ניט, זי האָט נאָר באַמערקט אין דער ענגלישער בראָשור וועגן אינסטיטוט, אַז פון די 42 דירעקטאָרן פון אָפּטיילן זיינען 28 אויסלענדער! פון וואַנען זאָל אַ מדינה, וואָס איז דאָן אַלט געווען קוים צען יאָר, שוין האָבן אירע אייגענע אַזוי פיל

געלערנטע? האָט דען לעגין אַליין זיך ניט באַמיט צו ברענגען אויסלענדער קיין ראַטן־פאַרבאַנד, כדי צו העלפן אַוועקשטעלן די מדינה טעכניש אויף די פיס? ווייטער, דערציילט סאָפיע פריי, אַז דער וויצמאַן־אינסטיטוט האָט אַן אַמעריקאַנער קאָמיטעט פון 55 פּערזאָן און אַן ענגלישן — פון 31 פּערזאָן, און זי פרעגט: וואָס פאַר אַ מין אינסטיטוט איז דאָס — אַ ישראל־אינסטיטוט, וואָס אַרבעט פאַר אַמעריקע, צי אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוט, וואָס אַרבעט פאַר ישראל? ווייטער דערציילט זי, אַז אַ העלפט פון העברעיִשן אוניווערסיטעט ווערט געדעקט פון דער מלוכה און אַ העלפט פון פריינד פון אוניווערסיטעט, וואָס זיינען מייסטנס אַמעריקאַנישע און ענגלישע מיליאָנערן — און זיי באַקומען אויך דעם כבוד: דער אודיטאָריום פאַר 700 מענטשן ווערט גערופן אויפן נאָמען פון מיליאָנער דזשאָרזש ווייץ און דער לעקציע־זאַל טראָגט דעם נאָמען „פון נדבן העברי מאָנטאָר"! ווי אַ פּראָפעסאָרין פון עקאָנאָמיע, האָט דאָך סאָפיע פריי געמעגט וויסן, אַז הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן פון אַמעריקע ווערן געגעבן יעדעס יאָר פאַר אוניווערסיטעטן אין אַלע טיילן פון דער וועלט, און עטלעכע אוניווערסיטעטן פון אירע באַליבטע אַראַבישע לענדער ווערן אין גאַנצן אויסגעהאַלטן פון אַמעריקע. און וואָס שייך די נעמען פון זאַלן אין אוניווערסיטעט וועט זי דאָך אַזעלכע געפינען אין אָקספאָרד און קעמברידזש און אומעטום. וואָלט פאַר די לייענער פון „טרוד" דען ניט געווען אינטערעסאַנטער צו הערן, וואָס מען לערנט דאָרט אין דעם וויצמאַן־אינסטיטוט אָדער אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, ווינציקסטנס כאָטש אויפן סלאַווישן פאַקולטעט? אָבער וועגן דעם איז אין אַרטיקל קיין וואָרט ניטאָ. אַלץ וואָס זי דערציילט יאָ איז צוגעשפּיצט צו באַשטעטיקן די פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישראל אַז זי געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל און אין דינסט פון אַמעריקע, און אַמעריקע, גאַנץ אַמעריקע, איז דאָך נאָר אימפּעריאַליזם!

פון אַ מער גרינטלעכן כאַראַקטער פאַר דער סאָוויעטישער אינטעליגענץ האָט געדאַרפט זיין ק. איוואַנאָוו און צ. שיינים בוך אין רוסיש, „די מדינת ישראל, איר לאַגע און פּאָליטיק", אַרויסגעגעבן פון גאָספּאָליזדאַט, (מלוכה פאַרלאַג פאַר פּאָליטישע ווערק) אין מאָסקווע, 1958. דאָס איז געווען נאָך דרייסיק יאָר דאָס ערשטע בוך וועגן אָט דעם טייל וועלט. מען קאָן זען פון די פּונקטן, מיט וועלכע דאָס בוך פאַרנעמט זיך ספּעציעל, ווו דער שוך קוועטשט ביי דער אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אינטעליגענץ. למשל, פאַר וואָס עס איז פאַר גרויסע אַראַבישע לענדער כשר צו רעאַליזירן זייער נאַציאָנאַלע באַפרייונג און זעלבשטענדיקייט און פאַרן יידישן פאָלק — טריף?

פאַר וואָס זאָל דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל זיך אַזוי אָפּגעבן מיט ישראל, ווען פון דאָרט קאָן ער דאָך קיין גרויסע פּראָפיטן ניט ציען? מיט וואָס איז טאַקע דער ציוניזם ניט קיין לייזונג פאַרן יידישן פּראָבלעם? מיט וואָס איז די הילף וואָס ישראל גיט די אַפריקאַנער לענדער אַזוי שלעכט? פאַר וואָס זאָל ישראל ניט וועלן קיין שלום מיט זיינע שכנים, און ווי אַזוי וואָלט אַזאַ שלום געקאָנט דערגרייכן ווערן? אַפּנים, אַז די סאָוויעטישע אינטעליגענץ ווייס מער און טראַכט זעלבשטענדיקער ווי די אָנפירער פון די אַלטע פאַרזשאַווערטע פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַטן מיינען. און עס איז אַ היפּשער ספק, צי אָט דאָס בוך וועט באַווייזן צו פאַרציען אַ נעפּל איבער די אויגן פון היינטיקן אינטעליגענטן סאָוויעטישן לייענער.

אין דער אמתן האָבן מיר דאָ בלויז אַן אינטעליגענטישן לבוש, אָבער די פאַקטן זיינען אַזוי געפעלשט, דירעקט און אומדירעקט, ווי אין דער וווּלגאַרער פּראָפּאַגאַנדע — צוזאַמען מיט דער אומרעאַליסטישער לאָגיק און מיט די פאָר־אורטיילן אַנשטאָט אויספירן. כדי צו פּסלן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם ברענגען די צוויי מחברים די אַלטע ציטאַטן וועגן פאַרשיידענע סאָרטן נאַציאָנאַליזם פון מאַרקס און ענגעלס, מיט וועלכע מען קען שוין דעם היינטיקן סאָוויעטישן מענטשן מער ניט סטראַשען, און דאָס האָט ניט קיין שייכות מיט דערווירקלעכ־קייט אין נאָענטן מזרח. צו באַווייזן, אַז יידן זיינען בכלל ניט קיין נאַציע, האָבן די צוויי מחברים ניט געפונען קיין גרעסערן אויטאָריטעט, ווי דעם אַדוואָקאַט פון אַמעריקאַנער ראַט פון יודאַיזם, אַלפרעד ליליענטאַל, וואָס איז דערגאַנגען צו דער חכמה, אַז עס איז דאָ מער אונטערשייד צווישן פאַרשידענע מינים יידן אין ישראל ווי צווישן שפּאַניער און סלאַוון. אַלץ גרעסער ווערט די צאָל פון דער סאָוויעטישער אינטעליגענץ וואָס פאָרט אַרום איבער דער וועלט און זיי זעען אומעטום יידן, אַנדערע יידן, אָבער פאָרט יידן. די עקאָנאָמישע לומדות פון די מחברים קאָן מען זען פון דער ראָל, וואָס זיי גיבן דעם קאַמף צווישן די צוויי נאַפט־טרעסטן, דעם בריטישן „שעל" און דעם אַמעריקאַנישן „סטאַנ־דאַרד". זיי שטעלן אַוועק ד"ר חיים וויצמאַנען אין דינסט פון שעל־טרעסט בעת בן־גוריון געהערט צו „סטאַנדאַרד אויל" (ראָקפעלער טרעסט). איז וואָס טוט גאָט? איז דער ציוניזם אַנטשטאַנען אַ פּאָר צענדליק יאָר פריער איידער מען האָט אויסגעשעפּט אַ קוואָרט נאַפט אין נאָענטן מזרח, און בעת מען האָט גערעדט וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, איז שוין דער קאָנ־פליקט צווישן די בריטישע און אַמעריקאַנישע אינטערעסן אין דער געגנט געווען לאַנג אויפגעלייזט, שוין אָפּגערעדט פון אומזין פון דעם עצם ענין.

און ווי ווייט באַהאַוונט די מחברים זיינען בנוגע דער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח, קאָן מען זען פון אָט דעם איינעם פאַקט: זיי שרייבן, אַז בעת די מיליטערישע כונטע, צווישן זיי נאַגיב און נאַסער, האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרוק־רעזשים, איז ישראל געווען די איינציקע מדינה אין נאָענטן מזרח, וואָס האָט דערויף פאַרגאָסן טרערן. דער אמת איז, אַז בן־גוריון איז געווען פון די ערשטע צו באַגריסן דעם נייעם רעזשים, און אויסגעדריקט די גרייטקייט פון ישראל צו קאָאָפּערירן מיט דער עגיפּטישער רעוואָלוציע פאַרן ווילזיין פון די עגיפּטער און פון דער גאַנצער געגנט. דער ענטפער פון די נייע הערשער איז געווען, אַז זיי וועלן קאָאָפּערירן נאָר מיט די, וואָס וועלן אָפּווישן די מדינת ישראל! צו וואָס פאַר אַ לעכערלעכע ליגנס זיי קאָנען דערגיין איז אויך צו זען פון אָט דעם ציטאַט: „ציוניסטן האָסן שלום עליכם, דעם גרויסן יידישן שרייבער, דערפאַר וואָס ער האָט מיט אַזאַ גרויסן קינסטלערישן כוח געמאָלן די קלאַסן־אונטערשיידן אין יידישן פאָלק — די עקספּלואַטאַציע דורך אַ הייפל רייכע מיט זייערע משרתים די רבנים פון די אָרעמע יידישע מאַסן, וואָס האָבן געפירט אַ שווער לעבן אין דחקות און אין פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דער יידישער בורזשואַזיע".

די דערקלערונג

מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די זיגזאַג־אַרטיקע אויפן ערשטן קוק אָפּט ווידערשפּרעכלעכע סאָוויעטישע באַציונג צו ישראל? פאַר וואָס איז זי פריער געווען אַזוי פריינדלעך און דערנאָך אַזוי פיינטלעך? פאַר וואָס איז דער ראַטן־פאַרבאַנד די איינציקע מדינה אין דער וועלט, אויסער די אַראַבער, וואָס פירט אַזאַ קאַמפּאַניע קעגן דער מדינת ישראל?

די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן וואַרפן די שולד אויף ישראל. די מדינת ישראל, טענהן זיי, האָט זיך אָריענטירט אויפן מערב, און פירט זייער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח. ישראל פאַרנעמט אין קאַלטן קריג אַ פּאָזיציע אין פראָנט קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, הייסט עס ביי זיי, במילא איז דער ראַטן־פאַרבאַנד אַנטי־ישראלדיק. דאָס איז גערעדט ווען זיי זיינען בכלל מודה, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַנטי־ישראלדיק. על־פּי רוב טענהן זיי, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז גאָר אַ פריינד פון ישראל. ער איז נאָר קעגן דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג. איז קודם ניט ריכטיק, אַז ישראל פאַרנעמט אין קאַלטן קריג אַ פּאָזיציע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער ווען דאָס וואָלט אַפילו יאָ אמת געווען, טאָ פאַר וואָס זשע זאָל דער צאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד אויסגיין אויף ישראל מער ווי אויף די אַנדערע לענדער וואָס שטייען אָפּן אין קאַלטן קריג קעגן אים? דריי פערטל וועלט איז דאָך קעגן מאָסקווע, פאַר וואָס זשע פירט מאָסקווע ניט אַזאַ סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע קעגן אַנדערע לענדער? וויפל קאָן דאָס ישראל שטיין דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין וועג, אַז ער זאָל זיך אַזוי פיל אָפּגעבן מיט באַשוואַרצן, באַשמוצן און העצן קעגן ישראל?

דער אמת איז, אַז אין איר אויסערלעכער פּאָליטיק האָט די מדינת ישראל זיך באַמיט ניט צו גיין מיטן קאַלטן קריג, און קיין מאָל ניט פאַרנומען קיין אַנטי־סאָוויעטישע שטעלונג. זי וואָלט אָבער ניט פאַרדינט קיין רעספּעקט צו זיך ווען זי וואָלט בלינד נאָכגעגאַנגען דער סאָוויעטישער פּאָליטיק — פּונקט ווי זי איז ניט בלינד נאָכגעגאַנגען דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. דער פאַקט איז, אַז פאַר אַ מדינה וואָס איז אויף אַזוי פיל אָנגעוויזן אויפן אַמעריקאַנער

יידנטום און דער הילף פון אַמעריקע בכלל, איז ישראל געווען גענוג אומ־אָפהענגיק אין איר אויסערלעכער פּאָליטיק.

כדי דאָס צו באַווייזן וועט זיין גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פּאָזיציעס פון ישראל אין דער וועלט־פּאָליטיק:

ישראל איז געווען איינע פון די ערשטע צו אָנערקענען די רעגירונג אין פּאָלקס־כינע, און אַפילו אין יאָר 1950, בעת דער מלחמה אין קאָרייע, האָט ישראל געשטימט פאַרן אַריינגעמען פּאָלקס־כינע אין די „פאַראייניקטע נאַציעס". אין דער זעלבער צייט האָט ישראל געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע צו שטיצן דרום־קאָרייע קעגן צפון־קאָרייע צוליב דעם, ווייל זי האָט גע־האַלטן, אַז דער צפון האָט אָנגעגריפן דעם דרום, און ישראל האָט געשיקט מע־דיקאַמענטן פאַר דרום־קאָרייער פראָנט. ישראל האָט געשטימט מיטן סאָוויע־טישן בלאָק קעגן אָפּשאַפן די באַשטימונג ניט צוצולאָזן שפּאַניע צו די „פאַר־אייניקטע נאַציעס" — ווי דער גרעסטער קרבן פון פאַשיזם, האָט ישראל געמוזט שטימען קעגן צולאָזן דאָס פאַשיסטישע שפּאַניע אין די „פאַראייניקטע נאַ־ציעס".

אין זייער בוך וועגן ישראל האָבן די צוויי סאָוויעטישע שרייבער אי־וואַנאָוו און שייניס, געהאַט אַ טענה צו ישראל, הלמאי זי איז געווען די איינציקע מדינה אין נאָענטן מזרח אָנצונעמען אין יאָר 1950 די דריי־גרויסמאַכטן־גאַראַנטיע פאַר די עקזיסטירנדיקע גרענעצן אין נאָענטן מזרח. פאַר וואָס אָבער האָט ישראל ניט געדאַרפט אָננעמען אַזאַ גאַראַנטיע? די גאַראַנטיע פון די גרענעצן אין נאָענטן מזרח איז ניט קיין קאַלטער־קריג־פּאָליטיק. פאַרקערט, דאָס האָט געדאַרפט אויסשליסן דעם נאָענטן מזרח פון קאַלטן קריג. ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט צוגעשטאַנען צו אָט דער גאַראַנטיע און זי פאַרוואַנדלט אין אַ ממשותדיקער זאַך, וואָלט דער נאָענטער מזרח ניט געווען אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט און מי אויף באַוואָפענונג. אָפּגערעדט דערפון, וואָס בעת פאַר די גרענעצן פון אַנדערע לענדער האָט קיין ממשותדיקע געפאַר ניט עק־זיסטירט, איז ישראל געווען די איינציקע מדינה, וואָס אַלע אירע שכנים האָבן אָפן דעקלאַרירט אָפּצווווישן אירע גרענעצן.

איוואַנאָוו און שייניס טענהן, אַז בעת ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן מאָביליזירט אַן אַרמיי קעגן עגיפּטן, האָט ישראל געדאַרפט שטיצן עגיפּטן און זיך שטעלן אויף איר זייט; מיט דעם שריט וואָלט ישראל געקאָנט דערגרייכן אַ שלום מיט אירע אַראַבישע שכנים. אַנטאָני אידען שרייבט אין זיינע מעמואַרן, אַז ווען ניט די סועץ־קאַמפּאַניע, וואָלט מיט חדשים שפּעטער אויסגעבראָכן אַ

מלחמה אין נאָענטן מזרח, און דאָס וואָלט געווען אַן ערנסטע געפאַר פאַרן וועלט־שלום. אין אַנדערע ווערטער — די „דריטע רונדע" פון די אַראַבער איז געווען צוגעגרייט. די דריי לענדער, עגיפּטן, ירדן און סיריע, האָבן אָרגאַניזירט אַ פאַראייניקטן מיליטערישן פראָנט אונטער דער עגיפּטישער קאָנטראָל. דערביי האָבן די דריי מלוכות דערקלערט, אַז דער ציל איז אומצוברענגען די יידישע מדינה. נאָסער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז די פעדוי:נער ווערן אַ טייל פון דער אַרמיי, מיט אַ צענטער אין עזה פאַר זייערע אָפּטיילונגען. איראַק האָט מאָביליזירט איר אַרמיי ביי דער סירישער גרענעץ. וויפל נאָך האָט אַ מדינה געדאַרפט צוקוקן, אַז מען גייט מיט אַ חלף צו איר האַלדז?

און וואָס שייך דער עצה, אַז ביי נאָסערס סועץ־קאַנאַל־קאָנפליקט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט ישראל געדאַרפט זיך שטעלן אויף דער זייט פון נאָסערן, און צוזאַמען לייזן זייער אייגענעם קאָנפליקט — איז דאָס ניט מער ווי נאָך אַ מאָל די פוסטע סאָוויעטישע פראַזע, אַז דער ישראל־אַראַבישער סכסוך דאַרף געלייזט ווערן צווישן די צוויי צדדים גופא, אַן די מערב־מאַכטן אין תוך איז אַלע מאָל ווי היינט געווען די שטעלונג פון ישראל פאַר דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבער וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי און ישראל. אָבער די אַראַבער ווילן דאָך בשום אופן זיך ניט זעצן און דירעקט פאַרהאַנדלען מיט ישראל, און אפילו ניט דורך אַ פאַרמיטלער. זיי ווילן בכלל ניט פאַרהאַנדלען סיידן ישראל וועט אַליין אויסגראָבן דעם גרוב פאַר איר מלוכהשאַפט. אין אַזאַ לאַגע, איז דער שריט פון אַ דריטן צד צו צווינגען די צדדים לייזן אַלע זייערע פּראָבלעמען אויף אַ יושרדיקער באַזע — אַ פּאָליטיק פון פרידן, ניט פון קריג. דאָס ניט דערלאָזן, אַז אַ דריטער זאָל זיך אַריינמישן, מיטן היפּאָקריטישן אויסרייד, אַז די צוויי דאַרפן דאָס טאָן פון זיך אַליין, איז אַ פּאָליטיק פון קריג. וואָלט מאָסקווע אין דער אמתן געוואָלט לייזן דעם אַראַביש־יידישן קאָנפליקט, וואָלט זי געדריקט אויף די אַראַבער צו פאַרהאַנדלען מיט ישראל — אויב ניט צוזאַמענצוקומען זיך מיטן מערב אויף באַדינגונגען פאַר אַ פשרה אין נאָענטן מזרח.

דער פּאָליטישער רעזולטאַט פון ישראלס אַריינמאַרש אין סיני־געביט וויַיזט ערשט די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר דעם. די סיני־אַקציע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פעדוי:נער־פּלאָג. איז דען אָט די פּלאָג ניט געווען קיין אומרעכט קעגן ישראל, אַן אַגרעסיע־אַקט מצד עגיפּטן? האָט דען ישראל איין מאָל זיך געווענדעט צו די פאַראייניקטע נאַציעס מיט דער פאָדערונג אַז זי, די פאַראייניקטע נאַציעס, זאָלן נעמען שריט קעגן דעם? און האָט די פאַר־

איניקטע נאַציעס באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן אין אַט דעם פּרט? זי האָט גאָר ניט אויפגעטאָן. פאַרקערט, די פעדוי־נער־פלאָג האָט געהאַלטן אין ווערן גרעסער און ערגער. ערשט נאָכן קלאַפּ אין סיני איז געקומען דער כוח פון די פאַראייניקטע נאַציעס אָפּצושטעלן אַט די פּלאָג. און דאָס זעלבע איז דאָך געווען מיט ישראלס רעכט צום וועג ביי דעם אייגענעם אילת. זאָגט דען היינט ווער, אַז ישראל האָט ניט אַט דעם רעכט? ניין, אַלע אָנערקענען, אַז ישראל האָט אַט דעם רעכט. האָט עמעצער עפּעס געטאָן, ווען עגיפּטן האָט באַרויבט ישראל פון אַט דעם רעכט? קיינער האָט גאָרניט געטאָן, אויך ניט די „פאַראייניקטע נאַציעס" צו וועמען ישראל האָט זיך ניט איין מאָל געווענדט וועגן דעם. ערשט נאָך דער סיני־אַקציע איז געקומען דער כוח פון די פאַראייניקטע נאַציעס, וואָס האַלט אָפּ נאַסערן פון שטערן דעם פאַרקער פון די ישראל־שיפן אין אירע אייגענע וואַסערן.

כדי אין דער אמתן צו פאַרשטיין די סאָוויעטישע פּאָליטיק בנוגע ישראל און דעם ציוניזם, דאַרף מען אַוועקלייגן אין אַ זייט אַלע אידעאָלאָגיעס, טעאָריעס, פּרינציפּן וכדומה. מען דאַרף דאָס אַריינשטעלן אין דער ראַם פון דערווירקלעכקייט, פון די אָביעקטיווע אומשטענדן, פון פּאָליטישער פּראַגמאַטיק. עס איז אַן ענין פון פּראַקטישער פּאָליטיק, פון דעם וואָס די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד האַלטן פאַר נויטיק אָדער וויכטיק פאַר די אינטערעסן פון זייער אייגענעם לאַנד. טעאָריע איז די סאָוויעטישע פירער קיין מאָל ניט געשטאַנען אין וועג פון פּראַקטיק, אפילו ניט לעניגען. די טעאָריע האָט אַ מאָל געקענט פאַרבלענדן די אויגן, אָבער באַוווסטזיניק זיינען זיי אַלע מאָל געווען מאָטיווירט פון דער פּראַקטיק, און דערנאָך האָט מען צוגעפּאַסט די טעאָריע צו דער פּראַקטיק. ניט אומזיסט האָט מען אין ראַטן־פאַרבאַנד אַזוי פיל מאָל געדאַרפט איבערשרייבן די געשיכטע. אין דער ראַם פון דעם וואָס די סאָוויעטישע פירער האָבן געהאַלטן, און האַלטן, פאַר די פּראַקטישע אינטערעסן פון זייער מדינה, זיינען געווען צוויי גרונט־מאָטיוון, וואָס האָבן דעצידירט, און דעצידירן נאָך היינט, וועגן זייער שטעלונג צו ישראל און צום ציוניזם.

און דאָס זיינען: דער דראַנג צו ווערן אַ מאַכט, אויב ניט די הויפּטמאַכט, אין נאָענטן מזרח, און די אַנטשלאָסנקייט צו אַסימילירן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַלץ וואָס קען אויפראַיען דעם נאָענטן מזרח, אונטערגראָבן דאָרט די הערשאַפט פון די מערב־גרויסמאַכטן און עפענען אַ טיר פאַרן סאָוויעטישן איינפלוס, איז אין די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד. וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָסער פּאָלק עס שטייט דאָ אין קאָן, וואָסערע רעזולטאַטן עס וועלן זיך

באַקומען, איז ניט וויכטיק — און דאָס דאַרף ניט תמיד זיין איינס און דאָס זעלבע. יעדע זאַך, וואָס דערמאָנט דעם סאָוויעטישן ייד אין זיין פאַרגאַנגענהייט, בינדט אים צו צו זיין עבר, שאַפט ביי אים אַ געפיל פון געמיינזאַמקייט מיט אַנדערע יידן אין דער וועלט, און בפרט מיט דער אויפגעלעבטער יידישער אומה אין אַלטן היסטאָרישן לאַנד. דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד, מחמת דאָס שטערט דער אויפלייזונג פון יידישן פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַט די צוויי זיילן פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, איינער פון דער אינערלעכער דער צווייטער פון דער אויסערלעכער, דערקלערן אַלע פאַר־ווירונגען אין דער שטעלונג פון ראַטן־פאַרבאַנד צו ישראל און צו יידן בכלל.

מיט דעם ווערט פאַרשטענדלעך אַזאַ מאָדנע דערשיינונג, וואָס בעת דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַזוי פיל געטאָן ביים העלפן אויפשטעלן די מדינה ישראל, האָבן די סאָוויעטישע יידן ניט געקאָנט פייערן אָט דעם גרויסן אויפטו, ווען אומעטום, אין אַלע לענדער, האָבן די יידן געמאַכט אַ יום־טוב פון דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש. צוליב דעם באַקומט אַ זין דאָס כסדרדיקע דערציילן נאָר שלעכטס וועגן ישראל, דאָס פאַרשוואַרצן ס׳פּנים פון ישראל, דאָס אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַלערליי רכילותן. דאָס אַלץ דאַרף ניט נאָר אָפּ־שלאָגן דעם חשק צו וועלן פאָרן קיין ישראל (וואָס איז סיי ווי ניט דערלויבט) נאָר בכלל צו אידענטיפיצירן זיך מיט ישראל, צו וועלן האָבן עפּעס אַן אינער־לעכע שייכות מיט דעם. דעריבער ווערט אין דער סאָוויעטישער פּרעסע פאַר־עפנטלעכט ניט נאָר כראָניק וועגן קריזיס, היימלאָזיקייט, אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, פאַרשקלאַפונג, וכדומה, נאָר עס ווערן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן טענות און אַנטוישונגען פון יידן, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער קיין ישראל, און גאָר באַזונדערס פון יענע יידן, וואָס זיינען געקומען קיין ישראל פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. צוליב דעם באַקומט אויך אַ זין דאָס, וואָס אַזעלכע זאַכן דערשיינען אין אַזוי פיל פּראָוויג־ציעלע געגנטן, און אין די לשונות פון יענע קאַנטן — די יידן אין די באַלטישע געגנטן, אין מאָלדאַוויע, אין ווייסרוסלאַנד, אין גרוזיע און צענטראַל־אַזיע, ווי אין ביראָבידזשאַן, זיינען ווייניקער אַסימילירט, ווי די יידן אין די גרויסע שטעט פון דער רוסישער רעפּובליק.

„אַ ווייגעשריי" — דאָס איז אַ „קאַפּ" אין גרויסער שריפט אין „ביראָ־בידזשאַנער שטערן" (9טער אויגוסט 1960), און צו דעם — אַן אונטערקעפּל: „אינדישע יידן ליידן אין ישראל". נאָך אַ לאַנגער באַשרייבונג, ווי אַזוי מען האָט יענע יידן פאַרנאַרט קיין ישראל, קומט זייער געשריי אין אָט די ווערטער:

„וואָס זשע פאַר אַ צוקונפט איז דאָ פאַראַן פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינ־דער? ווי לאַנג קאָן מען דאָס אַלץ איבערטראָגן? מיר שטאַרבן פון הונגער און די רעגירונג פאַרנעמט זיך מיט בויען שיינע ווילעס און הייזער. די רעגירונג־באַאַמטע נעמען אויף בלויז יענע הינדוסן, וואָס זיינען באַצאָלטע משרתים ביי דער רעגירונג און וואָס רימען די לעבנס־באַדינגונגען אין ישראל..." די „סאָ־וויעטסקאַיאַ מאָלדאַוויאַ" (30סטן אויגוסט 1960) גיט אונטער אַ „קאַפּ" אויף פיר שפּאַלטן די ברייט: „גלויבט ניט די ידיעות וועגן ישראל־,גן־עדן'", אַ שרעקלעכע געשיכטע פון אַ יידישע פאַמיליע פון קישיניעוו. די צייטונג „טרוד", פון מאָסקווע, (17טער יולי 1960) שרייבט אונטער אַ גרויסן „קאַפּ", „ציוניסטן זוכן נייע קרבנות", ווי אַזוי מען פאַרנאַרט אומשולדיקע, אומוויסנ־דיקע יידן קיין ישראל, כדי צו עקספּלואַטירן זיי פאַר די אַמעריקאַנער אימפּע־ריאַליסטן. דער הומאָריסטישער זשורנאַל „אָגאָניאָק" (נומ. 33, 1960) דער־שיינט מיט אַ גרויסן „קאַפּ" „געוויין פון ,גן־עדן'". אין דער „סאָוויעטסקאַיאַ לאַטוויאַ" (3טער פעב. 1961), אין אַ לאַנגן אַרטיקל מיטן גרויסן טיטל „פרעמדע ערד", ווערט באַשריבן ווי אַזוי אַ לאַטווישע יידישע פאַמיליע פילט זיך שלעכט און ביטער אין ישראל. „ניין, דאָס איז ניט קיין ,גן־עדן'" הייסט די שילדערונג אין „וועטשערנאַיאַ מאָסקוואַ" (4טער יאַנ. 1961) „מיר האָבן ביטער באַצאָלט פאַר אונדזער טעות", איז אַ פיר שפּאַלטיקער טיטל אין „סאָוויעטסקאַיאַ בעלאָ־רוסיאַ" (10טער פעב. 1961) דער טעות איז, נאַטירלעך, דאָס אַוועקפאָרן קיין ישראל. „אַן אַנגעפילט לאַנד", איז שוין אַ סצענע אין אַ דראַמאַטישער פאָרעם וועגן אַ משפּחה, וואָס האָט עמיגרירט קיין חיפה — אין „ראַדיאַנסקאַ אוקראַ־ינאַ" (10טער יאַנואַר 1961). אין „זאַריאַ", אין דער אוקראַאינישער שפּראַך (24סטער יאַנואַר 1961) — „האָט רחמנות, העלפט! — די שטים פון די, וואָס זיינען געפאָרן קיין ישראל".

דאָס זיינען נאָר מוסטערן פון אַ ריזיקער צאָל אַזעלכע אַרטיקלען אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, געבענדיק בלויז אַ מיש אין די גרויסע דיקע זאַמ־לונגען פון פּאַטאָסטאַטן. פאַר וואָס זיינען זיי אַזוי פיל? און אַן אויפהער? און אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד?

ווייזט אויס, אַז ביי די סאָוויעטישע יידן עקזיסטירט אַ גרויסער חשק צו פאָרן קיין ישראל, אויב מען דאַרף אַריינשפּריצן אַזוי פיל דאַזעס קעגן דעם.

ווי אויבן באַמערקט, איז דער נאָענטער מזרח ביזן צווייטן וועלטקריג, געווען אַן עסק פאַרן קאָמאינטערן, ניט פאַרן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטע־ריום. יענע טייל וועלט האָט ניט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון דער סאָוויע־

טישער מלוכהשער רעאַל־פּאָליטיק. נאָכן צווייטן וועלטקריג איז סטאַלינס אינטערעס געווען קאָנצענטרירט אויף די לענדער ביי די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד — אויף מזרח און דרום — און ער האָט ניט געקענט טראַכטן וועגן גיין אין ווייטע און פרעמדע גערטנער. דער חלום פון אַ רעוואָלוציע אין מערב נאָכן צווייטן וועלטקריג איז אַזוי שנעל אויסגערונען ווי דער זעלבער חלום נאָכן ערשטן וועלטקריג. אויך די האָפענונג אויף אַ פרידלעכער אַלטמאָדישער וועלט־איינטיילונג, וואָס איז ביי סטאַלינען געווען כמעט אַ פיקסירטע אידעע, האָט זיך אויך ניט רעאַליזירט. (סטאַלין האָט מיט היטלערן איינגעטיילט די וועלט אין ספערן; ער האָט שיר ניט געמאַכט אַזאַ אָפּמאַך מיט טשערטשילן און געהאָפט דאָס צו דערגרייכן מיט טרומאַנען). אין אָט די אַלע שטרעבונגען איז סטאַלין געגאַנגען לויט דער אַלטער ליניע פון די צאַרן: די וואַרעמע וואַסערן צום דרום, איסטאַנבול, די דאַרדאַנעלן, אַפגאַניסטאַן, פּערסיע, צום פּערסישן גאָלף אַראָפּ, מאָנגאָליע, סינקיאַנג, סאַכאַלין, צוריקבאַקומען אַלע אַמאָליקע צאַרישע פּאָזיציעס, אפילו די ספּעציעלע פּריווילעגיעס אין מאַנדזשוריע, אין אָט דער ריכטונג איז געגאַנגען די רעאַל־פּאָליטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד.

באַלד נאָכן קריג, ווען די מלחמה־קאָאַליציע איז זיך צעפאַלן מיט אַ שריט, וואָס איז פאַר סטאַלינען געווען אַ שאָק — דער פּלוצימדיקער אָפּשטעל פון אַמעריקאַנער לענד־ליז, און באַלד נאָך דעם זיינען געקומען די ערשטע ווינטן פון קאַלטן קריג — איז סטאַלין געווען זיכער, אַז אַ דריטע וועלט־מלחמה מוז קומען, און דאָס מאָל וועט ער שטיין איינער אַליין אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט. אָט דאָס האָט מאָטיווירט זיין גאַנצע פּאָליטיק. ער האָט זיך אין גאַנצן אַריינגעוואָרפן אין אויפבויען די שוץ פאַר זיין היפש פאַרגרעסערטער מדינה און איר ספערע. (דאָס דערקלערט אויך אין אַ גרויסער מאָס די בהלה אויף רייניקונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און סטאַלינס אומצוטרוי צו זיינע אייגענע חברים, זיין זאָג, ניט לאַנג פאַר זיין טויט ווי כרושטשאָוו האָט דערציילט, „איר טויגט ניט. וואָס וועט פון אייך ווערן אַז איך וועל אַוועק?") אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט ער זיך געפירט, ווי מאָאָ טסע טונג היינט — צו שאַפן אָנגעשטרענגטקייט, דיווערסיע אין אַלע מעגלעכע ערטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אַרויסצורופן קריזיסן ווו עס לאָזט זיך, כדי אָפּצוּווענדן די כוחות פון זיינע פּאָטענציעלע שונאים, און דערמיט אָפּשטופן די צייט פון זייער אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד.

די טאַקטיק איז דעריבער געווען ניט העלפן לייזן די לאָקאַלע פּראָב־לעמען אין די ספערן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר פאַרקערט, שלעפן

זיי וואָס לענגער און שאַרפער; דאָס אונטערגראָבן דעם קאַפּיטאַליסטישן מעמד איז געווען דער עיקר, ניט דאָס אַריינדרינגען פון סאָוויעטישן כוח. דער קורס פון אַריינדרינגען אין ווייטע מקומות איז געקומען ערשט מיט כרושטשאָווס באַפעסטיקן זיך ביי דער מאַכט. און דאָס איז אויך חל געווען אויפן נאָענטן מזרח.

נאָכן צווייטן וועלטקריג האָט סטאַלין געזען אין ענגלאַנד דעם גרויסן שונא, וואָס גראָבט אַ תהום צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע, און דער־לאָזט ניט צו קיין פאַרשטענדעניש לויט סטאַלינס באַגריפן (אַ חלוקה פון דער וועלט אין צוויי ספערן) צווישן די צוויי אמתע גרויסע וועלט־מאַכטן. דעם אָנהייב פון קאַלטן קריג האָט סטאַלין געזען ווי אַ בריטישע קאָנספּי־ראַציע קעגן מאָסקווע און וואַשינגטאָן. דער נאָענטער מזרח איז דעמאָלט געוואָרן דורכויס אַ בריטישער הויף — נאָך דעם ווי ענגלאַנד האָט געהאָלפן סיריע ביים אַרויסשטופן די פראַנצויזן. בלויז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל האָט רייסנדיק זיך אַהין, געשטערט דאָרט די אַבסאָלוטע בריטישע הערשאַפט. עס איז געווען געגנג פולווער אויף אַן אויפרייס אין ארץ־ישראל. אין די אומרועון פון די יאָרן 1946—1947, ווי אויך שפּעטער, זיינען די יידן אין ארץ־ישראל געווען די קעמפער קעגן ענגלאַנד, בעת די אַראַבער האָבן גע־שטיצט ענגלאַנד קעגן די יידן. דער יידישער ישוב, די יידישע פאָדערונגען, זיינען דעריבער געווען דער רעוואָלוציאָנערער כוח קעגן בריטישן אימפּער־יאַליזם אין נאָענטן מזרח, און דעריבער זיינען די סאָוויעטישע סימפּאַטיעס געווען מיט די יידן, און ניט מיט די אַראַבער פון ארץ־ישראל, אָדער אַזוי פיל מיט די אַראַבער, אויף וויפל זיי האָבן געטריבן צו אַ באַלדיקן פולשטענדיקן ריס מיט ענגלאַנד. די באַפרייונג פון ארץ־ישראל איז אין די אויגן פון מאָסקווע געווען דער ערשטער ברוך אין בריטישן פאַנצער אויפן נאָענטן מזרח.

דעריבער טאַקע איז יעדער שריט אין דער ריכטונג פון פאַרשאַרפן דעם קאַמף אין ארץ־ישראל געווען אויף דער האַנט פון קרעמל. אין דעם האָב איך אַליין געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן אין מאָסקווע אין אָנהייב 1946. סוף 1945 בין איך געווען אין אייראָפּע און געהאַט די מעגלעכקייט צו זען מיט די אייגענע אויגן די „בריחה", דעם געלויף פון יידן פון מזרח־אייראָפּע אויף מערב, פון וואַנען זיי האָבן געוואָלט אַוועק קיין ארץ־ישראל. אין בערלין אין יידישן צענטער אויף דער פאַזאַנען־שטראַסע, איז מען אין די קאַלטע חדשים פון דעצעמבער 1945 און יאַנואַר 1946 געשלאָפן אין די קאַלטע קאָרידאָרן פון הויז. איך האָב פון בערלין טעלעגראַפירט צום „טאָג" אין ניו־יאָרק, באַשריבן די שרעקלעכע לאַגע און געפאָדערט פון „דזשאָינט"

און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס צו שיקן תיכף וואָס מער הילף און אַריבער־פירן די יידן פון דאָרט. אין מאָסקווע האָב איך דאָס שפּעטער דערציילט פאַר די מיטגלידער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. איציק פעפער איז געווען קעגן דעם, אַרגומענטירנדיק, אַז די „בריחה" איז אַ קינסטלעך געשאַפענע ציוניסטישע סיטואַציע, זי איז רעאַקציאָנער און קעגן די יידישע אינטערעסן; די יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן, דאַרפן בלייבן אין די מזרח־לענדער און דאָרט אויפבויען צוריק זייערע יידישע ישובים.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן מיר ביידע, פעפער און איך, באַזוכט סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש לאָזאָווסקי, דעמאָלט מאָלאָטאָווס געהילף פאַר די אָר־יענט־־לענדער, דירעקטאָר פון „סאָוו־אינפאָרם" בעתן קריג, און דער אויבער־משגיח איבערן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט — (ווי מען האָט גע־שמועסט — אַ געוועזענער פּועלי־ציוניסט). מיר האָבן גערעדט וועגן פאַר־שיידענע זאַכן און אַרויפקומענדיק אויף דער „בריחה", באַנייט דאָרטן דעם וויכוח וועגן דעם. פעפער איז געווען איבערראַשט צו הערן פון לאָזאָווסקי אַז ער איז מסכים מיט מיר. די „בריחה" איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, די גע־ראַטעוועטע יידן האָבן אַ רעכט צו וועלן פאָרן וווהין זיי ווילן, ער קאָן פאַר־שטיין פאַר וואָס זיי ווילן איצט, נאָך די מלחמה־איבערלעבענישן, פאָרן קיין פּאַלעסטינע, און זיי פאַרדינען די שטיצע וואָס זיי באַקומען. מיט לאָזאָווסקין וואָלט פעפער זיך ניט גענומען שפּאַרן וועגן אַן ענין וואָס איז נוגע די פּאַרטיי־ליניע. ער האָט נאָר געקוקט אויף אים מיט חידוש, און לאָזאָווסקי האָט אים אויפגעקלערט מאַרקסיסטיש, אַז פאַראַן מאָמענטן ווען אַ רעאַקציאָנערער אַקט קאָן דינען אַ פּראָגרעסיוון צוועק. דער פּשט דערפון האָט געדאַרפט זיין, אַז אַנטלויפן פון מזרח־אייראָפּע איז טאַקע רעאַקציאָנער, אָבער אין דעם פאַל, אין דער איצטיקער קאָניונקטור אין פּאַלעסטינע, קאָן דאָס דינען דעם פּראָגרעסיוון, דאָס הייסט אַנטי־בריטישן צוועק.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ווען ענגלאַנד אַליין האָט אַרויפ־געבראַכט דעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט אויפן טאָג־אָרדענונג פון די „פאַראייניקטע נאַציעס", האָט דער סאָוויעטישער פאָרטרעטער גראָמיקאָ, און דערנאָך צאַ־ראַפּקין, געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, אַרויסצונעמען פּאַלעסטינע פון דער ענגלישער הערשאַפט — צי דורך אַ פאַראייניקטער מדינה פון יידן און אַראַבער אָדער דורך צוויי באַזונדערע מדינות — און געשטאַנען שטרענג אויף דער וואָך ניט צו דערלאָזן, אַז ענגלאַנד זאָל דורך אַזאַ אָדער אַנדער דריידל בלייבן דער קאָנטראָלער פון פּאַלעסטינע. דערפון נעמט זיך דער סאָוויעטישער קאַמף

קעגן פראַטעקטאָראַט־פּלאַן פאַר פּאַלעסטינע, דאָס שטיצן ישראל בעתן אַראַ־בישן אָנפאַל נאָך דעם פּראָקלאַמירן פון דער מדינה, וועלכן מאָסקווע האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט ווי אַ שריט פון דער בריטישער סטראַטעגיע, די קעגנערשאַפט צום בערנאַדאַט־פּלאַן, קורץ — צו יעדן שריט, וואָס קאָן שטערן דעם אויפקום פון אַ פולער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, דער איינציקער ווינקל אין נאָענטן מזרח, וואָס איז אַבסאָלוט אָפּגעשניטן פון בריטישער הערשאַפט.

די וויכטיקייט פון אַן אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל פאַר דער סאָוויעטישער פּאָליטישער סטראַטעגיע איז געוואַקסן מיט דעם, וואָס דער אַראַבישער טייל פון ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ טייל פון דער מדינת ירדן, וואָס איז דעמאָלט פאַקטיש געווען אַ פּראַטעקטאָראַט פון ענגלאַנד. ישראל איז געווען דאָס איינציקע פרייע ווינקל אויפן בריטישן נאָענטן מזרח. דערפאַר האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד ניט געמאַכט קיין אויספירן דערפון, וואָס מען האָט אים ניט צוגעלאָזט צו קיין איינער פון די קאָמיסיעס פון די „פאַראייניקטע נאַציעס" אין שייכות מיט פּאַלעסטינע — צו דעם איז ער דאָך געווען באַרעכטיקט אי אַלס גרויסמאַכט בכלל, אי אַלס אַ מאַכט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסן אינטערעס ביים שאַפן די מדינה. מאָסקווע האָט ניט געוואָלט שטערן דעם פּראָצעס פון באַפעסטיקן די מדינת ישראל.

אין דער זעלבער צייט האָט מאָסקווע ניט געהאַט קיין אינטערעס איינצושטעלן שלום און אָרדענונג אין נאָענטן מזרח. פאַרקערט, זי האָט געוואָלט האַלטן דעם נאָענטן מזרח אין וואָס מער אומרו און אונטערלייגן אַ קנייטל ווו נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרשאַרפן דעם קאָנפליקט צווישן דעם נאָענטן מזרח און דער מערב־וועלט. דעריבער איז זי תמיד אַרויסגעטראָטן לטובת די אַראַבער אין זייער שטרייט קעגן די גרויס־מאַכטן. וואָס שייך דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, האָט מאָסקווע זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ, אַז דער סכסוך מוז געלייזט ווערן צווישן די צוויי צדדים גופא, ניט דורך אַ פאַרמיטלונג פון מערב. דאָס קאָן אין פּלוג אויסזען ווי דאָס זעלבע, וואָס ישראל האָט שטענדיק פאַרלאַנגט, אָבער דער מאָטיוו און דער רעזולטאַט זיינען דאָ געווען אַנדערע. באַקעמפנדיק יעדן פּרווו פון אַ דריטן צד צוזאַמענצוברענגען די צוויי צדדים, ווי אַ נייעם מין אינטערווענץ אין פּאַלעסטינע מצד די קאָלאָניאַלע מאַכטן, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד אַליין גאָר ניט געטאָן אויף זיין אופן, צו ברענגעןביידע צדדים צו איין טיש. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די סאָוויעטישע קעגנערשאַפט צו אַ פאַרמיטלונג מצד אַנדערע מאַכטן האָט נאָר

געשטערט דעם מעגלעכן צוזאַמענקום פון די צווייַ צדדים. אין דער זיכערקייט־היסטעריקע פון די פּאַטאָלאָגישע צוויי יאָר פון סטאַלינס לעבן, ווערט די סטראַטעגיע פון נאָענטן מזרח בכלל פאַרזען — אַ חוץ דעם פּראָ פאָרמאַ פּראָ־טעסט קעגן באַגדאַד־פּאַקט — און עס קומט צום איבעררייס פון די דיפּלאָ־מאַטישע באַציונגען מיט ישראל, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן.

נאָך סטאַלינס טויט ווען עס באַווייזט זיך אַ נייע אָריענטאַציע אין דער סאָוויעטישער אויסערלעכער פּאָליטיק, טרעט אויך אַריין אַן ענדערונג אין דער פּאָליטישער טאַקטיק בנוגע דעם נאָענטן מזרח.

עס איז אַוועק די איבערצייגונג אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ דריטער וועלט־מלחמה, עס איז שוואַכער געוואָרן די מורא, אַז אָט־אָט באַפאַלט דער מערב דעם ראַטן־פאַרבאַנד. עס איז שוין געווען צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אַרומקוקן ווו עס האַלט אין דער גרויסער וועלט. אין דער אינערלעכער פּאָליטיק אַנטשטייט אַ נייע ווענדונג צו לייגן מער געוויכט אויף דער פאַרברויך־אינדוסטריע — אַ צוזאַג אויף אַ לייכטער און באַקוועמער לעבן. אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט זיך באַוויזן אַ טענדענץ צו פאַר־שטענדעניש און פּשרה, מיט דער לאָזונג פון קאָעקזיסטענץ און פרידלעכער קאָנקורענץ.

פרידלעכע קאָנקורענץ האָט אייַנגעשלאָסן אין זיך אַ סך מער ווי מסחר; עס האָט אויך אַנטהאַלטן, און אָפט גאָר זיך אָנגעהויבן, מיט אַ קולטור־אויס־טויש, וואָס האָט אין דער אמתן באַטייט פּראָפּאַגאַנדע, קרעדיט און טעכנישע הילף, מיט אַ היפּשן שטאָב אַרייַנגעשיקטע טעכניקער, און איבער אַלעם — געווער מיט מיליטערישער לערע. ביי אַזאַ ענגער פאַרבינדונג איז שוין במילא געגאַנגען פּאָליטישע פריינדשאַפט צוזאַמען מיט שטיצע. אין סך־הכל האָט דאָס באַטייט: אַרייַנדרינגען אינעווייניק אין דער „געהאָלפענער״ מדינה און ווערן דאָרט אַווירקנדיקער כוח — און ניט ווי דאָס איז אַ מאָל געווען — אָנפירן די סובווערסיווע טעטיקייטן פון דער וויַיטנס.

אין דער אמתן איז מאָסקווע געווען בכוח צו געבן מער אין געווער און אין פּראָפּאַגאַנדע ווי אין מאַטעריעלער הילף. אָבער ניט געקוקט אויף דעם דוחק אין פּראָדוקטן פאַרן אייגענעם פאָלק און אויף די התחייבותן לגבי דער אייַנפלוס־ספערע, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געמוזט זיך אָנשטרענגען און געבן אויך עקאָנאָמישע הילף. און אָט די הילף איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שטייגנדיקער פּראָדוקציע אין ראַטן־פאַרבאַנד דורכן יאָרצענדליק נאָך סטאַלינס טויט. מיט ווייניקער זאָרג פאַר דער אייגענער זיכערקייט, און מיט

אַ מערב־אייראָפּע וואָס איז אויסגעשלאָסן פאַרן סאָוויעטישן אַריינדרינג — האָט מאָסקווע געהאַט די רויקייט און די באַדערפעניש אַריינצודרינגען אין די סטראַטעגישע ווינקלען פון דער גרויסער וועלט, וואָס געפינען זיך, אָדער האָבן זיך ערשט ניט לאַנג געפונען אונטער אַ פרעמדער קאַפּיטאַליסטישער קאָנטראָל.

ביי אַזאַ אָריענטאַציע האָט דער נאָענטער מזרח געמוזט פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיק אָרט אין דער פּאָליטיק. קודם איז אָט די געגנט סטראַטעגיש־געאָגראַפיש, זי ליגט ניט ווייט פון די סאָוויעטישע גרענעצן און זי געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון די גרענעץ־לענדער פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען געבונדן מיטן מערב. למשל, ווען סיריע און איראַק זאָלן אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט, וואָלט טערקיי זיך געפונען אין אַ סאָוויעטישער אַרומרינגלונג, און אויך איראַן וואָלט זיך אויך געפונען אין אַזאַ לאַגע. אָט די געגנט איז זייער רייך אין נאַפט און הגם דער ראַטן־פאַרבאַנד גופא נייטיקט זיך ניט אין קיין נאַפט, וואָלט עס געווען זייער וויכטיק פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד צו קאָנען אַנטשיידן וווהין דער נאַפט פון נאָענטן מזרח זאָל גיין. אַגב, דורכן איינפלוס פון נאָענטן מזרח אַרויס, וואָלט דער ראַטן־פאַרבאַנד געקאָנט דער־גרייכן די אַנדערע אַראַבישע אָדער איסלאַמישע לענדער אין אַפריקע. און חוץ דעם אַלעם איז גראָד געשען, אַז אין דער צייט ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט באַקומען אַן אַקטיוון אינטערעס צום נאָענטן מזרח, זיינען דאָרטן פאָרגעקומען אויפטרייסלונגען פון אַן ערנסטן פּאָליטישן און סאָציאַלן כאַראַקטער. עס איז אַנטשטאַנען, וואָס די סאָוויעטישע פירער רופן, אַ „רעוואָלוציאָנערע סיטו־אַציע". אין עגיפּטן, למשל, זיינען אין יאָר 1952 פאָרגעקומען די אַנטי־אייראָ־פּעער־אַרויסטריטן מיט דער רעוואָלוציע פון נאַגיב־נאַסער. מאָסקווע האָט גע־ווּסט ווי אויסצונוצן די אינערלעכע סיטואַציע אין עגיפּטן און איר אַריינ־דרינג אין נאָענטן מזרח איז געגאַנגען אין אַ שנעלן טעמפּאָ.

שוין אין יאָר 1954 איז דער קולטור־אויסטויש געווען אין פולן גאַנג. סאָוויעטישע דעלעגאַציעס זיינען געפאָרן אויף באַזוכן אין די אַראַבישע לענדער, מייסטנס זיינען די דעלעגאַציעס געווען אָנגעפירט פון אַ וויצע־פּרע־מיער פון אַ סאָוויעטישער מזרח־רעפּובליק, דאָס הייסט פון אַן איסלאַמיש פאָלק אין אַזיע. עגיפּטישע פילמען זיינען געוויזן געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און סאָוויעטישע — אין עגיפּטן. שאַפונגען פון אַראַבישע שרייבער אין עגיפּטן און סיריע זיינען דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, און דאָס האָט פאַרשאַפט יענע שרייבער אי כבוד, וואָס זיי האָבן פון ערגעץ אַנדערש ניט באַקומען, אי געלט. עגיפּטישע און סירישע אינטעלעקטועלע

זיינען פאַרבעטן געוואָרן צו באַזוכן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אַראַבישע סטו־דענטן פון עגיפּטן און סיריע זיינען דערמוטיקט געוואָרן צו קומען שטודירן אין מאָסקווע. צום אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל אין מאָסקווע אין יאָר 1957 זיינען שוין פון סיריע אַליין געקומען 450 יוגנטלעכע.

לויט די סאָוויעטישע קוואַלן גופא האָט דער סאָוויעטישער האַנדל מיטן נאָענטן מזרח ניט געהאַט קיין באַטייט ביז יאָר 1953. אין יאָר 1954 ווערן געשלאָסן נייע האַנדלס־אָפּמאַכן מיט עגיפּטן און לבנון, און אין יאָר 1955 — אויך מיט סיריע, חוץ אַ ספּעציעלן אָפּמאַך צווישן כינע און עגיפּטן. אויך די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס פירן אַדורך מסחר־פאַרבינדונגען מיט אַראַבישע לענ־דער. אין יאָר 1955 הייבן זיך אָן די געוועהר־צושטעלונגען פון סאָוויעטישן מזרח צו די אַראַבישע לענדער. אין די דריי יאָר 1955—1958 האָט דאָס סאָוויעטישע געוועהר, וואָס איז געוואָרן צוגעשטעלט עגיפּטן, סיריע און תימן באַטראָפן איבער 500 מיליאָן דאָלאַר. דעם שנעלן וווּקס פון האַנדל קען מען זען בלויז פון דעם ציפער, אַז אין יאָר 1953 האָט דער עגיפּטישער ביינוול־עקספּאָרט קיין ראַטן־פאַרבאַנד באַטראָפן 35 מיליאָן דאָלאַר און אין יאָר 1957 האָט שוין די סומע דערגרייכט 95 מיליאָן דאָלאַר.

אין דעצעמבער 1961 האָט די קאַירער פרעסע מודיע געווען, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן צוגעשטעלט די פאַראייניקטע אַראַבישע רעפּובליק (עגיפּטן) אונטערוואַסער־שיפן, צעשטערער און אַנדערע שיפן, וואָס וועלן פאַרוואַנדלען דעם פלאָט פון דער פאַראייניקטער אַראַ־בישער רעפּובליק אין דער שטאַרקסטער מאַכט אין מזרח פון מיטללענדישן ים. אין יולי 1962 האָט קאַיר געמאָלדן וועגן אַ נייעם דריי־יאָריקן אָפּמאַך מיטן ראַטן־פאַרבאַנד אויף אַ סומע פון 150 מיליאָן רובל (165 מיליאָן דאָלאַר). ביי דער געלעגנהייט איז געגעבן געוואָרן אַ שטיקל סך־הכל וועגן די גרויסע אויפטוען פון דער סאָוויעטישער הילף: צוועלף פאַכשולן אויסצובילדן טעכ־ניקער, דריי טעקסטיל־אונטערנעמונגען (45 טויזנט שפּינדלעך), פאַבריקן פאַר געצייג־בוי, אַלומיניום, קאַבעלן, שמעלץ־עלעקטראָדן, אייזנגיסעריי, נאַפט־גרובן־מאַשינעריע, מיט וועלכע מען האָט שוין געפונען נאַפט און אַן אַטאָמישער רעאַקטאָר — דער ערשטער אין אַפריקע.

אין תימן האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד פאַרענדיקט אין יאָר 1961 אַ האַפן אין טיפן וואַסער ביי אַהמעדי, לעבן האָדאידאַ און איינריכטונגען פאַר האַלטן נאַפט־רעזערוון. אַ יאָר נאָך דעם ווי קאַסעם האָט סטאַביליזירט זיין מאַכט אין איראַק האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך וועגן אויפ־

שטעלן צען גרויסע טעכנישע איבונג־צענטערס מיט סאָוויעטישע לערער, צוצוגרייטן 4000 איראַקער אויף פאַרשיידענע טעכנישע פאַכן, פון ראַדיאָ ביז אַגריקולטור־מאַשינעריע. דער אָפּמאַך האָט אַרומגענומען אַ סומע פון לערך 800 מיליאָן דאָלאַר. נאָך היינט, ביים נייעם איראַקישן רעזשים, וואָס קאָקעטירט מיט זיין אַנטיקאָמוניזם, געפינט זיך נאָך אָפיציעל אין איראַק אַ פערסאָנאַל פון 700 סאָוויעטישע מענטשן.

דאָס סאָוויעטישע אַריינדרינגען אין נאָענטן מזרח האָט געהאַט דעם גרויסן דערפאָלג צוליב אַ ריי סיבות. אויסער די אָרטיקע גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד זיך געפונען אין אַ גוטער לאַגע אויסצונוצן די געלעגנהייטן. פּערציק יאָר האָט רוסלאַנד ניט געהאַט געשטעלט קיין פוס אין נאָענטן מזרח. דער ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען די איינציקע גרויסמאַכט לגבי וועלכער די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן האָבן ניט געפילט קיין עוולות און אומצוטרוי. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט געהאַט קיין גרונט זיך אָפּצושרעקן פאַר די סאַמע ראַדיקאַלסטע אַראַבישע פאָדערונגען, ווי אומרעאַליסטיש זיי זאָלן ניט זיין — ווי אַמעריקע האָט יאָ געהאַט, צוליב אירע פאַרבינדונגען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך און צוליב די אייגענע אינוועסטירונגען אין די אַראַבישע לענדער. דערצו האָט מאָסקווע געהאַט אַן „אייגענעם עלעמענט" אין יענע לענדער — אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס זי האָט געקאָנט אויסנוצן ווען זי האָט געוואָלט און אַפילו אַרויסוואַרפן פאַר די הינט, אויב עס האָט זיך איר אַזוי געלוינט. און איבער אַלעם האָט פיגורירט דער ראַטן־פאַרבאַנד ווי דער גוטער מוסטער פאַר אַלע צוריקגעשטאַנענע לענדער, ווי אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואָס האָט מיט אייגענע כוחות שנעל זיך אינדוסטריאַליזירט, אויפגעבויט איר עקאָנאָמיע און געוואָרן אַ גרויסמאַכט.

ווען עס האָט געטויגט פאַר דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, האָבן די אַראַבישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען געביטן זייער ליניע און אָנשטאָט צו פירן אַ קאַמף קעגן די אייגענע פעאָדאַלע און בורזשואַזע עלעמענטן — ווי זיי האָבן געטאָן פריער — קאָנצענטרירט זיך אין גאַנצן אויף דעם קאַמף קעגן מערב־אימפּעריאַליזם און אויסגעשטרעקט די האַנט צו די פעאָדאַלן און דער בורזשואַזיע ווי חברים אין זעלבן קאַמף פאַרן זעלבן צוועק. דאָס האָט במילא געעפנט די טיר פאַר דער איינציקער גרויסמאַכט, וואָס איז ניט אימפּעריאַליסטיש. בעת קאַסעם איז געקומען צו דער מאַכט אין איראַק, האָט די איראַקישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אים צוגעשיקט אַ בריוו און אָנגעבאָטן אים איר

אומבאַגרענעצטע מיטאַרבעט. „מיר זיינען די שטאַרקסטע גרופּע — איז געווען געשריבן אין בריוו — און די, וואָס קאָן צום בעסטן מאָביליזירן די ברייטסטע כוחות צו באַשיצן די רעפּובליק. דאָס קאָן קיינער ניט לייקענען אָדער זיך אָפּזאָגן דאָס צו אָנערקענען". דורך דער קאָמוניסטישער מיטאַרבעט מיט קאַסעמען איז דעם ראַטן־פאַרבאַנד געלונגען אַריינצודרינגען אין איראַק טיפער, ברייטער און שנעלער, ווי אין אַן אַנדער אַראַביש לאַנד. אָבער ווען עס איז געקומען אַ רעזשים, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצוראַמען די קאָמוניסטן פון עפנטלעכן לעבן, האָט דאָס ניט געשטערט דעם ראַטן־פאַרבאַנד צו זיין פון די ערשטע צו אָנערקענען דעם נייעם רעזשים.

ווי ביי דער פריערדיקער פריינדשאַפט צו ישראל, אַזוי אויך איצט ביי דער פריינדשאַפט מיט די אַראַבער, האָט ניט דער ראַטן־פאַרבאַנד קיין אינטערעס צו ברענגען אָרדענונג אין נאָענטן מזרח, צו שאַפן סטאַביליקייט, שלום און אייניקייט צווישן די אַראַבישע פעלקער, אָפּגערעדט צווישן ישראל און די אַראַבער. דאָס וואָלט דעם ראַטן־פאַרבאַנד ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען ניט געלוינט. אַן איינגעשטעלטער, באַרויקטער נאָענטער מזרח וואָלט אָנגעהאַלטן אַ זעלבשטענדיקע נייטראַליטעט אין קאַלטן קריג, און אפשר זיך אַריבערגעוויגן צום מערב — צוליב זיין עקאָנאָמישער געוויכט. דער ראַטן־פאַרבאַנד איז דעריבער פון איין זייט, עקאָנאָמיש, אַ בויענדיקער כוח, און פון דער צווייטער — פּאָליטיש, אַ צעשטערנדיקער כוח, וואָס דער־לאָזט ניט די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען צו ברענגען זייער פרוכט. (דער וואָפן־געיעג, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט לייכט געקאָנט אָפּשטעלן אין אַ פאַר־שטענדיקונג מיטן מערב, עסט אויף אַלדאָס גוטס, וואָס די עקאָנאָמישע הילף קאָן ברענגען). קורץ, פונקט ווי די פריערדיקע אָריענטאַציע אויף ישראל איז ניט געקומען פון אַן אינערלעכער פריינדשאַפט צו ישראל, נאָר דירעקט דורך די סאָוויעטישע אינטערעסן פון יענער צייט, אַזוי איז די איצטיקע אָריענטאַציע אויף די אַראַבער ניט געקומען פון אינערלעכער פריינדשאַפט צו די אַראַבער, נאָר צוליב די היינטיקע סאָוויעטישע אינטערעסן אין אָט דעם טייל וועלט. ביידע זיינען זיי שריט אין דער סטראַטעגיע פון דער סאָוויעטישער אויסער־לעכער פּאָליטיק.

די סאָוויעטישע אַנטי־ישראל־פּאָליטיק פון לעצטן פעריאָד ווערט דע־ריבער פונקט אַזוי פאַרשטענדלעך, ווי די פּראָ־ישראל־פּאָליטיק פון ערשטן פעריאָד. און מען קאָן דערוואַרטן, אַז מאָסקווע זאָל אין דעם פּרט גיין אַזוי וויט, ווי זי האָלט פאַר נייטיק אין איר שפּיל מיט די אַראַבער קעגן די פאַ־

זיציעס פון מערב אין נאָענטן מזרח. אין גאַנצן פאַרברענען די בריקן צו ישראל וויל ניט מאָסקווע. דאָס לוינט איר ניט צוליב דער סטראַטעגישער פּאָזיציע פון ישראל גופא, און אויך צוליבן האָבן אַ פרייערע האַנט מיט די אַראַבער. ווי אַ סאָרט הינטערטיר זיך צוריקצוציען אויב די אַראַבער וועלן זי נעמען אויפן זיכער. אין פעברואַר 1959 האָט די „איזוועסטיאַ" אָפן געשריבן, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג וועט ניט פאַרטרייבן אירע אַראַבישע פריינד צוליבן דערלויבן סאָוויעטישע יידן עמיגרירן קיין ישראל. צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, צווישן עלעמענטאַרער מענטשלעכקייט און אַראַבישע פריינד, וועט די סאָוויעטישע רעגירונג גיין מיט די אַראַבישע פריינד. אין יאָר 1960 בעת בן־גוריון האָט זיך געזען מיט אייזענהאַוערן אין וואַשינגטאָן, מיט מעקמילען אין לאָנדאָן, מיט דע גאָלן אין פראַנקרייך, און געוואָלט זיך אויך טרעפן מיט כרושטשאָוון, האָט מאָסקווע געהאַט אַ תירוץ, אַז עס איז איצט ניט די צייט פאַר דעם, ווייל די „דעקלאַראַציעס פון עפנטלעכע פערזאָנען פון ישראל און אַפילו רעגירונג־מיניסטאָרן זיינען ניט גינסטיק פאַר העלפן דעם שלום". אָבער גלייכצייטיק האָט דער אָפּזאָג צוגעגעבן, אַז די סאָוויעטישע פּאָליטיק וועט ווייטער זיך שטיצן אויף דער באַזע פון אַ פאַרלאַנג צו פרידלעכע און גוטע באַציונגען מיט אַלע מדינות אין נאָענטן און מיטעלן מזרח, אָן דיסקרימינאַציע".

ווייטער זיך שטיצן אויף דער זעלבער באַזע, הייסט דווקא יאָ מיט דיסקרימינאַציע קעגן ישראל. אָבער בלויז דאָס זאָגן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד זוכט שלום און גוטע באַציונגען מיט ישראל פונקט ווי מיט די אַנדערע לענדער אין נאָענטן מזרח, איז אויך ניט אין גאַנצן אָן אַ באַטייט. ווי די לאַגע זאָל ניט זיין, די פרידלעכע קאָנקורענץ פון דעם ליבעראַלן נאָך־סטאַלין רעזשים האָט קיין פרידן אין נאָענטן מזרח ניט געבראַכט.

אין לעצטן סך־הכל

אין לעצטן סך־הכל ווילט זיך פאַרענדיקן מיט אַן אָפּטימיסטיש וואָרט. פאַראַן אַנטוישונג און פאַרדרוס לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד בכלל, און בפרט לגבי זיין באַציונג צו די סאָוויעטישע יידן און צו ישראל. אָבער עס איז אויך פאַראַן האָפענונג אויף אַן ענדערונג צום בעסערן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דינאַמישער, ניט קיין סטאַטישער געזעלשאַפט. פאַר אונדזערע אויגן קומען פאָר גרויסע ענדערונגען אין סאָוויעטישן לעבן — פון קאַרדינאַלע ווענ־דונגען אין דער וועלט־פּאָליטיק ביז דער פאַרוואַלטונג אין קאָלכאָז. אָט די ענדערונגען קאָנען גיין צום גוטן, ווי די גרויסע פרייע וועלט האָפט, און זיי קאָנען זיך פאַרקירעווען צום ערגערן. און דאָס איז אויך גילטיק אין דער באַציונג צום סאָוויעטישן יידנטום און צו דער יידישער מדינת ישראל. אָבער עס איז דאָ האָפענונג, און דער עיקר — צייט. עס איז נאָך פאַראַן צייט צו ראַטעווען דאָס סאָוויעטישע יידנטום פון נאַציאָנאַלן אומקום. דער חולה ליגט פאַרגליווערט אין אַ פּאַראַליזש, אָבער זיין האַרץ קלאַפּט גוט, דער מוח אַרבעט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און עס איז דאָ אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן.

איציק פעפערס ליד „איך בין אַ ייד״ („איך וועל נאָך אויפן שונאס קבר טאַנצן — איך בין אַ ייד!״), וואָס האָט אַזוי טיף אויסגעדריקט דאָס יידישע ווידערשטאַנד־געפיל אין דער סכנה פון פיזישן אומקום דורך די נאַציס אין צווייטן וועלטקריג, דריקט היינט אויס דאָס געפיל פון ווידערשטאַנד ביי די סאָוויעטישע יידן אין דער סכנה פון נאַציאָנאַלן אומקום.

עס איז דעריבער נייטיק, אַז די יידן איבער גאָר דער וועלט זאָלן קענען די באַדינגונגען און באַגרייפן די לאַגע פון סאָוויעטישן יידנטום. און עס איז אויך נייטיק, אַז די סאָוויעטישע מאַכט און די סאָוויעטישע יידן גופא זאָלן וויסן, אַז דאָס וועלט־יידנטום ווייסט, וואָס עס קומט מיט זיי פאָר. מיר, יידן פון דער וועלט, וועלן זיך קיין מאָל ניט אָפּזאָגן פון סאָוויעטישן יידנטום ווי אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער איינהייטלעך פאָלק איבער דער וועלט. מיר וועלן קעמפן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי מיר קעמפן פאַר גלייכע רעכט פאַר יידן אומעטום. און אַז די סאָוויעטישע

יידן וועלן וויסן וועגן דעם, ווען דאָס אַליין, ווי די עצם עקזיסטענץ פון דער מדינת ישראל, זיי שטאַרקן מאָראַליש ביז זייער טאָג וועט קומען.

עס מוז זיין אַ רעאַליסטישער צוגאַנג צום אַלגעמיינעם סאָוויעטישן פּראָבלעם. דאָס וואָס די וועלט, און אין דעם אויך אַ גרויסער טייל פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג, האָט דערוואַרט פון אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט, איז ניט מקוים געוואָרן. געוויס איז דאָרט ניטאָ די אינדיווידועלע פרייהייט און סאָציאַלע גלייכהייט, וואָס סאָציאַליסטן האָבן פאָרויסגעזען אין אַ סאָציאַליסטישן לאַנד. און אַוודאי איז די אויסערלעכע גרויסמאַכט־פּאָליטיק, מיט דער קאָנטראָל איבער פרעמדע לענדער, ניט אין גייסט פון סאָציאַליזם — ווי זיינע סימפּאַטיקער האָבן דאָס זיך פאָרגעשטעלט. וועלכע סיבות זאָלן דאָ ניט זיין, האָבן מיר היינט אין ראַטן־פאַרבאַנד אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַלן רעזשים, מיט אַ געוויסן מלוכה־סיסטעם, וואָס פאַרמאָגט איר אייגענע ספּעציפיק פון מעלות און חסרונות. מיר אין אויסלאַנד קאָנען זאָגן: אַ דאַנק גאָט וואָס דאָס איז ניט ביי אונדז; אָבער בלויז פאַר דער באַפעלקערונג פון ראַטן־פאַר־באַנד גופא בלייבט צו באַשטימען ווי גוט דאָס איז פאַר זיי, אָדער ווי שלעכט, צי זאָל דאָס געענדערט ווערן, און אויב יאָ — ווי אַזוי דאָס זאָל געענדערט ווערן. מיר אין אויסלאַנד קאָנען האָבן אונדזער מיינונג וועגן דעם, אָבער עס איז ניט אונדזער עסק זיך צו מישן אין דעם.

מיר אין אויסלאַנד נעמען דעם ראַטן־פאַרבאַנד ניט ווי ער דאַרף זיין לויט אונדזער מיינונג, נאָר ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט. אונדזער צוגאַנג צו דעם איז ווי צו אַ פאַקט פון דער וועלט־ווירקלעכקייט פון אונדזער צייט. מיר מוזן לעבן צוזאַמען אויף איין פּלאַנעט; איינער דעם צווייטן קאָנען מיר פון דעם ערד־פּלאַנעט ניט אַרויסוואַרפן. אָדער מיר וועלן לעבן צוזאַמען, אָדער עס וועט בכלל קיין לעבן אויפן פּלאַנעט ניט זיין. איז וווּ מיר קאָנען איינשטימען צוזאַמען, שטימען מיר איין; וווּ מיר קאָנען פרידלעך קאָנקורירן, קאָנקורירן מיר; וווּ עס עקזיסטירט אַ קאָנפליקט, שטרייטן מיר — אָבער אַלץ אויסער די ראַמען פון אַ קריג.

דער שרייבער פון אָט די שורות איז אין משך פון די אַלע יאָרן, זינט ווינסטאָן טשערטשילס רעדע אין פולטאָן, מיזורי, אין יאָר 1946, געווען, ווי ער איז היינט, אַ קעגנער פון קאַלטן קריג און אַן אָנהענגער פון שטענדיקע באַמיונגען פאַר פאַרשטענדעניש און מיטאַרבעט צווישן אַמעריקע און ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער ער האָט אויך אַלע מאָל באַגריפן, אַז דער קאַלטער קריג ווערט

געבלאָזן פֿוןביידע צדדים, און אַז פֿאַרשטענדעניש און מיטאַרבעט מוז קומען פֿון ביידן צוגלייך.

צוליב אַ ריי פֿאַרשיידענע סיבות, אין וועלכע איך דאַרף דאָ ניט אַריינגיין, מחמת זיי ליגן אויסער די ראַמען פֿון דעם דאָזיקן בוך, זעט עס אויס איצט, ביים אָנהייב 1965, אַז די באַציונגען צווישן מזרח און מערב גייען צום בעסערן, ניט צום ערגערן, און די ריכטונג פֿון דער וועלט איז דעריבער גיכער צום שלום ווי צו מלחמה. און דאָס איז אונדז, יידן איבער דער וועלט, זייער נאָענט צום האַרצן. קיין פֿאָלק האָט נאָך אַזוי פֿיל ניט געליטן פֿון מלחמות, קיין פֿאָלק האָט ניט פֿאַרלוירן אַזאַ גרויסן חלק פֿון זיין באַפֿעלקערונג אין לעצטן קריג, ווי דאָס יידישע פֿאָלק; קיין פֿאָלק האָט נאָך אַזוי ניט פֿאַרבונדן זיין לעבן און נשמה מיט שלום, אַזוי צונויפֿגעוועבט זיינע אידעאַלן, זיינע חלומות און האָפֿענונגען, מיטן שלום איבער דער וועלט, ווי דאָס יידישע פֿאָלק.

זאָל קיינער ניט זאָגן, אַז מיטן פֿאָדערן די נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר די יידן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז וועמער אויסן צו שטערן דעם גאַנג צום שלום, אָדער אַז אים גייט ניט אָן דער שלום. פֿאַרקערט, דער שלום פֿון דער וועלט פֿאָדערט ערשט, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן די אומרעכט קעגן די יידן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי די אומרעכט צו אַנדערע פֿעלקער אומעטום. אַ שלום, וואָס איז געבויט אויף אומרעכט, וואָס דערלאָזט אומרעכט, קאָן קיין קיום ניט האָבן.

אויך צום קאָמפּלעקס יידן — ראַטן־פֿאַרבאַנד דאַרף מען האָבן אַ רעאַליסטישן צוגאַנג.

אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען פֿון דעם בוך זיינען געווען געשילדערט די יידישע דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען אין די ערשטע פּאַר צענדליק יאָר פֿון סאָוויעטישן רעזשים, דער שפּעטערדיקער צוריקפֿאַל, און דער טראַגישער סוף, פֿון וועלכן עס איז נאָך אַלץ צו קיין תקומה ניט געקומען, די גרויסע קריוודעס און די ערנסטע טענות, וואָס די סאָוויעטישע יידן, ווי יידן, האָבן צו זייער הערשנדיקן רעזשים. דאָ דאַרף נאָר צוגעגעבן ווערן אַן אַריינבליק אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פֿון דער יידישער דערפֿאַרונג ביים סאָוויעטישן סיסטעם.

גענומען אין דער פֿולער פּערספּעקטיוו דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים האָט איבערגענומען פֿון דער צאַרישער הערשאַפֿט, צוזאַמען מיט דער גרויסער יידישער באַפֿעלקערונג, אויך אַ גרויסן יידישן פּראָבלעם. און אָט דאָס פּראָבלעם האָט דער סאָוויעטישער רעזשים ניט געלייזט.

דער פּראָבלעם איז באַשטאַנען פון אַט די גרונט־עלעמענטן:

1. יידן זיינען באַטראַכט געוואָרן פון דער רוסישער מאַכט פאַר פרעמ־דע, אַפילו אין די געגנטן, ווו זיי האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן פריער איידער אַ רוסישער פוס איז דאָרטן אַריינגעטראָטן; און פאַר פרעמדע זיינען זיי באַטראַכט געוואָרן אויך פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג, מיט וועלכער זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אַ טויזנט יאָר און מער. ווי פרעמדע, און די איינציקע פרעמדע, זיינען די יידן געשטעלט געוואָרן אין אַן אויסנאַם־לאַגע, אויסגעטיילט פון די אַנדערע, און אויסגעזעצט צו פאַרשיידענע באַגרענעצונגען.

2. דערפון איז אַנטשטאַנען אַ סאָציאַלער פאַרכישופטער קרייז: צולים דעם וואָס מען האָט דעם ייד אויסגעטיילט ווי אַ פרעמדן און געשטעלט אין אַן אויסנאַם־לאַגע, האָט דער אויסגעשלאָסענער ייד זיך געהאַלטן אָפּ־געזונדערט פון די אַנדערע; און אַט דאָס האַלטן זיך באַזונדער האָט באַשטע־טיקט דעם יידס פרעמדקייט אין די אויגן פון זיינע אויסשליסער, און באַרעכ־טיקט די באַגרענעצונגען קעגן אים. אַזוי איז דאָס געווען אויפן עקאָנאָמישן געביט ווי אויפן סאָציאַלן. צוליב דער אויסנאַם־לאַגע און די באַגרענעצונגען האָט דער ייד זיך געמוזט קאָנצענטרירן אין יענעווירטשאַפטלעכע געביטן, וואָס זיינען יאָ געווען אָפן פאַר אים; און די קאָנצענטרירונג פון יידן אין געוויסע ווירטשאַפטלעכע געביטן האָט באַרעכטיקט די באַגרענעצונגען פון די יידן אין אַנדערע געביטן, ווי אַ מיטל, אַז זיי זאָלן זיך דאָרט אויך ניט קאָנצענטרירן.

3. ווי אַ פרעמדער, אַן אויסגעשלאָסענער, אַנזעעוודיק מיט זיין סאָציאַ־לער אייגנאַרט און עקאָנאָמישער ספּעציפיק, איז דער ייד געווען דער פּאַקטישער און פּאַסיקער שעיר לעזאזל ביי אַלע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און עקאָנאָמישע קריזיסן. דער ניט־ייד האָט פּראָזשעקטירט אויף דעם ייד די אייגענע אומצוטרוי און אומפריינדלעכקייט. אויפן ייד, ווי אַ פרעמדער אונטער אַ פאַרדאַכט, איז לייכט געפאַלן אַבי וועלכע שולד, בעיקר ביי די צוריקגעשטאַנענע מאַסן, וואָס האָבן געדאַרפט אַ שנעלן קאָנקרעטן קרבן, אויף וועמען אויסצוגיסן זייער ביטער האַרץ. דעריבער איז דער ייד אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ בליץ־אַפּלייטער אָפּצווענדן דעם צאָרן פון פאָלק — פון דעם הערשער אָדער די שיכטן, קעגן וועמען עס איז געווען באמת געמיינט.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע פּראָבלעם, וואָס דער באָלשעוויסטי־שער רעזשים האָט איבערגענומען פון צאַרישן רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג. ביי דער צאַרישער הערשאַפט האָבן די יידן־רדיפות זיך אָנגעהויבן מיט דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", די באַגרענעצונג פון יידן

צו וווינען נאָר אויף די טעריטאָריעס, וווּ זיי האָבן געלעבט פריער איידער יענע טעריטאָריעס זיינען אַרונטער אונטערן צאַרישן רעזשים, און אויך ניט אין אַלע טיילן פון זיי, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט „אויסער יידן" ביי אַלע טויערן פון סאָציאַלן פאָרשריט און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, מיט פּאָגראָמען אין יעדן אומרו:קן מאָמענט אין לאַנד, און מיט דער גרויסער „הומאַנער" לייזונג פון יידן־פּראָבלעם, וואָס דער הויפּט פון סינאָד פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, פּאָביעדאָנאָסצעוו, האָט פאָרגעלייגט: איין דריטל אויסוואַנדערן, איין דריטל אויסשמדן, איין דריטל אומברענגען...

די באַלשעוויסטישע פירער האָבן דאַן ניט געלייקנט, אַז עס איז פאַראַן אַ יידיש פּראָבלעם, זיי האָבן נאָר געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קיין אויסשליסלעך יידיש פּראָבלעם, נאָר אַ קאַפּיטאַליסטיש פּראָבלעם בנוגע יידן, מיטן אָפּשאַפן פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד וועט במילא אָפּגעווישט ווערן דאָס פּראָבלעם בנוגע יידן. לויט לענינס צוגאַנג זיינען ביים סאָציאַליזם ניטאָ קיין אייגענע און פרעמדע, קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, ניט צווישן יחידים און ניט צווישן פעלקער, ניטאָ קיין פּריווילעגירטע גרויסע פעלקער און קיין אומפּריווילעגירטע קליינע פעלקער. יידן וועלן זיין אַבסאָלוט גלייך מיט אַלע אַנדערע, הן ווי יחידים, הן ווי אַ פאָלק. אין אינדיווידועלן אופן וועט דער יידישער אַרבעטער (קיין אַנדער מענטש, אויסער אַרבעטער, איז ביי לענינען בכלל ניט געקומען אין באַטראַכט) ניט פילן קיין שום אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. אויפן סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטור־געביט ווערן בכלל אָפּגעווישט אַלע גרענעצן צווישן מענטשן ביים סאָציאַליזם. די יידישע נאַציאָנאַליטעט וועט האָבן די זעלבע רעכט, די זעלבע מעגלעכקייטן פאַר אויסדרוק און אַנטוויקלונג, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — ניטאָ דאָך קיין מיוחסים אָדער פּריווילעגירטע צווישן פעלקער, גרויס צי קליין, אין אַ סאָציאַליסטישן רעזשים. טאָ ווי קאָן זיין די רייד פון אַ יידיש פּראָבלעם ביי אַזעלכע באַדינגונגען?

אַ רעאַליסטישער צוגאַנג צום קאָמפּלעקס יידן — ראַטן־פאַרבאַנד, מוז אַנערקענען, אַז אין אַ באַשטימטער צייט, אין משך פון יאָרן, האָבן פירנדיקע מענטשן אין דער הערשענדיקער אָליגאַרכיע פון ראַטן־פאַרבאַנד געמאַכט אַן ערנסטן פּרווו צו שאַפן אָט די באַדינגונגען, וואָס ביי זיי וואָלט ניט געקאָנט עקזיסטירן קיין יידיש פּראָבלעם. דאָס איז באַשטאַנען ניט בלויז אין אָפּשאַפן אַלע פריערדיקע באַגרענעצונגען קעגן יידן — דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן פריער דורך דער מאַרץ־רעוואָלוציע פון לוואָוו און קערענסקי. דאָס איז אויך

באַשטאַנען אין דער פּראַקטישער, קאָנקרעטער דורכפירונג דערפון אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ביים באַקומען אַרבעט אין פאַבריק צי אין קאָלכאָז, ביים באַקומען אַן אַמט, אין דער מלוכה צי אין דער פּאַרטיי, ווי גרויס צי קליין, ווי וויכטיק צי אומוויכטיק, האָט מען אַבסאָלוט ניט געקוקט אויף דעם אָפּשטאַם פון מענטשן; דאָס גליכן ביים אַריינטריט אין אוניווערסיטעט אַלס סטודענט אָדער פּראָפעסאָר. די נאַציאָנאַליטעט איז ניט געקומען אין באַטראַכט אפילו ניט צוליב נייגער.

אין יאָר 1934 איז מיר אויסגעקומען צו האָבן אַ שמועס אין מאָסקווע מיט דעם לייטער פון דער פּלאַניר־קאָמיסיע פאַר דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאָט, ווי זי איבערצובויען, וועלכע געגנטן זאָלן באַשטימט ווערן פאַר אינ־דוסטריע, ווו זאָלן אויפגעשטעלט ווערן די קולטור־אינסטיטוציעס, וכדומה. דער נאָמען פון לייטער פון דער פּלאַניר־קאָמיסיע האָט מיר גאָר ניט געזאָגט וועגן זיין אָפּשטאַם, נאָר אויסגעזען האָט ער ווי אַ ייד, אָבער ער האָט אויך געקאָנט זיין אַ גרוזין. מיר איז געווען אומאָנגענעם אים צו פרעגן צי ער איז אַ ייד, האָב איך ביים אַרויסגיין געפרעגט זיין סעקרעטאַרין צי ער איז אַ ייד צי ניט. איז איר ענטפער געווען, אַז זי ווייס ניט, נאָר אויב איך וויל דאָס וויסן, קאָן זי אַריינגיין אים פרעגן. —

דאָס גלייכן קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער דעמאָלטדיקער סאָוויעטישער שטעלונג צו די נאַציאָנאַלע קולטור־באַדערפענישן פון די יידן — פון סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער, פאַרשטענדלעך.

אין דער בליצייט פון דער סאָוויעטישער יידישער קולטור — די צייט פון יידישע שולן און אַקאַדעמיעס, יידישע פּרעסע און פאַרלאַגן, יידיש טעאַטער, יידישע אויטאָנאָמע קרייזן — האָבן די סאָוויעטישע יידן ניט געדאַרפט קעמפן פאַר אָט די זאַכן, און אפילו ניט אויסבעטן זיי, שוין אָפּגערעדט פון אויסלענדישן דרוק. די יידן האָבן דאָס באַקומען פון דער מאַכט ווי אַ נאַטירלעכע, פאַר־שטענדלעכע זאַך, ווי עפּעס וואָס עס קומט זיי, און זיי דאַרפן נאָר זיך ווענדן, כדי דאָס אָפּצונעמען; און אָפט מאָל האָט גאָר די לאָקאַלע מאַכט דערמאָנט די יידן זיך צו ווענדן נאָך דעם. ניט קיין יידן זיינען דאָס געווען, וואָס האָבן געהאַט אַ טענה צו יידישע קאָלווירטן אין דרום הלמאי זיי פירן ניט זייער בוכהאַלטעריע אין יידיש, נאָר גאָר ניט־יידן, ניט־יידישע אָרגאַנען, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף געזעץ און אָרדענונג.

ווי פאַרשיידן עס זיינען ניט געווען די מאָטיוון פאַרן באַשטימען ביראָ־בידזשאַן אַלס יידישע אויטאָנאָמע געגנט, איז דאָך דער עצם געדאַנק פון זוכן

אַ טעריטאָריע פאַר יידן געקומען פון געפיל אויסצוגלייכן פולשטענדיק די יידן מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ביי אַזאַ מלוכישער פּאָליטיק, ביי אַזעלכע ווענדונגען און געלעגנהייטן, האָט דאָך היינט, דרייסיק יאָר שפּעטער, ניט געדאַרפט זיין קיין סימן פון אַ יידיש פּראָבלעם אין די גרונט־עלעמענטן פון דעם, ווי אויבן אָנגעגעבן. אָבער ווו האַלטן מיר אין דער אמתן?

נאָך דעם וואָס עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, קאָן דאָך ניט זיין קיין פראַגע צי עס איז פאַראַן אַ יידיש פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָ קאָן נאָר זיין די רייד וועגן כאַראַקטער פון סאָוויעטישן יידישן פּראָבלעם, און צי מען קאָן געפינען אַ תרופה דערצו ביים סאָוויעטישן רעזשים.

אַ רעאַליסטישער צוגאַנג צום קאָמפּלעקס יידן — ראַטן־פאַרבאַנד מוז אָנערקענען דיווירקלעכקייט, אַז מען קאָן ניט פאַרגלייכן די לאַגע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד היינט מיט דער יידישער לאַגע אַ מאָל ביים צאַרישן רעזשים. אָבער דאָס קאָן ניט נעגירן דעם פאַקט, אַז דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט, אָדער מינימיזירן די ערנסטקייט פון דעם. ניט בלויז די לאַגע פון די יידן האָט זיך געבעסערט אין רוסלאַנד במשך דעם קאַרגן האַלבן יאָרהונדערט, נאָר אויך די לאַגע פון אַנדערע פעלקער און פון אַלגעמיינע ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט, אפילו אין אַפריקע, לעבט זיך היינט אַ סך בעסער ווי מיט 50 יאָר צוריק. רעאַליסטיש קאָן אַ לאַגע אָפּגעשאַצט ווערן נאָר רעלאַטיוו, אין ראַם פון סביבה און צייט. דער טשוואָק איז דאָ ניט צי די יידן אין היינטיקן ראַטן־פאַרבאַנד לעבן בעסער ווי די יידן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, נאָר צי די יידן געניסן היינט פון די זעלבע רעכט — אין דער פּראַקטיק, ניט אויפן פּאַפּיר — און באַניצן די זעלבע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן, ווי די אַנדערע טיילן פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען ענדערן דאָס פּנים אין גאַנג פון דער צייט, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז זיי הערן אויף צו עקזיסטירן. לאָמיר נעמען, למשל, די עקספּלואַטאַציע ביים קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. די עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער אין אַמעריקע היינט, מיט אַ דורכשניט פאַר אַלע אינדוסטריעס פון קאַרגע 100 דאָלאַר אַ וואָך פאַר קאַרגע 40 שעה אַ וואָך אַרבעט — איז אַ גאַנץ אַנדערע עקספּלואַטאַציע ווי די פון סוועט־שאַפּ מיט 50 יאָר צוריק, ווען דער לוין איז געווען אונטער 10 דאָלאַר אַ וואָך,

און פּאָר אַ 50 שעהדיקער אַרבעטס־וואָך האָט מען געדאַרפט פירן לאַנגע שטרייקן. אָבער די סאָוויעטישע פירער וועלן געוויס ניט זאָגן, אַז קיין עקס־פּלואַטאַציע עקזיסטירט מער ניט אין אַמעריקע. פאַרקערט, זיי וועלן מאַכן אַ חשבון, אַז לויט דער פּראָדוקטיוויטעט און סכום פון מערווערט איז גאָר דער לוין היינט אַ קלענערער פּראָצענט פון דעם רעאַלן פאַרדינסט פון אַרבעטער — ווי דאָס איז געווען אַ מאָל.

מוז דאָ, צום באַדויערן, געזאָגט ווערן, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד באַשטייט היינט פון די זעלבע גרונט־עלעמענטן, וואָס ער האָט דאָרטן געטראָגן פריער. ביי ניט־יידן איז פאַראַן דאָס געפיל, אַז יידן זיינען ניט קיין „אייגענער״ עלעמענט, און די יידן האָבן דאָס געפיל, אַז אַזוי טאַקע פילן די אַנדערע צו זיי. דעריבער הערט מען אַזוי אָפט אין געשפּרעכן אין ראַטן־פאַרבאַנד די אויסדרוקן „מיר״ און „זיי״ ווען ניט־יידן ריידן וועגן יידן און ווען יידן ריידן וועגן ניט־יידן. אין אַמעריקע וואָלט אַזאַ אויסדרוק אַנגעווענדט געוואָרן אויף אַן אינדיווידועלער באַזע, מען וואָלט אַזוי גערעדט וועגן אַ יחיד, וואָס איז אַ ייד צי אַ ניט־ייד, אָבער ניט וועגן כלל. אין אַמעריקע וועט אַ ייד זאָגן אויף וועמען אַנדערש, מיינענדיק צו זאָגן, אַז יענער איז אויך אַ ייד — אַז יענער איז אַ „ייד״, אַ „יהודי״; אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט דער אויסדרוק געווען „אַן אונדזעריקער״, „איז נאַשיך״. אין אַ קריטישער צייט, אָדער אין אַ סיטואַציע פון קאָנפליקט, וואַרפט מען דעם ייד פאָר זיין „פרעמדקייט״, זיין ניט־אייגנקייט. אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלין־רעזשים האָט מען דאָס אָנגערופן „קאָסמאָפּאָליטיזם״; און מען קאָן דאָס ניט צושרייבן אין גאַנצן צו דער סטאַלין־משוגעת. ווי פּאַלמיראָ טאָליאַטי האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין לעצטן מעמאָראַנדום פאַרן טויט, דאַרף מען די סיבות פון די סטאַלין־פאַרברעכנס זוכן ניט נאָר אין סטאַלינס פּערזענלעך, נאָר אין די סאָציאַלע אומשטענדן, וואָס האָבן דאָס מעגלעך געמאַכט. צען יאָר נאָך סטאַלינס טויט, שוין ביים ליבעראַלן כרושטשאָוו־רעזשים, איז בעת דער פּאָלעמיק אַרום יעווטושענקאָס „באַבי יאַר״, ווידער אַרויפגעשווומען דער אַלטער טערמין „קאָסמאָפּאָליטיזם״.

ווי אַ ניט־קיין־אייגענער, אַן אַנדערשדיקער פון אַלע, איז דער ייד נאָך אַלץ ניט אין גאַנצן באַגלייבט, איז יידישקייט אַ שאָטן פון פאַרדאַכט. און ווידער גילט דאָס אי פאַר די לעצטע סטאַלינישע יאָרן, אי פאַר דער צייט פון אַ טוץ יאָרן נאָך סטאַלינס טויט. ווי אויבן געזאָגט, האָט דאָך כרושטשאָוו אַליין דער־ציילט, אַז ער האָט געשטיצט סטאַלינען ביים אָפּוואַרפן דעם פּלאַן וועגן אַ יידישער טעריטאָריע אין קרים אין יאָר 1946, ווייל דאָס וואָלט געשאַפן אַ

זיכערקייט־פּראָבלעם אין פֿאַל פֿון אַ קריג, און היינט, איז די איינציקע דער־קלערונג דערפֿאַר, וואָס מען זעט ניט קיין ייִד אין דער סאָוויעטישער דיפּלאָ־מאַטישער דינסט, אין די הויכע גראַדן פֿון מיליטער־דינסט (אויסער די פֿאַר־בליבענע פֿון אַ מאָל), צי אין אַנדערע פֿאַרטרויליכע, פּאָליטיש־אַנטשיידענע אַמטן — „זיכערקייט״־טעמים. דאָס הייסט, חלילה, ניט אַז מען באַשולדיקט אין אומטריישאַפֿט, אָבער עס קאָן אַ מאָל זיך שאַפֿן אַ פּראָבלעם פֿון געטריי־שאַפֿט אין דער צייט פֿון אַ קריזיס. וועגן עמעצן פֿון אַן אַנדער פֿאָלק וואָלט אַזאַ געדאַנק ניט אויפֿגעקומען נאָר צוליב דעם וואָס ער געהערט צו יענעם פֿאָלק. יענער וואָלט באַשטימט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון זיין אינדיווידואַליטעט.

וואָסערע סיבות זאָלן דאָ ניט זיין, צי ווי דאָס זאָל ניט דערקלערט ווערן — דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פֿון די סאָוויעטישע יידן איז ניט דער באַלאַנסירטער, ווי די יידן אַליין האָבן געהאָפֿט אַז ער וועט קומען נאָך דער רעוואָלוציע, און ווי דאָס האָט אָנגעהויבן זיך אויסצוווייזן אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע. פֿאַרקערט, ווידער האָבן מיר די דערשיינונג פֿון יידישער קאָנצענטראַציע אין געוויסע געביטן פֿון דער ווירט־שאַפֿט און אַ גאָר קליינער באַטייליקונג — אין אַנדערע. ניטאָ קיין געזעץ וואָס פֿאַרבאָט יידן צו זיין פּויערים, ניטאָ קיין שטערונג פֿאַר יידן צו זיין שווער־אַרבעטער, אָבער דיווירקלעכקייט איז פּאַרט אַזאַ, אַז די צאָל יידן אויף ערדאַרבעט — אפֿילו אין ביראָבידזשאַן — אָדער אין פֿיזישער פֿאַבריק־אַרבעט, איז אומבאַדייטנדיק קליין, בעת אין אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט זיינען יידן זייער שטאַרק פֿאַרטראַטן, און אָפֿט מאָל אַזוי צאָלרייך, אַז מען מוז אַ טייל פֿון זיי אַריבערפֿירן אין אַנדערע צווייגן, ווי מאַדאַם פֿורצעוואַ האָט זיך אויסגעדריקט. פֿאַקטיש, איז די סאָציאַלע עקאָנאָמיק פֿון סאָוויעטישן יידענ־טום ניט אַ סך אַן אַנדערע פֿון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור ביי יידן אין די מערב־לענדער.

מען זאָגט דאָס נאָך ניט אַרויס אַזוי אָפֿן, אָבער עס ליגט שוין אויף דער שפּיץ צונג, אַז דאָס וואָס יידן רופֿן אַן דיסקרימינאַציע, און בעת אַ זעל־טענער אָפֿנהאַרציקייט פֿון געוויסע סאָוויעטישע בעאַמטע ווערט עס גערופֿן „באַלאַנסירן״, איז אַ רעזולטאַט פֿון דער ספּעציפֿישער יידישער עקאָנאָמיק. ווי כרושטשאָוו האָט דאָס געפּרוווט אויפֿקלערן דער דעלעגאַציע פֿון די פֿראַנ־צויזישע סאָציאַליסטן אין יאָר 1956, און ווי דאָס ווערט נאָך היינט איבער־געחזרט פֿון סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן ביי אינטימע באַגעגענישן, איז געווען אַ צייט, ווען די רוסן האָבן ניט געהאַט קיין קאַדרען אויף אָנצופֿירן די מלוכה־

אַפּאַראַטן אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, זיינען די יידן געקומען צו הילף און אויסגעפּילט אָט דעם בלויז. די סאָוויעטישע פירער זיינען פאַר דעם דאַנקבאַר די יידן (ווי די יידן וואָלטן דאָ געווען ניט קיין אייגענע מענטשן וואָס טוען עס פאַר זיך, נאָר ווי זייטיקע, וואָס קומען צו הילף). אָט די טענדענץ איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן ווען די שולן און אינסטיטוטן זיינען געעפענט געוואָרן פאַר אַלעמען גלייך און יידן זיינען אויך דאָרט געווען פאַרטראָטן איז אַ גאַר גרויסער צאָל. שפּעטער אַז „מיר" האָבן באַקומען „אייגענע" קאַדרען, האָט מען געדאַרפט מאַכן אָרט פאַר זיי. ווי אַ סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט האָט זיך אויסגעדריקט, וועלן יידן מוזן זיך „צונויפקוועטשן" צו מאַכן פּלאַץ פאַר די אַנדערע. זעט איר — אַלץ נאָך „מיר", און „זיי", יידן און ניט־יידן; יידן דאַרפן מאַכן אָרט פאַר ניט־יידן אויך.

צי מען זאָל עס רופן דיסקרימינאַציע צי באַלאַנס — דער פאַקט בלייבט, אַז דער ייד פאַרנעמט זיין אָרט אין דער ווירטשאַפט ניט ווי סתם אַ מענטש, אַ יחיד, לויט זיינע אייגענע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער, נאָר אויך ווי אַ מיטגליד פון אַ געוויס פאָלק. און אויב עס זיינען שוין פאַראַן פון דעם געוויסן פאָלק אַ היפּשע צאָל מענטשן אין אַ באַשטימטן געביט, מוז ער בלייבן אין דרויסן — ניט ווייל ער טויג ניט, צי מען דאַרף אים ניט, נאָר ווייל ער געהער צו דעם געוויסן פאָלק. אַזוינס עקזיסטירט ניט לגבי וועלכן עס איז אַנדער פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס רופט מען אין איידעלערן לשון דיסקרימינאַציע, און אין פּראָסטערן — אַנטיסעמיטיזם.

פון דיסקרימינאַציע איז נאָר איין שריט צום אויסנוצן פאַרן שעיר לעזאזל. עס איז אַ פּסיכאָלאָגישער פאַקט, אַז דער מענטש טראָגט אין זיך אַן אַנטאַגאָניזם צו דעם וועמען ער קריוודעט — אַנשטאָט צו פילן מיטלייד צו אים און זוכן ווי אים צו פאַרגיטיקן. דער געקריוודעטער מוז נאָך טראָגן די שולד פאַר דער קריוודע און ער מוז געוויס אויך טראָגן אַ שנאה אין האַרצן און אַ דראַנג צו נעמען נקמה. ווען אַזאַ איינער איז נאָך דערצו ניט קיין „אייגענער", נאָר אַ פרעמדער, מוז ער דאָך זיין פאַרמישט אין אַלע צרות און אומגליקן וואָס געשעען אין לאַנד. אים האָט גאָט אַליין באַשטימט פאַרן קרבן, אויף וועמען אויסצוגיסן דאָס ביטער האַרץ — און דאָס ביסל בייזע בלוט.

יעדער אויטאָקראַטישער רעזשים מוז האָבן אַ קרבן אויף וועמען צו לייגן די שולד פאַר די אייגענע דורכפאַלן און אָפּצולענקען דעם צאָרן פון די מאַסן פאַר די עוולות פון סאָציאַלן סיסטעם. וואָרעם קיין לעגאַלע אָפּאָזיציע, וואָס זאָל עפנטלעך אָנווייזן אויף די דורכפאַלן און פעלערן, מאַכן פאַראַנט־

וואָרטלעך דערפאַר די הערשנדיקע מאַכט און דערשיינען ווי אַן אַלטערנאַטיוו פון רעזשים — דאָס עקזיסטירט דאָך ניט אין דער אויטאָקראַטישער מדינה. זינט דער סאָוויעטישער רעזשים האָט זיך איינגעשטעלט, איז נאָך ניט געשען, אַז אַן אָנפירער זאָל זיך מודה זיין אין אַ טעות, אָדער אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיטן סיסטעם — ניט סטאַלין, ניט מאַלענקאָוו און ניט כרושטשאָוו. תמיד איז געווען עמעצער אַנדערש, וואָס האָט עפּעס ווי קאַליע געמאַכט, געשטערט אָדער אונטערגעגראָבן מיט אַ בייזער כוונה. דער קרבן האָט ניט נאָר באַקומען זיין שטראָף, נאָר ווי דער שׂעיר לעזאזל פאַרצייטן, איז ער דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעפירט געוואָרן פאַרן פאָלק, כדי דער עולם זאָל אויף אים אויסגיסן זיין פאַרדרוס און צאָרן צוליב דער ביטערער מערכה, אין וועלכער ער מוז לעבן.

לעניין האָט גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן, אַז דער צאַרישער רעזשים האָט אויסגענוצט די יידן ווי אַן אָפּלייטער פאַרן צאָרן פון פאָלק. ניט ער, און אפשר אויך ניט סטאַלין אין יענער צייט, האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים וועט טאָן דאָס זעלבע און אויסנוצן יידן פאַר אַ פּאָליטישן ציל. דאָס איז געטאָן געוואָרן אויפן כאַראַקטעריסטישן גראָבן, ברוטאַלן סטאַלינישן אופן אין יאָר 1953 מיט דער אַזוי גערופענער דאָקטוירים־פאַרשווערונג; דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט צען יאָר שפּעטער אין דעם איידעלערן, כלומרשט פאַרשטעלטן, אָבער פאַרן סאָוויעטישן פאָלק גענוג דייטלעכן אופן פון דעמאָנסטרירן די פּראָצעסן פאַר די ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס. די דאָקטוירים־פאַרשווערונג האָט געדאַרפט באַרעכטיקן אַ נייע ווענדונג צו אַ גרויסער טעראָר־אַקציע און אַ נייער בלוט־רייניקונג, פון וועלכער — ווי כרושטשאָוו האָט אָנגעטייט — אַפילו די סאַמע נאָענטסטע מענטשן פון סטאַלינען וואָלטן ניט אַרויס קיין לעבעדיקע. דאָס דעמאָנסטרירן גראָד יענע פּראָצעסן פון די ווירטשאַפט־פאַרברעכנס, אין וועלכע עס זיינען באַטייליקט אַן אָנזעעוודיקע צאָל יידן, און אַרויסשטעלן די יידן ווי די איניציאַטאָרן פון דער פאַרברעכערישער אונטערנעמונג, דאַרף באַרעכטיקן און לייכטער מאַכן אויפצונעמען די פּרימיטיוו־ברוטאַלע שטראָף וואָס ווערט דערפאַר געגעבן, אין דער האָפענונג, אַז דאָס וועט אויסראָטן די פּלאָג פון שווינדל און אומערלעכקייט אין דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז דאָס אונטערשטרייכן דעם יידישן עלעמענט אין די מוסטער־פּראָצעסן איז אַ דירעקטע פּאָליטיק פון אויבן אין קרעמל. עס קאָן זיין, אַז די געהיים־פּאָליציי, וואָס האָט די אויפגאַבע אויסצוראָטן די

ווירטשאַפט־פאַרברעכנס (געוויינטלעך האָט זי מיטן אינערלעכן ווירטשאַפט־לעבן ניט צו טאָן), טוט דאָס פון זיך אַליין, און זי איז נאָך אַלץ אָנגעשטאָפּט מיט די אַמאָליקע סטאַליניסטע באַאַמטע. אָבער עס איז קלאָר, אַז די אָנפירונג וואָלט דאָס געקאָנט אָפּשטעלן מיט איין וואָרט צו דער פּראָקוראַטור, פונקט ווי זי וואָלט געקאָנט מאַכן אַ סוף צו די אַנדערע אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין סאָוויעטישן לעבן מיט איין רעדע אין ראַדיאָ. אָבער זי טוט דאָס ניט. פאַר וואָס טוט זי דאָס ניט?

דער גינסטיקער ענטפער פאַרן רעזשים, וואָס מען קאָן דאָ געבן, איז: היות מען האַלט זיך ביי דער פיקציע, אַז עס זיינען ניט פאַראַן קיין אַנטי־סעמיטישע דערשיינונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, במילא וואָלט אַן עפנטלעכער אַרויסטריט וועגן דעם געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך. אָבער די אָנפירונג האָט געוויס אַנדערע וועגן ווי אַזוי דערגרייכן צו די ביוראָקראַטן, וואָס קאָנען האָבן אַ שייכות צו דעם. איין געהיימער צירקולאַר, אָדער אַ מינדלעך וואָרט צו די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן וואָלט דאָס רעאַליזירט.

אָנגענומען, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אין זיינע גרונטשטריכן ניט אַנדערש ווי עס איז אַ מאָל געווען אין רוסלאַנד, אָדער ווי עס עקזיסטירט אין אַנדערע לענדער — קומט אַרויף די פראַגע, צי דאָ איז גלייכצייטיק אויך ניט פאַראַן אַ סאָוויעטישע ספּעציפיק, געוויסע אייגנ־אַרטן, וואָס צייכענען אים אויס פון יענע, וואָס האָבן עקזיסטירט, אָדער עק־זיסטירן ערגעץ אַנדערש.

אַ רעאַליסטישער צוגאַנג צום קאָמפּלעקס יידן — ראַטן־פאַרבאַנד מוז אָנערקענען, אַז עס איז דאָ אַזאַ סאָוויעטישע ספּעציפיק, אין פּאָזיטיוו און אין נעגאַטיוו זין, און מען מוז זיך רעכענען מיט דעם.

צו די פּאָזיטיווע שטריכן פון דער סאָוויעטישער ספּעציפיק געהער קודם די פּרינציפּיעלע איינשטעלונג, אַז עס טאָר ניט זיין קיין אַנטיסעמיטיזם אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און אַז קיין אויסנאַמען קעגן יידן, צי ווי אַ כלל, אָדער קעגן אַ יידישן מענטש ווי אַ יחיד, טאָר ניט געמאַכט ווערן. אמת, ווי מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, גילט אָט דער פּרינציפּ מער אויפן פּאַפּיר ווי אין לעבן. אָבער די מאָראַלישע פאַרפליכטונג האָט אויך אַ באַטייט. דאָס געוויסן איז אויך אַ פאַקטאָר אין דער געשיכטע. פאַראַן אַ גרונט פאַר אַ טענה, אַ תביעה; עס האַלט אין דעם זעלבסטשטאָלץ פון סאָוויעטישן יידן; און עס גיט אַ האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

נאָך אַ פּאָזיטיווער שטריך איז דער, אַז אין אַ געשלאָסענער געזעל־שאַפט, ווי די סאָוויעטישע, איז ניטאָ קיין מחוץ למחנה, ניטאָ קיין וווהין אַ מענטש זאָל אַרויסגעזעצט ווערן צו זיין אויסער דער געזעלשאַפט, חוץ אַ תפיסה, נאַטירלעך. פאַראַן אין דער געזעלשאַפט אַן אָרט פאַר יעדן מענטשן, בעסער צי ערגער, העכער צי נידעריקער. און דעריבער איז ניטאָ אַזאַ ווענדונג ווי אויס־צושליסן דעם ייד פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט ער זאָל בלייבן אין דרויסן. אַ ייד בלייבט ניט אָן אַרבעט צוליב זיין יידישקייט, אָדער אָן אַ דירה, אָדער אָן אַ שול פאַר זיינע קינדער. אַט דאָס האָט געפירט אַן ענגלישן סאָ־וויעטאָלאָג, פּראָפעסאָר העיוואַרד, צו זען דעם אונטערשייד צווישן סאָוויע־טישן אַנטיסעמיטיזם און דעם מערב־אַנטיסעמיטיזם, אין דעם וואָס אין מערב וויל דער אַנטיסעמיטיזם אויסשליסן דעם ייד פון דער געזעלשאַפט און אין ראַטן־פאַרבאַנד וויל ער אים אין גאַנצן אַריינציען אין דער געזעלשאַפט. פּראָפעסאָר העיוואַרד האָט ניט איינגעזען דעם ווידערשפּרוך פון דער סאָ־וויעטישער פּאָליטיק לגבי יידן: פון איין זייט איז פאַראַן אַ דרוק אַריינצוציען דעם ייד אין גאַנצן אין דער געזעלשאַפט, ווי דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויס־געדריקט, (דורך אויסשליסן די מעגלעכקייטן אויפצוהאַלטן די אייגענע קול־טור), אָבער פון דער אַנדערער זייט ווערט דורך די דיסקרימינאַציעס קעגן יידן אונטערגעשטראָכן דער אונטערשייד צווישן יידן און דער ניט־יידישער געזעלשאַפט, וואָס שאַפט אַן אינערלעכע מחיצה סיי ביים ייד, סיי ביים ניט־ייד.

איז אמת, אַז געשלאָסענע געזעלשאַפט שליסט ניט אויס אַזאַ זאַך ווי ערשטער גראַד און צווייטער גראַד בירגערשאַפט, פּריווילעגירטע און אומ־פּריווילעגירטע, און די יידן ווי אַ כלל, און געוויסע יידן אין פּרט, גייען אַריין אין דער צווייטער קאַטעגאָריע, אָבער עס שליסט יאָ אויס אַזעלכע דער־שיינונגען, ווי אין מערב, ווי אומאָפיציעלע אָדער אַליין געשאַפענע געטאָס, אָדער יידן זאָלן ניט אויפגענומען ווערן אין געוויסע דאַטשע־געגנטן, אָדער זיי זאָלן ווערן אויסגעשלאָסן פון אַ געוויסן קלוב.

צווישן די נעגאַטיווע שטריכן פון דער סאָוויעטישער ספּעציפיק פון יידישן פּראָבלעם, איז פאַראַן דער גרונט־פאַקט, וואָס אין אַ געשלאָסענער גע־זעלשאַפט איז ניטאָ קיין אויסוועג, קיין אַנטרינונג, קיין אויסמייד אָדער אַנט־לויף. אַפילו אונטערן פּרימיטיוון, ברוטאַלן, אַנטיסעמיטישן צאַרישן רעזשים, איז געווען אָפן עפּעס אַ טיר אַן אויסוועג אָדער אַנטרינונג. קודם — די עמי־גראַציע. געווען דאָך צייטן ווען אַ הונדערט טויזנט יידן אַ יאָר האָבן אויסגע־וואַנדערט פון רוסלאַנד: אַ יונגערמאַן, וואָס איז ניט דערלאָזן געוואָרן אין

צאַרישן אוניווערסיטעט, האָט געקאָנט פאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד; אין די ראַמען פון באַגרענעצונג האָט אַ ייד געקאָנט, ביי געהעריקע באַדינגונגען, זיך אויפבויען אַן אייגענעם עקאָנאָמישן מעמד; און בנוגע דעם רעליגיעזן לעבן, צי אַפילו אין קולטורעלן יידישן לעבן, איז דאָך אויך מעגלעך געווען דאָס צו אָרגאַניזירן אויף דער אייגענער איניציאַטיוו און מיט די אייגענע כוחות. עס איז טאַקע נייטיק געווען צו קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, ניט ווי מען קאָן דאָס טאָן דורכויס פריי אין די מערב־לענדער, אָבער מען האָט דאָס געקראָגן, און מען האָט אַרויסגעגעבן צייטונגען אויף יידיש און העברעיש. אונטערן סאָוויעטישן סיסטעם זיינען אָט די אַלע זאַכן ניט מעגלעך. די האַנט וואָס גיט, איז אויך די האַנט וואָס נעמט אַוועק, און פון דער האַנט זיך אַרויסגליטשן איז אוממעגלעך.

אַ צווייטער נעגאַטיווער שטריך איז, וואָס ביים סאָוויעטישן סיסטעם קאָן אין אַזאַ פאַל ניט זיין קיין פּראָטעסט, קיין קאַמף, קיין קלאַפּ אויף צוריק. ביי אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין מערב קאָנען די קרבנות פון דער דערשיינונג, דאָס הייסט די יידן, זיך צוזאַמענעמען און עפנטלעך פּראָטעסטירן, אַפּעלירן צו דער מאַכט, אָדער צו דעם געוויסן פון פאָלק קעגן דער מאַכט, און אָנפירן אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַזעלכעס ניט געווען ניט ביי סטאַלינען און אויך ניט איצט. דער געקריוודעטער מוז אַפּווישן די ליפּן און שווייגן, אַניט קאָן ער נאָך באַקומען אַן ערגערן פּסק. שוין דאָס זאָגן, אַז עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ קריוודע איז אַ פאַרברעך קעגן רעזשים, מחמת אַלץ קומט דאָך פון רעזשים, אָדער אין נאָמען פון רעזשים.

אַ דריטער נעגאַטיווער שטריך איז דער אוממעגלעכער קאָנטאַקט מיטן אויסלאַנד. ווען עס אַנטוויקלט זיך אין אַ מערב־מדינה אַן אַנטי־יידישע באַוועגונג, אָדער יידן ווערן אויסגעשטעלט צו פאַרפאָלגונג, איז פאַראַן אַ קאָנטאַקט אַרום דעם צווישן די יידן פון יענער מדינה און די יידן אין אַנדערע לענדער. מיר האָבן דאָ דאָס ניט לאַנג געזען אין שייכות מיט אַרגענטינע, ווו עס איז אין משך פון די לעצטע פאָר יאָר אַנטשטאַנען אַן אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אַלס פּראָדוקט פון די שווערע אינערלעכע פּאָליטישע קאָנפליקטן. האָבן די אַרגענטינער יידן קודם אַליין פּראָטעסטירט ביי דער רעגירונג קעגן דעם וואָס זי טרעט ניט גענוג ענערגיש אַרויס ביים אונטערדריקן די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען; דאַן האָבן די יידישע פירער פון אַרגענטינע גערעדט וועגן דעם אויפן צוזאַמענפאָר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, און לסוף האָט אַ קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט באַזוכט אַרגענטינע, איז אויפ־

גענומען געוואָרן קודם פון די יידישע קהילות אין אַרגענטינע, און דערנאָך — פון די העכסטע אינסטאַנצן פון דער מלוכה, פאַר וועלכע די אַמעריקאַנער יידן האָבן גערעדט וועגן דער אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין אַרגענטינע. וואָלט מען אַזוינס זיך גאָר געקאָנט פאָרשטעלן ביי די סאָוויעטישע יידן? אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט דאָך אַ ייד גאָר מורא בכלל צו ריידן מיט אַן אויסלענדישן ייד פון עפּעס אַן אָפיציעלער קערפּערשאַפט; דער סאָוויעטישער ייד פילט זיך דאָך געצוווּנגען אָפּצולייקענען אַפילו אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ דוחק אין סידורים בעת ער רעדט מיט אויסלענדישע יידן.

און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל אַרגענטינע איז אַ קליינע מדינה און קומט אָן צו אַמעריקע נאָך הילף. דאָס וואָלט אויך געקאָנט געשען פאַרקערט, אָדער מיט אַ סאָוויעטישער יידישער קאָמיסיע, ווען אַזעלכעס וואָלט געקאָנט מעגלעך זיין, וואָס וואָלט געקומען קיין אַמעריקע אין שייכות מיט די אַנטי־סעמיטישע דערשיינונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזאַ קאָמיסיע וואָלט ניט נאָר באַקומען אַ קבלת־פּנים פון אַמעריקאַנער יידנטום, נאָר די העכסטע לייט אין דער אַמעריקאַנער מלוכה וואָלט גערן זיך געטראָפן מיט דער קאָ־מיסיע צו ריידן וועגן דעם ענין, וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער.

אין לעצטן סך־הכל דאַרף דעריבער געזאָגט ווערן, אַז מיר האָבן אַ יידיש פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי עס איז דאָ אַ יידיש פּראָבלעם אין אַלע אַנדערע לענדער — אויסער אין דער יידישער מדינת ישראל. אַלע אילוז־יעס אַז עס קאָן ניט זיין, אַז עס דאַרף ניט זיין (אונטער וואָסער סיסטעם דאַרף דאָס יאָ זיין?), און אַז עס איז נאָר אַ צופאַל, אַן איבערגאַנג, און דאָס גלייכן, האָבן פונקט אַזאַ האַפט ווי די פעסטשטעלונג, אַז עס איז בכלל ניטאָ. פאַרקערט, אין רעטראָספּעקט זעט עס גיכער אויס, אַז די אומעקזיסטענץ פון יידישן פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ צופאַל, אַ צייטווייליקע באַגלייט־דערשיינונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער היינט איז דאָס יידישע פּראָבלעם אַזאַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט, ווי דאָס יידישע פּראָבלעם אין מערב איז אַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט. ווי דאָס זאָל ניט זיין צום האַרצן, מוז מען דאָס אָנ־נעמען ווי אַ פאַקט פון לעבן. און דאָס הייסט: דערוואַרטן, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד זאָל פּלוצעם פאַרשווינדן, איז אַ חלום, אַן אילוזיע. מען דאַרף טראַכטן אין די ראַמען דערפון, אַז דאָס סאָוויעטישע יידנטום וועט דאַרפן לעבן מיט זיין יידישן פּראָבלעם ווי די יידן אין אַנדערע לענדער לעבן מיט זייערע פּראָבלעמען.

לעבן מיט אַ פּראָבלעם הייסט צופּאַסן זיך צו דעם. דאָס איז חל ניט בלויז אויף די יידן, נאָר אויך אויף דער ניט־יידישער סביבה און אויף די סאָציאַלע איינשטעלונגען, אַזוי ווי דאָס איז געשען, און ווי דער פּראָצעס קומט פאָר אין אַנדערע לענדער.

דאָס יידישע פּראָבלעם איז פאַרשיידן אין די פאַרשיידענע לענדער, און ער ענדערט זיך מיטן גאַנג פון די אַנטוויקלונגען אין יעדן לאַנד. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ער אַנדערש ווי אין אַרגענטינע, אין דרום־אַפריקע ווי אין ענגלאַנד, און אין שוועדן ווי אין פראַנקרייך. דאַרף אונדז ניט פאַרקומען אויסטערליש וואָס דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַנדערש ווי אין מערב, און אַפילו דאָס וואָס ער איז אַנדערש אין ראַטן־פאַרבאַנד ווי אין פוילן אָדער אונגאַרן. די אַנדערשקייט מוז אָבער גענומען ווערן אין באַטראַכט ווען עס קומט אויס לעבן מיטן פּראָבלעם און צופּאַסן זיך צו אים.

עס איז היינט ניטאָ קיין מדינה אין דער וועלט, איינגעשלאָסן אַפילו די אַראַבישע לענדער, וואָס זאָל אָפן פּראָקלאַמירן אַנטיסעמיטיזם פאַר אַ טייל פון איר פּאָליטיק. פאַרקערט, יעדע מלוכה שאָקלט זיך אָפּ פון אַנטיסעמיטיזם, אַפילו די מלוכות וואָס פּראַקטיצירן דאָס. איז אין דעם פּרט דער ראַטן־פאַרבאַנד ניט קיין אויסנאַם. עס איז אויך היינט ניטאָ די מדינה — אויסער שפּאַניע, וווּ טייל אַנטי־יידישע געזעצן פון פאַרן גירוש זיינען נאָך ניט אָפּגעווישט פון די ביכער — וואָס זאָל פאָרמעל, אָפיציעל פאַרמאָגן אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. דאַקעגן זיינען פאַראַן אַ ריי לענדער, וואָס האָבן געזעצן, וועלכע פאַרבאָטן אויסנאַמען קעגן מענטשן אויפן גרונט פון ראַסע אָדער גלויבן. איז אויך אין די פּרטים דער ראַטן־פאַרבאַנד היינט ניט קיין אויסנאַם. און פונקט אַזוי איז דער ראַטן־פאַרבאַנד אויך ניט קיין אויסנאַם אין דער נעגאַטיווער זייט — אין אַנווענדן אומאָפיציעל באַגרענעצונגען קעגן יידן, אָדער אין אויסנוצן דעם אַנטי־יידישן סענטימענט פאַר פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע צילן. אַזעלכעס געשעט אויך אין אַ ריי אַנדערע לענדער.

און עס גייט דאָך אויך ניט אין קוואַנטיטעט — ווי ווייט אָט די נעגאַטיווע דערשיינונגען זיינען צו באַמערקן אין דעם אָדער אין אַנדערן לאַנד. אַזעלכע האָבן מיר פאַרשיידענע גראַדן, און די קוואַנטיטעט, ווי די קוואַליטעט, ענדערט זיך פון צייט צו צייט אין דער זעלבער מדינה. עס ווערן נאָך היינט געמאַכט אויסנאַמען לגבי יידן אין געוויסע געביטן פון אַמעריקאַנער לעבן, אָבער זיי זיינען היינט ניט אין ערך אַ מינימום לגבי דעם וואָס ס'איז דאָרט געווען מיט פערציק יאָר צוריק, אָדער אַפילו מיט דרייסיק. איז אי עס

איז ניטאָ קיין גרויסע אַנדערשדיקייט אין ראַטן־פאַרבאַנד בנוגע דער קוואַנ־טיטעט פון באַגרענעצונג, אַי עס איז ניט אויסגעשלאָסן די דערוואַרטונג, אַז די קוואַליטעט זאָל מיט דער צייט מינימיזירט ווערן.

די אַנדערשקייט קומט צום אויסדרוק אין דעם, וואָס מיר האָבן אויבן אָנגערופן די סאָוויעטישע ספּעציפיק. און דאָס מאַכט די לינדערונג פון פּראָבלעם, אָפּגערעדט פון דער לייזונג, אי לייכטער אי שווערער.

לייכטער דורך דעם, וואָס די מאַכט גופא איז דער איינציקער באַלעבאָס איבער אַלע געביטן פון סאָוועטישן לעבן. למשל, מאַכן אַ סוף צו דיסקרי־מינאַציע וואָלט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געמוזט זיין אַ גאַר קאָמפּליצירט פּראָצעס, מחמת די סאָציאַלע עקאָנאָמיק און אַפילו אַ גרויסער טייל פון דער קולטור־טעטיקייט ליגט אין פיל פּריוואַטע הענט. איז אויב די דיסקרימינאַציע ווערט דאָרט געמאַכט אומדירעקט, אונטער פאַרשיידענע פאַר־שטעלענישן, קאָן די מלוכה דאָ ווייניק אויפטאָן. דער קאַמף מוז דאָרט געפירט ווערן פון ציווילע געזעלשאַפטן איבער אַ גרויסער צאָל פונקטן פון אַ ריזיק גרויסן פעלד. אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט דאָס געקאָנט דערגרייכט ווערן מיט איין באַפעל פון אויבן. פונקט אַזוי וואָלט מעגלעך געווען צו לייזן דאָס יידישע קולטור־פּראָבלעם, צי רעאַליזירן די אמתע גלייכע רעליגיעזע פרייהייט פאַרן יידישן גלויבן מיט איין רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט.

עס איז אָבער אויך שווערער דערמיט, וואָס אויב די מאַכט וויל דאָס ניט, קאָנען די געטראָפענע, די יידן הייסט עס, גאָר ניט טאָן קעגן דעם. עס איז ניטאָ קיין כוח אין לאַנד, וואָס זאָל צווינגען די מאַכט צו טאָן אַנדערש ווי זי וויל, און דער דרוק פון אויסלאַנד קאָן האָבן נאָר אַ רעלאַטיוון געוויכט, וואָרעם דער ענין איז דאָך אַן אינערלעכער, אין וועלכן אַ פרעמדע מלוכה קאָן זיך ניט מישן, איז די פראַגע וויפל אַכט די סאָוויעטישע פירער וועלן דערויף לייגן, און וויפל באַטייט עס קאָן פאַר זיי האָבן אַ רעדע אין אַמעריקאַנער סענאַט, צי אַ דעמאָנסטראַציע ביי דער סאָוויעטישער פאַרטרעטונג אין אויסלאַנד.

אַזוי ווי דאָס סאָוויעטישע יידישע פּראָבלעם שטייט היינט, קאָן מען ניט זאָגן, אַז עס איז מעגלעך צו לעבן מיט דעם — ווי עס איז דער פאַל אין אַנדערע יידישע ישובים. און דאָס איז חל אויף ביידע, אויף די סאָוויעטישע יידן און אויף דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. וואָס שייך די יידן, איז נאָך אין דער יידישער געשיכטע ניט געשען, אַז ווו מען זאָל זיי לאָזן עקזיסטירן פיזיש, זאָלן זיי אויך ניט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן גייסטיק. דאָרט, ווו עס איז געווען אַ חרם אויפן ייד, ווי אין שפּאַניע נאָכן גירוש,

איז עס געווען טאָטאַל אויפן גאַנצן יידן. אויפן פיזישן ייד, כל זמן ער עקזיס־טירט ווי אַ ייד, און אויפן גייסטיקן ייד, אויפן יידנטום. דאָס הייסט, אַז דער ייד, ווי אַ ייד, איז דאָרט בכלל ניט געווען. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל אַ לאַגע, ווו דער ייד קאָן פיזיש יאָ עקזיסטירן, ער איז אַפילו אָפיציעל רע־גיסטרירט אין פּאַספּאָרט אַלס אַ ייד, אָבער אויף זיין יידישער נשמה ליגט אַ טאָטאַלער חרם. עס איז ווי מען זאָל איינעם זאָגן, לעבן מעגסטו, אָבער אָטעמען טאָרסטו ניט. קאָן דאָס דער סאָוויעטישער ייד ניט פאַרטראָגן, ווי אומוויסנדיק אין יידישקייט און ווי אָפּגעפרעמדט פון יידישן פאָלק, ער זאָל ניט זיין. כל זמן ער באַטראַכט זיך פאַר אַ ייד, אַזוי לאַנג ווי ער ווייס אַז ער איז אַ ייד, ווערט דאָס אים רופן אין האַרצן, גראָבן מיט אַ פאַרדרוס, שאַפן אַ קאָמפּלעקס פון אינערלעכע אומרו און פּראָטעסט. און אויפהערן זיך צו באַטראַכטן פאַר אַ ייד, פאַרגעסן אַז ער איז אַ ייד, לאָזט מען דאָך אים ניט אַפילו ווען ער זאָל דאָס וועלן. מען גיט דאָך אים צו פילן, אַז ער איז אַ ייד, און אַז די ניט־יידן זעען ווי מען מאַכט אַן אונטערשייד צווישן ייד און ניט־ייד, פאַלן זיי אויך אַריין אין דעם קאַראַהאָד.

בקיצור, דער סאָוויעטישער ייד ווערט געשטעלט אין דער אוממעג־לעכער לאַגע, וואָס ניט מען מאַכט מעגלעך פאַר אים ווערן אויס ייד און ניט מען לאָזט אים אויסלעבן זיך ווי אַ ייד. צו אַזאַ לאַגע קאָן מען זיך ניט צופּאַסן.

אויך דער ראַטן־פאַרבאַנד קאָן לאַנג ניט אָנהאַלטן אַזאַ יידישן פּראָב־לעם. קיין מדינה, ווי גרויס און מעכטיק זי זאָל ניט זיין, קאָן זיך ניט דער־לויבן צו האָבן דריי מיליאָן מענטשן מיט אַ קאָמפּלעקס פון אומשולדיק פאַר־פאָלגטע, אויסנאַמדיק געקריוודעטע, גרונדלאָז אונטערדריקטע. בפרט ווען מ׳האָט צו טאָן מיט אַזאַ צענטראַלן עלעמענט אין דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג ווי יידן. אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס מיט אַ סאָוויעטישן באַאַמטן, האָב איך געהערט אַזאַ באַמערקונג: „צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן, ווי קאָן מען אָנטרויען אַ ייד אַ פאַרטרוילעכע אַרבעט, אַז יידן זיינען אַן אומצופרי־דענער עלעמענט״. אָבער די אומצופרידנקייט קומט דאָך פון דעם ניט־פאַר־טרויען, און דאָס ניט־פאַרטרויען — פון דעם, וואָס מען מאַכט אים פאַר אַן אויסנאַם, פאַר אַנדערש. וואָלטן יידן באַטראַכט געוואָרן אין יעדן פּרט גלייך מיט די אַנדערע פעלקער און וואָלט זיי געגעבן געוואָרן די זעלבע נאַציאָ־נאַלע געלעגנהייטן ווי אַנדערע פעלקער, וואָלט דאָך אין אַזאַ פראַגע די יידישקייט פון יידן ניט געקומען אין באַטראַכט מער ווי ווי אַרמעניש קייט פון אַן אַרמענער.

פריער אָדער שפּעטער וועט דאָך די סאָוויעטישע מאַכט איינזען, אַז

איר ווידערשפּרעכלעכע פּאָליטיק לגבי די יידן פּירט ניט צו אַ לייזונג פון יידישן פּראָבלעם, נאָר צו זיין פאַרשאַרפונג. אויב די סאָוויעטישע פּאָליטיק לגבי דער יידישער קולטור און יידישער רעליגיע קאָן האָבן עפּעס אַ זין — און מען דאַרף דאָך ניט אָננעמען, אַז דאָ האָבן די סאָוויעטישע פירער פּלוצעם פאַרלוירן דעם זין — איז עס צו אַסימילירן די יידישע באַפעלקערונג און אויפצולייזן דאָס יידישע פאָלק. אָבער די דיסקרימינאַציע, דאָס אונטער־שטרייכן די יידישקייט פון יידן, איז אַ מיטל, וואָס ווירקט פּונקט פאַרקערט. עס אַקטיוויזירט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי יידן און דעם אַנטי־יידישן באַ־וווסטזיין ביים ניט־יידן. מיטן נעגאַטיוון מיטל פון אונטערדריקן די נאַציאָנאַלע יידישע אויסדריקן, מיט דעם אַליין, קאָן מען דאָך דעם ייד טאָטאַל ניט אַסימי־לירן, בפרט ווען מען שאַפט אַליין אַ קעגן־כוח צו דעם.

פון זיך אַליין וועט דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט פאַרשווינדן. ניטאָ אַזאַ כישוף, וואָס זאָל אַריינטרייבן אין די דריי מיליאָן סאָ־וויעטישע יידן אַ חשק צו ווערן אויס יידן; ניטאָ אַזאַ שפּרונג, וואָס זאָל מאַכן די ניט־יידן פאַרגעסן די אַנדערשדיקייט פון יידן; ניטאָ אַזאַ קאַטאַליסט, וואָס זאָל צונויפשמעלצן די יידן און ניט־יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין איין פאָלק. כדי מעגלעך צו מאַכן פאַר די סאָוויעטישע יידן און פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד צו לעבן מיטן יידישן פּראָבלעם, וועלן די סאָוויעטישע פירער מוזן קודם אָנער־קענען די עקזיסטענץ פון פּראָבלעם און אויפהערן זיך צו פאַרשטעלן די אויגן פאַר דער ווירקלעכקייט, און דערנאָך — איינזען אויך די צווייטע ווירק־לעכקייט: ווי אַזוי אָט דאָס פּראָבלעם ווערט געלינדערט אין אַנדערע לענדער דורך אַ ליבעראַלער און הומאַניטאַרער פּאָליטיק, וואָס שליסט איין אי אַ מעג־לעכקייט פאַר אַסימילאַציע פאַר די, וואָס ווילן זיך אַסימילירן — און דאָס הייסט אָפּשאַפן דיסקרימינאַציע און אויסנאַמלעכקייט פאַר יידן — אי אַ פולע מעג־לעכקייט זיך אויסצולעבן יידיש אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און אין דער אייגענער רעליגיע, און אי אַ מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן קיין ישראל פאַר די, וואָס נאָר אַן אַבסאָלוט יידיש לעבן קאָן זיי באַפרידיקן.

עס האָט טאַקע געדאַרפט זיין פאַרקערט: די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געמעגט גיין זיך לערנען ביי דער סאָציאַליסטישער מדינה ווי צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם. אָבער דער קאָמפּלעקס יידן — ראַטן־פאַרבאַנד איז צו ערנסט און צו דרינגענדיק מען זאָל זיך רעכענען מיטן דאַרפן אָדער מיטן שעמען זיך. דער גרעסטער בזיון איז ווען מען וויל ניט קוקן דער ווירקלעכקייט אין פּנים און מען לאָזט אַ ווונד אייטערן. דריי מיליאָן יידן שטייען און וואַרטן.

זוכצעטל

פערזאָנען, אינסטיטוציעס און ענינים, וואָס זענען דערמאָנט אין בוך

„אגראָ־דזשאָינט״ — 71
אוסישקין, מ. מ. — 44
אורן, מרדכי — — 393
„איזוועסטיאַ״ — 172
„איינקייט״ — 35 א. וו.
איינשטיין, אַלבערט — 12, 380 א. וו.
„איקוף״ — 43
אַלגין, מ. — 12, 27
אַנטי־ישראל־פּראָפּאַגאַנדע — 401 א. וו.
אַנטיסעמיטיזם — 26, 50, 60, 116, 157, 182 א. וו.
אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט — 245 א. וו.
אַנטירעליגיעזער קאַמף — 80 א. וו.
אַנסקי, ש. — 65
אַסימילאַציע — 299 א. וו.
אַפּאַטאָשו, יוסף — 34
אַראַבישע פּאָגראָמען — 31, 39, 375 א. וו.
אַראַבישע ראַדיאָ־אוידיציעס אין ר״פ — 401
אַרבעט־לאַגער אין סיביר — 201
„אָרט״ — 71
אַש, שלום — 12

באַבי־יאַר — 243 א. וו.
באַלפור־דעקלאַראַציע — 371
„בוך וועגן תנ״ך״ — 155
בוכאַרין, נ. 76
„בונד״ — 65, 74, 332 א. וו.
ביאַליק, ח. נ. — 83
ביראָבידזשאַן — 26, 41
בירגערקריג — 70
בן־גוריון, ד. — 390 א. וו.
בן־עמי, יעקב — 12
בן־צבי, יצחק — 44

בעלענקי, משה — 157
בערגעלסאָן, דוד — 55
בראַגינסקי, יאָסיף — 313 א. וו.
ברייסלספּאָרד, העבֿרי — 21
בריינין, יוסף — 34

גאָלדמאַן, נחום — 380
גאָלדשטיין, יונה — 12
גאָלדשטיין, ישראל — 12
גאָרקי, מאַקסים — 354
גראָמיקאָ, אַנדריי — 14, 33, 180, 385 א. וו.
„גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע״ — 329

דאַלעס, דזשאָן פאָסטער — 40
דאָס פּאַסאָס, דזשאָן — 19
דאָקטוירים־בלבול — 250
„דבר״ — 56
„דזשאָינט״ — 36, 71
דימאַנשטיין, ס. מ. — 70
דימשיץ, בנימין — 105
דיסקרימינאַציע אויף סאָוו. הויכשולן — 98
דיפּלאָמאַטישע דינסט (סאָוויעטישע) — 92
דעבס, יודזשין — 19
„דער תלמוד״ — 157

האָפּשטיין, דוד — 353
הוווער — 18
הוירסט — 20 א. וו.
„החלוץ״ — 364
היטלער, אַדאָלף — 20 א. וו.
הירשביין, פּרץ — 12, 33, 43
היינטצייטיקער יודאַיזם און ציוניזם — 182
העברעישע שפּראַך און קולטור — 345 א. וו.

העלער, בינם — 245
העצער קעגן ייד. רעליגיע — 150

וואַלוטע־האַנדל — 207
ווייצמאַן, חיים — 29 א. וו.
ווילסאָן, ע. — 19
ווילסאָן, וו. — 19
וויסנשאַפט־אַרבעטער — 117 א. וו.
ווירטשאַפט־פאַרברעכנס — 204 א. וו.
ווענדראָף, ז. — 102
ווערגעליס, אַרן — 87, 296 א. וו.
„וואָציק" — 77

זאַלצבערג, י. ב. — 224
זשיטלאָווסקי, חיים — 12, 44, 65

חורגין, פנחס — 12

„טאַג" — „טאַג־מאָרגנזשורנאַל" — 17, 33
טאָמסקי — 26
טאָפּט — 19
טויטשטראַף — 204 א. וו.
„טיימס" — 24 א. וו.
טערעכאָוו, גענאַדי — 229 א. וו.
טראָצקי, לעוו — 23, 33
טשערניאַק, י. — 310

יאַראָסלאַווסקי, יע. — 80
יוגנט־פעסטיוואַל — 51
„יודאַיזם אָן באַפּוצונג" — 154 א. וו.
יידישער מלוכה־טעאַטער — 157
יידישע קאָמוניסטן אין ר. פ. („יעווסעק־ציע") — 76, 83 א. וו.
יידישע קאָנצערטן אין ר. פ. — 304 א. וו.
יידישע קולטור — 49, 77, 275 א. וו.
יידישע ראַטן — 77
יידישע רעליגיע — 120
יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור — 141 — 143
יעווטושענקאָ, יעווגעני — 243 א. וו.
ישיבה אין ר. פ. — 122

כרושטשאָוו, ניקיטאַ — 57, 221 א. וו.

„ל'אוניטא" — 167

לאַזאַווסקי, ס. — 196, 420 א. וו.
„ל'הומאַניטע" — 164
לונאַטשאַרסקי, א. — 16, 349
לוצקי, וו. ב. — 382
ליטווינאָוו, מ. — 18 א. וו.
ליפּמאַן, וו. — 24
לעווי, הערמאַן — 57
לעמאַן, ה. — 219
„לענד־ליז" — 39
לענין, וו. — 20, 23, 75 א. וו.
לענסקי, חיים — 353
לעשטשינסקי, יוסף — 72

מאיר, גאָלדע — 51, 325 א. וו.
מאַיאַצקי, פּ. 182 א. וו.
מאַלאַטאָוו, וו. — 325
„מאָרגן־פרייהייט" — 163
מאַרקיש, פּרץ — 34, 245
מאַרקס, קאַרל — 321 א. וו.
מוקדוני, א. — 43
מיכאָעלס, שלמה — 12, 250
מיליטערישע הילף פאַר ישראל — 389
מיליטערישע שול (אין ר. פ.) — 93
מילער, אַרטור — 12
מיקאָיאַן, א. — 57
מענדעלע מוכר ספרים — 55, 278
מצה־פּראָבלעם — 122 א. וו.

נאַציאָנאַלע טעאָריע (באָלשעוויסטישע) — 74, 327 א. וו.
ניגער, ש. — 12, 42
„נייע פּרעסע" — 161
„נעפּ" — 29, 81 א. וו.

סאָוועטישע יידישע שרייבער — 288 א. וו.
„סאָוועטיש היימלאַנד" — 55, 281 א. וו.
סוסלאָוו, מ. — 57
סועץ־קאָנפליקט — 414 א. וו.
סטאַלין, י. — 27 א. וו.
סטאַלין־היטלער־פּאַקט — 33, 39, 379
סלאַנסקי, רודאָלף — 393

עוואַנס, ר. דזש. — 227 א. וו.
„על המשמר" — 88
„עמעס" — 353

עפשטיין, שכנא — 245
ערענבורג, איליאַ — 84, 256 א. וו.

פּולווער, לייב — 102
פּינסקי, דוד — 90 א. וו.
פּינעס, דן — 367
פּירס, יאַן — 54
„פּראַווּדאַ״ — 36 א. וו.
פּראָטעקטאָראַט — 385 א. וו.
פּרץ, י. ל. — 55, 278

פֿאָלקסציילונג אין ר. פֿ. — 51
„פֿאָלקסשטימע״ — 284 א. וו.
„פֿאַראייניקטע נאַציעס״ — 35, 56, 385 א. וו.
„פֿאָרווערטס״ — 28
פֿויכטוואַנגער, ליאָן — 12
פֿורצעווא, יע. — 58
פֿינפֿיאַר־פּלאַן — 18, 81
פֿעפֿער, איציק — 12, 84, 196, 420 א. וו.

ציוניסטישע באַוועגונג אין ר. פֿ. — 77

קאַלינין — 41
„קאָמאינטערן״ — 371 א. וו.
„קאָמסאָמאָל״ — 195
קאַנאַן, דזש. — 22
קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד — 144
קוויטקאָ, לייב — 108
„קול העם״ — 161
קיבוץ — 194
קיטשקאָ, ט. ק. — 154
קעניג, ג. — 52
קרייזער, יעקב — 105
„קרימער פּראָיעקט״ — 96
קרעמער, אַרקאַדי — 331

ראָגאָף, ה. — 28
„ראַזסוויעט״ — 157
ראָם, מיכאַיל — 263
ראַסעל, בערטראַנד — 58, 221 א. וו.
רודין, אלישע — 355
רוזוועלט, פֿראַנקלין ד. — 12, 17 א. וו.
רוזוועלט, עלינאָר — 14
רוזוועלט ט. — 19
רייזען, אַברהם — 41

שאַגאַל, מאַרק — 12
שאָו, בערנאַרד — 82
„שאלות ותשובות״ — 196
שוואַרץ, מאָריס — 12
שוואַרצמאַן, אשר — 55
שולן (סינאַגאָגעס) — 121 א. וו.
שיק, אַרטור — 12
שלום עליכם — 11, 55, 275, א. וו.
שמערוק, חנא — 245
שרת, משה — 390